STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03589

YOSEF ROLNIK

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ראָלניק

דער דיכטער און זיין ליד

בוך
46

יוסף ראָלניק

דער דיכטער און זיין ליד

(אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין שאַפן)

פאַרלאַג "יידבוך"

ביי דער

„געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"

בוענאָס-איירעס

1961

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by:
F. ROLNICK
2182 Barnes Ave. Bronx 62, N. Y.

Hecho el Depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de Julio de 1961 en los Talleres Gráficos "CULTURA", Sarmiento 2157, Buenos Aires,

---

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:
EDITORIAL "IDBUJ"
BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87 - 9566 — BUENOS AIRES

אינהאַלט:

פאָרוואָרט — 7

יוסף ראָלניק — געזאַנג און קלאַנג — 9

" " — נישט געהאַלטענע רעדע — 14

" " — וועגן נאַראָנים און נאַרישע מענטשן — 16

" " — יוסף ראָלניק ע"ה (עסיי) — 21

" " — שטים פון יידישן פּאָעט (פאַר דער רעקאָרדירטער אַנ־טאָלאָגיע) — 23

נ. ב. מינקאָוו — ראָלניק, איידער ער איז געוואָרן ראָלניק — 30

מנחם — דאָס אויסגעלייזטע ליד — 52

א. רייזען — לידער פון י. ראָלניק — 65

זישאַ לאַנדוי — פּערזענלעכעס — 68

ר. אייזלאַנד — מיין יוסף ראָלניק — 71

ה. גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — אַרום מיר — 75

ש. יאַנאָווסקי (ד. ב.) — לידער פון י. ראָלניק — 79

א. לעיעלעס — ליטעראַרישע נאָטיצן — 90

משה נאַדיר — אין אַ רעגנדיקן טאָג — 97

" " — אין אַ זוניקן טאָג — 100

בעל מחשבות — ליטעראַרישע שמועסן — 102

ש. ניגער — י. ראָלניק — 108

" " — געדאַנקען פון אַ לעזער — 125

" " — לייענענדיק לידער פון יוסף ראָלניק — 128

" " — י. ראָלניקס נייע לידער (1935) — 135

" " — יוסף ראָלניקס נייע לידער (1942) — 141

" " — יוסף ראָלניק וועגן זיך — 148

דר. א. מוקדוני — מיט זיך אַליין — 158

" " " — ביכער און שרייבער — 164

דר. א. מוקדוני — דער דיכטער מיטן אייביקן אַדרעס — — — — — 167
„ „ — דריי שטילע יובילאַרן — — — — — — — — — 173
„ „ — י. ראַלניק — דער זיבעציקער — — — — — — 176
ב. ריווקין (אבא ליליען) — אינקאָגניטאָ — — — — — — — — 182
„ — אַ פּאָעט און זעלבסט-היילער — — — — — — — — 187
„ — לידער מיקראָסקאָפּן — — — — — — — — — — 189
„ — פינף דורות יידישע פּאָעטן — — — — — — — — 197
נח שטיינבערג — אַ קריטישע אַנטאָלאָגיע — — — — — — — — 207
א. אַלמי — ראַלניקס שטערן — — — — — — — — — — — 229
יעקב גאָטליב — פון פאָלקס-טאָן צו סימבאָל און וויזיע — — — — — 233
ז. וויינפּער — יוסף ראַלניק — — — — — — — — — — — 338
שכנא עפּשטיין — דער דיכטער פון איינזאַמקייט — — — — — — 246
מלך ראַוויטש — דער באַשיידנסטער פון די פּאָעטן — — — — — — 250
י. קיסין — אַ נייע לידער-זאַמלונג פון אַ יידישן פּאָעט — — — — — 254
„ — יוסף ראַלניקס וועג אין דער יידישער דיכטונג — — — — 260
נ. ב. מינקאָוו — יוסף ראַלניק צו זיינע 40 יאָר ליטעראַריש שאַפן — 266
אפרים אויערבאַך — העלף גאָט זיך דערמאָנען דאָס דאָרפישע לשון 285
„ — דער דיכטער יוסף ראַלניק ווערט אַלט 70 יאָר 291
קלמן מרמר — יוסף ראַלניקס 40 יאָר פּאָעזיע — — — — — — — 294
שלום שטערן — פון אַ שטילער פּאַרטרוימטער וועלט — — — — — 300
מרדכי יאָפּע — יוסף ראַלניק — — — — — — — — — — — 306
מ. באַסין — זעלטענע לידער פון דער יידישער פּאָעזיע — — — — 314
שלמה ביקל — דער דיכטער יוסף ראַלניק — — — — — — — — 318
י. י. סיגאַל — יוסף ראַלניק — — — — — — — — — — — 325
יעקב גלאַטשטיין — יוסף ראַלניק — 70 יאָר אַלט — — — — — — 331
א. טאַבאַטשניק — יוסף ראַלניק — — — — — — — — — — 340
ל. שאַפּיראָ — עס קלאַפּט נאָך אַן אָדער — — — — — — — — 375
ע. פערשלייסער — יוסף ראַלניקס דיכטערישער וועג — — — — — — 377
איציק מאַנגער — דער ליטוואַק אין דער לאַנדשאַפט — — — — — 381
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — יוסף ראַלניק — — — — — — — — — 387
מאיר שטיקער — אויפן טויט פון יוסף ראַלניק (ליד) — — — — — 397
ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — — 399

פאָרוואָרט

איבער יוסף ראָלניקס שאַפונגען האָבן כמעט אַלע שרייבער פון זיין צייט געפירט עפנטלעכע וויכוחים. טייל פון זייערע אָפּהאַנדלונגען האָבן אים פאַרשאַפט פרייד מיט זייער וואַרעמקייט און דערמוטיקונג, נישט נאָר אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, נאָר אַפילו שפּעטער, ווען ער האָט שוין פאַרנומען אַ געזיכערט אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. אַנדערע האָבן אים פאַרשאַפט אַ סך עגמת-נפש. אָבער אַלע האָט ער זאָרגעוודיק אָפּגעהיט דורך די יאָרן און זיי געטראָגן אין זכרון, ווי ער אַליין דערציילט אין זיין שמועס מיט דעם דיכטער-קריטיקער א. טאַבאַטשניק, פאַר דער רעקאָרדירטער אַנטאָלאָגיע „די שטים פון יידישן פּאָעט״.

אַזוי האָט זיך ביי אונדז אָנגעזאַמלט אַ גרויסער אַרכיוו, וואָס שפּיגלט אָפּ נישט נאָר דעם שאַפונג-גאַנג פון איין דיכטער, נאָר די גאַנצע עפּאָכע פון אַ האַלבן יאָרהונדערט יידישער ליטעראַטור.

נאָך מיין מאַנס טויט איז אָט דער מאַטעריאַל איבערגעבליבן אין מיין רשות. איך האָב געפילט, אַז אַזאַ מאַטעריאַל לייגט אויף מיר אַרויף דאָס אחריות אים אויפצוהיטן.

דער אָפּקלייב נאָר פאַר איין בוך — פון נישט קיין געקירצטע אַרטיקלען — איז געווען שווער און דער עיקר דערפאַר, וואָס איך האָב געדאַרפט געפינען אַ מאָס וואָס פאַר אַן אַרבעט יאָ אַריינצונעמען און וואָס נישט אַריינצונעמען. צי די מאָס מיינע איז אַ גערעכטע, צי נישט, בין איך נישט בכוח צו משפטן. איך האָב אָבער אויסגעקליבן נישט די דורכאויס פּאָזיטיווע אָפּהאַנדלונגען, נאָר אויך די נעגאַטיווע.

געהאָלפן אין דעם האָט מיר די דיכטערין מינאַ באָרדאָ-ריוווקין מיט איר איבערגעגעבענער אַרבעט און גענויקייט. מיין האַרציקן דאַנק איר דערפאַר.

צו די אַרבעטן, וואָס זענען נישט אַריין אין בוך, ווי בכלל אַרבעטן וועגן ראַלניקן, גיט אונדז אַ שליסל דער היטער פון יידישן וואָרט, פריינט י. יעשורין אין זיין ביבליאָגראַפיע. אַ דאַנק אים פאַר זיין קאָאָפּעראַציע.

ראַלניקס אייגענע קורצע עסייען און באַמערקונגען, געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן, ווי אויך דער שמועס מיט א. טאַבאַטשניקן, באַלויכטן זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור, צו מענטשן און צו זאַכן. זיי שפּיגלען אויך אָפּ די עפּאָכע, וואָס אין איר האָט ראַלניק געלעבט. דער קורצער קאַפּיטל „געזאַנג און קלאַנג״, אַן אויסצוג פון זיין פּראָזע־בוך „זכרונות״, אַרויסגעגעבן אין 1954, גיט די סביבה פון זיינע קינדער־יאָרן.

כדי נישט איבערצורייסן די אַרטיקלען פון אַ מחבר, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען וועגן ראַלניקן אין פאַרשיידענע יאָרן, איז שווער געווען פינקטלעך אָפּצוהיטן דעם כראָנאָלאָגישן סדר. ווי ווייט מעגלעך גייען אָבער די אַרבעטן אַריין כראָנאָלאָגיש.

אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן מיט דער אַרבעט פון דעם דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער נ. ב. מינקאָוו: „ראַלניק, איידער ער איז געוואָרן ראַלניק״, פאַרעפנטלעכט נאָוועמבער, 1948, אָבער באַהאַנדלט ראַלניקס ערשטע לידער געדרוקט אין 1900־1901. די אָפּהאַנדלונג עפנט די קריטיק־אָפּטיילונג פון בוך. די לידער, וואָס נ. ב. מינקאָוו רעדט וועגן זיי האָט ראַלניק נישט אַריינגענומען אין קיין איינעם פון זיינע ביכער. זיי זענען געלעגן אין אַ קאָנווערט, באַהאַלטן אין אַ שופלאַד.

איידער ראַלניק האָט געדאַרפט אַוועקגיין אין שפּיטאָל (דעם 9טן יולי, 1955) האָט ער זיך פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער אויף אַ לענגערער צייט. שפּעטער האָב איך געפונען יענעם קאָנווערט מיט די לידער אויבנאויף און אויפן קאָנווערט איז געווען אָנגעשריבן מיט אַ ציטערדיקער האַנט:

„עטלעכע און צוואַנציק לידער געדרוקט אין „פּאָרווערטס״ אין 1900־1901. איך האָב געגלויבט אין אַלע שיינע פראַזן און הויכע ווערטער. איך בין אַלט געווען אַרום 22 יאָר. דער לשון איז דער זעלבער וואָס אַנדערע פּאָעטן האָבן געבריוכט.

יוסף ראַלניק״.

פייגל ראַלניק.

געזאַנג און קלאַנג

פון יוסף ראַלניק'ס בוך „זכרונות".

מיין טאַטע, מיין מאַמע, מיינע ברידער און שוועסטער, האָבן נישט געזונגען.

מיין מאַמע איז געווען אַן עלטערע, פאַרהאָרעוועטע יידענע, וואָס איז געקומען פון אַ נישט־ווייטן אָרעמען ישוב — זי האָט קיין מאָל נישט געזונגען.

איך געדענק נישט, אַז זי זאָל מיך פאַרוויגן מיט אַ ליד. אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווען נאָך אַ גאַנצן טאָג אָנלויפן זיך האָבן מיר אָנגעהויבן ברעכן די קני און בין געקומען צולויפן אין שטוב מיט אַ געוויין, האָט זי מיך אויסגעטאָן, אַריינגעלייגט אין בעט און אויסגעריבן די פיס מיט עסיק; אַ קוש געטון, אָבער געזונגען האָט זי דערביי נישט.

מיין טאַטע, אַ לימוואַק, האָט שבת ביים עסן קיין זמירות נישט געזונגען, קיין אשת־חיל נישט געזאָגט מיט אַ ניגון אין דער הויך. דאָס איינציקע וואָס ער האָט זיך פאַרגונען איז צו דאַוונען ביים עמוד אַ שבתדיקע קאַלטע מנחה, ווען די זון איז געשטאַנען ביים ברעג הימל.

מיינע שוועסטער האָבן אויך נישט געזונגען. אין די פרייטיק און שבת צונאַכטן, צווישן מנחה און מעריב, געדענק איך, זענען די שוועסטער זאַלבע־דריט, זאַלבע־פערט, (אונדזער גאַנצע געזינד איז באַשטאַנען פון דריי זין און פיר טעכטער) געזעסן אויף אַ ברייטער בעט און דערציילט זיך מעשיות וועגן זייערע ווייטע באַקאַנטע און אַפילו נישט־באַקאַנטע, ביי אונדז אין שטאָט אָדער אין אַנדערע נאָענטע שטעטלעך, מיט וועלכע מיר האָבן געהאַנדלט: ווער עס האָט חתונה געהאַט און מיט וועמען, איבערהויפּט וועגן די שיינע, רייכע מיידלעך, וואָס זענען געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. ווער עס איז געפאָרן קיין דרוזגעניק זיך היילן פון רומאַטעס און ווער עס איז געשטאָרבן יונג אין קימפּעט.

מיינע ברידער זענען געווען פאַרנומענע מענטשן און אין דער ליידיקער צייט האָבן זיי זיך אַרומגעקריגט מיט די שוועסטער.

עס האָט געדראַפּט זיין אַ שטילע און אומעטיקע שטוב.

און דאָך איז די שטוב און דער אַרום־שטוב געווען פול מיט געזאַנג און קלאַנג כמעט דעם גאַנצן מעת־לעת:

מיך האָט אויפגעוועקט אין דער פרי דער געקלאַנג פון ווילקעס, וואָס האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט אייזערנע טשוהונעס און ליימענע טעפּ אויף דעם פּריפּיטשאָק פון אויוון. דער פייער האָט געקנאַקט צוליב די נאַסע שייטלעך האָלץ, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרברענען.

דאָס הורזשען פון קאָכיקן הייסן וואַסער, וואָס מען האָט אַריינגעגאָסן אין צעבערס, אָנגעפילט מיט מעקענע פאַר די בהמות; מיין מאַמעס שטיל־טרויער־ריקער דאַוונען מיט דעם קרבן־מנחה אויף די הענט; מיין טאַטנס מעביר־זיין די סדרה אַרום דריי דעם זייגער שבת בייטאָג, אויפשטייענדיק פון נאָכן וואַרמעס־שלאָף.

אַמאָל אין אַ שבת, אין די סוף־זומערדיקע חדשים, זענען געקומען בחורים און מיידלעך פון אַ נאָענטן דאָרף, איז אַ חוץ דעם געקלאַנג פון מעסערס און לעפעלעך ביי די גרויסע אָנטאַנאָווער עפּל און ספּאָדקעס מיט איינגעמאַכץ, האָט זיך אָפט געהערט ווי פייגעלע, יונה דעם שמידס, זינגט אַ יידיש ליד.

אַ ישיבה־בחור וואָס איז געקומען איבערזיין ביי אונדז אַ פּסח אָדער אַ ימים־נוראים ביז אַ וואָך נאָך סוכות, האָט געזונגען חזנישע שטיקלעך און אַמאָל טאַקע אָפּגעדאַוונט אַ יום־טובדיקן מוסף מיט אַ קלינגענדיקן ניגון; און דאָס לייענען די הפטורה פון אַ יונגן יינגל מיט אַ דינינקן קולכל האָט זיך אויך אַמאָל געלאָזט הערן.

איך געדענק דאָס קלינגען פון זילבערנע מטבעות וואָס זענען געפאַלן אין טעצעלע, בעת די שכנים האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן חנוכה ביי אונדז אין שטוב צו שפּילן אין קאָרטן.

ווען מיין טאַטע און מאַמע זענען שוין נישט געווען און אַלע שוועסטער מיינע זענען שוין געווען אויסגעגעבן, פלעגט דער יינגסטער שוואָגער מיינער, נחמן, אַ וואויל־געלערנטער יונגערמאַן, שבת צווישן מנחה און מעריב שפּאַ־צירן איבער דער גרויסער שטוב איינער אַליין און זאָגן קאַפּיטלעך תהילים. עס איז געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן צו הערן זיין קלאָרע אויסשפּראַך מיט אַ קוים באַטאָנטן ניגון.

אלי דער קאַראַבעלניק, אַן אַלטער ייד אָן אַ סימן פון אַ באָרד, וואָס האָט געדראָטעוועט טעפּ אין די דערפער, פלעגט זיך אָפּשטעלן ביי אונדז אַ מאָל אויף אַ שבת. האָט ער צווישן קוגל און פליש, ווען מיר זענען צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, געזונגען פאַר אונדז פון די לאַנגע פּורים־לידער. (ער האָט אין

זיינע יונגע יאָרן געשפּילט „אחשורוש”). ער האָט געזונגען אין גראַמען לאַנג און כאַפּנדיק, און דאָך קיין מאָל נישט אויסגעזונגען אין גאַנצן.

א גאַנץ יאָר האָבן געזאַנג און קלאַנג אָנגעפּילט דעם אָרום.

א גאַנצן ווינטער — דער געקלאַפּ פון דער אַכט־זוואָניקער ראָד, וואָס האָט זיך געדראַכט, אַז זי גייט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, נישט רונדיק, נאָר ווי אַניקין דער הינקענדיקער מיט אַ שטעקן אין האַנט, גייט אויף דער שלעכט־ברוקירטער גאַס.

דאָס ריטמישע דערציילן פון די גויים זייערע מעשיות און געשיכטעס וועגן שדים און רוחות.

און אין די שטאַרק פּראָסטיקע נעכט איז דאָס וואַסער אין טייך געוואָרן אַזוי נידעריק, אַז די מיל האָט זיך אָפּגעשטעלט, קיין נייע זאַוואָזשניקעס זענען נישט געקומען אין מיל אַריין און די מעלער זענען זיך צעפאָרן אַהיים, האָט די מיל געשוויגן מיט אַ פּחד'דיקן קלאַנג. אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט האָב איך געהערט ווי די מיל שווייגט.

און אין די פּסחדיקע טעג דאָס הילכיק געקראַך פון דעם אייזערנעם רעדל אין דער לאַנגער שורה נים אויף דער פּאַדלאָגע לעבן דער געשאַליעוועטער טיר.

* * *

אָבער די קלאַנגען און אויבער־קלאַנגען זענען מער אַרום מיל, אין דרויסן.

שטענדיק האָט מען געבויט אין מיל און אַרום מיל. עס ליגן אויף דעם גרינעם גראָז ביים טייך שורותווייז קלעצער און ברעטער. עס הערט זיך ווי די העק טיעסן די קלעצער; טוען זיי אוים פון זייערע קליידער און פון טיף־ברוין ווערן זיי ווייס, ווי נאַקעטע לייבער.

מען זעגט. די קלאָץ ליגט אויף הויכע געשטעלן, די זעגער שטייען איינער אונטער דער קלאָץ און דער אַנדערער שטייט אויף דער קלאָץ אין דער הויך. אין בויך פון קלאָץ שטעקט אַ לאַנגע, שווערע זעג. די זעגערס ציען די זעג אַרויף און אַראָפּ און בעת די זעג גייט אַראָפּ שניידט זי זיך איין מיט אַ־פּעט און הייזעריקן געשריי אין פליש פון קלאָץ און בייסט אָפּ קליינע שטיקעלעך זעגעכץ פון דעם האַלץ. די ברעקלעך, ווי דער שטויב, שיטן זיך אויף דעם גרינעם גראָז. עס הערט זיך דאָס הילכיקע קלאַפּן פון טשוועקעס אין האַלץ.

דערביי רוישט דאָס וואַסער וואָס שטראָמט אַרויס פון פּאַדערניע און פאַלט אַרונטער אין טייך.

עס הערט זיך דאָס געקלאַפּערײַ פון אַ ליידיקן וואָגן, וואָס פאָרט אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ; די ברעטער, די אויסבעטעכץ פון וואָגן, שפּרינגען אין דער לופטן ווי די גרינגע ברעטער אין דעם שיטערן פּאַמאָסט פון בריק.

פון דער אָפענער מיל הערט זיך דאָס זילבער־געקלאַנג פון קליעווצעס, וואָס פּיקן די מילשטיינער. דער פאַרטויבנדיקער טומל, וואָס די שעטראַק־זיפּ מאַכט. דאָס שטילע, אַלטע דרייען זיך פון די פּאָר וואַלצן, בעת זיי צע־קוועטשן צווישן זייערע דינע ציינדלעך די אַראָפּגעפאַלענע אויף זיי קערנער ווייץ אָדער קאָרן.

דער דינער, זינגענדיקער קלאַנג בעת די גויים שאַרפן זייערע קאָסעס איידער זיי הייבן אָן שניידן דעם היי. די אונטערגעהאַקטע, שטילע געזאַנגען פון די קאָסעס און פון די שיקסעס וואָס קערן איבער דעם היי צום טריקענען.

עס שטייען פורן אַרום דער מיל מיט גרויסע, אויסגעשפּאַנטע שלאָכעצקע פערד און איינער אַ יונג זערעבעטשיקל זייגט פון דער מאַמעס ברוסט. פון צייט צו צייט גיט ער אַ דריי דעם קאָפּ און דאָס הענגענדיקע גלעקל אויף זיין האַלדז גיט אַ פאַרפּיעשטשעטן קלונג. פלוצלינג גייט עמיצער פאַרביי, דער זערעבעטשיקל דערשרעקט זיך און אַנטלויפט מיט אַן איבערגעשראָקענעם גלעקל־געקלאַנג.

פון פעלד גייען שיקסעס און גויים מיט די סערפּעס אויף די אַקסלען און זינגען הויך ווייסרוסישע פאָלקסלידער.

אַ הייסער זומערדיקער פאַרנאַכט. מענטשן שפּרינגען פון הויכן ברעג אין וואַסער אַריין מיט אַ פּליוך און גערויש.

עס איז שפּעטער פאַרנאַכט. מיר, שטוביקע, זיצן אויף דער הילצערנער באַנק לעבן שטוב אָדער אויף דער ערדענער פּריזבע. מיט אַמאָל דערהערט זיך קוים אַ געזאַנג, וואָס קומט פון דאָרף און וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ נאָענטער און העכער. דאָס פאָרן יונגע שקצים און שיקסעס אויף נאַכט־פּאַשע צום פּאַסטערניק. זיי רייטן אויף די פערד. די שיקסעס מיט די ספּאָדניצעס צו־נויפגענומען אונטער זיך, זיצן מיט די ברייטע געזעסן ווי מענער אויף זאָטלען.

אין מיטן ווינטער שטעלט מען אויף אַ צלם פון אייז אויפן טייך לעבן אונדזער שטוב און אַז דער גלח מיט די אַרויסהעלפערס קומען פּראַווען זייער הייליקע עבודה הערן מיר זייער געזאַנג. אין דער וויינאַכט קומען קליינע שקצימלעך זינגען ביי אונדז אונטערן פענצטער פרומע לידער, און מיר גייען אַרויס און גיבן זיי קליינגעלט.

דריי טעג פאַר פּסח נעמט מען ראַמען די הויז פון פאַרוואַלגערטן חמץ. מען טראָגט אַרויס אין דרויסן די ספרים און מען צעלייגט זיי אויף לאַנגע בענק. דער ווינט הויבט די בלעטער מיט אַ מילדן גערויש. מען טראָגט אַרויס אין דרויסן די טישן און די בעטן. אויף אַ שמאָלן דורכגאַנג קלאַפּט זיך אָפּ אַ טיש אָן אַ בעט מיט אַ פריילעכן געקלאַנג — זיי גייען אויף דער זוניקער פרישער לופט.

א פּאָר וואָכן נאָך פּסח טרייבט מען געהילץ מיטן טייך. פרעמדע גויים שטייען מיט פאַרקאַשערטע הויזן אויף די קלעצער אין וואַסער און רופן זיך איבער פון איין ברעג טייך צום צווייטן. זיי לאָזן דורך א שמאָלן שליוז די לאַנגע קלעצער און די קורצע שפּאָלן און די קלעצער שפּרינגען פון דעם הויכן וואַסער־וואַל אין טיפן אָפּגרונט מיט א שרעק־געשריי. זיי קומען אָבער באַלד ווידער אַרויס מיט אויפגעהויבענע קעפּ און שווימען ווידער אַוועק רואיק אויף גאָטס באַראָט.

* * *

עס האָט געדאַרפט זיין א שטילע און אומעטיקע שטוב און דאָך איז די שטוב און דער אַרום־שטוב געווען פול מיט קלאַנג און געזאַנג, אַזוי כמעט דאָס גאַנצע יאָר.

אַ נישט־געהאַלטענע רעדע

געשריבן פאַרן אָוונט פון דער „לואיס לאַמעד־פּרעמיע",
דעם 17־טן דעצעמבער, 1949.

(צום יאָרצייט פונעם דיכטער)

איך וואָלט געוואָלט אָפּוואַרפן פון זיך — פון איין זייט דעם נישט־פאַרדינטן שבח פאַר מיין עקשנות און אויסגעהאַלטנקייט נישט מיטגעריסן צו ווערן פון דער ברויזנדיקער צייט און פון דעם צייט־ליד. און, פון דער צווייטער זייט, דעם אויך נישט־פאַרדינטן פאָרוואורף, אַז „איך בין געגאַנגען פּאַזע ים און די פיס נישט פאַרנעצט".

עס איז נישט געווען קיין גרינגשעצונג צו דעם גרויסן ליד, וואָס האָט זיך אַריינגעגעבן מיט די ציינער אין ראָד פון דער צייט און נישט קיין בכיוונדיקער אַנטלויפן פון אים.

אַלס מענטש און ייד זענען מיר די אַלע געשעענישן שטאַרק אָנגעגאַנגען, אָבער פּאָעטיש, שאַפעריש האָבן זיי נישט אַרויסגעבראַכט אויף מיינע ליפּן יענע ערשטע שורה, וואָס איז די אָנזאָגערין פון דעם קומענדיקן ליד, די ערשטע שוואַלב, וואָס ברענגט דעם זומער.

אַנדערע פּאָעטן, די יינגערע חברים מיינע, האָבן מיט זייער טעמפּעראַמענטפול ליד באַשאַפן די גרויסע יידישע פּאָעזיע.

אַלע לויב צו זיי.

פאַר מיינע אויגן שטייט אַ קליינער ישוב פון עטלעכע הייזער, צוויי שטראַלנדיקע טייכן, אַ לאַנגע גרעבליע מיט עטלעכע צעפאַרענע בריקלעך און אַ ווינטערדיקער בלויער פרימאָרגן, מיט צענדליקער ווייסע רויכן, וואָס גייען־אויף פון הילצערנע קוימענס אין נאָענטן דאָרף.

מיין היים, איך קען דיך אַנדערש נישט זען
נאָר אין שיין פון זון אָדער שטערן;
וויפל וואָלקנס עס זאָלן איבער דיר נישט גיין
וועסטו אַנדערש פאַר מיר נישט ווערן.

אָט די דאָרף־פּייזאַזשן קומען מיר אַנטקעגן סיי ביי־טאָג און סיי ביי־נאַכט. זיי קומען מיר אַנטקעגן ממש. איך דאַרף זיך נישט דערמאָנען אָן זיי, ווי מען דערמאָנט זיך אָן אַ שיינער לאַנדשאַפט, וואָס מען איז אַמאָל פאַרבייגעפאָרן, זיי שטייען פאַר די אויגן.

איך נעם אַרום מיט מיינע הענט
די מיל, די שטוב מיט אַלע ווענט.

ווי גרויס עס איז די גרעבליעס צאָל
איך צייל זיי איבער אויף איין מאָל.

און מיל־שטיין, וואַסער־ראָד און וואַל,
און אונטערן ראָד דער וואַסער־פאַל,

און הילך אויף ברעטער פון פערדס טריט —
ווי נאָענט זיי זענען פאַר מיין געמיט.

אָבער כאָטש מיין ליד איז אָן אַ זייט פון דעם דרך־המלך, ווייס איך, אַז איך בין פאָרט נישט איינער אַליין. איך בין געגאַנגען מיט דעם וועג, וואָס אַ סך פריערדיקע און גרעסערע פּאָעטן פון מיר, ביי אַלע פעלקער און אין אַלע שפּראַכן, זענען געגאַנגען און דער וועג האָט זיי נישט פאַרשעמט.

און זאָלן קומען כל חכמי מזרח ומערב און אפילו משה רבינו אַליין און וועלן אַוועקנעמען איין שנייעלע פון מיינע ווינטערס אָדער איין הייעלע פון מיינע סענאָזשענצן — וועל איך נישט געבן.

(„צוקונפט", סעפּטעמבער 1956).

ווען נאַראָנים און נאַרישע מענטשן

עס איז פאַראַן אַ נאַר און אַ נאַרישער מענטש. דער ערשטער קאָן קיין צוויי ווערטער גלאַט און ווי געהעריק נישט אויסריידן, און וואָס ער זאָגט איז אַ ביסל אומגעלומפּערט און נישט אויפן ריכטיקן אָרט, ווי איינער וואָס וויל בויען אַ הויז און עס פאַלן ביי אים די ציגל פון די הענט.

דער צווייטער, דער נאַרישער מענטש, רעדט גלאַט. מענטשן הערן זיך צו, מיט הנאה אפילו, אָבער אַרום און אַרום איז ער אַ נאַרישער מענטש, וואָס ער האָט געזאָגט און געטון איז — נאַרישקייט.

דער ערשטער רעדט נאַריש קלוגע זאַכן, דער צווייטער קאָן קלוג און גלאַט רעדן נאַרישע זאַכן. דער ערשטער שטעלט ווי עס איז אויף זיין הויז מיט מאַ־טערניש; ביי דעם צווייטן פאַלן־איין די פאַרטיקע ווענט.

צווייערליי שרייבער נאַראָנים

דער ערשטער מין נאַר לייגט אַריין זיין נאַרישקייט אין זיין ווערק, זיין ליד. בעת איר לייענט עס הערט איר אים דעקלאַמירנדיק. איר שפּירט דעם ווידער־טעם פון זיין שטימע, פון זיין פּערזענלעכקייט און אייך ווערט דערווידער.

אַ צווייטער מין נאַר, דער נאַרישער מענטש־שרייבער, טיילט אָפּ זיין שרייבן פון זיך אַליין. דער שרייבער איז אַ נאַר, דאָס ליד אָבער — נישט. ער האָט עס באַשאַפן, און איבערגעשניטן דעם פּאָדעם, געלאָזט דאָס ליד פליען און עס פליט און זינגט.

* * *

געווען פּאָעטן וואָס ס׳איז זיי באַשערט געווען צו זיין נאַר ליריקער, קליין־מענטשלעכע דיכטער און קיינער וואַרפט זיי דאָס נישט פאָר — פאַרקערט — עס ווערט אָנערקענט פאַר גרויסן מוט, געהויבנקייט און איבערהויפּט עכטקייט.

* * *

אונדזערע לידער זענען געוואָרן ווי מאַרק־לוזשעס, וואָס מוזן אָפּשפּיגלען

אַלץ וואָס ס׳געפינט זיך אין מאַרק. אָבער זיי שפיגלען אָפּ פאַרקערט. די הייזער שטייען דאָרט מיט די דעכער אַראָפּ און די פערד און וועגענער מיט די פיס און רעדער אַרויף.

*   *   *

וויפל מיר זאָלן זיך נישט וועלן אַרויסדרינגען פון זיין און ווי אַבסטראַקט מיר זאָלן זיך נישט מאַטערן טראַכטן, וועלן מיר פאָרט נישט קאָנען אַריינדרינגען אין נישט־זיין און מיר זעען זיך זיצן נאָכן טויט הויך אין הימל ווי אויף אַ בוידעם און קוקן אַרונטער דורך אַ קליין פענצטערל אויף דער וועלט.

*   *   *

עס הויבן מיר אָן געפעלן די צעקנייטשטע פנימער פון אַלטע מענטשן, שרייבער און קינסטלער. איך האָב דערפילט אַ קרובהשאַפט צו זיי, אַ משפחה אָדער גורל־צוגעבונדנקייט, איך ווייס נישט ווי דאָס אָנצורופן. עס איז פאַראַן אין די פנימער אי די ניין הונדערט און ניינציק בלעטער פון איבערלעבונג און אי דער טויזנטסטער בלאַט פון סוף.

*   *   *

מיין ליבשאַפט און יראת־הכבוד פאַר שרייבער און דיכטער, איז נישט נאָר צום בוך, צום אינהאַלט פון בוך, צו דעם וואָס ס׳איז אָנגעשריבן, נאָר אויך צום שרייבער, פאַר זיין טראַכטן, איבערלעבן און געדענקען; פאַר זיין דער קעסל, וואו עס קאָכן זיך שטענדיק און אויב אַפילו נישט שטענדיק נאָר געוויסע שעהן אָדער מינוטן, געקאָכט אַט די אַלע געפילן און איבערלעבונגען.

*   *   *

דער קלוגער מיטן נאַר האָבן געדאַרפט אַריבערגיין אַ שמאָל טייכל. איז דער נאַר אומגעפאַלן אין וואַסער און דער קלוגער האָט אים געמאַכט פאַר זיין קלאָדקע און איז איבער אים אַריבערגעגאַנגען דעם וואַסער.

פ ו ש ק י ן

פושקין, ווען ער איז געווען יונג, כמעט אַ ייִנגל, האָט געשריבן לידער פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, אַ סימן פון קולטור. אָבער, אַז ער איז רייף געוואָרן, האָט ער געשריבן „יעווגעני אָניעגין״, אַ פּשוטע, קליינבירגערלעכע דערציילונג אין גראַמען. פונדעסטוועגן קוקט זיך קיינער נישט אום אויף זיינע ליצײ־לידער און אומשטערבלעך האָט אים געמאַכט „יעווגעני אָניעגין״.

וועגן היינען

היינע האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אין זיין העכסטער רייפקייט, געשריבן לידער צו זיין ווייב וועגן גאָר שטובּיקע זאַכן און וואָכעדיקע ענינים, — טיף־פּערזענלעכע פּערזן.

אַ מאָדנע זאַך מיט היינען. ווער עס זאָל נישט שרייבן און וואָס מ'זאָל נישט שרייבן וועגן היינען, איז רירנדיק און ברענגט אַריין אין דעם גרעסטן עקסטאַז. ער באַוועגט דאָס האַרץ און פאַרגיסט די אויגן מיט אַנטציקונג־טרערן.

אַפילו דער טאַלאַנטלאָזער, באַנאַלסטער מענטש ווערט דערהויבן, גייסט־רייך, ווען ער רירט זיך צו צום מענטש: היינע.

אַ מענטש קאָן אַפּשרייבן 30 יאָר און בלייבן נישט באַמערקט און פּלוצים טויכט ער אויף מיט אַ קליינער אַרבעט וועגן היינען און בלייבט אין דער געשיכטע ווי אַ שרייבער.

וועגן יעסענינען

איך לייען איצט דאָס בוך, וואָס 13 שרייבער — יעוועסענינס פריינט, האָבן אַרויסגעגעבן דערציילנדיק וועגן זייערע באַגעגענישן מיט אים. און איך פיל זיך ווי אין אַ מקום־קדוש. דאָרט —אין דעם בוך— ווערט גאָרנישט פאַרהוילן וועגן אים, וועגן זיינע סקאַנדאַלן, וואָס ער האָט אָפּט געמאַכט צווישן פריינט, גראָבקייטן און פויערישע ביטערקייטן. און דאָך, ווען איך לייען אַ ציטירטן פערז אָדער בלויז אַ שורה זיינע, רייסט זיך ביי מיר אַרויס פון דער טיפעניש פון האַרצן: הייליק!

זיין אויפנעמען די נאַטור, גאָט — איז נישט פון אַ פּאָעט — נאָר פון אַ הייליקן. ער איז נישט מענטשלעך. מענטשלעך איז היינע, סאָלאָגוב. יעוועסענין איז אַ פּאָעטישער עקסטראַקט. ווען מ'זאָל מיט יעוועסענינס אַ ליד אַנטרינקען טויזנט וואָכעדיקע מענטשן, וואָלטן זיי געוואָרן פּאָעטן.

יעוועסענינס אויפנעמען די נאַטור — אפשר מלאָכים אָדער חיות זעען אַזוי די זון, די בערג, די טייכן און די ביימער.

סאָלאָגוב

סאָלאָגוב שרייבט פאַר אונדז, פאַר דער וועלט. ער שרייבט פאַר זיך. ער מאַכט שיינע פערזן מיט קלינגענדיקע גראַמען, ווייל עס ווילט זיך אים שפּילן, זינגען, אָבער נישט ווי אַ יונגערמאַן זינגט, נאָר ווי אַן אַלטער, צעבראָכענער,

פאראייגזאמטער מענטש זינגט ביי זיך אין א קאלטן בוידעם־שטיבל. ער ווייס, אז זיין שטימע איז געבראכן, זיינע ציין זענען פארשוואונדן, זיינע קני ציטערן, זיין פנים איז פארמעט. אבער ער זינגט שטיל פאר זיך. אים ארט נישט ווי ער זינגט און פון וואס ער זינגט. עס ארט אים נישט, אויב ער זינגט איבער א פרעמדן מאטיוו, א פרעמד ליד, ווייל ער זינגט דאך נישט כדי מ׳זאל אים הערן, ער זינגט פאר זיך און פאר זיך אליין מאכט נישט אויס מיינע צי יענעמס.

זענען דען נישט אלע לידער איין ליד? — אונטערגאנג? זענען נישט אלע טעג און אלע נעכט, אין אלע צייטן פון יאר — איין צייט — די צייט פון וועלקן און פארגיין?

ער מאכט זיין חשבון־הנפש. ער זאגט זיין ווידוי נישט פאר קיין גלח, נישט פאר גאט, נישט פאר זיין געוויסן אפילו.

עס קאן זיין, אז דערפאר וואס איך בין ווייניק ארומגעפארן, מיט ווייניק מענטשן זיך באגעגנט, מיט נאך ווייניקער פארבראכט חבריש, באהאלטן אין זיך דאס, וואס איך האב געוואלט זאגן, אז דערפאר, איז דאס ביסל וואס איך האב יא געזען, ליגט אין מיין קערבעלע פון אויבן־אויף און נישט נאר ליגט עס פון אויבן־אויף, נאר עס הייבט דאס דעקל און וויל ארויסטאנצן אויף דער פריי.

* * *

איך האב געהערט ביי א צוזאמענקום אין קאמאדאר־האטעל, ווי דער פאעט ר. האט געזאגט צו עמיצן: „און איך לייען יעדן פארן־שלאף א קאפיטל תנ״ך״.

איך האב אים געוואלט זאגן: „און איך צייל איבער יעדן פארן־שלאף דעם האלב צענדליק צעפארענע בריקלעך פאר מיין מיל״. עס איז פונקט אזוי וויכטיק און זיי זענען פונקט אזוי הייליק ווי א קאפיטל תהילים. עס ווענדט זיך ווי מען ציילט זיי און ווי מ׳דערמאנט זיי.

* * *

אויף דער ייווא־קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין ניו־יארק, האט מען געלייענט אן עסיי פון דעם אומגעקומענעם ז. קאלמאנאוויטש, וועגן י. ל. פרץ, וועגן דעם שאפן פון א יידישן שרייבער.

לויט קאלמאנאוויטשן קומט אויס, אז פרץ זאל אים האבן געזאגט, אז א יידישער שרייבער דארף שרייבן „תכלית״, נישט ווי די גויים לשם נוי אליין; אין יידישן שרייבן דארף זיין נבואה, א דראנג פאר צדק און יושר; נישט א פארוויילונג פארן לייענער און נישט צו געבן אים א ביסל עסטעטישן פארגעניגן.

איך הער די ווערטער אלע טאג און איך קאן עס נישט פארשטיין. פארוואס

זאָלן מיר יידן נישט טאָרן שרייבן לידער און ראָמאַנען צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן בלויז. פאַרוואָס קויפן מיר קונסט־בילדער און צאָלן הויכע פּרייזן, אויב נישט פון פאַרגעניגן־וועגן? פאַרוואָס בויען מיר שיינע הייזער, אויב נישט צו זע־טיקן אונדזער אויג? פאַרוואָס קליידן מיר זיך ווי די גויים, גייען צו קאָנצערטן און לייענען זייערע ביכער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן לשם נוי, צוליבן פאַרגעניגן־וועגן אַליין?

*   *   *

דאָס אַרטיקל, וואָס לייענט זיך איצט ווי דעם דיכטערס גייסטיקע צוואה, האָט יוסף ראַלניק נאָך באַוויזן אַליין צו קאָרעגירן.

יוסף ראַלניק האָט מיט זעלטענער רואיקייט זיך געגרייט צו זיין לעצטן וועג. ביים איבערגעבן אונדז די קאָרעקטור-בויגנס, האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער וואָלט גערן ווערן עס זען אָפּגעדרוקט איידער ער שטאַרבט. דאָס איז, צום באַדויערן, נישט באַשערט געוועזן, אָבער ווי אַ שטים פון יענער וועלט, באַקומען איצט זיינע דערפאַ־רונגען און אָבסערוואַציעס מער וואָג און קראַפט. ווי סימבאָליש פאַר אַן אָפּגעשלאָ־סענעם קרייז, איז אויך דער פאַקט, וואָס זיין לעצט געשריבן וואָרט ווערט געדרוקט אין דער פ.א.ש., וואָס האָט אים ביי זיינע ערשטע אָנהייבן ברייט געעפנט אירע שפאַלטן.

אינאיינעם מיט דער גאַנצער יידישער קולטור-וועלט טרויערן מיר אויפן טויט פונעם ליריש שטילן דיכטער יוסף ראַלניק.

די רעדאַקציע

(פ. א. ש., פרייטיק, 26-טן אויגוסט, 1955).

יוסף ראָלניק ע״ה

(עסיי צו זיין ערשטן יאָרצייט)

דעם 18טן ד. ח. פאַלט אוים דער ערשטער יאָרצייט נאָך יוסף ראָלניק.

די פ.א.ש. וועט תמיד גדעדנקען דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער, וואו ער איז במשך זיין גאַנצער דיכטערישער קאַריערע געווען און פאַרבליבן אירער אַ בן בית און איינער פון אירע אינטימסטע פריינט.

די ווייטערדיקע נאָטיץ, אַ בלעטל פונעם דיכטערס נישט פאַרעפנטלעכ־טע כתבים, האָט אונדז איבערגעגעבן די אלמנה פונעם פאַרשטאָרבענעם, פייגל ראָלניק.

פונקט ווי אַ צאָל ראָלניקס פאַרצייכענונגען און מעדיטאַציעס, וואָס מיר האָבן געדרוקט פאַראַיאָרן קורץ נאָכן דיכטערס אַוועקגיין. איז אויך די ווייטערדיקע נאָטיץ אין אַ געווסן זין אַ טייל פון יוסף ראָלניקס דיכ־טערישער צוואה, דער דיכטער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין באַשיידנקייט און שטילקייט, לאָזט אונדז אויך מיט דער נאָטיץ שטיין בלייבן שטיל, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, אין אָנבליק פון זיין מוטיקער זעלבסט־קריטיק און זעלבסט־באַוואוסטער ווירדע צו גלייכער צייט.

די רעדאַקציע

* * *

עס קומען מיר אָפּט מאָל אַנטקעגן קליינע עסייען און דערינערונגען, וואָס איך וואָלט זיי אָנגעשריבן אין פּראָזע, אָבער איך פאַרטרייב זיי פון זיך, ווי אַ מיידל וואָס פאַרטרייבט פון זיך אַלע אין הויז־אַריינקומענדיקע בחורים, וואָרטנ־דיק אויף איר פאַרוואָגלטן געליבטן. און אָפּט מאָל, זייער אָפּט, דערוואַרט זי זיך נישט אויף אים.

איך ווייס, די מבינים, די שאַצערס, האַלטן קיין סך נישט פון מיר. עס זענען פאַראַן אַ היפּש ביסל חסרונות אין מיינע לידער. אַ פּיפּיקער קריטיקער קאָן פון זיין מאַכן אַ תל. ער וועט שוין געפינען אַ גאַנצן שולחן־ערוך מיט דינים, וועלכע איך בין נישט נאָכגעקומען. ער קאָן אויפשטעלן אַזעלכע הויכע צאַמען, וועלכע איך בין נ י ש ט אַריבערגעקראָכן און טיפע, ברייטע גראָבנס

איבער וועלכע איך בין נישט אריבערגעשפרונגען. אָבער טיף ביי זיך פיל איך און ווייס, אַז מיין בוך לידער איז זייער אַ וויכטיקער, אַן אמתדיקער. איך בין געגאַנגען מיט דעם זעלביקן וועג, וואָס אַלע אמתע לירישער זענען געגאַנגען.

עס קאָן זיין, אַז איך בין געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס און זיי זענען געווען געקליידט אין סאַמעט און אין זיידנס; איך בין געגאַנגען באָרוועס, ווען זיי האָבן געטראָגן גאָלדענע שיכלעך אויף די פיס. אָבער איך בין געגאַנגען אויף דעם זעלביקן וועג וואָס זיי און בין געקומען צום זעלביקן פּאַלאַץ וואָס זיי.

עס קאָן זיין, אַז מען וועט מיר דאָרטן נישט אויפנעמען מיט קיין גרויסן כבוד; נישט געבן מיר קיין שטול ביים הויפּט־טיש; נישט אויסרופן מיין נאָמען ביים אַריינקומען, אָבער אַרויסטרייבן וועט מען מיך פון דאָרטן נישט קאָנען. און אויף איינעם פון די שטולן, ביי איינעם פון די טישן, וועט זיין איינגעקריצט, כאָטש אפשר נישט גאָלדיק, דער נאָמען — יוסף ראָלניק.

(„פרייע אַרבעטער שטימע”, פרייטיק, 10 אויגוסט 1956).

רעקאָרדירטע אַנטאָלאָגיע פון א. טאַבאַטשניק:

„די שטימע פון יידישן פּאָעט"

ראָלניק (לייענט לידער).

ראָלניק: מיט דעם ליד: „איך נעם ארום" ווי איך פאַרענדיק די רעקאָר־דירונג פון מיינע לידער פאַר טאַבאַטשניקס אַנטאָלאָגיע „די שטימע פון יידישן פּאָעט" און אין איין וועגס וויל איך פאַרענדיקן מיין קורצע קאַריערע אלס פאַרלייענער.

טאַבאַטשניק: און איצט מיין ליבער ראָלניק, אַז איר האָט פאַרענדיקט די רעקאָרדירונג פון אייערע לידער פאַר דער אַנטאָלאָגיע „די שטימע פון יידישן פּאָעט", וואָלט איר אפשר געוואָלט עפּעס זאָגן וואָס איז שייך צו אייער אני־מאמין אַלס א דיכטער?

ראָלניק: ליבער טאַבאַטשניק, מען וואַרפט מיר אויף, אַז איך לעב נישט מיט דער גרויסער און שטורמישער צייט. אָבער די גרויסע און שטורמישע צייט: מלחמות, מגפות, רעוואָלוציעס, קריגשיפן און באָמבעס? דאָס זענען דאָך זאַכן, וואָס שטייען מחוץ דעם מענטשן. אַז מען שרייבט אונ־טער דעם שלום, איז די מלחמה פאַרווישט; אַז די מגפה שטעלט זיך אָפּ, פאַרשרייבט מען זי אין לוח און מ׳פאַרגעסט אָן איר. נאָך דער גרעסטער רעוואָלוציע ווערט דעם מענטשנס לעבן נאָך אַלץ אויסגעפילט מיט ליבע און קנאה, מיט פעריזענלעכן האָס און פריינטשאַפט, מיט געפילן פון בענק־שאַפט, אָרעמקייט און שרעק פאַרן טויט. פּושקין, ווען ער איז געווען יונג, כמעט א ייִנגל, האָט געשריבן לידער פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, אָ סימן פון קולטור. אָבער אַז ער איז רייף געוואָרן האָט ער געשריבן „יעוו־געני אָניעגין", א פּראָסטע, קליינבירגערלעכע דערציילונג אין גראַמען. פונ־דעסטוועגן קוקט זיך קיינער נישט אום אויף זיינע ליציי־לידער און אומ־שטערבלעך האָט אים געמאַכט „יעווגעני אָניעגין". היינע האָט אין די

לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אין זיין העכסטער רייפקייט, געשריבן לידער צו זיין ווייב און וועגן גאָר שטוביקע זאַכן און וואָכעדיקע ענינים — טיף־פּערזענלעכע פּערזן. די אַלע אידייען און טיפע געדאַנקען, וואָס איר געפינט אַפילו אין די בעסטע לידער, איז ווען איר זאָלט פון זיי אויסטאָן די פּאָעטישע אָנקליידונג, זענען זיי אַליין פאַר זיך קיין פולע נישט ווערט. אַ געוויינלעכער פּובליציסט קאָן אַרויסזאָגן אויף איין צייטונג־שפּאַלט מער אידייען און מיט מער חכמה, ווי צען ביכער פּאָעזיע. דעם ווערט פון ליד מאַכט דאָס ליד, די שטימונג, דער פיינער אויסדרוק, דער מענטשלעכער נישט־חכמה־דיקער זייט אירער — מאַכט דאָס ליד. די גרעסטע לירישע פּאָעטן (איך נעם זיך נישט אַריין אין זייער צאָל) האָבן גענומען זייערע טעמעס אָדער זענען באַווירקט געוואָרן פון די אַלטעגלעכע קליינע געשעענישן אַרום זיי: אַ פייגעלע זינגט אין פרימאָרגן — ביים פּאָעט ווערט דערפון אַ ליד; אַ ווערימל פּויזעט אין זאַמד — אַ ליד; זיך צעקריגט מיט אַ חבר — אַ ניי ליד. אַ לירישער פּאָעט דאַרף נישט קיין מלחמות און קיין וועלט־איבערקערענישן פאַר זיינע טעמעס. פאַרקערט, ער אַנטלויפט פון זיי. דאָס איז נישט די מוזיק, וואָס זיין אויער וויל הערן. ער גייט אוועק צו זיך אין צימער און קוקט אויף דעם שפּינוועבס, דער סקריפּ פון אַ שלעכט־צוגעמאַכטן לאָדן מאַכט אים שרייבן אַ לאַנגע פּאָעמע. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּאָעט דערציילט נישט דעם לייענער, אַז דער סקריפּ פון דעם לאָדן האָט אים אָנגערעגט צו שרייבן די פּאָעמע און דער לייענער מיינט טאַקע, אַז דער פּאָעט האָט גערעדט מיט מלאָכים און מיט גאָט ברוך־הוא אַליין. אָבער אין דער אמתן קומען פאַר אַרום דעם שרייבער גאַנץ פּשוטע קליינע זאַכן. דער גאָר ווערט אויסגעגאָסן פון אַ הילצערנעם פורעם. דער הילצערנער פורעם ווערט פאַרברענט און פאַרגעסן, עס בלייבט אָבער דער גאָר, מיט וועלכן מיר שפּילן זיך, ער שפּרינגט און מאַכט פריילעך אָדער ציטערן אונדזער האַרץ.

טאַבאַטשניק: אַ דאַנק אייך ראָלניק. און איצט מיט אייער דערלויבעניש וועל איך אייך פרעגן אַ פּאָר פראַגן וואָס זענען שייך צו אייער שאַפן. איר, ראָלניק, רעדט שטענדיק וועגן זיך אַליין ווי נישט קיין אידייען־דיכטער, וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

ראָלניק: איך מיין דערמיט צו זאָגן, אַז ביי מיר איז דער ציל פון מיין ליד טאַקע דאָס ליד אַליין, דאָס פּשוטע אַליין־פון־זיך קומענדיקע, נישט צוגעטראַכטע בילד, דאָס בילד וואָס איז נאָענט צו דער איבערלעבונג און געבראַכט פון דער זעלביקער סביבה.

טאַבאַטשניק: ווי איך פאַרשטיי, ראַלניק, האַלט איר זיך פאַר אַ דיכטער, וואָס פאַרלאָזט זיך מער אויף דער מוזע ווי אויף זיין באַוואוסטזיניקן ווילן צו שאַפן אַ ליד. איז וואָס דינט אייך, אַזוי צו זאָגן, פאַר דעם אָנרעג אָדער דעם אָנזאָג, אַז איר גייט שרייבן אַ ליד?

ראַלניק: איך האַלט זיך פאַר איינעם פון יענע דיכטער, וואָס ווייסן קיין מאָל נישט מיט פינף מינוט פריער, וואָס זיי וועלן אָנשרייבן אין פינף מינוט אַרום און צי זיי וועלן בכלל שרייבן אין די נאָענטע פינף מינוט אָדער שעהן און טעג. ביי מיר איז יעדעס ליד געווען דאָס לעצטע ליד.

טאַבאַטשניק: ווי אַזוי שרייבט איר אייערס אַ ליד, מיט אַמאָל אָדער קאַפּיטלעך? עס נעמט אייך לאַנג צו געפינען די פאָרעם, דעם מעטער, די ווערטער, צי דאָס אַלץ קומט פון זיך אַליין, פּלוצים?

ראַלניק: די ערשטע שורה גיט אָן עפן די טיר און קומט אַריין און נאָך איר גייען נאָך די יינגערע שוועסטער. זיי קומען מיט איר פאָרעם, מעטער און ריטעם און אַלע איבעריקע שורות גייען נאָך איר.

טאַבאַטשניק: ווייסט איר וואו עס ליגט אייער כוח און וואָס זענען אייערע שוואַכקייטן?

ראַלניק: איך האָב אַלע מאָל געוואוסט צי דאָס ליד וואָס איך האָב אָנגעשריבן איז אַ גוטע אָדער נישט. און וואָס עס ליגט מיין כוח און וואָס עס זענען מיינע שוואַכקייטן האָבן מיר געזאָגט די, וואָס האָבן געשריבן וועגן מיינע לידער.

טאַבאַטשניק: וואָס איז, ראַלניק, אייער באַגריף וועגן פּאָעזיע בכלל? אַז איר שרייבט אַ ליד זעט איר, אַז דאָס ליד זאָל צונויפפאַלן מיט אייער באַגריף פון פּאָעזיע? ווען איר שרייבט אָן אַ ליד ווייסט איר צי עס טויג אָדער נישט? באַאַרבעט איר עס אַ סך, האָט איר וואַריאַנטן?

ראַלניק: איך האָב אַלע מאָל געמיינט, אַז איך האָב מיינע לידער אָפּגעדרוקט אַזוי ווי זיי זענען אַרויסגעקומען פון דער ערשטער פען, אָבער אַז איך האָב מיינע מאַנוסקריפּטן די טעג גענומען איבערקוקן האָב איך געפונען אַ סך פון מיינע שורות איבערגעמאַכט און אויסגעבעסערט צו עטלעכע מאָל און צו יעדעס ליד איז געווען עפּעס צוגעשריבן אָדער אָפּגעשריבן — אויסגעמעקט.

מיין באַגריף פון פּאָעזיע? עס איז פאַר מיר אַ צו־ווייטער באַגריף, אַן ענין מפשט (אַבסטראַקט). איך האָב געדרוקט הונדערטער לידער אין „פאָרווערטס״, אין „פרייע אַרבעטער שטימע״, אין „די צוקונפט״ און אין

אַלערליי וואַכנבלעטער, וואָס איך געדענק נישט זייערע נעמען. איך האָב איבערגעלייענט טויזנטער לידער, ביי מיר האָט זיך אַלץ אויסגעמישט און איך האָב נישט קיין פאָרשטעלונג וואָס אַ גוטע ליד דאַרף זיין. איך ווייס נאָר אַז פושקין איז געווען אַ גוטער פּאָעט און עוזר סמאָלענסקי פון דער „פרייע ארבעטער שטימע” איז געווען אַ שלעכטער פּאָעט.

טאַבאַטשניק: ראָלניק, עס זענען פאַראַן אַ סך שקלאָ־וטריאָס וועגן אייער אַנגעהעריקייט צו דער גרופּע „יונגע”. וואָלט אין אייך בעטן, אויב איר קאָנט, אַז איר אַליין זאָלט זאָגן וועגן אייער שייכות צו דער גרופּע פּאָעטן וואָס זענען באַקאַנט אין דער יידישער פּאָעזיע אונטערן נאָמען „די יונגע”.

ראָלניק: איך האַלט מיך נישט פאַר איינעם פון זייער גרופּע אין ענגערן זין פון וואָרט. ווען די „יונגע” זענען געווען אין זייער געהויבענער פּעריאָד האָט מיך איגנאָאַטאָוו נישט געוואָלט אַריינגעמען אין „די שריפטן”. קיין מאָל ביי מיר נישט געבעטן קיין לידער, כאָטש מיר האָבן זיך געזען יעדן טאָג און געווען אין גוטע באַציאונגען. ווען איך האָב אַמאָל, מיט יאָרן שפּעטער, אַ פרעג געטון ביי מאַני־לייבן ווער עס איז געווען דער, וואָס האָט נישט דערלאָזט, אַז מיינע לידער זאָלן אַריינגענומען ווערן אין „די שריפטן”, איז ער אויפגעשפרונגען פון אָרט און קלאַפּנדיק זיך אין הארצן אויסגעשריען: „איך, איך האָב נישט דערלאָזן!” דאָס נישט אַריינגעמען מיך אין „די שריפטן” האָט מיך געקרענקט און עס קרענקט מיך ביזן היינטיקן טאָג. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז איך בין נישט ווערט צו שטיין מיט זיי בקבוצה אחת. אָבער פונדעסטוועגן ווען ס'איז אַרויס מיין גרויסער געבונדענער בוך „לידער”, האָבן זיי אין זייער זשורנאַל געווידמעט מיר אַ גאַנצן נומער, וואו עס האָבן וועגן מיר געשריבן באַגייסטערטע אַרטיקלען די אָנפירער פון די „יונגע”: זישע לאַנדוי, ראובן אייזלאַנד, קאַליע טעפּער און אַנדערע. זיי האָבן זיך אַרומגעקריגט מיט די, וואָס האָבן מיך נישט געוואָלט אָנערקענען, אָבער פאַר איינעם פון זיי האָבן זיי מיך נישט אָנגענומען. ווען מ. באַסין האָט צוזאַמענגעשטעלט זיין אַנטאָלאָגיע אין 1917, האָט ער נישט געוואָלט אָנהייבן מיט מיר דעם קאַפּיטל „יונגע” און האָט אָוועקגעשטעלט מיך אַליין, אַלס דעם „אַפּשליסער” פון פריערדיקן דור. ער האָט מיר געענטפערט: „איר שרייבט נישט קיין פּאָעזיע, איר זאָגט”. איך אַליין האַלט, אַז איך האָב צוגעטראָגן צו דעם שניט פון די „יונגע”. איך האָב קיין מאָל נישט גערעדט מיט מליצה, ווי די פריערדיקע פּאָעטן. איך האָב גערעדט

פּראָסטע רייד און פון מיר האָבן זיך געלערנט שפּעטער „די יונגע". נישט אומזיסט האָט באַסין מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך „זאָג". אָבער איצטער, אַז עס שרייבן וועגן מיר מענטשן וואָס געדענקען נישט יענע צייטן און זענען דערביי בכלל נישט בייגעווען, רעכענען זיי מיך צו צו „די יונגע".

טאַבאַטשניק: אין איינעם פון אייערע לידער דריקט איר זיך אויס, אַז איר סערווירט אייער ליד אין „פּראָסטן געשיר". וואָס מיינט איר מיט דער באַצייכענונג „פּראָסטן געשיר"?

ראָלניק: מיט „פּראָסטן געשיר" מיין איך די איינפאַכקייט. איינפאַכע נישט באַצירטע טעלער און לעפל מיט וועלכע עס עסן פּשוטע מענטשן אין מיטן וואָך.

טאַבאַטשניק: **וואָס איז פאַר אייך וויכטיקער אַרויסצוברענגען אין** ליד, דאָס מוזיקאַלישע אָדער דאָס בילדלעכע, דעם געדאַנק, די געשעעניש אָדער דאָס געפיל?

ראָלניק: איך האָב געשריבן פאַרשידענע לידער. דאָס ביכעלע „נייע לי־דער" איז אין גאַנצן אָנגעפולט מיט מוזיקאַלישע און געפיל־לידער. אָבער דאָס ביכל „אַ פענצטער צו דרום" איז אין גאַנצן פון בילדער.

טאַבאַטשניק: אגב, ראָלניק, איר רעדט אַ סך וועגן ליד און לידער, אין אייערע לידער טאַקע. מ'זעט אַז איר שטעלט דאָס ליד איבער אַלץ. האַלט איר טאַקע, אַז דאָס ליד איז וויכטיקער פון אַלץ אין דער וועלט, אָדער איר האַלט אַז בלויז פאַר אייך איז דאָס ליד וויכטיקער פון אַלץ?

ראָלניק: דאָס ליד איז ביי מיר וויכטיקער פון אַלץ, ווי ביים שיכור דאָס בראָנפן. עס פאַרוויגט מיך און נעמט מיך אַוועק פון דער ווירקלעכקייט. אין דעם איז פאַראַן אַזאַ פאַרגעניגן, וואָס קיין זאַך קאָן נישט געבן. קאָמפּענסאַציע? אפשר אין די ערשטע לידער, אָבער שפּעטער זענען זיי געקומען ווי פאַרטיקע בילדער און צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל זיי געבן אויפן פּאַפּיר, נישט האָבנדיק אין זינען די גאַנצע וועלט אַרום זיך.

טאַבאַטשניק: ראָלניק, זייט איר צופרידן מיט זיך אַלס דיכטער?

ראָלניק: צי איך בין צופרידן מיט זיך אַלס דיכטער? אַ פּשוטער חשבון. איך וואָלט געוואָלט האָבן וואָס מער גוטע לידער און וואָס ווייניקער שלעכטע. ווען איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד וואָס איז מיר אַליין געפעלן געווען, בין איך געווען צופרידן מיט זיך, ביז ס'איז אַריבער אַ

טאָג אָדער צוויי און מיין צופרידנקייט איז בלאָס געוואָרן און עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט ווידער אָנשיכורן זיך, ווי דער שיכור וויל א טרונק.

טאַבאַטשניק: זענט איר צופרידן, ראָלניק, מיט דעם אופן ווי אזוי עס האָט אייך אויפגענומען די ליטעראַטור, קאָלעגן; ווי אזוי די קריטיק האָט אייך אויפגענימען?

ראָלניק: ווי די קריטיק האָט מיך אויפגענומען? די ערשטע יאָרן ביז 1915, האָב איך געהאַט נאָר קאָלטס פון דער קריטיק. מיינע לידער האָט מען מערסטנס נישט דערמאָנט, מען האָט זיי מערסטנס אָפּגעפּטרט מיט די צוויי ווערטער — „און אַנדערע" — אָבער שפּעטער האָב איך אָנגע־הויבן הערן פריינטלעכע ווערטער וועגן זיך. איך קאָן נישט פאַרגעסן ש. ניגערס אָננעמען זיך פאַר מיר קעגן בעל־מחשבותן, וואָס האָט מיך א סך ווי געטון. און ניגערס ווייטערדיקע אָפּרופן וועגן מיינע לידער. אויך ד"ר א. מוקדוני, ב. ריווקין, י. קיסין, קלמן מרמר, מרדכי יאָפּע, שלום שטערן, נ. י. גאָטליב, אפרים אויערבאַך, ג. ב. מינקאָוו, י. י. סיגאַל און איר, טאַבאַטשניק, האָבן געלויבט מיינע לידער.

טאַבאַטשניק: נו, און ווי אזוי האָבן אייך אייערע קאָלעגן אויפגענומען: מאַני־לייב, אייזלאַנד, לאַנדוי, לייוויק?

ראָלניק: מאַני־לייב האָט מיר אַרויסגעוויזן א סך פריינטשאַפט, און קענ־טיק, אַז אים איז געפעלן געוועזן מיינע לידער אין די לעצטע יאָרן. אַגב, וויל איך אייך דערציילן אַן עפּיזאָד מיט מאַני־לייבן פון די פריערדיקע יאָרן. איך בין אַמאָל, אין א שפּעטע ווינטער־נאַכט, געזעסן מיט מאַני־לייבן אין לעווין און גודמאַנס רעסטאָראַן. מיר האָבן גערעדט וועגן פאַר־שידענע זאַכן, דערנאָך האָב איך זיך גענומען קלאָגן פאַר אים, אַז איך האָב נישט קיין מאַטעריאַל פאַר א ליד, וואָס אָנצושרייבן. זאָגט ער מיר: „נעמט און שרייבט אַן אָט דאָס וואָס איר זאָגט". איך בין אַוועק אהיים און אָנגעשריבן דאָס ליד „נישט געבונדענע פערזן". ביי זישע לאַנדוין בין איך אַמאָל געוועזן אַן אַריינגייער צו אים אין הויז, האָב איך אַמאָל געבראַכט אים מיינעם א ביכל לידער, א נייעם. האָט ער א קוק געטון און געזאָגט: „גאָרנישט נישט ווערט, נישטאָ וואָס צו לייענען..." אָבער אזוי ווי איך פלעג אָפט אַריינקומען צו אים, האָב איך אַלע מאָל געפונען דאָס ביכל ליגנדיק ביי אים פאַר די אויגן. פאַרשטיי איך, אַז דאָס ביכל איז אים יאָ געפעלן געוועזן.

טאבאטשניק: און לייוויק? פון מיינע געשפרעכן מיט לייוויקן, ווייס איך, אז ער איז א גרויסער אנהענגער פון אייערע לידער.

ראלניק: איך ווייס נישט וועגן דעם.

טאבאטשניק: איך וואלט אייך געוואלט פרעגן ווי ס'האט אויף אייך געווירקט שלעכטע אפרופן?

ראלניק: זיי האבן מיך געקרענקט, אבער נישט באאיינפלוסט מיין שרייבן. פארקערט, איך האב זיך אנגעגורט און געשריבן מער און בעסער.

טאבאטשניק: ראלניק, איר וועט מיר דערלויבן אייך פרעגן נאך איין פראזע: וואס האט אויף אייער שרייבן מער געווירקט, די וועלטלעכע ליטעראטור, די נישט-יידישע ליטעראטור אדער די הייליקע ספרים וואס איר האט געלערנט אין אייער יוגנט?

ראלניק: כאטש איך האב געלערנט אין חדר און געקענט גוט תנ"ך, האבן מיר די הייליקע ספרים נישט באווירקט אין מיינע עלטערע יארן. זיי זענען געבליבן פרעמד צו מיר. מיך האט צוגעצויגן די רוסישע און די דייטשע פאעטן און איבערזעצונגען פון אייראפעאישע שפראכן נאך פון יינגלווייז אן, אזעלכע ווי טארקוואטא טאסא און אנדערע פון יענער צייט, וואס זענען געווען געדרוקט אין די גרויסע רוסישע כרעסטאמאטיעס פון איוואנאוו און גאלאבאוו. דא אין אמעריקע בין איך אריינגעפאלן צווישן די „יונגע", זיי האבן העברעאיש נישט געלייענט, דערפאר זענען זיי געווען אויסגעבונדן מיט די דייטשע, פוילישע און רוסישע פאעטן.

טאבאטשניק: איך דאנק אייך ראלניק. איך וואלט געוואלט אייך פרעגן נאך א פאר פראגן, וואס האט צו טון מיט אייער שאפן נאר איך זע, אז איר זענט מיד און מיר וועלן עס איבערלאזן אויף אן אנדערש מאל.

נ. ב. מינקאָוו

ראַלניק, אײדער ער איז געוואָרן ראַלניק

(צו זיין 70סטן געבוירנטאָג)

דער אומבאַקאַנטער אָנהייב

ווען מען לייענט א פּאָעט במשך צענדליקער יאָרן, שאַפט זיך ביים לייענער א בילד פונעם פּאָעט. דאָס בילד איז נישט אַלע מאָל קלאָר. אָפט אָבער שיילט זיך אויס דעם פּאָעטס געשטאַלט מיט אַן אַטמאָספער, וואָס דאָ און דאָרטן טראָגט עס מיט זיך כאַראַקטעריסטישע באַפאַרבונגען. מיר רופן עס: די שטימונג אַרום דעם פּאָעט. אַמאָל דאַכט זיך אונדז אויס, אַז דאָס איז נישט די שטימונג אַרום דעם פּאָעט, נאָר אַן אָפּגלאַנץ פון זיין פאַרבאָרגן גייסטיק לעבן, די סובסטאַנץ פון זיין אינעווייניק לעבן, פון זיינע חלומות און גורלות.

ווען מיר טראַכטן וועגן ראַלניקן, קומט אין אונדז אויף אַן איינדרוק, אַז מיר געפינען זיך אינעם לאַנד פון א שטילן שווייגנדיקן פּאָעט, וואָס זיין וועלט איז איינזאַמקייט, אינעווייניקע, אומבאַגרענעצטע איינזאַמקייט. זיין וואָר איז דוכטעניש, רעאַל, דאָך ווייט, דאָאיק, דאָך נישט־דאָאיק. „ערגעץ־וואו גע־הערט... ערגעץ שוין געשען".

ער אַליין זאָגט וועגן זיך: „גאָט האָט קיין ווערטער אויף מיין צונג נישט געלייגט, א שווייגער גיי איך צווישן מענטש און מענטש אַרום", אָדער: „איך גיי... פון דער זייט", „מיין גאַנג איז פאַמעלעך, מיין וואָרט איז שטיל", אָדער גאָר: „מיטן ברייטן וועג גייען מלחמה־לייט... עס בריאַזגען אויף די פּאַנצער און שווערד — ווי שטילער וואָסער שווימט מיין ערד".

מען טאָר קיין מאָל נישט אָננעמען א פּאָעטס ווערטער וועגן זיך אַליין ווי א פאַקטישן אמת. אַמאָל איז עס נישט מער ווי אַן אַקאָרד, א שטימונג, אַן איינריידעניש אָדער גאָר... דיכטונג. אַפילו ביי עגאָצענטרישע פּאָעטן,

טיף־פערזענלעכע קינסטלער, וואָס טראַכטן נאָר וועגן זיך און וואָס זייער איך ווערט פאַרוואַנדלט נישט נאָר אינעם צענטער פון דער וועלט, נאָר בפועל־ממש אין דער גאַנצער וועלט. אין ראָלניקס פאַל איז עס אַ ביסל אַנדערש. דאָס וואָס ראָלניק זאָגט וועגן זיך קאָן מען מיט גאָר און גאָר אַ סך ביישפּילן באַשטעטיקן. נישט מיט די ווערטער זיינע, אפילו נישט וועגן זיך. נאָר מיט זיין פאָרעם, מיט זיין אופן זיך באַנוצן מיטן גראַם, מיט זיין וואָרט־קנאַפּקייט, מיט זיין ליד־קאָנסטרוקציע, — אַלץ זאַכן, וואָס ביי אים קומען זיי אויס נאַטירלעך און פשוט. ראָלניקס פאָרעם איז באמת זיין אָטעם. און פון די עלעמענטן — פון זיין פּאָעטישן פּולס, טעמפּעראַטור, „די באַוועגונג פון זיין זעל" — פון דעם שאַפט זיך אין אונדז דער איינדרוק פון ראָלניקס געשטאַלט.

און ווי כאַראַקטעריסטיש עס איז פאַר ראָלניקן צו ריידן אָפּט וועגן זיך. אמת — ער רעדט על־פּי־רוב אין גאָר שטילע טענער, ממש בלחש, וועגן זיין אָרום, און וועגן ליד, וואָס איז דער עיקר פון זיין לעבן. ער איז זיך אַליין מודה, אַז ער שרייבט זיין ליד פאַר זיך און נאָך פאַר צוויי ווי ער. און פאַרנעמען זיך מיט דעם, וואָס זעט אויס גאָר נישט וויכטיק, איז אויך אַן ענין. און יעדע זאַך אויף דער וועלט איז ווערט אַ געדיכט. און שרייבן שרייבט ער, ווייל ער קאָן זיך אָן דעם נישט באַגיין. און דעם „הידד און בראַוואָ" — דאָס דאַרף ער נישט האָבן. ער קאָן זיך זייער גוט באַגיין אָן דעם. אָבער זיין אייגן דורשט מוז ער שטילן מיטן ליד:

„פאַר וועמען איך שרייב מיין ליד?
פאַר זיך און נאָך צוויי ווי איך.
ליים און ציגל פאַר אַ ליד —
מעגן אויך זיין צעריסענע שיך.

דער וואָרים ביי דער ערד וואָס קריכט
איז אויך ווערט אַ געדיכט.
און דער מענטש וואָס פּויזעט אויף דער ערד
איז טויזנט לידער ווערט.

אָן הידד און בראַוואָ רופער
קען איך זיך גוט באַגיין,
ווייל איך שרייב מיין ליד פאַר זיך
און צוויי ווי איך אַליין".

(„פּערזן", „פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 6־טן יוני, 1941).

אַט־די שטימונג און דעם צוגאַנג צום לעבן פילן מיר ביי ראָלניקן זינט ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יענע לידער זיינע, וואָס האָבן אים געמאַכט באַ־

וואוסט אין די ליטעראַרישע קרייזן אין אַמעריקע. געווען איז דאָס אין יאָר 1907. ראָלניקס פּאָעטישער וועג מאַכט אויף אונדז אַן איינדרוק, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ גאַנצן מענטש, אַן אויסגעהאַלטענעם פּאָעט, וואָס האָט זיין פּאָעטישן חלום געהאַלטן אין איין פאַרטיפן, ביז זיין פּערזענלעכע פּאָעזיע האָט אָנגערירט די ברעגן פון סימבאָלן. מיר זעען עס טאַקע אין אַזאַ ליד, למשל, ווי אין:

עס דאַכט זיך מיר איך טרעט אין די פאַרבלייכטע טריט
פון איינעם וואָס איך האָב אין לעבן נישט געזען.
אין אויער קלינגט אַ ליד — האָב ערגעץ וואו געהערט,
און וואָס עס טוט זיך דאָ איז ערגעץ שוין געשען.

עס דאַכט זיך מיר איך לעב אַן אַנדערנס לעבן דורך,
וועמענס טאָג עס האָט געשפּאָלטן זיך אין מיטן.
איין העלפט געבליבן זיינס, די צווייטע העלפט פאַר מיר
און אויף מיין רייט-פערד האָט אַ צווייטער שוין געריטן.

איז פרעמדנס שפּאָרן־שניט געבליבן אין זיין לייב.
אויף אויסגעבעטן זאָטל דרוק פון פייערדיקן רייטער.
און רייס איך שנעל ווי ווינט, צי צער איך טריט ביי טריט,
אַ צווייטער גייט דורך מיר, אַן אַמאָליקער, אַ ווייטער.

(„פריייע אַרבעטער שטימע“, 4-טן מערץ, 1932).

געווען אָבער אַ צייט אין זיין יוגנט, ווען דער אין־זיך פאַרטיפטער ראָלניק, וואָס לעבט־דורך און לעבט־אויס זיין ליד אין דער גרויסער איינזאַמקייט פון אייגענעם איך — געווען אַ צייט ווען ער האָט אַנדערש געפילט און געלעבט. נישט נאָר האָט דאָס ליד באַדאַרפט דינען דעם פּאָעט אַליין ווי אַן אויסלייזונג אָדער „נאָך צוויי ווי ער“, נאָר עס האָט באַדאַרפט זיין אָנגעלאָדן מיט געזעל־שאַפטלעכער אחריות. „זאָל דער ליידנדיקער געפינען אין דעם דיכטער זיך אַ פריינד“. זאָל אין די לידער פונעם דיכטער —האָט ראָלניק דעמאָלט גע־גלויבט— „זאָל דאָרט הילכן, זאָל דאָרט שרייען אונדזער ווייטיק, אונדזער קרעכץ“. דער פּאָעט דאַרף נישט זיין דער גרויסער „אינקאָגניטאָ“ אין זיין אייגענער „וועלטלעכישער“ קעניגרייך. ער דאַרף אַריינגיסן „אין די פערזן נייעם לעבן“. אין דעם פּאָעטס לידער דאַרף „גלאַנצן אונדזער האָפענונג, אונדזער טרוים און אונדזער שטרעבן“. דער דיכטער מוז קעמפן, אָבער אויך לינדערן דאָס לעבן פון דעם ליידנדיקן. „זאָל דער טרויער־טאָל באַלויכטן כאָטש איין ווייסער שטראַל נחמה“. אָט־די סאָציאַלע שטימונגען האָט ראָלניק אויסגע־דריקט אין זיינע גאָר ערשטע, איצט לחלוטין אומבאַקאַנטע, לידער.

די, וועמען עס איז נאָענט די שטיל־פּאַרטיפּטע, די אינזיך־קאָנצענטרירטע ראַלניקשע געשטאַלט, — זיי וועלן אין די נאַר־וואָס ציטירטע שורות דערפילן דעם אָטעם פון אַ פאַרגאַנגענער אימיגראַנטיש־ראַדיקאַלער וועלט, פון אַ פּאַר־שאַטענעם קוואַל. דאַ און דאָרטן טויכן־אויף אמתע ראַלניקשע בילדער און שטימונגען: „שטיל, פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך, פון דעם וואַלד אַ שוואַכער קלאַנג; דאָס באַוויינט דער ווינט דעם זומער, מיט אַן אומעטיק געזאַנג"; אָדער: „און ווי ריזיק גרויסע מתים אין תכריכים איינגעהילט, ליגן באַרג און טאָל, דער אָטעם פון דער ערד איז אָפּגעקילט". דאָס זענען זייער אינטערעסאַנטע שטעלן, אָבער אַ סך אינטערעסאַנטער זענען זיינע ערשטע לידער ווי דאָקומענטן. זיי געהערן צו אַן אומבאַקאַנטן פּעריאָד אין ראַלניקס פּאָעטישן לעבן. מען קאָן יענע צייט באַטראַכטן ווי ראַלניקס „פּרע־היסטאָרישע" תקופה. די דאָזיקע תקופה איז אַן אינטערעסאַנטע, מחמת זי באַלייכט אונדז אַ שטיק פּאָעטישע געשיכטע אין דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע איידער נאָך די „יונגע" האָבן זיך באַוויזן מיט זייער יחידיש ליד. דעם כוח פון דער דאָזיקער „פּרע־היסטאָרישער" תקופה קאָן מען זען אין דעם, וואָס אַזאַ אינטים־יחידישער פּאָעט ווי ראַלניק, האָט געאָטעמט מיט דער לופט פון סאָציאַלן ליד. און ווען מיר האָבן אין זינען ראַלניקס פּאָעטישע געשטאַלט ווי מיר קענען זי, ווערן זיינע לידער פון דער „פּרע־היסטאָרישער" תקופה קלאָרע דאָקומענטן וועגן „צייט־גייסט".

מיר זענען באַקאַנט מיט ראַלניקס פּאָעטישן שאַפן זינט דעם יאָר 1907, ווען ראַלניק איז געקומען קיין אַמעריקע. אָבער דאָס איז געווען ראַלניקס צווייט מאָל עמיגרירן אין זיין איצטיקער היים. מיט אַכט יאָר פאַר דעם, איז ראַלניק צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע, דעם 3־טן יולי, 1899. ער איז דאָ אָפּגעווען קרוב צו צוויי און אַ האַלבן יאָר. דעם 9־טן נאָוועמבער 1901, איז ער אַוועקגעפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד.

קיין אַמעריקע האָט ראַלניק געבראַכט אַ שטיקל ליטעראַרישן באַגאַזש.

אין דער היים, אין רוסלאַנד, האָט ראַלניק איבערגעזעצט דוד פרישמאַנס פּאָעמע „דער מתמיד". ווי באַקאַנט, איז געווען אַ מין צווילינג־שוועסטער צו שמעון פרוגס באַרימטער באַלאַדע „דעם שמש'ס טאָכטער". דאָ אין אַמעריקע, האָט ראַלניק אַ יאָר נאָכאַנאַנד, מיט גרוים נייגיר, געלייענט די לידער, וואָס מען פלעגט דרוקן יעדן שבת אין די יידישע צייטונגען. איין מאָל האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ־וואו ליגט ביי אים פאַרשטעקט זיינע אַן איבערזעצונג פון פרישמאַנס פּאָעמע. ער האָט די פּאָעמע אַוועקגעטראָגן משה קאַטצן, דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס". און דעם 14־טן סעפּ־

טעמבער 1900, איז די פּאָעמע אָפּגעדרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „די נדבה" (אויס דעם העברעאישן).

פון פּרוגס „דעם שמש'ס טאָכטער" האָט זיך די פּאָעמע אונטערשיידט, וואָס ביי פרוגן האָט דאָס יונגע מיידל אוועקגעשאָנקען דאָס לעבן פאַרן אַלטן רב, בעת אין פרישמאַנס פּאָעמע האָט מרים מנדר געווען איר לעבן, כדי דער מסוכן קראַנקער יונגער עלוי זאָל אויפגעריכט ווערן.

„נאָך אין יענער נאַכט, די פינצטערע,
האָבן אויבן זיך באַגעגנט
צוויי נשמות פון צוויי מענטשן:
איינע איז אַראָפּגעגאַנגען,
און די אַנדערע איז געפלויגן
פון דער ערד אין וויטן הימל.
צוועלף דעם זייגער אין דעם אָוונט
האָט געעפנט זיינע אויגן
אונדזער עלוי, דער באַקאַנטער,
און פון בעטל אויפגעשטאַנען.
צוועלף דעם זייגער אין דעם אָוונט
האָט געלייגט זיך אין איר בעטל
אונדזער מרים, און די אויגן
האָט אויף אייביק זי צוגעשלאָסן".

נאָך דעם ווי ראָלניק האָט דערזען דאָס ליד אָפּגעדרוקט, האָט זיך אין אים דערוועקט אַ קוואַל. און ביזן לעצטן טאָג, ווען ער איז אוועקגעפאָרן פון אַמעריקע, דעם 9־טן נאָוועמבער 1901, האָט ער אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אַ קימאַ־לן פון 25 לידער, וואָס זענען לחלוטין קיינעם נישט באַקאַנט. ער אַליין קוקט אויף זיי ווי אויף חטאות־נעורים, אָדער ווי שטימונגען פון אַ צייט און אַ קלימאַט, וואָס האָבן מיט אים נישט צו טון, וואָס זענען נישט געווען קיין אָרגאַנישער טייל פון זיין פּאָעטישן איך. אַז ער טראַכט אַזוי קאָנען מיר דרינגען פון דעם, וואָס ער האָט קיין איינס פון די לידער נישט אַריינגענומען אין זיינע זאַמלונגען. און אַגב, ווען ער איז צום צווייטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע, אין 1907, האָט ער מיט זיין דעמאָלטיק רעאַליסטיש ליד כמעט ווי אָנגעהויבן אַ ניי פּאָעטיש לעבן, נאָך אַן איבעררייס פון אַ וועלכע זעקס יאָר. און דאָס נייע פּאָעטישע לעבן האָט זיך על־פּי־רוב קאָנצענטרירט אויף דעם פערזענלעכן מאָטיוו, וואָס האָט אין יענער צייט „באַפרייט" דאָס יידישע ליד פון סאָציאַלן „יאָך". אין דער אמתן האָט מען זיך באַפרייט פון שאַבלאָנען, וואָס די געזעלשאַפטלעכע פּאָעזיע האָט געשאַפן אין שעה בעת איר בין־השמשות.

די סעריע ראַלניקס „פּרע־היסטאָרישע" לידער ווייזן אונדז ווי אַזוי די צייט, די אַטמאָספּערע, אַנדערש געזאָגט, דער גאַנצער היסטאָרישער אימפּעט־ראַטיוו, באַווירקט קינסטלער, צווינגט זיי אויסצולעבן אַ באַשטימט לעבן, אָדער פאַרקערט, צווינגט זיי אָפּצוואַרפן אַ גאַנצן נוסח און זיך אָפּגעבן מיט נייע מחשבות.

עס וועט אָבער נישט זיין אין גאַנצן אמת, אויב מיר וועלן ראַלניקס יוגנטלעכע לידער אָננעמען בלויז ווי ווייטע עכאָס פון אַ באַשטימטער תקופה. זיי זענען נישט געווען קיין עכאָס, נאָר די פּאָעטישע שטים פון דער צייט. און יענע צייט קאָן מען דערקענען אויך אין די דעמאָלטיקע לידער פון יוסף יפה, יעקב אַדלער און דער עיקר פון ה. רויזענבלאַט. אָט־די דערמאָנטע פּאָעטן זענען ווייט איינער פון צווייטן כרחוק מזרח ממערב. אָבער איין זאַך זעט מען אין זייערע לידער — די שקיעה פונעם סאָציאַלן מאָטיוו און די ערשטע שפּראָצן פונעם יחידישן ליד. און ווען מען וויל געניי זען דעם דאָזיקן פּראָצעס, זעט מען זיי אין זייערע לידער.

ווען מען קוקט זיך צו צו ראַלניקס גאָר־ערשטע 25 לידער זעט מען אין זיי אַז די תקופה איז ראַלניקן. וואָרום קעגן דעם אָנגענומענעם נוסח פון יענער צייט רייסן זיך אַרויס ביים יונגן ראַלניקן יחידישע לידער. דאָס איז ראַלניקס אייגן שטים. דערמיט איז ער זיין אייגענער פאַרלויפער — פון דעם שפּעטער־דיקן „איינזאַמען" ראַלניקן. און צוזאַמען מיט די אויבן־דערמאָנטע פּאָעטן האָט ער — זיכער נישט־וויסנדיק דערפון — געגרייט דעם וועג, וואָס אויף אים האָבן זיך די שפּעטערדיקע „יונגע" פאַרנומען.

ראַלניקס ערשט ליד — די איבערזעצונג „די נדבה" — טאָר מען נישט נעמען ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט פון דעם דיכטערס דרך. דאָס טאָר מען בשום אופן נישט טון מיט די ערשטע לידער פון פּאָעטן. וויפל צופאַל, אומדערפאַרנ־קייט, וויפל אינסטינקט־שפּיל און השפּעות ליגן אין די ערשטע טריט פון פּאָעטן. מען טאָר אַמאָל אַפילו נישט נעמען ווי אַ יסוד אַ גאַנצן צייט־אָפּשניט אין דעם פּאָעטס שאַפן. אָבער עפּעס דערציילן זיי פאָרט, די צופעליקייט. אויב נישט וועגן דעם דיכטער גופא, דערציילן זיי אונדז וועגן דער תקופה און וועגן די השפּעות פון דער צייט.

וואו נאָר דער יונגער אימיגראַנט האָט זיך געקערט און געווענדט, האָט ער געמוזט זיך אָנשטויסן אויף די געזעלשאַפטלעכע אידייען, וואָס האָבן, סוף לעצטן און אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט, באַהערשט דאָס גאַנצע אימיגראַנ־טישע לעבן פון יענער צייט. פאַר דעם ראַדיקאַל־געשטימטן אימיגראַנט האָט עקזיסטירט דער אַנאַרכיזם, דער סאָציאַליזם, דער יוניאָניזם, און די קולטור, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אָט־די באַוועגונגען.

דער גורל פון דעם ארבעטער, פון דעם שקלאף אין די שוויץ־פאבריקן, דער פרצוף פונעם בלוטזויגער דעם באַלעבאָס, די מרידה קעגן גאָט און לייט, וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ פינצטערע וועלט און האַלטן זי אין צוויק — דאָס אַלץ איז געווען דאָס טעגלעכע ברויט פאַרן דעמאָלטיקן אָנפאַנגער־פּאָעט. די דאָזיקע מרה־שחורה מאָטיוון האָבן אין די 80־ער און 90־ער יאָרן געשאַפן אימפּעט און פּאַטאָס, רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק און גרויזאַמען רעאַליזם, טרערן־לידער פון פאַרוואָונדיקטע שקלאַפן און שניידנדיקע סאַטירע פון אומדערשיטערנדיקע קעמפער, מיסטישן פּאַטאָס פון מאַרטירער און מיסטישע תהומיקייט פון אומפאַרגעסלעכע אָרימקייט־בילדער.

ביים סוף פון לעצטן יאָרהונדערט און אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט זענען שוין געגאַנגען האַנט־אין־האַנט דאָס סאָציאַלע און דאָס פּריוואַט־יחידיש ליד. אַזוי איז עס טעמאַטיש געווען מיט רויזענבלאַטס לידער. אַזוי איז עס אויך געווען מיט ראַלניקן. מיר זעען עס אין זיינע אומבאַקאַנטע לידער.

אַ חוץ דעם פאַלקסטימלעכן באַלאַדע־מאָטיוו פון דער איבערזעצונג „די נדבה" — זעען מיר ביי ראַלניקן דריי מינים לידער, וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין צייט, ווי אַן איבערגאַנגס־צייט צווישן צוויי רייכע תקופות — דער פּראָלעטאַרישער און דער אימפּרעסיאָניסטישער. די מינים זענען, אויב מען באַטראַכט דעם מאַטעריאַל בלויז טעמאַטיש: דאָס אַלגעמיינע, דאָס אָביעקטיווע ליד; דער צונויפמיש פון סאָציאַלן, פון אַלגעמיינעם, מיטן פּערזענלעכן מאָטיוו; און דאָס פּערזענלעכע ליד.

דאָס אַלגעמיינע סאָציאַלע ליד

דער שטאַרקסטער יסוד פון דעם אַלגעמיינעם, דעם אָביעקטיוון ליד, איז געווען די טעמע. זי האָט געקאָנט זיין פון נאָענטן לעבן, פון לעבן, וואָס האָט אָנגערירט דעם פּאָעטס מחשבות און געפילן, און פון זיי אַרויסגעוויקלט אַ טעמע, ווי מיר זעען עס, למשל, אינעם ליד „דריי גייסטער" („פאָרווערטס", דעם 2טן פעברואַר, 1901). דער דיכטער דערציילט אין דעם ליד וואָס ער לעבט איבער ביינאַכט אויפן שקלאַפן־געלעגער ווען ער טראַכט וועגן „די רייכע, די טיראַנען", און ווי אַזוי זיין געדאַנק וואַכט אויף און ער דערזעט דריי גייסטער. דער ערשטער איז אַן אַלטער גרייז, וואָס פּערזאָניפיצירט מיט זיך דעם פרייען גייסט. דער צווייטער איז אַ „קעמפער און באַפרייער". דער דריטער גייסט איז דער באַפרייטער „יונגער ריז". אַזעלכע לידער, אַרויסגערופן פון דיכטערס נאָענטן לעבן, זענען אויך די לידער „די נדבה" (די דערמאָנטע

איבערזעצונג פון פרישמאַנס „דער מתמיד״), דאָס רעוואָלוציאָנערע שוויץ־פאַבריק ליד:

„דאָס דערוואַכן״

אין וואוסטער-סטריט ערגעץ, אויפן פערטן עטאַזש,
אין אַן אָפיס ביים ביוראָ זיצט אַ דיקלעכער מאַן;
ער קוקט אין די ביכער, און רעכנט און ציילט
פאַרויס דעם פּראָפיט פון דער קומענדער וואָך.

און דאָרט פון דעם האַל, וואָס אויף יענער זייט ווענטל,
דורכויס מיט מאַשינען און קליידער פאַרנומען,
דערטראָגט זיך אַ קלאַפּן און הוזשען, און רוישן, —
דער באָס זיצט און ציילט אַלץ און רעכנט און קווועלט.

עס לויפן די רעדער, עס טאַנצן די נאָדלען;
דער פאָרמאַן, פאַרהאָוועט, לויפט הין און צוריק;
עס זיצן די מיידלעך און ניען און נייען,
עס וואַקסט אַלץ און הייבט זיך פון קליידער דער באַרג.

און קוקט זיי נאָר אָן דיזע העלדן און בריות,
וואָס מאַכן און בויען די גאָלד־פּיראַמידן, —
דאָס זענען די מיידלעך, פאַרשמאַכטע, קראַנקע,
מיט בלאַסע געזיכטער, אָן לעבן, אָן מוט,
די אויגן אָן פייער, די ליפּן אָן בלוט,
די פינגער ווי העלצלעך, און רירן זיך שנעל,
נאָר ביינער אַ הויפן באַצויגן מיט הויט
פון ביין אַ מאַשינע — ס'באַצאָלט זיך גאַנץ גוט.

אַזוי זיצן זיי אימער און דרייען געבויגן,
זיי רעדן קיין וואָרט, בלויז זיי איילן און נייען.
נאָר פּלוצלינג שטעלט זיך אויף פון אָרט אַ מאַשין,
און זאָגט מיט אַ מענטשלעכער שטימע: „גענוג!
„גענוג צו דולדן און אַרבעטן שווער,
„און זאַמלען פאַר יענעם אַ רייכטום אָן שיער.
„מיר זענען אויך מענטשן, און ווילן ווי מענטשן
„געניסן פון לעבן און פרייהייט און גליק״.

און ס'ווערן אַנטשוויגן דער רוישן און קלאַפּן,
עס טיילט זיך באַלד אָפּ אַ מאַשין פון אַ מאַשין
צעטומלט, צעשראָקן דער פאָרמאַן בלייבט שטיין;

דער באַס האָט פאַר כעס פאַרלאָרן די צאָל.
עס האָבן מאַשינען אַ ווילן באַקומען,
עס האָט זיך צו זיי זייער מוט אומגעקערט.

(„פאָרווערטס", 15־טן יוני, 1901).

אויך אין ליד „קאָנטראַסטן" („פאָרווערטס", דעם 10טן אויגוסט, 1901), פול מיט ביטערקייט צום „פּאַרעלע" עקספּלואַטאַטאָרס, מיטגעפיל צום אומגליקלעכן שקלאַף, באַשרייבט ראָלניק אַ לעבן, וואָס איז אים געווען באַקאַנט, ווייל אויך ער, איז געווען אַ קרבן פון דער שוויץ־פאַבריק.

צווישן ראָלניקס „אַלגעמיינע" לידער פון זיין „פּרעהיסטאָרישער" תקופה זענען פאַראַן אַזעלכע, וואו די טעמאַטיק איז נישט דווקא פון נאָענטן, אים באַקאַנטן לעבן. אין אַ־די לידער ווערט נאָך בולטער דער סימן, אַז די טעמע האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל אין זיין אַלגעמיין ליד. און ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אונטערשייד צווישן ראָלניקס צוויי מינים אַלגעמיינע לידער. אין איין מין, ווי באַמערקט, איז די טעמאַטיק נאָענט און דירעקט פאַרבונדן מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען. און דאָ דאָמינירט דער סוביעקטיווער עלעמענט. דאָס געפיל איז דאָ אָנגעגליטער — צי דאָס איז פאַרביסנקייט, טרויער, רעוואָלט אָדער שילדערונג. בלויז אין „די דריי גייסטער", למשל, איז דער ערשטער טייל סוביעקטיוו, און אין דעם צווייטן טייל איז שוין דאָ וויזיע, פאַרטראַכטונג.

אין יענע אַלגעמיינע לידער, וואו די טעמאַטיק איז נישט פון נאָענטן, פון אייגענעם לעבן, זעען מיר אַ סך בעסער ווי דער אָנפאַנגער־פּאָעט באַהאַנדלט אַ טעמע. מיר זעען עס אין זיין ליד „אלישע בן אבויה".

אָט דאָס ליד „אויף אַ טעמע" איז ווייט פון שילדערן פּערזענלעכע איבערלעבונגען. ווען מען געדענקט אָבער דעם גייסטיקן קלימאַט, ווען זיין אָנפאַנגער־ליד האָט אָנגעהויבן צו בליען, דעם אַזוי־גערופענעם היסטאָרישן אימפּעראַטיוו: צייט, סביבה, אָרט, איבערפּלאַנצונג אין אַ פרעמד לאַנד, שוויץ־פאַבריק, צעבראָכענע טרוימען — ווען מען געדענקט דאָס אַלץ, דערפילט מען, אַז זיין ליד „אויף אַ טעמע" איז מער ווי דאָס. ער האָט דורך דער דריטער פּערזאָן — אין דעם פאַל דעם היסטאָרישן אַפּיקורס, דעם טראַגישן אלישע בן אבויהן — אויסגעדריקט זיינע אייגענע מחשבות און זיין אייגן געפיל פון יענע יאָרן. דער יונגערמאַן, וואָס האָט געוואָרצלט אין יידישער טראַדיציע, שטייגער־לעבן, נאַטור, אין דער גאַנצער וועלט „אַרום דער מיל",— ער האָט מורד געווען קעגן „דעם גרינדער פון דעם גלויבן פון מיינע ברידער, פון אַ גאַנצן פאָלק", ער האָט מורד געווען אפילו קעגן משה'ס גאָט, וואָס „איז טיריש נאָר" און „איז דעם אידעאַלס געהייליקטער מערדער". וואָרום — זעט

אונדזער וועלט. און ווען אַ בת־קול זאָגט אַן אַלע „בלאָנדזשנדיקע, צעלאָזענע, וואָס יאָגן זיך נאָך פרעמדע געטער", זיי זאָלן זיך אומקערן אויף גלייכן וועג, ווערט איינער אויסגעשלאָסן. דאָס איז דער טראַגישער „אחר". ווארום — „ווער איין מאָל נאָר באַגריפן האָט, דער קאָן נישט מערער גלויבן". און דאָס האָט געשטימט מיט דער אַפּיקורסיש־ראַציאָנאַליסטישער צייט, סוף לעצטן און אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען די טרייבקראַפט, וואָס האָט ראָלניקן באַוואויגן צו שרייבן דאָס דאָזיקע ליד פון מרידה, — אַ טעמע, וואָס מיר הערן זי אָפט נאָך יעדער קאַטאַסטראָפע און אין די ביטערסטע באַדינ־גונגען פון לעבן.

אַ פּאָעטישן תיקון האָט ראָלניק געפונען פאַרן טעמאַטישן מרידה־ליד מיט דעם, וואָס ער האָט די דערצײלערישקייט אָנגעהויבן און, באַזונדערס, געענדיקט מיט דער פאַרטראַכטונג און שטימונג פון אַ באַלאַדע־טאָן: „נאָך איצט, דער־ציילט מען, גייט אַ רויך אויף יענעם פּלאַץ..."

פאַראַן אָבער אין דעם דאָזיקן ליד „אויף אַ טעמע" אַ געדאַנק, וואָס צו אים קערט ער זיך אום אין אַ צווייט ליד, אַ מער פּערזענלעך ליד — „דער צווייפל". דעם סוף־געדאַנק פון זיין „אלישע בן אבויה", איז, אַז דער גורל פון דעם מורד איז אַ גרויזאַמער, אַ מאַרטירערישער — אַ בליץ און אַ דונער האָבן דעם מורד אויפן אָרט דערשלאָגן. אָבער דער געדאַנק, אַז ג אָ ט האָט אַזוי באַשטראָפט דעם, „וואָס האָט באַגריפן" און „אויפגעהערט צו גלויבן" — דאָס שטימט נישט שוין מיט ראָלניקס „צייט־און־סביבה". דער מורד ווי אַ קרבן, אַ מאַרטירער — דאָס איז געווען אַן אָנגענומענער סימבאָל. אָבער דער מורד ווי אַ באַשטראָפטער פון גאָט — דאָס איז געווען אַפּיקורסות קעגן דעם ראַדיקאַלן געדאַנק פון יענער צייט. ווי אַזוי דאָס איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" פון יענע יאָרן, קאָן מען דערקלערן מיט דריי זאַכן: אַ ביסל „ליצענציאַ פּאָעטיקאַ" האָט מען דערלויבט; דער מאָטיוו פון אחרס מרידה האָט דאָ פאַרטונקלט דעם שטראָף־מאָטיוו; און מיטגעשפּילט האָט אויך דאָס, וואָס דער רעדאַקטאָר איז דעמאָלט געווען דער „עסטעט" משה קאַטץ.

אַ גרעסערן „דורכרייס" זעט מען אין דעם דערמאָנטן ליד „דער צווייפל". דער פּאָעט שעלט מיט ביטערער איראָניע דעם שטן, וואָס האָט פון טיפן שלאָף געשטערט די אַלע, וואָס „זוכן נישט... פאָרשן נישט", וואָס „זענען רייך און גלויבן; און עטוואָס אויב אויף ד ע ר וועלט פעלט, דערלייגט מען שוין דאָרט אויבן".

„זיי זענען רייך און גלויבן נאָר,
נו, גלויבט מען אין דאָס בעסטע —
לויתן און דער שור־הבר
און ווייַנען די געשמאַקסטע".

און שוין אַן איראָניע פאַרשעלט ער דעם „בייזן גייסט", וואָס האָט אים „געהייסן דענקען". ער האָט געפאָלגט, ער האָט געפאָרשט — „איצט האָלט איך אין איין בענקען". ער האָט אַלע געצן צעבראָכן, ער האָט צעריסן אַלע פּעדעם, אַלע נעצן, וואָס האָבן אים געהאַלטן געפאַנגען און נישט געלאָזט זיך פריי באַוועגן. און ווען ער האָט זיך באַפרייט, האָט ער אַ ווילדע וועלט דערזען. איז דאָס אַלץ אין הסכם מיט ראָלניקס „צייט־און־סביבה". אָבער דאָס, וואָס זוכנדיק האָט ער „זיין" גאָט נישט געפונען, — דאָס איז „אָפּטריניקייט". אָבער די דאָזיקע אָפּטריניקייט איז פאַרגיטיקט געוואָרן מיט צוויי פּאַטעטיש־טרויעריקע סטראָפעס:

„איצט בין איך פריי — אַ גרויסע וועלט
זע איך דאָרט אויסגעצויגן,
אַ פינצטערע, אַ בייזע וועלט
ליגט אָפן פאַר די אויגן.

עס ווייעט אַ קעלט, עס נעמט אַזש דורך
דעם מאַרך פון מיינע ביינער,
קאַלט שיינט די זון, איך זוך מיין גאָט —
איך זוך, — נישטאָ, נישט איינער".

(„דער צווייפל", „פאָרווערטס" דעם 1־טן יאַנואַר, 1901).

עס איז אַ גרויסער ספק צי אין די אָנהייב ניינציקער — יאָרן פון ערעל־שטאַט און באַוושאַווער, בנימין ראָזענבלום און נייטן לעמפּערט — צי אין יענע יאָרן וואָלט געווען מעגלעך פאַר אַ פּאָעט פון ראַדיקאַלן לאַגער צו באַשרייבן ווי גאָט באַשטראָפט דורך טויט דעם אָפּטריניקן און ווי אַזוי דער פּאָעט רייסט איבער אַלע פּעדעם מיט דער אַלטער וועלט און ווי אַזוי ער געפינט נישט זיין — נייעם גאָט — זיין נייעם אידעאַל — אין דער נייער וועלט. און נישט מעגלעך וואָלט עס געווען דערפאַר, וואָס דאָס גלויבן אין סאָציאַלן קאַמף, אין דעם נצחון פון דער סאָציאַלער גערעכטיקייט, האָט געקוואָלט פון אַ באַפרייטן זודיקן שטראָם. אַ רייסנדיקער עטישער כוח האָט זיך געריסן צו דער העכסטער מסירת־נפש, ממש צו קידוש־השם אין נאָמען פון העכערן יושר.

אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט האָט שוין דעם דאָזיקן עטישן כוח געפעלט דער גוואַלדיקער אימפּעט און דאָס תהומיקע גלויבן. עס איז זייער מעגלעך, אַז ביי באַוושאַווערן קאָן מען שוין געפינען קוים־באַמערקטע קערנער, וואָס עס זענען געווען פאַרלייגט יחידיש־העלדישע, יחידיש־מאַרטירערישע, יחידיש־טרוימער און שאָפּער־מאָטיוון. אָבער אין רויזענבלאַטס לידער, און אין דעם

איצטיקן פאַל, אין ראַלניקס לידער. זענען שוין געווען מעגלעך טענער וועגן נישט קאָנען געפינען „מיין גאָט".

ראַלניקס „אַפּטריניקייט" לגבי דעם סאָציאַלן אידעאַל איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין אַ פּערזענלעך ליד האָט ער זיך דערלויבט אפילו אויסצודריקן אַ גוט געפיל צו „די טיראַנען" פּונקט ווי צו די אַרבעטער. אין יענער איבערגאַנגס־צייט איז נישט געווען קיין נייעס צו דערמאָנען רעקוויזיטן פון סאָציאַלן ליד אין די סאַמע פּערזענלעכסטע לידער. אין זיין „פרילינג־ליד" („פאָרווערטס", דעם 4־טן מאַי 1901), זעען מיר ווי דער דיכטער ווערט פאַרשיכורט פון פרי־לינג, ווי אַזוי „קושן ווילט זיך מיר, און קושן אָן אָן אויפהער, די גאַנצע וועלט, די ערד גאַנץ פעסט צום האַרצן דריקן", און זיינע „טרערן גיסן זיך פאַר פרייד און פאַרגעניגן", ווייל „דער פרילינג האָט דערוואַכט... מיין ברוסט איז פול אַנטציקן". און אונטערן רויש פון דער נאַטור־דערוואַכונג ווישט ער אָפּ אַלע גרענעצן צווישן „טיראַן" און „שקלאַף":

און קושן ווילט זיך מיר, און קושן אָן אָן אויפהער,
די גאַנצע וועלט, די ערד גאַנץ פעסט צום האַרצן דריקן,
און טרערן גיסן זיך פאַר פרייד און פאַרגעניגן, —
דער פרילינג האָט דערוואַכט... מיין ברוסט איז פול אַנטציקן.

און קושן ווילט זיך מיר די אַלע מענטשן־ברידער,
און וואו עס קלאַפּט אַ האַרץ, וואו לעבן איז פאַראַנען, —
איך ליב זיי אַלעמען... די גוטע מיט די שלעכטע,
און מיט די שקלאַפן גלייך אויך זייערע טיראַנען.

נאָר נישט ווייל זיי זענען שיין און פעט און לוסטיק,
באַזיצן אוצרות פיל, אין גאָלד און ווערט־פּאַפּירן,
פאַרברענגען זייער צייט אין לוקסוס און אויף בעלער,
און גייען רייך געפּוצט אין דימענטן, סאַפּירן.

איך ליב זיי, ווייל ווי איך, אויך זיי זענען מענטשן, —
און הערלעך שיינט די זון... דער זומער איז געקומען;
איך קאָן נישט האַסן מער, ווען אַלעס לעבט און פרייט זיך,
מיט ליבע נאָר אַליין איז איצט מיין האַרץ פאַרנומען.

דו אימער שטראַלנדיקע, דו געטלעך שיינע זון,
דו ברענגסט דער מענטשהייט גליק, און לינדערסט אירע שמערצן.
אַ! זיי געגריסט פון אונדז, פון אַלע מענטשן־קינדער,
מיר טראָגן דיר אַ דאַנק פון טיפן, ריינעם האַרצן.

(„פאָרווערטס", דעם 4־טן מאַי, 1901).

אין ערעלשטאַטס צייטן האָט דער דיכטער נישט געטאָרט הנאה האָבן פון דער נאַטור. ער האָט זי פאַרהערלעכט. ער האָט די נאַטור־כוחות באַטראַכט ווי סימבאָלן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און ווען ער האָט באַדאַרפט שילדערן קאַמף אָדער צוקונפטיקן גליק, האָט ער די בילדער גענומען פון דער נאַטור. „דער הערלעכער מאַי" איז געווען זיין טרוים פון באַפרייאונג און שלווה, אָבער בשעתן קאַמף, בשעת די ווירקלעכקייט האָט דורכגעפרעסן דאָס ביטערע לעבן פון דעם ליידנדיקן, — דעמאָלט האָט דער סאָציאַלער דיכטער זיך נישט דערלויבט צו זינגען וועגן „בלומען אין מאַי". און טאָמער האָט זיך פון זיין האַרץ סתם אַרויסגעריסן אַ ליבטיק וואָרט וועגן פעלד און וואַלד, טייך און בלויען הימל, האָט ער גלייך זיך פאַרענטפערט פאַר דער דאַזיקער „ליריי־שער" שוואַכקייט, אָדער ער האָט אָנגעגעבן אין נדן, אַז דאָס אַלץ איז לעתיד־לבוא. און דערמיט האָט ער באַוויזן דעם ריס צווישן דער וואונדערלעכער נאַטור און דער טראַגישער ווירקלעכקייט. און ווייל דאָס לעבן פרייט זיך און ווייל אַלץ שפּילט אין וואונדערלעכע פאַרבן, דערפאַר האַסט דער פּאָעט דעם גורל פון שקלאַף און פון דער גאַנצער וועלט, וואָס איז איינגעטונקען אין בלוט. אָבער מער ווי אַלץ האַסט ער די, וואָס האָבן דאָס אַלץ גורם געווען — „די בלוט־זויגער און די טיראַנען".

אָבער אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט איז שוין מעגלעך געווען פאַר אַ פּאָעט צו דערקלערן, אַז — „איך קאָן נישט האַסן מער, ווען אַלעם לעבט און פרייט זיך", „מיט ליבע נאָר אַליין איז איצט מיין האַרץ פאַרנומען". און עס איז מעגלעך געווען צוגאַנג צו די טיראַנען־עקספּלואַטאַטאָרם: „איך ליב זיי ווייל ווי איך, אויך זיי זענען מענטשן, — און הערלעך שיינט די זון... דער זומער איז געקומען".

דער דאַזיקער נייער צוגאַנג איז נישט נאָר אַ ריין געזעלשאַפטלעכער. מען דערקענט אין אים אויך ריין־ליטעראַרישע סימנים. דער סאָציאַלער מאָטיוו ווערט שוין דאָ אָן זיין „צאָרן", וואָס „צינדט די געטער אָן מיט זייערע פּאַ־לאַצן", וואָס מחמת זיין כוח — „די קירכע שטירצט, דער גאָט צעשמעלצט, די שווערע קייטן פּלאַצן". דער סאָציאַלער מאָטיוו לעבט נאָך, אָבער ער ווייזט שוין סימנים פון מידקייט און ריין־יחידישע טענער הויבן זיך אָן צו הערן צווישן די לידער „פון קאַמף און בלוט". צוזאַמען מיט די שאַפּ־לידער, וואָס ראַלניק האָט אין יענע טעג געשריבן, קומען אויך לידער ריין־יחידישע. און אפילו די שאַפּ־לידער זענען ביי ראַלניקן פון אַ באַזונדערן מין. זיי זענען אָפט אַ געמיש פון סאָציאַלן און יחידישן מאָטיוו און אָפט זענען זיי אין גאַנצן יחידישע לידער.

געמיש פון סאָציאַלן און יחידישן מאָטיוו

דער „איך"־טאָן הערט זיך אויך אין די לידער פון די ערשטע סאָציאַליע אַרבעטער־פּאָעטן אין אַמעריקע. ער איז אָבער דאָרטן נישט קיין דאָמינירנדי־קער טאָן. ווען ער הערט זיך יאָ, ווערט ער אָבער פאַרלוירן אין די אַלגעמיינע טענער. אויב ווידער, ער איז צו־שטאַרק, קריגט ער —טאַקע מחמת דער גלי־איקייט פון די אַלגעמיינע טענער— אַן אַנדער גלאַנץ. ער איז נישט דער פּריוואַט־יחידישער קלאַנג, נאָר מער אַן אַלעגאָרישער. ער איז נישט קיין פּאַרטיקולאַרער טאָן, נאָר אַ משל.

ביי ראָלניקן ווידער — וואָס שטאַרקער עס ווערט ביי אים דער יחידישער טאָן, אַלץ מער ווערט ער פּריוואַט־יחידיש, פּערזענלעך. מיר זעען עס אַזוי, טאַקע מחמת דעם שקיעה־גלאַנץ פון דעם בין־השמשותדיקן סאָציאַלן ליד, וועמעס טענער וועבן זיך שוין צוזאַמען מיט די ריין יחידישע.

אין זיין ליד „היימוויי", למשל, געדרוקט אין „פאָרווערטס" דעם 27־טן אַפּריל 1901, איז דאָס נאָך נישט שטאַרק ניכר. זיין בענקשאַפט נאָך דער היים, וואו דער דיכטער איז געבוירן, איז טאַקע אַ יחידישער מאָטיוו. אָבער גלייך נאָך דער ערשטער סטראָפע —די ווענדונג צו ליטע,— קומען אַלגעמיינע לירישע באַטראַכטונגען. אַט הויבט ער אָן אין גאַנצן יחידיש:

אָ, ליטע, די געגנט וואו איך בין געבוירן,
וואו איך האָב מיין קינדהייט און יוגנט פאַרבראַכט,
ווי קלאַפּט עס אין האַרצן, אין דיר זיך דערמאָנענדיק,
ווי טייער דו ביסט מיר, ווי ליב, ווי געאַכט!

עס קאָן זיך מיט היים־וויי קיין ווי נישט פאַרגלייכן,
דאָס שיידט זיך דער גייסט מיט דעם קערפּער אויף אימער, —
און האָט נאָר דער וואַנדערער זיין היימאַש פאַרלאָזן,
דאַן פאַנגען זיך אָן פאַר אים יאָרן פון קימער.

עס לעבט זיך זאָ פריידלאָז, וואו איז די שפּראַך?
קאַלט קלינגען די ווערטער, אָן האַס און אָן ליבע, —
פרעמד זענען די מענטשן, די פּנימער שטרענגע
דערוועקן אין האַרצן געדאַנקען נאָר טריבע.

דער קלאַפּן און ליאַרמען פון וועגן, מאַשינען,
פון טויזנטער מענטשן דער הוזשען און ברומען,
פאַרדולן דעם מוח, צעטרייסלען די נערוון
פון דעם, וועלכער איינזאַמקייט ליבט נאָר און טרוימען.

און ווען ער דערציילט וועגן א פרילינג־אָוונט אין זיין היים, וועגן דעם „יום־טובדיקן אויסזען”, ווען עס „פאנגט איבעראל אָן צו שפּראָצן און בליען” נאָך די חדשים „פינצטערע וואָלקנס, טומאַנען” — גיט ער אונדז איבער, צוזאַמען מיט זיין געהויבענער איבערלעבונג, אויך א לעגענדע:

כ׳געדענק אזא׳ן אָוונט — די זון האָט געהאַלטן
ביים זינקען. ווי בלוט איז געווען רויט דער הימל.
די נאַכט איז געקומען מיט שטילזאַמע שריט,
און אַלעס פאַרוויקלט אין רוע און דרימל...

איך בין דאָן געשטאַנען אויפן באַרג און פון אונטן
האָבן געל־גרינע בלומען געבליט און געשמעקט —
ווי שיין און הערלעך די זינקענדיקע זון
האָט אַלעס מיט גאָלד און מיט פורפור באַדעקט!

פונעם צווייטן זייט באַרג איז געשטאַנען א פעסטונג
מיט פינף הויכע טורעמס, מיט גאָלדענע שפּיצן.
נאָר אַלט איז געווען דער שלאָס און צעבראָכן,
און וואָלט פון קיין פיינד נישט געקאָנט שוין מער שיצן.

ער דערציילט אונדז דעמאָלט וועגן דער לעגענדע, וואָס טראָגט זיך אַרום אין פאָלק, וואָס וועגן איר „זינגען די יונגע, און אַלטע דערציילן”, אַז דאָ האָט געלעבט א פריי פאָלק ציגיינער, „מיט פרייע מנהגים, און גאָר אָן געזעצן — א פאָלק אָן רעגירער, וואָס ווייס פון קיין קנעכטשאַפט”. זיי האָבן געלעבט א גליקלעך און פּראָדוקטיוו לעבן, ביז וואַנען דער שונא איז זיי באַפאַלן און חרוב געמאַכט זייער לעבן: „פאַרקנעכטעט די מענטשן, די פרייהייט פאַרניכטעט”. אָבער זינט דעמאָלט —

און אַלעס ווען שטיל איז און רואיק אַרום,
דאָן הערט זיך א קלאַפּן און רוישן אין טאָל —
דאָס קעמפן די גייסטער די טויטע אַנטקעגן
דעם בלוטיקן פיינד שוין פון יאָרן אָן צאָל.

נאָר אָפט מאָל פאַרנאַכט, ווען די זון האַלט אין זינקען,
און אַלעס אין פורפור און גאָלד איז באַדעקט,
דאָן בלישטשען די שפּיצן פון גאָלד און עס דאַכט זיך,
די זון האָט לעבן אין שלאָס אויך דערוועקט.

דאָ האָבן מיר א גוטן ביישפּיל ווי אַזוי בענקשאַפט רופט אַרויס ביים פּאָעט זכרונות — דאָס זענען אַלץ פאַרזונגלעכע טענער. אָבער די זכרונות

ווערן ווי א לעגענדע איבערגעגעבן אין א משל פון א פרייען פאלק, וואס איז שוין לאנג אומגעקומען און דאך קעמפן זיינע „גייסטער די טויטע אנטקעגן דעם בלוטיקן פיינד". דער פערזענלעכער מאטיוו וויגט זיך לאנגזאם אריבער אין א געזעלשאפטלעכן.

דעם צונויפוועב פון געזעלשאפטלעכן, אדער דעם ארבעטער־מאטיוו מיטן פערזענלעכן זעט מען נאך בולטער אין זיין ליד „אין טרוים" („פארווערטס", דעם 28־טן פעברואר 1901). אין אט־דעם ליד דערציילט דער פאעט ווי „דאס לעבן אין טרוים" איז פול מיט „יום־טובים, קאנצערטן און בעלער":

עס שפילט די מוזיק, און די הערלעכע טענער
בארוישן, באהערשן די מענטשלעכע זעלן,
אט קלינגען זיי טרויעריק־זיס מעלאנכאליש,
באלד רוישן זיי ווידער ווי ברויזנדיקע וועלן.

און טויזנטער לאמפן באלייכטן דעם טאנץ־זאל,
עס גיסן זיך טייכן פון ליכט און פון פייער,
עס טאנצן די פארלעך מיט גלאנצנדיקע אויגן,
די באקן ווערן רויטער, די הערצער אלץ פרייער.

דער דיכטער זיצט אין א ווינקל מיט זיין ליבסטער, וואס איז אליין א שטיק חלום, און טרוימט מיט איר:

..... פון גאלדענע שטערן,
פון הימלישע כרובים, מיט שניי־ווייסע פליגלען,
פון צויבערנדיקע אינדזלען, פון געטער, געטינען,
פון עלפן און נינפן, וואס טאנצן אויף היגלען.

מיר טרוימען פון וועלדער, מירטן, הדסים,
פון פראכטפולע גאלדענע שלעסער;
מיר שאפן א צוקונפט פון שיינקייט און ליבע;
עס וועט זיך דאן לעבן אי פרייער, אי בעסער.

פלוצים אבער „דערהערט זיך א שרעקלעכער ליארעם, א רעשן און קלינגען פון טויזנטער גלעקער". דאס האט דער וועקזייגער זיך צעליארעמט זעקס א זייגער פארטאג און ארויסגעיאגט דעם יונגן שקלאף אין דער שוויץ־פאבריק:

„דער שאפ, די מאשין, דער באס און דער זייגער,
זיי האבן צוזאמען פארפינצטערט מיין לעבן,
זיי האבן בייטאג מיר די זון אויסגעלאשן,
געמאכט שנעל אן ענד צו מיין יוגנט און שטרעבן".

אין אַן אַנדער ליד „אַ חלום איז די וועלט״ („פֿאָרווערטס״, דעם 23־טן מערץ 1901), זעען מיר דעם צונויפֿוועב פֿון אַלגעמיינע באַטראַכטונגען מיט אַ פּערזענלעכער טרויעריקער איבערלעבונג, וואָס מאַכט חרוב דעם יונגן טרוימער. די יוגנט־ליבע, ווי די יוגנט אַליין איז ביים דיכטער — „לעבן, האָפֿענונג, גליק און שטערבן״:

„טויזנט זונען האָט די יוגנט
און זיי שיינען אַל־צוזאַמען,
טויזנט לידער, און עס קלינגען
אַלע טענער מיט איין מאָל״.

און אויך צו אים, צום טרוימער, „איז זי אויך איין מאָל געקומען, דיזע געטין און אין חלום היים געקושט מיין קאַלטן שטערן״. אָבער די ליבע האָט אים פֿאַרראַטן און פֿון אים איז געוואָרן אַ שברי־כּלי, „אָן אַ ווילן און פֿאַרלאַנגען, אָן אַ פֿעאיקייט צו קעמפֿן״. און דער פּאָעט גייט אַריבער ווידער צו אַלגעמיינע באַטראַכטונגען ווי אַזוי מענטשן האָבן פֿאַרגעסן „ווי צו קעמפֿן און צו זוכן פֿאַרגעניגן און באַלוינונג אין דעם קעמפֿן זעלבסט און שטרייטן״, ווי אַזוי „ס׳פֿעלט צו לעבן לוסט און שטרעבן, און צו שטאַרבן פֿעלט אונדז מוט״.

דאָ דערפֿילן מיר ווידער אַ שקיעה־אָפּגלאַנץ פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן ליד, וואָס זיין פֿאַרגיין האָט מען שוין קלאָר געזען מיט אַ זעקס יאָר שפּעטער, ווי אויך די אַנטוישונג און רעזיגנאַציע פֿון די אָנקומענדיקע „יונגע״.

דער פּערזענלעכער מאָטיוו

די פּערזענלעכע לידער פֿון זיין פּאָעטישן אָנהייב דערנענטערן שוין אונדז צו דער געשטאַלט, ווי מיר שטעלן זיך איצט פֿאָר ראַלניקן. אין די פּערזענלעכע לידער, הגם זיי ווערן געהאַלטן אין אַ רעאַליסטיש ליכט, דערפֿילן מיר אין זיי ראַלניקס דיקציע, וואָס איז אונדז אַזוי וואויל באַקאַנט. דאָ האָבן מיר זיין פֿאַרטראַכטונג, זיין אופֿן באַטראַכטן דערשיינונגען, דעם שטילן שטראָם פֿון זיינע רייד, אַפֿילו די געפֿרעסטקייט, די געדיכטקייט פֿון זיינע שפּעטערדיקע לידער. צו זיי געהערן די לידער: „אוים היינע״ („פֿאָרווערטס״, דעם 3־טן נאָוועמבער 1900), „עראינערונגען אַן ש. ג.״ (דאָרט, נאָוועמבער 1900), „צו איר״ (דאָרט, דעם 17־טן אויגוסט 1901). אינעם ליד „מאָרגן־ליכט״ („פֿאָרווערטס״, דעם 7־טן יולי 1901) דערציילט דער פּאָעט וועגן זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, ווי אַזוי „אַלטע ליידן, אַלטע פֿריידן, אַלטע גליקן, לעבנס־לוסט

לעבן ווידער אויף אין הארצן, ווידער שטורעמט עס אין ברוסט", אלץ צוליב „נאר איין שטראל פון דיינע אויגן, פון דיין האנט א צארטער דריק". און ווען ער דערציילט וועגן די חלומות וואס עס וועבן די „צוויי היים־פארליבטע זעלן", ווערט דאס ליד פארוואנדלט אין א פאסטאראל, הגם דער פערזענלעכער טאן ווערט דא נישט אפגעמעקט:

און זיי שעפטשען זיך, דערציילן
פון א ווייטע, שיינע געגנט,
א גן־עדן וואס זיי האבן
אויף דעם לאנגן וועג באגעגנט.

דארטן בליען שיינע רויזן,
דארטן גרינען אימער מירטן,
אויף די פעלדער, אין די וועלדער
זינגען לוסטיק יונגע הירטן.

און עס טאנצן יונגע הירשן
אויף די הויכע פעלזן־שפיצן,
לייכט און רייצנד ווי די אינדן
און די גרויסע אויגן בליצן.

נאר דער פאסטוך יאגט די שיינקייט
אין דעם טיפן וואלד אריין. —
ליבסטע, ביסטו א יונג הירשל
לאמיך איצט דיין פאסטוך זיין.

אין גאנצן פערזענלעך איז דאס ליד „מעשה שטן" („פארווערטס", דעם 27־טן יולי 1901). דא דאמינירט שוין אין גאנצן דער „איך". ער דערציילט וועגן זיין יוגנט, זיין ווילן לעבן, זיינע באגערן שטענדיק „אלץ וואס שיין און גוט", זיין בויען „גאלדענע שלעסער". נאר דער שטן „מאכט קאטאוועס". וואס דער פאעט שאפט, צעשטערט ער, „מאכט עס באלד צו אש". און מיט די אייביקע טענות צו גאט, בלייבט דער יונגער דיכטער א פארצווייפלטער.

פול מיט טרויער און מרה־שחורה איז דאס ליד „אין חלום אין שאפ". ער גיט איבער די נישט־היימלעכע בילדער — „רואיק שטייען די מאשינען". א מין ברוין־גאלדענער שיין טונקלט ארום „דעם אלטן פעדלער". וואס „שלאפט... ביים הייסן אייוון". זיינע חלומות, פשוט אויסגעדריקט, פשוט און קלאר, שאפן אויך דאס געפיל פון אומהיימלעכקייט אין פינצטערן דלות פון א שאפ־ארבעטער. און דאס גאנצע ליד איז באמת א ריין־פערזענלעכע

איבערלעבונג פון אַ יחיד אַן ארבעטער, הגם עס קאָן אַנגעווענדט ווערן אויף אַ סך ארבעטער פון די שוויץ־פאַבריקן:

אין חלום און שאָפּ

שפּעט ביינאַכט איז עס געווען,
אַלעס איז געלעגן מאַכטלאָז,
נאָך אַ טאָג פון שווערער אַרבעט,
אין אַ האַרטן שלאָף.

שטיל, עס הערט זיך קיין גערויש נישט
פון עקספּרעסן און דעם דרויסן;
רואיק שטייען די מאַשינען,
און דער באָס, ער שרייט שוין מער נישט.

צוגעשלאָסן ביזן מאָרגן
שטייט דער שאָפּ. דער אַלטער פּעדלער
שלאָפט געשמאַק ביים הייסן אויוון,
וואו עס גליען נאָך די קוילן.

נאָר איך איינער בין געלעגן
שלאָפלאָז אויף די באַנדלעך העמדלעך —
כ'האָב געטרוימט מיט אָפענע אויגן
פון אַן אַנדער וועלט און לעבן.

כ'האָב געטרוימט פון מאָנד און שטערן
אין אַ שיינער זומער־נאַכט,
כ'האָב געטרוימט פון בלומען־דופט,
פון פּערלען־גלאַנץ און האַרפן־קלאַנג.

כ'האָב געטרוימט פון גליק און ליבע
אין שטילן דאָרף, ביים קלאָרן טייך,
פון אַ צאַרט געשטאַלט און גאָלדענע האָר
און פון שוואַרצע אויגן צוויי.

כ'האָב געטראַכט פון ברייטע פעלדער,
גאַנץ באַדעקט מיט ווייץ און קאָרן;
פון גרינע וועלדער, קינדהייטס יאָרן,
פון אַן אייביק יונגן מאַי...

(„פאָרווערטס", דעם 3־טן נאָוועמבער, 1900).

גאָר אַן אַנדער מאָטיוו, שוין נישט פון שאָפּ, נאָר אַ ריין־עפּיקורעאיש ליד איז דאָס ליד „איין מאָל לעבט מען", געדרוקט איז עס געווען אין „פאָרווערטס" דעם 29־טן יוני 1901. אין זיי הערן מיר שוין די טענער פון ראָלניקס צוקונפטיקע „האַפּיז"־לידער. און די לעבנס־באַטראַכטונגען ווערן שוין דאָ אויסגעדריקט אין דער צווייטער פּערזאָן. זיי ווערן דערמיט אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער „איך"־סוביעקטיווקייט, אָבער זיי בלייבן אין גאַנצן פּערזענלעך. אַ מין אַנאַקרעאָן־שטימונג טראָגט זיך פון ליד. ווען מען לייענט דאָס דאָזיקע ליד, פילט מען ווי דער פּאָעט שטייט דאָ גאָרנישט פאַרבונדן און איינגעגלידערט אין נאַטירלעכן סאָציאַלן לעבן, אין דעם לעבן פון אַ דערשלאָגענעם אימיגראַנט, פון אַן אַרבעטער אין די שוויץ־פאַבריקן, אין דעם סאַמען ברויז פון אַ ראַדיקאַלן לעבן, ווען די כוואַליעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געשלאָגן הויך. אַ זעלבסט־צענטרישער קוק אויף דער וועלט ווערט דאָ אויסגעדריקט ווי אַ סימפּטאָם פון יחידישקייט. עס ווערט אָפּגעוואָרפן אַלץ, וואָס איז אויסער די גרענעצן פונעם דיכטערס „איך". און ער זינגט: „טרייב מיט האַסט דיין לעבנס־צוג, גענים די גוטע צייט". און ווי כאַראַקטעריסטיש ראָלניקיש זענען די לעצטע צוויי שורות, וואָס פּאַסן זיך שוין דעם שפּעטערדיקן ראָלניקן: „עס בלייבט פאָר שלאָפן און פאָר רו, די גאַנצע אייביקייט".

איין מאָל לעבט מען

און ווען די בלום איז רייצנד שיין
און פריש און קלאָר די לופט,
דאַן שפּרינג און טאַנץ און פריילעך זיי
און שמעק די בשמים־דופט.

און ביסטו יונג און קרעפטן פול,
דאַן טרינק דעם שטאַרקן וויין,
און טרינק אים פיל, און זויף זיך אָן,
ווערסט צוויי מאָל יונג נישט זיין.

און איז דיין האַרץ נישט טרוקן נאָך
פאַר ליבעס-פרייד און שמערץ,
דאַן קלער נישט פיל, און לויף אַהין,
וואוהין עס ציט דיין הערץ.

און ליב און האָס ווי ווייט דו קענסט
און קאָכן זאָל דיין בלוט.
דיין האָס זאָל זיין ווי שטורעם-ווינט,
דיין ליבע — פייער־גלוט.

און שטיל דיין דאָרשט מיט דער מינוט
ווען לייִדנשאַפטלעך ביסט, —
נישט וואָרט אויף שפּעטער ווען עס איז,
נישט וואָרט, נישט האָף אומזיסט.

עס קומט דער טויט, דער קאַלטער טויט
און קיינער ווערט געשוינט,
און ווי דער קלוגער אַזוי דער נאַר,
זיי ווערן גלייך באַלוינט.

***

אַ, טרייב מיט האַסט דעם לעבנס-צוג,
געניס די גוטע צייט, —
עס בלייבט פאַר שלאָפן און פאַר רו
די גאַנצע אייביקייט.

פון דעם זעלבן זשאַנער, נאָר אין גאַנצן דורכגענומען מיט רעאַליסטישע בילדער — באַקאַנטע בילדער אין איינע פון די ניו־יאָרקער גאַסן אויף דער איסט־סייד — איז דאָס ליד:

אויף דער סעמעטערי

הויכע, גלאַטע מאַרמאָר-שטיינער,
צוויי, דריי שורות טויטן-שריפט,
געלע גראָז, צעדאַרטע בלעטער,
פון דער זייט אַ הויכער צאַם.

דאָס איז אַלעס וואָס דערציילט אונדז
פון די ביינער, וועלכע פוילן,
פון די לעבנס וועלכע שלאָפן,
אין דער קאַלטער, טויטער ערד.

רואיק שטייען די מצבות,
שטיל. קיין ווינט באַוועגט די בלעטער,
און פון דרויסן קאָכט דאָס לעבן,
ווי דער ווילדער אָקעאַן.

אייזנבאַנען, דאַמף-מאַשינען,
און פיל-טויזנטער מענטשן-שטימען,
פילן-אָן די לופט מיט קולות,
מיט אַ הילכיקן געשריי.

און איך פרעג מיך: איז דאָס מעגלעך,
טויטע זאָלן קאָנען שלאָפן,
רואיק בלייבן צווישן לעבן,
צווישן מענטשן — פוילן שטיל?

אין אַזוי פיל קאַך און טומל,
פון אַזעלכע דונער־קראַכן;
דאַרפן קברים אויך צעשפּרינגען,
טויטע דאַרפן אויך דערוואַכן.

(„פאָרווערטס", 9־טן נאָוועמבער, 1901).

דאָס נאָר־וואָס ציטירטע ליד איז געווען דאָס לעצטע ליד פון ראָלניקס „פרע־היסטאָרישער תקופה". דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" דעם 9־טן נאָוועמבער 1901, דעם טאָג, ווען ראָלניק האָט זיך געזעצט אויף דער שיף, וואָס האָט אים געפירט צוריק אַהיים.

דער פּאָעטישער פּעריאָד ראָלניקס, וואָס איז אונדז אַלעמען באַקאַנט, האָט זיך אָנגעהויבן אין 1907, ווען ער איז צום צווייטן מאָל געקומען אין אַמעריקע. דעמאָלט ווערט ער שוין דערנענטערט צו יענע פּאָעטן, וואָס האָבן דאָ געשאַפן דעם אימפּרעסיאָניזם אין ליד. אָבער ראָלניקס פּערזענלעכע לידער, און באַזונדערס זיין דערוויטערן זיך פונעם סאָציאַלן באַנעם, זיינע לידער „איין מאָל לעבט מען" און „אויף דער סעמעטערי", האָבן אַ סך באַריר־פּונקטן מיט די ערשטע לידער, וואָס ער האָט אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1907. אין די זעקס יאָר, וואָס שטייען צווישן זיי, האָט זיך נאָך מער אויסגעדרייפט דער ראָלניקשער רעאַליסטישער מאָטיוו, וואָס האָט אים געפירט צו יחידישקייט, צו זיין „איך"־וועלט, און צו ווייטערדיקע עטאַפּן, וואָס האָבן זיין יחידישקייט דערפירט צו אַן אוניווערסאַלקייט און צו סימבאָליזם.

(„די צוקונפט", נאָוועמבער 1948).

מנחם

דאָס אויסגעלייזטע ליד

„אונדזער לאַנד איז גרוי און אָרעם".
ראַלניק.

— 1 —

ברייט און פלאַך זענען די פעלדער אין גרויען לאַנד. מיט שווערן אומעט וואַלקנט זיך דער הערבסט איבער זיי, און דער זומער צעשפּרייט זיך מיט איינטאָניקער, איינפאַרביקער לאַנגווייליקייט איבער זייערע ווייטענישן פונאַנדער.

פאַרזייט זענען זיי מיט שטיינדלעך שטעכיקע, און גייט דער קאָרן אויף, רוישן טרוקן די זאַנגען, און נאָך טרוקענער און לאַנגווייליקער גרילצן די היישעריקן אין אים.

שמאָל און שלעפּערדיק, צווישן די גרויע פעלדער, קייקלען זיך ווי רויך די וועגן אַוועק. טרייסלענדיק זיך אין די אויסגעפאָרענע גריבער, שלעפּן זיך איבער זיי די דרענגלדיקע פורלעך מיט די כמורנע פויערים אין די גרויע אויסגעריבענע סערמיאַגעס. איינזאַם, אין מיטן פעלד פאַריתומט, שטייט ערגעץ אַ ווייסע בעריאָזע און לאָזט אונטערטעניק אירע אַראָפּגעהאַנגענע צווייגן ווינגן פונעם ווינט. בלויט זיך נעפּלדיק אַ וועלדל פון דער ווייטן, צעשווימט זיך עס שיטער אויף נאַקעט פאַר די אויגן, און דער גרינער מאָך אין אים איז פייכט און זינקעדיק.

און די טייכלעך, וואָס שלאָגן אָפּ מיט אַ מאַטן גלאַנץ צווישן די פעלדער, ציען פאַרגעסן און לאַנגזאַם זייערע טונקעלע וואַסערן. אַלט און אויסגעריבן זענען די קלעצערדיקע בריקלעך איבער זיי, און קלאַפּן אָפּ טעמפּ די רעדער און קאָפּיטעס איבער דער ווייכער אַלטקייט פון די קלעצער, באַגלייטן זיי מיט אַן אומעטיקן קוואַקען פון די זשאַבעס אין פויל־גרינעם שימל צווישן די ברייטע בלעטער און פאַרגעלטן טשעראָט.

נידעריק, ווי אין זיך אליין פארזונקען, זענען די גרויע שטעטלעך איבער דער פלאכקייט פון די פעלדער צעלייגט. אן איינזאמער בעטלער אויף א שטיין ביים וועג זאגט די נאענטקייט פון שטעטל אן. א פארלאזטע חורבה פון אן אלטער קרעטשמע ווייזט דעם צופאר צו דער הינטער־גאס, און עטלעכע קליינע הייזלעך מיט שטרויענע דעכער, האלב־שטעטלדיק, האלב־דארפיש, פירן אין דער גאס אריין.

עס טונקען זיך די רעדער אין דער פעטער שווארצקייט פון דער לוזשע אין גאס און לאזן שווארצע קלעפיקע צייכנס אויף די שטיקלעך שטיינער און ציגל, וואס זענען אין דער ברייט פון גאס פאר א דורכגאנג צעלייגט. דערהערט זיך דאס קלאפן פון די רעדער, רוקט זיך ארויס א מעל־פארשטויבטער ייד פון א קרעמל, א יידענע מיט א פארשמאלצענעם פארטוך, און אין שטילן געסל רייסט זיך מיט אמאל א געפילדער אריין:

— טשויעש! שטא מאיעש?

טרייסלט זיך דער פויער אפ אויף זיין גרויען אומפארביקן לשון און פארט ווייטער. צווישן טונקעלע הייזער מיט פארשימלטע שינדל־דעכער קומט דאס פורל ביזן צעטראטענעם פלאץ, וואו עס שטייען ביים ווייס־געקאלכטן פארקאן פון דער צערקווע פויערישע פערדלעך ביי די לייצעס צוגעבונדן, און די קעפ פון די פערד אין היי־זעק. דאנעבן א שטוב מיט א גאניק — די שטעטלשע שקאלע, און קעגנאיבער נאך א שטוב מיט א ברייטן גאניק, וואס דאס דעכל זיינס איז אויף צוויי שווערע, אמאל־געקאלכטע קלעצער אנגעשפארט, און ארום גאניק, צווישן פויערישע פורן און אנגעשאטענעם שטרוי טומלט עס פון פויע־רים פארכמורעטע און יידן פארזארגטע: דאס איז די אכסניה, דאס אריינפאר־הויז און שענק, דאס איינציקע וואכעדיק באלעבט ארט אינעם שטעטל.

און נאך א געסל אראפ — ווערן נידעריקער די הייזער, און מיט א פאר שווארצע שטרויענע דעכער צו דער ערד געבויגן, גלייכט זיך עס ווידער אויס מיט דער פלאכקייט פון פעלד, וואס גיסט זיך אין דער נעפלדיקער ווייטקייט מיטן גרויען הימל צונויף.

— 2 —

שווארץ איז דאס וואכעדיקע ברויט אין דעם לאנד און אויסגעדארט דער טרוקענער הערינג, און דער יום־טובדיקער ברויט איז גרוי און דראבנע־גליטשיק די שבתדיקע פישלעך. אין שווארץ־גרויע ליימענע כלים, געלאטעטע און גע־דראטעוועטע, קאכט מען דעם קארטאפל־קרופניק, און דער רויך וואס שלאגט פון אונטערן דרייפוס ארויס, מאכט שווארץ דעם אמאל־געווייסטן אויוון, מאכט

גרוי דעם נידעריקן באַלקן און די ווענט און פאַלט מיט סאַזשע־שטויב אויפן ווייסן בעט־לײַלעך. זוכן די שוואַרצאַפּלען זיך צו פאַרדעקן פאַרן רויך, און — צום גרויען באַלקן, צום שוואַרצן קוימען און טונקעלען שטיבל געוואָוינט — פאַרגעסן דערנאָך די אויגן, ווי זיך צו עפענען דעם הימל אַנטקעגן. און אין דער טונקלקייט פון די ווענט, אין דער עסעדיקייט פון דער געדיכטער לופט ווערן די פנימער גרוי, אין דער נידעריקייט פון שטוב ווערן די באַוועגונגען שמאָל און זייטיק, דער קאָפּ געבויגן, און אין דער ענגשאַפט פון די ד׳ אמות ווערן שטיל און פאַרזיכטיק די טריט.

בלאַנדזשעט מען אום מיט פאַרזיכטיקע טריט, מאָגערע פנימער און האַלב־געשלאָסענע אויגן פון טונקעלן שטיבל אין דער אומעטיקער גאַס און פון אומעטיקן געסל אין טונקעלן שטוב, און פון דער פאַרזאָרגטקייט ציט זיך אויף די פנימער אַרויף אַ ביטערניש, וואָס שטויסט אָפּ און שרעקט. קוקט אַ קינד אין פנים אַריין דעם טאַטן, האָט עס מורא דאָס קולכל לאָזן הערן, פון זיין ווינקל אַרויסקוקן — שטיקט זיך עס שטיל און שווייגט. וויל זיך אַ קינד צו אַ מאַמעס קני צודריקן, איז אַ מאַמע אייביק פאַרצוגט און פאַרפאַרעט, שטויסט זי נישט ווילנדיק אָפּ דאָס קינד פון זיך, און מיט אַ פינגער אין מויל פאַרביסן רוקט זיך אַ קינד אַרויס פאַרן טיר, און קוקנדיק מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אין קויטיקן געסל אַריין, לערנט זיך עס זיין טרער און האַרציקייט־באַגער אין זיך צו דערשטיקן און באַהאַלטן.

צווישן אייגענע טאַטע־מאַמע, ווי צווישן פרעמדע, וואַקסן אוים די קינדער אין גרויען לאַנד, אין טאַטע־מאַמעס שטוב — ווי יתומים וואַקסן זיי.

מיט טאַטע־מאַמע ביי איין טיש אויף די קרומע בענקלעך זיצן זיי, פון איין שיסל עסן זיי, ביי איין נאַכט־לעמפּל אויפן וואַנט דרימלען זיי אין די כמורנע אָוונטן און צוזאַמען אין די בעטן שלאָפן זיי — אָבער יתומים זענען די קינדער דאָך. נישט בלייך, נאָר גרוי זענען זייערע פנימלעך, ווי ביי יתומים. שטיל און פאַראומערט שפּרינגען זיי אום אויף זייערע קינדערשע וועגן, און צעשטיפּט זיך אַמאָל די קינדערשע לוסט, דאַכט זיך, אַז דאָס האָט זיך אַ דער־וואַקסענעם, אַ פאַרזאָרגטן פלוצלינג פאַרוואָלט אַ שטיף טון אוים קנאה צו די לוסטיקע לייט, אָבער באַלד וועט ער זיך פאַר זיך אַליין פאַרשעמען און מיט אַ אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך לאָזן וואַגלען אין זיין אומעטיקן וועג.

זעענדיק, הערנדיק און שווייגנדיק וואַקסט ער, און ווען ער הויבט אָן די וועלט אַרום זיך מיט געדאַנק און געפיל אויפנעמען — ווי נעמט ער זי אויף?

זעט ער ביים שכן אַ בחורל: לויפט גאַנצע טעג אַרום, „שלאָגט די קליינע ברידערלעך און די בת־יחידה רייסט ער פאַר די האָר; עסן עסט ער, ווען ער וויל, גייט אַליין צום טאָפּ, פון געפּרעגלטס, איינגעמאַכטס זאָגט ער זיך

נישט אָפּ" — זעט ער אַזאַ בחורל — רעגט עס אים אין זיין דערשלאָגענער איינגעהאַלטנקייט, אָבער אין דער שטיל, פאַר זיך, איז ער אים מקנא — זיין אייגן האַנט וועט נישט גיין גלייך צום טאָפּ, זיין אייגענער אָרעם וועט נישט אָנכאַפּן אַ מיידל צו קושן זי, און קומען וועט ער נישט שפּעט אַהיים, ווייל ער ווייס, אַז דער טאַטע דאַרף זיך פון בעט אויפהייבן אים די טיר צו עפענען.

פאַלט אויס אַ שניי, און איבער נאַכט בויט אויס דער פראָסט אַ ווייסן בריק איבערן פעלד, און ער דערזעט איבערן שמאָלן וועג אַ פינטעלע, וואָס טאַנצט איבער דער ווייסער ברוסט פון דער ערד און אַ גלעקעלע קלינגט פון דער ווייטן אָפּ — ווייסט ער: דאָס פאָרט אַ סוחר פון שטאָט, טראָגט אַ וואַרעמען פעלץ און פירט אַ בוזעם מיט געלט. און אין דער קעלט וועלן זיך באַלד שטעלן יורידן, עס וועלן אין שטעטל אָנקומען פּריצים און גויים און יידן און מען וועט געבן צו לייזן פאַר סחורה. און טוט אַ בלאָז אַ וואַרעמער ווינטל, עס באַוועגן זיך די פאַרהענגלעך אויף די פענצטער און פייכטער ווערט די איינגעפרוירענע בלאָטע פון דער גאַס — ווייסט ער: „עס שמעקט מיט בראָנפן און פרנסה".

ווי זאָלן דען און ווי קאָנען דען אַנדערש אויפנעמען דעם בלאַנקן שיין פון ווינטער־שניי און דעם מילדן הויך פון זומער־ווינטל די דערשלאָגענע קינדער פון גרויען לאַנד, די יתומים פון דלות־לאַנד?

— 3 —

שטאַרבן טאַטע־מאַמע ביים קינד פון יתומים־לאַנד — אַ דאָפּלטער יתום ווערט ער און מוז זיין פרעמד־געוואָרענע היים פאַרלאָזן צו גיין אויסוואָגלען זיך אַ וועג אין דער קאַלטער פרעמדקייט.

קיינער באַגלייט אים נישט אין זיין וועג. די אַלטע קאַץ נאָר קוקט, ווי ער פּאַקט אין קעשענע זיינע תפילין און ברויט, ווי ער נעמט דעם שטעקן אין האַנט און זי באַגלייט אים מיט אַ שטומען בליק איבערן שוועל. עס איז פרילינג. דאָס שטעטל איז לעבעדיק. פויערים זענען אָנגעפאָרן, יידענעס־קרע־מערקעס שטייען אין די טירן, קינדער פּלאָנטערן זיך אום צווישן וועגענער און אויף דער גאַס — קוקט זיי נאָך דער יתום — עס ווילט זיך דאָך מיט וועמען עס איז געזעגענען, ווען מען פאַרלאָזט די היים. פאַרטון זענען אָבער די גרויסע אין מסחרן, די קינדער אין שפּילן זיך, און פאַרשעמט פאַר זיין צעוויינטן געמיט, דרייט זיך דער יתום אויס מיט זיין זייטיקן וועג און לויפט פון זיין היימישן שטעטל אַרויס.

ס'איז פרילינג. אַ לייכטע פאַרע הויבט זיך פון די פעלדער, אין לייכטע

צעוואָרפענע וואָלקנדלעך ציען זיך איבער דער לויטערקייט פון הימל. א קאָטש, איינגעשפּאַנט אין אַ פּאָר פערד, לויפט־אָן אויפן וועג, און עפּעס אַ מיידל אין האַלב־לייכטן פרילינג־אַנטון זיצט אין קאָטש — אַ פּריצישע טאָכטער מסתמא. ביי די זייטן דאָס פעלד איז אין שוואַרצע זאַפטיקע שטיקער צעגראָבן. עס ציען זיך אַ פּאָר אָקסן איינגעשפּאַנט אין אַקער־אייזן, און דער פּויער, מיטן העמד איבער די ברייטע הויזן, שלעפּט זיך נאָך. אָט גייט נאָך איינער מיטן קוישל אין האַנט און פּאַרזייט זיין שטיק לאַנד. ווייטער, אויף אַ בערגל האָבן זיך צוויי פּאַסטוכער צעלייגט, גיבן אַכטונג מיט אַ ווינקל אויג אויף זייערע שאָף און וואַרעמען זיך אויף דער זון. עס טוט יעדערער זיין זאַך און ווייס, צו וואָס ער טוט עס, און עס האָט יעדערער זיין היים, וואוהין ער וועט נאָך דער אַרבעט קומען. וואוהין גייט אָבער דער יתום און וואוהין וועט ער קומען, ער, וואָס פאַר דער גאַנצער וועלט איז ער אַ פרעמדער?

איינער איז ער אין דער גאַנצער וועלט — הויבט זיך אים אָן דאַכטן, אַז גאָר די וועלט איז קעגן אים. טוט זי אים עפּעס, די וועלט? גאָרנישט! איין זאַך נאָר — זי באַמערקט אים נישט. אָבער אין דער שטילער פאַרביטערטקייט דאַכט זיך אים, אַז זי טוט נאָר און רייצט זיך מיט אים.

אים דאַכט זיך, אַז וואו נאָר ער גייט, איז אַ שמחה, אַ פריידן; אַז וואו נאָר ער טרעט — אַ חתונה־קלייד; אַז וואו נאָר אַן אויג ער באַגעגנט — עס שטראַלט. און ער נאָר איינער איז אויף די שמחות נישט געלאַדן, אים נאָר איינעם דאַרף מען נישט דאָרט.

די ערד, וועלכע ער וויל, ווי מיידלשע אָקסלען באַרירן, באַפּוצט פאַר זיינט־וועגן איר בוזים מיט שטיינדלעך. און איבער די שטעכיקע שטיינדלעך גייט ער, אַ בעטלער מיט זיין טאָרבע, גרייט יעדע מינוט אומצופאַלן אויף לייטיש געלעכטער און שפּאָט, און נדבות, וואָס מענטשן שענקען אים, זענען בלויז — זילזולים.

אָבער קאָן דען אַנדערש זיין, ווען פון דער גרויער היים האָט ער אין וועג אַריין מיטגענומען נאָר די שטילע טריט, די זייטיקע באַוועגונגען און די שטילע מורא, וואָס האַלט אין איין שעפּטשען: רעד נישט הויך? ווען די אייביק־גרויע טעג האָבן אין אים אַ יאוש איינגעפלאַנצט, און ער קאָן נישט גלויבן, אַז פון זיינעטוועגן שיינט עס די זון, פאַר אים האָט זיך דער הימל אויסגעבלויט, פאַר אים דאָס פעלד אין גאָלד און גרין זיך איינגעדעקט?

און אַז ער וואָגלט אויס די פרעמדקייט און געפינט אַן אָפּרו — וואו איז זיין היים? אַ קליין צימער מיט שוואַרצע ווענט און אַ שוואַרצן באַלקן, מיט אַן איינגעהויקערטער טיר און אויסגעבראָכענע שויבן — אַ קליין צימער, אין וועלכן ס'איז „פינצטער, ווי אין קבר”. דאָרטן וואוינט ער מיט נאָך אַ בחור,

שלאָפן אין איין בעט, קלאַפּן ביידע אויף די ניי־מאַשינען, קומען אַפּ אַ מיטאָג מיט אַ הערינג און אַ קעזל און מען פינצטערט דאָרט אַפּ די טעג. צו אַל־די גוטע יאָר! דאָס צימער איז דאָך ערגעץ אין אַ הויז, דאָס הויז שטייט דאָך ערגעץ אויף אַ גאַס אין אַ שטאָט, און די שטאָט איז דאָך גרויס, פּילפּאַרביק און פילטאָניק! איז פינצטער דאָס צימער — איז דאָך ליכטיק די גאַס, די שטאָט, די וועלט! דער יתום אָבער —האָט קיין פּאַריבל נישט!— פאַרמאָגט נאָר איין פּאָר הויזן בשותפות מיט זיין חבר. און דעריבער מוז ער קוקן, ווי יענער טוט אָן אַ ווייסן קראַגן מיט אַן אַלטן שטרויענעם הוט און גייט פאַר־ברענגען אין אַ שטוב, וואו עס זענען דאָ מיידלעך מיט אַ פּאַרטעפּיאַן. דערי־בער מוז ער בלייבן זיצן ביים חלב־ליכטל און טראַכטן, אַז דאָס איז אַ מתים־ליכט, און מתים זענען די שאָטנס וואָס וואַקלען זיך אויף די ווענט.

אַזוי לעבט זיך אַן איינזאַמער בחור מיט ליפּן פאַרדורשטע, פאַרהונגערטע אויגן, מיט ליידן און פריידן, באַהאַלטן אין האַרצן, וואָס זינגט און וויינט נישט זעלטן, אָבער נאָר פאַר זיך, שטיל און באַשיידן — אַז קיינער זאָל נישט הערן און נישט וויסן. דערמאָנט ער זיך אַמאָל אָן גאָט און וויל פאַר אים דאָס האַרץ אויסריידן, לויפט ער צום שיל אוועק באַגינען, ווען קיינער זעט נישט, אָבער די וועלט, די אייביק שלעבטע וועלט, שטעלט זיך אים אויך דאָ אַנטקעגן און פאַרלויפט אים דעם וועג. פאַרקלייבט ער זיך ווידער אין זיך, בויט פון זיינע אייגענע חלומות אַ שיל אויס און בעט. וואָס בעט ער? שפּעטער אַמאָל, ווען דער שמייכל פון ביטערער קלוגשאַפט הויבט אָן שוועבן איבער זיינע ליפּן, דערציילט ער אַזוי זיין געבעט:

— קעניג פון אַלע וועלטן, נישט גרויס איז מיין פאַרלאַנג. באַשער נאָר מיין טאָג מיט ברויט און פּוטער און מיין נאַכט מיט אַ געטרייער בעט.

— איך וויים, —שמייכלט די קלוגשאַפט,— אַז צו־נישטיק איז מיין פאַרלאַנג און עס פעלט אים ברייטקייט און שוואונג. פאַר דיר אָבער האָט דאָך גאָלד און בליי דעם זעלבן קלונג.

— זאָל דעריבער אין כאָר פון די שרייענדיקע מאַנער פאַר דיר נישט פאַרלאָרן גיין מיין געבעט!...

דאָס געבעט פון עלנטן וועגן —

— 4 —

— ברויט מיט פּוטער!

אין יענער צייט דערוועקט זיך אין עלנטן בחור דער באַהאַלטענער מיידל־חלום. אַן אומרואיקייט וועבט זיך אין די נעכט אריין און פאַרטרייבט דעם

שלאָף פון די אויגן. עס איז שוין נישט מער דער נידעריקער צוקאָפּנס, די צעריסענע קאָלדרע און דער הונגער, וואָס פּלאָגט — אַלטע, צוגעוואוינטע זאַכן! נאָר עס האָט שטיל אויפגעפלאַמט אַ ליכטל אין הארצן — און עס קאָן מער נישט רוען.

דורך די קליינע קעלער־שייבלעך פון זיין פינצטערן צימער האָט ער אַ מיידל דערזען מיט לאַנגע, בלאָנדע צעפּ און בלויע אויגן, אַ טאָכטער פון אַן אַלטער מאַמען, וואָס וואוינט, ווי ער, אין אַ קעלער־שטיבל. אויב אָבער פאַר אים אַליין איז זיין אייגענע וואוינונג אַ פינצטערער קבר, ווערט דאָס קעלער־שטיבל, אין וועלכן זי וואוינט — אַ פּאַלאַץ, ווערן די בלאָנדע לאָקן אַרום איר קאָפּ — אַ גאָלד־קרוין, ווערט איר נאָמען פּרינצעסין! אָבער נאָר ווי אַ חלום פון דער ווייטן גייט דאָס מיידל פאַרביי, און נאָר אַ געדעכעניש אַ ווייטע בלייבט פון אַ גאָלד־באַלאָקטער פּרינצעסין.

עס קומט אַ צווייטע, אַ דריטע — נאָר שוין נישט פון דער ווייטן, נישט ווי קיין חלום. נאָענט גייען זיי צו צום איינזאַמען בחור, קלאַפּן אין זיין טיר, קומען אין זיין צימער.

אָט וואַרט ער אויף איר קומען. אין ציטער פון דלות, וואָס האָט זיך אין אים איינגעוואָרצלט, זאָגט ער איר אָן: „צי אָן אַ ווייסע העמד און וואַש דיר ריין די פיס!" אַ רויטע בלום הייסט ער איר אין האַנט נעמען, שטיל אָנקלאַפּן אין זיין טיר און מיט בלינדע אָרעמס פאַלן אין זיין שויס.

אָט גרייט ער זיך זי אויפצונעמען. גייט ער ציטערדיק אַרום איבערן קליינעם צימער, קלייבט עס צו — און דאָס הארץ ציטערט אין פאַרגעפיל פון איר צערטלען, קושן און אומאַרמען — אַ יום־טובדיקייט זינגט פון אים אין צימערל אַרויס: זי וועט קומען, זי וועט קומען!

און אָט קומט זי. שטאָק־בלינד די פענצטער פאַרמאַכט ער, דריי מאָל די טיר פאַרשליסט ער, און אויף די קני פאַרן בעט פאַלט ער, פאַרן בעט, וואו ס'דאַרף הייליקעם געשען. אָבער ווען דער מאָרגן שלאָגט זיך דורך די פאַר־שלאָסענע פענצטער אַדורך, קוקט ער זיך אום, אַז ער האָט די נאַכט, וועלכע ער האָט פאַרגעפילט אין אומאַרמונגען, בלויזן לייב און ליבע־יום־טוב, — אַז ער איז די גאַנצע נאַכט אָפּגעשטאַנען אויף די קני אין שטילן געבעט.

גייען אוועק די מיידלעך פון אים, קומען נישט מער צו אים. און ווידער גייט ער אום אַן איינזאַמער, אַ ליבנדיקער און נישט־געליבטער.

שטייט ער ביים טיר פון זיין געליבטער, קלאַפּט און קלינגט — אָבער קיינער ענטפערט אים נישט. איז זי נישט אין דער היים און פילט נישט פון דער ווייט, אַז אויף די טרעפּ פאַר איר טיר וואַלגערט זיך אַ הארץ? אָדער זי וויל די טיר נישט עפענען?

גייט ער זי זוכן. קלאַפּט ער אין טיר און טויער, פאַרקוקט אין פרעמדע פענצטער, פרעגט ביי פרעמדע לייט — האָט ווער זיין געליבטע נישט געזען? ענטפערט אים אַן אַלטע פרוי: נעכטן איז זי דאָ געווען! קושט ער די אויגן דער אַלטערס, וואָס האָבן זי געזען און גייט ווייטער בלאָנדזשען.

קומט ער צו אַ טיר, הינטער וועלכער ער זיצט. ווייסט זי, אָדער ווייסט זי נישט, אַז ער וואַרט אויף איר? ניין, עס אַרט איר נישט. שטייט ער שעהן־לאַנג און זיין וואַרטן און זיין רופן וועקט דעם אַלטן נאַכט־הונט אויף.

און ווידער שווימט אויף אין איינזאַמען בחור דאָס פאַרשטויסענע געפיל פון יענע טעג, ווען ער האָט זיך געזען, ווי אַ בעטלער, קלייבנדיק די ברעקלעך פון פרעמדן טיש, און ער בעט הינטערן טיר: אויב דו האָסט שוין דיין האַרץ צעטיילט פאַר אַנדערע — שענק מיר כאָטש אַ חברישן אָרעם. בענטשן וועל איך דיך דערפאַר אייביק — און דו ווייסט דאָך: פון אַן אָרעמאַן אַ ברכה, ברענגט די שפע פאַר דער טיר.

אָבער דאָס מיידל הערט נישט — מיט אַן אַנדערן גייט זי אַוועק. זי ווייס — יענער וועט די נאַכט אין בעטן נישט פאַרברענגען, יענער וועט איר אפשר גאָלד און פערל שענקען. און ער, מיט וואָס קאָן ער פאַר איר ליבע באַצאָלן? און ער בעט: מיידל, מיידל! כ׳האָב קיין פערל און קיין גאָלד דיר נישט צו געבן — וואָס כ׳פאַרמאָג, איז נאָר מיין לעבן — נעם די לעצטע יאָרן צו פאַר אַ ביסל פריידן!

דאַרפן דען מיידלעך־שטיפערקעס דאָס לעבן פון איינזאַמע בחורים? נישט קיין קרעלן אויפן האַלדז, נישט קיין פערל אין די אויערן קאָן מען פון זיי מאַכן. פאַרמאָגט ער דען גאָרנישט, מיט וואָס ער זאָל קאָנען די מיידלשע אויגן פאַר־בלענדן, איר האַרץ רירן?

און אין אומרו פון ליבע זוכט ער עס און געפינט: ער וועט אַזוי לאַנג אַטאַקירן דאָס מיידל מיט לידער (אַ דיכטער איז ער דאָך!), ווי מען אַטאַקירט מיט קוילן אַ פיינטלעכע שטאָט, ביז ער וועט צעברעכן די טעמפּלען פון איר ליבע, אומוואַרפן אירע געטער, אָנצינדן דאָס האַרץ אירס — און זאָל זיך דאָס בלוט גיסן — זיינס מיט אירס צוזאַמען!

אהא! דער, וואָס קלייבט די ברעקלעך פון פרעמדן טיש, האָט זיין אינ־האַלט און אָנהאַלט געפונען, זיין כוח, זיין שטאָלץ דערפילט. און אין שמערצ־לעכן פייער פון ליבע הויבט ער אָן זיך אַליין צו זען אַ באַלויכטענעם, ווי ער האָט אַמאָל מיט זיין ליבע באַלויכטן דאָס מיידל פון קעלער־שטיבל און איר קאָפּ מיט אַ גאָלד־קרוין באַצירט.

אמת, יענע דאָרט, די גליקלעכע, גייען איבער בלומען־ווייכע וועגן, און

זיין וועג איז זאַמדיק און שטויביק. אמת — זיי וואוינען אין גרוימע חדרים מיט טישן און בעטן רייך געגרייט, און ער לעבט אויף לייטיש געלעכטער און שטאַרבן וועט ער אפשר ערגעץ הינטער אַ פּלויט. אמת — זיי לעבן אָפּ אַ קייט פון לאַנגע יאָרן אין וואוילטאָג און צופרידנקייט און אים באַגלייט פון וויגל אָן דער דלות און עלנט — אָבער לידער האָט ער, כאָטש מיט בלוט באַשפּריצט, און אפשר ווייל מיט בלוט באַשפּריצט — געהערט זיי די אייביקייט!

אין אייגענעם אויפגעשיינטן ליכט עפענען זיך די אויגן. דאָס קליינע צימער איז שוין נישט מער קיין קבר — ער האָט זיך אויסגעלערנט פון פענצטער אַרויסקוקן. דאָס מאָל איז עס אַ דאַך־שטיבל, און וואַרפט ער דעם בליק, דערזעט ער לאַנגע גאַסן, וואָס ווימלען מיט מענטשן, קליינע, ווי די פליגן. ס'לויפן באַנען, און לויפן זיך פונאַנדער אים צו די פיס, עס רוישט אַ שטאָט און עס ציט זיך אוועק פאַר אים די ברייטע ווייטקייט — איז דען נישט זיינע אַ האַלבע וועלט? איז ער דען נישט אַ קעניג?

געוויס אַ קעניג! ווען אין ליכט פון די געעפנטע אויגן הויבן זיך אָן פונאַנדערוויקלען די ברייטקייטן פון די דורכגעוואַנדערטע לענדער — ווערט מען דען נישט קיין הערשער איבער לענדער, וואָס ציען זיך אוועק אויף טויזנטער מיילן? ס'מאַכט נישט אויס, וואָס אַליין האָט מען נישט וואו אַ שעה צו פאַרווײַלן! ווען עס שווימען אַרויס די חלומות וועגן רום און גרויסקייט — זעט מען דען נישט קיין שטעט, וואָס קומען אַרויס אַנטקעגן באַגריסן? ס'מאַכט נישט אויס, וואָס מען שלעפּט זיך אום איינזאַם און אָפּגעריסן! און ווען עס שטייגן אויף די טרוימען פון די בלוט־פאַרציטערטע נעכט, איז מען דען נישט קיין האַר פון אַ האַרעם פול מיט יונגע, שלאַנקע פרויען! געוויס — אַ האַר און אַ קעניג!

— 5 —

האָט דאָס קעניגלעכע אין זיך אַנטדעקט דער בעטלער, איז מענטשלעך געוואָרן דער איינזאַמער זון פון דלות־לאַנד.

פאַרן אויג, וואָס האָט אייגענע טרוימען און לענדער דערזען, זענען אויך ביכער און דורות אָפּן געוואָרן. ער איז שוין נישט מער דאָס אָרעמע יינגל, וואָס מיט אים, איין־איינציקן, רייצט זיך גאָר די וועלט. אַזעלכע ווי ער, זענען געווען, זענען דאָ און וועלן זיין. אָט איז אויך אַ דיכטער געווען, אַן איינזאַמער און פאַרלאָזטער פון זיין לאַנד און פאָלק. זיין אָרעם צימער און אָרעם מעבל מיט גאָלד־פּאַפּיר אויסגעקלעפּט און פון הונגער און לייד אויסגעפּייניקט, רופט ער צום איינציקן בלינדן באַשעפעניש, וואָס מיט אים, צו דער אַלטער קאַץ:

גיי, מונטער־אויף דאס לאנד, שטורעם דאס פאלק און זאג זיי: דער קעניג איז עלנט, דער קעניג איז אין נויט!

ער איז שוין נישט מער דער דערשלאגענער אין זיין עלנט. מיט אים צוזאמען זענען אלע פארחלומטע גייסטער פון דער וועלט, וואס האבן געמוזט אין איינזאמקייט זייער וועג דורכמאכן. אבער אין זייערע טונקעלע צימערן, אין זייער פארשטויסנקייט, האבן זיי א גאנצע וועלט פון חלומות און געזאנג פארמאגט, האבן זיי ערד און הימל מיט אלדאס פראכט אין דער לענג און ברייט אויסגעמאסטן, זענען זיי צום הארציקסטן דערגאנגען און קעניגן געווען. און קענען זיי איז די וועלט, די צופרידענע און זאטע, וואס קוקט זיך נישט אום אויף זיי, און קומט זי אמאל אין בארירונג מיט זיי, איז נאר צו פארשאפן זיי ליידן און שמערץ.

איינער פון די אויסדערוויילטע, פון די גאט־באצייכנטע און גאט־באשטראפטע ווערט ער. און קומט ער צום באוואוסטזיין דערפון, עפנט זיך פרייער דער קוואל פון דער קלוגשאפט פון איינזאמען, וועלכע ער האט נאך אלס קינד פון יתומים־לאנד אין זיך איינגעזאפט, און דער שמייכל פון קלוגשאפט שיינט־אויף אויף די ליפן.

וואס איז? דאס מיידל האט נישט ליב? נארישקייטן! עס וועט קומען אן אנדערע, א דריטע. אט גייט ער און הענגט אויס א צעטל: ס׳איז דא א וואוינונג צו פארדינגען אין א הארצן. און טאמער אנטלויפט די שכנה און באצאלט נישט — אויך נישט קיין געפאר — ער איז שוין געוואוינט דערצו.

און טוט אים שלעכטס דאס מיידל — ער וועט נאר דאס גוטס געדענקען. צי קאן מען דען ווערן א שונא פון צוויי קינדערשע הענטלעך און אויגן, וואס זענען נאר צום גלעטן און בעטן באשאפן?

און שטארבט ער—וועט איין מיידל קויפן א האלב טוץ טיכלעך מיט שווארצע זוימען און לאזן דערין פאלן א האלב טוץ טרערן — א דאנק איר דערפאר! און די אנדערע וועט צוויי טעג נישט עסן, צוויי נעכט נישט שלאפן און אויפן דריטן טאג פארגעסן אן אים — זאל איר גאט מוחל זיין אלע אירע זינד און זאל זי ווייטער אזוי איר לעבן דורכטאנצן אן טרערן און זארג.

ווייכער, באהארצטער, געמיטלעכער הויבט זיך אן צו ריידן. און די פארביטערטקייט, וואס קומט אין א שווערע מינוט, ווערט קליגער און שמייכלענדיקער דאס שארפעווארט. עס איז שוין נישט מער עלנט, נאר איינזאמקייט, און דער איינזאמער איז שטאלץ, און שטאלצע קלוגשאפט שמייכלט.

און די איינטאניקע לאנגווייליקייט פון פינצטערן צימער טרעט אפ איר ארט דעם ווייטאגלעכן אומעט, און אנשטאט דער ארעמער קלאג־ליד פון עלנטן

קומט ביים איינזאמען דער טרויער, מענטשלעכער טרויער אויף אייגענע און פרעמדע וואכעדיקע טעג, אויף דער שטומקייט פון ווארט און קאלטקייט פון דער וועלט, וואס פארגליווערט דעם ווייטאג אין זיין באהעלטעניש און צווינגט שטילערהייט אויף הינטערשטעגלעך דעם לעבנס־וועג צו פארענדיקן.

מענטשלעך ווערט דאס טראכטן און פילן — און עס באקומט אן אינהאלט און זיין אלץ, וואס קער זיך אן מיט מענטש און גאט. שניי אויף די פעלדער, קינדער, וואס שפילן זיך, מענטשן, וואס זיצן איבער ביכער, פרילינג, וואס גרינט זיך פונאנדער — אין אלץ ליגט עפעס פון פרייד און טרויער, מענטש־לעבן און געטלעכן. קומען ארויף אין זכרון די בילדער פון דער אלטער היים, פון גרויען לאנד, שפילן זיי אין פארבן און שמייכלען, אין זון־שיין און ליכט. פריי דאס אויג, פריי די האנט און דאס ווארט, כאטש דורך א זיפ פון טרויער דורכגעזייט, לייכט און פריי.

ווייל פריי איז דער מענטש געווארן, און זיין אויג ווענדט ער שוין איצט נישט די, וואס וואוינען אין באקוועמע שטיבער, נאר צום „טרעמפ", צום היימלאזן, וואס די ערד איז זיין געלעגער, דער הימל זיין צודעק, דער רעגן נעצט אים, די זון טריקנט אים, וואס לעבט, ווי אין וואלד לעבט דער פויגל און ווערט פון גאטס דרויסן געגערט.

ביז אין זיין איינזאמקייט און מענטשלעכן טרויער געפינט ער זיין לעבנ־בילד פון פאר דורות. שוין נישט קיין קעניג איז דאס מאל זיין עבענבילד; נאר דער בעטלער, וואס אנטפלעקט מיט אמאל זיין שטאלץ, מוז עס מיטן שארפסטן קעגנזאץ באצייכענען און זיך אלס קעניג אויסרופן. א פרייער איינזאמער איז ער, און אין מענטשן, פריי און איינזאם, אין דיכטער איינזאמען זיין עבענבילד געפינט ער.

אין שטילן, פארחלומטן לאנד, ווי דאס לאנד, פון וועלכן ער איז אליין געקומען, לעבט זיין עבענבילד, האפיז דער דיכטער. אבער נישט אין גרויקייט איז דאס לאנד פארחלומט, נאר אין שיין פון מזרח־זון, אין הימל־בלויקייט און רויזן־דופט. לאנגזאם זענען די טריט פון די מענטשן, ווי ביי די, וואס אין זיין אייגן לאנד, אבער דאס איז די לאנגזאמקייט פון היציק־מידיקן מזרח־בלוט. און איינזאם גייט מען אויך אום אין יענעם לאנד, אבער אין ווייך, אין רויטן ליבע־געטראנק, די איינזאמקייט פארשיכורט מען.

סאקי און סאהיר זענען די בעלי־בתים פון דעם לאנד. א רויטער אפגע־פרעסענער שענקער איז סאקי, און ביים צאפן פון פאס מיט שלעכטן ווייך, שטייט ער און שיט זיך די מטבעות אין טאש אריין, און סאהיר איז הויך און דאר, מיט אויגן פארגלאצטע און שטראף־רייד אויף די פרום־צונויפגעלייגטע ליפן — פון זיין פרומקייט און גאטפארכטיקייט א קאריערע מאכט סאהיר.

און צווישן זיי, פון סאָקים שענקל צו דער גאַס, וואָס סאַהיד פּילט מיט פּרומ־קייט אָן, וואַגלט אום האַפּיז דער דיכטער, האַפּיז מיט זיין איינזאַמען וויטאָג, האַפּיז, וואָס האָט נישט פאַרן קריגל וויין צו באַצאָלן.

זאָל סאָקי געלט קלייבן, זאָל סאַהיד די וועלט מוסרן — האַפּיז זינגט זיין ליד. זאָל סאָקי שלעכטן וויין געבן — נאָך זיסער איז האַפּיז׳ס ליד!

זאָל האַפּיז צעוויטאָגט זיין, זאָל האַפּיז זיך אַליין מיט זיינע לידער פאַר־צערן, זאָל האַפּיז׳ס נשמה אַפילו דער טייוול נישט וועלן קויפן, ווייל ער האָט אויך ליב פּעטע און אַנגעפּרעסענע — וואָס גייט עס דעם שענקער אָן, וואָס האַפּיז׳ן איז, וואָס האַפּיז טוט?

און גייט אויס דער לעצטער טראָפּן וויין פון האַפּיז׳ס בעכער — האַפּיז וועט זיין צונג אין דורשט פאַרברענען און רואיק זיין.

נאָר האַפּיז׳ס ליד אויף יעדנס ליפּן און זיין בוך אין יעדן שראַנק. און גייט האַפּיז פון דער וועלט אוועק, נישט פאַרגעסן וועט ער ווערן, נישט פאַר־קלינגען וועט זיין ליד.

דאָס ליד פון האַפּיזן דאָס ליד פון איינזאַמען.

— 6 —

דאָס איז דאָס ליד פון איינזאַמען, די דיכטונג פון י. ראָלניק.

איך וואָלט נישט דערציילט וועגן אים, ווען ער זאָל דער יתום בלייבן — דערויף זענען דאָ פילאַנטראָפּן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פאַרשטויסענע יתומים.

איך וואָלט עס אויך נישט געטון, ווען ער זאָל דער עלנטער בחור בלייבן אין פינצטערן צימער און זיין אָרעמקייט באַקלאָגן — דערויף זענען דאָ סטאַ־טיסטיקער און גלאַט גוטע לייט, וואָס ציילן נאָך די איינוואוינער פון די קעלער־שטיבלעך און פירן אַ קאַמף מיט דער מענטשהייט דערפאַר, אַז יעדער עלנטער בחור זאָל פאַרמאָגן זיין אייגענע פאַר הויזן.

דאָס ליד אָבער פון דעם דיכטער, איז פון דלות און עלנט אויסגעוואַקסן און איז דורך וויטאָג און פאַרביטערטקייט צו דער שטאָלצער, שמייכלדיקער איינזאַמקייט פון פרייען מענטשן געקומען. ער איז פון ענגשאַפט צו ברייטקייט אויסגעלייזט געוואָרן, פון גרויקייט צו פאַרבן־שפּיל און פון בעטל־קלאָג צו טרויער מענטשלעכן.

און איך האָב נישט וועגן לידער דערציילט, ווייל איך וויל אין דעם מער ווי אַ ליד זען — אַ סימבאָל, אַ צייכן פון באַפרייאונג, פון וועג וואָס פירט משעבוד לגאולה.

אין גרויען לאַנד אויסגעוואַקסענע, צווישן פעלדער לאַנגווייליקע, אין שטיבער ענגע, אין עלנטער פאַריתומטקייט — טראָגט מען די ענגשאַפט, די שרעק, די קלאָג־ליד אין זיך. אַ ירושה פון דורות, אַ דלותדיקע, קבצנותדיקע אַ קויטיקע קללה. ערגער, ווי אַלע אַנדערע — אינערלעכער דלות, אינערלעכע בעטלעריי. און קומט איינער און באַפרייט זיך דערפון — זאָלן געבענטשט ווערן די יסורים, וואָס האָבן אים דערצו אַרויסגעפירט. זאָל עס פאַר אַ צייכן דינען!

איז ער, דער באַפרייטער, שוין אין גאַנצן פריי? ער וועט עס קיין מאָל נישט זיין. אין אים וועט זיך שטענדיק אָפּרופן, שטענדיק אָפּקלינגען דער פאַרטויבטער עכאָ פון די פיר כמורנע ווענט, צווישן וועלכע ער האָט זיך ריידן אויסגעלערנט. עס וועט אים שטענדיק, ווי אַ שאָטן נאָכגיין די גרויקייט, פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען, און די עלנטקייט וועט פון אים נישט אָפּטרעטן, ווי אַ צייכן אויפן פנים. אָבער זאָל נאָך טייערער זיין דאָס פרייע ליד דערפאַר, וואָס עס טראָגט אויף זיך די סימנים פון פאַרשטויסנקייט.

זאָל עס אָן אָפענער צייכן זיין, וואָס זאָל שטענדיק דערמאָנען דעם פיינלעכן, שווערן וועג — דעם וועג צו אויסלייזונג.

[illegible]
אַפּריל 1915

אברהם רייזען

לידער פון י. ראַלניק

דאָס בוך „לידער" פון יוסף ראַלניק, וואָס איז נאָר־וואָס דערשינען אין ניו־יאָרקער פאַרלאַג „אינדזל", קאָן בלויז געריימט ווערן. ראַלניק איז אַן עכטער דיכטער. ווען מען וואָלט ביי אונדז נישט באַנוצט דעם אויסדרוק „פון גאָטס גנאָד" אַזוי אָפט אויף קלענערע דיכטער, ווי ראַלניק, וואָלט איך וועגן ראַלניקן דאָס אַוודאי געזאָגט. ראַלניק מוז אָבער אויסגעצייכנט ווערן פון אַלע אַנדערע יידישע דיכטער פון אַמעריקע דערמיט וואָס ער איז טיפער, ערלעכער, ראַפינירטער און טאַקע מער מייסטער אין פערז.

איך וועל נישט אויסרעכענען וואָס ראַלניק איז נישט, ווי מען איז געוואוינט אין אונדזער „קריטיק". שוואַכע זייטן האָבן אפשר גרעסערע דיכטער פאַר ראַלניקן באַוועזן. דער עיקר איז די שטאַרקע זייט. און ראַלניקס שטאַרקע זייט איז זיין אויפריכטיקייט. דאָס בוך פאַרדינט כשר זיין נאָמען „לידער", אַ דאַנק זייער אינערלעכן און אויסערלעכן ריטעם, זינגען זיי זיך פון זיך אַליין. אמתע לידער, און נישט געגראַמטע פערזן.

און אַפילו די ערשטע אָפּטיילונג „אָרום מיל" און „פון דאָרף און שטאָט" וואָס פּרעטענדירן שוין מער אויף עפּיק, זענען אויך העכסט ליריש.

„נאָך מיטאָג האָט אַ ווינט געבראַכט..."

ווי איינגעהאַלטן דער טאָן און דאָך דערפילט איר גלייך אַ טיפן וויי אין אַט פון די לעצטע צוויי שורות זעט איר דאָס בילד פאַר די אויגן.

אָבער אַן אמתע מייסטערווערק איז די לירישע פּאָעמע „היים, מיין היים, איר קינדער־יאָרן". אין עכטע פּלאַסטישע בילדער פירט אונדז דורך דער דיכטער דאָס שטעטעלע אין אַ פרימאָרגן:

„אַ פרישער ווינטל בלאָזט פון טייך..."

און פון אויבן אַראָפּ. אָבער מיט דער גוטמוטיקייט פון אַ פילאָזאָף און דיכטער וואָס זעט אויך גרויסקייט אין די קליינינקייטן פון לעבן, דערציילט אונדז ראָלניק פון יעדער זאַך וואָס ביי די דאָזיקע יידן קומט פאָר.

וויפל ליבע דאַרף פאַרמאָגן אַ דיכטער צו זיינע מיטמענטשן, איבער וועלכע ער שטייט אַזוי הימל־הויך, אום אָפּצושטעלן זיך אויף די צוויי פאַרשידענע קניות: אַ הון וואָס לייגט נאָר אייער און איינע וואָס איז גוט אויף שמאַלץ!

מאַנכער קאָן זאָגן: עס איז מילעי־סביבה „ביט". ניין, מיין ליבער, דאָס איז לעבנס־פילאָזאָפיע. אָט דווקא אין די באָאָבאַכטונגען דערקענט מען דעם שיינעם גייסט פון דיכטער, ביי וועלכן אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען זענען איינס און דאָס זעלבע וויכטיק, אָדער נישט וויכטיק. מענטשן־ליבע הויכט אַרויס פון אַזוינע בילדער, און אויב האָמער לעבט נאָך ביז היינט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי דאָס לעבן פון זיין צייט באַזונגען.

אָבער מיט די בילדער אַליין וואָלט דאָך נאָך ראָלניק נישט געווען דער פיינער, צאַרטער און ראַפינירטער מאָדערנער דיכטער. מיט דער ערשטער אָפּטיילונג האָט ער אונדז אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין. דער עכטער ראָלניק הויבט זיך ערשט אָן אין די ווייטערדיקע אָפּטיילונגען. דאָרט איז שוין דער דיכטער נישט אַזוי אָביעקטיוו. אין די ווייטערדיקע שטימונגען אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ ליריקער, וואָס איז סוביעקטיוו ביזן העכסטן גראַד און ביזן העכסטן גראַד ליריש.

ווי דער אמתער שיינער גייסט, איז ראָלניק אַן עניו און אַ נכנע. צו זיין מיידל זאָגט ער:

„איך אַן אורח אַ פאַרזאָמטער..."

דער אמתער טאָן פון ביבל, איבערהויפּט פון תהילים, און מיר אַלע שרייבן דאָך צו דעם תהילים צו דוד המלך. נישט אומזיסט. מען מוז דער עכטער גייסטיקער קעניג זיין, אום צו זינגען אַ תפילה לעני כי יעטוף, וואָרן יעדער הויכער גייסט, ווען ער בלייבט אַליין מיט זיך, פילט ער ערשט די אָרעמקייט און נישטיקייט פון אַלץ און ער ווערט נכנע און באַשיידן.

און אָפט פאַלט ראָלניק אַריין אין דער אמת־רעליגיעזער שטימונג, צו וועלכער עס זענען נוטה די גרויסע גייסטער. און ווי שיין ער זינגט דאָן פול מיט בטחון, מיט יענעם בטחון, וואָס איז געאייגנט אַלע גרויסע פּאָעטן פון דוד־המלך ביז וואָלט וויטמאַן:

מיינע ימים זענען שטילע,
מיינע שיפן גייען וויט;

מיינע שיפן וועלן קומען
אין דער רעכטער צייט.

גאָט פירט זיי אויף שטילע וועגן
גאָט ווייס דאָך די וועגן גוט; —
וואָסזשע האָב איך זיך צו זאָרגן,
ס׳וועט שוין אַלץ זיין גוט.

נישט פּרעטענדירנדיק צו זיין אַ קריטיקער, לאָז איך איבער פיל אַנדערע שטאַרקע זייטן און אָריגינעלע, וועגן ראַלניקס וואונדערבאַרן טאַלאַנט אומ־באַרירט. ווער רעדט וועגן זיין סעריע לידער „האַפּיז״, וואָלט אוודאי ווערט געווען צו שרייבן אַ באַזונדער קאַפּיטל. אין „האַפּיז״ האָט ראַלניק געמאַכט נאָך אַ באַדייטנדיקן שריט ווייטער. דאָרט איז ער שוין נישט נאָר דיכטער און ליריקער, נאָר אויך פילאָזאָף. אָבער מיין צוועק איז, ווי געזאָגט, נישט קיין קריטיק צו שרייבן, נאָר אויסצודריקן מיין באַוואונדערונג און אַנטציקונג פון דעם דאָזיקן נייעם בוך לידער און מאַכן אויפמערקזאַם אונדזערע „געשוואָרענע״ קריטיקער, אַז זיי זאָלן וויסן, מיט וועמען זיי האָבן צו טון און ווי אַזוי צוצו־גיין צום דאָזיקן דיכטער און צו זיין בוך.

ראַלניקס בוך איז דאָס לעבן פון אַ מענטשן, און נישט פון סתם אַ מענטשן, נאָר פון אַ יחיד, וואָס שטייט איבערן סך און באַדויערט, שמייכלט און מאַכט ענדלעך שלום, ווי דער שטייגער איז פון דעם אַלוויסנדיקן, אַלפאַרשטייענדיקן און אַלפילנדיקן.

פ. א. ל.
יוני 29טן 1916

זישא לאַנדוי

פּערזענלעכעס

ווי צעקראָכן סענטימענטאַל בין איך דאָס געווען, ווען ס'האָט זיך געדרוקט יוסף ראָלניקס בוך, און ווי איך האָב דאָס בגנבה געקוקט אויף אים, ווען כ'האָב אים נאָר באַגעגנט און פאַרגליכן זיין איצטיקן אויסזען מיט זיין אויסזען פון פאַר זעקס־זיבן יאָר צוריק, ווען מיר האָבן זיך נאָענטער באַקענט. דאָס זעלבע האָב איך אויך געטון מיט זיך און מיט אַלע אונדזעריקע. און נישט נאָר דאָס אויסזען אַליין, נאָר אַלץ, וואָס יעדער פון אונדז האָט איבער־געלעבט פאַר דער צייט, האָט דורכגעשוועבט פאַר מיר. און טרויעריק איז מיר געוואָרן, אַז פון אַזוי פיל יאָרן —אפשר די בעסטע— וואָס וועלן שוין קיין מאָל נישט צוריקקומען און וואָס פירן אונדז אַלץ נעענטער צו דער צייט, ווען מיר וועלן מוזן אַלץ וואָס איז אונדז ליב און טייער פאַרלאָזן.

„און שוויגנדיק זיך געזעגענען:
מען מוז, מען מוז דאָך גיין".

וועט אַרויסקומען אַ בוך, זאָל זיין ווי גוט, זאָל זיין זייער אַ פיינער, אַ וויכטיקער בייטראָג צו אונדזער דיכטונג! אָבער איז דען יוסף ראָלניק פאַר מיר אַ דיכטער? ניין, עפּעס אַנדערש, עפּעס וויכטיקערס. ער איז מיר נאָענ־טער און ליבער ווי די הערלעכסטע פּערזן. און נישט נאָר דאָס, טויזנטער אַזוינע געדאַנקען זענען מיר געקראָכן אין קאָפּ אַריין. און געמיינט האָב איך אַז איך וועל שוין נישט קאָנען שרייבן וועגן אים און אויב כ'וועל עס שוין יאָ טון, וועט עס זיין נישט אַזוי וועגן אים, ווי וועגן אונדז אַלע, ווי מיר פלעגן זיך אָפּט צוזאַמענטרעפן אין קאַפע, יעדער מיט דער נישט־דערטרונקענעם גלאָז אין האַנט און שמועסן, דעבאַטירן, דערציילן מעשיות, אַנעקדאָטן, פרייען זיך איי־נער מיטן .צווייטן, אָדער נישט קאָנען קוקן איינער אויפן צווייטנס צורה, זיין

אפּאַטיש. און פּלעגט עמיץ אָנהייבן ריידן וועגן נייע אויסגאַבעס, יאָ־פּרייער פּערז, נישט־פּרייער פּערז, פּילן ווי דער קאָפּ איז טויזנט מיילן ווייט.

איצט ליגט פאַר מיר דאָס בוך. איך מיש די בלעטער, באַטראַכט דעם איינבאַנד און מיט פרייד קוק איך צוריק אויף די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווייל נישט אַזוי אין אונדזער דיכטונג גייט פאַרנעמען אַן אָרט ראָלניק, נאָר אונדזערער איז ער געווען, מ יי נ ע ר, איך און דו.

נישט קיין עסטעט איז דער עסטעט ראָלניק, נישט קיין קונסט פאַר קונסט, ליריקער איז ער, ער ווייסט נישט פון טענדענצן — אַ לערער, אַ תנא, אַזוינער, צו וועלכן מען מוז זיך איינהערן, נישט בלויז הערן.

ליב האָבן אָדער פיינט האָבן מוז מען יוסף ראָלניקן, ליטעראַרישע באַציאונגען צו אים קאָן מען נישט האָבן. באַציט מען זיך אַזוי צו אַ דיכטער, איז שוין דאָס אַליין דאָס בעסטע, וואָס מען קאָן וועגן אים זאָגן.

אין די טעג פון יוגנט און פרייד, פון האָפענונג און זאָרגלאָזיקייט, ווען מיר גייען מיט געהייבענע קעפּ אין לעבן, האָבן מיר ליב טומל און פאַרדעכטיקע שטילקייט; הויבן מיר, אָבער, אָן צו ווערן עלטער, די פרייד און די זאָרגלאָזיקייט פאַרשווינדט, דער קאָפּ ווערט איינגעבויגן, און מיט שרעק קוקן מיר, ווי מיר רוקן זיך אַלץ מער אַרויס פון לעבן, דעמאָלט הויבן מיר אָן אינסטינקטיוו צו פּילן אַ ווידערגעפיל צו דעם אַלעם: נאָך אַן אמת וואָרט לעכצט די נשמה, ווענדט מען זיך צו דער חכמה, צו דער וויזהייט.

שרייבט אַן עסטעט וועגן שרעקלעכסטן — וועגן טויט למשל — ווערן מיר אפילו אויף אַ האָר נישט דערשראָקן. עס איז ליטעראַטור. יענער שרייבט און איך האָב געגלייבט. אַלץ וואָס עס בלייבט אונדז — אין בעסטן פאַל שוין — איז דער פיינער פּערז־בוי, די געראָטענע סימבאָלן. — רעדט אָבער די וויזהייט, הערן זיך געטעמס ווערטער פון רו: דאַכט זיך, אַזוינס געוויינלעכעס — דער העכסטער ליריזם.

אויף דעם וועג גייט יוסף ראָלניק.

אין אונדזער דיכטונג, וואָס איז מייסטנס אַ יוגנט־דיכטונג פאַר ייִנגערע מענטשן געשריבן פון יונגע לייט, גייט ער אַרום אַ מענטש, אַן עלטערער, אַ דערפאַרענער, מיט פעסטע, זיכערע טריט, כאָטש ער מאַכט אָפּט דעם איינדרוק פון אַ וואַקלדיקן און קוקט זיך צו צו אַלעם, צו דעם טומלדיקן יריד, צום פּויערל, וואָס ציט אַראָפּ דעם היט פאַרן צלם, צו דעם, ווי מיר פרייען זיך מיט דערפאָלג און מיר זענען אויפגערעגט און פאַרצווייפלט ווען עס גייט אונדז נישט אין לעבן און זעען נישט, אַז נאָענט איז די צייט ווען

עס וועט אַ מאָלצייט זיין, אַ גרויסער און אַ שטילער,
וועט דויערן אַן אייביקייט מיט נעכט:

און פּלאַץ ביים גרויסן טיש, אויף שוואַרצע ערד־דיוואַנען,
פאַרנעמען וועלן גלייך דער שררה און דער קנעכט.

ווייסנדיק דאָס, ווערט אים רואיקער, לייכטער און דאָך איז אַ שאָד און אַן אומרואיקייט פילט ער, און זיין איז אים:

אי טרויעריק, איז זיס,
און נאָכאַנאַנד די אַקסלען צוקן.
טרויעריק אים און — אונדז.

מענטשן גראָבע, רויע מענטשן פון אַ נידעריקער קולטור וועלן י. ראַלניקן נישט פאַרשטיין, זיי דאַרפן האָבן עפּעס שרייאיקס, סענטימענטאַלס, שפּאַנענדעס. זיינע שטילע, אָבער אָפט שרעקלעכע ווערטער זענען נישט פאַר זיי.

י. ראַלניק, וואָס רעדט מיט איינפאַכע, פּשוטע, שווערע אומגעקינצלטע ווערטער אין אַ פיינעם פאַר־אים כאַראַקטעריסטישן ריטעם, איז נאָר דער דיכטער פון פיינערע נאַטורן, וואָס האָבן געלעבט, עפּעס איבערגעלעבט און געזען.

ר. אייזלאַנד

מײַן יוסף ראָלניק

פאַר מיר איז יוסף ראָלניק דער מאַן, וואָס איז געוואָרן צייטיק און איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון מקבל זיין יסורים באהבה — דער גרעסטער סימן פון רייפער מאַנהאַפטיקייט.

און מ י ט ד ע ם איז ראָלניק גרעסער פון אַלע יידישע פּאָעטן — פון עלטסטן ביז צו דעם יינגסטן.

איך באַטאָן „מיט דעם", ווייל אין אַנדערע פּרטים האָבן אים אַנדערע ווייט ווייט אַריבערגעשטיגן. אין וועלטלעכער קלוגקייט — זישע לאַנדוי; אין פאַרמען — מאַני לייב; אין טיפקייט — לייוויק האַלפּער.

איך האָב גרוים דרך־ארץ פאַר זישע לאַנדוי. איך האָב זייער שטאַרק ליב מאַני לייבן. בין אָפט מאָל מקנא לייוויק האַלפּערן. נאָר צו יוסף ראָלניק הייב איך גישט איין מאָל אויף די אויגן און וואַרט ער זאָל מיר זאָגן, אויף וועלכן וועג איך דאַרף זיך פאַרנעמען.

ווייל ראָלניק איז איינפאַך, ראָלניק איז מענטשלעך. און מער פאַר אַלץ, ווייל ראָלניק האָט דערגרייכט זיין מאַנהאַפטיקייט נאָך אַ לאַנגן קאַמף מיט אַלץ וואָס אַרום אים, און נאָך מער מיט זיך אַליין.

זאָגט י. ראָלניק:

אויף גאָטס באַראָט זאָל ער מיך פירן
וואוהין ער וויל און ווי ער וויל...
איך וועל אַנטקעגן זיך נישט שטעלן
און ווי אַ קינד אים נאָכגיין שטיל...
— — — — — — — — —
דער טאַטע פירט — וועט גיין דאָס קינד".

אַזוי רעזיגנירט זיין קאָן בלויז איינער, וואָס האָט זיך געלייטערט אין

יסורים און ווייל צו דעם מענטשן, וואָס קאָן פאַרוואַנדלען זיינע ליידן אין זעליקייט.

פון קינדווייז אָן איז י. ראָלניק פאַרמשפּט ער זאָל זיין אַ דיכטער. געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אַ מיל, ווייט פון שטאָט, וואו עס

שפּריצן, שפּריצן זיך אויס פעלדער,
פעלדער אָן אַ ברעג,
ציען, ציען טעג און וואָכן,
וואָכן אָן אַ צוועק. — — —

קיין פרעמדע מענטשן זעט מען נישט פאַר טעג, און די אייגענע? וועגן די אייגענע דערציילט אונדז נישט ראָלניק. נישט אין זיינע לידער. און וואָס האָט ער צו דערציילן פון זיי? מיר שטעלן זיך אַליין פאָר זיין טאַטן, אַ ייד, וואָס האַלט אַ מיל און איז תמיד אַליין. אפילו ווען ער איז מיט אַנדערע. ער פאַרטראַגט נישט דאָס, וואָס קומט פאָר אין מיל, זוכט ער זיין חברשאַפט „אַרום מיל". דער זומער האָט אים נישט פיל צו דערציילן. דער זומער איז פאַרנומען מיט זיך. דער זומער דאַרף באַפרוכפּערן דאָס פעלד מיט די שטעכעדיקע שטיינער און די אָרעמע פאַרטריקנטע ביימלעך, וואָס זענען צעוואָרפן דאָ און דאָרט. קומט אָבער דער ווינטער און איבער די פלאַכע פעלדער לייגט זיך אַוועק דער ווייסער ווייט־ציענדיקער שניי, דעמאָלט ווערט פאַר דעם יינגל אָפן די וועלט און ער דערזעט יעדן ווייטן פלעק, און יעדע באַוועגונג. דאָס אויער פאַרנעמט יעדן קלאַנג, און אַלץ ווערט דעם יינגל דאָ ליב. וואָס אַרט אים דען, וואָס דער פלעק פון דער ווייטן איז אַ פור, וואָס פויזעט מיילן גאַנצע? אַז דער איינציקער פלעק אויף דעם בלוי איז אַ גרוי־שוואַרצע קראָ, וואָס האָט זיך אַ הייב געטון אין דער לופטן. און אַז דער קלאַנג פון דער ווייטנס איז דאָס נישט מער ווי דער קול פון אַ מאַן, וואָס שילט זיין ווייב אינעם נאָענטן דערפל? פאַר דעם יינגל ראָלניק איז דאָס אַלץ אַ מעשה, אַ מעשה וואָס דער גוטער פעטער שניאור דערציילט נאָר אים אַליין, און ער ווערט נישט מיד צו הערן די זעלביקע מעשה נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. און דאָס איינזאַמע פאַרמשפּטע יינגל האָט זיין שכר פאַר זיין איינזאַמקייט: די אַלע איינפאַך שיינע און אינטים־חנוודיקע פּייזאַזשן פון „אַרום מיל".

די זעליקייט פון אַ תמעוואַטן קינד.

נאָר נישט שטענדיק איז ווינטער און נישט שטענדיק איז ראָלניק אַ יינגל. פּאַמעלעך ווערט דער יינגל אַ בחורל. אין מיל איז ענג און זי איז פול מיט גערויש. אַרום מיל איז פּוסט. די איינציקע מענטשן, וועלכע ער באַגעגנט, זענען יידן קרעמער און אָרעמע פּויערים. דאָס האָרץ ציט און בענקט נאָך עפּעס אַנדערש.

איז עס אפשר די אויפגעוואכטע מענלעכקייט? וועלכער בחורל קאָן עס דע־מאָלט באַשטימען? די בענקשאַפט זוכט אַן אויסוועג. דאָס, וואָס זי געפינט נישט אין לעבן, זוכט זי אין בוך. און ראַלניק לייענט טאָג און נאַכט. נאָך וואָס? דאָס, וואָס ער זוכט, געפינט ער נישט. קאָן ער דאָרט נישט געפינען. עטלעכע גוטע מאָמענטן. אַ פּאָר מינוטן פון זעלבסטנאַרעריי. דאָס אַלץ. אָבער ווי לאַנג קאָן מען זיך נאַרן? ראַלניק פאַרלאָזט די מיל און דעם אַרום־מיל. פּאַרט אַרויס אין דער גרויסער שטאָט. און די איינזאַמקייט באַגלייט אים. קומט צוריק אַהיים און פּאַרט ווייטער צוריק אַוועק. שיפט זיך אַריבער דעם ים, און די איינזאַמקייט לויפט אים אומעטום נאָך. וואו אַנדערע פּאַסן זיך צו, קאָן ער זיך נישט צופּאַסן. ליידט, ליבט און ליידט נאָך מער. פון די ליידן ווערט ער בייז, סאַרקאַסטיש, בייסנדיק. בייסט די ליפּן און אָפּט מאָל שרייט ער אויף, נאָר דאָס אַלץ העלפט נישט. ליידט פון דעם וואָס ער ליידט און נאָך מער פון דעם, וואָס קיינער וויל זיינע ליידן נישט פאַרנעמען. קריגט פיינט אַלץ און אַלעמען אַרום זיך. שליסט זיך איין נאָך מער אין זיך. קעמפט מיט זיך אַליין, ביז ער איז גובר זיין איינזאַמקייט און זיינע ליידן. און גובר איז ער זיי מיט דעם, וואָס ער דערקענט זיי און צווינגט זיי אין יאָך אַריין.

אָט דאָס איז ראַלניק, ווי ער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין זיינע לידער — ראַלניק, דער צייטיקסטער דיכטער, וואָס האָט דורך זיין דערקענטעניש גע־פונען אָט יענע רו, וואָס איז איינציק אין אונדזער גאַנצער דיכטונג.

ביי אונדז רעדט מען די צייטן אַזוי פיל וועגן טראַדיציע און וועגן יידיש־קייט. מען וואַרפט אונדז אַלעמען פאָר, אַז מיר זענען נישט יידיש, נישט טראַדיציאָנעל. אָבער ווי לעכערלעך!

די מענטשן פאַרשטייען נישט, אַז יידישקייט איז נישט דווקא דאָס שריי־ענדיקע, דאָס היסטערישע, דאָס וואָס שמעקט מיט יוצרות און טשאָלענט; יידישקייט איז אין אונדז און דריקט זיך אויס ביי יעדן אין טויזנט קליינע קליי־ניקייטן, וואָס מען באַמערקט זיי קוים.

די גרעסטע סימנים פון יידישקייט זענען: אַ ריין ליריש געמיט, רעזיג־נאַציע און בטחון. דריי אייגנשאַפטן, וואָס זענען אָפּט מאָל איינע, לייזן זיך אויף איינע אין דער צווייטער, צעגייען זיך און קומען זיך ווידער צונויף. פון זיי גייט דאָס אַרויס דער אומעטיק־ווייכער הויך, וואָס שוועבט איבער די היי־ליקע שריפטן, דער אגדתא, די ווייבערשע תחינות און איבער אַלעם, וואָס פשוטע אַלט־פרענקישע אמת טראַדיציאָנעלע יידן רעדן און שרייבן. אין אָט דער זעלביקער הויך שוועבט אויך איבער י. ראַלניקס פיינע אַרום־מיל פּייזאַשן, און איבער דעם גאַנצן פערטן טייל פון ראַלניקס בוך.

איז דאָס נישט עכט־יידיש און אזוי מענטשלעך־רירנד און טיף:

מיינע ימים זענען שטילע;
מיינע שיפן גייען ווייט.
מיינע שיפן וועלן קומען
אין דער רעכטער צייט.

גאָט פירט זיי אויף שטילע וועגן —
גאָט ווייס דאָך די וועגן גוט; —
וואָסזשע האָב איך זיך צו זאָרגן?
ס'וועט שוין אַלץ זיין גוט.

געבענטשט איז דער דיכטער, וואָס האָט אַזעלכע פערזן געשריבן, און וואויל איז אונדז, וואָס מיט אונדזערע אויערן האָבן מיר פאַרנומען אַזעלכע רייד.

יאַנואַר 1916

ח. גוטמאַן

(דער לעבעדיקער)

אַרום מיל

וועגן ראַלניקן האָט מען, על־פּי־יושר, גאָר נישט געטאָרט שרייבן. דער־הויפּט — אין יידיש.

אורזאַכן? פּשוט־מענטשלעכע:

אונדזער קריטיק איז אַ שרייענדיקע. אַ מאַרק־יידענע.

און ראַלניק — אַזאַ שטילער.

אונדזער קריטיק איז אַ גאַטלאַזע.

און ראַלניק — אַזוי פרום.

בלעטערנדיק דעם גרויסן בוך מיט די קליינע לידלעך פון יוסף ראַלניק, האָב איך צו זיך געזאָגט:

ענדלעך, האָבן מיר אַ באמת שטילן דיכטער, אַ דיכטער וואָס קאָן ריידן בלחש; אַ דיכטער, וואָס דעקלאַמירט נישט, שרייט נישט, מאַכט נישט קיין פּאָעטישע העוויות און זינגט נישט פאַר דער „גאַלעריע", ווי עס טוען מערסטנ־טייל אונדזערע אַלטע און עלטערע דיכטער.

אַ דיכטער, וואָס פאַרפאַסט נישט קיין נאַציאָנאַלע לידער, מאַכט נישט קיין פּריוואַט־לידער לויט אַ באַשטעלונג, ווי ס'איז מערסטנטייל דער מנהג פון אונדזערע אַלטע און אפילו יינגערע דיכטער.

אויב עס פּאַסן זיך איבערהויפּט טיטלען, — וואָלט איך ראַלניקן באַ־טיטלט: ד אַ ר ף ־ פּ אָ ע ט.

לויט מיין מיינונג, איז ער דער ערשטער יידישער פּאָעט, וואָס איז ענג־מענטשלעך, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער ברייטער נאַטור.

אַנדערע יידישע דיכטער, וויסן די נאַטור פון בוך — פון אַנטאָלאָגיעס, פון קינדערשע כרעסטאָמאַטיעס.

און טאַקע דערפֿאַר זענען זײַערע נאַטור־לידער אַזוי טרוקן, אַזוי כּרעסטאָ־מאַטיע־אַרטיק, אַזוי אויסגעמוטשט.

ראָלניק קען די נאַטור, פּשוט אָן חכמות, ער קען זי פֿון דער היים...

און ווייל ראָלניק איז דער ערשטער דאָרף־מאַן אין אונדזער פּאָעזיע, איז ער אויך דער ערשטער ביי אונדז באמת מענטשלעך־פֿרומער דיכטער.

אַנדערע יידישע דיכטער זענען האַלבע אָדער גאַנצע אפּיקורסים, קוקן אויפֿן לעבן גרויסשטאָטיש, אויף דער זון — פֿון אַ „מאַנאָקל".

ראָלניק, קומט אויפֿן הימל מיט די אויגן פֿון אַ דאָרף־מענטש, און פֿון אַ דאָרף־שטיבל אַרויס.

און ווייל ראָלניק איז מענטשלעך־פֿרום, דעריבער איז ער אויך דער ערשטער יידישער דיכטער, וואָס קאָן טון תּפֿילה צו גאָט פּשוט, ווי אַ פֿרומער פּשוטער מענטש.

אַנדערע מ א כ ן תּפֿילות, זענען מ ח ב ר תּפֿילות, ווי דער אַמאָליקער אליעזר הקלירי.

ראָלניק איז אין גאַנצן געוומען אַ פּאַרצייטיקער, אַ ביבלישער, אַ פּרימיטיווער. און דעריבער באַנוצט ער זיך אין אַלע זיינע לידער מיט ביבלישע בילדער. ברענגען ברענגט מען אים צו — אַ ט ו י ע ר; שטיין שטייט ער נאָר א ו י פֿ ן ש ו ע ל; מתּנות שיקט ער אין — אַ ז אַ ק, און פּעטסטע שאָף; קושן קושט ער נאָר אין ש ט ע ר ן; שפּל איז'ער — ווי גראָז.

זיינע באַליבטסטע ווערטער זענען: פֿערד און קעניג.

ראָלניק איז ענג צוגעוואַקסן צו דער ערד, צום מיל, און צו די פּויערים. זיינע לידער שמעקן מיט בוים, גראָז און טוי. ער האָט, לויט זיין טבֿע, געקאָנט זיין דער געזונטער נאַטור־דיכטער, דער דיכטער פֿון פּשוטע פֿרייד, נאָר די שטאָט האָט געטויט די שטילע פֿריידן זיינע.

און ווי אַ דאָרף־מענטש, וואָס מוז וואָגלען אין שטאָט, האָט ער פֿאַר איר מורא. „קיינער קען אים נישט דאָרט".

בלאָנדזשעט ער אום אין די גאַסן. „ערגעץ וועט אים ברענגען דאָך", פֿאַרלירט ער זיך אין טומל, גיט זיך איבער אויף גאָטס באַראָט.

ראָלניקן ציט צום דאָרף. דאָ, אין שטאָט, איז זיין שבת קיין שבת נישט, און דער ראש־חודש קיין ראש־חודש נישט. און ווען אַלע שניידן, וויל ער אויך באַטש גיין זען. „ער האָט דאָך אַ חלק אויף גאָטס ערד".

„און ווען דער קרעכץ פֿילט אָן די גאַסן און דער שרעק די לופֿט", וויל ער לויפֿן אין שיל. געפֿינט ער פֿאַרשטעלט פֿאַר זיך דעם וועג.

אין ראַלניקס שיל, מוז באַמערקט ווערן, איז נישט די יידישע, די ביאַלי־קישע, די איינהאָרנישע, נאָר די ברייט־מענטשלעכע, די ביבלישע...

אָבער אַלס באמת פרומער מענטש, שרייט ראַלניק נישט. מאַכט נישט קיין גוואַלדן. ער גלויבט אין גאָט, פאַרלאָזט זיך אויף אים אין גאַנצן, איז מקבל באהבה זיינע יסורים.

ראַלניק קוקט אויפן טויט — ווי אַ פאַטאַליסט. דאָס איז דער קוק פון אַ מענטשן וואָס איז נאָענט צו דער נאַטור, פון אַ מענטש פון דאָרף.

פאַר אים איז דער טויט עפּעס נאַטירלעכעס, פאַרשטענדלעכעס, אַ נייט־ווענדיקייט, עפּעס וואָס קומט פון גאָט, און עס שרעקט אים נישט.

און ווייל ראַלניק איז אַ דאָרף־מענטש, איז זיין ליבע אויך אַזוי נאַטירלעך־פרום, פרימיטיוו־מענטשלעך, געזונט־ערדיש, באַחנט דאָרפיש.

ער חכמעט זיך נישט מיט זיין געליבטער, ווי פיל יידישע דיכטער; ער חנדלט זיך נישט פאַר איר; ער וויל זיך פאַר איר נישט אויספּיינען מיט הויכער מליצה, נאָר ער איז מתפלל פאַר איר, קניט פאַר איר און שעפּטשעט שטיל און פשוט, פאַרבענקט. ער האָט פון זיין ליבע אַפילו מורא צו דערציילן פאַר גאָט. „מען טאָר דערפון נישט ריידן"...

די געליבטע איז פאַר אים דאָס וואָס פאַרן פשוטן גוי — די געטלעכע געשטאַלט אויפן וואַנט, און פאַר דעם פרומען ייד — זיין שיל.

מען קאָן זאָגן אַזוי: רייזענס ליבע איז די ליבע פון אַן „עקסטערן", פון אַ יונגן מאַן וואָס גיט „שטונדן" און האָט ליב צו כאַפּן אַ בליק אין איין און דער זעלבער צייט, אי אין זאַל, אי אין קיך.

יהואָש'ס ליבע — איז פון אַ פּראָפעסאָר פון לאַטיין.

ראָזענפעלדס — פון אַ מענטשן וואָס אַרבעט לאַנג אין שעפּער.

איינהאָרנס — פון אַ יידישן קלויזניק.

ראַלניקס ליבע איז פון אַ פרומען נאַטור־מענטש.

און ווייל ראַלניק איז אַ פרעמדער אין שטאָט, דעריבער זיצט ער אַפילו אין דער רוּשיקער קאַפע און טראַכט וועגן מיל און פויערים, וואָס ברענגען מעל.

ראַלניק זעט פאַר זיך נאָר נאַטור־בילדער. ווען ער איז קראַנק זעט ער: „קינדער לויפן אויפן שניי".

זיין לעבן פאַרגלייכט ער צו אַ שטיבל מיט אַ שינדל־דאַך, וואָס אַ פייער צינדט זי אָן.

און ווען זי ברענט, „איז אויך פאַרפאַלן"...

דאָס איז דער אמתער דאָרפיש־פרומער בליק אויף זאַכן.

ראַלניק פאַרמאָגט אויך די דינסטע איראָניע אין אונדזער פּאָעזיע.

איראָניע פון רעזיגנירטע, האַפּיז־איראָניע, דער „גם־זו־לטובה"־שמייכל, וואָס איז אַזוי נאַטירלעך פאַר דעם וואָס שטייט נאָענט צו דער נאַטור.

רייזען איז אין זיינע לידער קלוג. דער קלוגסטער יידישער דיכטער. אָבער זיין קלוגשאַפט איז אַ פּ אַ ר פ אַ ס ע ר י ש ע , ער איז אָפט צו־חכמהדיק. ראָלניק איז באַלעבאַטיש־קלוג, פּשוט קלוג, ווי עס קאָן נאָר זיין אַ מענטש, וואָס האָט געמוזט פעלד און וואַלד אויסבייטן אויפן שמוציקן שענקל פון שטאָט...

ווי ראָלניק בענקט נאָך נאַטור, קאָן מען זען פון זיינע לידער „היים, מיין היים".

ווען רייזען איז געקומען צוריק אין זיין שטעטל, האָט ער, הויפּטזעכלעך, געזען דעם מאַרק, די באָד, דעם רבין, דעם שולהויף, דעם בית־מדרש, דעם מתמיד. ראָלניק האָט פריער פאַר אַלץ געזען דעם וואַלד, די גראָז, דעם טייך, דעם הונט, די ציגן, דעם פערדל וואָס טרעט, און געהערט דעם פּאַסטוכס האָרן און דערשמעקט דעם פרישן ווינטל.

און ווייל ראָלניק קאָן זיך נישט שיידן מיט זיין דאָרף, דעריבער קאָן מען ביי אים מער ווי ביי אַלע יידישע דיכטער טרעפן די קליין־שטעטלדיקע פּראָווינציאַליזמען, ווי: „סאַראַזש", „אַ כאַטע", „בורקע", „זאַווייע", „זאַהאָנעס" און דאָס גלייכן.

און ראָלניק איז זיך געבליבן טריי ביז צום לעצט. ווייל ער וויל קיינעם נישט איבעראַשן.

די קורצע שורה, זי איז זיין ליבלינג־שורה, און טאַקע דערפאַר וואָס די לאַנגע שורה איז מער צוגעפּאַסט צו „פּאַטאָס" און געשריי. אָפט מאָל געמאַכטן פּאַטאָס, — און ראָלניק וויל נישט שרייען הויך.

און דאָך איז ראָלניק מיט זיין גאַנצער פּרימיטיווקייט — מאָדערן.

מאָדערן שוין מיט דעם אַליין, וואָס ער האָט זיך אין גאַנצן באַפרייט פון דעם אַלטן קרעכץ אויפן גלות, פון דעם שטאָלצירן מיט דעם „אתה־בחרתנו", אפילו פון דער לעצט־מאָדישער כאַפּן התפעלות פאַרן יידישן בית־המדרש.

ראָלניק איז מענטש, דורכוים מענטש, און דעריבער איז דער פּרימיטיווער ראָלניק אויך אַ ראַפינירט־מאָדערנער דיכטער.

יאַנואַר 1916

ש. יאַנאָווסקי

לידער פון י. ראָלניק

איך וויים די גוטע אַלטע גבירה,
וואָס באָרגט אוים פערל-קרענץ און גאָלד
און רויזן-טוי און זונען-שטראַלן —
איך האָב די טובה נישט געוואָלט.
איך האָב מיין שטוב-טיר אויפגעעפנט
אַמאָל אין אַ פאַראומערט נאַכט
און האָב צום שוועל צונויפגעטראָגן
אַלץ, וואָס עס האָט זיך מיר געמאַכט;
אַ שטיינדל, וואָס אַ קליינער יינגל
געוואָרפן האָט אין טיר אַריין;
אַ זעמדל, וואָס דערווינט געבראַכט האָט;
אַ וויטן שטערנס קאַרגן שיין;
פון פוילן דאַך אַ רעגן-טראָפן,
אַ רוישן פון אַ פרעמדן יריד,
איך האָב דאָס אַלץ צונויפגעקנאָטן
און פון דערפון געמאַכט מיין ליד.

אַזוי כאַראַקטעריזירט דער פּאָעט אַליין זיין ליד, וואָס ער האָט ביז איצט געזונגען פאַר אונדז. און עס איז דאָ אַ גרויסער טייל אמת אין דעם, וואָס ער זאָגט: ווען איר וועט זוכן מיט ליכט אָט די אַלע שיינע ווערטער, וועלכע מען האַלט פאַר אַזוי וויכטיק און שיין אין ליד, ווי פערל־קרענץ, רויזן־טוי און אַזוי ווייטער, וועט איר עס ביי ראָלניקן נישט געפינען. זיין ליד איז ווירקלעך צונויפגעקנאָטן אָט פון די אַלע אַרטיקלען, וואָס ער רעכנט אונדז אוים. נאָר אויב איר וועט פון דעם ציען דעם שלוס, אַז צוליב דעם, וואָס די לידער זענען געקנאָטן פון אַזאַ שטאָף, קאָנען זיי שוין דערפאַר נישט האָבן דעם חן, דעם רייץ פון פּאָעזיע, וועט איר פונקט נישט טרעפן. אויף ראָלניקס לידער איז אויסגעגאָסן דער חן פון אַ טיף־פילנדיק האַרץ, פון אַ קלוגן, דענקענדיקן קאָפּ,

פון אַ געזונטן ווייט־בליקנדיקן אויג און פון אַ באַזונדערער געוואַנדשאַפט אין מאָלן דאָס בילד, ציט בלויז איין קורצן וואָרט, אַזוי לעבעדיק, אַזוי קלאָר, אַז ער שניידט זיך אַריין אין אייער מוח קיין מאָל וועט איר עס נישט פאַרגעסן.

עס מעג, אפשר, פאַר מאַנכע אונדזער לויב פון ראָלניק דעם פּאָעט קלינגען אַ ביסל איבערטריבן; און, אונדז אַליין, ווען מיר האָבן אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס אונדזער גרויסן שבח אויף ראָלניקס דיכטונג־קונסט, האָט זיך געשטעלט די פראַגע: זענען מיר נישט אַ ביסל צו־פּאַרטייאיש אין אונדזער אָפּשאַצונג? קומט נישט טיילווייז אונדזער שבח פון דעם געפיל פון ליבע און דאַנקבאַרקייט, וואָס מיר האָבן צו דעם פּאָעט, וועלכער האָט פאַר די אַלע יאָרן אַזוי געטריי געשפּייזט די „פרייע אַרבעטער שטימע" מיט די שאַפונגען פון זיין גייסט? אָבער גאַנץ געוויסנהאַפט קאָנען מיר זאָגן, אַז שטאַרק ווי מיר ליבן און שעצן ראָלניק דעם מענטש, אָבער דאָס מאַכט נישט די מינדסטע ווירקונג אויף אונדזער אורטייל וועגן אים אַלס פּאָעט. מיר זענען זיכער, אַז ווען מיר וואָלטן איבערגעלייענט זיין בוך לידער צום ערשטן מאָל, און ווען מיר וואָלטן יוסף ראָלניקן ווירקלעך גאָרנישט געקאָנט, וואָלט אונדזער אָפּשאַצונג פון אים אַלס דיכטער נישט געווען און נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערע. נאָך מער, עס איז מעגלעך, אַז דאַן ווען די לידער וואָלטן פאַר אונדז געווען אין גאַנצן ניי, וואָלטן זיי צוליב דעם אַליין שוין געמאַכט אויף אונדז אַ שטאַרקן איינדרוק און אונדזער שבח אויף זיי, אויב מעגלעך, וואָלט געווען אַ פיל שטאַרקערער.

דאָס ערשטע, וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן, ווען איר לייענט ראָלניקס אַ ליד, איז דאָס ער איז אַ וואָרט־קינסטלער פון ערשטן ראַנג, אַזעלכער, וועלכן מיר האָבן אפשר צו אים קיין גלייכן נישט אין דער יידישער פּאָעזיע. איר לייענט זיינעם אַ געדיכט מיט פאַרגעניגן, ווייל ער איז אי שיין אין זיין פאָרעם און אי טיפזיניק אין זיין אינהאַלט, און באַזיצט אַ וואָנדערבאַרע געוואַגטקייט פון דער פראַזע, פון וואָרט־בילד.

מיין נישט, אַז דער שיינער הימל
וועט זיך קיין מאָל, קיין מאָל בייטן.
קומען וועט דער אכזר ווינטער
אויף אַ שניי־וואָלקן צורייטן.

און די פינצטער־בלאָע אָרעמס
האַלטן וועט ער ווייסע ריטער,
און וועט שטעכן מיט זיי אויגן.
— — — — — — — — — — —

יעדעס וואָרט אין דעם קורצן געדיכטל איז אַ בילד, און די „האָגל־פינגער" וואָס קלאַפּן אין די פענצטער, און די בלייכע זאַווערוכע און די פינצטער־בלוי

אָרעמס, וואָס האַלטן די ווייסע ריטער, דאָס אַלץ, איינפאַך, ווי דאָס איז אויס־געדריקט, רעדט מעכטיק צו אייער פאַרשטעלונג־קראַפט אַזוי, דאָס איר קאָנט דאָס בילד קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

אָדער נעמט פאָלגנדיקן פערז:

איז אַ שטערן אויפגעגאַנגען
אויף מיין הימל? איז עס וואָר?
אָדער איז עס אַ נייער פאַלבעל
אין דעם מוח פון אַ נאַר?

ווי קאָנט איר פאַרגעסן אַזאַ אויסדרוק „דער נייער פאַלבעל אין דעם מוח"? קורץ, ווי עס איז, רעדט עס דאָך אַזוי פיל! און אָט די לייכטקייט, שיינקייט פון וואָרט, פון אויסדרוק כאַראַקטעריזירט כמעט יעדעס ליד פון ראַלניק.

מעגלעך אַז דער פּאָעט ראַלניק האָט געמוזט לאַנג שלייפן און פּולירן זיין ליד, אָבער דער לעזער האָט דעם איינדרוק, אַזוי ווי ביים פּאָעט וואָלט זיך עס אויסגעגאָסן פּונקט ווי מיט אַזאַ לייכטקייט און לוסט, ווי דער געזאַנג פון דעם נאַכטיגאַל; דער לעזער הויבט נישט אָן צו שפּירן דעם געררוך פון שוויים, פון אָנשטרענגונג, וואָס דאָס איז דער מלאך־המות פון אמתער פּאָעזיע. פאַר־קערט, דער איינדרוק איז, אַלע, אַלע אָט די זעלטן־שיינע ווענדונגען, אויס־דרוקן און פּרעכטיקע וואָרט־בילדער האָבן אַרויסגעפלאָסן לייכט און נאַטירלעך פון דעם פּאָעט, ווייל אַנדערש קאָן ער גאָרנישט:

אָט ערשט געווען... און צווישן אונדז שטייט
דאָס איבערטייליטע, ווי אַ הויכער טויער,
דאָס וואָרט „ניין־וואָרט", ווי אַ שטומער וועכטער
שפּאַנט אויף און אָפּ פאַרביי דעם טויער.

דעם פערז האָבן מיר געבראַכט ווידער אַ מאָל צום באַווייז פון דעם, וואָס פאַר אַ גליקלעך־געראָטענע ווערטער און זאַצן בילדן ראַלניקס פּאָעזיע. מיר האָבן איבערגעמישט דעם בוך, אום זיך זעלבסט איבערצוצייגן אין דער ריכטי־קייט פון דעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט, און זעט, וואָס פאַר אַ שיינער פערז. דאָס „ניין־וואָרט" אַלס שטומער וועכטער, וואָס שפּאַנט אויף און אָפּ פאַרביי דעם טויער, דאָס איז דאָך אַזוי קלאָר און אַזוי ב י ל ד ל ע ך. ווער נאָך צווישן אונדזערע פּאָעטן קען אַזוי שרייבן, קען אַזוי גייסטרייך אויסנוצן אונדזער גאַנץ אָרעמע שפּראַך?

עס איז, אַלזאָ, גלויבן מיר, קלאָר, אַז דאָס סאַמע ערשטע, וואָס מאַכט דעם פּאָעט: די קונסט אויסצודריקן זיינע געדאַנקען אַזוי שיין, אַזוי איינפאַך,

אַזוי בילדער־רייך און אַזוי איינדרוקספול, דאָס איז דאָ ביי ראָלניקן אין דעם העכסטן גראַד. עס איז ווירקלעך אמת, דאָס ער באַנוצט זיך נישט מיט „פּערל־קרענץ“ און „גאָלד“ און „רויזן־טוי“ און „זונען־שטראַלן“, וועלכע ער וואָלט געקאָנט ב אַ ר ג ן פון דער גבירה, ווי יעדער אַנדערער, אָבער ער דאַרף עס נישט. זיינע איינפאַכע ווערטער, באַשיינט דורך דעם „וויטן שטערנס קאַרגע שיין“ זענען פיל, פיל צויבערלעכער, ווי אַלע שיינע געבאָרגטע „פּערל־קרענץ“.

אַזוי וויט וועגן דעם דיכטערס כוח פון אויסדרוק, פון דעם, ו ו י ער זינגט. וואָס אָבער באמת מכוח דעם, ו אָ ס ער זינגט, מכוח דעם סאַמע עצם פון זיין פּאָעזיע, די געדאַנקען און געפילן, וואָס זענען די נשמה פון זיין דיכטונג?

דער גרונט־טאָן פון ראָלניקס פּאָעזיע איז אַ פּעסימיסטישער. ראָלניק איז נישט שטאַרק באַגייסטערט פאַר דאָס לעבן. די שיינע וועלט מיט אַלעם אין איר מאַכט אים נישט אויס־צוכצן אין לוסט און פרייד; זיין גע:אַנג פאַרשיכורט אייך נישט. גיכער וויייעט פון אַלע זיינע געזאַנגען אַ טיפער, טיפער טרויער; אָבער נישט אַ טרויער, וואָס מאַכט אייך פאַרצווייפלט, נאָר גיכער אַזאַ, וואָס רופט אַרויס ביי אייך אַ שמייכל פון רעזיגנאַציע: אַז עס קאָן אַנדערש נישט זיין, מוז דאָס אָנגענומען ווערן פאַר גוט.

אַ וויטער סיבירישער דערפל,
בלויע הימלען און וועלדער און שניי,
פאַרשאָטענע הייזלעך. עס לעבן
פאַרגעסענע מענטשן אין זיי.
און זעלטן פאַרטראָגט דאָרט אַ רייטער
— — — — — — — — — — —

אַ שרעקלעך בילד די דאָזיקע שניי־וויסטע אין סיביר מיט די פאַרגעסענע מענטשן דאָרט. דאָך נישט אָן אַ שטראַל ליכט. אויך דאָרט ווערן צייטיק הערצער... אויך דאָרט שפּראָצט די שיינע ליבע.

אָדער נעמט אַזאַ מין פּרעכטיקן פּערז פון דעם געדיכט „ליטע, מיין שטויביק וויגעלע“:

ליטע, מיין שטויביקע וויגל,
עס נעמט מיך אויף דיך אַ פאַרדראָס.
שילטן ווי טאָר מען אַ מאַמען?
בענטשן — נישטאָ דיך פאַר וואָס.

לוסטיק און פריילעך ווערט אונדזער פּאָעט, ווען ער באַפרייט זיך אויף אַ מינוט פון דער גרויער, דריקנדיקער ווירקלעכקייט און פאַרחלומט זיך. זעט

זיין ליד „ציטעריק פון הימל”, פון וועלכן מיר וועלן דא בלויז ברענגען די לעצטע פאר פערזן:

איך וועל זיין דער גליקלעכער,
וועל די הייל אנטפלעקן,
סטוק-סטוק-סטוק אין דער טיר,
זי פון שלאף אויפוועקן.
אויפן שטערן מיט א קוש
— — — — — — — — — — —

אזוי זינגט אונדזער פאעט, ווען ער פארחלומט זיך. אין דערווירקלעכקייט אבער קומט פאר עטוואס גאנץ אנדערש:

דיין טיר האט א שלאס און ריגל,
דיין פענצטער איז הויך פון דער ערד.
געקלאפט האב איך לאנג און געקלונגען,
און האב נישט קיין ענטפער געהערט.

וואו ביזטו, וואו ביזטו געוועזן,
צי האט דיר דיין הארץ נישט געזאגט,
אז הארט ביי דיין טיר אויף די טרעפן
א הארץ וואלגערט אום זיך און קלאגט?
— — — — — — — — — — — — —

נאר א פאעט בלייבט א פאעט, ער ווערט קיין מאל נישט פארצווייפלט. שלעכט, ווי עס גייט אים אין דער הינזיכט, דאך איז ער אנטשלאסן אנצוהאלטן די באלאגערונג אזוי לאנג, ביז די פעסטונג וועט זיך אונטערגעבן.

איך וועל אזוי אפט איר, מיין מיידל,
פארווארפן מיט לידעלעך קליינע,
אזוי ווי א שטאט, אן עקשנות,
באהאגלט מיט קוילן דער שונא.
— — — — — — — — — — —

אבער ליבע איז נישט די איינציקע טעמע פון אונדזער פאעט. די וועלט מיט אלע אירע פארשידענע טרוימען און פארלאנגען איז דער אינסטרומענט, אויף וועלכן אונדזער פאעט שפילט און פון וועלכן ער רופט ארויס אזעלכע וואונדערבאר־צויבערלעכע טענער.

(פ. א. ש. — סעפט. 9טן, 1916)

צווייטער טייל

עס איז ווערט צו באַמערקן, דאָס פאַר די אַלע יאָרן, וואָס יוסף ראַלניק דיכטעט, און דיכטעט נישט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, וואוהין זעלטן עס טראָגט זיך צו דער ווידערקול פון דעם ברויזנדיקן און שטורעמדיקן לעבן, נאָר טאָקע אין סאַמע קעסלגרוב פון לעבן, האָט ראַלניק גאַנץ ווייניק אַזעלכע געדיכטעט, פון וועלכע עס זאָל זיין קאָנטיק, אַז אויך אים האָט דער שטורעם פאַרכאַפּט און מיטגעריסן. פאַרקערט, דער אַלגעמיינער איינדרוק פון זיינע געדיכטן איז אַזעלכער, אַזוי ווי זייער פאַרפאַסער וואָלט געשטאַנען אָן אַ זייט פון לעבן און קאַמף, און דאָס איז עטוואָס, וואָס איז גאַנץ קשה. ווי קומט עס? ראַלניק, אַ מענטש מיט אַזאַ פילנדיקע האַרץ, מיט אַזעלכע טיף־בליקנדיקע אויגן, מיט אַזאַ קלאָרן קאָפּ, האָט גראָד דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס לעבן, נישט באַמערקט. ווען ראַלניק וואָלט כאָטש געבוירן געוואָרן מיט אַ גאָלדענער לעפעלע אין מויל, ווען ער וואָלט אויף זיך נישט געפילט — און נאָך ווי געפילט — אַלע צרות פון אונדזער „סדר־העולם", וואָלט עס, אפשר, נאָך געווען פאַרשטענדלעך. אָבער דאָס איז גראָד נישט דער פאַל, און, דאַכט זיך, מער פון אַלע האָט עס ראַלניק געדאַרפט זיין דער פּאָעט — דער קעמפער, דער פּאָעט — דער רעבעל, און דאָך איז קוים, קוים אַ שפור צו באַמערקן פון דעם גאַנצן שטורעם און דראַנג פון אונדזער צייט אין זיינע לידער. פאַר וואָס?

דעם ענטפער אויף דעם געפינט איר טאַקע אין זיינע לידער גופא. ווען איר לייענט זיי, געפינט איר באַלד אויס, אַז דער דיכטער איז אַ קעמפער, אַ שטאַרקער קעמפער, אָבער נישט פאַר די, וועלכע קאָנען אַליין שרייען און טומלען — די זענען שוין דערמיט אַליין גליקלעך, וואָס זיי טומלען, וואָס זיי מאַכן אַ גערודער, וואָס לעבן ווי־עס־איז — נאָר פאַר די שטילע, די שטומע, די איינזאַמע, פאַר די, וועלכע קהלן זיך נישט. זייער צער, זייערע ליידן זענען דאָס גרעסערע און פיינלעכערע, ווייל זיי ווערן פון קיינעם נישט געטיילט, ווייל זיי ווערן נישט אויסגעשריגן אויף דעם מאַסנמיטינג, אויף דער גערוישיקער גאַס. אָט דער שטילער ליידער, דער, וואָס איז שוין אַזוי צעבראָכן פון לעבן, אַז ער קאָן גאָר נישט מער קעמפן, דער איז עס, וואָס פאַרנעמט אין דער דיכטונג פון ראַלניקן דעם גרעסטן אויבן־אָן.

דער פּאָעט זינגט:

איך האָב נישט צום סדר העולם
און טראָג קיין פאַרדרוס נישט אויף גאָט

א מאָל אין אַ שעה ביים אומווילן —
פאַר וואָס ער באַשאַפן מיך האָט.

אָט האָט איר אין דעם קורצן לידל אַזוי־צו־זאָגן ראַלניקס העלד, אויף וועמען ער גיסט אויס זיין גאַנצע ליבע, זיין צער און זיין צאָרן; דאָס איז דער מענטש, וואָס האָט צו קיינעם נישט, וואָס טראָגט אַפילו אויף גאָט קיין כעס נישט, נאָר וועלכער וויינט, וויינט שטיל, אַז קיינער זאָל נישט זען, קיינער זאָל נישט וויסן, און ער וואָלט זיי פון גאָט אַליין פאַרבאַהאַלטן, כדי אים נישט וויי צו טון, פאַרוואָס ער האָט אים באַשאַפן, ווי ער וואָלט געוואוסט, ווי דאָס אויסצופירן.

אונדז דאַכט זיך, אַז דער בעסטער נאָמען פאַר יוסף ראַלניקן, אַלס דיכטער, וואָלט געווען „דער פּאָעט פון די שטילע, די שטומע", פון די, וועלכע אַליין פאַר זיך קאָנען גאָרנישט זאָגן. און אין דעם פּרט האָט זיין דיכט־קונסט אין דער יידישער פּאָעזיע צו זיך קיין גלייכן נישט, און דאָס איז איר גרעסטע פאַר־דינסט. מיר האָבן פּאָעטן־קעמפער, אַרבעטער־פּאָעטן, נאַטור־פּאָעטן און אַלער־ליי אַנדערע פּאָעטן; אָבער אַזאַ פּאָעט פון דעם שטילן איינזאַמען מענטש, וועלכער איז עפּעס אַזוי ווי אַ פרעמדער אויף דער וועלט, וועמען קיינער פאַר־שטייט נישט, און דעריבער, אפשר, קיינער ליבט נישט, ווייל וואָס ווייס אימע־צער, וואָס עס טוט זיך אין זיין בלוטנדיקער האַרץ, האָבן מיר ביז יוסף ראַלניק נאָך נישט געהאַט. עס איז געבליבן פאַר ראַלניקן צו שילדערן פאַר אונדז מיט דער גאַנצער צאַרטקייט פון זיין פילן און פאַרשטעלונג־קראַפט, וועלכע ער פאַרמאָגט נאָר, אָט דעם מאָדערנעם אומבאַקאַנטן שטילן מענטש.

איר קענט זיי, די דאָזיקע קינדער,
אין אויג אַ דערשראָקענער טרער,
און ווען איר דערזעט זיי, אייך דוכט זיך,
זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַהער.

אין דעם געדיכט וואָלטן מיר געוואָלט זען נאָר צוויי קאַרעקטורן. ערשטנס, זענען מיר גאָרנישט איינפאַרשטאַנען מיטן פּאָעט, אַז מיר קענען די דאָזיקע קינדער. נייז, אונדזערע חושים זענען צו־גראָב, אַז מיר זאָלן זיי קענען, אָט די שטילע, די שטומע, וואָס מאַכן נישט קיין געפילדער; און דאָס אַנדערע, אין וואָס מיר זענען נישט איינפאַרשטאַנען מיט אונדזער פּאָעט, איז דאָס, וואָס ער מיינט, אַז זיי זענען דאָ גאָר וויניק. אונדז דאַכט זיך, אַז אָט גראָד די שטילע, מיט אַ דערשראָקענעם טרער אין די אויגן, און וועלכע טראָגן די לאַסטן פון לעבן און בלוטן געבויגן דעם קאָפּ און עס גליטשט זיך צומאָל פון זייערע ליפּן קיין פאַרוואורף נישט אַראָפּ — די זענען נישט די וויניקע, נאָר די גרעס־

טע צאָל מענטשן. ווייניקער זענען די געפילדערער, די פּראָטעסטירער, די קעמפער, די מייסטע מענטשן זענען דווקא די שטילע, די שטומע, וועלכע דער פּאָעט שילדערט פאַר אונדז אַזוי טיף און אַזוי גרויס, און דערפאַר איז די טראַגעדיע פיל, פיל גרעסער.

אין דעם זין איז אונדזער דיכטער דער אמתער פאָלקס־פּאָעט, ווייל אין זיין דיכטונג, מער ווי אין אירגענד אַנדערער, שפּיגלט זיך אָפּ דאָס גרויסע פאָלק. עס וואָלט געווען כדאי צוזאַמענצונעמען אַט די אַלע געדיכטן פון דעם פּאָעט און זיי אָפּדרוקן באַזונדער אין אַ געוויסער אָרדענונג, און מיר זענען זיכער, דאָס קיין זאַמלונג פון געדיכטן וואָלט נישט געגעבן אַזאַ פּרעכטיקן בילד פון דער נשמה פון פאָלק אין אַלע אירע בייגונגען און פאָרמען, ווי אַזאַ זאַמלונג פון ראָלניקן.

מיר קאָנען זיך נישט צוריקהאַלטן כאָטש צו געבן איין געדיכט פון דעם סאָרט פון דער גאַנצער מאַסע, וואָס איז צעשפּרייט אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען איבער זיין לידער־בוך.

וועגן איך בין אַוועק פון מיין היים,
האָט קיינער אין וועג מיך באַגלייט.
דער איינציקער הויז־פריינד, די קאַץ
געקוקט האָט אויף מיר שטומערהייט.
— — — — — — — — — — — —

יאָ, ראָלניק איז דער פּאָעט פון דער גרויסער, גרויסער מאַיאָריטעט, און וועלכע ליידן דאָס מער, ווייל אין זייער איינזאַמקייט זענען זיי זיכער, אַז קיינעם פאַלט גאָר נישט איין אַ טראַכט צו טון וועגן זיי, וואו אַ ברודער שלעפּט זיך אין וועג.

דערפון קומט אויך זייער אומפאַרמיידלעכער פאַטאַליזם. אַ טיפע אָפּנייגונג צום קאַמף דרינגט דורך זייער גאַנצן וועזן, ווייל צו וואָס קעמפן, אַז עס איז דאָך אַלעס אומזיסט? ווען ראָלניק האָט געדיכטעט זיין שיין ליד, פול מיט אַט דעם פאַטאַליזם, „כ'האָב אין ים דעם וועג פאַרלאָרן", האָט ער דורך אים נישט זיין פּערזענלעכן געמיט־צושטאַנד געשילדערט, נאָר דאָס פילן פון די גרויסע מאַסע מענטשן, וואָס פילן זיך, ווי קליינע שפּענדלעך אויפן רוישיקן ים פון לעבן, און וועלכע ווייסן, אַז אומזיסט איז זייער רודערן און קירעווען דאָס שיפל, ווייל די כוואַליעס וועלן דאָך פאַרטראָגן איר, וואוהין זיי ווילן.

כ'זינג צו גאָט — אַ כוואַליע האָט שוין
אין מיין שיף געמאַכט אַ בראָך.
כ'לאָז דעם רודער; לאַנד צו אָפּגרונד,
ערגעץ וועט מיך ברענגען דאָך.

אזוי שטארק איז דער פאטאליזם פון דעם שטילן מענטש, אז טאמער קעמפט ער דאך, ווייל דער גרויסער לעבנס־טרייב איז שטארקער פון זיין באוואוסטזיין, שעמט זיך פשוט דערמיט דער שטילער מענטש. ער וואלט נישט געוואלט, חלילה, אז אויב ער איז צוגעקומען צו ערגעץ א האפן אין לעבן, אז מען זאל מיינען, אז דאס איז ז יי ן שולד, ווייל ער האט דערפאר געקעמפט! ניין, ער וועט זיך פאר אייך פארענטפערן, זיך אנטשולדיקן און דערקלערן אייך, אז דאס איז געווען בלויז א צופאל:

נאר אויב מיין שיף וועט ערגעץ קומען,
איז נישט מיין שולד,
אין קראנקער אומגעדולד
האב איך די זעגלען געריסן,
שטריק נאך שטריק.

א מאדנע בריאה, אט דער שטילער מענטש. דער שרייער וועט יעדן צופאל, וואס זאל אים נאר העלפן צוקומען ערגעץ־וואו, באלד דערקלערן, אלס זיין אייגן פארדינסט. מיר קענען זיי אלע אט די גרויסע בארימער, די אזוי־גערופענע סעלף־מייד־מען, וועלכע פארטויבן א וועלט מיט זייערע גרויסע אויפטועכצן און דערפאלגן. דער „שטילער" מענטש, טאמער האט ער זיך שוין דערשלאגן צו א שטיקל תכלית, האלט ער עס פאר א „ברודנע תכלית זינד", און ער שעמט זיך פשוט דערמיט...

און דער פאעט, ווי עס ווייזט אויס פון זיינע אנדערע געדיכטן, האט נאך טיפער ארייננגעקוקט אין דער נשמה פון דעם שטילן, און האט געפונען ביי אים פון איין זייט א געוויסן שטאלץ און פון דער אנדערער זייט א געוויסע פילאזאפיע. די פילאזאפיע זיינע איז די אלטע, די פון דעם פוקס, פאר וועמען די טרויבן זענען געווען צו־הויך צו דערלאנגען, און וועלכער האט זיי דעריבער דערקלערט פאר זויער:

דער גאנצער קריג א חלום נאר
א דורכגעלעבטער אין א פיבער.
איצט בין איך וואך — ווי אלט דאס איז
זוי טוויזנט יאר וואלטן אריבער.

אט האט איר עס. דער גאנצער קאמף איז בלויז א פיבער, א משוגעת... בלויז וואונדן און וואונדן זענען געבליבן פון אים. און דערצו נאך קאן אט דער שטילער אראפקוקן מיט א געוויסן שטאלץ אויף די מייסטע וואס קעמפן. ווייל די, וועלכע אמת דערשלאגן זיך צו עפעס רעכטס, זענען דאך נאר די וויניקע

ביי די מערערע בלייבן דאָך טאַקע נישט מער, ווי וואונדן, און דערצו נאָך פאַרלירן זיי זייער סאַמע איך, און, בנאמנות, גאָר אָפט קומט אויפן געדאַנק: זענען די שטילע אפשר, נישט פיל קליגער?

אָט מיט וואָס פאַר אַ שפּאָט דער פּאָעט באַגיסט אָט די דאָזיקע שטרעבער. מיר וואָלטן געקאָנט שווערן, אַז ער האָט געהאַט אין זינען אונדזערע זשורנאַ־ליסטלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די טישן פון די, פאַר וועמען זיי ליגן אין שטויב:

אַ שומר איבער פרעמדע אוצרות —
פון פרעמדן גליק אַ טרייער היטער,
אַליין איז ער אי הויל אי נאַקעט
אין קעלט און רעגן און געוויטער.

ווירקלעך, אַז מען באַטראַכט דעם גליק פון די אַלע „שומרים", זענען אונדזערע שטילע שוין באַלד גערעכט, וואָס זיי פילן זיך שטאָלץ מיט זייער גאָרנישט טון. ווייניקסטנס, בלייבט זיי דאָך די מעגלעכקייטן צו האָסן און צו פאַראַכטן.

און דאָס איז ווידער אַ שטאַרקער שטריך אין דער נשמה פון דעם שטילן. אי קאָן ער פאַראַכטן, אי קאָן ער האָסן! אמת, נישט לאַנג האַלט אָן זיין האָס, ווייל אפשר זענען דאָס די מענטשן אויך נישט ווערט. אָבער דאָך פון צייט צו צייט רייסט זיך ביי אים אַרויס דאָס אָנגעזאַמלטע גאַל, און דאַן ברענט עס, ווי פייער.

נישט פיל אַזעלכע געדיכטן זענען דאָ אין ראָלניקס לידער, פול מיט שפּאָט און פאַראַכטונג צו די זאַטע, צו די, וועלכע רייטן אויף זייערע הויכע פערד, אָבער זיי זענען דאָ:

איר רייט אויף הויכע קליאַטשעס,
נו, רייט געזונטערהייט!
צו וואָס זאָל איך זיך לאָזן
באַשפּריצן פון דעם קויט?

און דאָך, דערמיט איז נאָך נישט אויסגעשעפּט די נשמה פון דעם שטילן מענטש. טיף, ווי אַ קוואַל, איז זי, און גאָר פיל, פיל געפילן שטורעמען אין אים, און צווישן די אַנדערע געפילן זענען דאָ די ליבע, אויף וועלכע מיר האָבן אָנגעוויזן אין דעם ערשטן טייל, און דאַן, מאָדנע, ווי עס איז, און כאָטש דער שטילער מענטש מוז זיך אוודאי שעמען דערמיט, אָבער טיף אין זיין האַרץ ברענט די ליכט פון האָפענונג:

ניט דערפאר קאן איך נישט שלאפן,
וואס צו נידריק איז צוקאפנס,
וואס די קאלדרע איז צעריסן

— — — — — — — — — — — — —

מיר האבן נאך געהאט בדעה צו ריידן פון ראלניקס גאנץ באזונדערן הו־מאר, וועלכער קומט אויך ארויס פון זיין גאנץ באזונדערן קוק אויפן לעבן, אבער דער פלאץ איז צו־באשרענקט, און דאן פארלאזן מיר זיך, אז די, וועלכע וועלן לייענען ראלניקס ווירקלעך גרויסן לידער־בוך, וועלן עס אליין אויסגעפי־נען. מיר האבן אויך געהאט אין געדאנק צו זאגן א באזונדער ווארט איבער זיין גרויסע פאעמע „האפיז", וועלכע איז ווירקלעך א הימן צו דער ליבע און צום לעבן, וואס האט נישט איר גלייכן אין יידיש, אבער אויך דאס מוזן מיר פארבייגן. מיר קאנען נאר ענדיקן אונדזער קורצע רעצענזיע דערמיט, אז מיר זענען מיט דער מיינונג, אז ראלניק האט געשענקט דער יידישער פאעזיע איינע פון די שענסטע מתנות, ארויסברענגענדיק אין דער וועלט זיין לידער־בוך, און נאך אין אזא פראכט־אויסגאבע.

א שאד נאר, וואס איז אזא בוך האבן זיך אריינגעגנבעט אייניקע דרוק־פעלערן, עפעס אזוי ווי עס איז שוין באשערט, אז עס טאר נישט זיין עטוואס פולקאמענעס אין אונדזער אומפולקאמענער וועלט.

(פ. ל. ש. 1/16-1916)

א. לעיעלעס

ליטעראַרישע נאָטיצן

וואָס עס ווערט געשריבן אין דער אָפּטיילונג איז נישט קיין קריטיק, און פּרעטענדירט אַזוינס נישט צו זיין. עס איז אפילו נישט קיין רעצענזיע. עס זענען נאָטיצן, איינדרוקן, וואָס דער שרייבער האָט אַלס לעזער, נישט מער.

וואָס עס וועט דאָ געשריבן ווערן וועגן די לידער פון יוסף ראָלניקן, וועט אַלזאָ אויך נישט זיין מער, ווי דער איינדרוק, וואָס זיי האָבן אויף מיר געמאַכט.

ראָלניקס לידער־בוך שטעלט מיט זיך פאָר דאָס פולסטע, דאָס פאַרענ־דיקסטע, וואָס איז ווען עס איז דערשינען אין יידיש. עס גיט אונדז ראָלניקן, ווי ער שטייט און גייט, אָן אַן איבעריק וואָרט, אָן קיין איין נישט־דערענדיקטן שטריך. אַ לעבעדיקער, לעבנס־גרויסער פּאָרטרעט.

דאָס בוך איז אפשר אויך דאָס לירישסטע, וואָס אונדזער שפּראַך פאַר־מאָגט. אַזוי קורץ און צו דער זעלבער צייט אַזוי קאָנדענסירט האָט נאָך קיין יידישער פּאָעט נישט פאַרמאָגט איבערצוגעבן די געפילן און שטימונגען, וואָס באַהערשן אים, און וואָס שטעלן צוזאַמען זיין אינערלעכן „איך".

אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס ראָלניקס געפילן און שטימונגען זענען איינפאַך, זייער ווייניק קאָמפּליצירט. זיי פליסן אין איין שמאָלן שטראָם און ווייסן נישט פון קיין פאַרצווייגונגען און פאַרפּלאָנטערנישן — דאָס אָבער, וואָס רעגט ראָלניקס נשמה, וואָס פאַרנעמט זיין האַרץ און מוח, איז אויסגעדריקט אַזוי, אַז קיין זאַך איז נישט געבליבן נישט דערזאָגט.

מיינער אַ באַקאַנטער האָט אַמאָל געלייענט דאָס פאָלגנדיקע צוועלף שורה־דיקע געדיכט ראָלניקס, ווען עס איז נאָר־וואָס דערשינען אין דער „פרייער אַר־בעטער שטימע":

מיין צימער איז אַ שטילע צעלע
און אַ מאַנאַשקע — איך אַליין;
און ביי מיין בעטל איז דער פאָרהאַנג,
ווי מיין געהייליקט לעבן — ריין.

א צלמל, אן אלטע ביבל,
און ווייטער — גארנישט, גאנץ אליין.
פון אין דער פרי ביז איצט געבעטן,
וועל אויף די קני באלד ווידער שטיין;

און אין דער מיטן אונטער־תפילה,
ווען ס'וועט די זון שוין אונטערגיין, —
וועט ווייגען שטיל דאס הארץ; — מיין לעבן
איז ווי מיין בעטלס פארהאנג ריין...

איז אט דער באקאנטער נשתומם געווארן. ער קען נישט ראלניקן פער־זענלעך, און איז מיט זיינע לידער אויך נישט קיין צו־נאענטער מחותן. דאך האט ער דערקלערט, אז ער שטעלט זיך דעם דיכטער פאר אזוי בולט, אזוי קלאר, גלייך ווי ער וואלט געווען זיין נאענטסטער מענטש.

און ווירקלעך: זעלטן האט א פאעט זיך אליין אזוי פינקטלעך פארגע־שטעלט, ווי ראלניק אין אט די צוועלף שורות. קירצער — געווים נישט. אין זיי האט איר אלץ: אי זינדלאזע זינדיקייט, אי פארטשימעטע ליפן, אי פאר־שטאנענע זינלאזיקייט פון זעלבסט־געצוואונגענער ריינקייט, וואס זענען כא־ראקטעריסטיש פאר ראלניקן דעם מענטש און דעם דיכטער.

די קורצקייט איז אין אלגעמיין דאס אייגנארטיק ראלניקשע. ער רעדט דארט נישט צופיל, אבער שטענדיק פיין און איידל. וואס אן אנדערן גיט זיך נישט איין אין גאנצע פאעמעס, דערגרייכט ער מיט אכט־צוועלף שורות. דער־ביי דארף מען האבן אין זינען, אז ער איז נישט קיין אויפטוער אין הלכות פארעם, ער פרעטענדירט עס אויך נישט צו זיין. ער באנוצט די זעלבע איי־פאכע פערזן, וואס טויזנטער פאעטן אין אלע שפראכן האבן באנוצט פאר אים. אין געשיקטקייט, אין דעם באמייסטערן אבער פון דער פארעם איז ווירקלעך שווער צו געפינען זיין גלייכן. עס איז מאנכעס מאל פשוט איבערראשט צו ווערן, ווי לייכט עס גיט זיך אים אין קורצע ווערטער צו געבן א גאנצע פארענדיקטע שטימונג, א קאמפלעט בילד.

אזא פולשטענדיקע הערשאפט איבער דעם ווארט איז בלויז געגעבן דעם אמתן דיכטער, דעם „ליבלינג פון די מוזעס“.

די שטימונג גופא ביי אים פליסט שטיל, צארט, אומפארגלייכלעך איידל.

שטילער פון דעם טייך, וואס שווימט,
שפלער פון גראז אין פעלד
פויזע איך ביי מענטשנס פיס, —
איך, א מענטש אויף דער וועלט.

עמיץ גייט נאָך הינטער מיר,
גאָר דעם יאָר מיט מלקות שמייסט,
און אַן אַלטער קברות-מאַן
שטיקער פון מיר קריעה רייסט.

האָט עמיצער אין יידיש פיינער, שטילער, שענער און איינגעהאַלטענער באַזונגען אַזאַ אונדז אַלעמען אייגענע, באַקאַנטע שטימונג?

דער עיקר: איינגעהאַלטן. אָט דער טאָן פון אמתן גייסטיקן אריסטאָ־קראַטיזם איז דער גאָלדענער שנור, וואָס ציט זיך אין ראַלניקס בעסטע לידער, אין אַלע, וואָס מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק פוןווירקלעכע לידער.

ליידער זענען דאָ אויסנאַמען, און גאַנץ אַנזעעוודיקע, ווי איך וועל שפּע־טער פּרואוון באַווייזן.

וועגן ראַלניקס לידער קאָן באַנוצט ווערן נאָך אַ סופּערלאַטיוו. זיי זענען דאָס ליטווישסטע אין דער יידישער פּאָעזיע. אין קורץ־און־שאַרפקייט, אין נישט געקינצלטקייט און אין איינפאַכקייט איז ער דער טיפּישער ליטוואַק. און אויך אין קלוגשאַפט.

פון כמעט אַלע זיינע לידער קוקט אַרויס דער ליטוואַק — „צלם־קאָפּ", וואָס וויים מער, וויפל ער זאָגט, און פון די דינע ליפּן פון זיין מויל גייט קיין מאָל נישט אַראָפּ אַ קוים־באַמערקבאַר איראָניש שמייכעלע.

בין דריי מאָל ביי דיין הויז געוועזן,
און נישט אַרויפגעקומען;
צו זיין אַ שטאָלצער שטאַרקער מאַן,
האָב איך מיר פאַרגענומען.

ביים פערטן מאָל בין איך אַרויף.
דאַנק גאָט! — ביסט אָפּגעפאָרן...
געוואונען האָב איך יאָ מיין וועט,
דאָך דיך — האָב איך פאַרלאָרן.

אַזוי שרייבן וועגן אַן אַנטוישטער ליבע, מיט דער איראָנישער המצאה פון די לעצטע צוויי שורות, קען נישט קיין איין לאַנדסמאַן פון דעם בעל־שם, קיין איין יידישער איינוואוינער פון דעם ווייסל־טאָל. אַזוי קאָן דיכטן בלויז אַ געבירטיקער פון דעם לאַנד, וואו עס געפינט זיך וואָלאָזשין, און וואָס האָט אונדז געגעבן דעם ווילנער גאון.

בלעטערט דורך דעם גאַנצן באַנד ראַלניקס און איר וועט נישט געפינען קיין אַנצוהערעניש אויף דעם ראָמאַנטיש, סענטימענטאַל־טעמפּעראַמענטפולן,

וואָס מען באַגעגנט אַזוי אָפט ביי די פּויליש־יידישע שרייבער; קיין שפּור פון דער ווייכקייט און הארציקייט פון די, וואָס זייער היים איז דרום־רוסלאַנד.

דערפאַר איז אָבער אויך אַ לידער־באַנד זעלטן ווען עס איז אַזוי רייך געווען אין לעבנס־וויזיהייטן, ווי עס איז ראַלניקס. אויב דאָס איז נישט די גרויסע, איבערוועלטיקדיקע וויזיהייט, צו וועלכער אַנדערע דיכטער, און די גרעסטע, דערגייען מיט אַמאָל, פּלוצלינג, אין דעם פּראַצעס פון זייער אָפט מאָל אומבאַוואוסטזיניקן, נאאיוון שאַפן; אויב דאָס איז נישט די וויזיהייט וועלכע באַלייכט, ווי אַ בליץ די תהומות פון דער אייביקייט. האָט אָבער ראַלניקס וויזיהייט די גאַנץ זעלטענע מעלה, וואָס זי איז אויך קיין מאָל נישט קיין קלוגקלינגענדיקע פּלוידעריי. זי איז אמתע, פּראַקטישע, אַלטעגלעבע לעבנסוויזיהייט פון אַ גוטן באַאָבאַכטער, וואָס קאָן דערצו שטענדיק געפינען די פּאַסנדיקע קורצע, אויסדרוקספולע פאָרעם.

כ׳בין אָן שלאָף די נאַכט געלעגן
און מיט טאָג גלייך אויפגעשטאַנען,
און אַוועק די ביכער פרעגן:
איז אַ האָפענונג נאָך פאַראַנען?

ביכער אַלטע, ביכער קלוגע,
בלעטער געל און גרין געוואָרן, —
שטייט געשריבן אין די ביכער:
וואָס פאַרלעבט, דאָס איז פאַרלאָרן.

פון וואָס שמייכלט דאָ דער קלוגער ראַלניק: פון זיין האָפענונג, פון זיין דערוואַרטונג, אַז „אפשר איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג”, פון די אַלטע ביכער מיט די גרין און געל געוואָרענע בלעטער, צי פון זיך אַליין?

דאכט זיך אייך אָבער נישט, אַז איר האָט אָט די קלוגע אַזוי ווייט נישט נאאיווע באַאָבאַכטונג געהערט שוין: צי פון אַ ליטווישן רב, מגיד, אָדער סתם אַ ייד פון דער ליטע?

ראַלניק איז בכלל קיין מאָל נישט נאאיוו. ער ווייס שטענדיק וואָס ער רעדט, און רעדט וואָס ער ווייס.

דערפאַר אָבער האָב איך נישט קיין צו־שטאַרקע אמונה אין ראַלניקס פּיעטעט און פרומקייט, וועלכע מאַנכע האָבן אים אַזוי פיל צום גוטן דערמאָנט. פרומקייט און פּיעטעט זענען שטענדיק אוממיטלבאַר־נאאיוו. ווי קומען זיי צו ראַלניקן, דעם נישט־נאאיוון, דעם לעבנסוויזן, אַזוי אָפט פּראַקטיש־קלוגן? איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אויף מיר מאַכן די לידער פון דער סעריע „אויף גאָטס באַראָט” דעם שוואַכסטן איינדרוק. עפּעס קלינגען זיי מיר נישט אין

גאנצן עכט, מער דערטראכט ווי דורכגעפילט. עס קומט מיר פאר: דאס איז נישט די פיעטעט, דאס פארטרויען אויף גאט, מיט וועלכע אמת־פרומע נאטורן הייבן אן, נאר מיט וועלכע אפיקורסים פון דער נאטור פארענדיקן. עס איז ביי ראלניקן דער רעזולטאט פון אלץ דער זעלביקער לעבנס־ווייזהייט. ער איז צו איר דערגאנגען פון זיין באאבאכטונג פון דעם לעבנס־הבל. און מען איז נאך גארנישט זיכער, אז דאס איז דער לעצטער האפן, וואו ער האט אויף שטענדיק פאראנקערט זיין שיף. עס איז ביי אים גיכער דער צוויי־פעלדיקער „טאמער־אפשר־דאך" פון דעם באמת אומגלויביקן, איידער דער פעלזן־שטארקער, הינ־רייסנדער בטחון פון דעם טיף־גלויביקן.

ראלניק וויל כלומרשט בלויז „ברויט און פוטער" פאר זיין טאג און א „געטרייע בעט" פאר זיין נאכט, און זעט, אז אפילו דאס איז אזוי שווער צו קריגן; חוץ דעם האט ער זיך איבערצייגט, אז

„דער גאנצער קריג א חלום נאר,
א דורכגעלעבטער אין א פיבער"

און אז

„ עס האט גאר נישט געלוינט צו שלאגן זיך דעריבער",

איז דערפאר, און מיר שיינט, נאר דערפאר

„אויף גאטס באראט! זאל ער מיך פירן וואוהין ער וויל, און ווי ער וויל"...

איך ווייס נישט צי איך בין מחויב צו באווייזן דעם איינדרוק פון נישט־עכטקייט וואס ראלניקס פרומע לידער מאכן אויף מיר. נאר די באווייזן פעלן נישט אין זיין זאמלונג, און עס לוינט זיך אויף זיי אפצושטעלן.

אין דעם בוך איז פאראן א סעריע וועלכע רופט זיך „אומשולדיקע לידער". וויפל ביטער־סארקאסטישעס עס איז פאראן אין אט דעם נאמען „אומשולדיקע לידער"! אין דער אמתן זענען דאס זיינע שולדיקסטע זאכן, זיינע גרעסטע באשולדיקער.

די אמת־פרומע נאטור איז מקבל יסורים באהבה, און ווייס אבסאלוט נישט פון קיין טענות. די אמת־ פרומע נאטור ווייס נישט פון קיין „איך" און קיין „זיי" און באשולדיקט קיינעם נישט אין אירע ליידן. אן אמת־פרומע נאטור האלט קיינעם נישט נידעריקער פון זיך, און ווייכט פון באליידיקן יענעם.

אבער אין אט די „אומשולדיקע לידער" ראלניקס איז דא אזא פאר אים אומגעווינלעכע, שרייענדיקע פונאנדערטיילונג צווישן „זיך" און „זיי", אזוי

פיל זינלאָזע קנאה (צו וועמען, ווייסט איין גאָט), אַזוי ווייניק זין פאַר ליידן, אַזאַ ווייטקייט פון מקבל זיין יסורים באהבה, אַז יעדע אמתע פרומקייט וואָלט זיך געמוזט דערפאַר דערשרעקן אויף טויט.

פאַר אייך די פופציק ערן־לויפער
דער נישט פאַרדינטער, הויכער לויב ;
פאַר אייך די בלומען־ווייכע וועגן ;
פאַר מיר דער זאַמדיק וועג, דער שטויב.

פאַר אייך די גרויסמיקע חדרים,
מיט טישן, בעטן רייך געגרייט ;
פאַר מיר אַ לעבן, לייטס־געלעכטער,
פאַר מיר אַ הינטער פאַרקאָן טויט.

פאַר אייך אַ לאַנגע קייט פון יאָרן,
אין וואוילטיק און צופרידנקייט ;
פאַר מיר — מיט בלוט באַשפריצטע לידער ;
פאַר מיר — ווער ווייס... די אייביקייט.

קאָן אַזוי ליידן אַן אמת־פּיעטעטישע נאַטור ? קאָן זי זיך ווען עס איז אַזוי גרויסן מיט איר שפלות ? קאָן זי זיין אַזוי זיכער מיט איר „אייביקייט" ? (צוליב אָט דעם וואָרט צום טראָץ פון דעם „ווער ווייס"... איז דאָך אָנגעשריבן דאָס גאַנצע געדיכט).

אַלץ וואָס געפינט זיך אין אָט דעם ליד ראַלניקס, ווי אין דער גאַנצער סעריע „אומשולדיקע לידער", ווי אויך אין זיינע באמת שיין־קלינגענדיקע „נישט געבונדענע פערזן", און אַפילו אין דער ערטערווייז אַזוי שטאַרקער, מיט־רייסנדער „האַפיז"־סעריע איז קעגן פרומקייט, קעגן פּיעטעט, און לאָזן טאַקע צוליב דעם נאָך זיך איבער אַ פריקרען נאָכטעם. דאָס איז ראַלניקס שטרויכלשטיין און זיין קטיגור.

דאָס ערגסטע מיט אָט די לידער איז זייער פלאַכער באַגריף פון ליידן, און זייער קנאַפּע פאַרשטענדעניש פאַר דעם צווייטן.

אויב איך לייד — ווער איז מיר שולדיק ? ליגן דען נישט די ליידן אין דער וועלט און אין מיר גופא ? און ליידט דען נישט יעדער מענטש, אַפילו ווען עס לויפן נאָך אים נאָך פופציק רייטער ? צו וואָס, אַלזאָ, דער „איך" און „איר" ? פאַר דעם פרומען, פאַר דעם, וואָס איז מקבל יסורים באהבה איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן „מיר" און „זיי", צווישן מענטש און מענטש. דאָס ליידן איז אַן אַלגעמיינס, אַ מוז. דער איינציקער חילוק באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס מאַנכע ליידן שיין און מאַנכע נישט.

צום גליק, — פאַר ראָלניקן, האָט ער אויך אזא ליד:

געפאַנגען זענען מיר אַלע,
און זיצן אין איינצלנע צעלן;
מיר קענען נישט אונדזערע שכנים —
די אייביקע ווענט זיי פאַרשטעלן.

און יעדער שלאָגט זיך באַזונדער
דעם קאָפּ אָן דער וואַנט פון זיין תפיסה
ווען טויזנטער נאָענטע כאַרכלען
אין לעצטע מינוטן פון גסיסה.

ווער עס קאָן אַזוי שרייבן, פאַר דעם זענען נאָך אָפן די וועגן פון א נייער, אמתער, טיפער דערקענטעניש, פאַר א העלערן, אינערלעכן ליכט. עס בלייבט בלויז צו האָפן, אַז דאָס וועט פאַרקומען וואָס שנעלער.

מיט צופרידנקייט קאָן געזאָגט ווערן, אַז די לידער פון ראָלניקס שפּעטער־דיקן פּעריאָד באַווייזן, אַז ער איז אויף אָט דעם וועג אַרויפגעטראָטן.

דערווייל איז ראָלניקס ליריזם בלויז לעבנסווייז, אָבער נישט טיף. פרום־קלינגענדיק, אָבער אָן אמתן רעליגיעזן שוואונג. אין דער פאָרעם, אָבער, איז ער זיכער דער באַמייסטערנדיקסטער, אויסדרוקפולסטער יידישער ליריקער.

1916

מ ש ה נ אַ ד י ר

אין אַ רעגנדיקן טאָג

אַן אומעטיקער טאָג. מיין לייכטזיניקע נשמה איז קאַלט און פאַרנעצט. טו איך אַ נעם ראַלניקס לידער־בוך. ס'אַראַ שווערער פאַליאַנט, און אַזעלכע ווייטע גרוי־זאַמדיקע ברעגן. אַך, גאָט! פאַרוואָס איז דער מענטש נישט אַ ביסל באַשיידענער? פאַרוואָס גיט דער דיכטער פון פול־פּערזענלעכן אַזאַ גרויסן פּלאַץ אָפּ דעם ליידיקן? די נישט־פאַרשריבענע ראַנדן?

י. ראַלניקס וועג איז נישט קיין אומענדלעכער און פאַרשטויבטער מדבר־וועג, וואָס פירט אין ערגעץ נישט, אַפילו נישט טיפער אין דער מדבר אַריין, וואו מען קאָן פון אינטערעסאַנטע, פולבלוטיקע לייבן פאַרצוקט ווערן. זיינע לאַנדשאַפטן: אַזעלכע וואַסערפאַרביקע, אַזעלכע אומאַפּעטיטלעכע. ווער, — פרעגט מ. נ., — וויל דאָס אַרומוואַנדערן אָן אַ באַשטימטן מאַרשרוט, אָן אַ צוועק? זאַמדיקע וועגן — פּפוי, עס לאַנגווייליקט מיך און איך וויל שלאָפן. זאָל איך דיר ווינטשן אַ גוטע נאַכט?

פּערזענלעך: נישט פיין פון דיר — איך אירע דיך נישט — קאָלעגע ראַלניק! (אין דער אויסגעטראַכטער דיכטער־רעפּובליק, לכל־הפחות, קאָן איך זיך דערלויבן צו זיין אַריסטאָקראַטיש־פיין, מאַנירלעך). פאַרוואָס פאַרביטער־סטו מיר ס'לעבן מיט דיינע ליטווישע לידער, פון וועלכע עס ווערט אַזוי אומ־היימלעך, אַזוי ביטער?

י. ראַלניק! דיינע סטראָפן פאַרשיכורן נישט, און איך וויל נישט ניכטער זיין. צ ו ניכטער בין איך דערצו! צו־ווייניק לופטיקייט איז פאַראַן אין דיינע לידער — י. ראַלניק, מיין פערזענלעכער גוטער־ברודער.

געזאַנג: הייסט דאָך ריטעם, לופטיקייט, אַ פלינקער האַרץ־ציטער, און

דו מיין געטלעכער אוממעכטיקער, אַלץ פאַרגרויענדיקער י. ראַלניק, ביזט נישט מוזיקאַליש, נישט אַפּערעטיש. דיינע געזאַנגען האָבן קיין גוטן ריטעם נישט. דיין לידער־לופט שטיקט, איז שווער, און דיין ליטוויש האַרץ ציטערט אַזוי מעלאַנכאָליש־לאַנגזאַם, אַז מיין אייגן פאַראומערט, אַפּערעטיש האַרץ הייבט אָן לאַנגזאַמער שלאָגן און ס'ווילט זיך אַנטלויפן ערגעץ ווייט, ווייט.

לאַנגזאַם־לאַנגווייליק, ווי די לעצטע טראָפּנס פון אַן אויסגעטריקנטן ברוגעם־עמער, וואָס הענגט אין דער לופטן (אין מיינעם אַ ביכל) אָן יעדן ציל און צוועק, טריפן י. ראַלניקס ריין־פּערזענלעכע טרערן; פאַלן אין דער נאַרישער אומענדלעכקייט אַריין און גייען אויס אָן דראַמאַטישע וועלט־עפעקטן.

פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַראייגזאַמט — י. ראַלניק, מיין חבר? וואָס פעלט דיר דען? האָסט זיך, כ'לעבן, געמעגט דערלויבן זיין אַ ביסל געזעליקער, קאַלעגיאַל־אַפּערעטישער, האַפּיזדיקער.

און זאָגן אייך, געערטער י. רייז, אַ סוד? מיר איז וואַרעמער אינעם קאַרגן שיין פון דעם פאַרפרעמדן און פאַרפרעמדנדיקן מיר־גאַנץ־אומפאַרשטענדלעכן האַפּיז, ווי אין דער איבערפליסנדיקער, קלוגער שניי־ליכטיקייט פון דעם היימישן און איבערדריסיק־נאָענטן ראַלניק.

איך מיש די בלעטער און... עס שנייט אַלץ אין ראַלניקס לידער. פאַרוואָס רעגנט נישט אַ ביסל אין דיין היימאַט, ראַלניק? פאַרוואָס קנאַלט נישט אַ דונער און דערשלאָגט נישט עטלעכע פעלד־וואַנדערער? פאַרט פריילעכער!

ס'איז אמת: שניי־לאַנדשאַפטן זענען קלאַסיש־שטיל, נירוואַנאַ־פאַרחלומט, דעקאָראַטיוו. אָבער נאָר פאַר מענטשן, וואָס זענען קראַנק ביז נאַרמאַליטעט. איך בין געזונט און דעגענערירט, און מיין בלייך־אַריסטאָקראַטיש בלוט ווערט פון דיין שניי נישט געוואַרעמט, ראַלניק מיין גרויסער דיכטער! איך זוך — דעם אָריענט און זיינע פאַרביקע אויסגעלאַסנקייט.

גאַנץ אומעמפינדלעך ביסטו, י. ראַלניק, — צו דיין מוטער־ערד וועלכע איז אַזוי געשמאַק מיט זון־פוטער־שטראַלן באַשמירט. אַפילו די וואַרעמע גוטשוועסטערלעכע שויסן האָבן דיר געגעבן בלויז צוויי לידלעך. נישט מער. צוויי לידלעך — באַ! אויבערפלעכלעכע נאַטורן מיינען, אַז ראַלניק אידעאַליזירט דאָס קליינע ליטווישע לעבן, אָבער טיפע באַאָבאַכטער ווייסן, אַז ראַלניקס אָרעמקייט איז נישט קיין לעבנס־אידיליע, נאָר אַ לעבנס־מאַסקאַראַד. נישט זיין פּראָגראַם־מאַקסימום, אינעם לשון פונעם סאָציאַליסטישן וואַנדראַלענטום, נאָר זיין פּראָגראַם־מינימום, נישט אַ רעכטער טויער צו זיין אייגענער העכסט־אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט, נאָר אַ פאַנטאַסטיש טירל צו דער גרויסער, באַנאַלער, אָפּגעשמאַקטער אומענדלעכקייט — אַ פּראָזע, וואָס איז מיר אַליין אומפאַרשטענדלעך.

י. ראַלניק איז אויך אַ תנא, אַ וועלט־חכם. וועלט־חכמה? צו וואָס דאַרף איך זי? און נישט ווילנדיק פרעג איך אַ ביסל מיט כעס. צו וואָס רעדט מיין דיכטער אזוינע טרויעריקע רייד, זאָגט שלעכטע בשורות; זעט אין גאָטס פאַר־לאַצן נאָר טריבע און נאַסע נעכט, ווייטער גאָרנישט. אַ פראַגע: און וואו זענען, אַ שטייגער, די רויט־גליענדיקע, הויך־לאַכנדיקע, מיידלש־פאַרפלאַמטע טעג פון גאָטס גרינער, דופטנדיקער ווייבלעכער ערד? י. ראַלניק, מיין חבר: דו גייסט אויף בלוטיק־פאַרבלאָטיקטע, זאמדיקע, דאַרנדיקע וועגן, אָבער וועד הייסט דיר אַהין גיין? קום, מיין פריינט! טו אָן דיין קעניגלעכן שאַרלאַך־מאַנטל־אויבערראָק און איך און על דיך אין די וויינגערטנער פון לעבן פירן, און דו וועסט נישט מער איינגעבויגן גיין, און שילטנדיק גאָט פאַרשווייגן און זיינע מייסטערווערק.

אך, ראַלניק, מיין גרעסטער דיכטער! עס רעגנט אין דרויסן. מיר איז שלעכט און אומעטיק. דיר אויך, מסתמא.

אין אַ זונטאָג

אויסגעלייטערט האָט זיך דער מליצה־הימל פון מיין נשמה. בלאָנדער, לילות־בלאָנדער זעט איצט אויס די אינטימלעכע קאַסיאַ פון מיינע „ווילדע רויזן”. איך בלעטער ווידער י. ראַלניקס פרימיטיוו־געבונדענעם, זויבערן נאָך־נישט־גאַנץ צעשניטענעם און פון ברודיקע לעזער־הענט פאַרשוועכטן פאָליאַנט. (אַ גוט אויסלענדיש וואָרט, האַ?) אַלמעכטיק־יידישער גאָט! ס'אַראַ רחבות, ס'אַראַ ברעגיקייט! ס'אַראַ פייערלעך בלענדנדיקע ווינטער־פייזאַזשן. ווי אַ ליכטיקער זילבער־שווערד גלאַנץ ראַלניקס עפּיגראַמאַטישע שאַרפקייט, זיין שטרענגע חכמה, זיין צנועהדיקע און דעריבער מער פאַרשייטע עראָטיק. און ווי ריינער שניי אויף דעם ברודיק־נאַקעטן פעלד — אַזוי פאַלט זיין נביאישע טרייסט...

אַ גרויסער דיכטער ביסטו, י. ראַלניק, און אַזוי אייגנאַרטיקער פון מיר — ווען איך בין נישט אין בעסטן געזונט. אָריגינעלער פון זיך אַליין, מיין דופּטנ־דיק־דאַרנדיקער, הייס־געליבטער דיכטער!

נישט נאָר דיכטער ביסטו, נאָר אַ פּערזענלעכקייט אויך, און זיין פּערזענ־לעך, איז שווערער ווי שרייבן פערזן.

דער נישט־איבערטראָפענער דיכטער פון דער נישט־איבערטראָפענער טיף־יידישער פּערזענלעכקייט — וועלכע איז טיף געגוג, ווייסט גאָט!

נישט נאָר פון צייט צו צייט, נאָר שטענדיק און כסדר און אויסגעהאַלטן ביסטו י. ראַלניק. דו האַלטסט פון זיך זייער שטאַרק, און נישט פון זיי. גוט, אויסגעצייכנט. אַזוי דאַרף עס זיין. איך און דו — מיר ביידע — זענען גרע־סער פון אייך אַלעמען. אַלע דאַפיר! ביסט אומאַנשטענדיק־פּריוואַט און צנועהדיק־אינטים. קוק זיך אָבער צו נאָענטער, דו פעבלהאַפט וועלט־גאַלעריע־געזינדל, דו וועסט אין ראַלניקס גרויסע לידער אויך דייַנע אייגענע האַלבע אומאַנשטענדיקייטן דערקענען. און דיינע באַהאַלטענע פערטל אינטימיטעטן. דען גרעסער פון דיר איז י. ראַלניק, און אויך פון מיר — וואָס איז גרויס געגוג, אָן צווייפל. אָבער באַליידיקט זיך נישט, מייַנע הערן און דאַמען! אַזוי טוען

דאָך אַלע גרויסע דיכטער. זיי האָבן אייך גאָרנישט אין זינען — נאָר ז י ך, זיך אַליין. נאָר זינגענדיק פון זיך, זינגען זיי שוין במילא אויך פון אייך, קליי־נע, אומבאַדייטנדיקע פוטער־ברויט־נאַטורן. ווילט איר דאָס גרויסע דיכטער־בּביא־וואָרט הערן, גייט נישט צו סאַהידן, אויך נישט צו סאַקין, נאָר דירעקט צו האַפּיזן. דיטאָ י. ראַלניק. ער וועט אייך מיט זיין קאַלטער שנייאיקייט דערוואַרעמען, אייער בלוט דערפרישן. אייך שאַרפע גוואַנגען אין די אָדערן אַריינגיסן. אייער בירגער־בלוט וועט דערפון שיכור ווערן... אייער אָרעמ־זעליקע נשמה וועט פון זיין קליינעם אומטעאַטראַליש ווייזהייטליכטל אַ הייליקן אַפּשיין קריגן, און דער ווייַן פון אַלטער חכמה וועט אין אייערע בעבערס מלי־צהדיק אויפשוימען.

איך זינג: ווי טיף, ווי עלעגיש, ווי אומדערשעפּלעך ביסטו, י. ראַלניק — מיין האַפּיז! אַ קלוגער דיכטער ביסטו, י. האַפּיז, מיין ראַלניק, און אַ טי־פער דענקער. נישט דער טיפסטער פון אַלע נישט־געוועזענע דענקער. — יע־נע יענען נישט טיף, ווייל זיי זענען נ י ש ט. דו ביסט — ביסטו קלוג. מיין לאָרבער־קראַנץ דיר, י. ראַלניק!

ס'איז גוט וואָס די גייסט אויף זאַמדיקע וועגן! ווען דו וואָלסט נישט געגאַנגען אויף זאַמדיקע וועגן, וואָלט אויך געווען גוט. דער וועג דיינער — נישט מיינער. איך וויל מיט דיר נישט מיטגיין. איך האָב נישט קיין צייט. אָבער דו אַליין, דו פּערזענלעכער, וועסט זיכער אויף דיינע גרויע וועגן צום העכסטן דערגיין, צו די אינדזלען פון זעליקייט, און האָסטו זיך אַ קליין ביסל איינגעבויגן צוליב עפעקט — מאַכט עס אויך נישט אויס. איינגעבויגענער־הייט גייט זיך זיכערער, פּאַראַדאָקסאַלער.

(פון בוך „וועגן ביכער", ניו־יאָרק, 1916).

בעל מחשבות

ליטעראַרישע שמועסן

דער פּאָעט יוסף ראָלניק, וואָס שיינט שוין אַ יאָר 15—18 אויפֿן גרויען הימל פֿון דער יידישער ליטעראַטור, האָט געפֿונען זיין פּאַרלעגער, וואָס האָט אים אַרויסגעגעבן אַ „געזאַמלטן" אין אַ גראָבן בוך אויף פּראַכטפֿולער ביטן־פּאַפּיר און אַ געשמאַקפֿולן איינבאַנד.

אונדזערע אַמעריקאַנער יידישע פּאַרלעגער, — דאָס מוז מען שוין מודה זיין, — האָבן אַ סך מער געשמאַק, ווי אַנדערע היגע בן־אביגדורס, שרעברעקס און אַפּילו קלעצקינס. זיי טראָגן צו דעם לעזער אַ ניי בוך אין אַזאַ געשטאַלט, אַז מ'דאַרף זיך נישט שעמען דאָס אַריינצושטעלן אין ספרים־שאַפֿע אינאיינעם מיט די שיינע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע ביכער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור.

י. ראָלניק, וואָס איז נישט דעם ערך קליינוואָקסיקער פֿון אברהם רייזען, אַ מאָרים ראָזענפֿעלד און אַנדערע יידישע פּאָעטן איז פּאַרט אַ שטיקל בעל־מזל. זיינע געזאַמלטע לידער האָבן באַקומען אַ שענער פּרוכת ווי זיינע קאָלעגן. איך צווייפֿל אָבער שטאַרק, צי וועט מען אים אַזוי אָפּט אַרויסנעמען, ווי די דערמאָנטע צו דער „קריאת הפּאָעזיע".

י. ראָלניק האָט מיט גרויס התמדה און אויך התפּעלות געלייענט ה. היינע, און נישט דעם גאַנצן היינע, נאָר זיין „בוך דער לידער". און דאָס איז דאָך שוין אַ כלל־דבר, אַז מ'רייבט זיך אַרום אַ פּעטן טאָפּ, ווערט מען אַליין אַ ביסל פֿעט, און ראָלניק האָט געכאַפּט ביי היינען דאָס, וואָס עס כאַפּן די מיינסטע יידישע נישט שלעכטע גראַמען־מאַכער ביי היינען: זיין אַרט צו פּאַרענדיקן אַ ליריש לידל מיט אַ גרילצנדיקן דיסאַנאַנס; זיין כוח צונויפֿצומישן אַ פֿיין, צאַרט געפֿיל מיט דעם פּעפּערדיקן שאַרפֿן ריח פֿון אַ קאַלטן שניידיקן איראָנישן מוח; זיין גוסט צו לאָזן שפּילן אויף די סטרונעס דאָס מלאכל מיטן טייוול, זיין גאונות צו ווייזן די צעריסענע נשמה פֿון אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך

אליין פארגליכן מיט א געטלעכן מאכל, וואס איז גארנירט מיט קאבל און רעטעך („אבראזיא און ראט־קאהל"). ביי היינען זענען אבער די דאזיקע מעלות געוועזן אויסגעבילדעט אין העכסט געניאלן אופן. ביי אים איז דאס געוועזן די טיפסטע אויפריכטיקייט פון זיין צעריסענער נשמה. ביי די היינע נאכמאכער איז אבער סיי דער וואונטש צו לעבן אין דער מלאכים־ספערע, סיי דער פרא־טעסט פון דעם טייוול קעגן די נאאיוויטעט פון א ריינער נישט־וועלטלעכער קרובים־נשמהלע אזוי בלאס, אזוי גראשן־ליכטלדיק, אז אפט מאל הייבט מען אן פיינט צו באקומען דעם אמתן היינען צוליב די בלוטארעמע, צעקראכענע היינעלעך.

און קריגט נישט פיינט היינען, ווען איר לייענט א היינע־באלאדע בלשון ראלניק:

„איז געוועזן א יונגע מיידל;
איז געוועזן אן אלטער בחור,
האט דער (?) שיינער (?) יונגער (?) מיידל
האלד געהאט דער אלטער בחור.

האט ער בריוועלעך איר געשריבן,
רויטע טינט אויף ווייסע בויגנס,
און זיין לעבן אנגעבאטן,
זיינס — דעם בחורס — גאנצן אייגנס.

נאר די יונגע האט דעם אלטן
נישט געקאנט אליין ליב באקומען;
מיט אן אנדערן א יונגן
איז געוועזן איר הארץ פארנומען.

איז דער בחור קראנק געווארן,
קראנק און בלייך ארומגעגאנגען;
אין זיין הארצן אומגעפויזעט
האבן שווארצע קנאה־שלאנגען.

פלעגן נישט געטרייסטע ליידן
זיין פארליבטע הארץ פארצערן,
און די לייוונט בלייכע באקן
פלעגן בריען הייסע טרערן.

די היינע־נאכמאכער, וואס מיינען אמאל אין זייער פאעטישער גאווה, אז אין זיי איז פאראן אן אמתער היינע־פונק, פארגעסן שטענדיק דאס ווערטל פון זייער לערער: „אין דער בלאטע זענען מיר אלע גלייך". אדער אנדערש

אויסגעדריקט: די מענטשלעכע נשמה, וואָס איז פלאַך אין איר פרומקייט און וואָכעדיקייט, לעבט אין אן אייביקער צעריסנקייט, האָט פרינציפיעל דאָס, וואָס האָט אין אַ גרויסן מאָסשטאַב געהאַט היינריך היינע. אָבער גרויס און וועלט־באַדייטנדיק ווערט די צעריסנקייט נאָר דעמאָלט, ווען די פרומקייט דערהייבט זיך צו די עקסטאַזן פון אַ נשמה־העליונה און ווען די וואָכעדיקייט באַקומט דעם גרילצנדיקן קוויטש פון אַ געפאַלענעם מלאך אין איינעם און דעם זעלבן הארצן. י. ראָלניק, ווי די אַנדערע היינע־נאָכטאָנצער, האָבן קיין מאָל נישט געהאַט די נשמה־העליונה, ווי די מעכטיקע קראַפט פון די ליידנשאַפטן און דער וואָכעדי־קייט פון הומאָר. און דעריבער איז זייער נשמה־צעריסנקייט עפּעס אַ מין בלאַטיקער, קויטיקער לעבנשליאַך, וועלכער קאָן נאָר ארויסרופן ביי אונדז אַ לייכטן כעס, וואָס דער גרויסער היינע האָט זיי כלומרשט אויסגעלערנט ווי צו צעבלאָזן די אייגענע נישטיקייט.

* * *

ווער איז י. ראָלניק? — מיר דאַכט זיך אַ קאַפע־מענטש פון שלומס קאַפע אין ניו־יאָרק, — דאָס איז אַזאַ מין קאַטיקס קאַפע אין ווארשע, — מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון אַן אַלטן בחור.

„שבת, יום־טוב און ראש־חודש —
מיינע יום־טובדיקע קליידער,
הענגען נישט געניצט, געטראָגן,
אויף דער הינטער־וואַנט אין חדר.

מיינע וואָכעדיקע זאַכן
גלוסט זיך מיר נישט איבערבייטן;
שבת, יום־טוב און ראש־חודש
קום איך קיין מאָל צווישן לייטן.

ביי דעם קאַפע־טיש פאַרזיץ איך
מיט די קעלנערס, מיט די קונדן,
שבת, יום־טוב און ראש־חודש,
ווי די וואָכעדיקע שטונדן.

און איינזאַם איז ער ווי אַלע אַלטע איינזאַמע בחורים, וואָס האָבן אפילו נישט קיין קאַץ אין דער היים. ער מעג באמת זינגען פון גאַנצן הארצן:

„אַז וואויל איז דעם וואָס האָט אַ הונט,
וואָס האָט אַ הונט אין הויז;
דער הונט היט אים ביינאַכט, ביי טאָג,
באַגלייט ער אים פון הויז.

אַז וואויל איז דעם וואָס האָט אַ קאַץ,
וואָס האָט אַ קאַץ אין הויז;
דאָס קעצל שפּרינגט, — זאָל שפּילן זיך
אַ קעצעלע אין הויז.

נאָר ווײ איז דעם, וואָס האָט קיין הונט
און האָט קיין קאַץ אין הויז;
דען נישט געליבט און נישט געטרייסט
זיין לעבן הויכט ער אויס".

און ווי אַן אמתער אַלטער בחור, וואָס איז קיין מאָל יונג נישט געוועזן און וואָס איז שוין היינט, ווי אַמאָל די אייביק־בענקענדיקע נשמה, נישט ווייל ער בענקט נאָך אַ הימל־קעניגרייך, נאָכן טעלערל פון הימל, נאָר ווייל ער איז צו־שוואַך צו נעמען פאַרן עק אויך דאָס וואָכעדיקסטע פון לעבן, זינגט ער:

„מיידל, מיידל האָב מיך האָלד,
כ'וועל דיר עפּעס געבן,
נישט קיין פּערל, נישט קיין גאָלד,
נאָר מיין גאַנצן לעבן.

יאָרן האָב איך שוין נישט פיל,
ס'איז קיין סוד פאַר ביידן,
נעם די לעצטע, מיידל, צו
פאַר אַ ביסל פרייידן".

און איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן קיין בעסערן מוסטער פון אַ זיס־עסיק, — זויער פּאַוויע פון אַן אַלטן בחור, וואָס גיט נישט קיין פּערל, נישט קיין גאָלד, נאָר דעם אוצר פון די פאָר יאָרן און פון אַן אָפּגעלעבטן אַלטן שלום־קאַפּע־נאַסט. און באַקענט איר זיך מיט דער אַרט, ווי ער, דער אַלטער בחור, וועט באַגנעדיקן דאָס יונגע מיידל מיט זיין ליבע:

„לאָז פּיעשטשען זיך, פּיעשטשען פאַר דיר
און מיינען אַז דו האָסט מיך ליב,
און זאָל דאָס אַ נאַרישקייט זיין, —
אַזוי ווי אַ קינד מיך פאַרגיב".

איז גאַנץ באַגרייפלעך, פאַרוואָס דאָס מיידל וויל בעסער פּערל און גאָלד, איידער די פאָר יאָר פון דעם שלימזל, וואָס „פּיעשטשעט זיך און פּיעשטשעט זיך". נישט קיין גרויסער מאכל צו זען אַן אַלטן פליכעוואַטן בחור וואָס מאַכט חנדלעך און מינעלעך.

מיין נישט, מיין לעזער, אַז איך טרייב רכילות אויף י. ראַלניקן, ווען איך זאָג, אַז ער איז פון דעם מין פּאָעטן, וואָס האָט קיין כוח נישט צו נעמען דעם לעבן פאַר דער טשופּרינע, זאָגט ער דאָך אַליין:

„מיין פאַרלאַנג און מיין באַגער
איז לויטער קליינקייטן;
ווען אַ וואָרט, און ווען אַ בליק,
אַ שמייכל פון דער ווייטן".

און קיין כוח האָבן זיי נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען שוין פון דער מוטער־לייב אַרוים מיט אַ פּליך פון אַן אַלטן בחור אין הארצן און מיט דעם כעס פון אַ שוואַכינקן קעגן אַ שטאַרקערן, וואָס טרינקט דאָס לעבן מיט דורשט און אָן חכמות און פּשטלעך. און דעריבער בייזערט זיך י. ראַלניק:

„פאַרברענט זאָלט איר ווערן איר ביכער!
וואָס אַרט מיך „זיין" און „נישט זיין"
איר לערנט מיר בעסער צו ליבן
און לערנט געליבט ווי צו זיין.

כ'האָב תלמוד און פּוסקים געלערנט
געשפּאָלטן דעם „ים" הין און הער;
די איינציקע סוגיא פון ליבן
און ווערן געליבט — גיט זיך שווער".

ובכן, איז י. ראַלניק אַלס פּאָעטישע פּערזענלעכקייט, להבדיל, דער יידישער אַלטער בחור, אַ באַקאַנטער טיפּ, וואָס באַקומט נישט קיין נייעם פּנים ווען ער פאַרלאָזט אפילו קאָטיקס קאַפע אין וואַרשע און ווערט מגולגל אין ניו־יאָרק. איך וויל נישט לייקענען, אַז ראַלניק האָט אַ געוויסן זין פאַר פרעמדע פּאָעטישע קונסט־פאָרמען, אַז ער כאַפּט דעם סטיל פון פרעמדע מוסטערן, אַז ער מאַכט־נאָך נישט נאָר הייינען, (דער ערשטער קרבן פון אַלע פּאָעטן, וואָס זענען אייגנ־טלעך נישט מער, ווי שוואַכע פאָרעם־טאַלענטן), נאָר אויך דעם טאָן פון אַ פאָלקסליד, ווי אויך אַנדערע מוסטערן („האָפיז", וואָס האָט זיך ערטערווייז גאַנץ גוט איינגעגעבן ראַלניקן), אפילו אויך א. רייזענען. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות, ווען מ'וואָלט וועלן געפינען ביי ראַלניקן עפּעס עכטס, אייגנס, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים באמת געבן דאָס רעכט זיך צו רופן „פּאָעט פון גאָטס גענאַד".

אינטערעסאַנט איז נאָך צו באַמערקן, וואָס י. ראַלניק, צונויפקלייבנדיק

אין זיינע „געזאמלטע" אלץ וואס איז אויסגערונען פון זיין פעדער, האט כמעט נישט געפונען קיין איין טאן פאר זיין נייער היים, פאר אמעריקע, וואו ער האט געלעבט די לעצטע צענדליק יארן. נאר דאס איז אייגנטלעך פאר מיר קיין וואונדער נישט, ווארום די מוסטערן פאר זיין פאעזיע האט ער דאך געבראכט שוין פארטיקע פון זיין שטעטל, וואו עס געפינט זיך א היינע, אן אברהם רייזען, א בענדל געטע און אן איבערגעזעצט ביכל אין רוסיש פון פ. ווערלען. (אויך ווערלען האט ער געפרוואווט נישט שלעכט נאכזינגען), און ווי אן אלטער בחור, פריער ביי קאטיקן, דערנאך אין שלומס קאפע, איז ער, פארשטייט זיך, געבליבן אזוי ריין פון פרעמדע איינפלוסן, ווי א פארחתמעט בריוול, וואס גייט פון א רוסיש שטעטל קיין ניו־יארק. און דעריבער מוז איך, ליידער, זאגן ראליקן, אז זיין וואונטש, אז „זיין ליד זאל פאלן ווי האגל אויף די פעלדער זיך אויס־גיסן אויף אלט און יונג און נישט אויף פוסטע פעלדער, אז זיין ליד זאל יעדן גליק אין יעדן הארץ פארדארבן". וועט נישט מקויים ווערן. ווארום זיין ליד איז נישט פון האגל, אפשר איז עס טאקע דער „אסיען נעץ", ווי ער זאגט.

אבער אסיען נעץ איז שוין נישט קיין פאעזיע, נאר עפעס אנדערש.

בעל־מחשבות.

(„פאלקס־בלאט", קאוונע)

ש. ניגער

י. ראָלניק

— 1 —

דער זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן" האָט אַרויסגעגעבן לכבוד ראָלניקס לידער, ווען זיי זענען געזאַמלט געוואָרן אין איין בוך (ניו־יאָרק, 1915, פאַרלאַג „אינדזל"), אַ ספּעציעלן נומער — אַ ראָלניק־נומער. איז עס געווען אַ קמיע, עפּעס אַ מין שמירהלע, וואָס גוטע פריינט האָבן געוואָלט אָנטאָן ראָלניקן אויפן האַלדז, עס זאָל אים נישט שאַטן חלילה קיין בייז אויג און קיין בייזע באַגעגעניש? אַ פּנים האָט עס — אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט זיי געזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט אַרויסגיין, אַט דער „בלייבער שווייגער", פון זייער רעדל, וועט מען אים אָנקוקן ווי אַ פרעמדן, ווי אַן איבעריקן. און אַזוי איז עס געווען: די ערשטע באַשווערונגען און די לויב־געזאַנגען האָבן נישט געהאָלפן, אַז ראָלניקס לידער זענען אָנגעקומען —מיט אַ פאַרשפּעטיקונג— קיין רוסלאַנד, איז דער טאַלאַנטפולער גרינדער פון דער יידישער קריטיק, בעל־מחשבות, אַרויס מיט אַ בייזן אַרטיקל, און זיין הויפּט־געדאַנק איז געווען, אַז ראָלניק איז נישט מער ווי איינער פון די פיל היינע־נאָכמאַכער, און אַז ער האָט „געכאַפּט ביי היינען דאָס, וואָס עס כאַפּן די מיינסטע יידישע נישט־שלעכטע גראַמען־מאַכער".

פאַר דער גרופּע „יונגע" פון דעם זשורנאַל „קולטור און לעבן" איז ראָלניק אַ פּאָעט, וואָס „גיט זיין אייגענע מעלאָדיע", „גיט צו שמעקן זיין נשמה", „גיט צו פאַרזוכן דעם טעם ראָלניק" (אַן אויסגעצייכנטער אויסדרוק פון אבא ליליען); פאַר בעל־מחשבותן איז ער אַ גראַמען־מאַכער, און „עס וואָלט געווען אַ טעות, ווען מען וואָלט וועלן געפינען ביי אים עפּעס עכטס, אייגנס"...

פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ שאַרפע פאַרשידנקייט אין די איינדרוקן, אין די מיינונגען?

— 2 —

זי נעמט זיך פון דעם דיכטער גופא. ער שטימט צופיל מיט זיך אליין — לויט א באקאנטן, איבערגעדרייטן, אויסדרוק פון אסקאר ווײלד; — דערפאר „שטימען נישט צווישן זיך די קריטיקער". ער איז, מיט אנדערע ווער־טער, א ביסעלע „צופיל" אינטים (ווי ער זאל זיך נישט מאטערן עס פארדעקן און פארשטעלן), און א צו־ציטערדיקער אינטימקייט מוז איין סארט לייענער פונקט אזוי שטארק אפשטויסן, ווי אן אנדערן — צוציען.

געווײנטלעך ווירקט דער כישוף פון א דיכטערס בילדער, געשטאלטן און הארץ־אויסגיסן אויך אויף די געמיטער, וואס זענען ווייט פון אים; אבער א ליריקער, וואס איז „צו־אינטים", רעדט נאר מיט זיין גלייכן, מיט די נאר, וואס זענען אים אויפגעלייגט צו הערן, זיי פארשטייען אים און גלויבן אים, ווען ער זאגט:

„וואס מאכט עס אויס, וואס איך זאל טרינקען ?
צי רויטן ווײן צי אפפאל שווארצן ?
א, נישט אין קריגל ליגט די לידל (*)
זי ליגט אין מיר, זי ליגט אין הארצן !"

אנדערע וואס זענען ווייט פון אים, קוקן אים אריין אין „קריגל", נישט אין הארצן. און אזוי האט געטון אויך בעל־מחשבות. ער איז נישט אויפגעלייגט געווען צו הערן די חשבונות, וואס ראלניק מאכט מיט זיין נשמה. האט ער געהערט נאר די גראמען.

אין דער אמתן זענען אבער די גראמען פון י. ראלניק גאר נישט אזוינע קלינגעוודיקע, אז זיי זאלן זיך לאזן הערן שטארקער, ווי דאס פלאטערן פון זיין נשמה און זיין תפילה בלחש.

און אויך דער היינע־טאן וואלט גארנישט געשטערט אזוי דעם געניטן קריטיקער, ווען ער וואלט גרייט געווען צו פארנעמען דעם ראלניק־טאן, וועל־כער איז פיל קענטיקער אין די לידער. אבער ער איז נישט גרייט געווען צו הערן דעם שטילן ציטערן פון דעם פארזיכדיקן ראלניק־טאן, וועלכער עס פאר־נעמט נאר דער, וואס טראגט אים אליין אין זיך...

(*) ראלניק — ווי א ליטוואק — ווייס נישט פון נייטרום („דאס") און פון אנדערע כללים וואס ווערן אפגעהיט אין וואלינער און פוילישן יודיש. ער שרייבט: „די ליד", שטויביקע (נישט שטויביק) וויגל; ער גראמט „בלויך" מיט „רויך" אד"גל.

— 3 —

ווי אין אַ היֵיל, וואו אַ שטים איז אַ שאַרף און אַ ליכטפּלעק — אַ בלאַס־קייט אַ טונקעלע, — אַזוי מוז מען אַריין אין דעם אָפּגעצאַמטן ווינקל פון י. ראָלניק. איר וועט נישט הערן פון אים קיין הויכן שטאַרקן קלאַנג, ער וועט אייך נישט בלענדן מיט העלע פאַרבן. אפילו די פּייזאַזשן זיינע (כמעט דער גאַנצער ערשטער טייל פון זיינע „לידער" באַשטייט פון לירישע לאַנדשאַפטן) זענען געצייכנט מיט אַ בליישטיפט, נישט געמאָלט מיט פאַרבן. און נאָר אין דער קאָנטיקער האַרטלעכקייט פון די אָפּגעהאַקטע ליניעס, וואָס ווערן פלוצלינג פול מיט לעבן און אויסדרוק, דאַרף מען זוכן דעם שטילן חן פון די דאָזיקע איך־אַנטפּלעקונגען, וואָס מאַכן זיך פאַר נאַטור און לעבנס־בילדער.

דער איך, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די שטילע וואַסער־פאַרביקע לאַנדשאַפטן און אין אַלע איבעריקע לידער ראָלניקס, איז אָרעם אין אויסערלעכע מיטלען, אין איינדרוקס־מיטלען, אָבער דאָס איז די אָרעמקייט און די „אָפּגעריסנקייט" פון אַלע שטומע און פרומע נשמות. זייערע לידער זענען תפילות, און תפילות „זינגט" מען נישט, אויב מען איז נישט קיין חזן, תפילות ז אָ ג ט מען. מען ווענדט זיך מיט זיי צו קיינעם נישט, נאָר צו גאָט — און צו זיך — אַליין:

גאָט, דערהער די זיפצן מיינע,
גאָט, פאַרנעם מיין הייס געבעט.
זע, די טרערן מיינע מאַכן
נאַס די קישעלע פון בעט.

דו, דער חבר פון די קינדער,
פאָטער פון דעם אַלטן מאַן,
וואָס דו שיקסט די לעצטע טרייסטונג,
וואו עס איז אַ נויט פאַראַן —

דו דערזע די טרערן מיינע...
גאָט, פאַרנעם מיין שטיל געוויין!
זיי אַ טאַטע און אַ חבר: —
כ'בין אַן אַלטעס קינד אַליין...

אַ ן אַ ל ט ע ס ק י נ ד אַ ל י י ן, אַן אַלט קינד רעדט מיטן אַלטן גאָט. אַ ייד זאָגט תהילים אויף יידיש, ת פ ל ה ל ע נ י כ י י ע ט ו ף... וואָס האָט עס צו טון מיט היינען?

איך בין נישט רייך; איך האָב איין בגד
פאַר הויז און שול און פאַרן וועג;

אין מאַרק-טעג גיי איך אין אים האַנדלען
און גאָט בעטן — אין יום-טוב-טעג.

עס פאַלט אויף אים דער שטויב פון זומער,
דער קויט פון אָסיענדיקע טעג.
דעם רינשטאָקס שפּריץ — און אַלע זייפן
פאַרוואַשן נישט קיין איינציק פלעק...

אויף שמחות און צווישן אבלים
אין זעלבן קלייד: איך בין נישט רייך
און מיט אַלע פלעקן קומען
וועל איך אין הימלס קעניגרייך...

וואָס האָט דאָס צו טון מיט דער פאַנטאַסטישער, אין פאַנטאַזיע און אין פאַרבן און אין ווידערשפּרוכן רייכער היינע־וועלט? וואָס האָט עס צו טון מיט דער וועלט, וואָס איז אַ געמיש פון מזרח און פון מערב, פון פייער און פון וואַסער, פון ליבע און פון שפּאָט, פון שיר־השירים און פון קהלת? היינע האַלט אין איין איבערטאָן זיך: אָט איז ער איינגעוויקלט אין אַ מאַנטיע פון אַ קעניג און אָט איז ער אין די בונטע בגדים פון אַ הויף־נאַר... ראָלניק איז אַן איין־בגדיקער. אים איז פרעמד די דיסאַנאַנסן־האַרמאָניע, די איראָנישע ראָמאַנטיק און די „ראָמאַנטישע איראָניע" פון דעם היינע־אָרקעסטער (איז ער דען נישט אַ גאַנצער אָרקעסטער — היינע?), וואו די באַנדורע מישט איבער, נאָכקרימענ־דיק, די צאַרטסטע פידל־קלאַנגען... דאָ, ביי ראָלניקן, איז איין אינסטרומענט. אָבער ער האָט אַן אייגנעם און אַ ריינעם טאָן.

מען דאַרף צוזויפּנעמען ראָלניקס „נישט פּאָעטישע" לידער און מאַכן פון זיי אַ תהילימל, אַ ספרל פון אַ היינטיקן עלנטן דאַוונער און חצות־אָפּריכטער, וועט מען זען, אַז דאָס זענען נישט קיין „גראַמען" און אפילו נישט קיין לידער אין דעם געוויינטלעכען זינען, נאָר תחינות ובקשות, זאָגעכצן און שעפּטשעניש, וואָס נישט איין מענטש, ווען אים איז אומעטיק אויפן האַרצן און די נשמה לעכצט נאָך ליכט און טרייסט, וועט זיי נאָכזאָגן און נאָכשעפּטשען.

ראָלניק האָט זיי קיינעם נישט נאָכגעזאָגט. עס האָט זיך פון אים אַליין אַרויסגעזאָגט, ווי עס זינגט זיך אַרויס פון זיך אַליין דאָס ליד פון פאָלק —

פערציק כמאַרעס קלייבן זיך
אויף מיין אַלטן קאָפּ —
איינע וועט אַראָפּפאַלן
אויף מיין אַלטן קאָפּ.

פערציק שוואַרצע ליילעכער
פלאַטערן פאַר מיין טיר —
איינע וועט מיך צודעקן,
איינע איז פאַר מיר.

פערציק גריבער עפענען זיך
פאַר מיינע פיס —
איינע וועט מיך איינשלינגען
איינע וועט געוויס...

וואו האָט איר געהערט אַזעלכע טענער? נאָר אין אַלטע פאָלקס־לידער.

— 4 —

נישט נאָר אין זיינע לידער־תפילות (און לידער־קללות) — אין זיין גאַנ־צער ליריק (אַ חוץ אין אַ פּאָר צענדליק ליבע־לידער, וואו ער איז באמת אונטער דעם איינדרוק, אונטער דעם דרוק פון היינען) — אין זיין גאַנצער ליריק איז ראַלניק אַ מ ע נ ט ש פ אַ ר ז י ך און איז פונקט אַזוי ווייניק נאָכמאַכער, ווי ווייניק ער קאָן זיין אַ נאָכגעמאַכטער.

און נישט נאָר אָריגינעל זענען די לידער — אַט די אויטאָביאָגראַפיע פון ראַלניקס שטילער און טיפער נשמה — זיי זענען אויך פאַרשידנאַרטיק און רייך אין ניואַנסן, ווען אפילו נישט אין פאַרבן.

זיי קאָנען איינגעטיילט ווערן אין צוויי טיילן.

דעם ערשטן טייל וואָלט איך אָנגערופן: „אין דער היים"; דעם צווייטן — „אָן אַ היים".

די ערשטע גענג לידער זיינע האָט ראַלניק אַליין אַ נאָמען געגעבן: „אָרום מיל" און „צווישן דאָרף און שטאָט". דאָס איז דאָס אייגענע, וואָס אין דער ה י י ם: די מיל און דער דאָרף איז דער פלאַץ, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן. דאָרט, אין דער נאַטור־סביבה, האָט ער געלעבט מיט אַלע זיינע חושים און איז געווען געזונט און דאָרפיש־איינפאַך. און די דאָזיקע געזונט־קייט און איינפאַכקייט פילן זיך אין די לידער פון דער דאָזיקער סביבה —

אונדזער לאַנד איז גרוי און אָרעם,
אונדזער הימל — בלייך;
שמאָלע הויקערדיקע וועגן
קייקלען זיך, ווי רויך.

פעלד מיט שטעכעדיקע שטיינער,
אַנשטאָט וויץ, פּאַרזיעט;
הייזלעך מיט צעפוילטע דעכער
דאָ און דאָרט צעשפּרייט.

וואו-נישט-וואו נאָר אַ בעריאָזע
אויף אַ פעלד אַליין,
און אַ קרעצעדיקער בעטלער
רוט אָפּ אויף אַ שטיין...

געזונט און פּראָסט, אָן קונצן און באַפּוצונגען, צייכנט ראָלניק די לאַנד־שאַפט, דעם „גרויען און אָרעמען" ווייס־רוסלאַנד. ער האָט אים נישט פאַר־שלייערט מיט אַ שלייער פון חלום און פאַרחלומטקייט, ווי דאָס האָט געטון אַן אַנדערער ליטווישער ליריקער — איינהאָרן; ער האָט אים אונדז געגעבן, ווי ער איז, אין זיין גאַנצער לעבנס־עכטקייט:

ליטע, מיין שטויביקע וויגל,
ליטע, מיין אָרעמע לאַנד,
שיטערע, נאַקעטע וועלדלעך,
פעלדער, פאַרטראָגן מיט זאַמד.
אָרעם אין פעלדער און בלומען —
ביסטו אין לאַנגווײַלע רייך:
גרילצט אין די קאָרן דער הוישעריק,
קוואַקען די זשאַבעס אין טייך.
ליטע, מיין שטויביקע וויגל,
ס'נעמט מיך אויף דיר אַ פאַרדראָס:
שילטן — ווי טאָר מען אַ מאַמען?
בענטשן — נישטאָ דיר פאַרוואָס...

און ער שילט נישט און ער בענטשט נישט. אַמאָל נעמט אים אָן אַ „פאַר־דראָס", און ער שרייבט:

פלאַכע פעלדער — צו פרי האָט איר
זיך געלאָזט צו מיר דערקענען;
ווערט מיר פּוסט אין האַרצן — האָב איך
גאָרנישט וואָס זיך צו דערמאָנען —

אָבער — ער האָט זיך פאַרט וואָס צו דערמאָנען, און דאָס דערמאָנען זיך שענקט אים רו און טרייסט —

וי גרינג וואָלט איך, מיין היים, פאַר דיין
צעבראָכן שוועל געקניט זיך,
און אויף דיין ווייכן וואַרעמען זאַמד
כאָטש איין מאָל אָפּגערוט זיך...

ווי גרוי און אָרעם עס איז געווען זיין היים, האָט זי דאָך געשפּייזט זיין אויג און זיין נשמה. אירע פאַרבן זענען געווען בלאַסע, אָבער ער האָט זיי געזען, אירע קלאַנגען — איינטאָניקע, אָבער ער האָט זיי געהערט: ער האָט געלעבט איר לעבן, ער איז נישט געווען קיין פרעמדער דאָרט, ווי שפּעטער אין דער גרויסער שטאָט. אין זיין ליד: „היים, מיין היים, איר קינדער־יאָרן" געהערט צו די קלאָרסטע, ליבסטע און לעבעדיקסטע ווײַטלעך פון אונדזער קליינשטעטל־פּאָעזיע. מיט אַזוינע עכטע און איינפאַכע לעבנס־פאַרבן האָבן דאָס יידישע שטעטל געמאָלן ווייסענבערג און קאָברין. אַש האָט אונדז געגעבן זיין חלום פון שטעטל, רייזען — די ביטערע וואָר. ביי אַשן איז דאָס שטעטל געווען עפּעס אַ מין פאַרכישופטער פּאַלאַץ, ביי רייזענען — אַ חורבה. ביי ראָלניקן, ווי ביי ווייסענבערג און קאָברינען, איז עס אַ געזונטער און איינגעפונדעוועטער ישוב.

ראָלניק איז אַליין געווען דאָן רואיק: האָט ער מיט רואיקע אויגן געזען דאָס לעבן וואָס איז געווען אַרום. און נישט נאָר די וואָכעדיקע, אויך די יום־טובדיקע, פּאָעטישע און דראַמאַטישע, מאָמענטן פון דעם היימישן לעבן האָט ער געזען קלאָר. ער האָט מיט איינפאַכע ווערטער אונדז געגעבן צו שפּירן די נישט־געוויינטלעכע לופט פון אַ דאָרפישער שיל יום־כפור („די דאָרפישע שיל"); אין אַ סימבאָל איז ביי אים אויסגעוואַקסן דאָס בילד פון דעם גויאישן יום־טוב „קרעשטשעניע"; אין צוועלף קאַרגע שורות האָט ער אונדז געגעבן אַ דראַמע פון שטעטל („אַ יידיש קינד"); אין אַנדערע לידער האָט ער אונדז געצייגט די דאָרפישע אָבערגלויבנס, מעשיות, חלומות.

ער איז אין דעם דאָזיקן —היימישן— קרייז פון זיין שאַפן געווען אַ טייל פון זיין סביבה. און ער האָט אונדז געגעבן דאָ צו פאַרזוכן דעם טעם־ שטעטל, נישט נאָר דעם טעם־ראָלניק.

ער האָט אויך דאָ אונדז געגעבן ז י ך א ל יי ן: זיינע שטילע רייד, זיין ערלעך־צניעותדיקייט; אָבער דורך זיין א י ך האָט ער אונדז געלאָזט אַריינקוקן אין דער וועלט, וואָס אַרום אים, אין דער וועלט, וואָס איז „אָרעם און גרוי" און וואָס פאַרמאָגט דאָך אַן ערד אונטער אַ הימל — אויבן...

אַנדערש זענען די לידער, וואו ראָלניק רעדט און שעפּטשעט וועגן די טעג,

ווען ער איז „אוועק פון זיין היים". אין די דאָזיקע לידער איז ער שוין „איינער אליין, עלנט, ווי אַ שטיין" *).

— 5 —

ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזן די היים, נאָך איידער ער איז (אין 1899) אָנגעקומען אין פרעמדן ניו־יאָרק, — האָט ער שוין דערפילט, אַז עפּעס האָט זיך אין האַרצן ביי אים אָפּגעריסן, און עס איז געוואָרן דאָרט אַ וואונד:

ווען איך בין אַוועק פון מיין היים,
האָט קיינער אין וועג מיך באַגלייט;
דער איינציקער הויז־פריינט, די קאַץ,
געקוקט האָט אויף מיר שטומערהייט.
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —
און לאַנג איז געוואָרן מיין וועג
אין רעגן, אין היץ און אין ווינט,
איך האָב אין די דערפער געזען
אויף סמעטניקעס בילנדיק הינט,
און אָקסן, וואָס ציען דעם יאָך.
און פערד צו אַ קאַרעטע געשפּאַנט,
און פאַסטוכער היטנדיק שאָף,
און גויים פאַרפלאַנצנדיק לאַנד.

ס'האָט יעדער געוואוסט, וואָס ער טוט,
ד' אַרבעט געהאַט האָט אַ זין;
איך איינער האָב מורא געהאַט
זיך פרעגן צו וואָס און וואוהין?

און אַז ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק, און די פרעמדקייט האָט אים, ווי אַ קאַלטער רייף ארומגענומען, איז שוין געווען איבעריק אפילו צו פרעגן: „צו וואָס און וואוהין?" עס איז געווען קלאָר, אַז דאָ, אין דעם טומל־און־הוק, איז נ י ש ט אָ פאַר אים צו וואָס און וואוהין צו גיין.

*) באַמערקונג פון רעדאַקציע: מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, האָבן מיר שוין געהאַט אַן אַרטיקל וועגן י. ראָלניקן, פון א. גלאַנצן. דער איצטיקער אַרטיקל, פון אונדזער באַקאַנטן קריטיקער, ש. ניגער, באַטראַכט ראָלניקן פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, און מיר דרוקן אים נישט אַלס „קריטיק אויף קריטיק", נאָר ווייל ש. ניגערס מיינונג וועגן אַזאַ אינטערעסאַנטער דערשיינונג ווי ראָלניק, האָט פאַרן לייענער אַ זעלבסט־שטענדיקן אינטערעס.

און ער האָט גענומען אויסמיידן „דעם שליאַך דעם טומלער". און האָט ער אים נישט געקאָנט אויסמיידן, איז ער געשטאַנען נעבן אים „ווי א נעכטי־קער", און אַלץ, וואָס ארום האָט אים אויסגעזען, ווי א ביי׳זער חלום.

אָט זיצט ער אין א רוישיקן קאַפע — „ביי א וואַנט, א פרעמדער, ביי א לעצטן טישל" —

עס קלינגען גלעזער, גאָפּל, מעסער,
עס קלינגט די טיר, דער רעדזשיסטער;
דער קעלנער, אָנגעטון אין ווייסן,
מיט לייכטע טריט איילט הין און הער.
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

אַ בחור קומט צו צו מיין טישל
און זעצט זיך ברייטלעך ביי מיין זייט,
דערציילט: עס גרינדעט זיך אַ ציי׳טונג...
מיין קאָפּ איז טויזנט מיילן ווייט: —
איך זע אַ מיל; אַ פולע גוויים;
צוויי שטיינער מאָלן מעל אויף ברויט;
אַ שורה אויפגעלייזטע זעקלעך;
ס׳האָט יעדער גוי זיין זאַק געגרייט...
— — — — — — — — —

אין אַ ניו־יאָרקער קאַפע זיצט ער — און זעט זיין היימיש מיל... איז וואָס איז דער חידוש, וואָס ער האָט „כמעט נישט געפונען קיין איין טאָג פאַר זיין נייער היים, פאַר אמעריקע, וואו ער האָט פאַרלעבט די לעצטע צענדליק יאָרן"? אַז ער האָט גאָר געחלומט וועגן דעם דאָרפישן מיל ערגעץ־וואו אין וויים־רוסלאַנד! דער ריזיקער כרך אין אמעריקע איז אים געבליבן פרעמד. און אַן אינטימער אויפריכטיקער לירי׳קער קאָן נישט „זינגען" וועגן זאַכן, וואָס זענען אים פרעמד. ער קאָן נאָר „זינגען" וועגן זיין פרעמדקייט צו זיי. ווען ער וואָלט געווען באמת נאָר אַ „פאָרעם־טאַלאַנט", ווי עס מיינט בעל־מחשבות, וואָלט ער שוין דווקא אויסגעלערנט די „פאָרעם" פון דער גרויסשטאָטישער פּאָעזיע און געשריבן, ווי אַנדערע „ניו־יאָרקער" לידער. אָבער „פאָרעם" אַליין איז ביי אים קנאַפּער יחוס. פאַר אַ טראָפּן נ ש מ ה וועט ער מפקיר זיין אַלע „פאָרמען", וואָרום זיי זענען דאָך נאָר דאָן עפּעס ווערט, ווען זיי קומען פון אינעווייניק... אויב ניו־יאָרק קאָן געבן דער פּאָעזיע אַ נייעם ריטעם, אַ נייעם תוך, הייסט עס נאָך נישט, אַז אַלע דיכטער, וואָס ג ע פ י נ ע ן ז י ך אין ניו־יאָרק, קאָנען שאַפן ניו־יאָרקער פּאָעזיע. מען קאָן לעבן אין דער „ריזן־שטאָט" — און זיין, ווי ראָלניק, פון איר „טויזנט מייל ווייט".

— 6 —

דעם דאָרף און דעם שטעטל איז ראַלניק געווען אַ מ אָ ל, נאָענט, מאַכט נישט אויס, וואָס איצט איז ער שוין מער נישט קיין דאָרף־ און שטעטל־מענטש. פאַרקערט, דאָס איז נאָך בעסער: דערינערונגען זענען שטענדיק געווען דער ריינסטער קוואַל פון ליריק. אָבער קיין „גרויסשטאָטישער" איז ראַלניק נישט געוואָרן. זיין נשמה שוועבט אַרום, זינט ער איז אַוועק פון דער היים, צ ווי ש ן דאָרף און שטאָט —

צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן גראָז און אַספאַלט
טאַנצט אַרום מיין האַרץ, מיט ביידן זיי פאַרנומען.
צווישן דאָרף און שטאָט, אויפן ברייטן שליאַך-וועג
ביי אַ גרויען פעלדזנשטיין — וועט מיין נאַכט אָנקומען.

און אים דאַכט זיך, אַז אַלעמען, נישט נאָר אים אַליין, דריקט דער „אַס־פאַלט" פון דער גרויסער שטאָט.

געפאַנגען זענען מיר אַלע
און זיצן אין איינצלנע צעלן;
מיר קענען נישט אונדזערע שכנים —
די אייביקע ווענט זיי פאַרשטעלן.

און יעדער שלאָגט זיך באַזונדער
דעם קאָפּ אָן דער וואַנט פון זיין תפיסה,
ווען טויזנטער נאָענטע כאָרכלען
אין לעצטע מינוטן פון גסיסה...

און דאָס איז נישט נאָר דאָס תפיסה־געפיל פון אַ שטעטלדיקן, וואָס „קאָן זיך נישט צופּאַסן" צום טומל פון דער גרויסער שטאָט. דאָס איז דאָס געפיל פון איינזאַמקייט, וואָס עס האָבן אָפט טיפערע נשמות, דאָס געפיל, וואָס עס ליידן פון אים אַלע די, וועלכע טראַכטן און פילן אַנדערש, ווי די אַרומיקע; אַלע די, וועלכע ווייסן, אַז זייער אַנדערשדיק וואָרט „פאַלט אין גאַס אויף שטיינער, מישט זיך אוים מיט שיך און קויט"... די פרעמדע סביבה ווירקט דאָ געוויס, אָבער זי איז נישט די איינציקע סיבה. עס זענען דאָ נאָך אַנדערע, אינעווייניק־סטע סיבות, וואָס מאַכן אַ מענטשן איינזאַם אין דער וועלט. און עס קאָן זיין, אַז ראַלניק וואָלט אויך אין דאָרף אָדער אין שטעטל, ווען ער וואָלט געבליבן דאָרט, געווען אַ פאַרחלומטער און אַ פאַרפרעמדטער. אייגן און היימיש זעט אים דאָס דאָרטיק לעבן אויס, אפשר נאָר דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, וואו דער אייביקער יריד מאַכט נאָך שאַרפער און ווייטאָגדיקער די אָפּגעזונדערטקייט

פון דעם איינציקן, און עס דאַכט זיך, אַז דאָרט, אין דער שטיל, וואָלט געווען בעסער. און אין דער אמתן איז עס טאַקע אַזוי. אין דער שטיל איז גרינגער צו פאַרטראָגן די איינזאַמקייט, ווי אין דעם שטאָטישן הו־האַ, וואו דער מענטש ווערט פאַרביטערט, פאַרגאַלט, און מיר פאַרשטייען זייער גוט די בייזע בלוטי־דיקע ווערטער:

וויי אָפּט האָב איך דעם הונט, די חיה נישט פאַרגונען:
זי האָט איר גוטס, איר ביין, איר באַלעבאָס געפונען.
דער וואָרעם אויפן וועג, דער עקדיש אין די הייל ן —
זיי פויזען אויפן בויך: אַזוי האָט גאָט באַפוילן.

די ווייב לעבט פאַר איר מאַן, די מאַמע פאַר די קינדער
אַ נוצלעך אַרבעט טוט אויך דער נבלות־שינדער.
און נישט פאַר שפּאַס טוט אויך זיין וואונד דער קריפּל ווייזן:
עס וואָרפט אויף אים אַ הונט, אַ קאַץ — ער מוז זיי שפּייזן.

דאָך וואָס האָב איך צו טון? צו וואָס בין איך געקומען?
ווער דאַרף מיין ציטעריק ליד און ווער האָט איר פאַרנומען?
און גלייך ווי איך אַליין, אויך זי איז נישט געבעטן,
און פול מיט שרעק איז זי — מען זאָל איר נישט צעטרעטן...

נישט איין דיכטער האָט געשריבן וועגן זיין איינזאַמקייט אין דער וועלט, וועגן דער איינזאַמקייט פון יעדן העכערן גייסט, נאָר מיט אַזאַ יאוש, מיט אַזאַ האָפענונגסלאָזיקייט האָט נאָך קיינער, דאַכט זיך מיר, נישט געשריבן וועגן דעם. און דאָס איז איינס פון די אומפאַרגעסלעכסטע לידער ראָלניקס. נאָר ער מיט זיין שאַרפער אָפּגעזונדערטקייט האָט עס געקאָנט אָנשרייבן. אָבער פאַרשטיין קאָנען עס אַלע. אַלע וואָס האָבן נאָך עפּעס אין זיך, אויסער דעם אינסטינקט פון דער חיה („אַזוי האָט גאָט באַפוילן!”), נאָך עפּעס אין זיך אַ חוץ דער נוצלעכקייט־פילאָזאָפיע פון דעם „נבלות־שינדער”, אַלע, וואָס טראָגן אין זיך עפּעס אַ „ציטערדיק ליד” און וואָס האָבן כאָטש איין מאָל אין זייער לעבן געפילט אויף זייער נשמה די קאַלטע פינגער פון דעם פרעמדן. אַלע קאָנען פילן ראָלניקס שרעק פאַר זיין ציטערדיק ליד, וואָס „קיינער פאַרנעמט נישט, קיינער דאַרף נישט”. און זיי קאָנען אַלע פאַרשטיין זיינע תפילות צום „מלאך־פון רו און פרידן” און דעם שמייכל, מיט וועלכן ער רעדט וועגן דער „לעצטער רו”. אויף קיין אַנדער רו, אַ חוץ דער ל ע צ ט ע ר, האָפט ער נישט. און ער וואַרט אויף איר:

— — — — — — — — —

די צייט איז קורץ; נישט פּאַק זיך לאַנג,
און וואָס דו האָסט איז אויך צופיל...

דער טייך איז גלאַט, דער שיפער פלינק,
דער גאַנצער וועג — אַ קינדער־שפּיל.

אַט קומט אַרויס די טונקעלע נאַכט,
און טייך און הימל ווערן בלוי.
די שיפל וואַרט; דער ריפער רופט:
אַ גוטע נאַכט! אין אַ גוטער שעה...

ער רעדט וועגן טויט מיט עפּעס אַ מאָדנער אַנטציקונג:

— — — — — — — — —
איך וואָלט געוואָלט — אַז ווי אַ שטערן
וואָס פאַלט אין טיפן ים אַריין,
זאָל איך אַ בליץ טון און נישט ווערן
צוזאַמען מיט מיין קורצן שיין.

ווי אַ תפילה קלינגט זיין „ליד פון אונטערגאַנג”, איינע פון זיינע ווירקלי־דיקסטע שאַפונגען:

עס זענען לידער פילע דאָ
פון דאָרשט און זעט, געיעג און פאַנג.
נאָך אַלע לידער קומט דאָס ליד,
דאָס לעצטע ליד פון אונטערגאַנג.

נאָענטער צו דיר, צו דיר
ציט זיך מיין איינזאַם נאַכט־געזאַנג.
פאַרנעם, מיין גאָט, פון טיפן גרונט
מיין טיפסטע ליד פון אונטערגאַנג.

עס וועלן אַנדערע מאָרגן פרי
דעם וואַלד פאַרקלינגען מיט געזאַנג
דאָך איך זינג היינט דאָס לעצטע ליד,
דאָס ליד פון נאַכט און אונטערגאַנג.

— 7 —

נאָר אַ געפיל פון טיפער, פאַרפאַלענער איינזאַמקייט האָט געקאָנט געבוירן אַזאַ ליד פון נאַכט און אונטערגאַנג. אָבער נישט נאָר אין דעם דריקט זיך אויס ראָלניקס איינזאַמקייט. זי ווייזט זיך אַרויס אין די פאַרשידנסטע געשטאַלטן. זי איז נישט אַזוי עלעמענטאַר און איינאַרטיק, ווי ביי אַנדערע ליריקער.

אַט נעמט זי אָן די פילאָזאָפישע פאָרעם פון סאָליפּסיזם: די וועלט — דאָס בין איך; אָן מיר איז נישטאָ קיין וועלט:

דער הימל הענגט אויף מיינע ברעמען;
אויף מיינע אַקסלען רוט די וועלט;
און איך אַליין — נאָר אויף אַ ווײַלע
האָב זיך דאָ אָפּרוען געשטעלט.

און ווען מיין אויג זאָל זיך פאַרשליסן,
ווערט זון, לבנה אָפּגעשטעלט;
און ווען מיין פוס זאָל זיך אַ גליטש טון,
וועט אומפאַלן אַ גאַנצע וועלט.

אַט איז זי שטיל און צניעותדיק, און אַט ווערט זי שטאָלץ, ווי אַ קעניגס טאָכטער, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון איר פאָטערס הויז. אַט איז זי מיד און צעבראָכן און ס'איז איר, ווי זי וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ משא פון דורות: „איך ווייס נישט, ווער איך בין און ווען איך בין געבוירן; אַט בין איך אַלט אַ טאָג און אַט גאָר טויזנט יאָרן" און אַט ווערט זי פול מיט ברענענדיקן צאָרן אויף וועלט און מענטשן, און דער מלאך פון טויט, וואָס איז פריער געווען פאַרן דיכטער „אַ מלאך פון רו און פרידן" ווערט פּלוצלינג אַ שליח פון טיפן האַס און נאָך טיפערער פאַראַכטונג:

ווי רײַטער, האָט איר זיך אויף שטאָלצע פערד געטראָגן,
ווען איך האָב זיך צופוס אין שטויב אַרומגעשלעפּט,
און אײַער פרעכער בליק, און אײַער קרומער שמייכל
פאַרדעכטלעך האָט געפרעגט: אויך יענער אונטן לעבט?

פאַר אייך געזידט האָט דער רויטער ווײַן אין בעכער,
און קעלנער האָבן זיך — „וואָס ווינטשן זי?" — געבוקט,
ווען איך בין אין אַ טונקעלן ווינקל וואו געשטאַנען,
און קיינער האָט פון אייך אויף מיר זיך נישט אומגעקוקט.

דאָך ס'וועט אַ מאָלצײַט זיין, אַ גרויסער און אַ שטילער,
וועט דויערן אַ גאַנצע אייביקייט מיט נעכט;
און פלאַץ ביים גרויסן טיש, אויף שוואַרצע ערד־דיוואַנען,
פאַרנעמען וועלן גלייך דער שררה און דער קנעכט...

אָס איז אַן אייגנאַרטיקער אויסדרוק פאַר דעם סאָציאַלן פּראָטעסט פון אַ נישט־סאָציאַלן מענטשן. אויפן אויסגעטראָטענעם וועג פון אונדזער סקאַרבאַ־

ווער סאָציאַלער ליריק, וואָלט ראָלניק קיין מאָל נישט דערגאַנגען, צו אַזאַ מין אומגעריכטער „נקמה" פון די „שררהס" מיט די „קרומע שמייכלען" און „פרעכע בליקן". אין טומל פון דעם סאָציאַלן קאַמף הערט מען נישט די שטילע טריט פון טויט. מען איז אַזוי פאַרטון און פאַרקאָכט אין די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, וואָס טיילן־איין מענטשן אין שררהס און קנעכט, אַז מען פאַרגעסט גאָר אין גאַנצן אָן דעם „גרויסן טיש" — דעם גרויסן אויסגלייכער. ראָלניק האָט, איינער פון די ערשטע יונגע דיכטער אין אַמעריקע, פאַרלאָזן דעם „סאָציאַלן" וועג, „דעם שליאַך דעם טומלער", און איז אַוועק פראָווען התבודדות: האָט ער אין דער שטילקייט פון זיינע ליידן און העיונות דערפילט, אַז אַ חוץ די לעבנס־פראַגן, וואָס מאַכן פון מענטש שררהם און קנעכט, איז פאַראַן נאָך אַ פראַגע, וואָס איז פאַר אַלעמען גלייך, אָרעם און רייך: דאָס איז די פראַגע וועגן דעם „גרויסן שטילן מאָלצייט" דאָרט ביים „גרויסן טיש", אויף די „שוואַרצע ערד־דיוואַנען", וואו קיינער וועט זיך מער נישט בוקן פאַר די שררהס אויף אַ שעה (אָדער אויף זיבעציק יאָר) און זיי וועלן נעבעך זיצן „ביי איין טיש" מיט די קנעכט. ווי אין איוב שטייט: „קליין און גרויס איז דאָרטן, און דער קנעכט איז פריי פון זיין האַר". געוויס איז עס אַ קנאַפּע טרייסט, די דאָזיקע „גלייכהייט" און „פרייהייט" נאָכן טויט, און עס איז מעגלעך, אַז אַזעלכע „סאָציאַלע" לידער קאָנען נישט דינען צו „פאַרשאַרפן" דעם „קלאַסנקאַמף" פון די קנעכט, אָבער איין מעלה האָבן זיי זיכער: זיי צווינגען די מענטשן וואָס טומלען זיך אויף „דעם שליאַך דעם טומלער" זיך אָפּצושטעלן אויף אַ ווייל און אַ טראַכט טון וועגן זאַכן, וועגן וועלכע זיי זענען נישט געוווינט צו טראַכטן.

ראָליקס איינזאַמקייט־מלחמה וועקט אין אונדז — און דאָס איז איינע פון אירע גרעסטע מעלות — נייע געדאַנקען און נייע געפילן. זי צווינגט אונדז נישט, ווי די ליריק פון אייניקע אַנדערע איינזאַמע דיכטער, צו הערן נאָכאַנאַנד און בסדר דאָס מאָנאָטאָן־אומעטיק ליד:

נישט קיין טאַטע, נישט קיין מאַמע,
אויף דער גאַנצער וועלט נישט קיינער;
גליטש איך זיך צום טיפן אָפּגרונט,
שפּילנדיק זיך איינער, איינער.

קיינער זעט נישט, קיינער הערט נישט,
גיי איך באָרוועס אום אויף שטיינער:
מיינע פיס פאַרבינדט נישט קיינער...
איינער בין איך, איינער, איינער.

פליק די דינע לעבנס-פעדעם
מיט צעקרימטע שפּיזלעך־ציינער;
אַן אַ פריינט און אָן אַ גואל,
איינער בין איך, איינער, איינער.

זי ציט ביי אונדז נישט אַרוים די נשמה מיט דעם אייביקן „איינער, איי־נער". ער אַנטפּלעקט זיך צו אונדז, דער דאָזיקער „איינער", אין ראָלניקס פּאָעזיע אויף די פאַרשידנסטע אופנים. אַמאָל זעען מיר אים אַ פאַרטראַכטן און אַ פאַרטיפטן אין זיך אַליין און אַמאָל שטעלט ער זיך צוריק מיטן געזיכט צום לעבן, צום פרעמדן לעבן. אַמאָל איז ער איינגעשפּאַרט־פאַרביטערט און בעסדיק, און אַמאָל שטייט ער איינגעבויגן און פול מיט פרומער, שטומער הכנעה פאַר עפּעס אַ העכערן כוח. אַמאָל שילט ער זיך און שפּייט מיט גאַל און גיפט און אַמאָל שעפּטשען זיינע ליפּן שטיל אַ תפילה.

און אַמאָל ווייזט זיך צו אונדז זיין איינזאַמקייט גאָר אין דער געשטאַלט פון זיין ליבע — פון זיין שטילער ליבע. נישט אַלע זיינע לידער פון דעם מין זע־נען נאָכקלאַנגען פון היינע. פאַראַן צווישן זיי עטלעכע, אין וועלכע עס ציטערט זיין אייגענע מידע, שוואַכע שטים. זיי זענען די לידער פון אַ פאַרבענקטן, נישט פון אַ פאַרליבטן. אין זיי אָטעמט די ליבע פון א יי נ ע ם, נישט פון אַ פּאָר. די ליידנדיקע, נישט ליידנשאַפטלעכע ליבע. די קילע ליבע... אויך היינע קילט אונדז אָפּ אַמאָל מיט זיין ליבע־ליד, אָבער ער גיט אונדז פריער אַ ברען, אַ ברי מיט די גליענדיקע קוילן פון זיין פאַנטאַזיע. ראָלניק גיט נאָך אַמאָל אַ שטילן בלישטש. זיין ליד פון ליבע איז אייגנטלעך אַלץ דאָס זעלבע ליד פון איינזאַמקייט —

פון אונדזער ליבע איז קיין דור,
קיין זכר נישט געבליבן,
אַ חוץ אַ לידער־ביכעלע,
פאַרגעלט און אָפּגעריבן...

ליבע־לידער זענען באמת די אָפּגעריבנסטע, די בלייכסטע צווישן אַלע ראָלניקס לידער פון איינזאַמקייט.

אַזאַ פאַרזיכיקן ליריקער ווי ראָלניק איז גוט צו הערן ווער ער רעדט וועגן זיך אַליין, גיט וועגן זיך און איר. עס איז אים אויך גוט צו הערן, ווען ער רעדט וועגן זיין היימישן דאָרף און שטעטל, ווייל זיי האָט ער אריינגענומען אין זיך אַליין.

דער דאָרף און דאָס שטעטל האָבן אים געוויזן דעם וועג צו דער נאַטור

און צו די דאָרפישע און שטעטלשע (נאַטור־מענטשן) ; די גרויסע, פרעמדע שטאָט האָט אים געטריבן אויפן וועג — צו זיך.

אָבער סיי אין די דאָרפישע און שטעטלדיקע, סיי אין די שטאָטישע לידער איז ער וואָרהאַפטיק און טריי צו זיך אַליין. ער באַגנוגנט זיך סיי אין די, סיי אין יענע מיט זיין אינעווייניקסטן פאַרמעגן און שעמט זיך נישט מיט זיין אויסנווייניקסטער (מעטרישער און ריטמישער) אָרעמקייט. ער זאָגט וועגן זיך אַליין :

איך וויס די גוטע אַלטע גבירה,
וואָס באָרגט־אויס פערל־קרענץ און גאָלד
און רויזנטוי און זונענשטראַלן, —
איך האָב די טובה נישט געוואָלט.

ער האָט נישט געוואָלט באָרגן ביי דער אויסגעפוצטער גבירה — דער סקאַרבאָווער פּאָעזיע — אירע מליצהדיקע „פערל־קרענץ און גאָלד א. א. וו.".
ער האָט אונדז געגעבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון דער נייער, שטילער, אינטי־מער, אינדיווידועלער ליריק. ער איז געווען איינער פון די יונגע וואָס האָבן געהאָלפן דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע צו פאַרלאָזן „דעם שליאַך דעם טומלער", אויף וועלכן עס האָבן זיך געהערט די הילכיקע, שרייענדיקע טריט פון מאָריס ראָזענפעלד, און צו לאָזן זיך גיין אויף יענע וועגן, אויף וועלכע עס פלעגן שוין פריער זיך פון צייט צו צייט דורכשפּאַצירן אַמאָל ליעסין און אַמאָל יהואָש.

ביי ראָלניקן זענען נישטאָ נישט קיין סאָציאַלע און נישט קיין נאַציאָנאַלע דעקלאַמאַציעס. ביי אים זענען דאָ נאָר פּערזענלעכע איבערלעבונגען און דערי־נערונגען. ער זאָגט:

איך האָב מיין שטוב־טיר אויפגעעפנט
אַמאָל אין אַ פאַראומערט נאַכט
און האָב צום שוועל צונויפגעטראָגן
אַלץ וואָס עס האָט זיך מיר געמאַכט:

אַ שטיינדל, וואָס אַ קליינער ייִנגל
געוואָרפן האָט אין טיר אַריין;
אַ זעמדל, וואָס דער ווינט געבראַכט האָט
אַ וויטן שטערן קאָרגן שיין;

פון פוילן דאַך אַ רעגנטראָפּן;
אַ רויש פון אַ פרעמד יריד...

איך האָב דאָס אַלץ צונויפגעקנאָטן
און פון דערפון געמאַכט מיין ליד —

דאָס ליד פון דעם, וואָס איז צוגלייך אי אַ צווייפלער, אי אַ גלויביקער, דאָס ליד פון אונדזערן אַ היינטיקן גייער און וואָגלער, דאָס ליד פון אַ תהילים־זאָגער און תפילות־שעפּטשער, דאָס ליד, וואָס איז אַזוי אָרעם אין אויסנווייניקסטער און אַזוי רייך אין אינעווייניקסטער, שטילער, נשמהדיקער, יידישער שיינקייט.

[illegible]

געדאַנקען פון אַ לעזער

אַ דין ביכעלע, אין טאָוועלעך פון אַש־קאָליר — דאָס פּאַסט זיך בעסער פאַר י. ראָלניקס לידער („צום שטערן נויד", פאַרלאַג „אידיש", ניו־יאָרק, 1922), ווי דער דיקער, ברייטער באַנד, וואָס איז אַרויס מיט אַ זעקס־זיבן יאָר צוריק. עס וואָלט זיך וועלן זען דאָס ביכעלע נאָך שמעלער, איינגעצויגענער. נישט ווייל עס איז נישטאָ קיין וואָגיקייט אין די לידער פון י. ראָלניק. אַ, ניין. פאַרקערט, עס זענען דאָ ביי אים פערזן תמציתדיקע און צונויפגעפּרעסטע, ווי פּסוקים, געדיכטע און שווערע, ווי זיין איינזאַמקייט. אָבער דאָס איז אַן אינע־ניקסטע געדיכטקייט, אַ פאַרבאַהאַלטענע וואָגיקייט. אויסערלעך זעט זי זיך נישט אָן, ווי דער דיכטער אַליין זעט זיך נישט אָן אויסערלעך. ער איז ווי אַן אָפּגעשיידטער, נישט קיין היגער, און אויך אין זיינע פערזן איז נישטאָ דער פול־קלאַנג פון אַ ממשותדיקער וועלט:

איך וועל זיך מיט האַס פאַרבויגן —
הויכע ווענט און פעסטע טירן.
שמייכלעריי און ליבלעכקייטן
זאָלן זיי פון אָרט נישט רירן.

און אַ שילד מיט שוואַרצע ווערטער
וועל איך אויפהענגען אַ גרויסן:
ווער עס וויל מתנות ברענגען,
דער זאָל בלייבן דרויסן.

קיין האַס איז נישטאָ אין די ווערטער, עס פעלט אין זיי דער ריטעם פון האַס (און בכלל איז נישטאָ אין דעם ליד קיין צוזאַמענקלאַנג צווישן דער שטי־מונג און דער פערזנמאָס), אָבער אויב אייך איבערצייגט נישט דער „האַס", גלייבט איר, ווען איר באַקענט זיך נאָענט מיט די לידער, אַז עס איז דאָ אַ „וואַנט" צווישן אונדז און דעם שטילשווייגנדיקן, שטיל־פאַרביסענעם רואה־

ואינו־נראה, י. ראַלניק. די „וואַנט" האָט זיך געפּילט אויך אין דער גרויסער, דיקער לידער־זאַמלונג; אָבער דאָרט זענען געווען נאָר פ ע נ צ ט ע ר אין דער „וואַנט" (די שטעטל־ און דאָרף־לידער). דאָ איז אַלץ פאַרשטעלט: „הויבע ווענט און פעסטע טירן". קוים וואָס מען הערט די תפילה, וואָס ווערט דאָרט אינעווייניק געשעפּטשעט. אָבער מען הערט זי. מען דאַרף נאָר גוט צוהערן דאָס אויער, שטיל זיין אַליין און — גרייט צו פאַרנעמען דער שטילקייטס שטים, און דעם ווידוי פון אַ נשמה, דעם ווידוי און די תפילה...

די תפילה צום נ י ש ט ג ע ל ע ב ט ן לעבן און צום טויט, וואָס האָט נאָך עפּעס פאַרבאָרגן אין די פאַלדן פון זיין ווייסן קלייד.

פון לעבן (פון די „יאָרן, וואָכן, טעג, וואָס זענען, אומזיסט געבוירענע, פאַרגאַנגען") ווערט שוין ווייניק וואָס דערוואַרט, און די תפילה צום לעבן איז גאָר אַ פלוך, נישט קיין געבעט. אָבער דער טויט — זאָל ער זיין געבענטשט. ראַלניק האָט אויף אים אַ ברכה געמאַכט. פון זיין שטילן קוואַל שטראָמען די שענסטע פערזן, די דורכזיכטיקסטע און געלייטערטסטע פערזן ראַלניקס:

דער גאָט, וואָס האָט ביז איצטער
אין גויט מיך אויסגעהיט,
וועט אויך אויף ווייטער היטן
פון אומגליק מיינע טריט.

דער גוטער גאָט אין הימל
וועט איצט נאָך בעסער זיין:
ער וועט זיין קינד —מיך— פירן
צו זיך אין הויז אַריין.

מיט אַלע גרויסע קינדער
מיר נעמען אין זיין קלייד —
אַ ל י כ ט פ ו ן ז י ב ן ז ו נ ע ן
א י ז א ו י ף ג אָ ט ס ק ל י י ד פ אַ ר ש פּ ר י י ט.

דאָס לעבן מאַכט ראַלניקן הארט, דער טויט מאַכט אים צאַרט:

עפּעס ווייסעס יעדע ווילע
שוועבט אַדורך פאַרביי די אויגן:
אַ פאַרוואַנדלטער, אַ גוטער
קוק איך יעדן אין די אויגן.

„עפּעס ווייסעס" — איז עס נישט דאָס ליכט, וואָס קומט פון יענע „ווייסע וועגן", וואָס „לויפן אין דער אייביקייט — און די זון באַשטראַלט זיי אויך

אויף יענער זייט״? נאָר „יענע זייטיקע״ שטראַלן קאָנען מאַכן, אַז אונדזער דיכטער זאָל „אַ פּאַרוואַנדלטער, אַ גוטער — קוקן יעדן אין די אויגן״...

עס איז נישט קיין יידיש געפיל דווקא — אַט דאָס געפיל און די בענטשונג פון דער „יענזייטיקייט״; אָבער אין די פערזן פון י. ראַלניק איז דאָך דאָ עפּעס טיף יידישעס, תהילימדיקס.

עס איז נישט קיין פּאָעזיע אין דעם געוויינטלעכן זינען. די מוסקולאַטור (די בילדלעכקייט און די ריטמיק) פון די שטיל־אַטעמענדיקע שאַפונגען איז אָרעם, שוואַך; אַ בלאַסקייט פאַרצערט די פרישע פאַרב פון הויט; אָבער דאָס מאַכט נאָך איידעלער און שטילער די אָפּגעשיידקייט פון די תפילהדיקע „שמייכלען, גיפטיקע און דינע״, און צייגט אונדז „ווייסקייט, פּוסטקייט״ פון קלאַנגען, דאָס מאַכט נאָך צאַרטער דעם שלייער, וואָס פאַרשטעלט ראַלניקס „וואָכן, יאָרן, אייביקייטן אויף די ווייסע ווינטער־וועגן״, אויף די ווייסע, ווייטע, פאַרווייעטע ווינטער־וועגן...

עס איז דאָ עפּעס קאַלט־ליכטיקס, עפּעס וואָס איז שוין אויף יענער זייט פון טרויער, אין די לעצטע לידער ראַלניקס; דערהויפּט שפּירט זיך עס אין דעם „ליד פון נאַכט און אונטערגאַנג״, איינע פון די פיינסטע תפילה־לידער:

עס זענען לידער פילע דאָ —
פון דאָרשט און זעט, געיעג און פאַנג.
נאָך אַלע לידער קומט ד אָ ס ליד,
דאָס לעצטע ליד פון אונטערגאַנג.

נאָענטער צו דיר, צו דיר
ציט זיך מיין איינזאַם נאַכט־געזאַנג.
פאַרנעם, מיין גאָט, פון טיפן גרונט
מיין טיפן ליד פון אונטערגאַנג.

עס וועלן אַנדערע מאָרגן פרי
דעם וואַלד פאַרקלינגען מיט געזאַנג.
דאָך איך זינג היינט די לעצטע נאַכט
דאָס ליד פון נאַכט און אונטערגאַנג.

דאָס איז אַ ליד נישט פון יאוש, נאָר פון נאָכן יאוש.

ליענענדיק די לידער פון יוסף ראָלניק

איך האָב שוין אַמאָל געליענט די געזאַמלטע לידער פון יוסף ראָלניק, און ווען איך האָב גענומען אין האַנט זייער צווייטע אויפלאַגע, האָב איך געטראַכט: וואָס פאַר אַן איינדרוק וועלן זיי מאַכן אויף מיר, ווען איך וועל פון ס'ניי זיך שטעלן איצט אונטער דעם קליינעם, מידן שטראָם פון זייערע טענער?

וואָס פאַר אַן איינדרוק, האָב איך געטראַכט, וועלן זיי מאַכן, און — צי וועלן זיי בכלל פעאיק זיין צו זיין אימפּרעסיוו ביים צווייטן מאָל ליענען?

עס טרעפט זיך אָפט, אַז אפילו עכטע פּערזן לאָזן זיך נישט אויפנעמען מער ווי איין מאָל. זיי ווערן, נאָכן ערשטן געניסן וואָס זיי פאַרשאַפן אונדז, אָפּגענוצט, אויסגעליידיקט, אַזוי ווי זיי וואָלטן אָפּגעגעבן מיט איין מאָל אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט... זענען דאָ, האָב איך געטראַכט, צווישן די לידער פון יוסף ראָלניק אַזוינע, וואָס בליען זיך נאָך אַמאָל פונאַנדער, ווען מען פּליקט אָפּ זייערע בלומען?

* * *

נאָך איידער נאָך איך בין געקומען צו די לידער, האָב איך געהאַט אַ פרישן איינדרוק פון דעם נייעם אויסזען פון דער צווייטער, פאַרגרעסערטער אויפלאַגע.

זי איז געדרוקט אין אַ קלענערן, שטילערן, מער ראָלניקשן פאָרמאַט, ווי דאָס „עפּיש"־ברייטע בוך „לידער", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1951.

צווישן די קליינע דינע טאָוולען פון דער נייער אויפלאַגע וועט זיין בעסער, דאַכט זיך מיר, די אַקוסטיק פון דער נישט הויכער און נישט קלינגענדיקער שטים פון יוסף ראָלניק.

דער לייענער וועט זיך נישט דאַרפן מער האַלטן מיט ראָלניקס לידער, ווי מיט אַ גרויסער שווערער גמרא, פול מיט פּירושים און הגהות. ער וועט עס לייכט קאָנען אַריינלייגן אין קעשענע פון זיין מאַנטל און אַוועקגיין דערמיט שפּאַצירן אין אַ ערבסט־טאָג איבער אַן איינזאַמען פאַרלאָזענעם וועג, שורשנדיק מיט די געלע פאַרטריקנטע בלעטער. ער וועט זיך אַנידערזעצן אויף אַ

שטיין ביים פרעמדן וועג, לעבן אַן אויסגעקרימטן, האַלב־צעפוילטן סלופּ מיט אַן אָפּגעריבענער אויפשריפט און וועט זאָגן:

— — — — — — — — —

געלעבט האָט אַן איינזאַמער, איינזאַמער בחור,
זיין האַרץ האָט געזונגען, די ליפּן — געשוויגן,
און קיינער פון אַלע אַרומיקע מענטשן,
אוי, קיינער געהערט האָט דעם ניגון.

ער וועט הערן דעם ניגון, פון הערבסטיקן ווינט באַגלייט.

ער וועט הערן דעם ניגון פון אַן עלנטן האַרצן, מיט שווייגנדיקע ליפּן אַרויסגעזונגען.

און אַן אַנדערש מאָל וועט זיך אים דאַכטן, אַז אַט דער איינזאַמער מענטש רעדט מיט זיך אַליין, וועגן זיך אַליין נאָר. און דער לעזער וועט טראַכטן: וואָס דאַרף איך זיך צוהערן צו אַ פרעמדנס רייד? —

און האָסט מיך נאָך עטוואָס ליב —
טאָ קום צו מיר;
און האָסטו מיטלייד אין דיין האַרץ —
זיי גוט צו מיר.

מיין האַרץ איז אויפגעראַמט אויפסניי —
פאַר דיר אַליין;
און ביסטו טויב פאַר אַלץ — טאָ הער
כאָטש מיין געוויין.

דער, וואָס האָט עס געשריבן, האָט זיך מסתמא באַפרייט דורך דעם פון עפּעס, וואָס אים האָט געדריקט, גענאָגט אין האַרצן. ער האָט עס געדאַרפט, לעבט עס פאַר אים, אָבער אונדז, זייטיקע, זאָגט עס גאָרנישט. ס'איז אַזוי ווי אַ בריוול, נישט צו אונדז געשריבן. איז עס נישט אינטערעסאַנט צו לייענען אַט די — אַזוי צו זאָגן — פּריוואַטע קאָרעספּאָנדענץ פון דעם דיכטער מיט זיך אַליין. דאָס איז זיין — און זיין קומענדיקן ביאָגראַפס — זאַך.

אָבער אַזעלכע לידער, וואָס זענען נישט קיין לידער נאָר סתם אַזוי זיפצע־נישן, זענען נישט פיל אין בוך. אַ סך גרעסער איז די צאָל פון יענע פערזן, וואו עס הערט זיך דער קרעכץ נישט פון איין נשמה, וואָס איז פאַרלענדט, פאַר־ביטערט, פאַרבענקט, נאָר פון יעדער נשמה, ווען זי איז איינזאַם און פול מיט יאוש אָדער בענקעניש.

יעדער פון אונדז, נישט נאָר יוסף ראָלניק, פילט זיך דאָך אַמאָל אַפגעזונ־דערט און אָפגעפרעמדט פון אַלע ארומיקע, דערפאַר געפינט ער אַן אָפּקלאַנג אין אונדז, ווען ער זינגט (זאָל זיין ווי אָרעם ריטמיש):

פאַרשלים דעם ווייטיק אין דיין האַרץ,
ער זאָל דעם צונג נישט איבערשפּרייזן.
פאַרטרוי אים נישט דיין ליבסטן פריינט
און זאָלסט דער גאַס אים נישט באַווייזן.

עס זאָגן אונדז עפּעס אַזעלכע ווערטער, ווי;

כ'פליק די דינגע לעבנס־פעדעם
מיט צעקרימטע שפּיזלעך־ציינער:
אַן אַ פריינט און אָן אַ גואל —
איינער בין איך, איינער, איינער.

מיר פילן עס אפשר נישט אַזוי אָפּט און נישט אַזוי שאַרף ווי ראָלניק, וואָלטן מיר אָבער דערפאַר נישט געקאָנט אַזוי אויסדריקן דעם צער פון שטום־זיין, ווי ער דריקט עס אויס, ווען ער זאָגט:

ווער ווייס, אפשר טראַכטן די טישן,
די בענק, וואָס מיר זיצן אויף זיי.
עס שעמט זיך דער שוועל, וואָס מיר טרעטן,
עס טוט וויי אין בעטל דער שטרוי.

ווער ווייס, אפשר יעטווידער שטיינדל
און יעטווידער זעמדל אויף דער ערד,
וואָס אונטערן טראָט וואָלט געשריען,
ווען גאָט וואָלט אַ שפּראַך אים באַשערט.

און מיר, וואָס פאַרטויבן די הימלען
מיט אונדזער געוויין און געשריי —
מיר זענען נאָר זאַמד אויף די וועגן
און געלע צעבראָכענע שטרוי.

מיט אונדזער גאַנצן געוויין און געשריי זענען מיר שטום, ווי די בענק וואָס מיר זיצן אויף זיי, ווי דער שוועל וואָס מיר טרעטן. ראָלניק פילט עס און ווייס עס בעסער פאַר אונדז אַלעמען, — איז זיין גאַנץ בוך דער געשריי פון אָט דער שטומקייט, די שטומקייט פון אָט דעם געשריי.

זענען א סך לידער אין דעם בוך אונדז מענטשלעך און קינסטלעריש נאָענט.

מיר נעמען געוויס נישט אויף אזוי אָפּט און אזוי פריינטלעך, ווי ראַלניק, דעם שאָטן פון טויט, אָט דעם פרעמדן, קאַלטן גאַסט. אָבער אויך צו אונדז ווייזט ער זיך אָפּט, ווי א שיין, נישט ווי א שאָטן... דערפאַר איז אונדז פאַרשטענדלעך זיין ליד פון לידער — „דאָס לעצטע ליד פון אונטערגאַנג" — כאָטש מיר זינגען עס נישט און ווילן עס נישט זינגען אזוי אָפּט, ווי ער. דאָס, וואָס ביי אים איז א ל ץ, — די איינזאַמקייט און די דערלייזונג, וואָס עס ברענגט מיט זיך דער טויט, — איז ביי אונדז נאָר א טייל, נאָר א מעגלעכקייט, אָבער א טייל, א מעגלעכקייט איז עס, האָט עס אן אוניווערסאַלן מיין.

* * *

קיין סך לידער, וואָס מען זאָל זיי קאָנען און וועלן לייענען עטלעכע מאָל, און וואָס מען זאָל יעדעס מאָל געפינען אין זיי עפּעס נייעס, עפּעס וואָס איז ביז אהער נישט אַנטפּלעקט געוואָרן, — איז נישטאָ אין בוך. אַזעלכע לידער זענען, ווי איך האָב פריער געזאָגט, בכלל זעלטן, און איבערהויפּט זענען זיי א זעלטנקייט ביי דיכטער פון ראַלניקס שניט, ביי דיכטער וואָס זענען נישט איינגעוויקלט אין זיבן שלייערן, וועלכע מען קאָן נאָר ביסלעכווייז פון זיי אַראָפּוויקלען, ביי דיכטער, וואָס זייער סוד ליגט אין זייער אָפנקייט און זייער פיינקייט — אין זייער פּשטות.

אָבער אָט די אָפענע און פּשוטע רייד זענען ביי ראַלניקן אָפּט מאָל אזוי געלייטערט און אזוי דורכזיכטיק-דין, אז צוליב דעם אַליין שוין זענען מיר גרייט זיי צו זאָגן איין מאָל און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל.

עס איז דאָ א חן און א פאַרפירערישקייט אין בילדלעכער, סימבאָלישער פאַרשלייערטקייט. עס איז דאָ אויך א חן אין דער נאָענטקייט פון וואָרט —

אויף יעדן טאָג און יעדער שעה
האָב איך געוואָרט;
און יעדער טאָג און יעדע שעה
האָט מיך גענאַרט.

נאָך אָט די פּשוטע, שיער נישט פּראָזאאישע ווערטער קומט דווקא א פּאָעטיש בילד. אָבער ראַלניק איז פּאָעטישער, ווען ער איז פּראָזאאיש. דאָס בילד איז:

ווי פאַלשע וואָלקנס האָבן זיי
קיין טרייסט געבראַכט,

אומזיסט דעם הויכגעוועלבטן רוים
נאָר שווער געמאַכט.

איז „ווי פאַלשע וואָלקנס" געווים אַן אייגנאַרטיקער און אַ פרישער פּאָע־טישער פאַרגלייך, אָבער אויסדרוקספולער און ווירקנדיקער איז ראָלניק אין דער ערשטער סטראָפע, דאָרט וואו ער באַגייט זיך אָן אַ „ווי", אָן אַ בילד און אָן אַ פאַרגלייך. דער טאָן פון זיין שטים איז ריינער, ווען ער לאָזט זיין לעבנס־דער־פאַרונג זיך לייטערן אין דער קילער פשוטקייט פון נישט־פאַרפּוצטע און איינ־דייטיקן וואָרט, — ווען ער זאָגט:

איך מוז און וועל אַוועקגיין
צי פריער אָדער שפּעטער;
שוין שמידן זיך די רידלען,
שוין זעגן זיך די ברעטער...

אָדער ווען ער דריקט אויס דעם צווייטן צענטראַלן מאָטיוו פון זיין פּאָע־זיע, דעם מאָטיוו פון איינזאַמקייט, און ער זאָגט אַזוי איינפאַך:

אַז וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ קאַץ,
וואָס האָט אַ הונט אין הויז;
דער הונט היט אים ביינאַכט, ביטאָג —
באַגלייט ער אים פון הויז.

אַז וואויל איז דעם, וואָס האָט אַ קאַץ,
וואָס האָט אַ קאַץ אין הויז;
דאָס קעצל שפּרינגט — זאָל שפּילן זיך
אַ קעצעלע אין הויז.

נאָר ווי איז דעם, וואָס האָט קיין הונט
און האָט קיין קאַץ אין הויז;
ווייל נישט באַהיט און נישט געטרייסט
זיין לעבן טריפט ער אויס...

דאַרף מען דערצו האָבן בילדער, מעטאַפאָרן? אפילו קיין גראַמען באַ־נוצט שוין דאָ נישט ראָלניק. עס איז גענוג פאַר אים דער קאַרגסטער ריטעם, דער ריטעם פון איבערחזרונג.

אַ רייכערע ריטמיק, אַ מער פאַרוויקלטע אינסטרומענטירונג פון פערז וואָלט געווען אַ לוקסוס, ד. ה. אַן איבעריקע און אַ קינסטלעכע זאַך פאַר דער איינטאָניקייט און גרויקייט, אין וועלכער דאָס לעבן ווייזט זיך צו ראָלניקן.

ווען עס זענען דאָ ביי אים בילדער, טרעפט אַז אין מיטן וואַרפן זיי אַראָפּ פון זיך די סימבאָלישע הויט און בלייבן אויפגעדעקט:

צווישן מיר און אייער האַווען
טויבט אַ וואַנט פון בליי; (בילד)
אייער וויינען, אייער שרייען
גייען מיר פאַרביי. (אויפדעקונג).

איז עס דאָ טאַקע אפשר נישט קיין מעלה, אָבער אין אַנדערע פאַלן שאַדט עס נישט. צום ביישפּיל:

פערציק כמאַרעס קלייבן זיך
אויף מיין אַלטן קאָפּ —
איינע ווערט אַראָפּפאַלן
אויף מיין אַלטן קאָפּ.

פערציק שוואַרצע ליילעכער
פלאַטערן פאַר מיין טיר —
איינע ווערט מיך צודעקן,
איינע איז פאַר מיר.

פערציק גריבער עפענען
זיך פאַר מיינע פיס —
איינע ווערט מיך איינשלינגען,
איינע ווערט געוויס.

אויך דאָ ווערט יעדעס מאָל דאָס בילד באַגלייט פון זיין אויסטייטשונג. אָבער דאָס בילד ווערט דאָ נישט איבעריק, עס בלייבט, — און עס איז זיכער איינס פון די בעסטע לידער ראָלניקס, איינס פון די לידער זיינע, וואו דער פאָלקס־טאָן ווערט אַזוי נאַטירלעך צונויפגעגאָסן מיט דעם טאָן פון „איך“.

אַמאָל קומט ביי אים פריער דער דירעקטער און אָפענער אויסגוס פון געפיל, דערנאָך ערשט דאָס סומירנדיקע בילד. צום ביישפּיל:

איך האָב געדולד. די שעהן קריכן.
איין שעה איז צו דער צווייטער גלייך;
פון שעהן ווערן טעג און וואָכן —
אַ יי ן גרויסער, שווערער טייך.

אָדער:

דער גאַט, וואָס האָט ביז איצטער
אין נויט מיך אויסגעהיט,

וועט אויך אויף ווייטער היטן
פון אומגליק מיינע טריט.

דער גוטער גאָט אין הימל
וועט איצטער נאָך בעסער זיין:
ער וועט זיין קינד — מיר — פירן
צו זיך אין הויז אַריין.

מיט אַלע גרויסע קינדער
מיך נעמען אין זיין קלייד —
אַ ליכט פון זיבן זונען
איז אויף גאָטס קלייד פאַרשפּרייט.

אַמאָל באַגנוגנט ער זיך מיט אַ בילד אַליין:

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

אַט קומט אַרויס די טונקעלע נאַכט
און טייך און הימל ווערן בלוי.
די שיפל וואַרט. דער שיפער רופט.
אַ גוטע נאַכט, אין אַ גוטער שעה...

אָדער:

דאָס פעלד, וואָס איך האָב אָנהייב יאָר
פאַרזייט מיט פריילעכע געזאַנגען,
האָט איצט, סוף זומער, אויפגעשפּראָצט
מיט דערנער, גיפטיקע, ווי שלאַנגען...

אָבער אַזעלכע ריין בילדלעכע לידער זענען דאָ ביי אים זייער ווייניק. און זעלטן ווען זיי געלינגען אים. זעלטן ווען ער גיט אַ בליץ מיט אַזעלכע פערזן, ווי „אין אַ טיר פון פייער איז די זון פאַרשוואונדן", אָדער: „עס בייטן זיך שנייען אויף שנייען — בלויז הימלען און וועלדער און גאָט". זיין כוח ליגט נישט אין אָריגינעלער בילדלעכקייט און אייגנאַרטיקער ריטמיק. דאָס טייערסטע אין אים איז געווען פאַר מיר און געבליבן — זיין פעאיקייט צו ריידן פּראָסט וועגן גרויסע זאַכן און זיין אינעווייניקסטע קונסט צו צייגן אונדז דעם חן פון וואָרט אין זיין כשרער און שטילער נישט־פאַרפּוצטקייט.

י. ראַלניקס נייע לידער

יוסף ראַלניק געהערט נישט צו די פּאָעטן, וועלכע „גייען־מיט מיט דער צייט", מאַכן־מיט אירע געפאַרן, אירע קולות און געוואַלדן, כאַפּן־אויף אירע לאָזונגען.

י. ראַלניק שרעקט זיך נישט פאַר דעם גייסט פון די גייסטער פון דער עפּאָכע, ער ווערט נישט נתפּעל פון „דעם שליאַך — דעם טומלער", דעם שליאַך, וואו איבער מיליאָנען־קעפּיקע מחנות פלאַטערן פאָנען, און עס ציטערט די לופט פון הימנען און הייסע געשרייען.

יוסף ראַלניקס וועג איז אַ שטילער, און שטיל איז זיין שטים, שטיל און קיל, ווי געוועזן.

קיין שום טיפערע ענדערונג איז אין אים נישט פאָרגעקומען זינט ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע גרעסערע זאַמלונג לידער — מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

אין משך פון די צוויי צענדליק יאָר זענען וועלטן חרוב געוואָרן, מלחמות האָבן אונדז אריינגעשליידערט אין אַ תהום פון פאַרצווייפלונג, רעוואָלוציעס האָבן געוועקט אין אונדז האָפענונגען, דאָס לעבן האָט זיך שטאַרק געענדערט און די פּאָעזיע איז נישט אַזוי, ווי זי איז געווען, אָבער יוסף ראַלניקן האָט דאָס אַלץ נישט אָנגערירט, און אויב דאָס האָט אים אָנגערירט, האָט ער עס פאַרשוויגן...

זון אין מערב זעצט זיך גיך.
וואָס דאַרף נאָך אַ מענטש, ווי איך?
לידער, קליינע לידער.

גרויסע שטעט און נייע לענדער —
בין אַ דורכגייער, אַ פרעמדער.
נאָענט זענען לידער.

ניִשט פֿאַראַנען אויף דער ערד
נאָך אַ פֿרייד, ווי די, וואָס ווערט
אויפֿגעוועקט דורך לידער. (ז. 46)

ניִשט דורך לידער פֿון „גרויסע שטעט און נייע לענדער" — צו זיי האָט ער, ווי פֿריער, ניִשט קיין שייכות. ער איז „אַ דורכגייער, אַ פֿרעמדער" אין „די גרויסע שטעט און נייע לענדער". אַ היימישער איז ער נאָר אין דער לופֿט פֿון זיינע לידער:

ווער ווייסט מאָרגנדיקן טאָג?
לידער — אַלץ, וואָס איך פֿאַרמאָג.
זאָלן בלייבן לידער. (דאָרט)

ער זינגט לידער צום ליד. זיין גאָט איז דער גאָט פֿון לידער. זיין וועלט איז די וועלט פֿון לידער, פֿון ז יי נ ע לידער:

איך דאַרף ניִשט קיין גרויסע פּאַלאַצן...
פֿיר זוניקע טריט
אויפֿן ראַנג פֿון צוויי רוישיקע גאַסן —
פֿאַר מיר און מיין ליד. (ז. 44)

ער און זיין ליד.
ער האָט זיך ניִשט געביטן, און עס האָט זיך ניִשט געענדערט די שטימונג פֿון זיין ליד. מער רייפֿקייט, אָבער די פֿרוכט איז די זעלביקע, וואָס מיט אַ פֿערטל יאָרהונדערט צוריק.
אַזוי ווי דאַן, דערמאָנט ער זיך אָפֿט אין די קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים, אין דאָרף, אַרום מיל. אַזוי ווי דאַן, ווערט דאָס דערמאָנען זיך אַ קוואַל פֿון לידער, און ער בעט דאָ זיין גאָט, דעם גאָט פֿון לידער, ער זאָל אויפֿוועקן אין אים די קלאַנגען, די בילדער פֿון יענער צייט:

דערמאָנען זיך העלף מיר דעם קלאַנג פֿון דער קאָסע,
די מונטערע נאַסקייט פֿון נאַכטיקער ראָסע.
ברענג מיר אויף פֿליגלען פֿון ווינטן צו טראָגן
דעם וויאָרסט-ווייטן טרוקענעם סקריפּ פֿון אַ וואָגן;
דאָס זיפֿצן פֿון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן —
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפֿישן לשון. (ז. 3)

דערמאָנען זיך דעם „דאָרפֿישן לשון", הייסט, פֿאַרגעסן דעם לשון פֿון שטעט, פֿון „גרויסע שטעט און נייע לענדער".

דערמאָנען זיך וואָס אַמאָל איז געווען, הייסט פאַרגעסן, וואָס איצט איז, הייסט באַרואיקן זיך, הייסט ווערן שטיל, — און דאָס איז וואָס ראָלניק דאַרף האָבן פאַר זיינע לידער...

דערפאַר האָט ער ליב אַזוי אַריבערצוטראָגן זיך אין דער וועלט פון דערינערונגען:

וואַסער־פּליעסק און טויבן־ברומען
איז אויף מיר היינט אָנגעקומען —
אַלע האַרטע קינדער־יאָרן
זענען איצטער מילד געוואָרן. (ז. 15)

— — — — — — — —

מילד מאַכן דאָס האַרטע לעבן, מילד זיין אַליין — דאָס האָט ראָלניק שטענדיק געוואָלט, דאָס וויל ער אויך איצט. אָבער אַמאָל האָט די פאַרביטערטקייט געשטערט אים זיין מילד, איצט איז ער צו־רייף צו זיין ביטער. איצט איז ער רואיק, און אינאיינעם מיט דערינערונגס־לידער שרייבט ער לידער פון באַרואיקונג, לידער, וועלכע זאָגן אונדז:

לערן זיך פון דער לבנה:
גיין דורך גאַסן שטילערהייט.
זאָל מען דיינע טריט נישט הערן,
נישט פאַרנעמען דיינע רייד. (ז. 39)

זיין שטיל, זיין שטום, און אָט די שטילקייט, אָט די שטומקייט אויסזינגען אין לידער — דאָס איז ראָלניקס פּאָעטישע פּראָגראַם.

זי איז שוין פריער געווען ביי אים, אָבער פריער איז ער נישט צוגעגרייט געווען אויסצופירן זי, ווי געהעריק איז, איצט איז ער גרייט. איצט איז זיין הכנעה נישט ווי אַמאָל, א פאַרשטעלטער רעוואָלט, נאָר אַן אמתע הכנעה:

מיינע וועגן ווערן אַלץ שמעלער,
מיינע היילן אַלץ טיפער, פאַררוקטער.
איך גיי איבער ליכטיקע גאַסן
א פאַרלוירענער און א געבוקטער.

עס קומען אַן ווערטער צו שווימען,
גנאָדיקע, ווייכע און פרומע.
איך האָב איבערגענומען דעם לשון
פון שעפסן און קעלבעלעך שטומע. (ז. 29)

ער בונטעוועט זיך נישט מער, ער איז מער נישט בייז, ער שטילט זיך איין מיט ווערטער „גנאַדיקע, ווייכע און פרומע", און מיר גלויבן אים, ווען ער דערציילט:

איך גיי־אַרום אַרום מיין גאַט
פאַרקליינט און שטיל.
איך זאָג צו אים: איך בין וויניק
און דו ביסט פיל. (ז. 33)

ער זאָגט אַזוי בפירוש, און — זייט פּאָזיטיוו — גיט עס נישט לייענען קליינע קינדער און קאַמיוגן. זיי האָבן זיך צוגעוואוינט אריינצוטייטשן אין אַלץ פּאָליטיק, קאָנען זיי מיינען, אַז ראַלניק פּריידיקט „בורג־פרידן", סאָציאַלע נאָכגעביקייט אד"גל. ער מיינט אָבער גאָר עפּעס אַנדערש, און בכלל שרייבט ער פאַר רייפע מענטשן. זיי וועלן, האָף איך, פאַרשטיין אַז פּאָעטישע געמיט־צושטאַנדן דאַרפן נישט איבערגעזעצט ווערן אויף דער שפּראַך פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט...

יוסף ראַלניק גיט קיינעם נישט קיין עצות, דערהויפּט נישט קיין פּאָליטישע עצות, ווען ער זאָגט: „נידעריק, נידעריק בויג איך מיין קאָפּ ביז צו דעם שטויב פון דער ערד" (ז' 35). ער וויל נישט, אַז די מחנות, וואָס קעמפן פאַר גערעכטיקייט זאָלן מאַרשירן זינגענדיק:

אין האַרצן ליגט אַ מילדער וואָרט —
איך קאָן אים נישט זאָגן;
נאָר ביזן סוף פון טאָג וועל איך
אין האַרצן אים טראָגן. (ז. 34)

ער ווייסט, אַז דאָס איז נישט קיין ליד צום מאַרשירן. ער רעדט וועגן זיין אייגענעם האַרצן. אין האַרצן ביי אים ליגט אַ מילד וואָרט. און ער האַלט עס הייליק. טאָר ער עס נישט טון? פאַרוואָס זאָל ער עס נישט טאָרן טון?

איצטער טאָקע איז אַ צייט, ווען עס איז שווער צו זיין מילד. אָבער אייביק וועט דאָך נישט זיין אַזוי. עס וועלן קומען טעג, ווען מיר וועלן בענטשן מילדקייט. ראַלניק איז פון די, וואָס לעבן שוין איצט אין יענע טעג, און זיי קאָנען זיך נישט העלפן, ווען עס קומען זיי אָן „ווערטער צו שווימען, גנאַדיקע, ווייכע און פרומע".

גנאַדיקע, שטילע מענטשלעכקייט האָט די זעלביקע רעכט, וואָס רוישיקע, אימפּעטדיקע און אומרואיקע מענטשלעכקייט.

ראַלניק דערקלערט עס אין אַ ליד, וואו ער טענהט זיך אוים מיט אַ קאָ־

לעגע, א דיכטער, וואס „שלעפט זיין ליד ארום אויף ברייטע גאסן". ער זאגט, אז דער אונטערשייד וואס איז דא צווישן זיי, נעמט זיך פון אן אונטערשייד אין כאראקטער, אין דערציאונג, נישט פון פארשידענע פאליטישע און סאציאלע ריכטונגען:

— — — — — — — — —

איך בין געבוירן ביי א ליטוויש שטעטל
און דו — אויף דרום־לאנד, אויף הייסן שליאך.
מיר האבן ליב זיך אפשטעלן ביי יעדן בוים און בלעטל,
מיר גייען שטיל, ווען מען גאלאפירט ביי אייך.

אנטקעגן דיר, דעם ברויזיקן, בין איך א לאם א שטילע.
איך האב נישט דיין גריוווע־פוץ און נישט דיין ווערטער־כוח;
דאך ווערט די לאם דערמאנט אין חומש'ס ערטער פילע
און מיט איר בלוט געהייליקט איז אין מקדש דער מזבח... (ז' 50).

און ווען „אין חומש'ס ערטער פילע" וואלט די לאם נישט דערמאנט געווארן, וואלט ראלניק אויך נישט געהאט דעם „גריווע־פוץ" און דעם אימפעט פון א גאלאפירנדיקן פעגאסוס, ווייל —

גאט האט קיין ווערטער אויף מיין צונג נישט געלייגט..
א שווייגער גיי איך צווישן מענטש און מענטש ארום.
וואו יעדער רעדט אמת אדער לייגט,
בין איך דער איינציקער, וואס איז שטום. (ז' 79)

א שווייגער, א שטומער — ווייסט ער אויך פונעם א יי ב י ק ן שווייגן, פון דער א יי ב י ק ע ר שטומקייט, און אזוי ווי זיינע פריערדיקע ביכער, איז אויך דאס נייע בוך פול מיט לידער פון טויט.

אבער ער רעדט שוין איצט וועגן טויט, ווי וועגן לעבן, אן ביטערקייט, אן כעס. ער איז איצט שוין מילד אויך צום טויט, אזוי ווי ער מאכט מילד דאס האוטע לעבן. ער ווייסט, אז „סוף זומער דארן אלע רויזן אפ" — און ווערט דערפון נישט נתפעל. ער ווייסט, אז „אלע עפל פאלן צו דער ערד אראפ" — און ער שרעקט זיך נישט דערפאר. און אפשר שרעקט ער זיך יא — עפעס רעדט ער צופיל וועגן דעם, און אין איין ליד איז ער זיך מודה, אז — „איך קאן נישט משיג זיין, פון אלע יא'ס זאל ווערן ניין" (ז' 58), — אבער אויב אפילו ער ליידט יא פון מורא האבן פארן טויט, שטילט ער זיינע ליידן איין מיט זיינע לידער.

זיינע לידער — דאס איז זיין וועלט. אין זיי לעבט ער זיך אויס. איז קיין וואונדער נישט, וואס עס טרעפט, אז זיי האבן א שייכות נאר צו אים

אַליין. קיין וואונדער איז עס נישט, אָבער קיין מעלה איז עס אויך נישט. לי־דער, וואָס מען זינגט פאַר זיך אַליין, האַלט מען פאַר זיך אַליין. מען פאַר־עפנטלעכט זיי נישט.

צום גליק זענען צווישן די נייע לידער ראָלניקס נישטאָ קיין סך, וואָס זע־נען נאָר פאַרן דיכטערס פּריוואַטן געברויך. צום גרעסטן טייל זענען זיי פאַר אונדזער אַלעמענס געברויך. מיר אַלע האָבן דערינערונגס־שעהן, מיר אַלע האָבן מינוטן פון מילדקייט און הכנעה, מיר אַלע שטייען אָפּט שטום פאַרן אָנ־זיכט פון לעבן און פילן, אַז „אַ טאָג יאָגט־אָן אַ צווייטן טאָג, אַ יאָר פאַרלויפט אַ יאָר", און מיר אַלע זאָגן אָפּט אינאיינעם מיטן דיכטער:

איך וואָלט געוואָלט איך זאָל קאָנען טראַכטן
מיט אַ רואיקן געמיט:
פאַר די טונקעלע פאַרנאַכטן
קיין מורא האָב איך נישט.

מיר אַלע בענקען נאָך דער רואיקייט פון ראָלניקס געמיט, דער רואיקייט פון שפּעט־זומער, דער מילדקייט פון האַרבסט.

יוסף ראַלניקס נייע לידער

יוסף ראַלניק: „אַ פענצטער צו דרום", ניו־יאָרק, 1941, ז' 112.

איך האָב נישט לאַנג געשריבן וועגן יוסף ראַלניקן, — און טאַקע אָט דאָ, ביי אונדז אין „טאָג". איך האָב געשריבן וועגן די זעכציק יאָר שטומקייט, וואָס שטומען, שטאַמלען, רעדן, דאַוונען אין זיינע לידער. איך האָב דערמאָנט די שטילקייט פון זיינע טריט אין דער יידישער פּאָעזיע. אָבער אָט האָט זיך אַריינגעשלייכט צו אונדז גאָר אומגעריכט זיינע אַ נייע לידער־זאַמלונג. אירע בלויע טאָוועלעך מיט די גאָלדענע אותיות האָבן זיך אַליין פון זיך געעפנט, — און כ'האָב ווידער געזען, ווי איינער אַ באַקאַנטער, — אַן אומבאַקאַנטער שטייט און קוקט אַריין אין בלויע ווייטקייטן, שטייט און כישופט פון די ווייטע בלוי־קייטן אַרוים קלאַנגען, וואָס ציטערן און פלאַטערן אין דער לופט און וואָס קיי־נער הערט זיי נישט, אַ חוץ אים אַליין און דעם, וואָס איז זיך שטיל און צוטרוי־לעך מתיחד מיט אים. כ'האָב ווידער דערזען דעם דיכטער, וואָס גייט

אַן אַ זייט פון ברייטן וועג, —

און וואָס ווייטער איך בין אַוועק אַ ן אַ ז יי ט, אַלץ בלאַסער איז געוואָרן מיין פאַרלאַנג זיך אומצוקערן צוריק צום ב ר יי ט ן וו ע ג.

כ'האָב אַלץ מער און מער פאַרגעסן, וואָס כ'האָב געלייענט אין די צייטונ־גען און געהערט דורך דער ראַדיאָ. נישטאָ מער סינגאַפּור, פאַרשטילט זענען די פופצן יידן, וואָס האָבן געוואָגט זיך אַרויסצוגנבענען פון וואַרשעווער געטאָ און וואָס די נאַציס האָבן זיי דערשאָסן. און וואו איז די יידישע אַרמיי, וואָס איז אַזאַ אומבאַשיצטע טעמע פאַר לייטאַרטיקלען? אויסגעלאָשן זענען אַלע הייסע געשעענישן, די פראַגן פון טאָג ברענען נישט מער... עס קילט מיך ראַלניקס בלויע ווייטעניש... כ'קוק טיף אין איר אַריין, קוים וואָס עס דער־גרייכן מיין אויער אירע שטילע, שטילע טענער, איך הער זיי דאָך ציטערן און פלאַטערן אין דער לופטיקער בלויקייט, — און מער הער איך גאָרנישט.

ווען איך זאָל אַ קוק געבן אין אַ שפּיגל, וואָלט איך געזען, ווי אינאיינעם מיטן פּאָעטס ליפּן ציטערן אויך מיינע, ציטערן און שעפּטשען:

איך בין אָנגעקומען אויף אַן אַמאָליקן שטעג,
אַן אַ זייט פון ברייטן וועג,
און כאָטש איך גיי אום אײנער אַליין,
איז מיר נישט אומעטיק צו גיין. (ז׳ 6)

אומעטיק צו גיין איינער אַליין איז דעם, וואָס איז געוואוינט צום ב ר י י ט ן וועג. אים, דעם ברייטוועגיקן, איז נישט בלויז אומעטיק צו גיין אַליין אויף אַן א מ אָ ל י ק ן און א י י נ ז א מ ע ן ש ט ע ג. עס איז פ אַ ר ו ו ע ר ט דאָס צו טון. דערהויפּט „אין אַזאַ צייט, ווי די איצטיקע" — אַ צייט פון סכנות. אין אַזוינע טעג מוז מען שטיין אויף דער וואַך. מען מוז זיין גרייט צו מאַרשירן. מען מוז זיין באַוואָפנט, טראָגן געווער. און אויב מען איז אַ מענטש פון וואָרט, מוז עס זיין אַ וואָרט, וואָס צינדט מענטשלעכע הערצער... מען טאָר איצט גאָרנישט זיין קיין מענטש פון ווערטער, מען מוז זיין אַ מלחמה־מענטש... ראָלניק דערווייטערט זיך פון אונדז, פון די מלחמה־לייט. ער איז זיך אַליין מודה:

מיטן ברייטן וועג גייען מלחמה-לייט,
איך גיי אָבער פון דער זייט.
עס בריאַזגען אויף זיי פּאַנצער און שווערד —
ווי שטילער וואַסער שווימט מיין ערד. (ז׳ 6)

זאָלן מיר מיט אים מיטשווימען? וואוהין וועט עס אונדז פירן? צי נישט אַמאָל צום „העלפאַנטביינערנעם טורעם"?

כ׳ווייס נישט, וואָס איך וואָלט געענטפערט אויף דער פראַגע, ווען איך זאָל זיך זי האָבן געשטעלט. אָבער וואָס ווייטער איך בין געגאַנגען אויף דעם, אַ מ אָ ל י ק ן ש ט ע ג, אויף וועלכן ראָלניק האָט מיך געפירט, וואָס ווייטער איך בין אָוועק מיט אים אַ ן אַ ז י י ט פ ו ן ב ר י י ט ן ו ו ע ג, אַן אַ זייט פון די מלחמה־לייט, אַלץ מער האָב איך — אינאיינעם מיט אַלע ברענענדיקע פראַגן — פאַרגעסן אויך די פראַגע, צי מען מעג אין אַזאַ צייט, ווי די איצטיקע, אַריינטאָן זיך אין נישט קיין צייט־זאַכן...

איצט האָב איך זיך דערמאָנט.

ענטפער איך: אַזוי ווי מיר שלאָפן יעדע נאַכט, ווען עס שלאָפט זיך, אַזוי ווי עס דרימלען אפילו סאָלדאַטן אויפן שלאַכטפעלד, ווען עס איז נאָר מעגלעך, — און זיי האָבן מער כוח, ווען זיי כאַפּן זיך אויף, זיי זאַמלען אַן

ווידערשטאַנדסקראַפט, קראַפט צו אַטאַקירן דעם שונא, אין די מינוטן פון רו, — אַזוי מעגן מיר, און אפשר גאַר מוזן מיר — אויסטון אויף אַ ווײַלע —נאָר אויף אַ ווײַלע— פאַנצער און שווערד און שטילן אונדזער הונגער נאָך אַ ביסעלע רו, אונדזער דאָרשט נאָך פרידלעכקייט.

מיר מעגן —און אפשר מוזן מיר גאָר— נאָכטון דעם קריגס־מענטשן, וואָס צווישן איין שלאַכט און דער אַנדערער פרישט ער זיך אָפּ מיט לייענען בריוו, אָדער מיט קוקן אויף פאָטאָגראַפיעס פון דער היים.

יוסף ראָלניקס לידער זענען בריוו, גרוסן, דערינערונגען פון עפּעס אַ שטילן און ווייטן אינדערהיים.

קיין זכר איז נישטאָ מער פון דער אומרואיקייט, וואָס איז געווען אין אַ סך פון זײַנע פריערדיקע לידער, קיין טראָפּן פון זייער ביטערקייט.

זיין פּאָעזיע איז איצט שוין דורכויס (פריער איז זי געווען נאָר צום טייל) דערינערונגען־פּאָעזיע.

ער קערט זיך אום צוריק אַהיים, צוריק צו זײַנע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, — און ער קערט זיך אום צו זיי נישט אויפן וואָר, נאָר אין חלום, אין דער פאַנטאַזיע: זענען זיי רואיקער און שטילער, ווי זיי זענען געווען, און ער אַליין איז אַוודאי שוין אַ באַרואיקטער און אַן איינגעשטילטער.

איז ער ראָמאַנטיש? ניין, ער פאַרשענערט נישט קיין זאַך. אָבער די רעאַלסטע און ממשותדיקע וועלט זעט אויס בלויליך און נישט גאָר ממשותדיק, ווען מען קוקט אויף איר דורכן נעפּל פון זכרונות... די געוויינטלעכסטע זאַך קריגט עפּעס אַ ניי וואונדערלעך אויסזען, ווען מען באַטראַכט זי נישט פון דער זייט, פון וועלכער מען איז געוואוינט זי צו באַטראַכטן, — און ראָלניק גייט־צו צו זיין אַלט־היימישער מיל, צום טייך, צום שניי, צו די וועגן, די וועלדער און די מענטשן פון דאָרט אַזוי, ווי ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פאָטערס הויז, אומקערנדיק זיך אַמאָל נאָכן דאַוונען, — פ ו ן א ַ ן א ַ נ ד ע ר ז י י ט. ער אַליין דערציילט עס אין זיין ליד „פון דאַוונען". אַוועק זענען זיי „צום צווייטן דאָרף, צום יידישן הויף, וואו מען קלייבט זיך יום־טוב דאַוונען צונויף" — אויפן געוויינטלעכן וועג, אָבער צוריק —

צוריק זענען מיר געגאַנגען מיטן לענגערן וועג,
איבער בערג און טאָלן, טאָלן און בערג.
און אַז מיר זענען אַהיים אָנגעקומען,
מיט פאַרשטויבטע פיס און פאַרטריקנטן גומען,

האָבן מיר מיל און שטוב, שייער און בריק
נישט דערקענט אויפן ערשטן בליק.
אפשר ווייל מיר זענען געקומען פון אַן אַנדער זייט
און אין אַזאַ אומגעוויינטלעכער צייט.

אין דערווירקלעכקייט האָט עס נאָר איין מאָל פּאַסירט מיט ראָלניקן. אין זיין פּאָעזיע איז עס אַ שטענדיקע זאַך. אין זיינע לידער קומט ער שטענדיק צוריק אַהיים — פ ו ן א ן א נ ד ע ר ז י י ט. אין זיין פּאָעטישן שאַפן טרעפט, דעריבער אָפט, אַז עפּעס אַ קלייניקייט פון אַמאָל צעוואַקסט זיך, ווערט גרויס און פול מיט באַדייטונג.

אָט איז, אַ שטייגער, „דאָס קלייד" — אַ דערינערונגס־ליד, ווי אַלע לידער אין „אַ פענצטער צו דרום". אין וואָס באַשטייט די דערינערונג? אין אַ קלייד, וואָס אַ געליבטע פרוי האָט איבערגעלאָזן ביי זיך אין הויז:

אין צימער, וואו זי איז דריי נעכט געשלאָפן,
זי איז אַפּגעפאָרן — און אויף דער וואַנט,
ווי ערשט אַראָפּגעגליטשט זיך פון דער האַנט,
געליבן הענגען איז איר ראָק האַלב אָפן.

און צו דעם קלייד נאָכגיביקן און שטומען,
ווען קיינער איז געוועזן, אַ חוץ אונדז ביידן,
אין לערן צימער פלעג איך קומען
זיך אויסטענהן און ריידן.

און ווען דער אַלטער גוי האָט מיר געבראַכט
אַ בריוו, אַז מאָרגן קומט זי אָן,
האָב איך, אַן אויסגעליטענער, געטראַכט:
וואָס האָט ביי אונדז אַן אַנדער פרוי צו טון? (ז' 26)

דאָס קלייד, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן איר, איז געווען פאַר אים עפּעס מער און עפּעס אַנדערש, ווי זי אַליין...

און דאָס איז נישט דער איינציקער פאַל, ווען אַ דערינערונג איז פאַר אים —און פאַר אונדז— מער ווי דער מקור פון דער דערינערונג, — ווען די אָפּשפּיגלונג אין דער פאַנטאַזיע איז מער, ווי דאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט.

אָט איז ער אַמאָל געווען צו גאַסט ביי אָרע מאַראַנקער, — אַ מילנער, אַזוי ווי זיין פאָטער. איז וואָס איז דאָ פאַראַן צו דערציילן? אָבער —

דאָס איז געווען ווייט אין מיין יוגנט צוריק,
און איך האָב שוין לאַנג, לאַנג פאַרגעסן,
אַז אין מאַראַנקעס וואָס הינטערן שטאָט

איז אין אַ מיל אַ ייד געזעסן.
נאָר איצטער האָט מיר אַ חלום ביינאַכט
צו אַלע מאַראַנקער אַהיים געבראַכט.

און וויבאלד אז א חלום, איז פאראן וואס צו זען:

די זון איז הינטער מיין פּלייצע געשטאַנען
און באַגילדיקט דעם ווייסן טייך, די גרינע לאַנען
און אָרע מאַראַנקערס גאַנצע מדינה.
צוויי בהמות, אַ שוואַרצע און אַ פּרעסטע,

האָבן אַ צעבער אויסגעלעקט
און זיך געראַנגלט פאַר דאָס לעצטע רעשטל.
קאָפּ האָט קאָפּ אַוועקגעשטופּט

און האָרנס, ווי שפּאַגעס, זיך איבערגעקרייצט,
נישט ווייט האָט אַ דאַרער פערד גראָז געצופּט.
דאָס גאָלד האָט ווי אַ טייך געפּלייצט, (ז' 66)

ראָלניק האָט הנאה פונעם עצם דערמאָנען זיך. ער האָט הנאה צו דער־מאָנען זיך, ווען עס איז אפילו נישטאָ זיך אָן וואָס צו דערמאָנען. עס איז אים גוט צו חלומען וועגן די קינדער־יאָרן אפילו ווען ס'איז אַ פּוסטער חלום.

אָבער נישט אַלע מאָל איז דער חלום אַ פּוסטער. אין די מער געלונגענע לידער זענען דאָ ווערטפולע זכרונות, אָדער פאַרקערט, וואו די זכרונות זענען אינהאַלטסרייכער, זענען די לידער באַדייטונגספולער.

אַ שטייגער, — „צו זעכצן יאָר".

ס'איז אַ האַלב־ערנסט, אַ האַלב־הומאָריסטיש ליד וועגן ראָלניקס ערשטע לידער. ערנסט איז דער טייל, וואו ער דערציילט, ווי און וואָס ער אַליין האָט געפילט, ווען ער איז „אויף לידער קראַנק געוואָרן". פול מיט הומאָר איז די באַשרייבונג פון די „דאָקטוירים, מבינים אויף אַ ליד", וואָס זיין ברודער האָט אים געפירט צו זיי, „זיי זאָלן אים זאָגן, צי דאָס איז אַן איבערגאַנג וואָס וועט באַלד אַוועק, אָדער ער איז אין דער אמתן אַ משורר, אַ פּאָעט" (ז' 68).

איינס פון די רייכסטע לידער אין בוך איז „אַ פּלעק". דער פּלעק באַ־שטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיך נישט געלאָזט דערקענען צו זיינעם אַ פּע־טער, וואָס איז געגאַנגען איבער די הייזער. דאָס איז געשען לאַנג, זייער לאַנג צוריק, אָבער דער דיכטער קאָן עס נישט פאַרגעסן, און ער שרייבט וועגן אָט דעם „פּלעק", אַז —

ערגעץ הינטער אַ לאַץ ליגט ער פאַרדעקט,
אָבער ער איז נישט פאַרגאַנגען, דער פּלעק,
וואָס איך האָב אים מיין האַנט נישט אויסגעשטרעקט. (ז' 71)

דאָס איז דער סוף פונעם ליד. דער עיקר אָבער אין אים איז די אויסגע־צייכנטע פּאָרטרעטירונג פון די דריי פעטערס, וואָס זענען „ווי די דריי ברידער

פון אַ מעשה־בוך אַרויס". יעדער פון די דריי פּעטערס איז אַ וועלט פאַר זיך, און ראָלניקן געלינגט אויסצומאָלן אונדז די וועלט אין עטלעכע שירות:

— — — — — — — — —

דער ערשטער איז געווען הויך און גרויס,
מילד ווי אַ קינד און גוט ווי אַ טויב.
האָט געקאָנט דערציילן פון לבנה און שטערן,
און גאָטס אַלע מעשים געוואוסט צו דערקלערן.

— — — — — — — —

דער צווייטער האָט געהאַט אַ באָרד ווי צעקעמטער פלאַקס,
אין די אויגן אויפגאַנג פון זון, אויף די ליפּן גאָטס לויב.
ער האָט געהאַלטן אין אָרענדע דעם פּריצס סאָד,
האָט געשמעקט פון אים מיט פּירות און מיט בינען־וואַקס. (ז' 70)

די בעסטע לידער אין בוך זענען די, וואו עס ווערן געגעבן פּאָרטרעטן פון מענטשן, אָדער נאַטור־פּאָרטרעטן — פּייזאַזשן.

קיין שום כוונות זענען נישטאָ אין די לידער, קיין שום אויסדרוק פון סימ־פּאַטיע אָדער אומצופרידנקייט, נאָר אַ וואונטש צו זען, צו הערן, צו געדענקען און צו פאַרצייכענען אַלץ, וואָס איז געבליבן אינעם דיכטערס זכרון...

דעם פּריצס טעכטער רייטן אַרויס
אויף ברוינע דינע פערד.
פאַרנאַכטיקער הימל שווימט איבער זיי,
אונטער זיי שווימט די ערד.

נו, איז וואָס?

און דער שלום:

די טורעמס פון שלאָס, די רוקנס פון בערג
הערן זיך צו צום גאַלאָפּ.
דער סאָד איז אַלט, ס'איז חודש אָב,
די בלעטער פאַלן אַראָפּ. (ז' 23)

נו, איז וואָס?

אַזוי וואָלט מען געקאָנט פרעגן. אָבער מען פרעגט נישט. אַזוי ווי די טורעמס פון שלאָס, אַזוי ווי די רוקנס פון בערג הערט מען זיך צו צום גאַלאָפּ. מען באַגנוגנט זיך מיטן צוהערן. מען ווערט אָנגעשטעקט פונעם דיכטערס דאָרשט צו הערן און צו זען. מען לעבט, אַזוי ווי ער, מיטן אויג, מיטן אויער — און מיטן זכרון.

מען לייענט אזא ליד, ווי „א בורע" (א שטורעם) — און מען פרעגט נישט קיין קשיות, מען זוכט נישט קיין סודות, קיין כוונות. מען באגאַנגט זיך מיט איבערלעבן — אין דער פאַנטאַזיע — א בורע, מיט איבערלעבן זי אַזוי, ווי מען האָט זי איבערגעלעבט אין די קינדער־יאָרן אין שטעטל, אין דאָרף, אין מיל.

מען דערמאָנט זיך אָן אָן אמתן יריד, ווען מען באַטראַכט ראַלניקס פּרעכ־טיקע יריד־פּאַנאָראַמען — און מען קוויקט זיך נישט אַזוי, נישט מיט דער עכטקייט פונעם בילד, ווי מיט דער לעבעדיקייט פון דעם אייגענעם דערמאָנען זיך. עס איז דאָ עפּעס א פרייד אין דעם שעפערישן אקט פון ארויסכישופן א וועלט פון דעם אייגענעם זכרונס תהו־ובהו. ס'איז די פרייד פון אויפזאַמלען אייגענע איינדרוקן און איבערגעבן זיי אַנדערע, די גוטסקייט פון באַהערשן זיך אַליין און אַנדערע, דער נחת פון מייסטערשאַפט, פונעם נצחון, וואָס גייסט האַלט־אָפּ איבערן שטומען, שטאַפּלעכן גולם, — דאָס גליק פון געפינען א לשון פאַר שטומקייט...

ראַלניק געפינט נאָך אַלץ נישט אַלע מאָל קיין ווערטער פאַר זיין שטומ־קייט (דערפאַר אפשר האָט ער ליב אַזוי־ ז א כ ן — זאכן, וואָס רעדן פאַר זיך אַליין), אָבער אָפט געפינט ער די נייטיקע ווערטער — און ווי גוט אים (און אונדז) איז, ווען ער געפינט זיי!

דאָס לעצטע ליד, וואָס האָט צענומען
מיין גאַנצן גוף, ליגט אויף מיין גומען,
ווי לעצטע טראָפּנס פון א בעכער וויין.
ס'איז גוט פון ווערטער שיכור זיין.

און וואָס איך האָב אין זיך געטראָגן
און מיטן מויל געמיידט צו זאָגן
און ס'איז אין האַלדז געבליבן שטיין —
וועט אפשר דורך דעם ליד דערגיין. (ז' 105)

יאָ, עס וועט „דערגיין". אויב נישט איצט, ווען מיר וועלן זיין שיכור פון מעשים, נישט פון ווערטער און פון פּאָעזיע, איז שפּעטער, אין צייטן פון פרידן, ווען מיר וועלן זיך ווידער קאָנען פארגינען די פרייד פון שעפערישן וואָרט, די פרייד פון כישופן —

לבנה פון וואָלקנס — אַרויס, אַריין.
אָט בלייבע ליכט, אָט בלויער שיין.
אויך דו — אָט וואַך, אָט שלאָפסטו איין —
פון א חלום אַרויס, אין א חלום אַריין.

דאָס זענען חלומות אָדער לידער פון פ א ר — און פון נ א ך — דעם קריג.

יוסף ראָלניק וועגן זיך

יעדער פּאָעט שרייבט וועגן זיך אַליין — אַפילו ווען ער רעדט וועגן אַנדערע, בפרט נאָך אַזאַ אויסגעהאַלטענער שאַפער פון ריין־פּערזענלעכער ליריק, ווי עס איז יוסף ראָלניק... בלויז אין משך פון צוויי אָדער דריי יאָר האָט ער זיך אַמאָל אונטערגעגעבן דעם „צייטגייסט” און געשריבן צייט־ אָדער קאַמפּס־לידער. דאָס איז געווען אַרום 1900 — 1903; ער איז דאַן צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע. אָבער די פּערזן, וואָס ער האָט דאַן געדרוקט, האָט ער, ווי אַ פרעמד צווייגל, נישט אַריינגענומען אין קיינער פון זיינע שפּעטערדיקע לידער־זאַמלונגען. די, וואָס ער האָט יאָ אויפגעזאַמלט אין בוכפאָרעם, זענען ריינע „איך”־לידער. איז אייגנטלעך נישט שייך אויסצוטיילן יענע פּאָעטישע שאַפונגען זיינע, וואו ער אַליין באַשרייבט די אָפּגעזונדערטע וועלט, אָדער, ריכטיקער, דעם עיגול, דעם שטילן קרייז, אין וועלכן ער לעבט זיך אויס פּאָעטיש: אַז אין זיינע ביכער זענען נישטאָ גאָר קיין אַנדערע זאַכן, אַ חוץ אַזוינע, וואָס זענען לעבעדיקע שטיקער, לירישע אויטאָביאָגראַפיע.

דאָך האָבן מיר איצט אַ בוך פון יוסף ראָלניק, וואָס פאַר די, וועלכע זענען נאָך אַלץ נייגעריק צו וויסן, וואָס ער אַליין טראַכט און זאָגט וועגן זיין פּאָעטישן שאַפן, איז עס גאָר באַזונדערס וויכטיק.

דאָס איז — „געקליבענע לידער” (איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1948, ז״ז 260), וואָס ער האָט אונדז געשענקט צו זיין 70־טן געבוירנטאָג.

אין דעם דאָזיקן אָפּקלייב זיינעם געפינען מיר צווייערליי לירישע זעלבסט־כאַראַקטעריסטיקעס: איינע — אַ דירעקטע און די צווייטע — אַן אומדירעקטע.

דעם לירישערם דירעקטע כאַראַקטעריסטיק פון זיין שאַפן האָבן מיר אין איינציקע לידער, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן בוך, און אין אַ ספּעציעלער סעריע לידער, וואָס הייסט „פּאָעטן”. זי באַשטייט פון קורצע לירישע אויסגוסן (כמעט יעדעס ליד — נישט מער ווי פיר אָדער דריי סטראָפן; כמעט יעדער סטראָף — פיר יאַמבישע אָדער כאָרעאישע פערזן מיט געוויינטלעכע, זעלטן ווען אומגעריכטע, גראַמען). די לידער פון דער דאָזיקער גרופּע

זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן, אָבער אַלע זענען זיי, מער אָדער ווייניקער, קלאָרע און אָן־חכמותדיקע פראַגמענטן פון דעם לירקערס ווידוי. נישט אַלע דרינגען זיי טיף אַריין אין דעם תוך פון זיין תוך; אייניקע בלייבן ביים ברעג, זענען צו־אויבנאויפיק, אָדער, פשוט, נישט געלונגען. אָבער אַלע זענען זיי דעם פּאָעטס שליסלען צו זיך אַליין.

אפילו ווען ער גיט־איבער זיינע פּאָעטישע איינדרוקן פון עמילי דיקענסאָנס לידער, זאָגט ער אונדז עפּעס וועגן זיין אייגענער פּאָעזיע אויך; ער זאָגט, אַ שטייגער:

מיר בויען אַליין פאַר זיך אַ הויז
און שפּינען אַן אייגענעם פאָדעם,
די זון און די שטערן זאָלן אונדז זען
אין אונדזערע אייגענע בגדים. (ז' 148)

נישט מענטשן (זעלטן ווען ער ווייס, וואו זיי זענען), נאָר די זון און די שטערן. זיי זאָלן אים זען אין זיינע אייגענע בגדים. די בגדים מעגן זיין ווי פּראָסט און ווי אָרעם, אַבי זיי זאָלן זיין אייגענע.

ראָלניק האָט זיך אָפּגעבריט, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַן אָנפאַנגער, מיט פרעמדע טענער; פון דאַן־אָן ציטערט ער זיך צוצורירן צו פרעמדס (עס האָט אים שטאַרק געמוזט ווי טון, ווען בעל־מחשבות האָט אים אַמאָל אויפגעוואָרפן דעם היינע־טאָן פון זיינע יוגנטלעכע ליבע־לידער). און ער האַלט אין איין אַכטונג געבן אויף די „בגדים" פון זיין ליד, אַז זיי זאָלן, למען־השם, זיין זיינע אייגענע.

ער האַלט אויך אין איין זוכן תירוצים אויף זיין נישט־„גאַלאָפּירן", נאָר „גיין טריט", — שטילע טריט:

אַנטקעגן דיר דער ברויזיקער, בין איך אַ לאָם אַ שטילע;
איך האָב נישט קיין גריווע־פּוץ און נישט דיין ווערטער־כוח; —
דאָך ווערט די לאָם דערמאָנט אין חומש'ס ערטער פילע
און מיט איר בלוט געהייליקט איז אין מקדש דער מזבח. (דאָרט)

מעג ער, הייסט עס, זיין שטיל, ווי אַ לאָם, און ער מעג זיך אויך באַגיין אָן דעם פּוץ פון אַ גריווע און אָן שטאַרקע ווערטער.

ער האָט אַ ספּעציעל ליד, וואָס ווייזט אונדז, אַז דאָס, וואָס זיין פּאָעזיע האָט „אַזאַ פּראָסט געזיכט" און „רעדט געוויינטלעכסטע רייד" (דאָרט), איז זיין פּאָעטישער קרעדאָ; דאָס ליד לייענט זיך אַזוי:

איך ווײס די גוטע אַלטע גבירה,
וואָס באָרגט־אויס פּערלקרענץ און גאָלד
און רויזנטוי און זונענשטראַלן, —
איך האָב די טובה נישט געוואָלט.

איך האָב מײַן שטוב־טיר אויפגעעפנט
אַמאָל אין אַ פּאַראומערט נאַכט
און האָב צום שוועל צוגעשלעפט
אַלץ, וואָס האָט זיך מיר געמאַכט:

אַ שטײַנדל, וואָס אַ קלײנער ייִנגל
געוואָרפן האָט אין מיר אַרײַן;
אַ זעמדל, וואָס דער ווינט געבראַכט האָט,
אַ ווײַטן שטערנס קאַרגן שײַן;

פון פוילן דאַך אַ רעגן־טראָפּן;
אַ רױשן פון אַ פרעמד יאַריד...
איך האָב דאָס אַלץ צונויפגעקנאָטן
און פון דערפון געמאַכט מײַן ליד. (ז' 142)

כ'ווײס נישט אַקוראַט, ווען ראָלניק האָט דאָס ליד געשריבן, צי נאָך דעם ווי די גרופּע „יונגע" האָט שוין אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן קעגן דער גוטער, אַלטער, סקאַרבאָווער פּאָעזיע, — אָט דער „גבירה, וואָס באָרגט־אויס פּערל־קרענץ און גאָלד און רויזנטוי און זונענשטראַלן", — אָדער פריער; איך ווײס אָבער, אַז קײנעם פון די נײַע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די ערשטע צען יאָר פון אונדזער יאָרהונדערט, איז די י ו ם ־ ט ו ב ד י ק ־ א ו י ס ג ע פּ ו צ ט ע פּאָעזיע נישט געווען אַזוי פרעמד, ווי ראָלניקן. אײניקע פון אָט די דיכטערס האָבן זיך געפּוצט אין וואָכעדיקײט; זײ האָבן „אויס־געטאָן" די „פּערלקרענץ" פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַזוי ווי ווען, אַז עס זאָל האָבן געווען עפּעס אַ מין עפנטלעכער קאָנקורס פון פּראָסטע, געוויינטלעכע, טאָג־טעגלעכע רייד. אָבער אויך יענע „יונגע", וואָס האָבן נישט געהאַט קײן „שולחן ערוך", האָבן אײַנגעזאַפּט אין זיך די לופט פון זײער נאָענטסטער לי־טעראַרישער סביבה. און אַפילו אין זײער אַ ל ײ ן ז ײ ן זענען זײ נישט געווען אַלײן. ראָלניק איז עס געווען באַלד נאָך די צוויי־דרײַ יאָר, ווען ער האָט געשריבן, ווי אַלע האָבן געשריבן, — האָט ער זיך אָפּגעזונדערט פון אַנ־דערע און איז געבליבן אין זײַן אײגענער וועלט, — אין דער וועלט פון זײַנע אײגענע, נישט צו־ברײטע, אָבער אָפט גאַנץ טיפע, טאָג־טעגלעכע דערפאַרונגען און פון זײער אײַנפאַכן, דירעקטן און נישט־פּרעטענציעזן פּאָעטישן אויסדרוק...

וועגן דעם אופן פון זיין פּאָעטישן שרייבן, אויב נישט אַלע מאָל וועגן זיין אינהאַלט, — האָט ער ריכטיק דערציילט:

שבת, יום-טוב און ראש-חודש —
מיינע יום-טובדיקע קליידער
הענגען נישט גענוצט, געטראָגן
אויף דער הינטערוואַנט אין חדר.

מיינע וואָכעדיקע זאַכן
גלוסט זיך מיר נישט איבערבייטן:
שבת, יום-טוב און ראש-חודש
קום איך קיין מאָל צווישן לייטן. (ז. 58)

די „איינענע בגדים", וואָס זענען פריער דערמאָנט געוואָרן, — זענען זיינע וואָכעדיקע בגדים. אָבער אויך אין זיי קומט ער זעלטן צווישן לייטן.

געזעלשאַפטלעכקייט (און אויך ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקייט) האָט ער דערקלערט פאַר יעדן איינעמס פּריוואַט-זאַך; פּאַרקערט, דעם אויסדרוק פון זיינע היימישע ריין-פּערזענלעכע איבערלעבונגען —זיין ליד— דווקא דאָס האָט ער אַרויסגעבראַכט און ברענגט-אַרוים פאַר דער עפנטלעכקייט.

דאָס ליד, — האָט ער אַזוי ווי געזאָגט צו דער וועלט, — דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג — און דאָס גיב איך דיר. און ער גיט, פילט ער, אַ סך. ער גיט זיין ליד, — און ער האַלט פון לידער אַן עולם-ומלואו. פון קיין אַנדער זאַך אין דער וועלט, אַ חוץ פון פּאָעזיע, האַלט ער אין דער אמתן נישט...

איך דאַרף נישט קיין גרויסע פּאַלאַצן,
פיר זוניקע טריט
אויפן ראָג פון צוויי רוישיקע גאַסן —
פאַר מיר און מיין ליד. (ז' 121)

ער און זיין ליד.

זיינע געלייטערטסטע לידער זענען נישט אומזיסט לידער — וועגן לידער. וואָס עלטער און געניטער ער ווערט, אַלץ מער אידענטיפיצירט ער זיך מיט זיין ליד. דאָס איז אפשר ריכטיק וועגן יעדן עכט-לירישן פּאָעט. וועגן ראַלניקן איז עס געוויס ריכטיק. ער אַליין זאָגט עס — זאָגט עס איין מאָל און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל. און כאָטש נישט אַלע מאָל דאַרף מען נעמען אַ פּאָעטס ווערטער כהויתן, — אין בוכשטעבלעכן זין; עס טרעפט, אַז דיכטערס חזרן עפּעס איבער אַ סך מאָל דווקא דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט זיכער, אַז

עס איז אַזוי. אָבער ראָלניק איז אויך אין דעם פאַל, ווי אין אַלע אַנדערע פאַלן, דירעקט, און אַז ער זאָגט עפּעס, זאָגט ער וואָס ער טראַכט און פילט, נישט וואָס ער וואָלט וועלן טראַכטן און איבערלעבן. ער טראַכט און פילט, אַז —

זון אין מערב זעצט זיך גיך.
וואָס דאַרף נאָך אַ מענטש ווי איך?
לידער, קליינע לידער.

גרויסע שטעט און גייע לענדער —
בין אַ דורכגייער, אַ פרעמדער.
נאָענט זענען לידער.

נישט פאַראַנען אויף דער ערד
נאָך אַ פרייד, ווי די, וואָס ווערט
אויפגעוועקט פון לידער.

נאָר איין וואונטש איז מיר געבליבן:
וואָלט אַ גאַנצע נאַכט געשריבן
נישט־געקליגלטע לידער...
(ז' 122)

דאָס איז אַ וואונטש וואָס ער האָט שוין לאַנג, זייער לאַנג. און אויך זיין כאַראַקטעריזירן זיינע לידער ווי „נישט־געקליגטע" און ווי „קליינע" לידער, איז קיין נייעס נישט. ער האָט תמיד ליב געהאַט צו ריידן וועגן זיך און זיין שאַפן אויף דער שפּראַך פון עניוות, — דער שפּראַך פון אמת־שטאָלצע מענטשן...

איך וויס, מיין תפילה איז צו קליינלעך
און מיין פאַרלאַנג פעלט פליגל־שוואונג;
פאַר דיר דאָך, האַר פון אַלע אוצרות,
האָט בלוי און גאָלד דעם זעלבן קלונג.

אין כאָר פון שרייענדיקע מאָנער
מיין קרעכץ נישט לאָז פאַרלוירן גיין;
אַן אויגנבליק, אַ קורצע רגע —
נאָר הער אויס, גאָט, דיין קנעכט אַליין.
(ז' 57)

ער האָט ליב צו ריידן צו גאָט, נישט צו מענטשן, און טאָמער ווענדט ער זיך אַמאָל צו זיינע מיטמענטשן, איז נישט צו אַ רבים, נאָר צו איינעם. און דאָס איז דער, וואָס הערט זיך־צו צו זיין ליד: דאָס איז זיין געזעלשאַפט. ער — און נאָך איינער אָדער איינע. קיין דריי קאָן ער

נישט ציילן, נאָר צוויי, כאָטש בעסער איז איינס, — און זיינע צוויי זענען, אין תוך גענומען, איינער — דאָס איז ער אַליין...

מיר זענען צוויי,
מיר דאַרפן מער נישט ווערן:
איך, — דער וואָס רעדט
און דער וואָס וועט דערהערן.

אויף גאָר דער וועלט
נאָר צוויי זענען פאַראַנען:
איך — דער, וואָס זאָגט,
און דער וואָס האָט פאַרשטאַנען.

און גאָר די וועלט —
זי מעג זיך איבערקערן,
נאָר פון די צוויי
זאָל נישט געמינערט ווערן. (ז' 144)

פון די צוויי טאָר נישט געמינערט ווערן, ווייל עס מוז זיין איינער, וואָס זאָל דערהערן דעם וואָס רעדט, — דעם פּאָעט. דער עיקר איז דער וואָס רעדט, — דער פּאָעט, און ער איז איינער, איינער אַליין.

ער איז איינער נישט נאָר אין דעם זין וואָס ער איז איינזאַם (יעדער פּאָעט, בפרט נאָך דער איך־פּאָעט, איז איינזאַם: „קיינער זעט נישט, קיינער שטערט נישט, גיי איך באַרוועס אום אויף שטיינער, מיינע פיס פאַרבינדט נישט קיינער — איינער בין איך, איינער, איינער", ז' 62). ראָלניק איז איינער נישט נאָר דערפאַר וואָס די וועלט קוקט זיך נישט אום אויף אים, — אויך דערפאַר איז ער איינער, וואָס ער צו איר איז גלייכגילטיק, אָדער גאָר פיינטלעך. ער האָט צו מענטשן נישט קיין צוטרוי, ער האָט פאַר זיי מורא, אַזוי ווי ווען זיי זאָלן זיין עפּעס אַ פיינטלעכער, אַ האַסנדיקער און אַ צעשטערנדיקער כוח („איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב; מען טאָר דערפון נישט ריידן; דערהערט דאָס ווער: אַ מענטש צי גאָט — מען וועט אונדז גלייך צעשיידן... איך האָב דיך ליב, דו האָסט מיך ליב, נאָר קיינער טאָר נישט וויסן; ווי שפּינוועבס אונדזער סוד, עס ווערט פון אַ ליאַדן רויך צעריסן"... (ז' 37). היט ער זיך פון דער וועלט, און אויב ער קאָן זי נישט אויסמיידן, האַלט ער זיך אין איר ווי אַ פרעמדער...

דאָס אַלץ (און נאָך זאַכן, וואָס מיר האָבן פאַר זיי נישט גענוג אָרט) דערציילט אונדז ראָלניק וועגן זיך אַליין אין זיינע „געקליבענע לידער" — אויף אַ דירעקטן אופן.

אומדירעקט דערוויסן מיר זיך פון זיין לידער־אָפּקלייב עפּעס, וואָס איז זייער וויכטיק נישט בלויז פאַר זיין פּאָעטישן איך, ווי עס האָט זיך אַנטפּלעקט שוין מער ווי מיט אַ פיר צענדליק יאָר צוריק, נאָר אויך פאַר דעם אופן ווי זיין שעפערישע פּערזענלעכקייט איז געוואַקסן — און אויסגעוואַקסן. מיר דערוויסן זיך עס סיי פון די לידער, וואָס ער האָט אָ פּ גע ק ל י ב ן (פון זייער צ אָ ל, נישט נאָר פון זייער קוואַליטעט), סיי פון די וואָס ער האָט פּ אַ ר־ ב ר אַ ק י ר ט, אָדער סתם אַזוי נישט אַריינגענומען אינעם סך־הכל פון זיין פּאָעטישן שאַפן. אַ סך פון זיי האָט ער מסתמא נישט איינגעשלאָסן אָדער דערפאַר, וואָס זיי זענען נישט מער ווי וואַריאַנטן פון מאָטיוון, וואָס ער האָט שוין איין מאָל אויסגעדריקט, אָדער דערפאַר וואָס זיי האָבן אים אויסגעזען צו זיין קינסטלעריש נישט גענוג ווערטפול, אָדער, פשוט, דערפאַר וואָס ער האָט נישט געהאַט גענוג אָרט (עס וואָלט געווען גוט, ווען אימעצער זאָל דורך אַן אינטערוויו מיטן חשובן יובילאַר, אָדער אויף אַן אַנדער אופן אויספאָרשן דעם ענין). מיין אַלגעמיינער איינדרוק פון ראָלניקס אייגענעם אָפּקלייבן און אויסשטעלן זיינע לידער איז, — אַזוי ווי ווען ער אַליין זאָל וועלן אקצענטירן צוויי גרונטשטריכן אין דעם פּראָצעס פון זיין פּאָעטישער אַנטוויקלונג, — איינעם אַ שטאַרק נעגאַטיוון און נאָך איינעם — אַ העכסט פּאָזיטיוון שטריך. דער ערשטער האָט צו טון מיט דער געזעלשאַפט, דערהויפּט דער גרויס־שטאָטישער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט. דער צווייטער — מיט דער נאַטור־סביבה, דער סביבה פון זיינע קינדער־יאָרן. פון דער ערשטער האָט ער וואָס ווייטער אַלץ מער זיך אָפּגעזונדערט, צו דער צווייטער האַלט ער זיך אין איין דערנענטערן.

די היינטיקע אורבאַניסטישע וועלט און זיין לעבן אין איר האָבן אים געמאַכט איינזאַם, עגאָצענטריש, שיער נישט מיזאַנטראָפּיש, און אָנגעפילט זיין ליריק מיט אומרו, מיט אומעט, מיט ביטערקייט. פאַרקערט, די נאַטור און די נאַטור־מענטשן, ד. ה., פריער ווי אַלץ די וועלט פון זיינע קינדער־יאָרן און זיין דערמאָנען זיך אָן איר און זיין פאַנטאַזירן וועגן איר, וועקן אין אים געפילן פון בענקעניש, פון ליבשאַפט, און רינגלען זיין פּאָעזיע אַרום מיט אַן אַטמאָספער פון רו, פרייד און אינעווייניקסטער באַפרידיקונג...

שוין לאַנג האָט ער אָנגעוויזן אויף אָט דער צווייאיקייט פון זיין אינעווייניקסטן לעבן:

אויף די ברייטע וועגן בלאָנקע איך און צווייפל,
צווישן רויש און רו — און קאָן זיך נישט אַנטשיידן.
דאָרט — דער זינגער טאָג און דאָ — דער טרוימער אָוונט.
שטיי איך אויפן וועג, געצויגן פון זייביידן.

— — — — — — — —

צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן גראָז און אַספּאַלט
טאַנצט אַרום מיין האַרץ, מיט ביידן זיי פאַרנומען.
צווישן דאָרף און שטאָט, אויפן ברייטן שליאַך-וועג,
ביי אַ גרויען פעלד-שטיין וועט מיין נאַכט אַנקומען. (ז׳ 12)

אָבער אַ סך פריער איידער זיין נאַכט איז אָנגעקומען, אין רעכטן מיטן טאָג פון זיין לויטער ווערן, פון זיין רייף ווערן, האָט ער אויפגעהערט זיך ארומצובלאָנקען צווישן רויש און רו, אויסקלייבנדיק רו, און זיין האַרץ האָט אויפגעהערט צו טאַנצן צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן גראָז און אַספּאַלט, פאַרזינקענדיק אין גאַנצן אינעם דאָרף-פּייזאַזש.

ער האָט לאַנג מתפלל געווען:

גיב ווידער דעם ריח פון דער ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן.

דאָס זיפצען פון זאַנגען וואָס ווערן געדראָשן —
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון. (ז׳ 107)

זיין תפילה איז דערהערט געוואָרן, גאָט האָט געהאָלפן — און די בעסטע, די וואַרעמסטע, די געלייטערטסטע און די אויסדרוקספולסטע פון זיינע „געקלי־בענע לידער" זענען די דאָרפישע.

זיי זענען דער אָנהייב און דער סוף פון זיין אָפּקלייב, זיי פאַרנעמען אין אים דעם גרעסטן אָרט, אפילו אַזאַ אָפּטייל ווי דער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ריווערסאיד דראַיוו" הייבט זיך אָן מיט אַ ליבגעזאַנג צום זונאויפגאַנג, מיט עפּעס גאָר נישט קיין ניו־יאָרקער ברכי נפשי, מיט איינעם פון אונד־זערע פּרעכטיקסטע נאַטור־הימנען, און לאָזט זיך אויס מיט... „מיינע גע־דאַנקען גייען אַהיים".

און נישט נאָר זייער צאָל, — מיט זייער וואָג און וואָגיקייט זענען די דאָזיקע לידער גורם, אַז אויף ראַלניקס וואָגשאָל פון רויש און רו, שטאָט און נאַטור, זאָלן די פּערזן פון רו און נאַטור איבערוועגן.

דאָס זענען פּערזן, וואו דער פּאָעט פאַרגעסט, אַז ער איז אַ יינער, אַ יינער. דאָס זענען לידער, וואו ער איז פון גאָטס וועלט מער נישט אָפּ־געזונדערט, מער נישט אָפּגעריסן, נאָר פאַרקערט, געקניפּט און געבונדן מיט איר...

דאָס זענען לידער, וואו ער דערציילט אונדז:

איך בין אָנגעקומען אויף אַן אַמאָליקן שטעג
אַן אַ זייט פון ברייטן וועג.
און כאָטש איך גיי אים איינער אַליין,
איז מיר נישט אומעטיק צו גיין.

עס גייען מיט מיר אין מיין זכרון
דער געלער ווייץ און ברוינער קאָרן,
וואויל-שמעקנדיקע קופּעס היי
און טרוילעך-וואַרעמער שניי. (ז׳ 155)

איז עס יוגנט־ראָמאַנטיק, פּאָעזיע פון זכרונות? דאָס אויך. אָבער ס׳איז מער ווי דאָס. ס׳איז דעם פּאָעטס אַרויסשלעפּן זיך אַליין פון דעם חושך, פון עלנטקייט און פאַרביטערונג. דאָס איז זיין אויפלייכטן, זיין תשובה־טון אויף זיין פירן ברוגז מיט גאָטס וועלט, זיין מאַכן שלום מיט איר, זיין שליסן מיט איר שותפות.

יוסף ראָלניק איז, ווי אַ פּאָעט, נישט געוואָרן ראָמאַנטיש. ער באַפּוצט נישט דיווירקלעכקייט, ניין, ער מאַכט זי נישט שענער ווי זי איז און אַוודאי איז ער, ווי אַלע מאָל, ווייט פון אויסטראַכטן זאַכן, אָדער חלומען אויפן וואָר. אָבער... ער איז געוואָרן ווי איינער וואָס האָט יאָרנלאַנג געלעבט אין עפּעס אַ פרעמדער, ווילדער, קאַלטער און גראָטעסקער סביבה. ער איז פול מיט דאָרשט נאָך עכטע און אייגענע זאַכן. ער זוכט די וואַרעמקייט פון אמתע רעאַליטעטן, ער חלשט נאָך דעם ריינעם אָטעם פון לעבן, נאָך זיינע נאַטירלעכע קאָלירן. באַזינגט ער זיי נישט; ער באַגנוגנט זיך מיט באַשרייבן זיי, מיט זען זייער פאַרב, מיט הערן זייער קלאַנג... דאָס אַליין באַפרידיקט אים...

ווייס איז די מילך אין פולן קאַן,
ווייס איז דעם פריצס ווינטער־געשפּאַן;
נאָך ווייסער פון מילך און ווייסער פון אַלץ
איז דעם ווייסן גאַנערס האַלדז.

רויט איז דאָס גליאיקע אייזן אין האַנט פון שמיד
און טיכלעך אויף קעפּ פון שיקסעס אויפן יאַריד;
רויט אויך דער זאַנג און די בליעכץ פון מאָן,
רויטער — דער קאַם פון שוואַרצן האָן. (ז׳ 245)

און אַזוי כסדר.

ער רופט אָן זאַכן מיט זייערע נעמען — און ער פילט, אַז זיי ווערן אַזוי לעבעדיק, אַזוי עכט, אַז ער קאָן זיך צו זיי צורירן, זיי רינגלען אים אַרום, און ער אָטעמט אין זיך איין זייער אָטעם. ער איז נישט מער אַליין, אין אַ ליידיקן

חלל, א וועלט איז ארום אים. א גאנצע וועלט, א וועלט פול מיט פארבן און מיט קלאנגען, און ער איז מיט איר איינס...

ער איז אוועק זוכן זיינע קינדער־יארן, זיין טאטנס ארעמע מיל, — און ער האט צוריק געפונען די וועלט — און ער, וואס איז געווען אזוי עלנט און אליין, האט איר אנגעטאן א קרוין אויפן קאפ...

את דאס דערציילט אונדז ראלניק שטומערהייט וועגן זיך אליין און דעם וועג פון זיין שאפן.

ד"ר א. מוקדוני

מיט זיך אליין

לידער, יוסף ראַלניק

עניוות און צניעות זענען נישט די מידות מיט וועלכע אונדזערע מאָדערנע דיכטונג איז געבענטשט.

גאַווהדיק, פאַררייסן, עזותדיק און פאַרשייט איז אונדזער דיכטונג.

גוטמוטיקייט און שטילקייט זענען אויך נישט די מידות מיט וועלכע אונדזער היינטיקע דיכטונג איז געבענטשט.

בייז, רעשיק און טומלדיק איז אונדזער דיכטונג.

און פון מעלאַנכאָליע, פון סאַמעט־ווייכער און גלעטנדיקער מעלאַנכאָליע ווייסט אויך נישט די היינטיקע דיכטונג.

איר מעלאַנכאָליע איז א קראַנקהאַפטיקע, א נאַגנדיקע, א צאַרנדיקע און א פינצטערע.

און פון זיסן, האַרציקן און ליבווייטיקדיקן טרויער ווייסט זי אויך נישט.

איר טרויער איז יאָמערדיק־שרייענדיק און קלאָג־מוטעריש וויינענדיק.

קאָן איך זיך נישט אָפּרייסן פון יוסף ראַלניקס בוך לידער.

איינער און איינזאַם איז ער אין אונדזער דיכטונג.

איינער, א שטילער אין טומל, איינער אַן עניוותדיקער און א צניעותדיקער, איינער אַן איינזאַמער.

מען דיכטעט איצט ביי אונדז מנינים־ווייז פון איין סידור, מען דיכטעט עדותווייז פון איין מחזור.

איין עדה דיכטעט לויטן נוסח אשכנז, אַן אַנדער עדה דיכטעט לויטן נוסח ספרד.

דאָ איז איינער, וואָס דיכטעט ביחידות. דאָ איז איינער א מתבודד; ער איז מיט זיך אַליין, ער דיכטעט מיט זיין אייגענעם נוסח.

דאָ האָט איר פאַר זיך אַ זעלטענעם ייִדישן מענטש; איר האָט פאַר זיך אַן איינזאַמען ייִדישן מענטש.

ייִדן ווייסן נישט פון איינזאַמקייט, ייִדן האָבן פיינט איינזאַמקייט, ייִדן אַנטלויפן פון איינזאַמקייט, ווי אַ שד פון ווייַרויך.

אַ ייִד ציבורט זיך שטענדיק, אַ ייִד קהלט זיך אייביק.

אַ ייִד איז כמעט קיין מאָל נישט מיט זיך אַליין, אַ ייִד איז זעלטן מיט זיך אויג אויף אויג.

ער לעבט, ער דענקט, ער פילט מיט קהל.

האָבן מיר געהאַט דעריבער נביאים מוכיחים, וואָס דער רוח־הקודש פלעגט אין זיי אויפפלאַמען אין מאַרק, אין די רוישנדיקע גאַסן וואו עס קומען זיך צונויף מאַסן מענטשן.

האָבן מיר מגידים, מוסר־זאָגער, וועלכע רעדן פאַר אַ גרויסן עולם; האָבן מיר פילפול־פלעכטער, פשטלעך־שניצער, וואָס ווייזן גייסטיקע קונצן אין טומל פון אַ מאַסע.

קיין זייטיקע, איינזאַמע מענטשן, קיין נזירים, וואָס חשבון־הנפשן זיך, וואָס קלערן פאַר זיך, רעדן מיט זיך, האָבן מיר נישט.

איז פאַר מיר י. ראַלניק אַ חידוש.

אַן איינזאַמער אין טומל, אַ מתבודד אין משוגענעם געפילדער.

און ער האָט ליב די איינזאַמקייט, ער האָט ליב די התבודדות.

ביי פרעמדע, ביי נישט־ייִדן איז די איינזאַמקייט די גרויסע און נויטעלי־קע מוטער צו וועלכע אַלע גרויסע, אומרואיקע גייסטער טוליען זיך צו.

אין דער איינזאַמקייט ראַטעווען זיי זייער „איך", וואָס ווערט אָפּגעריבן, וואָס ווערט צעבערעקלט און צעפליקט אין דער גרויסער שטויסעניש פון לעבן.

זיי אַנטלויפן פון דער מאַסע, ווייל די מאַסע באַגזלט זיי כסדר, ווייל די מאַסע נעמט ביי זיי צו זייער גאָלד און גיט זיי אָנשטאָט אים אירע שערבלעך, ווייל די מאַסע צווינגט זיי אַרויף און בינדט זיי אָן איר מגושמדיקן „איך", ווייל די מאַסע פאַרמאַסעוועט אַליץ, זי לאָזט נישט אויפקומען קיין אינדיווידואַליטעטן.

און דאָס גרעסטע, דאָס שענסטע איז באַשאַפן, איז דאָך סוף־כל־סוף באַ־שאַפן געוואָרן אין איינזאַמקייט און פון איינזאַמע.

גאָט האָט זיך באַוויזן צו משה־רבינו אין אַ מדבר.

יעקב האָט געחלומט זיין גרויסן חלום ערגעץ ווייט פון לבן'ען.

אַלע רעליגיעס, אַלע פילאָזאָפיעס זענען געשאַפן געוואָרן אין איינזאַמקייט.

פון דער איינזאַמקייט זענען זיי געקומען צו מענטשן ריינע, שיינע און לויטערע, און מיאוס צעקרימט און פאַרדאַרבן זענען זיי געוואָרן ערשט ווען די

מאַכן האָבן זיי אויפגענומען און איבערגעקנאַטן לויט זייערע השגות, לויט זייער גוסט.

מען דאַרף האָבן מוט צו זיין איינזאַם, מען דאַרף האָבן מוט צו זיין מיט זיך אַליין.

קאָן איך זיך נישט אָפּוואונדערן פון י. ראָלניקס שטילן מוט, פון זיין שטאָלצער באַשיידנקייט.

ער גיבורט זיך נישט מיט קנאַליקע פראַזן, ער בריהט זיך נישט מיט שטאַרקע ווערטער, ער שטורעמט נישט די וועלט מיט גראַמען.

אין אַ שטילן, איינזאַמען ווינקעלע זיצט אַ דיכטער און הערט זיך צו צו זיינע אייגענע לידער, צום געזאַנג פון זיין האַרץ.

שטיל איז זיין שמערץ, שטיל איז זיין פרייד. מילד איז זיין טרויער און פרום זענען זיינע פאַרלאַנגען.

עס איז נאָך פאַראַן איינזאַמקייט אויף דער וועלט, צו וועלכער מען קאָן זיך צוטוליען.

נאָך דאַנקען גאָט,
וואָס קיינער ווייס
אַוואו איך וואוין
און וואו איך וויין;
איך בין אַליין,
נאָך דאַנקען גאָט.
— — — — —
קום איך צוגיין
צו זיך אַליין
און וויין זיך אויס
אין קישנס שויס;
נאָך דאַנקען גאָט,
נאָך דאַנקען גאָט.

דאָס איז אפשר נישט זייער מאָנסבילִיש, דאָס איז אפשר ווייבעריש, דאָס איז אפשר נישט כוח־גברדיק, דאָס איז אָבער עכטע דיכטערישע אויפריכטיקייט.

סוף־כל־סוף איז דיכטונג די פולשטענדיקע אַנטפּלעקונג פון דער דיכטערישער פערזענלעכקייט.

דיכטונג איז בשום אופן נישט קיין מאַסקע אונטער וועלכער דער דיכטער באַהאַלט זיין אמתן פּנים.

דיכטונג איז ווידוי, השתפכות־הנפש.

מיר דאַכט זיך, אַז אונדזער מאָדערנע דיכטונג איז כולה פּאָזע, פאַרשטע־

לעניש און פארקליידונג; דער חלוש נעמט אָן די פּאָזע פון א גיבור, דער פּחדן פארשטעלט זיך פאר א וועלט־שטורעמער און דער צנוע זכרט זיך.

דיכטער רעדן נישט מיט זייער שטים, נישט מיט זייערע אייגענע ווערטער.

עס איז א מאסקאראד —

דער שטילער שרייט, דער שעמעוודיקער איז עזותדיק, דער מרה־שחורהניק לאכט, דער פריילעכער עצבותט זיך און דער באַלעבעסל רעוואָלטירט.

עס איז נישטאָ קיין מוט, עס פעלט דרייסטקייט צו באווייזן זיך פאר דער וועלט מיטן אייגענעם פּנים.

י. ראָלניק האָט דעם מוט, פאַרמאָגט די דרייסטקייט צו באווייזן זיך אין דעם טומלדיקן דיכטערישן מאסקאראַד מיט זיין אייגענעם פּנים.

און דאָס ביסעלע אייגנס, וואָס א דיכטער פאַרמאָגט איז דאָך דער עיקר. דאָס ווילן מיר זען אַנטפּלעקט, פון דעם ווילן מיר הערן.

דאָס ביסעלע אייגנס איז עכטע דיכטונג.

דאָס ביסעלע אייגנס זוכן מיר דאָך אין יעדער קינסטלערישער שאַפונג.

* * *

י. ראָלניק איז א זייטיקער.

דיכטער זענען אַלע מאָל זייטיקע.

איך האָב נישט צום סדר העולם
און טראָג קיין פּאַרדרוס נישט אויף גאָט. (ז' 62)

און דאָך איז ער א זייטיקער.

ער איז נישט קיין היימישער אין דעם סדר־העולם און איז נישט קיין קנעכט צום אַלמעכטיקן.

עס איז א צניעותדיקער סקעפּטיציזם.

סקעפּטיציזם גייט לייכט אריבער צו ציניזם. ביי י. ראָלניקן בלייבט דער סקעפּטיציזם פרום און ריין פון ציניזם.

און פרום איז דער סקעפּטיציזם, ווייל עס שפּיגלט קיין אַנדערן, נאָר זיך אַליין.

אָט שמייכלט ער ביטער און חוזקט פון זיך אַליין:

איך הענג א צעטל הינטן אָרויס:
אָ הארץ איז לײדיק צום אַריין ווער —
דער פּרייז פון וואוינונג איז נישט גרויס. (ז' 100)

אַן אַנדערער וואָלט דעם דאָזיקן צעטל אויפגעהאַנגען אויף די הערצער פון אַלע פרעמדע מענטשן.

אנדערע טוען דאָך אַזוי: זיי באַקלעפּן מענטשן מיט מיאוסע, שלעכטע צעטלעך...

י. ראָלניק איז נישט קיין נביא, וואָס שטייט און דונערט מיט שטראָף־רייד איבער די קעפּ פון אַנדערע.

י. ראָלניק איז אַ מוסרניק, וואָס שטראָפט זיך אַליין, וואָס איז כסדר מפשפש זיין אייגענעם „איך" און געפינט אין אים פּגימות, סרכאָס און זוכט פאַר זיי אַ תיקון.

און דער תיקון איז — הסתפּקות מיט קלייניקייטן:

מיין פאַרלאַנג און מיין באַגער
איז לויטער קלייניקייטן. (ז' 63)

און אויף די קלייניקייטן איז דאָס לעבן אויך קאַרג, אויך איינגעהאַלטן.

אויף די קלייניקייטן זענען דאָ בעלנים שטאַרקערע, עזותדיקערע, קריכע־רישערע און שרעקלעך גייציקע.

און דער באַגער נאָך קלייניקייטן איז נישט קיין פּשרה מיט די שטאַרקע, עס איז נישט דער צעבראָכענער ווילן, וואָס איז מסכים צו קלייבן ברעקלעך פון אַ רייכן טיש, ניין; דער גרעסטער באַגער האָט בעצם קליינע השגות.

דאָס זעט דער זייטיקער, דאָס זעט דער איינזאַמער.

אַלע גרויסע איינזאַמע זענען געקומען צום ביטערן הבל־הבלים.

י. ראָלניק קהלט זיך אָבער נישט: זיין פיינער הבל־הבלים־שמייכל איז נישט קיין פּועל־יוצא פון איבערגעזעטיקטקייט, נאָר די אויסשטראַלונג פון אַן עטישער ריינקייט, פון אַ טיפן חשבון־הנפש און פון עניוות, וואָס האָט זיך אַליין צוגעמשפּט קלייניקייטן, וואָס האָט זיך אַליין אויסגעטיילט אַ באַשיידע־נעם חלק אין לעבן.

* * *

לייען איך דאָס בוך לידער פון י. ראָלניק און איך זע דעם דיכטער. ער האָט זיך נישט באַהאַלטן הינטער זיינע לידער, ער האָט דווקא זיך דורך זיי אין גאַנצן אַנטפּלעקט.

און מיט דער גרעסטער נייגעריקייט באַטראַכט ער דעם דיכטער; ער איז נישט ווי אַלע, ער האָט אָפּגעהיט זיין אינדיווידואַליטעט, ער האָט זיין אייגנס נישט אויסגעביטן אויף גלאַנציקע פאַטשערקעס, ער האָט זיך נישט געלאָזן צעברעקלען, צעפּיצלען זיך, ער האָט זיך מיט קיינעם נישט אויסגעמישט, ער האָט געהאַט דעם כוח כסדר צו בלייבן מיט זיך אַליין.

דאָס איינציקע שטיקל מענטשלעך פאַרמעגן, דאָס שטיקעלע „איך", האָט ער געוואוסט אויסצוהיטן אין שטויסעניש און אין האוועניש פון לעבן.

ער האָט אָפּגעהיט דאָס וועלטל אין וועלכן זיין „איך" קאָן זיך אויסלעבן.

ער האָט זיך ארומגעצאַמט מיט איינזאַמקייט, מיט שטילקייט. ער האָט דאָס ליבע, שטילע שטעטעלע מיט זיך גענומען, און אין ניו־יאָרקער געפּילדער, אין שטויסעניש האָט ער עס אויסגעשטעלט ווי אַ סורה אין אַן איינזאַמען ווינקל.

לעבט ער מיטן מיל, מיט די „זאַווייעס", מיטן וועלדל, מיט די שטילע פרומע געסלעך, מיט סודותדיקער זומער־נאַכט און מיט אַלץ, וואָס איז היימיש און ליב פאַר זיין „איך".

און פון זיין איינזאַמקייט שטראַמט אַרויס אַ האַרציקע אינטימקייט צו מענטשן און צו דער וועלט.

פאַרשלאָסן אין איינזאַמקייט זעט מען די וועלט און די מענטשן עפּעס אין אַ שענערער ליכט.

זיי זענען ווייט, אָבער פיל נאָענטער ווי מען שטויסט זיך צווישן זיי מיט די עלנבויגנס.

אַ זייטיקער — זעט אויס די וועלט, כשרער, חנוודיקער און נאָענטער ווי ווען מען צאַפּלט זיך אין אירע נעצן...

אַ פרוש, האָבן זיך צו זיין צונג נישט צוגעקלעפּט די אַלע פאַרשטויבטע ווערטער, די אַלע האַרטע, שטעכעדיקע ווערטער מיט וועלכע מענטשן מקח־וממכרן אויפן מאַרק פון לעבן, מיט וועלכע מענטשן שטעכן, ממיתן און פאַרשאַפן יסורים איינע די אַנדערע.

זיין שפּראַך איז געבליבן פשוט, אָפן, האַרציק און ווייך. זי איז אויסגעוואַרעמט אין זיין אייגן האַרץ, זי איז דורכגעלייטערט דורך זיין „איך".

זי איז זיינע.

קיין געבאַרגטע און קיין געליענע ווערטער.

אין אַזאַ זול פון ווערטער האָט ער זיך שוין נישט געקוואַפּעט אויף „מציאות", אין אַזאַ געדרעטעניש פון ווערטער, האָט ער נישט געפּליקט פון פרעמדע גערטנער, אָדער ווי אַ קבצן פון פרעמדע פעלדער קיין לקט־ווערטער נישט געזאַמלט.

שטייט ער פאַר אייך אין זיין בוך לידער מיט צניעות־סקעפּטישן שמייכל און זאָגט אייך:

איך רעד פאַר זיך און מיט זיך, איך הער זיך אַליין צו צום געזאַנג פון מיין האַרצן.

נישט קיין נביא און נישט קיין מוכיח בין איך.

איך בין אַ מענטש, וואָס וויל זיך אַליין נישט אָפּנאַרן און אַ פשיטא שוין אַנדערע. איך בין אַ דיכטער, וואָס הייסט יוסף ראָלניק...

יוסף ראָלניק: „נייע לידער", ניו־יאָרק, 1935

ביכער און שרייבער

שטיל, צניעותדיק און עפּעס בסודי־סודות לאָזט יוסף ראָלניק אַרויס פון צייט צו צייט אַ ביכל לידער.

די לידער אַליין זענען אויך עפּעס שעמעוודיקע, עפּעס שטיל־מורמלענדיקע און עפּעס נישט דערזאָגטע, נישט אויסגערעדטע ביזן סוף.

זיי שטורעמען נישט די וועלט. יוסף ראָלניקס לידער, זיי פּאָכען נישט מיט קולאַקעס אויף קיינעם, זיי מאָנען נישט ביי קיינעם קיין חובות, זיי שילטן נישט קיינעם און בענטשן נישט קיינעם.

יוסף ראָלניק ווייזט אַליין אָן דעם חילוק צווישן אים און אַן אַנדער דיכ־טער, אין ליד:

דו שלעפּסט אַרום דיין ליד אויף ברייטע גאַסן,
איך טראָג אין זיך מיין אויסגעוויינטקט קינד,
ביי דיר איז זי צעבראַסטעט, אויסגעלאַסן,
איך האָב פאַרקנעפּלט ביז אַרויף די זינד.

ס'קאָן זיין, מירביידע קומען פון איין הימל,
נאָר ערד האָט גאָט צווישן אונדז צעטיילט:
דען מיך האָט וואַסער־ראָד געוויגט אין דרעמל,
פאַר דיר איז זונה־וועלט געלעגן בלוי צעקיילט.

און דאָס איז נישט קיין דיכטערישע מליצה, עס איז לויטער אמת. יוסף ראָלניק, זיצט אין דער גרעסטער שטאָט אין דער וועלט און בענקט נאָכן דאָרף, נאָכן אָרעמען דאָרף, ערגעץ אין אָרעמען ווייס־רוסלאַנד. ער בעט ביים רבונו־של־עולם:

גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואָרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן.

ער זיצט אין דער שטאָט פון בעטאָן און שטאָל און זעט די דאָרפישע שטילע נעכט. ער זיצט אין דער שטאָט וואו מען בויט אויס הימלקראַצערס, מיט אומהיימלעכער שנעלקייט און אים איז גאָר ליב די פרימיטיווע פאַמעלעכקייט, דער פרימיטיווער אידילישער אופן, ווי פויערים שלאָגן פאַליעס ווינטער אין טייך.

דאָס איז זיין ריטעם, זיין שטילער, מעדיטיווער און דרימלענדיקער ריטעם, אַזוי איז זיין ליד. זי טראָגט נישט קיין שטורעם אין אירע שורות, זי גאַלאָפירט נישט מיט אימפעט, זי איז שטיל־בענקענדיק, שטיל־מורמלענדיק, שטיל, אָן טומלדיקער באַריידעוודיקייט. אַ דינער אומעט שלענגלט זיך אין זיי און אַ שטיל־קלוגער קוהלתדיק שמייכעלע אויף די הבל־הבלימדיקייט פון דער רעשדיקער און קאָכיקער וועלט.

ער האָט פיינט די בריהשע וועלט מיט אירע וואונדערלעכע קונצן, עס איז נישט זיין וועלט, עס איז אַ פרעמדע, ווייטע וועלט און גאָר אַן אומבאַקאַנטע וועלט. אין זיין וועלט זענען דאָ קלוגע, גוטע און קאַפּריזנע בהמות מיט פולע אייטערס, אין זיין וועלט איז דאָ גרויסע פשטות, אין זיין וועלט איז אַלץ אָפן, ווי דאָס האַרץ פון אַ קינד, אין זיין וועלט איז דאָ אַ פשוטע און אַ גרויסע אָרדענונג.

צוזאַמען מיט די מענטשלעכע גרויסע געזינדער
פון ברידער און שוועסטער און שוועסטער־קינדער,
וואָס האָבן דריי הייזער פאַרפולט און באַלאַדט,
איז ביי אונדז געווען אַ בהמיש געזינד
פון לויטער ווייבער...

יוסף ראָלניק געדענקט גענוי ווי די פיר בהמות אין זיין פאַמיליע האָבן אויסגעזען, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער יעדע פון זיי האָט געהאַט און די שפע פון זייער מילך. זיי זענען אייגענע, נאָענטע באַשעפענישן, זיי געהערן צו דער פאַמיליע, זיי זענען צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער פאַמיליע און געוואָרן איין אויסגעמישטע פאַמיליע פון מענטשן און בהמות.

אין דאָרף איז יוסף ראָלניק דווקא אַ באַריידעוודיקער, אַפילו גוטן שפּאַס האָט ער ליב דאָרט צו מאַכן. אין דאָרף איז יוסף ראָלניק אין דער היים.

אין שטאָט איז ער אַ שווייגעוודיקער, אַ שטומער און אַ מעלאַנכאָלישער.

אין שטאָט קלערט ער וועגן טויט, אין שטאָט איז ער אַ פרעמדער; איר פאַרשטייט בשום אופן נישט ווי אַזוי איז דער דאָזיקער אמתער ישובניק אַריינגעפאַלן אין שטאָט. אָבער אַ ייד איז ער, און יידן וואַנדערן, זיי וואַנדערן פון פיצל שטעטל אין גרויסע שטעט, זיי וואַנדערן פון דערפער אין טומלדיקע

שטעט. האָט ער אויך געוואַנדערט און אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער, גרויסער שטאָט און געבליבן אַ ישובניק.

יוסף ראַלניק איז אַ גאַנצער מענטש. ער פאַרמאָגט אַליין אַ תהום פון פשטות און האָט ליב פשטות.

ער וויל שטאַרבן ווי זיין פאָטער. געזונט און אַרבעטנדיק איז געווען דער פאָטער זיינער, און אַ שעה פאַרן טויט איז ער געזעסן און געגעסן אַ הון־יויך מיט אַפּעטיט.

יוסף ראַלניק איז פון די מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט ברעכן און קנעטן, היינט אַ ישובניק און מאָרגן אַ גרויס־שטאָטישער, היינט אַ מילנער און מאָרגן אַ גרויס־שטאָטישער באָהעם, היינט אַ וואַלד־מענטש און מאָרגן אַ באַזינגער פון דעם אַספאַלט אין די גרויסע שטעט. ניין, ראַלניק איז איין מאָל באַשאַפן גע־וואָרן אויף גאָטס וועלט און נישט אַ טוץ מאָל...

אָבער אין דעם דאָזיקן ישובניק איז דאָ אַ מאָדנער כוח, אַ פשוטער און אַ בערישער, אָבער דער דאָזיקער ישובניק איז וואונדערלעך פיינפילנדיק, שאַרף באַאָבאַכטעריש, און ווי דער שטייגער פון אַ ישובניק, וויל ער איבערקלייגן די שטאָטישע...

איז דאָ פיינע קלוגקייט, שטילקייט, פיינפילנדיקייט און צירלעכע ריטמיש־קייט אין די לידער פון דעם פאַרעקשנטן ישובניק.

דאָס זענען ראַלניקישע לידער.

„מאָרגן זשורנאַל", דעם 26־טן אַפּריל 1935.

דער דיכטער מיטן אייביקן אדרעס

„אַ פענצטער צו דרום", פון יוסף ראָלניק, ניו־יאָרק.

י. ראָלניק איז אַ דיכטער, וואָס האָט אַ שטענדיקן אַדרעס, אַ שטענדיקע היים.

און מעג ער וואַנדערן, מעג ער וואָגלען איבער דער גרויסער וועלט, זיין אַדרעס בייט ער נישט. ער איז אומעטום אין דער פרעמד, וואו ער זאָל נישט זיין איז זיין היים דאָס שטיל, קליין דאָרף מיטן פרייען הימל איבער אים און מיט פרייע פעלדער און וועלדער אַרום אים.

י. ראָלניק איז דער איינגעוואָרצלטסטער יידישער דיכטער. ער האָט אַ היים, ער האָט אַן אַדרעס, אַן אייביקע היים, אַן אייביקן אַדרעס.

דלת אויף דלת איז זיין היים, אָבער ברייט און גרויס איז זי פאַר אים.

ער איז פון יענע באַשעפענישן, וואָס טראָגן זייער היים מיט זיך, זיי קאָנען אָן זייער היים זיך נישט רירן פון אָרט. אָן זייער היים וועלן זיי זיין שרעקלעך היימלאָז, שרעקלעך עלנט.

און די נאַטור האָט באַוואָרנט די דאָזיקע היימישע באַשעפענישן, זיי טראָגן זייער היים מיט זיך און אין זיך.

זיי האָבן איין אַדרעס זייער גאַנץ לעבן.

און איר וועט זיי שטענדיק געפינען אויף דעם אייביקן אַדרעס זייערן.

ער איז אויפגעוואַקסן אין שטילן דאָרף. זיין יוגנט, דעם שענסטן און וואונדערלעכסטן עלטער, האָט ער דאָרט פאַרבראַכט.

און ווען ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין דער וועלט אַריין, האָט ער מיטגענומען זיין דאָרף מיט זיך.

און ווען ער איז אַ דיכטער געוואָרן, האָט ער געזונגען פון זיין דאָרף.

און איצט אַ בן־שישים שוין, אַ תושב אין ניו־יאָרק פאַר צענדליקער און צענדליקער יאָרן, איז ער נאָך אַלץ אין דאָרף און זינגט נאָך אַלץ פון דעם דאָרף.

זיין נאָר־וואָס דערשינענע ביכעלע לידער, זענען לידער פון זיין אייביקער היים, פון זיין היימישער היים, וואָס ער טראָגט מיט זיך און אין זיך.

און זאָל מען עס נישט פאַרבייטן מיט זכרונות, אָדער מיט איבערקייען די געשמאַקע יוגנט דאָס גאַנצע לעבן.

ניין, דאָס האָט מיט זכרונות לחלוטין נישט צו טון, דאָס האָט מיט מעלה־גירהן די פאַרגאַנגענהייט נישט צו טון!

י. ראָלניק האָט פון אַלע היימען, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין לעבן, אויסגעוויילט די היים פון זיין יוגנט.

ער האָט זי אויסגעוויילט, ווייל זי איז אים נאָענטער, ליבער און היימי־שער פון אַלע היימען.

אומעטום איז ער אַ פאַרבייפאָרער, אומעטום איז ער ווי אין אַ האָטעל, וואו אַלע וועלן זיך אָט באַלד צעפאָרן, און נאָך זיי וועלן זיך צוזאַמענלויפן אַנ־דערע אויף אַ טאָג, אָדער צוויי.

י. ראָלניק איז ערלעך מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט אַרום אים.

ביי אונדז זענען דאָ אַ היפּש ביסל שריפטשטעלער, וואָס זייער אמתע היים איז דאָס קליינע שטעטעלע, אָדער דאָס פאַרוואָרפענע דאָרף, אָבער זיי שעמען זיך שריפטשטעלעריש אַרויסצוזאָגן עס אָפן, זיי שטעלן זיך אַרוים כסדר ווי גרויס־שטאָטישע און ווי גרויס־וועלטיקע שרייבער. אָבער אין דער גרויסער שטאָט און אין דער גרויסער וועלט זענען זיי אין עצם פרעמדע. אייגענע און היימישע זענען זיי אין זייער קליין שטעטל, אָדער אין דאָרף.

י. ראָלניק איז אויפריכטיק מיט זיך אַליין און מיט דער וועלט אַרום אים, דער עיקר מיט זיך אַליין ווי אַ דיכטער.

י. ראָלניק האָט ממש פיינט דעם געפילדער פון דער שטאָט. י. ראָלניק האָט נישט ליב די ענג־שטאָטישע גאַסן, ראָלניק האָט נישט ליב די הימלקראַ־צערס, וואָס פאַרשטעלן אים דעם הימל, די פרייע פעלדער און וועלדער.

ער האָט זיין דאָרפישקייט ליב. ער וועט זיין דאָרפישקייט נישט אויס־בייטן אויף דעם שטאָטישן געפילדער.

ער איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּרינציפּעלער דאָרף־מענטש.

און ער באַווייזט צו זיין אַ דאָרף־מענטש אין סאַמע מיטן פון ניו־יאָרק.

און דעריבער איז י. ראָלניק אַ גאַנצער מענטש און אַ גאַנצער דיכטער.

און דעריבער איז ראָלניק אַן אייגנאַרטיקער און ביז גאָר אַן אָריגינעלער דיכטער.

וואָרים אָריגינעל איז דער דיכטער ווען ער גייט אַליין זיין וועג, און דעם דיכטערס וועג איז כסדר דער זייטיקער וועג, דאָס יחידישע שטעגעלע.

און מיט רירנדיקער אָפנהאַרציקייט זאָגט עס אייך ראָלניק אין זיין מאָטאָ־ליד:

איך בין אָנגעקומען אויף אַן אַמאָליקן שטעג,
אַן אַ זייט פון ברייטן וועג;
און כאָטש איך גיי אים איינער אַליין —
איז מיר נישט אומעטיק צו גיין.

* * *

י. ראַלניקס לידער זענען שטילע. זיי זענען שטיל ווי די היים זיינע, ווי די פעלדער און וועלדער אַרום זיין היים.

עס איז דאָ אַ ליכטיקע באַשיידנקייט און אַ געזונטע פרומקייט אין זיינע לידער, אַט ווי באַשיידן און געזונט פרום עס איז זיין היים, וואָס ער טראָגט מיט זיך וואַנדערנדיק איבער דער וועלט.

י. ראַלניק איז נישט בארייִדעוודיק, י. ראַלניק איז נישט קנאַליק, י. ראַלניק איז נישט טומלדיק, אָבער פאַר זיין היים האָט ער גענוג ווערטער, גענוג פשוטע אָבער געלייטערטע ווערטער.

י. ראַלניק איז נישט שטום, ווי קאַלעגע ש. ניגער וויל האָבן. ניין, ראַלניק איז דער פיינפילנדיקער דיכטער, וואָס וועט קיין מאָל נישט דערלאָזן די קלענסטע דיסהאַרמאָניע צווישן וואָרט און אינהאַלט.

שטיל און זייטיק איז י. ראַלניקס וועג, און דעריבער איז שטיל און אַפילו זייטיק זיין לשון.

און דאָ ליגט דער אמתער רייץ פון י. ראַלניקן ווי אַ דיכטער.

דאָ האָט איר נישט פאַר זיך אַ שטאָטישן פלאַפלער, וואָס האָט זיך צעזונגען וועגן דאָרף, וואָס ער האָט געזען אין חלום.

דאָ האָט איר דעם דאָרף־מענטש, וואָס זינגט וועגן דאָרף דאָרפיש, אָן קנאַליקע מליצות, אָן איבער־ראַפינירטער שפּראַכלעכקייט און אָן פאַבריקמאַכערישער עלעגאַנץ.

קאַלעגע ש. ניגער האָט בפירוש געמאַכט אַ טעות. ער האָט אָנגענומען אמתע, אָבער געמאַסטענע און האַרמאָניזירטע מיטן אינהאַלט בארייִדעוודיקייט פאַר שטומקייט.

עס איז דאָ פשטות אין י. ראַלניקס ליד, און אָט די פשטות איז האַרמאָניש מיט דער פשוטער וועלט וואָס ער באַזינגט.

ווען איך לייען י. ראַלניקס לידער, פיל איך, אַז מיר זענען ערגעץ איינגעוואָרצלט, אַז מיר קאָנען זיך איינוואָרצלען טיף און ברייט, אַז מיר, היימלאָזע, האָבן דווקא ליב אַ היים און מיר קאָנען זי טראָגן אין זיך אייביק.

אמת, אונדזער דיכטונג איז בכלל היימלאָז; אמת, מיר האָבן דיכטער, וואָס פילן זיך ווי אין דער היים דווקא אין היימלאָזיקייט. אָבער ראַלניק איז טיפּישער; יידן פאַרגעסן נישט אַ היים; אַלע פעלקער האָבן געביטן זייערע

היימען און באַלד פאַרגעסן זייער נעכטיקע היים, ביי אונדז איז ארץ־ישראל אַ יידיש לאַנד און אַ יידיש היים נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות.

* * *

י. ראָלניק, דער דאָרף־מענטש, חכמהט זיך נישט. ער האָט עס פיינט. עס איז צו שטאָטיש, אָבער עס איז דאָ חכמה אין זיינע לידער, שטילע קערנדיקע חכמה.

זי איז נישט בליציק, זי איז אָבער וואָגיק.

ער זעט די וועלט, ער פילט זי און האָט זיין שטילע, קלוגע באַציאונג צו איר.

צו דער גרויסער, טומלדיקער און גרילצנדיקער וועלט האָט ער די פיינט־לעך־ביטולדיקע באַציאונג פון דעם דאָרף־מענטש. ער זעט דאָ בלויז אומגליק־לעכן פלאָנטער און תוהו־ובוהו.

בענקעניש נאָך דעם קליינעם, שטילינקן און אָרעמענקן יידישן שטעטעלע איז קיין נייעס נישט אין אונדזער ליטעראַטור, סיי אין פּראָזע און סיי אין דיכ־טונג. אָבער ביי י. ראָלניקן איז עס נישט סתם אַ בענקעניש, ער איז אין דער גרויסער שטאָט אַ געפאַנגענער און אין די אַמאָליקע שטילע יידישע נעסטן איז ער אַ פרייער, דאָ איז זיין שורש, זיין גייסטיקער און פיזישער שורש.

איר זעט עס באַשיינפּערלעך אין זיינע לידער, אין דעם ביכל וואָס ליגט איצט פאַר מיר.

דאָ האָט איר שטילע, קלאָרע פּייזאַזשן אַרום דאָרף. זיי זענען געמאָלן אָן סענטימענטאַליטעט און נאָגנדיקע בענקעניש; פּשוטע, געזונטע ליבע שטראָמט אַרויס פון זיי.

און דער דאָרף איז נאָענט צום שטעטל. דאָרף און שטעטל זענען געווען צוויי ברידער. האָט איר דאָ בילדער פון שטעטל, בילדער פון הייזער, פון מענטשן און פון גאַסן.

די מענטשן זענען אויס טשיקאַווע און פרעמד, אָבער דעם דיכטער זענען זיי אַזוי נאָענט, אַזוי ווי ער וואָלט נאָך געלעבט צווישן זיי; אַזוי ווי ער וואָלט געווען איינער פון די בחורים, וואָס גנבענען זיך אריין צום האַרבאַטן אַדוואָקאַט פּרייטיק־צו־נאַכט אָפּטון אַן עבירה, רויכערן אַ ציגאַרעטל; אַזוי ווי ער וואָלט איצט געפירט אַ ליבע מיט לאה שוואַרץ, וואָס איז גאָר רויט און „שפּאַצירט מיט בחורים גאַנצע נעכט"; אַזוי ווי ער וואָלט אַט־איצט געלאָפן פון חדר אויפן בייזן וואָונדער — קוקן ווי מען פאַרבט דעם גבירס הויז אין שטעטל.

און אַט איז די סטאַנציע, אויף וועלכער עס שטעלן זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע לויפנדיקע און האַווענדיקע באַנען.

און ער גייט צוזאַמען מיט די בחורים און מיידלעך „די באַן באַגעגענען און באַגלייטן".

דער יידישער דאָרף־מענטש איז דאָך אַ האַלבער שטאָט־מענטש. דאָס שטעטל איז דאָס אָרט פון וואַנען ער שעפּט זיין גייסטיקע יניקה. דאָרט איז דער רב, די בתי־מדרשים, און דאָרט איז די באַן...

יעדע קלייניקייט איז אים נאָענט און דעריבער ליב און פאַרשטענדלעך. אַפילו דער שיווער הונט, אַפילו די קרעניצע (דער קוואַל), די איידימס אויף קעסט, די ישיבה־בחורים און די ענטלעך.

עס איז אַ גרויסע וועלט אָט די קליינינקע וועלט. זי האָט אַזוי פיל קאָלירן, אַזוי פיל פאַרשידנאַרטיקייטן און אַזוי פיל איבעררעשונגען.

און קיין סימן פון שטאָטישער בענקעניש נאָך אַ נאַטור־לעבן; י. ראַלניק איז גיש קיין שטאָטישער, און קיינער בענקט נישט נאָך דעם וואָס ער האָט, נאָר דעם וואָס איז זיינס.

י. ראַלניק איז דאָ פאַר אונדז מיט זיין וועלט, מיט זיין היים און מיט זיין אייביקן דיכטערישן אַדרעס.

און אָט דער דאָרף־מענטש גיט אָפט אַ בליץ מיט וואונדערלעך־ראַפינירטער דינקייט פון געפיל. אָט, למשל, האָט איר אַ ליד, וואָס הייסט „דאָס קלייד":

זי איז אַפּגעפאָרן און אויף דער וואַנט
אין צימער, וואו זי האָט דריי נעכט געשלאָפן,
ווי ערשט אַראָפּגעגליטשט זיך פון דער האַנט,
געבליבן הענגען איז איר ראָק האַלב אָפן.

און צו דעם קלייד נאָכגיביקן און שטומען,
ווען קיינער איז געווען אַ חוץ אונדז ביידן,
אין לערן־צימער פלעג איך קומען
זיך אויסטענהן און ריידן.

און ווען אַן אַלטער גוי האָט מיר געבראַכט
אַ בריוו, אַז מאָרגן קומט זי אָן,
האָב איך, אַן אויסגעליטענער, געטראַכט:
וואָס האָט ביי אונדז אַן אַנדער פרוי צו טון?

דאָ האָט איר ווי דער דאָרף־מענטש קאָן זיין גרויסשטאָטיש...

* * *

צו זיין 60־יאָריקן יובילייִ האָט אונדז יוסף ראָלניק צוגעטראָגן זיין שטי־לע, צניעותדיקע מתנה, — אַ ביכל לידער זיינע.

אַלע מאָל איז אַ ביכל לידער זיינס פאַר אונדז אַ שיינע און ליבע מתנה, איצט איז זי אונדז נאָך ליבער און טייערער.

לאָמיר ווינטשן דעם שטילסטן דיכטער אונדזערן נאָך לאַנגע יאָרן פון שאַפן.

דריי שטילע יובילארן

יוסף ראָלניק

ער איז דער שטילסטער פון אַלע יידישע דיכטער.

ער איז נישט קהלס זינגער, ער איז זיין אייגענער זינגער, און ער זינגט פאַר זיך אַליין און עפּעס בלחשדיק זינגט ער.

קהל קאָן נישט באַשטעלן ביי אים קיין ליד. ער קהלט זיך נישט, ער האָט מיט קהל כמעט קיין שום מגע־ומשא נישט.

ער לעבט אין אַמעריקע און זינגט וועגן דעם וויים־רוסישן דאָרף און שטעטל.

ער איז פון די טשיקאַווע באַשעפענישן, וואָס זייער היים איז אַ טייל פון זייער גוף. זיי גייען, זיי פאָרן מיט זייער היים אין זיך און אויף זיך.

און זיי גייען קיין מאָל נישט אַרוים פון זייער היים, אפילו אויף אַ רגע נישט.

און ער רעדט שטיל, בלחשדיק, ווי ער זינגט.

ער זיצט אין דער זעצעריי פון „טאָג", צווישן הייסן בליי און מאַשינען־קלאַפּעריי; ער איז אַ קאָרעקטאָר, און ער געהערט צו די חברים זעצערס, ער איז אין זייער יוניאָן; די ברידער־זעצער האָבן באַשטימט, אַז דער קאָרעקטאָר איז זייער ברודער און געהערט צו זייער יוניאָן.

ער זינגט וועגן זיין פּשוטער היים מיט געשמאַקער פּשטות.

נישטאָ קיין רמז אויף פּאָזע, אויף אָנשטעל און פאַרשטעלעניש אין זיינע לידער.

און דיכטער, דאַרפט איר וויסן, זענען גאָר גרויסע פּאָזע־מאַכערס. איט־לעכס ליד, יעדע שורה און יעדער גראַם איז אַ באַזונדערע פּאָזע, אַ באַזונדער אָנשטעל און אַ פאַרשטעלעניש.

און מערקווירדיק: דער מענטש פון קליינעם יידישן שטעטל און פון דאָרף איז ווייניק יידיש אין זיינע לידער. ער איז דער טיפּישער ישובניק אין אונדזער דיכטונג.

פּרץ הירשביין איז אויך אין תוך אַ ישובניק, אָבער ער פאַרגעסט דעם דאָרף זיינעם און שפּילט דעם גרויס־שטאָטישן מענטש און שרייבער.

און דאָס איז זיין שוואַכקייט, זיין טעות.

יוסף ראָלניק איז געבליבן אַ ישובניק.

און ווען איך זע אים אין ניו־יאָרק, דאַכט זיך מיר, אַז ער איז געקומען פון דעם ווייס־רוסישן דאָרף אין דעם טומלדיקן ניו־יאָרק בלויז אויף ימים־נוראים.

און ער איז אַ פרעמדער אין שטאָט; ער איז נישט סובל דעם טומל, דעם געפּילדער, די שטויסעניש און האַוועניש. ער וואָלט שוין געוואָלט אוועק צו־ריק אין זיין שטילער, רואיקער היים.

ער וואָלט וועלן וואָס גיכער אַנטלויפן פון דעם גרילצנדיקן שטאָטישן רשות־הרבים אין דעם שטילן רשות־היחיד פון ישובניק.

ער איז נישט ברוגז מיט דער גרויסער וועלט, ניין, עס איז פּשוט נישט זיין וועלט. מען קאָן בלויז מיינען, אַז ער איז ברוגז, אָבער ער איז בלויז היימיש אין זיין יחידישער וועלט.

ער שילט נישט די שטאָט, ניין, פאַרוואָס זאָל ער זי שילטן, ער האָט מיט איר קיין קאָנפליקטן נישט, ער האָט נישט קיין טענות און תביעות צו איר.

זיי זענען בלויז פרעמד און ווייט איינער פון דעם אַנדערן.

און ווייל ער איז אין דער דיכטונג בלויז דאָס וואָס ער איז, האָט ער קיין מאָל נישט פּרובירט צו זיין אַן אַנדערער אין זיין לעבן, אין זיין פּערזענלעכן לעבן אין פולער האַרמאָניע מיט זיין ליד.

נישטאָ די מינדסטע סתירה צווישן דעם דיכטער יוסף ראָלניק און דעם מענטש יוסף ראָלניק.

און דאָס איז דאָך אַזוי זעלטן צווישן דיכטער.

דאָס ליד איז געוויינלעך אין כסדרדיקער סתירה מיטן מענטשן ביי די מיינסטע דיכטער.

ביי אונדז פּראַוועט מען עניוות, מען שפּילט דעם עניו, אָבער יעדער דיכ־טער איז אַ מוראדיקער בעל־גאווה.

די עניוות גופא איז אין עצם אַ שטיק גראָבע גאווה; אין דער עניוות ווערט אָפן און נאַקעט געזאָגט: איך לאָז זיך אַראָפּ צום מענטשן פון גאַס...

פון דער דאָזיקער עניוותדיקער גאווה, די סאַמע גראָבסטע גאווה, אגב, ווייסט ראָלניק נישט, אָבער עס איז יאָ דאָ שטאָלץ אין אים.

און שטאָלץ טאָר נישט פאַרביטן ווערן מיט גאווה.

עס איז דאָ שטאָלץ אין אַ מענטשן צו וועלן דווקא זיין דאָס, וואָס ער איז, אין אַ וועלט וואָס פאַרלייקנט אויף טריט און שריט זיך אַליין.

אין דער דיכטונג, ווי אין אַלץ אין אונדזער טומלדיקער וועלט, זענען דאָ מאָדעס נייע און נייעסטע, און עס איז זעלטן דאָ אַ דיכטער, וואָס קוואַפּעט זיך נישט אויף דער נייעסטער דיכטערישער מאָדע, ווי אַ פרוי קוואַפּעט זיך אויף דער סאַמע לעצטער מאָדע אין קליידער, היטעלעך און שיך. ראָלניק איז נישט נאָכגעלאָפן דער מאָדע, קיין מאָל נישט נאָכגעלאָפן.

און מאָדע איז דאָך אַ מין פאַרשטעלעניש, אַ מין פאַרקליידעניש אין פרעמדע קליידער.

מען האָט נאָך ביי אונדז אַן אָנגענומענע מיינונג, אַז ראָלניק איז עפּעס אַ שטיקל מיזאַנטראָפּ, אַ צעקריגטער מיט דער וועלט און מיט מענטשן.

דאָס איז אבסאָלוט נישט ריכטיק.

עס זענען דאָ פרייד און ליבע אין ראָלניקס לידער, אפשר מער ווי אין די לידער פון די סאַמע פאַרליבטסטע דיכטער אין דער וועלט און אין פאָלק ישראל.

און קיין ספּעציעלע איינזאַמקייט איז נישטאָ אין זיינע לידער, עס איז דאָ יחידישקייט, און י. ראָלניק וואַכט איבער דער דאָזיקער יחידישקייט, ווייל יאָס איז זיין דיכטערישער איך, דאָס איז זיין דיכטערישער צויבער און אַזוי איז דער מענטש יוסף ראָלניק.

מענטש און דיכטער זענען אין פולער האַרמאָניע.

סתירות צעריסן נישט די האַרמאָניעס און אמביציעס צעפרעסן זיי נישט.

האָבן מיר בסדר פאַר זיך אַ גאַנצן דיכטער און אַ גאַנצן מענטשן.

י. ראַלניק — דער זיבעציקער

„געקליבענע לידער", פון יוסף ראַלניק, איקוף־פאַרלאַג, 1948.

מיר האָבן צוויי ישובניקעס, צוויי דאָרפישע מילנער, אין אונדזער ליטעראַטור.

יוסף ראַלניק און פּרץ הירשביין.

פּרץ הירשביין איז געוואָרן אויסערלעך א וועלט־מענטש, א רייזנדער איבער מדינות און א גרויס־שטאָטישער אין זיין באַנעמען, אָבער אין תוך, אין זיין ליטעראַרישן שאַפן איז ער געבליבן א ישובניק, דער דאָרף, דער מיל און דער מנין דאָרפישע יידן דאָס איז זיין ליטעראַרישע וועלט. ער האָט פּרובירט ווערן א שטאָטישער שרייבער, אָבער אָן א דערפאָלג.

י. ראַלניק איז געבליבן א ישובניק, אַזוי צו זאָגן, פּרינציפּיעל, ער איז נישט פאַרזונקלעך און נישט ליטעראַריש אַרוים פון דאָרף.

ער טראָגט טיף אין האַרצן דעם דאָרפישן ביטול און די דאָרפישע פיינט־שאַפט צו דער שטאָט.

שטאָט און דאָרף האָבן קיין מאָל נישט געלעבט בשלום; דער דאָרף האָט נישט קיין צוטרוי און קיין ליבע צו דער שטאָט, די שטאָט זעט נישט דעם דאָרף, דער דאָרף איז צו קליין, צו בעריש פאַר איר.

י. ראַלניק לעבט שוין היפּשע עטלעכע צענדליק יאָר אין שטאָט, אָבער ער איז נאָך אַלץ דאָרפיש פרעמד, דאָרפיש אומצוטרויאיש צו דער שטאָט און דאָרפיש ברוגז אויף דער שטאָט.

און צו זיבעציק יאָר איז ער אַזוי דאָרפיש ווי ער איז געווען מיט זעכציק יאָר צוריק.

ער האָט אפילו פון דער גרויסער שטאָט, אין וועלכער ער לעבט צענד־ליקער יאָרן, געמאַכט א דערפל, ער האָט זיך אין שטאָט זיין דערפל, זיין מנין יידן, זיין קליין וועלטל.

און ווען איר זעט אים אין גאַס צווישן די הויכע, גרויסע מויערן זעט איר

באַשיינפּערלעך אַ דאָרפישן מענטש, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דאָרף אַריין, ווייל אַנטלויפן פון דער טומלדיקער זונה, פון דער שטאָט, צוריק אין דער שטילקייט און ריינקייט פון דאָרף.

י. ראָלניק איז איצט אַ בן־שבעים, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ בוך מיט גע־קליבענע לידער, הויבט זיך אָן דאָס בוך מיט דאָרפישע לידער און ענדיקט זיך מיט דאָרפישע לידער.

און עס שמעקט מיט פרישן היי, מיט ריינעם, בלאַנקענדיקן שניי און מיט פריש געמאָלטן מעל פון זיינע לידער איצט, ווי מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

ער איז דאָרפיש איינזאַם ווי געווען מיט יאָרן צוריק, אָבער ער האָט ליב די דאָזיקע איינזאַמקייט, דאָס דאָזיקע זיין מיט זיך אַליין און באַטראַכטן די רחבות פון דער וועלט אָן הימלקראַצערס, וואָס פאַרשטעלן די הימלען און די זון, אָן די האַרטע מויערן, וואָס דערשטיקן מיט גוואַלדיקער גרויזאַמקייט איט־לעכעס גרין גרעזל, וואָס וואָגט אַרויסצורוקן זיין שפּיציק קעפּל.

און עס איז די דאָרפישע ריינקייט, די דאָרפישע פשטות און די דאָרפישע קלוגקייט אין זיין ליד.

קלוגקייט, אָבער נישט געקליגלקייט, חכמה, אָבער נישט חכמהנען זיך, ריינקייט, אָבער נישט אויסגעפּוצטקייט און נישט פראַנטישקייט זענען דאָ אין זיינע לידער.

עס איז דאָ פשטות, אָבער, חלילה, נישט קיין גראָבקייט אין זיינע לידער, איר וועט מיט ליכט נישט געפינען אַ גראָב שטאָטיש וואָרט, אַ לעסטערנדיק וואָרט, אַ שטאָטיש פעפערדיק וואָרט און אַ גאַליק שטאָטיש וואָרט אין זיינע לידער.

אָפענע פשטות און געזונטע ערלעכקייט זענען דאָ אין זיין ליד.

ער באַהאַלט זיך נישט הינטער ווערטער, ניין, פונקט פאַרקערט — ווער־טער עפענען זיין האַרץ און זיין געמיט פאַר אייך.

* * *

ער איז ווי דער דאָרפישער מענטש אַ גרויסער שווייגער.

זיין ליד איז אַ שווייגנדיק ליד.

קאַרג אויף ווערטער, קאַרג אויף מליצה, קאַרג אויף קלוגינקע ווערטלעך, קאַרג אויף טומלדיקער פרייד, און קאַרג אויף טרערן אין זיין ליד.

נישטאָ קיין טרער אין זיין ליד.

ער פּיעשטשעט זיך נישט אין זיין ליד, ער מאַכט נישט קיין חנדלעך אין זיין ליד, ער שטורעמט נישט די וועלט מיט זיין ליד.

דאָס אַלץ איז שטאָטיש, און וואָס שטאָטיש איז פאַלש, געקינסטלט און פאָזע־מאַכעריי.

ער ווייסט נישט פון דער אקטיאָרישער קונסט, וואָס קייען פרעמדע ווער־טער מיט אַזאַ גוואַלדיקן פּאַטאָס און מיט אַזאַ ברען, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געריסן פון זיין זודיק און קאָכיק האַרץ.

נישטאָ קיין באַריידעוודיקייט אין זיין ליד.

נישטאָ קיין צעצויגנקייט.

און נישטאָ קיין הויך קול אין זיין ליד.

דאָס סאַמע מערקווירדיקע איז דאָס, וואָס אַפילו אונדזערע גרעסטע און שווערסטע איבערלעבונגען פאַר די לעצטע יאָרן האָבן נישט אַרויסגערופן ביי אים קיין הויך קול און קיין געוויין.

און עס איז דאָך גאָר קיין ספק נישט, אַז ער האָט איבערגעלעבט, ווי מיר אַלע און אפשר שטאַרקער, אי אונדזער גרויסן צער און אי אונדזער גרויסע פרייד.

וואָרן יידיש איז דער דיכטער־ישובניק, דורכוים יידיש, אָבער זיין יידיש־קייט איז אַזוי פּשוט און אַזוי שטיל, ווי אַלץ איז פּשוט און שטיל אין אים.

און ווער ווייסט — אפשר האָט ער גאָר נישט געקאָנט אַוועקזעצן זיך און זוכן גראַמען און ריטעם פאַר אונדזער גרויסן צער און פאַר אונדזער גרויסער פרייד.

יאָ, ראַלניק איז אַ דיכטער אַ שווייגער.

איר פילט דאָס שווייגן אין זיין ליד.

אָט האָט איר עס ביי אים אין אַ קורץ ליד פון אַכט שורות:

דאָס לעצטע ליד וואָס האָט צענומען\
מיין גאַנצן גוף ליגט אויף מיין גומען\
ווי לעצטע טראָפּנס פון אַ בעכער וויין.\
ס'איז גוט פון ווערטער שיכור זיין.

און וואָס איך האָב אין זיך געטראָגן\
און מיטן מויל געמיידט צו זאָגן\
און ס'איז אין האַלדז געבליבן שטיין —\
וועט אפשר דורך דעם ליד דערגיין.

און אָט האָט איר נאָך אַ ליד:

און איך האָב פאַרקנעפּלט ביז אַרויף די זונד.\
איך טראָג אין זיך מיין אויסגעווייטיקט קינד;\
דו שלעפּסט דיין ליד אַרום אויף ברייטע גאַסן,\
ביי דיר איז זי צעבראַסטעט, אויסגעלאַסן,

— — — — — — — — —

אַנטקעגן דיר, דעם ברויזיקן, בין איך אַ לאַם אַ שטילע;
כ'האָב נישט דיין גריווע־פוץ און נישט דיין ווערטער־כוח; —
דאָך ווערט דער לאַם דערמאָנט אין חומש'ס ערטער פילע
און מיט איר בלוט געהייליקט איז אין מקדש דער מזבח.

און אָט האָט איר שטילקייט און באַשיידנקייט אין אַ פּשוט ליד:

איר זייט מיר ליב, מיין דאָרף און מיין מיל,
נישט ווייל איר זייט שיין,
נאָר ווייל איר זייט קליין
און איך קאָן אייך דורכגיין מיט דראָבנע טריט.

איר זייט מיר ליב, מיין מיל און מיין דאָרף,
נישט ווייל איר זייט רייך,
נאָר ווייל אָרעם מיט מיר גלייך;
און ווי מיין געמיט.

פאַרלאָרן און שטיל;
ווי זיין עס באַדאַרף
אַ פאַרלאָזענער דאָרף
און אַ צעבראָכענע מיל.

נישט איך וואַרף זיך מיט אייך,
נישט איר שעמט זיך מיט מיר.
איך שטיי צו צו אייך
ווי אַ שלאָס צו אַ טיר.

* * *

אין די דאָזיקע ציטירטע פערזן האָט איר כמעט יוסף ראָלניקס דיכטערישן זעלבסט־פּאָרטרעט.

ער איז נישט קיין שטורעמער, נישט קיין וועלט־איבערקערער און ער שטויסט זיך נישט אויף די טומלדיקע וועגן פון לעבן.

עפּעס האָט ער זיין סטעזשקע אין לעבן. זי איז שמאָל און אין אַ זייט איז זי, אָבער עס איז זיין סטעזשקע, זיין שמאָלע, זיין זייטיקע סטעזשקע.

און איר וועט אים נישט אַראָפּשלאָגן פון זיין סטעזשקע, פאַר קיין פאַל נישט, אָט אַזוי ווי איר קאָנט אים נישט אויסוואָרצלען פון זיין דאָרף, און אַזוי קאָנט איר אים נישט אָפּפרעמדן פון זיין מיל.

און אַזוי געהעריק שטיל אויף זיין שמאָל, שמאָל סטעזשקעלע, איז ער אַריין אין דער יידישער דיכטונג און פאַרנעמט אין איר אַן אָנגעזען אָרט.

עס איז נישט קיין כלל, אַז אומעטום זענען נויטיק עלנבויגנס אַריינצו־שטופּן זיך און העזה אַריינצורייסן זיך.

ניין, מען קאָן אויסקומען אָן זיי ווען, פאַרשטייט זיך, עס איז דאָ דער עיקר — טאַלאַנט.

און ער האָט זיך שטיל אַריינגעפּאַסט אין דעם אָרקעסטער פון אונדזער דיכטונג. ער טראָגט־צו זיין גוטן צושטייער און מען קאָן זיך אָן אים שוין נישט באַגיין. די טרומייטן און פּויקן האָבן אים נישט פאַרטומלט.

און זיין פּראָפעסיע איז נישט שרייבעריי, עפּעס אין אַ זייט פון שרייבעריי. ער האָט דאָ אויך אויסגעמיטן דעם דרך־המלך, דעם טומלדיקן וועג, וואו אַלע שטויסן זיך און פּילדערן; ער איז יאָרן און יאָרן געווען אַ קאָרעקטאָר, אַן אַרבעט וואָס איז צווישן שרייבעריי און זעצעריי. ער איז געזעסן יאָרן און יאָרן און געיאָגט גרייזן ווי בייזע רוחות פון אַ יידישער צייטונג.

און אונטער דעם בריאָזג פון לינאָטיפּן און אין דער היץ פון זודיקן, שי־טערן בליי איז ער געזעסן שטיל און זיך געראַנגלט מיט דער פּעסט פון גרייזן.

און אויב דער וועלט איז באַשערט אַ ביסל טומל, איז אים צום האַרצן דער פּראָסטער, נאַטירלעכער טומל פון אַ יאַריד.

אין איינעם פון די לענגסטע לידער אין בוך באַזינגט ער דעם פּרימיטיוון מקח־וממכר יום־טוב, דעם יאַריד.

דער דאָרף קומט אין שטאָט אַריין קויפן און פאַרקויפן. דאָרף און שטעטל מישן זיך. דער דאָרף שטעלט־אויס זיינע סחורות: צייטיקע בהמות, פערד, תבואה, פלאַקס, זוימען, חזיר־האָר, האָניק און וואַקס.

און וועמען האָט מען דאָרט נישט געטראָפן —
יידן פון שטעט און פּריצים פון הויפן;
די גאַנצע וועלט איז אָנגעלאָפן,
געקומען קויפן און פאַרקויפן...

נישט דורך אַפּיסעס, וואָס ווייסן נישט ווי אַ בהמה, אַ פערד זעט אויס, קויפט איין יעדער דאָס וואָס ער האָט נויטיק, נאָר אויפן גאַס, אָפן, און יעדער קען זיין סחורה, סיי דער קויפער און סיי דער פאַרקויפער...

עס איז אַ געשמאַקער, געזונטער טומל, דער טומל פון אַ יאַריד. כשרער מענטשלעכער האָב־און־גוטס ווערט געקויפט און פאַרקויפט.

* * *

ער האָט אין שטאָט מער יאָרן פאַרבראַכט ווי אין דאָרף, אָבער די שטאָט איז אים געבליבן פרעמד.

ער האָט דעם אומצוטרוי פון דעם פויער צו דער שטאָט: די שטאָט איז אַ ממזר, אַ נישט־געזעצלעך קינד פון דער וועלט. די שטאָט האָט נישט קיין טאַטן און קיין מאַמען.

און אַזוי איז ער געוואָרן אַ זיבעציקער און געבליבן אין דער גרעסטער שטאָט אויף דער וועלט אַ דאָרפישער. ער האָט אין שטאָט באַוויזן אַרומצורינגלען זיך מיט דאָרפישער שטילקייט.

אַפילו זיין זיבעציק־יאָריקער יובילֵיי איז אַריבער שטיל. קיינער האָט נישט געפּויקט, קיינער האָט מיט טאַצן נישט געקלאַפּט.

אַ שטילער דיכטער, אַ דאָרפישער דיכטער איז געוואָרן שטיל זיבעציק יאָר.

און אין זיין לעצט בוך לידער גיט ער אונדז אַן עצה טובה:

לערן זיך פון דער לבנה
גיין דורך גאַסן שטילערהייט,
זאָל מען דיינע טריט נישט הערן,
נישט פאַרנעמען דיינע רייד.

לאָמיר אים ווינטשן, אַז די שטילקייט אַרום אים זאָל אים נישט פאַרשטערט ווערן.

„דער מאָרגן״, דעם 8־טן אויגוסט 1948.

ב. ריווקין (אבא ליליען)

אינקאָגניטאָ

ראַלניק איז פונקט דער היפוך דערפון, וואָס אונדזערע מבינים, קריטיקער און צאָלער פאַר פּאָעזיע פאָדערן פון אַ פּאָעט.

ער גיט זיי נישט קיין קלינגענדיקע גראַמאַטיק, אָן אויסגעזוונגענעם פּולן זאַץ, וואָס ענטפערט אויף אַלע פראַגן: ווער? וואָס? ווי? און ווען?

ער גיט זיין נישט קיין דערערדטע ביזן סוף כוונות, אויסגעזאָגטע סודות, געטראָפענע רעטענישן — אַט דעם גאַנצן געשמאַקלאָזן שמוק, וואָס צירט זייערע געלעגנהייטס־אַרטיקלען און קריטיקן.

ער שנירלט פאַר זיי נישט צונויף פּעק פון בראַזגענדיקע מעשענע רעמלעך פון אַלטע אָפּגענוצטע בילדלעך, וואָס זיי, דורך אַ קאָמישן מיספאַרשטענדעניש, רופן עס אַ בילדעררייכע שפּראַך.

ראַלניק איז פיל מער פּאָעט, וויפל דער באַגריף פון די חכמים קאָן עס פאַרטראָגן:

ער גיט זיין אייגענע מעלאָדיע.
ער גיט צו שמעקן זיין נשמה,
ער גיט צו פאַרזוכן דעם טעם־ראַלניק.

ער גיט דאָס געערדטע — נישט־דערערדטע, געזאָגטע — נישט־דערזאָגטע, דעם אָפענעם און קיין מאָל נישט געטראָפענעם רעטעניש, — דער ריח פון פערזענלעכקייט, — וואָס האָט דאָס צו טון מיט דער אָפּגעריבענער קופּערנער מטבע, וואָס איז געוואָרן קלאַסיש אין אונדזער פּאָעזיע?

אַך, וואָס זיי רופן פּאָעזיע!
אַ געשריי!

דער געשריי, וואָס ענטפערט דעם געשריי פון דער גאַס, און דער, וואָס שרייט אַריבער די גאַס, איז אַ גיבור צווישן די פּאָעטן.

אָבער ווייִ איז צו דעם פּאָעט, וואָס דאַרף היטן די געלעגנהייט, וואָס די

גאַס וועט אים ברענגען, וועלכע זאָל אויפכאַפּן זיין קול און צוטראָגן פון אויער צו אויער.

אָט ראַלניק איז דער אמתער גיבור. ער לאָזט זיין שטילסטן געזאַנג צווישן טומל און געפילדער. וואָרום עס פאָדערט זיך עכטע גבורה צו דער־האַלטן — גאַנץ צאַרטע טענער אין ווילדן כאַאָס פון גאַסן־קולות.

אָבער אויערן, וואָס זענען געוואוינט צו גרילצעריי, פאַרנעמען זיי נישט און רופן זיי שוואַכע טענער.

און די מיט אַ קורצער ריאה, דערקענען נישט וואָס פאַר אַן עושר ראַלניק איז.

זייערע פּאָעטן, ווען זיי ווילן אויסזען רייך, וואַרטן זיי אָפּ די גרויסע גע־לעגנהייט, אום אויסצופּוצן זיך יום־טובדיק — צו שיינען און צו בלישטשען.

ראַלניקס אַפילו וואָכעדיקער אָנטאָן ווערט דורכגעבליצט און דורכגעפינקלט יעדע רגע פון באַהאַלטענע דימענטן; עס שלאָגט פון זיינע בגדים אָפּ אַ שיין פון הייליקייט, — אַ קוראַט ווי זיי וואָלטן ערגעץ־וואו, אין אַ קעמערל אין קדשי־קדשים, — זיך אָנגעזויגן מיט שמעקעוודיקער שכינה.

און ער איז זיכער, אַז אין דעם אָרעמען בגד, וואָס ער האָט „פאַר הויז און שיל און פאַרן וועג" וועט ער אריין אין „הימלס קעניגרייך".

דאָס קעניגרייך קומט דעם קעניג.

אָט דער קבצן־פּאָעט, ווי מענטשעלעך מיט בלינדע אויגן זעען אים — איז אַ פאַרשטעלטער קעניג — נישט ער האָט זיך פאַר אַ קעניג פאַרשטעלט, נאָר אַ קעניג האָט זיך פאַר אים פאַרשטעלט:

יעדן טאָג אַ שעה פאַראָן:
טו איך אויס די קעניג-קליידער,
נעם אין האַנט דעם וואַנדער-שטעקן
און פאַרלאָז מיין ענגן חדר.

און ער בלאָנדזשעט אינקאָגניטאָ, אַ נישט־דערקענטער.

דאָס קעניג־באַוואוסטזיין איז מיט אים. ער האָט לענדער, וואַסאַלן. אַ האַלבע וועלט געהערט צו אים — די האַלבע וועלט איז זיין אייגענע, און כאָטש דער ניכטערער ראַלניק לאַכט און שפּעט איבער זיך און שיקט זיין קאַ־מער־דינער דאָס קעצל אָנ.אָגן דעם פאַלק, אַז דער קעניג הונגערט, כאָטש ער, צוזאַמען מיט זיין קעניג פערדינאַנד, וועלכער שיקט פונאַנדער אַרמייען און פּלאַטן מיטן פינגער איבער דער וואַנט, זענען קאַנדידאַטן פאַרן משוגעים־הויז, דאָך, קעניג איז ער. קוקט נישט וואָס ער האָט נישט וואו אַ שטונדע צו פאַר־ווילן, וואָס ער שלעפּט זיך איינזאַם צו־פוס און אָפּגעריסן.

קעניג איז ער, ווייל ער האָט דערהאַלטן גאַנץ דאָס קעניגרייך, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן.

יעדער ווערט געבוירן מיט זיין קעניגרייך, אָבער ער ווערט אים אין גיכן אָן; ער ווייעט אים אויס מיטן ווינט, מיטן געפילדער; זיין געמיט גיסט זיך צונויף מיט דער לופט פון דער גאַס. ער לעבט נישט מיט אייגענער וואָרעמקייט און אייגענער באַלייכטונג.

אונדזערע מערסטע פּאָעטן האָבן קיין קעניגרייך נישט; זיי רעדן פון מיטן גאַס, פון אַ זאַל, פול געפּאַקט מיט עולם, מיט דעם צונג פון דעם עולם; זיי לעבן ווי אַלע — אויף קהלשע וואָרעמקייט און קהלשער באַלייכטונג.

ראָלניק לעבט אָן אַ זייט, אין זיין אייגן קעניגרייך, אין זיין חדר, אין זיין אייגן ווינקל, און אַלץ וואָס ער זעט, זעט ער באַזונדערס פון אָן אַ זייט. ער זעט די וועלט פון זיין אייגן ווינקל. און אויף אַלץ וואָס ער זעט, פאַלט אַ שטראַל פון זיין, ראָלניקס, ליכט און וואָרעמקייט, און ווען ער וויל אונדז וואָס ווייזן, נאַרט ער אונדז מיט שטראַלן צו זיך אין חדר אַריין.

און די שטראַלן דאַרפן מיר שעצן הויך און טייער, זיי באַרייכערן אונדז די וועלט. זיי צינדן פלעמלעך דאָרט, וואו אוצרות זענען פאַרבאָרגן, כדי מיר זאָלן זיי וואָס גיכער אויסגעפינען.

* * *

צווישן די וויניקע עלטערע יידישע פּאָעטן, וואָס פאַרמאָגן זייער אייגן קעניגרייך, איז א. רייזען. דערפאַר זאָגט רייזען אויף ראָלניקן, אַז ראָלניק איז זיין תלמיד.

אפשר קאָן מען עס אַזוי זאָגן. אָבער דער אונטערשייד צווישן זיי איז דער, וואָס צווישן אַ גוטן רבין און אַ גוטן תלמיד. דער רבי איז קלאַסיש און דער תלמיד איז אינדיווידועל.

דער לערער אין קלאַס דאַרף געבן זיינע שילער מוסטערן, און די פּעאיקע שילער לערנען זיך אָפּ פון די מוסטערן און שאַפן זייערע אייגענע ווערק.

רייזען, ווען ער האָט געשאַפן אַ ליד, האָט ער נישט נאָר געדאַרפט אַריינגעבן אין ליד זיין נשמה, נאָר ער האָט אויך געדאַרפט געבן אַ ביישפּיל פאַר יידן. אָט דאָס הייסט אַ ליד ביי גויים. ער האָט געדאַרפט זיין, אי אינעווייניק אי דרויסן פון זיין ליד. ווי אַן אַרכיטעקט, וואָס בויט אַ הויז, דאַרף נישט נאָר אַריינגעבן זיין אייגן טאָן און פאַסאַד, נאָר דאַרף זיך נאָך באַנוצן מיט חכמה און מיט אַן אויסגערעכנטן פּלאַן — די פענצטער און די טירן זאָלן האָבן די ריכטיקע מאָס און פאַרנעמען דעם ריכטיקן פּלאַץ.

ראָלניק איז אַלע מאָל אינעווייניק פון זיין ליד. ער בויט אַמאָל אויך בלינדע קאַמערן, פאַרגעסט צו מאַכן פענצטער און לאָזט קוים אָפן אַ טירל.

לאָמיר זאָגן, אַז דער הויפּט־טאָן, וואָס קלינגט אַריבער אַלע טענער, איז ביי רייזענען און ראַלניקן כמעט דער זעלביקער — די אומעטיקע בענקשאַפט. די ערשטע אומעט־מעלאָדיע האָט זיך ביי רייזענען אויסגעזונגען אין אַ רעגנדיקן הערבסט, און ביי ראַלניקן אין אַ פראָסטיקן ווינטער. זייט דאַן הילכט דער עכאָ פון דער דאָזיקער מעלאָדיע דורך אַלע זייערע לידער — ביי רייזענען אין דער באַגלייטונג פון פאַלנדיקן רעגן, ביי ראַלניקן — פון סקריפּענדיקן שניי.

רייזענס הערבסט איז אָבער געוואָרן דער קלאַסישער הערבסט, וועלכן מען זעט דורך טויזנט מענטשישע... יידישע אויגן, און אַזוי איז אויך זיין אומעט. ראַלניק זעט נישט דעם ווינטער מיט טויזנט אויגן, נאָר מיט אויגן פון איין מענטש, וואָס זיצט אין אַ שטיבל הינטער דער שטאָט, — אַ פאַרשאָטענע מיט שניי, — און קוקט פון פענצטערל אַרויס: פאַר אים שטרעקט זיך אַ בלענדנ־דיקער ווייסער פעלד, אַ לאַנגער, לאַנגער שליאַך שלענגלט זיך ווי אַ רויך, און פּלוצלינג האָט אַ שוואַרצער פלעק זיך אָפּגעטיילט פון דער בלענדנדיקער ווייס־קייט און פאַרשוואונדן אין דער הויך — אַ ראָב איז אַוועקגעפלויגן. אַ שוואַר־צער פלעק אויף בלענדנדיקן ווייס. — ראַלניק זעט אַן איינציקע, אָפּגעזונדערטע זאַך, ווי זיין גאַנצער געמיט איז איינציק און אָפּגעזונדערט.

אַקוראַט ווי די אין שניי באַגראָבענע הייזל, מיטן קליינעם פענצטערל, דורך וועלכן זיין בליק ווערט צוגעצויגן צו אַ פּונקט אויף אַ מהלך — וואָלט פאַר־בליבן זיין היים אויף שטענדיק. דאָרט טרוימט ער זיין קעניגרייך בייטאָג, און ביינאַכט לאָזן זיך אַראָפּ צו זיין צוקאָפּנס מלאָכים און העלפן אים טרוימען, און אויך די מיידלעך, מיט וועלכע ער וואַרפט זיך איבער קוים אַ פאָר ווערטער בייטאָג, קומען צו אים, אַ שלעפערדיקן, וואַכן איבער זיין געלעגער און דער־ציילן זיך אַן וואונדערלעכע מעשיות וועגן אים.

די שוועל פון זיין הייזל טרעט ער זעלטן ווען אַריבער.

איך ווייס נישט, צי ער האָט אויף זיינע רייזעס איבער דער וועלט מיט־גענומען די הייזל זיינע, אָבער די טיר האָט ער געוויס מיטגענומען. זי שטייט צווישן אים און דער וועלט. אַז ער וויל, קאָן ער איר עפענען, אויפשליסן. אָבער ער טוט עס נישט גערן. ער בלייבט ליבערשט הינטער אַ פאַרשלאָסענער טיר און לאָזט קיינעם נישט אַריין, אַפילו זיינע געליבטע אויך נישט. ער לאָזט זיי שטיין ביי דער טיר. ווען ער קלייבט זיך איבער אין אַ נייע דירה, איז די ערשטע זאַך וואָס זיי זעען — זיין נייע טיר. און ווען ער אַליין גייט צו זיי צו באַזוך, דערגייט ער נאָר ביז צו דער טיר. פון דער שוועל קוקט ער ווי זיין געליבטע האָט חתונה מיט אַן אַנדערן. ער וואָגט נישט צו עפענען אַ פרעמדע טיר, אוים מורא עס זאָל אים שפּעטער נישט אויסקומען צו עפענען זיין טיר פאַר פרעמדע. „פרעמדע קליאַמקעס", ווען ער רירט זיי אָן, שטויסן אים אָפּ

מיט זייער קעלט. ער וועט בעסער דריי מאָל פאַרבייגיין פאַרביי זיין געליב־טערם הויז, וויסנדיק אַז זי פאַרט אַוועק, כדי שפּעטער צו קומען און אנידער־שטעלן זיך ביי דער טיר און געפינען דעם צימער אַ ליידיקן.

אַז ער קומט צו גאָט, בלייבט ער אויך שטיין ביים שוועל, און דאַכט זיך, אַז ער לאָזט אים אויך נישט איבער זיין שוועל אַריבער. ער וויל אַליין זיין אין זיין קעניגרייך — ער וויל פאַרבלייבן אינקאָגניטאָ, אַ נישט־דערקענטער, פאַרשטעלטער קעניג.

יוסף ראַלניק — אַ פּאָעט און זעלבסט־הײלער

מען דאַרף פאַרמאָגן עפּעס פון ראַלניקס קונסט פון קנאַפּקייט, וואָס מען פאַרהעברעאישט עס אין צימצום — כדי צו קאָנען אַרײַנכאַפּן אין אַ קלײן אַרטיקעלע אַלע זײַנע גאַנגען און איבערגאַנגען. אַז ראַלניק איז אַ בעל־צימצום, וואָס קאָן אײַנרעמלען אין אַ קלײן לידעלע זײַן גאַנץ לעבן, דערויף וועלן אַלע מסכים זײַן. דאָס זענען די אַלע פאַררינגלטע קאַפּיטעלעך, וואָס מיר געדענקען אויף אויסנווייניק, אָנהייבנדיק פון —

איך האָב נישט צום סדר העולם
און טראָג קיין פאַרדראָס נישט אויף גאָט —
אַמאָל, אין אַ שעה פון אומווילן —
פאַרוואָס ער באַשאַפן מיך האָט.

אָנגעהויבן ווי אַלע דאָ, — די יונגע און ערב יונגע, — פון שפּילן דעם אָרעמאַן, מיט רייזען, ניקיטין, קאַלצאָוו, קאָזלאָוו און אַמאָל אויך אַ שטיקעלע הײַנע פאַר מוסטערן. ביי מאַני־לייבן האָט עס אָנגעהאַלטן ביז 1907; ביי ראַלניקן האָט עס זיך פאַרצויגן ביז 1910.

נאָר ראַלניקן דאַרף מען צופיל נישט זוכן ביי רייזענען. דעם אמתן ראַלניק דאַרף מען גאָר אפשר זוכן אין שכנות פון זײַן צווייטן לאַנדסמאַן, הירשביין. מיט הירשביינען פאַרקרובעט אים, וואָס ביידע, זין פון ישובניקעס־מילנער, האָבן אַ וואונדערלעכן געהער: זיי הערן זיך אײַן וואָס עס פּאַסירט פון רגע צו רגע מיט דער מיל, מיטן טייך, מיטן בוים, מיט דער בהמה, מיטן פעלד און מיט דער נאַכט. אדרבא, לייענט הירשביינס „קינדער־יאָרן״! אַזוי האָט ראַלניק זיך אײַנגעהערט אין זײַן דאָרף זשוכאָוויץ, און הערט נישט אויף זיך אײַנצוהערן.

דאַכט זיך, ווי ער אַליין עדותט, אַן אָרעמע מדינה: „ליטע, מײַן שטויבי־קע וויגל; ליטע, מײַן אָרעמע לאַנד, שיטערע, נאַקעטע וועלדלעך, — פעלדער, פאַרטראָגן מיט זאַמד״. אָבער ווי רײַך ער האָט זי געמאַכט מיט זײַנע באַ־שרײַבונגען! ער האָט נאָך נישט אויסגעשעפּט אירע זאַמדן! ער האָט זיך נאָך נישט אָנגעזעטיקט מיט איר הונגער! צו וואָס טוט ער עס? לויט דעם

פשוטן געזעץ, אַז וואָס מער מען ציט אַרויס פון זיך די איינגעבאַרענע עסענץ, אַלץ געזינטער. פּאָעזיע איז די קונסט פון זעלבסט־היילונג.

האָט ער מערערע, לכל־הפחות דריי, צוגאַנגען צו ליטע: באַשרייבונגען, קאָנדענסירטע פאַרפאַסונגען, ליד־קאָמפּאָזיציעס אויף ליטע. זיי זענען פּער־מאַנענטע רפואות! און מער פון אַלץ האָט ער פאַרשטעלעניש אויף זיך דעם ישובניק; אַ פאַרשטעלעניש פאַר אַ פּאָעט איז דאָס זעלבע, וואָס פאַר דעם פיזיקער דער אינסטרומענט אויף אַנצוקוקן אַן אַטאָם. האָט ער זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ פּויער, פאַר דוד־המלך דעם תהילים־זאָגער. דאָס איז אים געווען לייכט. אַ ישובניק איז אַ תהילים־זאָגער. די שטילע אונטערטעניקייט פון זיינע גאָט־לידער איז נישט מער ווי אַ פאַרשטעלעניש אויף דער ענווות פון דעם עניו אין תהילים. און אַ פאַרשטעלעניש אויף שלמה־המלך, דער מאַן פון קהלת און טויזנט ווייבער. האָט ראָלניק נישט קיין טויזנט ווייבער, האָט ער זיך צוגעטראַכט טויזנט ליבעס, כדי צו קאָנען שרייבן אַן אייגענעם קהלת. און אַ פאַרשטעלעניש אויף אַ תנא, וואָס זאָגט משלים. אָבער דאָס זענען נישט קיין משלים, נאָר לידער אָנגעזאַפּטע מיט לעבנס־חכמה, וואָס מיר אַלע קענען זיי אויף אויסנווייניק. און אַ פאַרשטעלעניש אויף אַ קעניג, וואָס וואַנדלט אינקאָגניטאָ. אָפּט מאָל דאַכט זיך אים, אַז ער איז אַ גילגול פון עמיצן, וואָס האָט שוין אַמאָל געלעבט. און זיין ליבסטע פאַרשטעלעניש — אויף דעם פּער־סישן פּאָעט האַפיז, דורך וועלכן ער נעמט נקמה אין זאַטן בעל־הבית און אין דעם קריטיקער־פּעדאַנט און מוסר־זאָגער. דער עניו ראָלניק איז גאָר אַ גדלן! ווער קאָן זיך גלייכן צו אַ פּאָעט! פון לידער האַלט ער אַ וועלט: „זיסער פון די זיסטע סמען זענען זינגענדיקע גראַמען".

דורך די אַלע פאַרשטעלענישן האָט זיין פּען זיך אויסגעלערנט אַרויסצר־ציען דעם מינדסטן אַטאָם־שפּליטער פון זיין וועזן. זיין ליד פון אַרום מיל איז אַלץ רייכער, אָנגעפּראָפּטער געוואָרן מיט שפּירונגען. ביז ער האָט זיך שוין געקאָנט פאַרגינען אַוועקצוואַרפן אַלע פאַרשטעלענישן און אין גאַנצן זיך פאַרלאָזן אויפן שפּיץ פון זיין פּען. זיין ליד איז אין די לעצטע פאַר יאָר גע־וואָרן אַן „עקזאַקטע וויסנשאַפט" פון הוילע שפּירונגען פון זיין דאָרפישער קינדהייט. אוודאי טוט אַזאַ ליד אים גוט — עס היילט און דאָקטערט אים. ער האָט דורך ליד וויפל מאָל דאָס לעבן זיך געראַטעוועט. אָבער, דאַכט זיך, ער האַלט איצט ביי אַ נייעם איבערגאַנג. ער פאַרמעסט זיך אויף אַ נייער פאַרמעסטונג, כדי אַרויסצוקריגן פון זיך זיין סאַמע ערשטן בלוט־טראָפּן. אפשר וואָלט ער איצט ביי זיין נייער פאַרשטעלעניש זיך אָנגעטאָן ווי אַ בגד אויף דעם יידן בכלל, וואָס גראָד איצט דאַרף ער זיך מיטן לעבן ראַטעווען? וואָרום עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער אַליין, ווי ער איז, איז אַ גילגול פון דעם יידן.

„טאָג", אָקטאָבער 1941

לידער מיקראָסקאָפּן

יוסף ראָלניקס נייע לידער־זאַמלונג „אַ פענצטער צו דרום״, עפנט זיך מיט אַ מאָטאָ־ליד „ווי שטילער וואַסער״, וואָס די ערשטע העלפטן פון די דריי סטראָפעס פון ליד לייענען זיך: — „איך בין אָנגעקומען אויף אַן אַמאָליקן שטעג, אַן אַ זייט פון ברייטן וועג — עס גייען מיט מיר אין מיין זכרון דער געלער ווייץ און ברוינער קאָרן — מיט ברייטן וועג גייען מלחמה־לייט, איך גיי אָבער פון דער זייט...״ — דאָס איז אַ מאָטאָ, וואָס ער האָט צוגעוואָרפן די קריטיקער, זיי זאָלן האָבן אַן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. און זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט. זיי האָבן אָפּגעפרישט, וואָס עס איז שוין לאַנג באַוואוסט געווען — אַז ראָלניק איז נישט קיין מלחמה־מענטש, נאָר אַ שטילער מענטש; ער איז אָנגעקומען פון דער מיל און איצט גייט ער צוריק צו דער מיל. וועמען פון זיי עס געפעלט ראָלניקס שטילער גאַנג — אַז מער פאַרלאַנגט מען פון אים גאָרנישט; — און וועמען דאָס געפעלט נישט אַזוי: — ווי מעג מען דאָס אַזוי שטיל זיין אין אַזאַ שרייענדיקער צייט?

אָבער ראָלניק פאַר זיך אַליין האָט גאָר אַן אַנדער דערקלערונג, פאַרוואָס ער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין טאַטנס מיל. נישט ווייל ער איז אַ שטילער מענטש און עס ציט אים צו שטילקייט, און נישט ווייל ער וויל איבערחזרן זיין קינדהייט. די לידער זענען נישט קיין איבערחזרונג. דאָס זענען נייע לידער מיט אַ נייעם צוגאַנג. אַ נייע טרייב־קראַפט באַוועגט אים. די דערקלערונג גיט ער אין דעם צווייטן קירצערן אָפּטייל פון דער זאַמלונג — אַ מין נאָכוואָרט פון ניין לידער צו די זעכציק לידער פון ערשטן אָפּטייל. און צווישן די לידער זענען דאָ דריי: — „עטלעכע ווערטער״, „דאָס לעצטע ליד״, „היי״ — וואָס ענטפערן גענוי צו וואָס ער האָט די נייע לידער געשריבן.

דער ערשטער ענטפער — „איך בין דורשטיק געווען נאָך ווערטער, אַ שורה צי צוויי, בין אויסגעוועזן אין אַלע ערטער — נישט אויפגעזוכט זיי. — האָב איך זיך אין האַרצן פאַרקליבן, אין טיף פון געמיט. האָב אויפגעשאַרט אַלץ וואָס איז געבליבן פון אַ פריעריקן ליד״.

און נאָך אַ בעסער ענטפער:

דאָס לעצטע ליד וואָס האָט צענומען
מיין גאַנצן גוף, ליגט אויף מיין גומען,
ווי לעצטע טראָפּנס פון אַ בעכער וויין.
ס'איז גוט פון ווערטער שכור זיין.

און דער בעסטער ענטפער: „אַ פּויערל פירט אַ גאַנצן טאָג פון דער לאַנ־קע היי אין שטאַל. דער וואָגן טרייסלט זיך, עס פאַלט אַראָפּ אַ בלימל דאָ, אַ זאַנגל דאָרט, און דעם פּויערל זאָל עס גאָר אַנהויבן אַרן! אָבער פאַרנאַכט, ווען ער האָט דעם לעצטן וואָגן אַריינגעבראַכט —

נעמט ער ווידער די גראַבליע אויפן קאַרק
און מיט פאַמעלעכע טריט און זוכנדיק אויג
גייט ער איבער וואו דער וואָגן האָט געטון זיך אַ בויג;
און וואו נאָר אַ הייעלע שאַרט ער צונויף
און לייגט עס מיט ליבשאַפט אויף דער גראַבליע אַרויף,
ווי דאָס וואָס ער האָט אין איילעניש פאַרזען,
וואָלט איצטער זיין גרעסטער פאַרמעגן געווען.

ראָלניק גייט איבער נאָך אַמאָל זיין לעבנס־וועג, כדי אויפצוקלייבן דאָס פאַרפאַלטע: אויסצוהאַרכן זיין נשמה ביז צו איר סאַמע דעק; אויפצוהויכן אַלע אירע הייכן; אויפצואָטעמען אַלע אירע אָטעם־צוגן; כדי עס זאָל נישט בלייבן קיין איין נישט־אויסגעהאָרכט, נישט־אויפגעהויכט, נישט־אויפגעאָטעמט ערטעלע אין איר. — אָט איז אים דורכגעפלויגן אַ רגע פון זיין קינדהייט. ער זעט זיך אַ קליין יינגעלע מיט אַ שטעקעלע. ער גייט־נאָך יידן מיט רויטע און שוואַרצע בערד, וואָס גייען־נאָך דריי פירן. די יידן רעדן וועגן זאַכן וואָס ער פאַרשטייט נישט. וואָס־זשע טוט ער? בויערט ער מיטן שטעקעלע לעבער אין זאַמד, דרייט־אויס דעם קאָפּ אויף צוריק און ציילט די לעבער. — האָט ראָלניק די רגע אויפגעאָטעמט אין אַ ליד: „וואוהין און פון וואַנען מיר זענען געפאָרן, האָט זיך אויסגעמעקט פון מיין זכרון. אַ זעמדעלע אין טאָל פון צייט, אַן אָטעמצוג פאַרגאַנגענהייט".

צו וואָס דאַרף ער די זעמדעלעך, די אָטעמצוגן? כדי צו באַלעבן די אַלע איבערלעבונגען, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון דער צייט זיך פאַרגליווערט אין אומבאַוואוסטזיין, אין חומר. אַ מענטש זאָל קיין חומר נישט זיין! הוילע נשמה זאָל ער זיין! און דאָס איז דאָך די סאַמע עסענץ פון פּאָעזיע — אַ פאָרם פון זעלבסט־היילונג דורך זעלבסט־באַלעבונג. און דאָס איז דאָך איר ציל: צו פאַרמערן אין זיך די לעבנס־שפע.

זיין ליד צילט איצט דירעקט צו אט דעם ציל. אין הסכם מיט דעם, האט ער אויך געענדערט דעם מעטאד פון זיין ליד: — זיין ליד איז געוואָרן א מיקראָסקאָפּ אויף אָנצוקוקן אטאם־שפּליטערס; אויפצוכאפּן איינדרוקן, וואס האבן אפשר געדויערט א רגע. פריער איז זיין ליד געווען א טעלעסקאָפּ אויף אָנצוקוקן זאכן פון דער ווייטנס, פון א מהלך אין זכרון, צו דערנענטערן זיי צום אויג. פריער האט זיין ליד געדארפט א גאַנץ בילד פאר אן אָנשפּאַר: דער עקאָנאָם, וואס קנייפּט די שיקסעס וואס מעלקן די בהמות. איצט איז א רמז, א הויך, אן אָנצוהערעניש גענוג, און פון אָנצוהערעניש ציט ער דאס גאַנצע בילד ארוים: דאס ליד „פּרימאָרגן" איז אויפגעבויט פון קוים הערבארע קלאַנגען, וואס דערטראָגן זיך פון א ווייטן דאָרף, פון א ליידיקן וואָגן, וואס פאָרט מיט גראַבליע און שטאַנג אָנצונעמען זיך מיט היי.

האט ער לידער, וואס זענען קורצע איינפאַסן פאר אן איינמאָליקער שאַרפער שפּירונג: — „דאס קלייד" — א פרוי איז געווען צו גאַסט און האט איבערגעלאָזט א שלאָף־דאַך, האלב־אָפן, הענגען אויף דער וואַנט. און ווען די פרוי דאַרף נאָך אַמאָל קומען, איז זי אים אין גאַנצן פרעמד. דאס קלייד איז אים נענטער. „צו דעם קלייד, נאָכגיביקן און שטומען" — האט ער געטענהט און געריידט. און ער האט לידער פול־אַנטוויקלטע בילדער־מעשיות, וואס האבן זיך אַרויסגעוויקלט פון א רגעדיקער שאַרפער שפּירונג. קומענדיק מיטן טאַטן פון א יום־טובדיקן דאַווגען — „האבן מיר מיל און שטוב, שייער און בריק נישט דערקענט אויפן ערשטן בליק" — ווייל געקומען פון אן אנדער זייט אין אַזא אומגעוויינלעכער צייט. דער איינדרוק פון נישט־דערקענען האט זיך איינגעשאַרפט אין זיין געפיל. און נאָך אַמאָל: קומענדיק פון א חתונה, האט ער די שטוב נישט דערקענט. זוכט ער אין אַלע קאַמערן און עמיצער פעלט. ווער פעלט? דאס מיידל, וואס האט אויף דער חתונה געזונגען און „די מעשענע רינגען פון איר גאַרטל האבן איר צוגעקלונגען" — זיין ערשטע קינדערשע פאַרליבונג. פאַרקערט, דער באַזוך אין א פרעמדן שייער מאַכט פול זיין האַרץ מיט פרייד — די פרייד פון דערקענען א נייעם שייער וואו דער היי, דער גערשטן און דער קאָרן זענען אַזוי אַנדערש אויפגעשטעלט, ווי ביי זיי אין שייער. „אווינטער־נאַכט" — פּויערים ליגן אויסגעלייגט אויפן דיל, זיצן אויסגעזעצט אַרום טיש, וואַרטנדיק אויף זייער ריי גערופן צו ווערן אין מיל. די גאַנצע באַשרייבונג איז געשריבן צוליב דער לעצטער שורה: דער מילנער קומט אַריין, רירט אָן א פּויער ביים אַקסל: — דיין ריי, קום אַרויס! — און אַרום טיש ווערט א ליכטיקע בלויז. „די שטוב" — זייער שטוב, ווערט ליכטיק אין מיטן נאַכט דורך דער מצווה פון הכנסת־אורחים; טאַטע־מאַמע וואַקסן אויס צו לע־

גענדאַרישע צדיקים־אַרענדאַרן — אַ דאַנק דער קינדערשער שפּירונג, וואָס די פיר לעצטע שורות פון ליד האָבן אויפגעכאַפּט און פאַרזיגלט:

...אַ שמחה איז ביים יונגסטן קינד געווען,
פרעמדע פּנימער ביינאַכט צו זען;
מיט קינדערשע הענט אַ גרויסן קישן טראָגן,
ווי אַ קליינער פערדל פירט הוי אַ וואָגן.

זיין ליד איז מער קיין פאַרפּאַסונג נישט. ער דאַרף מער קיין פאַרשטע־לעניש נישט אויף דוד־המלך דעם תהילים־זאָגער, אויף דעם תנא דעם משלים־מאַכער, אויף קעניג־אינקאָגניטאָ און אויף דעם פּערס האַפיז. דאָס זענען אַלץ טעלעסקאָפּן געווען אויף צו דערנענטערן צום אויג זאַכן, כדי צו דערשפּירן זיי. איצט האָט ער עס דערגרייכט — ביז צו די סאַמע זאַכן, מיט דער שפּירונג וואָס אין זיי. זיין פּאָעזיע איז איצט די עקזאַקטע וויסנשאַפט פון גענוי אויפגעכאַפּ־טע און צום גענויסטן אויסגעדריקטע איינדרוקן, אדרבא, גייט געפינט אַזאַ עקזאַקטע און צוגלייך אַנגעזעטיקטע בילדלעכקייט. „אַרום שניי — שניי שמעקט ווי לויג, כאַטש בויג זיך איין און גראַב איין די הענט און וואַש". פּיש־לעך געכאַפּטע אין אַ נעץ: — „אַז ער האָט די נעץ אַרויסגעצויגן, איז זי גע־ווען פול מיט וואַסער־אויגן, און דורך די שלייפלעך, ביזן העלפט אַרויסגערוקט, האָבן פישלעך ווי דורכן פענצטער געקוקט, און מיט די עקעלעך קאַקעטיש גע־דרייט אַנטקעגן דעם טרוקענעם טויט". — ענטלעך, וואָס ער טרייבט איבערן וואַסער — „צו אַ צוגעזאָגטן גרין־גאָלדענעם לאַנד. זיי זיצן אויפן וואַסער ווי באַלעבאַטעם ברייטע, (עס פעלט זיי נאָר אויפן האַלדז אַ באַנד פּערל), און מיט די פיסלעך פּרענטלען זיי אַזאַ בלויען שטאָף, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און האָט נישט קיין סוף".

איינפאַך איז ער? יאָ! זיין ליד איז דאָס איינפאַכסטע אמת־זאָגן. ער גיט זיך באַזונדערע מי זיינע שורות זאָלן זיך לייענען ווי געוויינלעכע רייד. — וואָס ווייטער פון נוסח פון פאַרפּאַסטן ליד. אין די מערסטע לידער פון דער נייער זאַמלונג צעוואָרפט ער די גראַמען, באַהאַלט זיי פון אויג, מען זאָל זיי אפילו נישט מערקן. ער נוצט זיי, די גראַמען, בלויז אויף אַזוי פיל, זיי זאָלן מאַכן טראַפּ, איינצוהאַלטן דעם ריטם, וואו ער דאַרף צוזאַמענהאַלטן דאָס ליד.

שטיל איז ער? יאָ! מיט דער שטילקייט פון אַ דאָרף־ייד, אַ מילנערס אַ זון — מיט דעם חילוק פון פּרץ הירשביינען, וועלכער איז אויך אַ מילנערס אַ זון, וואָס הירשביין האָט אויף דער מיל געהאַט אַ זיידן אַ בעל־מנגן, האָט ער דעם זיידנס ניגון אַריינגעהערט אין דער שטילקייט. ביי ראָלניקן אויפן טאַטנס מיל, האָט, קענטיק, קיינער נישט געזונגען. נאָר קולות פון שיכורע גויים האָבן

זיך געטראָגן פון הויף און פון מיל. דערפאַר האָט ער זיך פּאַרטאַיעט אין שטילקייט:

מיין גאַנג איז פּאַמעלעך, מיין טראָט איז שטיל,
ווייל קריג איז געשטאַנען אין דער לופטן ווי פּיל —
איין שטיין האָט געביסן אין צווייטן שטיין,
און מענטשן האָבן זיך געריסן ווי חיות מיט ציין —

שטיל איז ער? יאָ! אָבער שטום איז ער? אָ, ניין! ער באַדאַרף די שטילקייט, כדי צו קאָנען הערן וואָס די שטומע זאַכן רעדן. — „די לעצטע ליכט האָט זיך געלאָשן, דאָס פלעמל האָט זיך אין לייכטער געשפּילט און געפלאַפּלט, אויפן חלבנעם לשון, ווי אַ קינד פאַרן אַנטשלאָפן ווערן".

איז ער איצט צוגעקומען צום ליד, וואָס פּרעסט אַרוים מיט איינפאַכן, געוויינלעכן, דעם ריינעם אמת־זאָגנדיקן, אָבער פּינקטלעכן און געפּרעסטן אויסדרוק, דעם פולן איינדרוק פון דער פאַרביילויפנדיקער איבערלעבונג — צום ליד וואָס האָט נישט די מינדסטע פאַרפאַסונג אין זיך קיין שום קינסטלעכקייט, קיין פאַטעטישן קונץ. קיין אַרומשרייבונג, סטאַלאַזשן אַרום זאַכן, נאָר אַן אַרויסשרייבונג פון די זאַכן. די זאַכן גופא דערלאַנגען פון זיך דאָס ליד. דאָס איז אַ גרויסע דערהגרייכונג.

ראַלניקן איז דאָס לייכט נישט אָנגעקומען. ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן די אַלע שטופעס פון זיין ליד־פאַרפאַסונג — אָנהייבנדיק ווי אַ נאַקעטער ליט־ווישער רעאַליסט, דערנאָך אָנטאָן אויף זיך זיינע אַלע פאַרשטעלענישן אויף דוד המלך, תנא, קעניג, האַפּיז — ביז ער האָט עס דערגרייכט.

ער האָט געדאַרפט דורכגיין אַלע זיינע גאַנגען, יאָרנלאַנג זיך איבן אין ליד־טעלעסקאָפּ, וואָס דערנענטערט ווייטע זאַכן, ביז ער איז דערגאַנגען צו ליד־מיקראָסקאָפּ, וואָס מאַכט זעבאַר די אַטאָמען, וואָס די רגעס לייגן אָפּ אין זיין נשמה־באַהעלטעניש — וואָס דערין איז ראַלניקס סעקרעט, — צו וועלכן צוועק דינט אים אָט די מיקראָסקאָפּישע זעלבסט־אויספאָרשונג? האָב איך שוין גע־זאָגט: צו צעלאָזן די פאַרגליווערטקייטן; אַרויסצושיילן די שפּליטערס, די שטעכלקעס; אויסצוהיילן די טויט־ווייַ־פּינטעלעך; כדי אָנגעקוואָלן צו ווערן מיט ניי לעבן.

מיט אָט דעם באַלעבנדיקן אינסטרומענט האָט ער געגומען רעווידירן זיין לעבנס־ווערק — פון דער מיל אָן. לידער פאַרפאַסן זיך אים — ניין, קוועלן אים אָן פון מיקראָסקאָפּיש אויסגעשפּירטע רגעס. אויף די נאַטור־בילדער איז דער געוויינס גלייך אויבן־אויף. שפּרודלדיקע לעבנס־שפּירונגען: „די קרעני־צע" — ער טרינקט פון אַ קוואַל אין מיטן פעלד; „אַ בורע" — „מיט אַן אימפּעט פון צען פּאָר פערד, לויפט אַ קאַטש, ברייט און הויך, שוואַרץ ווי רויך,

קערט די ערד"; די פירערליי פישפאַנגען: „די אודע", „פּאָדסוויעט", „די סעטקע", „דער אָשץ"; „שרעק" — פּאַרטראַכטערהייט איז ער צוגעקומען האַרט צו אַ תהום; און איידער ער האָט נאָך געוואוסט — „האָב איך זיך לאַנגזאַם און שטיל, ווי אויף־אַלע־פיר, האַלטנדיק דעם שרעק אין צוים, אויף הינטערווייַלעכץ זיך געררוקט. און נאָך דעם ערשט, אַז איך האָב זיך אומגעקוקט, האָב איך דורכגעלעבט דעם גרויל..." — נישטאָ אין זיי קיין אומבאַוועגט שטריכעלע, קיין איינגעשטאַנענער איבעררים, קיין שטילשטאַנד, קיין טויטנ־פּונקט — דורכויסיקער קוועקזילבער! אַפילו אין דער כמעט טעכנישער באַ־שרייבונג, ווי דער גבירטעס הויז ווערט געפאַרבט —„איטקע לעווינס מויער"— פאָלגט ער נאָך טראָפּן פאַר טראָפּן, ווי די פאַרב לייגט זיך אויפן מויער, און יעדער טראָפּן איז אַ לעבנס־טראָפּן, ווייל אָנגעקוקט מיט פאַרחידושטע קינדער־שע אויגן, וואָס ראָלניק האָט דערשפּירט, ווי זיי קוקן נאָך דורך אים. — אָבער זיין גרעסטער געווינס איז אין די געשטאַלט־שילדערונגען. ווער האָט זיך גע־קאָנט ריכטן, אַז ראָלניק איז אַ פּאָרטרעטיסט? — זיין רגע פאַר רגע־מעטאָד שפּירט אויס די קנייטשעלעך, די מינעלעך, די רינגעלעך, די צאַפּלדיקע אָדער־לעך, וואָס לויפן זיך צונויף אין כאַראַקטערפולע פּנימער. „דער פּריצס טעכטער", — „מואַבס טעכטער" — אַ דורכפאָרנדיקער קאַראַוואַן — „אָרע מאַראַנקער" און זיינע דריי פעטערס — „דער ערשטער איז געווען הויך און גרויס, מילד ווי אַ קינד און גוט ווי אַ טויב" — „דער צווייטער האָט געהאַט אַ באָרד ווי צע־קאַמטער פלאַקס, אין די אויגן — אויפגאַנג פון זון, אויף די ליפּן — גאָטס ליב" — און דער דריטער פעטער — „זיין באָרד איז געווען רויטלעך, פאַר־שפּיצט ווי אַ קלין, און ווי די באָרד, איז ער אַליין געווען שפּיציק און דין" — דער דריטער פעטער האָט דאָס ראָלניקן געגעבן דעם שטוים צום ליד. אַ פאַר־ביטערטער שלימזל, איז ער אַוועק איבער די הייזער. איין מאָל ביי אַ באַגע־געניש אין אַ ווייטן דאָרף, האָט ראָלניק נישט געלאָזט זיך פון אים דערקענען, איז אַ פלעק געבליבן קלעפּן אויף ראָלניקס געוויסן. אָט דער פלעק האָט דאָס אים אַ צופ געטון צו שרייבן דאָס ליד. אַפילו „יאָן" — דער הילצערנער יע־זוס, קעגנאיבער דער מיל — ווערט אַ לעבעדיקער פּאַרשוין. אַפילו אין דעם האַלב־צענדליק לידער, וואָס זענען געשריבן אין נוסח פון פּאַרפאַסטן, פול־גע־גראַמטן ליד, לויפן די לידער אין שורות פון שפּירונגען. — ער פאָרט „אין אַ פולן וואָגן היי", און די —

לבנה פון וואָלקנס — אַרויס, אַריין.
אָט בלייכע ליכט, אָט בלויער שיין.
אויך דו — אָט וואַך, אָט שלאָפסטו איין —
פון אַ חלום אַרויס, אין אַ חלום אַריין.

אויך די לידער פון נאָכוואָרט, וואָס זענען געשריבן אין נוסח פון משל־ליד; דאָס בעסטע פון זיי האָב איך אויבן ציטירט: וועגן פויגל, וואָס שאַרט צונויף מיט דער גראַבליע די קווייטעלעך וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן פון וואָגן היי — זענען די לידער רעאַלע בילד־ראַמען, אָנגעפּראָפּטע מיט איבערלעבונגען, און זיי קאָנען באַשטיין אָן דעם משל אויך. אָט אַזוי רעווידירנדיק, האָט ער באַלעבט אַ האַלבע ביאָגראַפיע זיינע — פון מיל אָן אין שטעטל אַריין, פון שטעטל אין שטאָט, דורך וואַרשע, דורך לאָנדאָן, ביז אין זיין ערשטן צענדליק יאָר אין ניו־יאָרק, ווען ער איז געווען צייטונגס־טרעגער. איין מאָל, אין סענטראַל־פּאַרק, געפינט ער אַ הויפן היי, נאַס, וואָרעם און צוגעלעגן, מיט אַ זיסלעכן ריח. אַ פאַרשיכורטער, ווערט ער אַריבערגעטראָגן אויף זיין טאַטנס לאָנקעס. און די שיכרות האַלט אין אים אָן ביז דער ערשטער שניי פאַלט. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע איז ער געבליבן שטיין ביי 310 ריווערסייד דרייוו. איין מאָל, פאַרטאָג, האָט ער אויפן גאַניק פון 310 ריווערסייד דרייוו דערזען אַ יונגנמאַן פאַרקוקט אויף יענער זייט האָדסאָן, וואָס דער זונאויפגאַנג האָט זיי רויט אָנגעצונדן: — „מיט זיין פּנים געווענדעט צו די בערג, האָט ער אַ האַנט אויסגעשטרעקט מיט אַן אויסגעשריי, וואָס איז געווען נאָך קירצער פון אַ וואָרט — דאָס האָט געמיינט: זע, דאָרט! און איך, ווי ער, דערשטוינט, האָב צו דער ליכטיקייט אויבן די צייטונגען, אַ קרבן, אויפגעהויבן".

דאָרט, וואו דער יונגערמאַן איז געשטאַנען, ביי 310 ריווערסייד דרייוו, איז שפּעטער אַ וואָלקנקראַצער אויפגעשטעלט געוואָרן — דער רעריך־מוזיי, מיט קונסט־אויסשטעלונגען, מיט אַ קונסט־שולע, מיט אַ טעאַטער — אַ קונסט־הויז. אויך ראָלניק האָט זיך געהאַט אויפגעשטעלט אַ קונסט־הויז, אָבער ליבער פון אַלע קונסט־הייזער איז אים די נאַטור־קונסט פון אַ זונאויפגאַנג, צו וועלכער ער איז איצט צוריקגעקומען, ווייל זי איז אַ קוואַל פון לעבן פאַר אים. אין רעזולטאַט פון זיין רעוויזיע איז ראָלניק לעבעדיקער ווי ווען עס איז; אַלע זיינע יאָרן טראָגן זיך אים ווי אַן אויפגעלאָפּענער לעבנס־שטראָם.

גוט, וועט מען זאָגן, האָט ראָלניק זיך אַ גרויסע טובה געטון, אָבער ווי קאָן מען אַזוי עגאָצענטריש זיין, אַזוי שטיל פאַרטון זיין אין זיך אַליין, בעת די צייט רעשט און שרייט? אויך איך האַלט, אַז אַ פּאָעט דאַרף ענטפערן דער צייט. אָבער ראָלניקס שטילקייט איז אויך אַן ענטפער דער שרייענדיקער צייט. דאָס וואָס ראָלניק טוט, איז דאָס סאַמע ערשטע וואָס איז נויטיק צו טון היינט, ווען באָמבעס פּלאַצן איבער אונדזערע קעפּ, ווען אונדזערע זין וועלן אויף דער פייער־ליניע שטיין — אין זייער לעצטער רגע דאַרפן זיי קאָנען דורכלויפן אַלע רגעס פון זייער לעבן, ווי ראָלניק לערנט עס מיט זיין ליד — כדי צו פאַרגי־

טיקן זיך פאַר דער טויט־סכנה. און אַ סברה, אַז מיט ראָלניקס געמיט קאָנען מיר אַלע זיך פאַרפאַנצערן אַפילו קעגן היטלערן...

אין די לידער פון נאָכוואָרט — „גרויער געוואַנט", „אַ ריטל", „וועגן", „ווען אָוונט ווערט נאַכט", „אַ קאַפּעל", די זון" — מאַכט ראָלניק סך־הכלען. ווי איינער זאָגט: צייט פאַר אַ לעצטן חשבון; מען דאַרף מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע. עס הייבט זיך נישט אָן! צו זיין 60־טן געבורטסטאָג האָט ער זיך אונטערגעטראָגן אַ מתנה פון 60 לידער, וואָס פאַרדינען אים נאָך 60 יאָר לעבן — ביז 120 יאָר!...

„פּראָלעטאַרישער געדאַנק", 1טער מאַי, 1942

פינף דורות יידישע פּאָעטן

די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער נייער יידישער פּאָעזיע, — פון פרוגן ביז גלאַטשטיינען און איין איבערבליק

אין ניו־יאָרק, אויף איסט־בראָדוויי, איז דאָ אַ קאַפע „אייראָפּע”, און דאָרט ביי איין טישל קאָנט איר אָפט זען פאַרזאַמלט פינף דורות יידישע פּאָעטן, און קוקנדיק אויף זיי, קאָנט איר מיט איין בליק אַרומנעמען די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער נייערער יידישער פּאָעזיע.

פינף דורות פּאָעטן זיצנדיק צוזאַמען — וואו, ביי וועלכן פּאָלק איז דאָס געהערט געוואָרן?

אָבער וואָס זאָל מען פּאָרט טון, אַז די נייערע יידישע פּאָעזיע האָט דורכגעמאַכט אַלע אירע עטאַפּן אין איינע 30—35 יאָר ; אַ ציקל פון אַ יאָרהונדערט אין אַ דריטל צייט. און פיר־פינף דורות פּאָעטן באַגעגענען זיך פּנים־אל־פּנים : די זיידעס מיט די אייניקלעך, און ביז נישט לאַנג צוריק — די אורזיידעס מיט די אוראייניקלעך זעען זיך טעגלעך ביי איין קאַפע־טישל און עס זענען פאַראַן טעג, ווען דער זיידע איז יינגער פון אייניקל ; ער מאַכט אַ ברית, רייצנדיק זיך מיטן אייניקל, וועלכער אז אַן עקר...

און עס איז די טבע פון פּאָעטן, אַז איין דור פרעסט אויף דעם פריערדיקן לעבעדיקערהייט ; אום זיך צו באַהויפּטן, מוז ער יענעם אַפּלייקענען : זיין יאָ איז אַ ניין אויף יענעם, יעדער איז פאַר זיך די אַבסאָלוטע מאָס, און וואָס אַ מאָס פאַר איינעם, איז אַ חלף פאַר דעם צווייטן. קוילעט גלאַטשטיין רייזענען, און אייזלאַנד גלאַטשטיינען. ווען מען וויל אונטערפירן דעם סך־הכל פון די קעגנזייטיקע אַפּלייקענונגען און שחיטות, איז נאָך גאָר נישטאָ קיין פּאָעזיע ביי יידן.

ווען די דורות זענען צעטיילט אין צייט, קאָן מען נאָך ביי איין דור פועלן ער זאָל אָנערקענען די היסטאָרישע פאַרדינסטן פון דעם פריערדיקן דור. אָבער ווען די „היסטאָרישע פאַרדינסטן” זיצן קעגנאיבער ביים טישל, און סטראַשען

צו מאַכן פון דיין לעבעדיקן היינט אַ תל, גיי, זיי אַ גיבור — הכובש את יצרו — און בויג דיין קאָפּ פאַר די היסטאָרישע פאַרדינסטן. ניין, פיל געזינגער איז אין גאַנצן זיי מבטל צו זיין. טוען זיי טאַקע אַזוי, זיצן ביי איין טיש און לייקענען, קוילענען און פרעסן איינע די אַנדערע נאָך לעבעדיקערהייט.

און דער קריטיקער איז נישט אין אַ בעסערער לאַגע. ער, דער קריטיקער, האָט דאָך אַלע מאָל אין זינען זיין ליבלינג־פּאָעט, וועמען ער שענקט זיין גאַנצע ליבע, און אין נאָמען פון זיין פּאָעט רייסט ער זיך אָפּצולייקענען אַלע פריער־דיקע, און עס איז אים נישט ווייניקער שווער, זיצנדיק ביי איין טיש מיט פיר דורות פּאָעטן, אויסצוטאָן זיך נאַקעט־אָביעקטיוו, און אָפּגעבן יעדן דור דעם געהעריקן שבח.

ש. ניגער העלפט זיך אַרויס דערמיט, וואָס ער שטעלט זיך אין דער פּאָ־זיציע פון קינפטיקן היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור, ווייניקסטנס, מיט ער זיך אַראָפּצוקוקן פון יענער הויך. איך, וואָס איך פאַרשטעל מיך בלויז פאַר אַ קריטיקער, מאַך עס איינפאַכער: איך זאָג, מיין פּערזענלעכער פּאָעט איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, קאָן איך אַלעמען גלייך אָפּלייקענען און אַלע־מען גלייך אָנערקענען.

אום אונטערצושיידן איין דור פון צווייטן, גיב איך זיי סימנים. יאָרן אין דעם פאַל, זענען קיין סימנים נישט. אין דער פּאָעטישער גענעאַלאָגיע קאָן אַמאָל אַ טאַטע זיין יינגער אין יאָרן ווי דער זון. און דאָס זענען מיינע סימנים:

ע ר ש ט ע ר ד ו ר: „אָט אַזוי שרייבט מען לידער ביי לייטן". צו דעם דור געהערן: ש. פרוג, מאָרים ווינטשעווסקי און אַ גרויסער טייל פון י. ל. פּרץ.

צ ו ו י י ט ע ר ד ו ר: „אָט אַזוי שרייב איך פאַר אייך לידער" — אברהם רייזען.

ד ר י ט ע ר ד ו ר: „אָט אַזוי העלף איך מיר אַליין מיט מיינע לידער" — יוסף ראָלניק.

פ ע ר ט ע ר ד ו ר: „מיר זענען פּאָעטן, און לידער שרייבן מיר פאַרן אייגענעם פאַרגעניגן" — מאַני לייב, ראובן אייזלאַנד, זישע לאַנדוי.

פ י נ פ ט ע ר ד ו ר: דער דור־הפלגה מיטן בבל־טורעם.

נויטיקע נאָכבאַמערקונג: די דורות זענען נישט אַזוי שטרענג אָפּגעצאַמט, אַז די איינוואוינער פון איין דור זאָלן נישט קאָנען זיך אַריבערציען אויף „דאַטשע" אָדער אויף נאַכטלעגער אין אַ צווייטן דור.

אברהם רייזען וועט אוודאי האָבן אַ פּרעטענזיע, אַז אים איז ענג אין זיין צווייטן דור. ריכטיק, ער קאָן אַריינשטעלן אַ פוס אין דריטן דור צו ראָלניקן,

און אין פערטן דור — צו מאַני־לייבן. ראַלניק קאָן גיין צוריק צוויי דורות און אַ דור פאָרויס.

י. ל. פרץ, ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט ער פון ערשטן דור געקאָנט גלייך אַריינשפרינגען אין פינפטן דור. יהואש, אים צו לאַנגע יאָר, האָט עס געטון.

ווייטער: אַ דור איז נישט די מאָס פון קיין טאַלאַנט. דאָס מיינט נישט, אַז דער פּאָעטישער טאַלאַנט שטייגט פון ערשטן ביזן פינפטן. די צוגעהערי־קייט פון אַ צאָל פּאָעטן צו איין דור מיינט נישט, אַז זיי זענען אַלע גלייך אין טאַלאַנט. צו איין־און־דעם־זעלביקן דור קאָנען באַלאַנגען אַ פּאָעט מיט אַ גאָר גרויסן טאַלאַנט און אַ פּאָעט גאָר אָן פּאָעטישן טאַלאַנט. צום ביישפּיל: י. ל. פרץ און מאָריס ווינטשעווסקי, ביידע זענען צוגעשריבן צום ערשטן דור.

און איצט צום ענין.

ערשטער דור

„אַט אַזוי שרייבט מען לידער ביי לייטן". אַט אַזוי שרייבט מען. זיי זענען געווען לערער. זיי האָבן געקנעלט מיטן יידישן לייענער, וואָס לידער זענען. זיי האָבן איינגעפירט ביי יידן אַ נייע גויאישע זאַך.

ביי לייטן. זיי אַליין זענען נישטאָ. נישט פאַר זיך זינגען זיי זיך לי־דער. זיי זוכן נישט אויסצודריקן זייער אייגן פּערזענלעך געפיל אין ליד, זיי דינען דעם כלל, זיי נעמען פון כלל —

— — — — — — — — — — — — —

און גיבן דעם כלל אָוועק צוריק. אַ נוצלעכע איינפירונג, וואָס זיי האָבן געפונען ביי די גויאישע „לייטן", טראָגן זיי אַריבער צו די יידישע „לייטן".

מוסטערן:

> אַ לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
> זינגט, גריסט זיי פון האַרצן מיט ליבשאַפט און היים.
> געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
> דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים!

דאָס איז ש. פרוג׳ס, פון דער „ליד פון אַרבעט". אין רוסיש איז ש. פרוג געווען אַ פולשטענדיקער פּאָעט. ער האָט זיך אויסגעקלאָגט אין זיין ליד. אין יידיש האָלט ער פאַר זיין חוב צו ווייזן, ווי מען קאָן נעמען די איידעלע אידייע פון דער נאָבעלקייט פון אַרבעט, און עס באַזינגען אין אַ ליד. זאָלן זיי צוליב דער אידייע שעצן דאָס ליד, זאָלן זיי זיך צוגעוואוינען צו דער פיינער פאָרעם.

* * *

וואָס טוען צוויי עופהלעך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
די הענטעלעך — אייז, און די פיסעלעך — נאַס.
די ליפּעלעך בלוי, און די בעקעלעך — בלאַס:
— זייער הוים! זייער הוים בין איך — זאָגט די גאַס.
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

דאָס איז מאָריס ווינטשעווסקיס, וועמענס 70־יאָריקן יובילײ מען פייערט איצט.

אַנשטאָט צו געבן אַ לאַנגע סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע אין פּראָזע, וועגן עופהלעך וואָס וואַלגערן זיך אין גאַס — מיט אַ קללה אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם — פּאַסט ער עס איין אין אַ קורצער פאָרם, וואָס לאָזט זיך געדענקען און אפילו זינגען. אַנדערש וואָלט מען ביי יענע, שטרענג־ערנסטע, יידישע אַרבעטער נאָר וואָס אוועק פון פּראָפּאַגאַנדע, נישט געקאָנט פּועלן, זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע פּוסטע זאַכן, ווי לידער, סיידן מען זאָל זיי געבן צו הערן, ווי דער סאָציאַליזם זינגט זיי פון ליד אַרויס. און צוליב דעם סאָציאַליזם האָבן זיי שוין אָראָפּגעזוונגען דאָס ליד אויך, ביז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו זינגען לידער אָן סאָציאַליזם אויך. ווינטשעווסקי האָט געטון אַ נוצלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ער האָט אויסגעבראָכן אין דעם יידישן אַרבעטערס מוח אַ טירעלע פאַר פּאָעזיע.

* * *

איבער דיין וויגעלע
שטיי איך איינגעבויגן,
שטראַלן שוואַרצע, פינצטערע
שיטן מיינע אויגן.

ראָזיק דין דיין הייטעלע —
זיי דרינגען דורך דער הויט.
קינד, זאָג וואָס וועט זיין פון דיר,
איך שרעק מיך, אַך, מיר גרוילט!...

דאָס איז י. ל. פּרצעס. די כוונה איז די זעלביקע וואָס ביי פרוגן און ווינטשעווסקין. אַריינלידלען דעם לעזער דורך זיין רחמנות צו דער אָרעמער מוטער. מען פילט שוין אָבער, אַז דער פאַרפאַסער פון ליד איז אַ פּאָעט, מיט אַן אייגענער פּערזענלעכקייט. די ווערטער, די שורות, שפּילן שוין ביי אים:
„קינד, זאָג, וואָס וועט זיין פון דיר, איך שרעק מיך, אַך, מיר גרוילט!"

אָבער קיין סימן איז נישטאָ, קיין אָנצוהערעניש נישט, וואָס עס זינגט זיך דעם פּאָעט אין האַרצן — וואָס איז זיין אינטערעס, זיין ווײ: וואו דער פּאָעט פילט אַנדערש, ווי די לעזער. „קינד, זאָג...‟ — דאָס וואָלט דער לעזער אויך געקאָנט זאָגן, ווען ער באַהערשט דעם וואָרט. די טעמע איז — דעם לע־זערס רחמנות. י. ל. פּרץ נעמט ביים לעזער און גיט עס אָפּ צוריק דעם לעזער. ער דינט דעם כלל מיט דעם כלל־געפיל.

* * *

י. ל. פּרץ און ש. פרוג זענען געשטאָרבן, מאָרים ווינטשעווסקי איז שוין אַזוי אַלט און שוואַך, און זעלטן ווען ער קומט אין קאָפּע זיך צוזעצן צום טישל. דער ערשטער דור פון די פינף האָט שוין אָפּגעטישלט, געבליבן זענען נאָר פיר.

צווייטער דור

„אַט אַזוי שרייב איך פאַר אייך לידער‟ — אברהם רייזען.

רייזען האָט נאָך אויך געגעבן דעם יידישן כלל לעקציעס אין פּאָעזיע, אָבער ער האָט שוין געמעלדעט, אַז ער אַליין איז אויך דאָ, הייסט עס, דער ערשטער אמתער פּאָעט. אַט אַזוי שרייבט מען לידער פון זיך, פון אייגענעם געמיט אַרויס, ער האָט זיך אַליין געגעבן אַלס אַ לעקציע.

איין ביישפּיל:

ניין, איך וועל אַהיים נישט פאָרן —
כ'שעם מיך וואַיזן מיינע יאָרן
פאַר מיין געסל, פאַר מיין שטיבל —
האָבן וועלן זיי פאַראיבל...

צווייטער ביישפּיל:

עס דאכט מיר, איך האָב וואָס פאַרלוירן אין וועג,
איך ווייס דאָך נישט וואָס...
זאָל איך צוריקגיין? עס איז אַזוי ווייט —
עס איז אַ פאַרדראָס!...

דריטער ביישפּיל:

העי, איר יונגע יאָרן!
קאָנט איר מער נישט קומען —
וואָס זשע האָט איר אַלע
וועגן מיר פאַרנומען!

יאָרן קומען נייע,
כ'וואָלט זיי פריי באגעגנט;
שטייט איר מיר אַנטקעגן,
ווי נאָך נישט געזעגנט?

יאָרן, וואָס שטייען אים אַנטקעגן, ווי נאָך נישט געזעגנט; עס דאַכט זיך אים, ער האָט וואָס פאַרלאָרן אין וועג און ער ווייסט דאָך נישט וואָס: ער שעמט זיך צו ווייזן זיינע יאָרן פאַר זיין גרעסל, פאַר זיין שטיבל — עס איז קלאָר, אַז נאָר ער, רייזען דער פּאָעט, האָט געקאָנט אַזוי פילן. מען זעט זיין אייגענע פערזענלעכקייט וואָרפנדיק פאַרבענקטע בליקן אויף צוריק. ער דאַרף האַלטן דאָס האַרץ אָפן און עס לאָזן שפּירן.

שפּירן דעם ריח, שפּירן דעם טעם פון זאַכן...

די שפּירונגען זאָלן צוריקברענגען די שמעקעוודיקייט, די באַטעמטקייט פון זאַכן.

עס איז קלאָר, אַז נאָר אַ פּאָעט קאָן אַזוינס באַווייזן: אַ געוויינלעכער בשר־ודם באַזיצט נישט אַזאַ פיינעם שפּיר־געפיל.

עס איז קלאָר, אַז די לידער זינגען זיך אים פון אייגענעם געמיט אַרויס, נישט פון דעם לעזערס — וואו איז דאָ לעקציע?

די לעקציע איז אין דעם, וואָס רייזען נעמט פון זיין געמיט נאָר דאָס, וואָס ער קאָן זיך טיילן מיט דעם לעזער; וואָס וועט דעם לעזער זיין פאַרשטענדלעך. ער וועט עס גלייך באַנעמען, און וועט אויסשרייען: אוי, זע נאָר, איך האָב עס דאָך אַליין געפילט!

עס דאַכט זיך אים נאָר אַזוי. עס האָט קוים אַ בלעזל געטון אין אים מיט דעם געפיל — אָבער דער לעזער לאָזט זיך לייכט רייזעניזירן פון רייזענען.

ווען רייזענס אַ ליד ווערט געלייענט, ווערט עס אַ שותפות צווישן רייזענען און דעם לעזער. דאָס ליד איז זייער שותפותדיקער אייגנטום.

מיט וואָס איז דאָס שלעכט? ווען אַ פּאָעט געוואוינט זיך צו צו נעמען פון זיין געמיט נאָר דאָס, וואָס איז לעזעריש און לעזבאַר, געוואוינט ער זיך אָפּ פון יענע געפילן, וואָס זענען אויסשליסלעך זיין אייגנס, וואָס דער לעזער וועט עס אין דער זעלביקער רגע נישט פאַרטיפן מיט זיין געפיל און זיך נישט דער־הויבן מיט זיין ליד.

רייזען האָט זיך כלליזירט — איך וואָלט געזאָגט, עלעמענטאַריזירט, אָבער דאָס וואָלט געווען צו־שאַרף.

רייזען האָט זיין פּאָעטישן „איך" מקריב געווען פאַרן כלל.

דריטער דור

יוסף ראָלניק האָט אויך אָנגעהויבן מיט אַ פּרואוו אין לעקציעס, די לידער, אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון זיין נאָר־וואָס דערשינענעם לידער־בוך — זיין היים, זיין דאָרף, זיין מיל, זיין ווינטער און זיין ליטע זענען ווי אָפּגעשריבן פון דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע.

אָבער גאָר באַלד פאַרגעסט זיך ראָלניק אין זיין לערערישער פליכט פון כלל־דינסט, און וואו ראָלניק ווערט ראָלניק, איז ווי ער וואָלט געזאָגט: אָט אַזוי העלף איך מיר אַליין מיט מיינע לידער. ער טוט נוצלעכע אַרבעט — „רע־ליף" — צו זיך אַליין.

ערשטער ביישפּיל:

איך האָב נישט צום סדר העולם
און טראָג קיין פאַרדראָס נישט אויף גאָט —
אַמאָל אין אַ שעה פון אומווילן —
פאַרוואָס ער באַשאַפן מיך האָט.
נאָר ס'קומען ביינאַכט מיינע טרערן,
ווי אָנקלעגער שטומע צו גאָט,
דאַן ווייס איך, פאַרדריסט אים אַליין אויך
פאַרוואָס ער באַשאַפן מיך האָט.

צווייטער ביישפּיל:

איך, אַן אורח אַ פאַרזאַמטער
שטיי געבויגן פאַר דיין טיר:
אויב דיין האַרץ איז שוין צעגעבן,
שענק אַ חבר־אָרם מיר.

כ'וועל דיין חסד נישט פאַרגעסן,
אייביק בענטשן וועל איך דיר:
פון אַן אָרימאַן אַ ברכה
ברענגט די שפע צו דער טיר.

דריטער ביישפּיל:

מיין פאַרלאַנג און מיין באַגער
איז לויטער קליינקייטן:
ווען אַ וואָרט און ווען אַ בליק
אַ שמייכל פון דער ווייטן.

גיסט מיט ליכט מיך אָפּ דיין אויג,
דיין וואָרט שענקט מיר דאָס לעבן,
אָפּטער, אָפּטער קום צו מיר,
דערהאַלט מיך ביי דעם לעבן.

דאָס איז מער ווי „רעליף" — דאָס איז צדקה, אָבער צדקה צו זיך אַליין. ער גיט זיך צדקה דורך זיין ליד. ער פאַרטרויט זיין ליד די אינטימסטע געדאַנקען זיינע, וואָס נישט נאָר קאָן מען עס נישט א צווייטן דערציילן, נאָר זיך אַליין איז שווער זיך מודה צו זיין אין דעם.

ווער וואָלט דאָס געהאַט האַרץ זיך מודה צו זיין, אַז זיין פאַרלאַנג און זיין באַגער זענען לויטער קלייניקייטן: א וואָרט, א בליק, א שמייכל פון דער ווייטן?

און ווער וואָלט געפּועלט ביי זיך אויסצוזאָגן זיך, אַז ער שטייט א געבויגענער ביי דער טיר און בעטלט א נדבה — ניין, נישט ליבע, א חבר־אָרעם וועט זיין געגנוג פאַר אים!

און ווער וועט נישט זוכן צו באַהאַלטן פון זיך, אַז ביינאַכט האָט ער פאַרגאָסן טרערן? און מיט דעם אַלעמען אַזאַ עניו זיין: ער האָט גאָרנישט צום סדר־העולם?

קיינער וואָלט עס נישט געקאָנט. און ראָלניק אַליין — וואָלט עס אויך נישט געקאָנט זיך זאָגן, נאָר אין זיין ליד זאָגט ער עס אויס. ער פאַרטרויט דעם ליד מער ווי זיך אַליין.

מאַנכע, לייענענדיק ראָלניקס לידער, טראָגן ארויס דעם איינדרוק, אַז נאָך אַזאַ דערשלאָגענעם, געבראָכענעם, הכנעהדיקן און נעבעכדיקן איז נישט צו געפינען צווישן פּאָעטן. נישט אמת, נאָך קיינער קאָן אַזוי מוראַדיק אויפריכטיק נישט זיין מיט זיין ליד, ווי ראָלניק. דער גרעסטער גיבור, דער גרעסטער בעל־גאווה, ווען זיי וואָלטן געקאָנט זאָגן ווידוי דורך לידער, וואָלטן זיי אויך קיין שענערן פּנים נישט געהאַט. זייער גבורה וואָלט זיך אין דרייען געבויגן, און זייער גאווה וואָלט זיך געוואָלגערט אין שטויב.

פאַר ראָלניקן איז דאָס ליד א ווידוי. ער ראַטעוועט זיך דורך זיין ליד. דאָס ליד טוט פאַר אים א דינסט. דעריבער איז ראָלניק ווייטער אוועק פון די צוויי פריערדיקע דורות.

ביי יענע איז זייער ליד מער אָדער ווייניקער ערלעכער עדות־זאָגן אויף דעם, וואָס זיי פילן און דענקען. זייער ליד איז אויף דער הייך פון זייער געפיל און געדאַנק, אָבער נישט העכער. זייער ליד טוט פאַר זיי קיין נייעס נישט אויף, אויסער וואָס עס גיט עקספּרעסיע צו זייער געמיט.

ביי ראָלניקן איז דאָס ליד אַן אויפטו. אָן דעם ליד וואָלט ער עס נישט

געהאַט, מיט דעם ליד האָט ער עס. דאָס ליד גיט אים די מעגלעכקייט פון דער צוטרויל־עכסטער אויפריכטיקייט מיט זיך אַליין: אַ מעגלעכקייט אויסצוזאָגן זיך מיט זיין האַרץ און זיך צו דערלייכטערן.

פון אַ ווידוי גייט דאָס ליד איבער צו אַ תּפילה.

עמיצער האָט צופעליק זיך פאַר מיר אַרויסגערעדט — ד"ר איסר גינזבורג, דאַכט זיך — אַז רייזענס לידער מאַכן אויף אים דעם איינדרוק פון תּפילות. אמתע תּפילות — די גינציקסטע ליבע צו זיך אַליין, וועלכע איז נישט זעלבסט־ליבע — געפינען מיר ביי ראַלניקן. ער האָט אַ גאַנצן יום תּהילים — „אויף גאָטס באַראָט".

אויף גאָטס באַראָט! זאָל ער מיך פירן
וואוהין ער וויל, און ווי ער וויל.
איך וועל אַנטקעגן זיך נישט שטעלן,
און ווי אַ קינד אים נאָכגיין שטיל.

אויפן שפיצן בערג אין טיפע תּהומות,
מיט אויגן אָפענע — דאָך בלינד;
אין לאַגער פון די ווילדע חיות —
דער טאַטע פירט, וועט גיין דאָס קינד.

איך האָב די לידער געלייענט פאַר אַ פרומער עלטערער יידענע, וועלכע איז געווען אין צרות — האָט זי זיך מיט זיי געטרייסט.

ראַלניק איז נישט אַזוי פרום. נאָר דאָס איז די דערהויבונג פון ליד, — ווען אויף די פונקען פון דער אייגענער שטימונג, ווי אויף אַ פונדאַמענט, ווערט אויסגעפורמט אַ ליד־בנין. דער בנין איז שוין ווייטער און העכער פון פּאָעט, דער פּאָעט איז שוין פאַרשטעלט. די מערסטע לידער־בנינים ביי ראַלניקן זענען איין־שטאָקיקע. ער האָט אַלעגאָרישע, געמשלטע לידער־בנינים, וואָס פון זייערע פענצטערלעך קוקט אַרויס לעבנס־חכמה.

בויט זיך אַ ריזיקער בנין:
מיר שטעלן די זיילן, די ווענט.
נישט קיין דערפאַרענע — ציטערן
די ציגל אין אונדזערע הענט.

שוואַכע און שרעקיקע מענטשן,
פאַרדרייען זיך אָפט מאָל די קעפּ,
פאַלן מיר אויגס נאָכן צווייטן
פון לייטערס, געהילצן און טרעפּ.

פּאַלן — ווי וועמען באַשערט איז —
אויף שטיינער, אויף פּאַליעס, אין קויט,
ווער עם פאַרזינקט אין דער בלאָטע
און ווער בלויז — צעשלאָגט זיך אויף טויט.

אַ פּסוק פון משלי איראָניש פאַרשפּיצט. ראָלניק האָט אויך אַ געלונגענעם פּאַרזוך אויף אַ צוויי־שטאָקיקן לידער־בנין — ער אַליין איז שוין גאָר באַהאַלטן אונטער אים, אַ טיף איינגעגראָבענער פונדאַמענט — די לידער אויף האַפּיז, דעם פּערסישן פּאָעט. זיי זענען קהלת געמישט מיט שיר־השירים — וויבאַלד אַלץ איז הבל־הבלים, טאָ לאָמיר פריילעך זיין — טרינקען ליבע און טרינקען ווייַן.

פון ווידוי צו תפילה — פון תפילה צו אַ ווייטער דערהויבונג מיטן ליד — צו אַ זינגענדיקן בנין, וואָס דערמיט פּאַלט ער שוין אַריין אין טאָן פון פערטן דור —אַ דור מ׳שטיינס געזאָגט— מיט צוויי יאָר יינגער פון אים — דער דור פון אייזלאַנד, מאַני לייב, זישע לאַנדוי, און אויך מ. ל. האַלפּערן און לייוויק.

„אידישע וועלט", דעם 19טן יוני, 1926

נח שטיינבערג

אַ קריטישע אַנטאָלאָגיע

(צו די געלערנטע קריטיקער, וואָס האָבן ראָלניקן נישט פאַרשטאַנען)

יוסף ראָלניק איז אַ פולקאָמענער מוסטער פון דער נייער יידישער פּאָעזיע. ער איז הויך אַריבערגעוואַקסן די אַלגעמיינע יידישע פאָלקס־דיכטונג. מיט ראָלניקן טרעט אַרויס דער דיכטער פון כאַראַקטער, דער מוסטער באַשאַפער. זיינע איבערלעבונגען זענען מער נישט ווי די פון דער מאַסע. ער פילט אַנדערש און דענקט אַנדערש און וויל אַנדערש ווי די מאַסע. דאָס, נאָך וואָס זיי בענקען איז אים דערווידער. וואָס וויל די מאַסע, מער ווי אָנזעטיקן דאָס פלייש? זייערע אידעאַלן זענען פאַר אים אַן אומזין. זייער וועלט־אָרדענונג איז פאַר אים אַ כאַאָס. ער קומט פון אַן אַנדער וועלט און גייט צוריק אין אַן אַנדער וועלט. זייער לעבן איז פון מאָמענט צו מאָמענט, זיין לעבן — פון טרוים צו טרוים.

ראָלניק לעבט נישט לויט פרעמדע צופעליקע איינפלוסן, ער איז אַליין אַ וועלט אין אַ וועלט. אין זיך בויט ער איבער די וועלט לויט זיין פּלאַן. מיט מיסטרוי קוקט ער אויף דער וועלט, וואָס איז געבויט לויט אַ פרעמדער אַרכיטעקטור. ער קוקט נישט מיט קיין פאָרויס־באַשטימטן בליק. ער האָט צעבראָכן די ברילן, וואָס דורות האָבן אים אָנגעטאָן, און גענומען קוקן אויפן לעבן מיט זיינע אינערלעכע אויגן.

מענטשן וואָס טראַכטן אַליין, ווייסן, אַז די וועלט איז היינט מער נישט ווי גאָט האָט זי באַשאַפן. די מענטשן האָבן די וועלט איבערגעבויט. אָבער „נישט זייענדיק קיין דערפאַרענע" איז די געביידע אַרויסגעקומען נישט קיין פעסטע, נישט קיין זיכערע, אָן אַ פונדאַמענט. וואַקלט זי זיך, און מיר וואַקלען זיך מיט איר — און פאַלן:

בויט זיך אַ ריזיקער בנין;
מיר שטעלן די זיילן, די ווענט,
נישט קיין דערפאַרענע — ציטערן
די ציגל אין אונדזערע הענט.

שוואַכע און שרעקיגע מענטשן —
פאַרדרייען זיך אָפּט מאָל די קעפּ,
פאַלן מיר איינס נאָכן צווייטן
פון לייטערס, געהילצן און טרעפּ.

פאַלן — ווי ווערמען באַשערט איז —
אויף שטיינער, אויף פאַליעס, און קויט,
ווער עס פאַרזינקט אין דער בלאָטע
און ווער בלויז — צעשלאָגט זיך אויף טויט.

וואָס פאַר אַ פיינלעכע איראָניע אויף דעם מענטשן.

דער מענטש רעדט זיך איין, אַז ער איז אַ גאַנצער גאָט, אַ שעפער, אין דער אמתן איז ער אַ הילפלאָזער גאָט; אין בעסטן פאַל אַ קעמפער קעגן דעם וועלט־צופאַל, וועלכער האַלט אים אין איין פאַרשקלאַפן. דער איינציקער טרייסט, וואָס דער מענטש האָט איז די שמערצלעכע איראָניע, דאָס ליכט דורך וועלכן דער מענטש קוקט אויף זיך אַליין, אָן אילוזיעס, אָן פאַרבלענדענישן.

ראָלניק האָט אונדז דערפירט צו אַזאַ לויטערע דורכזיכטיקייט, וואו דער מענטש הויבט אָן צו זען זיך, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַשאַפן. דורך אים זעען מיר ווי דורך אַ לויטער גלאָז די נשמה פון דעם איינציקן.

ראָלניק זאָגט אונדז שטילערהייט, אַז וויכטיק איז נישט די מענטשהייט, נישט דאָס פאָלק, נאָר וויכטיק איז דער איינציקער מענטש. (די פילאָזאָפיע פון דעם איינציקן איז נישט קיין נייע, שטירנער איז איינער פון אירע שטאַרקסטע באַגרינדער, נאָר ראָלניק פאַרפערזועלעכט און פאַרלירישט זי). דער ליידנדיקער אומבאַגרייפלעכער מענטש, דאָס איז די וועלט. דער איך איז דער אַלעס. מענטשהייט איז אַ וואָרט. מענטש איז לייב און זעל. דער סוד פון דעם אייביקן ראַנגלען; די מיסטעריע פון דעם אומבאַגרייפלעכן צופאַל צווישן גייסט און מאַטעריע. און אויב דער „איך" וואָלט אונטערגעגאַנגען, וואָלט מער נישט געווען קיין וועלט:

דער הימל הענגט אויף מיינע ברעמען,
אויף מיינע אַקסלען רוט די וועלט;
און איך אַליין — נאָר אויף אַ ווײַלע
האָב זיך דאָ אָפּרוען געשטעלט.

און ווען מיין אויג זאָל זיך פאַרשליסן,
ווערט זון, לבנה אָפּגעשטעלט,
און ווען מיין פוס זאָל זיך אַ גליטש טון,
וועט אומקומען אַ גאַנצע וועלט.

דער זין פון דעם ליד איז פיל טיפער ווי די ווערטער. דער דיכטער רעדט מיט באַגרענעצטע ווערטער וועגן דעם אומבאַגרענעצטן. ער וויל זאָגן, אַז דער זין פון דער וועלט איז דער מענטש. דער „איך" איז דאָס אייביקע אין דער אייביקייט. ד י ע ס ע נ ץ פ ו ן ד ע ם ז י י ן. ער נעמט אין זיך אַריין אַלע דערשיינונגען פון דעם זיין און שפּיגלט זיי אַרויס מיט דעם שיין פון זיין כאַראַקטער. וואָס לויטערער דער שפּיגל, אַלץ בעסער זעען מיר דורך אים די וועלט.

דורך ראַלניקן זעען מיר די וועלט אָן מאַסקעס, אָן פּאַנצערס, נאָר אין איר טראַגישקייט, מיט איר ווילדקייט, פאַרקאַכט אין דעם וואַנזיניקן שפּיל פון קאַמף און באַזיגטע. און ביי דעם ראַנד פון דער וועלט זעען מיר די איינזאַמע געשטאַלט פון ראַלניקן; שטייענדיק ווייט ביים ברעג פון דער וועלט, זעט ער דעם אומזין פון דעם גאַנצן בלענדנדיקן ספּעקטאַקל. און ער זאָגט אונדז, אַז פון דעם גאַנצן טומלדיקן וועלט־שפּיל, וואָס די מענטשן האָבן באַשאַפן, קומט גאָרנישט אַרויס פאַר דעם איינציקן מענטש. די איינציקע מענטשן ווערן בלויז אויסגענוצט פאַר די אינטערעסן פון די פירער; מען דערפירט זיי נישט צו קיין העכערן ציל. די אַלע באַוועגונגען און קריגערייען, דאָס איז בלויז אַ יאַריד פון גאָרנישט. דער איינציקער מענטש ווערט פון דעם נישט דערלייזט.

די וועגן אויף וועלכע דער איינציקער מענטש דאַרף גיין, זענען גאַנץ אַנ־דערע. דעם איינציקנס אינטערעסן זענען נישט און דאַרפן נישט זיין קעגן אַלע. דער איינציקער דאַרף בלויז נישט לאָזן זיך איינשלינגען פון דער מענגע, אָדער ווערן אַ מיטל פאַר די אינטערעסן פון דער מענגע. דער איינציקער דאַרף שטרעבן צו זיין אייגענער גאַנצקייט, צו דעם גלייכגעוויכט פון גייסט און מאַ־טעריע; ווערן אַ פּערזענלעכקייט און העלפן אויסלייזן די אַנדערע.

ווער איז דער ערשטער אויסצולייזן די פּערזענלעכקייט? — דער דיכטער. ער קאָן זיך גיכער באַפרייען פון פאַראורטיילן, פון אידייען און אידעאַלן. און מיט זיין אויסלייזונג ווערן מיר אויך אויסגעלייזט.

דער דיכטער איז דער שטאַרקערער, דער קאָמפּליצירטערער און דער גאַנ־צערער מענטש. ער זוכט אין זיין לעבן די איינהייט. ער זוכט זיך צו באַ־פרייען פון כאַאָס און צו באַשאַפן האַרמאָניע. זיין לעבן ווערט אַ קונסט־ווערק. אַ נייער מוסטער. און מענטשן נויטיקן זיך אַלע מאָל אין אַ מוסטער. אין אַן אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער. און ראַלניק איז אַן א ו י ס ג ע ה אַ ל ט ע־

ג ע ר. ער האָט קיין מאָל נישט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיסן, נישט מיט דער וועלט און נישט מיט זיך, ער וואַקלט זיך נישט אַזוי ווי אַנדערע. דער צייט־מענטש באַזיגט נישט דעם אייביקן מענטשן אין אים. דערפאַר איז ער אפשר נאָך נישט קיין פאַרשטאַנענער. ראָלניק איז נאָך פאַר אייך אַ סוד. און איר דאַרפט זיך דערהייבן צו זיין אַנטפּלעקונג. און אין דעם איז זיין גרויסקייט. ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ דיכטער, וואָס האָט מער נישט קיין ס.ד פאַר אייך?

אַנדערע, נייע דיכטער, קאָנט איר לייכטער באַנעמען, ווייל זייערע שאַפונגען זענען מייַנסטנס וואַריאַציעס אויף שיינע מאָטיוון, וואָס אַנדערע דיכטער האָבן שוין געשריבן פאַר זיי. אָדער זיי פּרובירן אייך אויסזאָגן די סודות פון זייערע פּריוואַטע איבערלעבונגען; זיי האָבן נישט קיין כוח און ווילן צו רעאַגירן אויפן אַלגעמיינעם לעבן. זיי גיבן שיינע בילדער, פיינע שטימונגען, אָבער ביי קיינעם פון זיי זעט מען נישט אַזוי פיל אינדיווידואַליטעט ווי ביי ראָלניקן. ראָלניק — כאָטש דאָ און דאָרט אונטער דעם איינפלוס פון היינען — רעדט מיט זיין אייגענער שטים, און טיילט אויס דעם אייגענעם רייכטום, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אויף זיינע טראַגישע וועגן. נישט בלויז ראָלניק, נאָר די מערסטע יידישע דיכטער זענען מער אָדער ווייניקער באַאיינפלוסט פון היינען. נישט ווייל זיי זענען ווייניק אָריגינעל. די אורזאַך איז פיל טיפער: דער ייד, וואָס איז פון טויזנטער יאָרן אַ געפּייניקטער, איז אַ געבוירענער סאַטיריקער. אַז מען האַלט אַ מענטשן אין איין מאַטערן און קוועלן און ער איז אָן הילף — וואָס זאָלן זיינע וואָפן זיין? — בייזע ווערטער, היסטערישער געלעכטער, סאַרקאַזם, איראָניע און סאַטירע. יעדער יידישער דיכטער איז מער ווי ווייניקער אַ ליריקער און אַ סאַטיריקער. דערפאַר דערמאָנט ער אָן היינען, מעג ער זיין ווי אָריגינעל. ווייל היינע איז געווען אַן עכטער יידישער דיכטער, פּונקט ווי ראָלניק איז אַן עכטער יידישער דיכטער. מיט זיין ערנסטקייט און טיפקייט דערמאָנט ער אָן די פּאַרצייטיקע יידישע חכמים.

ראָלניק באַשאַפט אַ זין פון זיין אייגענעם גורל. זיין ליד איז דער סוד פון זיין זיין. ער פאַרפאַסט נישט קיין ביכער, זיין ליד איז זיין געשטאַלט. ער שאַפט נישט קיין ל י ט ע ר אַ ט ו ר פ אַ ר א נ ד ע ר ע, זיין ליד איז דער אָטעם פון זיין נשמה, דער סוד פון זיין מזל. אַז מיר לייענען זיינע לידער, וואַקסט פאַר אונדז אויס אַ ג אַ נ צ ע ר מענטש. מיט זיינע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן, מיט זיין אומגליק און דערלייזונג — מיט זיין באַרואיקונג.

ראָלניק האָט זיך באַפרייט פון דער ביכער־שפּראַך, פון דער פּראָזע צוליב דער פּראָזע, פון פאָרם צוליב פאָרם. אַנשטאָט אָפּגענוצטע ווערטער, גיט

ער אייך בליצן פון הארץ. אנשטאט ליידיקע פארמען גיט ער אייך דעם אינ־האלט פון לעבן.

מיט וויפל אויפריכטיקייט און קראפט איז איבערגעגעבן די אנטוישונג און האפענונגלאזיקייט אין דער סעריע „נישט געבונדענע פערזן". איך גיב דא בלויז איין ליד אלס מוסטער:

איך ווייס נישט וועלכער גאט, צו שד, האט מיך פארשאלטן:
פון קינדווייז אן האט מיר נאך קיין מאל נישט געגאלטן,
אויף וואס איך האב געוואָרט איז קיין מאל נישט געקומען,
און וואס איך האב פארמאגט, דאס איז אוועקגעשוואומען.

צען זונען איבער מיר; אין הארצן צען באגערן;
ווי האב איך דען געוואוסט, צו וועלכער זון זיך קערן?
פון זונען־ליכט געבלענדט בין איך ארומגעגאנגען,
ביז אלע זונען זענען מיר איינס נאך איינס פארגאנגען.

אומזיסט האב איך געוואָרט: אט הייבט אן פינצטער ווערן,
א גאנצע וועלט — א מענטש, וועט באלד פארלאשן ווערן;
און וואס איז מיר פון טאג, פון ליכטיקן געבליבן, —
מיין בלאט ווערט אומגעקערט — א ווייסער, נישט פארשריבן.

די סעריע פערזן האבן אין זיך אזא שטארקייט, ווי ביימער וואס שטייען מיט פעסטעווארצלען אין דער טיפעניש פון דער ערד. די פארם איז אויך דא, אן איינפאכע, אבער זי הארמאניזירט גוט מיט ראלניקס טיף־דורכגעלעבטן אינהאלט. דאס איז דער סוד פארוואס איר גלייבט אים יעדעס ווארט, וואס איר לייענט.

צו די פארקלעמטע שטימונגען געהערן אויך די לידער „פון תפיסה":

ווערט פון שעה די תפיסה ענגער,
מזל־בלינד גייט וואנט אויף וואנט;
שטרעק איך אויס א האנט, — אן קאלטע
שטיינער ברייט זיך אפ מיין האנט.

נאך א טאג און נאך אן אוונט, —
וועט מיך איינפרעסן דער שטיין;
ווען די תפיסה וועט צעפאלן,
וועל איך זיין אין גאנצן שטיין.

די פערזן זענען געשריבן אזוי קאנצענטרירט און אזוי דירעקט, אז זיי פאלן ווי שווערע שטיינער אויפן געמיט. עס פאלט נישט איין צו טראכטן צי

זענען זיי גוט אָדער שלעכט, זיי זענען מער ווי לידער. דאָס זענען שטיקער פּאַרגליווערטער געמיט פון אַ מענטשנס לעבן:

אויף יעדן טאָג און יעדער שעה
האָב איך געוואַרט;
און יעדער טאָג און יעדע שעה
האָט מיך גענאַרט.

ווי פאַלשע וואָכנס, האָבן זיי
קיין טרייסט געבראַכט.
אומזיסט דעם הויך־געוועלבטן רוים
נאָר שווער געמאַכט.

אין די לידער מאַכט ראָלניק נאָך דעם איינדרוק נישט ווי אַ האַר, נאָר ווי אַ געפאַנגענער, ווי אַ געשמידטער, אַ געשמידטער פון זיך אַליין. ער האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַהעפט מיט זיין גאָט, נאָר געווען איז ער פאַרשפּאַרט אין דער אייגענער תּפיסה. און דערפאַר האָט אפשר בעל־מחשבות געמיינט, אַז ער איז אַ שוואַכער און „אין האַרצן מיט דעם כּעס פון אַ שוואַכינקען קעגן אַ שטאַרקערן". אָבער ווער קאָן זאָגן, וועלכע זענען די שטאַרקע און וועלכע די שוואַכע? עס איז אָנגענומען, אַז די שוואַכע ליידן פון די שטאַרקע; נאָר ווער ווייסט וויפל די שטאַרקע ליידן פון די שוואַכע? אַלע קלאַסיפיקאַציעס פון מענטשן און זייערע אייגנשאַפטן דאַרפן נישט גענומען ווערן אין אַן אַבסאָלוטן זין. מענטשן האַלטן אָפט מאָל דעם פאַר אַ שוואַכן, וואָס אַלס כאַראַקטער איז ער דער שטאַרקסטער. שוואַכע כאַראַקטערן פּאַסן זיך איבעראַל צו צו די אומשטענדן, דערפאַר האַלטן מענטשן זיי פאַר שטאַרקע. דער אמתער שטאַרקער מענטש קאָן זיך נישט און וויל זיך נישט צופּאַסן, האַלטן אים די מענטשן דערפאַר פאַר אַ שוואַכן. אָבער אין דער אמתן זענען די נישט־צוגעפּאַסטע די שטאַרקסטע מענטשן אַלס כאַראַקטערן. און אין דער דיכטונג שפּילט אַ ראָל שטאַרקער כאַראַקטער, נישט־צופּאַסונג און דערפאָלג. און ווייל ראָלניק האָט זיך נישט געוואָלט צופּאַסן צו דער אויסערלעכער וועלט, דערפאַר האָט ער זיך פאַרשרויפט אין זיך אַליין; דער פאַר האָט ער זיך באַשאַפן אַן אייגענע תּפיסה. איז ער אָבער פון דער אייגענער תּפיסה קיין מאָל נישט אַרויסגעגאַנגען? ער האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבן. ער האָט גענומען וואָס אַמאָל אַריינשטעלן אין איר מער פענצטער. ביסלעכווייז האָט ער פאַרוואַנדלט זיין תּפיסה אין אַ פאַנטאַסטישן פּאַלאַץ, וואו עס וואוינט דער קעניג אינקאָגניטאָ.

— 3 —

אויב די צייט האט א ווירקונג אויף ראַלניקס לידער, איז די ווירקונג אַזוי ווי אויף וויין — וואס מער זי באַהעפט זיך מיט זיי, אַלץ בעסער ווערן זיי.

ראַלניק איז דער דיכטער פון אַלע צייטן. זיינע לידער האָבן נישט צו טון מיט קיין מאָדעס, מיט מאָמענטאַנע ליטעראַרישע אינאָוואַציעס; זיי זענען אייביק אַלט און אייביק ניי, אַזוי ווי דער צופאַל.

אין וואס באַשטייט ראַלניקס שאַפונג?

ראַלניק איז צו אַלעם ערשטן אַן עכטער קינסטלער, מיט אַ זעלטענער אינטואיציע צו מאָלן די נאַטור. מיט איינציקע ווערטער ווייזט ער אייך אַ לאַנדשאַפט. מיט די איינפאַכסטע מיטלען באַשאַפט ער אַ בילד פון אונדזער הײמישן לעבן:

איך בין נאָך אַ חומש-יינגל:
גיי ביינאַכט אַהיים פון חדר;
אין דער האַנט אַ רויט לאַמטערנע;
אויף דער באַק דעם רבינס פינגער...

גייען מיר אַרויס פון חדר;
דורך דעם קלייבעס, פינצטערן פירהויז;
שטופן מיר זיך אין דער פינצטער;
איינס דעם צווייטן גיט סטוסאַקעס;

פלוצלינג — זע: אַ טאָג אַ בייער!
— עמיץ האָט די טיר געעפנט. —
וואס איז דאָס פאַר ווייסע גאַסן?
ווייסע דעכער? ווייסע מענטשן?

מאָרגן וועלן גלעקלעך קלינגען,
בייטשן קנאַלן, האָרנס שאַלן;
דורכן שטעטל וועט דער פריץ
אויף אַכאַטע מאָרגן פאָרן.

מאָרגן וועלן מיר זיך קייקלען
אינעם שניי, און מענטשלעך מאַכן,
און פון חדר לויפן, וואַרפן
זיך מיט „קוילן” שטיפן, לאַכן;

און אַ ליכטיקע לאַמטערנע
אין אַ הורבע שניי איינגראָבן;

מײדלעך װעלן גײן — זיך שרעקן,
מײנען: װעלפּישע אױגן ברענען.

װאָס פאַר אַ װאַרעמקײט עס שײַנט אַרױס פון דער שילדערונג. װי עכט עס װערט איבערגעגעבן דאָס בילד צוזאַמען מיט דעם געפיל אין די צװײ שורות:

„אין דער האַנט אַ רױט לאַמטערנע;
אױף דער באַק דעם רבינס פינגער...״

װיפל עכט יידיש לעבן איז דאָ אין דעם ליד. און אין די אַנדערע לידער פון דעם הײמישן לעבן. קײנער האָט זיך בײ אונדז נישט אָפּגעשטעלט אויף דער סעריע „אַרום מיל״. בילדער־מאַלערײ אין דער יידישער פּאָעזיע איז בײ ראַלניקן און אײניקע אַנדערע נײע דיכטער, כמעט געװען אַ נײעס. אונדזערע דיכטער האָבן אַמאָל יאָ געשריבן װעגן דער נאַטור, איז דאָס בלױז געװען אַ משל צוליב אַ נמשל. די נאַטור האָט בײ זײ געדאַװנט, זיך געסודעט, אַזױ װי אַ מענטש, אָדער זײ האָבן װעגן איר געשריבן מיט אַלגעמײנע װערטער. זײ האָבן געמײנט, אַז זײ דערמאָנען די װערטער: פעלדער, װעלדער, בערג, טאָלן, בלומען, הימל, כװאַליעס — הײסט דאָס געמאָלן די נאַטור. זײ האָבן זיך נישט געכאַפּט, אַז עס זענען דאָ פאַרשידענע פעלדער, פאַרשידענע װעלדער, און אַלערלײ בערג און אַלערלײ טאָלן. דער הימל איז נישט אַלע מאָל דער זעלבער. און כװאַליעס האָבן אױך אינדיװידועלע רעגונגען און שטימונגען. יעדע דערשײנונג אין דער נאַטור האָט זיך אירע אײגנטימלעכע אײגנשאַפטן. און װײל זײ האָבן דאָס נישט גענומען אין אַכט, דערפאַר איז בײ זײ נישט אַרױסגעקומען קײן רעאַל בילד. בײ די עלטערע דיכטער איז שװער צו געפינען אַזעלכע פיר אײנפאַכע שורות, װאָס זאָלן אונדז װײזן אַ װינטער־װעג:

װײס איז די ערד און געפרױרן;
עס ציט זיך דער װעג װי אַ שנור;
אַן אײנציקער פלעק אױף דער װײסקײט:
פאַר װיאַרסטן װײט פּויזעט אַ פור.

אָדער אַזאַ בילד:

שפּרײטן זיך שנײאיקע פעלדער,
שפּרײטן זיך װײט אָן אַ ברעג.
שטײט אין אַ פּראַסטיקן מאַנטל
אַ צלם בײם זײט פון דעם װעג.

פאַרט זיך אַ גוי פונעם שטעטל;
וויגט זיך זיין שיכורער קאָפּ.
פאַרט ער, דערזעט ער דעם צלם,
נעמט ער די היטל אַראָפּ.

לויפט מיט אַ פּאַטשט אַ טשיגאַוונים;
צלמט זיך, איין מאָל און צוויי.
שנייאיקע פעלדער — דער הימל,
גריבלעכן שיין גיסט אויף זיי.

און ווי גוט ער מאָלט דאָס לאַנד, וואו ער איז געבוירן:

ליטע

אונדזער לאַנד איז גרוי און אָרים;
אונדזער הימל — בלייך.
שמאָלע הויקערדיקע וועגן
קייקלען זיך ווי רויך.

פעלד מיט שטעכעדיקע שטיינער,
אָנשטאָט ווייץ פּאַרזייט;
הייזלעך מיט צעפוילטע דעכער,
דאָ און דאָרט צעשפּרייט;

וואו נישט וואו נאָר אַ בעריאָזע,
אויף אַ פעלד אַליין;
און אַ קרעצעדיקער בעטלער
רוט אָפּ אויף אַ שטיין.

אָבער נישט בלויז מיט פּאַסטישער מאָלעריי קומט צו אונדז ראַלניק, נאָר אויך מיט אידייען. ער האָט זיין אייגענע מעטאַפיזיק — די מעטאַפיזיק פון הארץ.

אין וואָס באַשטייט ראַלניקס פילאָזאָפיע? זיין לירישע פילאָזאָפיע איז אַ באַוואוסטזיניקער פּאַטאַליזם. ער קוקט אויף דער וועלט, ווי אַ העלפט פון דער ערד וואָלט געווען אָפּגעשפּאָלטן, און מיר אַלע שטייען ביים אָפּגעבראָכענעם ראַנד. נאָר איין בויג, און מיר אַלע פאַלן אין אָפּגרונט. די מערסטע מענטשן זעען נישט דעם ראַנד, זיי מיינען, די ערד איז אַ גאַנצע. אַז די וועגן פון לעבן זענען אומענדלעך, יאָגן זיי זיך מיט אומפּעט, ווילן איינער דעם אַנדערן אַריבעריאָגן, און לויפן,

לויפן ביז — ביז זיי דערזעען דעם אייביק־אומבאַקאַנטן; דער איינציקער, וואָס זעט שטענדיק דעם אומבאַקאַנטן, איז דער דיכטער:

אויבן לויפט אַ שמאָלע סטעזשקע,
אונטן — אָפּגרונט טיף און ברייט;
אויבן הענגט דער פאַלשער לעבן,
אונטן ליגט דער וואָרער טויט.

ביי דער זייט קיין וואַנט קיין אָנהאַלט,
אין דער ווייט קיין ליכט, קיין שיין,
אונטערן פוס זיך קייקלען שטיינער —
קייקלען זיך אין תהום אַריין.

פירט מיין וועג צו נאַכט און ליגן,
לערער וויכט איז וואָס איך גאָר;
אונטערנעמען אַזאַ אומזין,
קען נאָר דער וואָס איז — אַ נאַר.

ווייל ראַלניק זעט אַלע מאָל דעם ראַנד, וואו עס ענדיקט זיך דאָס לעבן, דערפאַר זאָגט ער, אַז עס לוינט זיך נישט צו לויפן. ווייל:

„ווי דו זאָלסט נישט שפּרייזן שנעל —
וועסטו שטאַרבן אויפן וועג".

דער בלינדער מענטש אָבער לויפט און זעט נישט דעם אָפּגרונט:

מאָדנע — אַ פינצטערע האַלב־נאַכט,
אָפּגרונטן, בערג פון די זייטן;
פּלוצלינג ברילט אויפ'עט אַ דונער
עפענען זיך הימלען פון ווייטן;

גיסט מיך אין גאַנצן מיט ליכט אָפּ;
ווערן נאָך טיפער די שפּאַלטן;
הערט זיך אַ קול פון דער טיפעניש:
דער וועט זיך לאַנג דאָרט נישט האַלטן".

בלויז דער דיכטער הערט דאָס קול פון דער טיפעניש.

ווען מיר לייענען ראַלניקס לידער, זעען מיר, אַז נישט האָבן מיר פיל איבערצולערנען, נאָר נאָך מער צו אַנטלערנען — צו פאַרגעסן. ראַלניק צווינגט אונדז איבערצושאַצן אַלע ווערטן. און דאָס וועלן אים די

דאָגמאַטישע מענטשעלעך קיין מאָל נישט פאַרגעבן. זיי פילן זיך אַמבאַקוועמ־סטן אין זייערע אַלטע, גייסטיקע ווינקלען. ראַלניק אָבער האַלט, אַז די אַלע דאָגמעס און די אַלע קעמפּערייען האָבן נישט דעם ווערט, וואָס מען שרייבט צו זיי צו. ער איז קעגן יעדן קריג. וואָס ברענגט דער קריג די מענטשן? ער האַלט, אַז קריגער זענען מיאוסע באַשעפענישן. ווי אַזוי קאָנען אים דאָס די קריגערישע נאַטורן פאַרגעבן, אַז קעמפן איז ביי זיי געוואָרן דער אידעאַל פון לעבן? אָן קריג פילן זיי זיך ליידיק, איבעריקע נולן אויף דער וועלט, מאָדער־נע באַרבאַרן. זיי האָבן נאָך דעם מענטשלעכן גאָט נישט פאַרשטאַנען. ראַל־ניק האָט זיך אַריבערגעהייבן איבער זיי. ער האָט זיך געשאַפן זיין אייגענע קולטור, זיין פּערזענלעכן הימל און זיין גאָט. ער האָט זיך דערווייטערט פון דער קריגערישער ערד. ער ווייסט, אַז פון אַלע פּלענער, אַמביציעס און קרי־געריין, וועט סיי ווי גאָרנישט אַרויסקומען:

א שינדל, אַ פענצטער, אַ ברעט,
און האַמער און מייסטער און שלאָג,
אין איילעניש בינד זיי צונויף, —
עס טונקלט, עס זעצט זיך דער טאָג.

עס זעצט זיך, עס טונקלט דער טאָג,
און פּלוצלינג קאָן קומען די נאַכט. —
דו שטייסט אַ פאַרלאָרענער אין פעלד —
דו האָסט דיין געצעלט נישט געמאַכט.

א ברעטל, אַ שינדל, אַ ראַם, —
ס'וועט גאָרנישט אַרויסגיין דערפון;
דיין הויז וועט צעטראָגן דער ווינט
נאָך איידער ס'וועט אויפגיין די זון.

דאָס שיינט צו זיין אַ צו־פּאַטאַליסטישע מעטאַפיזיק, וואָס פאַרשטעלט אייך אויף אַ וויילע דאָס ליכט פון לעבן, אָבער מיט דעם צוועק, איר זאָלט דער־נאָך זען פיל שטאַרקער און עס מער ליב האָבן. דאָס איז אַ מענטשלעכע, לי־רישע מעטאַפיזיק, וואָס הייבט אָן מיטן גרויסן טרויער און ענדיקט זיך מיט אַ טרייסט. דער גרונט־געדאַנק איז, אַז אַלץ איז שלעכט. אָבער אויב אַלץ איז שלעכט, מוז אויך אַלץ זיין גוט. ווייל עס קאָן נישט זיין ערגער. עס איז נישטאָ קיין פאַרגלייך. אויב מ'נעמט אָן אַז ס'איז דאָ גוטסקייט אויף דער וועלט, עפנט מען אַ טיר פאַר אַנטוישונג, ווייל דערנאָך קומט אומגעריכט די דעסאילוזיע. נעמט מען אָבער אָן, אַז אַלץ איז שלעכט און מוז זיך ענדיקן שלעכט, דאַן קאָן מען נישט אַנטוישט ווערן. מיט דעם אָנערקענען דאָס שלעכ־

טע, האָט איר שוין דאָס שלעכטע טיילווייז באַזיגט. איר האָט דערזען דאָס אומפאַרמײַדלעכע און געקאָנט ווערן גלייכגילטיק דערצו. איר קוקט אויפן לעבן מיט דער דערפאַרונג פון אַ מענטש און טייוול צוזאַמען. עס איז אפשר נישט קיין פּאָעטישער קוק, לויט דעם נאַאיוון באַגריף וואָס אַ פּאָעט דאַרף זיין, אָבער דאָס איז דער קוק פון אַ הײַנטיקן דערפאַרענעם, רייפן מענטש.

ראָלניק דער פּאָעט האָט זיך אַנטזאָגט צו קוקן אויף דער וועלט דורך נאַאיווע פּאָעטישע ברילן. ער האָט צופיל געזען ער זאָל קאָנען זיין אַ פלאַכער אָפּטימיסט; צופיל טראַגישעס האָט ער איבערגעלעבט, ער זאָל זיך קאָנען אָפּנאַרן מיט אילוזיעס. נאָך פיל ליידן קומט מען צו ד ע ס א י ל ו ז י ע און צו פאַרנייגונג. ראָלניק איז דערפאַר אַ גרויסער פאַרנייגער. ער פאַרנייגט אַלץ וואָס איז נישט עכט־מענטשלעך, וואָס איז נישט דירעקט פאַרבונדן מיטן אמתדיקן לעבן, כאָטש ער איז דער עקסטרעמסטער אידעאַליסט. זיין פאַרנייגונג קומט פון דעם פאַרלאַנג צום ערשט אויסצוהוילן די וועלט, דערנאָך זי צו קאָנען אָנפילן מיט אַ בעסערן אינהאַלט.

וואָס איז דער אינהאַלט פון דער וועלט?

דעם גייסטס אומאָנטאַפּלעכטער חלום. אָבער כדי צו דערגיין צו דעם חלום, מוז מען אוועקגיין פון אַלע רעאַליטעטן און בייזקייטן. מען מוז אַליין ווערן אַזוי צאַרט ווי אַ חלום. דעמאָלט קאָן מען זיך באַהעפטן מיטן חלום פון דער וועלט; דעמאָלט איז דאָס פאַרגיין פונקט ווי דאָס זיין נישט קיין שרעק, נאָר אַ באַהעפטונג. די באַהעפטונג קומט פון דעם אָנפאַרטרויען זיך דעם אומבאַקאַנטן.

אין דעם ליד זעט מען שוין דעם ערשטן טראָט דערצו:

די צייט איז קורץ; די זון פאַרגייט;
די שאָטנס שווינדן פון די ווענט.
די שיפל וואַרט; פון אומגעדולד
דער אַריבערפירער רייבט די הענט.

די צייט איז קורץ; נישט פּאַק זיך לאַנג,
און וואָס דו האָסט איז אויך צופיל...
דער טייך איז גלאַט, דער שיפער פליַנק,
דער גאַנצער וועג — אַ קינדער־שפּיל.

אַט קומט אַרויס די טונקעלע נאַכט
און טייך און הימל ווערן בלוי.
די שיפן וואַרט; דער שיפער רופט:
אַ גוטע נאַכט! אין אַ גוטער שעה...

ווי שיין דאָ איז געשילדערט דער איבערגאַנג צו דעם אומבאַקאַנטן. ווי מילד דאָס מיסטעריעזע ווערט צו דעם, וואָס הערט זיך אויף צו שרעקן און צו ראַנגלען. „דער גאַנצער וועג — אַ קינדערשפּיל".

אין דעם ליד איז ראַלניק דערגאַנגען צו דער העכסטער גלייכגילטיקייט. ער האָט שלום געמאַכט מיט דעם אומפאַרמיידלעכן. ער איז געוואָרן רואיק און פריינטלעך אַפילו צום אייביקן טראַגיזם. ער שרעקט זיך מער נישט פאַר דער „טונקעלער נאַכט". די נאַכט ווערט שיין. „טייך און הימל ווערן בלוי" און די נשמה זאָגט:

„אַ גוטע נאַכט! אין אַ גוטער שעה..."

אָבער נישט בלויז צום טויט איז ראַלניק געוואָרן גלייכגילטיק, נאָר אויך צו די וועגן פון לעבן. ער וויל זיך מער נישט ראַנגלען און זיגן. וואָס האָבן אַלע זיגן פאַר אַ ווערט? אויב ס'איז דאָ אַ זיגער, מוז דאָך זיין אַ באַזיגטער... וואָס פאַר אַ רעכט האָט איין מענטש צו באַזיגן אַ צווייטן? מיר זענען דאָך אַלע פאַרוויקלט אין איין גרויסן פּלאָנטער... פאַרבלענדט פון איין גרויסער אילוזיע... בלויז דער נאַר שטרעבט צום זיג. ווייל פיל מאָל איז דער באַזיגטער גאָר דער זיגער, און דער זיגער — דער באַזיגטער. נאָך וואָס דער גאַנצער נאַרישער שפּיל? ער לאַכט זיך אוים פון די נצחונות פונקט ווי ער פאַראַכט די מלחמות:

„וואָס גייט מיך אָן אייער מלחמה,
וואָס קומט מיר פון אייער נצחון,
און ווערט איר די זיגער — פאַרגעסט איר
וואָס נעכטן נאָך האָט איר פאַרשפּראָכן.

און ווער ס'זאָל נישט טרייבן דעם וואָגן,
אַריבערגיין וועט דאָך מיך יעדער,
און ליגן וועל איך אַלץ פון אונטן,
און בלוטן פון צווישן די רעדער".

דער איינציקער מענטש קאָן נישט קאָנטראָלירן די רעדער פון דער געזעלשאַפט. דער מענטש פירט נישט דאָס לעבן. אַלץ איז אין די מיסטעריעזע הענט פון צופאַל, כאָטש דער צופאַל איז אומפאַרמיידלעך. האָט זיך ראַלניק דעם האַר פון צופאַל איבערגעגעבן, זאָל ער אים פירן; **ווייל אויך דער צופאַל פירט.**

נאָר אויב מיין שיף וועט ערגעץ קומען,
איז נישט מיין שולד:
אין קראַנקער אומגעדולד
האָב איך די זעגלען געריסן,
שטיק נאָך שטיק;
מיט מיינע ציין די שטריק צעביסן,
שטריק נאָך שטריק;
און אויסגעהאָלפן בלינד
מיין פיינט, דער אינד.
און אויב זי וועט מיך ערגעץ ברענגען
נישט לאָז אויף מיינע אַקסלען הענגען
די ברודנע תכלית-זינד,
איך שווער דיר, גאָט:
כ'בין ריין. דאָס האָט
געטון דער פיל-קאַפּריזנער ווינט.

ראָלניק האָט פיינט דעם וועלטלעכן תכלית זוכן. ער בעט:

„נישט לאָז אויף מיינע אַקסלען הענגען
די ברודנע תכלית-זינד".

זיין תפילה צו גאָט איז: וואָס ער וועט נאָר ז ו כ ן זאָל ער אים נ י ש ט צושיקן אויף זיין וועג. ער וויל בלייבן מיט אַ שטענדיקן באַגער, מיט אַן אייביקן ווילן צו דעם אוממעגלעכן...

און דאָ קומען מיר צו ראָלניקס אַ נויטווענדיקן ווידערשפּרוך, צווישן ו י ל ן און ר ע ז י ג נ אַ צ י ע. אָבער דער ווידערשפּרוך איז בלויז אַ זיגזאַגישער אמת. ווייל רעזיגנאַציע טויט נישט דעם ווילן. ער הערט בלויז אויף צו זיין היסטעריש, און פאַרוואַנדלט זיין ציל אין אַן אומענדלעכן אידעאַל... דערפאַר קאָן ער מיט זיין גרויסן ווילן זיך פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט:

אויף גאָטס באַראָט! זאָל ער מיך פירן
וואוהין ער וויל, און ווי ער וויל...
איך וועל אַנטקעגן זיך נישט שטעלן,
און ווי אַ קינד אים נאָכגיין שטיל.

אויף שפּיצן בערג אין טיפע תהומות,
מיט אויגן אָפענע — דאָך בלינד —
אין לאַגער פון די ווילדע חיות;
דער טאַטע פירט — וועט גיין דאָס קינד.

ווען מען זעט אזא ליד אויפן פאפיר, קאן זיך אויסדאכטן אז דאס איז זייער לייכט צו שרייבן. אבער דאס איז א טעות. אזעלכע זאכן שרייבט מען נישט, מען מוז זיי ד ו ר כ ל ע ב ן... ראלניק האט זיך דערלעבט צו זיין ווייזהייט, צו זיין פיעטעט. זיין פרומקייט איז נישט קיין פאזע, נישט קיין אנשטעל לויט דער מאדע, נאר ער איז דערצו דערגאנגען, פונקט ווי אלע הייליקע, פונקט ווי אלע מארטירער פון לעבן...

— 4 —

דיכטונג, ווי א לעבעדיקער מענטש, איז מיט לויטער ווידערשפרוכן. דערפאר איז אוממעגלעך דורכצופירן א לאגישע, גלייכע ליניע אין א דיכטערס שאפן. ווייל די דיכטונג וואס רעפלעקטירט דאס לעבן, גייט קיין מאל נישט אין קיין ליניע, לויט דער פארמאלער לאגיק, נאר אין געדרייטקייטן, אין זיגזאגן.

ראלניק איז פול מיט ווידערשפרוכן, אזוי ווי דאס פארפלאנטערטע לעבן פון מענטשן. איין ליד איז דער קעגנאיז צום צווייטן. אט איז ער אין גאנצן פראטעסט, און באלד לויטער רעזיגנאציע; אט נקמה, און באלד פארגעבונג; אט איז ער האפענונגלאז און דערשראקן, און באלד פול מיט פארטרויען. דאכט זיך אז ער רעדט זייער באשיידן, האלט זיך „שפלער פון גראז אין פעלד", אבער אונטער די אלע רייד באהאלט זיך דער שטאלץ פון דעם איידעלן מענטש. זיין באשיידנקייט איז בלויז א פ א נ צ ע ר. אונטער זיין פאנצער האלט ער זיינע סארקאסטישע פיילן, און דאן, ווען ער האט שוין צעטומלט זיינע שונאים, קומט ער ארויס און באווייזט ווער ער איז:

כ'בין א קעניג. מיינע לענדער
ציען זיך אויף טויזנט מיילן;
קוקט נישט קיינער — וואס איך האב נישט
וואו א שטונדע צו פארווײלן.

כ'בין א קעניג. שטעט, געמיינדעס
קומען מיר אנטקעגן גריסן.
קוקט נישט, וואס איך שלעפ זיך איינזאם,
גיי צופוס און אפגעריסן.

כ'בין א קעניג. האב א הארעם
פול מיט יונגע שלאנקע פרויען.
קוקט נישט... קוקט נישט... איך דארף קיינעם
מיינע טרוימען צו פארטרויען...

דאָ האָט זיך ראָלניק דערהויבן איבער זיך. ער האָט מיט אַמאָל דערזען זיין צווייטע געשטאַלט, זיין אמתדיקן „איך”... און די זע־אונג האָט אים געשטאַרקט, אים צוגעגעבן שוואונג. ער האָט דערפילט, אַז ער איז מער נישט דער „איינזאַמער בחור”, נאָר אַ פאַרשטעלטער קעניג:

„אינקאָגניטאָ אומגעוואַנדלט
האָט אַ קעניג שוין נישט איינער”.

שיין ווי די פערלדיקע ציין ביי אַ יונג מיידל זענען די האַפּיז־גע־אַנגען. די לידער האָבן אַזאַ פיינעם קלאַסישן טאָן, אַז אייניקע האָבן געמיינט, אַז דער דיכטער האָט זיי איבערגעזעצט פון אַן אַנדער שפּראַך. אָבער די האַפּיז־לידער זענען פּונקט אַזוי אָריגינעל ווי זיינע אַנדערע לידער. ראָלניק האָט בלויז גע־נומען אייניקע פרעמדע פאַרבן, ווי די נעמען: האַפּיז, סאַהיד, סאַקי און אַז”וו. אָבער דער אינהאַלט איז אין גאַנצן זיין אייגענער. די לידער האָבן אַ פּאָלעמיש־סאַטירישן הינטערגרונט. דער צוזאַמענשטויס צווישן פּיליסטער און קינסט־לער, קאַריעריסט און דיכטער. אָנגערעגט פון זיינע קעגנער און שונאים, אי־ראָניזירט ער זייערע אויפגעבלאָזענע פּוסטקייט און הומאָריזירט זייער טעמפּ־קייט און ענגהאַרציקייט. אָבער ווי געלייטערט זענען ביי אים געוואָרן די מאָטיוון.

ראָלניק האָט אין די לידער דערפילט זיין שטאַרקייט. ער איז געוואָרן פרייער און זיכערער מיט זיך. ער האָט געקראָגן כוח זיך אויסצולאַכן פון זיינע „נישט־פאַרגינערס”. ער איז אַוועק ווייט פון זיי, און מיט זיין שטילקייט גע־רעדט העכער פון זיי:

האַפּיז האָט נישט צו באַצאָלן
פאַר אַ קריגל פּראָסטן וויין.
האַפּיז זאָל דערפאַר נישט זינגען?
וועט זיין ליד נישט האָניק זיין?

האַפּיז מעג אויך הייוון טרינקען, —
האַפּיז מאַכט פון הייוון וויין;
האַפּיז מעג אויך גאָרנישט טרינקען, —
וועט זיין ליד נאָך זיסער זיין.

נישט־פאַרגינערס! האַפּיז’ס שונאים!
שפּאָרט נישט האַפּיזן קיין וויין.
אונטער אַ פאַרשלאָסענעם הימל
וועט זיין ליד נאָך זיסער זיין.

ווי שארף די ווערטער זאָלן ביי ראָלניקן נישט זיין, רייצן זיי אייך נישט אויף, מאַכן אייך נישט פאַרביטערט, נאָר זיי לאָזן נאָך זיך אַ גוטן טעם, ווי די ווערטער פון אַ חכם.

— 5 —

מיט ראָלניקן קומט די אמתע יידישע ליריק אין אַמעריקע. זיינע רעליגיעזע לידער זענען די שענסטע וואָס מיר האָבן אין דער יידישער פּאָעזיע. ער גיט אונדז נישט קיין לאַנגע פּאָעמעס, זיינע לידער זענען ע ס ע נ צ ן פ ו ן ד ע ר נ ש מ ה, קאָנצענטרירטע לעבנסווייזהייטן, אויסגעלייטערטע תפילות צו דעם אומבאַקאַנטן.

ביי ראָלניקן ווערט דאָס מאַטעריעלע געהייליקט דורך דעם גייסטיקן. דער גייסט מאַניפעסטירט זיך דורך דעם שטאָף, אַזוי ווי אין לעבן. ער האָט דעם כוח צונויפצובלענדן די אויסערלעכע וועלט מיט דער אינערלעכער וועלט. ער רעדט וועגן „וואָכעדיקע קליידער", „וועגן אַ הויז", „וועגן אַ וואָרעם בעט", „וועגן שיך". ער מאַכט נישט קיין אָנשטעל פון קיין רייכן, זיין אָרעמקייט איז זיין רייכטום. ער קאָן זאָגן צוזאַמען מיט דעם הייליקן פראַנסיס:

„די וואָס האָבן גאָרנישט, האָבן אַלץ".

ראָלניק האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט, אָבער אין וואָכעדיקע קליידער. און די, וואָס אורטיילן אַ מענטש לויט זיינע קליידער, וועלן אים נישט דערקענען. קוקן דאַרף מען נישט אויף די קליידער, נאָר ד ו ר ך די קליידער, און זען דאָס אויפגעדעקטע האַרץ דורך וועלכן עס איז דורכגעגאַנגען דאָס פאַרקנוילטע, מיסטעריעזע לעבן.

ראָלניק איז קיין מאָל נישט געווען קיין קאַלטער צוקוקער. ער האָט געזען אינטענסיוו, פּונקט ווי ער האָט געפילט אינטענסיוו. וואָס ער האָט געזען איז געוואָרן געלייטערט אין אים. ער האָט זיך געגריבלט אין אַלץ. געזוכט דעם סוד פון די געוויינלעכסטע דערשיינונגען, און געדענקט איבער די טיפסטע פּראָבלעמען. דערפאַר איז ער אַזוי רייך אין געדאַנקען. אָבער זיינע געדאַנקען ווערן אַלע מאָל געטובלט אין אַ לירישן געפיל. אפילו דער געפיל פון קנאה, וואָס מענטשן האָבן אַזוי פיינט ווען זיי דערזעען עס ביי אַנדערע, ווערט ביי ראָלניקן געלייטערט. איבערצוגעבן אַזעלכע עקסטרעם-פּערזענלעכע געפילן איז זייער געוואַגט. מען דאַרף זיין שטאַרק, מען דאַרף האָבן צוטרוי צו אַ העכערער מאַכט; דאָס הייסט פאַר דער גאַנצער וועלט זאָגן ווידוי. דאָס מיינט נישט פאַראַדירן מיט דער אייגענער קליינלעכקייט, ווי אייניקע ווילן עס שלעכט אויסטייטשן — דאָס איז מענטשלעכע גרויסקייט, און גרויסע מענטשלעכקייט. די

העכסטע אויפריכטיקייט. אויסלייזונג דורך ווידוי — דאָס איז דערהייבונג; דער זיג איבער זיך.

די מענטשן וואָס ציִרן זיך אַלע מאָל מיט די שענסטע פּאָעטישע, גלאַנציקע געפילן, זענען זייער פאַרדעכטיק, פאַלש, האַלביק און נישט מענטשלעך. אין ראָלניקס לידער זעט מען דעם מענטש מיט אַלע מעלות און חסרונות; מיט די טונקלסטע און העלסטע געפילן, מיט זינדיקע געדאַנקען און די דערהייבנסטע פאַרלאַנגען. אַלץ אינאיינעם — געדאַנקען און געפילן, גייען ביי אים צוזאַמען. ער איז אַן אמתער אינטראָספּעקטיווער דיכטער. ער נעמט אַלץ דורך זיך, פּונקט ווי יעדער עכטער ליריקער.

זיינע שטילע ליבע־לידער, זענען מיט זייער אינטענסיוויקייט און קורצקייט שוין באַלד ענלעך צו די יאַפּאַנעזישע האָקו־פּערזן. זיי זענען ווי קליינע טירעלעך וואָס פירן אין אַ גרויסן פּאַלאַץ:

געשלאָגן האָט מיין האַרץ ווען איך
בין צו דיין הויז געגאַנגען,
אַזוי ווי ס'וואָלט דער וועלט־זייגער
אין ברוסט ביי מיר געהאַנגען.

ווען איך בין געגאַנגען פון דיין הויז,
איז מיר דאָס האַרץ פאַרגאַנגען;
איך האָב דיך נישט געזען — עס איז
דער זייגער אויסגעגאַנגען.

ראָלניקס ליבע־געזאַנגען זענען נישט ביטערלעך זיס, נישט וואולגאַר, נישט שרייענדיק, נישט קיין צופיל אָפענע, צעלאָזענע; נאָר ציטערדיקע טענער, אמת־יידישע, תפילות, אָדער פאַרגעבונגען:

„האָסט גוטע מינוטן געשאָנקען,
און מער נאָך מיר שלעכטע געגעבן.
די שלעכטע זאָל דיר גאָט פאַרגעבן;
איך וויל נאָר די גוטע געדענקען".

טייל לידער זענען שעמעוודיק, סוגעסטיוו, און רעגן־אַן שטומערהייט מיט באַהאַלטענע געפילן:

אַ שליח וועט היינט צו דיר קומען,
דאָס האָב איך געשיקט אים צו דיר;
ער ברענגט דיר אַ זאַק מיט מתנות, —
פאַררייגל פאַר אים נישט די טיר.

ער ברענגט דיר אַ זאַק מיט מתנות, —
איך האָב זיי געזאַמלט, געהיט;
ער וועט צו די פיס זיי דיר לייגן, —
פאַרשעם מיין שליח כאָטש ניט.

טייל ווידער זענען זייער אָפנהאַרציק, אָבער אַזוי אומשולדיק, אַזוי קינדיש־נאַאיוו, ווי דאָס האַרץ אַליין וואָלט גערעדט:

און האָסטו מיר נאָך עטוואָס ליב —
טאָ קום צו מיר;
און האָסטו מיטלייד אין דיין האַרץ —
זיי גוט צו מיר.

מיין האַרץ איז אויפגעראַמט אויפסניי —
פאַר דיר אַליין;
און ביסטו טויב פאַר אַלץ — טאָ הער
כאָטש מיין געוויין.

אַמאָל כאַפּט זיך ביי אים אַריין אַ בייסנדיקע איראָניע. אָבער די איראָניע ווערט געמילדערט דורך זיין טרעפנדיקער קלוגשאַפט:

פון אונדזער ליבע

פון אונדזער ליבע איז קיין דור,
קיין זכר ניט געבליבן,
אַ חוץ אַ לידער־ביכעלע,
פאַרגעלט און אָפּגעריבן

ווען דו וועסט זיין אַן אַלטע פרוי,
וועסטו די קינדער דיינע
די לידער ווייזן, טראַכטנדיק:
„אויך דאָס איז — קינדער מיינע".

און ווען דיין ליבסטער אייניקל
וועט, קומענדיק פון חדר,
איינטאָניק, קינדיש חזרן
זיי אײנס נאָך אײנס כסדר, —

וועסטו אים אונטערזאָגן דאָס,
וואָס ניט דערזאָגט געבליבן;

דו ווייסט דאָך בעסער פון דעם בוך,
ווי ס'דאַרף דאָרט זיין געשריבן.

אין דעם ליד אָטעמט דער דיכטער... ראָלניק.

פאַראַן לידער אין וועלכע ער האָט אריינגעהויכט דעם עסענץ פון פולע יאָרן לעבן. טעכניש זענען די לידער נישט פערפעקט. זיי לייענען זיך אפילו שווערלעך, אָבער דערפאַר זענען זיי אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען זעט דורך זיי דורך דעם טראַגישן מענטש.

ווער ווייסט, אפשר טראַכטן די טישן,
די בענק, וואָס מיר זיצן אויף זיי;
עס טוט ווי דעם שוועל, וואָס מיר טרעטן
און ס'קלאָגט זיך אין בעטל די שטרוי.

ווער ווייסט, אפשר יעטווידער שטיינדל
און יעטווידער זעמדל אויף דר'ערד,
וואָס עס טרעט אונדזער פוס, וואָלט געשריען,
ווען גאָט וואָלט אַ שפּראַך אים באַשערט.

און מיר, וואָס פאַרטויבן די הימלען
מיט אונדזער געוויין און געשריי —
מיר זענען נאָר זאַמד אויף די וועגן
און געלע צעבראָכענע שטרוי.

וויפל ווייזהייט איז דאָ אין דעם ליד. אַזאַ אמתע קלוגשאַפט קומט פון אַ סך דערפאַרונג, פון אַ סך ליידן. אמת, די דערפאַרונגען האָבן אים גע־מאַכט טרויעריק, און געשאַרפט זיין סאַרקאַזם. די דערפאַרונגען האָבן אים אָבער געלייטערט און געפירט צו דער אמתער לעבנס־ווייזהייט, צו אַ פערזענ־לעכן וועלט־בליק.

אויך די פאָרם איז ביי ראָלניקן אַ פערזענלעכע.

פאָרם און אינהאַלט איז ביי אים אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן. מען פילט ביי אים קיין מאָל נישט באַזונדער די טעכניק, פונקט ווי ביי אַ גוטן מאָלער פילט מען נישט די פאַרב. און ביי אַ גוטן פידל־שפּילער הערט מען נישט דעם בויגן.

ראָלניק שרייבט אַזוי ווי ער אָטעמט. דערמיט איז ער מיט זיינע געשלאָסענע פערזן נענטער צום פרייען פערז, ווי פיל פון די וואָס שרייבן פאַטענטירטע פרייע פערזן. דאָס מעג פאַר איינ־קע אויסזען אַ פאַראַדאָקס, אָבער דאָס איז לייכט איינצוזען פאַר די וואָס פאַר־

שטייען דעם זין פון פרייען פערז. ביי ראַלניקן איז נישטאָ קיין פוסטע ווערטער, קיין אויסגעצויגענע פאַרגלייכונגען. ער צעציט נישט אַ געדאַנק אין אַ סך שורות, און בעט איר אונטער מיט גראַמען. ראַלניק איז קאָנצענטרירט. ער רעדט מיט ווייניק ווערטער און זאָגט אַ סך. ביי אים איז נישטאָ די פּאָעטישע וואַטע, וואָס מען געפינט ביי די עלטערע דיכטער. זיינע לידער זענען ווי פיינע העלפאַנטביין־שניצונגען פון יאַפּאַנישע קינסטלער.

ראַלניק האָט אַ זעלטענע אינטואיציע אונטערצושיידן, וואָס איז וויכטיק אין אַ ליד און וואָס נישט. ער רעדט אַלע מאָל וועגן פונדאַמענטאַלע זאַכן. זעלטן טרעפט מען ביי ראַלניקן אַ דעפעקטיוון פערז. אַמאָל האָט ער אַן אינווערסיע צוליב אַ גראַם, וואָס מאַכט קאַליע דעם נאַטירלעכן בוי פון זאַץ. אַמאָל ווערט אים ענג אין ריטעם, רייסט ער אַרויס מיט געוואַלד אַ זילב. אַנשטאָט וועלפּישע אויגן, מאַכט ער „וועלפּ׳שע", און דאָס מאַכט הינקען די שפּראַך.

אָבער דאָס זענען אויסנאַמע צופעליקייטן. געוויינטלעך איז ראַלניק נישט אַרטיפיציעל. נישטאָ ביי אים די מעכאַנישע טעכניק. מען זעט נישט ביי אים די נעץ, מיט וועלכע ער זאָל דאַרפן פאַנגען זיינע לידער־פייגל; זיי קומען צו אים אַליין צופליען. ראַלניקס פאָרעם איז זייער אַ פשוטער. זיינע לידער האָבן אַזאַ נאַטירלעכע איינפאַכקייט, אַז איר פאַרגעסט אַז איר לייענט לידער. אין זיין אויפריכטיקייט און פשוטקייט איז ער מער ענלעך צו די כינעזישע דיכטער ווי צו די אייראָפּעאישע.

— 6 —

ראַלניק האַלט, אַז דער סוד פון „פּאָעזיע איז לעבן. דער דיכטער דאַרף לעבן אינטענסיוו, אין זיך. דער אונטערבאַוואוסטזיין זאַמלט־אָן דאָס געלעבטע — פּאָעזיע איז די אַנטפּלעקונג פון דעם אונטערבאַוואוסטזיין". דיכטער, וואָס לעבן נישט קיין אייגענעם טיפן לעבן, קאָנען נישט שרייבן קיין עכטע לידער. ווייל זייער אומבאַוואוסטער „איך" איז ליידיק. זיי מעגן שרייבן אין די קאָמפּליצירטסטע פאָרמען, זיי מעגן ווייזן די עקסטרעמסטע אינאָוואַציעס; דאָס וועט זיי גאָרנישט העלפן. לידער מוזן קומען פון דעם דיכטערס פערזענלעכע איבערלעבונגען. „אַ ליד מוז דורכגיין דורכן האַרץ".

ס׳איז נישט קיין גרויסער אונטערשייד — פרייע פערזן, צי געשלאָסענע פערזן. די הויפּט זאַך איז דאָס אינערלעכע ליד.

„נאָר גאָר אַ גרויסער דיכטער מעג שרייבן פרייע פערזן. ווייל פרייע פערזן צו שרייבן גוט, איז שווערער ווי נישט־פרייע; שלעכ־טע פרייע פערזן איז לייכטער ווי געשלאָסענע“.

„שלעכטע פרייע פערזן־שרייבער זענען פונקט ווי די, וואָס גייען מיט אויפגעשנורעוועטע שיך; ווי מענטשן וואָס גייען לויט דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, אַזוי ווי עס לאָזט זיך. דער דיכטער, וואָס שרייבט פרייע פערזן איז ווי אַ שיכור — ער האָט נישט וואָס ס'זאָל אים געבן די גלייכגעוויכט“.

„אַ ליד דאַרף זיין ווי אַ ראָד: פון דרויסן דאַרף זיין אַ רייף, וואָס זאָל פעסט צוזאַמענהאַלטן די באַזונדערע פלעקלעך, אַז נישט, ווערט דאָס ליד צע־פלאָסן, אויסער ביי גרויסע מייסטער. זיי מעגן שרייבן אויף יעדן שטייגער. אין וועלכער פאָרעם אַ גרויסער דיכטער וועט שרייבן, וועט זיין גוט. ווען מען לייענט „די ספּון ריווער אַנטאָלאָגיע“ פון עדגאַר ל. מאַסטערס, פילט מען אַזוי ווי די לידער וואָלטן געווען מיט גראַמען. מאַסטערס איז אַזוי רייך אין אינ־האַלט און אַזוי קאָנצענטרירט אין פאָרעם, אַז מען קריגט דעם איינדרוק ווי זיינע לידער וואָלטן געווען געשריבן אין געשלאָסענע פערזן“.

אין דער אמתן איז נישטאָ קיין ליטעראַרישע אינאָוואַציעס. אַלע פאָר־מען זענען אַלט און אַלע מאָל ניי. יעדער אָריגינעלער דיכטער ברענגט מיט זיך זיין כאַראַקטעריסטישע פאָרעם. פאָרמען מאַכט מען נישט, זיי ווערן געבוירן! און די וואָס מען מאַכט, האָבן נישט קיין ווערט!...

— — — — — — — — — — — — — —

ווי מיר זעען, באַלאַנגט ראָלניק נישט צו די עקסטרעמע מאָדערניסטן אין דער פּאָעזיע. ער איז מער אַ קלאַסישער דיכטער, אַזוי ווי די עכטע ליריקער פון דער וועלט. ער איז נ יי מיט זיין אייגנאַרטיקן אינהאַלט, מיט זיין פאַרפערזענלעכטער וועלט, מיט זיין עקסטרעמער וועלט־אַנשויאונג קעגן דער וועלט, מיט זיין פאַרברוגזטע לעבנס־עמפינדונג קעגן דעם היינטיקן לעבן.

ער איז ביי אונדז ניי אַלס אַ פאַרענדיקטע געשטאַלט, אַלס איינער וואָס שפּיגלט מיט זיך אָפּ אַ גאַנצן פּעריאָד — אַלס אינטערעסאַנטע דיכטערישע פּערזענלעכקייט.

(„די פעדער“, אויגוסט, 1920)

א. אלמי

ראָלניקס שטערן

(עטלעכע שטריכן)

פון אַלע שטערן האָט זיך ראָלניק אויסגעקליבן דעם שטערן נ ו י ד, — אַן אומבאַקאַנטער, ווייטער, פרעמדער שטערן. יעדער מענטש האָט זיך זיין שטערן, זיין מזל, און ראָלניק האָט דעם שטערן נ ו י ד, צו וועלכן ער בעט „אי פרי, אי שפּעט". דאָס איז דאָך דער שטערן, וואָס האָט ראָלניקן כסדר באַגלייט אויף זיין לאַנגן, אומעטיק־גרויען וועג, וועמעס בלאַסער שיין ציטערט דורך אַלע זיינע לידער, נאָר פריער האָט ער נאָך זיין נאָמען נישט געוואוסט. זיין אייגן מזל נישט אָנרופן געקאָנט. נאָר ערשט ערב דעם אויפגאַנג פון אַ נייעם מאָרגן, ווען „עס וועלן אַנדערע (מאָרגן פרי) דעם וואַלד פאַרקלינגען מיט געזאַנג", האָט ער דעם שטערן זיינעם דערזען און זיין נאָמען ד ע רפ י ל ט. איצט ווייס ראָלניק, אַז

דער שטערן נויד
הענגט איבער מיר.
דער שטערן נויד
וואַכט איבער מיר.

דער שטערן נויד,
ער דרינגט אַריין
דורך אַלע ווענט
און שענקט זיין שיין.

און וועמעס זון
עס איז פאַרשטעלט,
און וועמעס ציל
עס איז פאַרפעלט, —

צום שטערן נויד
זאָל זיין געבעט
ווי מיין, זיין
אי פרי, אי שפעט.

דאָס קליינע ביכעלע ראָלניקס, „צום שטערן נויד" (פאַרלאַג „אידיש", ניויאָרק, 1922), איז דער קווינטעסענץ פון ראָלניקס שאַפן. דער דיכטער גיט אונדז דאָ נישט בלויז זיין אייביקן אומעט, נאָר אויך דעם סוד פון זיין אומעט; אין די פריערדיקע לידער זיינע האָט ראָלניק נאָך געזוכט, דאָ האָט ער שוין געפונען. פריער האָט דורך זיינע לידער, די אומעטיק־שטילע, צייטנווייז דורכגעלייכט אַ שמייכל פון דערוואַרטונג, האָפענונג, ווייטערדיקע אילוזיע. אין די פיר־און־פערציק קליינע לידער „צום שטערן נויד", דערוואַרט ער שוין גאָרנישט. ער האָט שוין דערגרייכט און ווייס, אַז עס איז נישט געווען וואָס צו זוכן, נאָך וואָס זיך צו יאָגן, הבל־הבלים...

צוואַנציק יאָר אַרומגעוואַנדערט
און געזוכט אַלץ גליקלעך לעבן.
צוואַנציק שטיוול־פּאָר צעריסן
און דעם וועג נישט אויפגעגעבן.

— — — — — — — — — — — — — —

צוואַנציק יאָר אַלץ נאָכגעיאָגט אים
און דעם וועג נישט אויפגעגעבן;
אויף דעם צוואַנציקסטן און איינעם
האָב דעריאָגט איך גליקלעך לעבן.

ביי אַן אויסגעגאַנגען פייער,
וואו עס שיידן זיך די וועגן,
ווי דער שוואַרצער שייטער־הויפן,
איז ער טויט און קאַלט געלעגן.

און ביי דעם „אויסגעגאַנגענעם פייער", דער פאַרשוואונדענער אילוזיע, הויבט דער דיכטער אויף די אויגן צום הימל, וואו עס פינקלען אַזוי העל די מילי־מיליאָסן שטערן, און צווישן זיי דערזעט ער אַ בלאַסן, אומעטיקן, אייביק־בלאַנדזשענדיקן שטערן, און ער דערקענט זיין מזל, זיין שטערן, דער שטערן נויד; אויף דער ערד „אַן אויסגעגאַנגען פייער" און אויפן הימל אַ ווייטער, זיך שוין לעשנדיקער שטערן, און דער דיכטער ציט־אונטער דעם סך־הכל פון זיינע לידער:

עס זענען לידער פיל דאָ
פון דורשט און זאַט, געיעג און פאַנג.
נאָך אַלע לידער קומט דאָס ליד,
דאָס לעצטע ליד פון אונטערגאַנג.

נענטער צו דיר, צו דיר
ציט זיך מיין איינזאַם נאַכט־געזאַנג.
פאַרגעס, מיין גאָט, פון טיפן גרונט
מיין טיפע ליד פון אונטערגאַנג.

וואָס בלייבט איצט פאַרן דיכטער פון אומעט, פון אייביקער מעלאַנכאָליע? — צו נעמען דאָס פעקל און אַ היים פאָרן פון יאַריד:

איך בין אַן אַלטער, אַלטער ייד
און פאָר אַהיים שוין פון יאַריד.

אַ ביסל קראַנק, אַ ביסל מיד;
נאָר צום יאַריד דאָך האָב איך נישט.

ראַלניק האָט צו קיינעם נישט. איז נישט פאַרביטערט, שעלט נישט. ווייס, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין, און ער טרייסט זיך נאָך:

עס קאָן נאָך זיין מיין לעצטן וואָגן
וועט עמיצער אַ גוט וואָרט זאָגן.

איז גוט — אויב נישט — בין איך צופרידן,
אַבי נישט זיין מער אויף יאַרידן.

ראַלניק האָט פיינט יאַריד, טומל. ער איז געקומען אויפן יאַריד האַנדלען, און אַז זיינע מסחרים האָבן זיך אים נישט איינגעגעבן, — איז נישט. ער טראַגט נישט קיין „פאַרדרוס אויף קיינעם", ווייל — דער מאַרק איז נישט פאַר יעדן איינעם"...

און אַזוי איז ראַלניק דער דיכטער אויך דורכגעגאַנגען די יידישע פּאָעזיע: שטיל, באַשיידן, אָן אַ זייט. זיין ליד, נישט באַאיינפלוסט פון די פאַרשידענע שטרעמונגען און ריכטונגען, איז פאַרבליבן אַזוי האַרציק, איינפאַך און קלאָר, ווי אין סאַמע אָנהייב, ווען ראַלניק האָט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור באַוויזן.

* * *

דאָס קליינע, באַשיידענע ביכעלע „צום שטערן נויד" איז אַ „ראַבידראַ־יאַט" פון אומעט, מרה־שחורה און רעזיגנאַציע — אין 44 געזאַנגען, וואָס דרינ־גען טיף אין דער נשמה אריין, ווי תפילות פון די טיפסטע טיפענישן פון אַ צעווייטיקט מענטשלעך האַרץ.

(„פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 16־טן פעברואַר 1923).

יעקב גאָטליב

פון פאָלקס־טאָן צו סימבאָל און וויזיע

(יוסף ראָלניק און זיין לעצט בוך „נייע לידער")

אין יוסף ראָלניקס לידער־זאַמלונג „צום שטערן נויד", אין דעם בוך וואו י. ראָלניקס דיכטונגס־קראַפט דערגרייכט איר צענטראַל־פונקט, געפינען זיך צווישן אַנדערע צוויי לידער. איין ליד הייסט „דער לייב", און אַ צווייט ליד אין דעם זעלביקן בוך „צום שטערן נויד" הייסט „ווי נאָך אַ חתונה". אין זיי געפינען מיר די בולטסטע און רעליעפסטע אָפּשפּיגלונג פון יוסף ראָלניקס דיכטער־וועג, פון זיינע אייגנאַרטיקע פּאָעטישע מעגלעכקייטן.

יוסף ראָלניק געהערט צו די דיכטער אין דער מאָדערנער יידישער ליריק פון אַמעריקע, וואָס האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט, אַ „יחוס־אָבות" נישט נאָר אין טעמאַטישן זין, נאָר אויך אין זין פון סטיל און פאָרעם.

מיר געפינען אין י. ראָלניקס ליד דעם אַלטן ביבלישן סטיל, ווי אויך דעם סטיל פון דער אַלטער יידישער תפלה און — פון פאַרצייטיקן יידישן פאָלקס־ליד.

עפּעס אַן אַלטקייט, אַ פאַרצייטיקייט רעדט אַרויס צו אונדז פון י. ראָל־ניקס לידער־שורות, אין אַזעלכע שורות, ווי —

דער אומגליק זיצט הויך אויף די קאָזלעס.
די פערד, זיי יאָגן ווי דער ווינט.
חלומות־קינדער אויף די וועגן —
דער וואָגן פאָרט זיי איבער בלינד.

איז סיי דער טאָן, סיי דאָס בילד אַלט, פאַרצייטיק.

און דאָס איז טאַקע די הויפּט־אייגנשאַפט פון טיף־אינדיווידועלן און מאָ־דערנעם ליריקער יוסף ראָלניק, וואָס ער האָט צונויפגעשמאָלצן געפילן און אי־

בערלעבונגען פון היינטצייטיקן מענטש אין דער היינטצייטיקער גרויסשטאָט, מיט דעם אַלט־יידישן נוסח.

יוסף ראָלניק באַווייזט, ווי מיט דער סאַמע קאַרגער קנאַפּווערטיקייט, מיטן נאַקעטן, אָרעמען וואָרט, אָן היפּער־מאָדערנע, פּייערווערקישע, גלאַנצפולע מעטאַפאָרן און בילדער, אָן פּאַטעטישן שמינק, — צו דערגרייכן דעם שפּיץ באַרג פון פערזענלעכן, ריין־דיכטערישן אויסדרוק.

ס'איז פאַראַן אַזאַ ליד וואָס רירט אָן באַווירקט אונדז מיט דער וואונ־דערלעכער אוממיטלבאַרקייט פון איר אויסדרוק, מיט דעם טיפן געמורמל פון איר איבערלעבונגס־קוואַל, נישט געקוקט אויף דעם, אין וואָס פאַר אַ לבוש זי קומט אונדז אַנטקעגן.

אַזאַ ליד — איז י. ראָלניקס.

נישט אומזיסט איז איינע פון י. ראָלניקס באַליבטסטע ליד־פאָרמען: די תפילה, דאָס געבעט, דער שטילער, טיפער גאָט־געשפּרעך.

אין אַזוינע תפילה־שורות, ווי:

איך גיי אַרום מיין גאָט
פאַרקלערט און שטיל.
איך זאָג צו אים: איך בין ווייניק
און דו ביסט פיל.

איך בין דער באָרוועסער קנעכט,
דו ביסט דער האַר,
איך בין דער בעטלער, צו דיר געהערט
די לידער שאַר.

האָבן מיר דאָס וואָרט ווי די בריק, איבער וועלכער דעם דיכטערס געפיל גייט זיכער און גלייך אַריבער פון זיין האַרץ אין אונדזערס.

יוסף ראָלניק איבערראַשט אונדז מיט אַ פּשוט וואָרט, מיט אַ וואָכעדיקער שורה, מער ווי ס'איבערראַשט אונדז אַן אַנדערש מאָל אַ דיכטער מיט אַ בליץ־אַרטיק בילד, מיט אַ רענגנבויגנדיקער מעטאַפאָרע.

ווייל י. ראָלניקס וואָרט איז נישט דער ציל אַליין אָן־און־פאַר־זיך. ס'איז דער מעדיום דורך וועלכן ער באַווירקט אונדז מיט זיין געפיל. און דעריבער בלייבן מיר אָפט שטיין אין גרויס וואונדער פאַר י. ראָלניקס ליד, ווי מיר בלייבן אַמאָל שטיין פאַרן קוועלן פון אַ קוואַל אין די בערג, צי פאַרן וואָלקן־גאַנג אין הויכן הימל, צי פאַר דער אויסטערלישער זעאונג פון אַ זונפאַרגאַנג, וואָס שפּילט זיך אָפּ אַ יעדן מעת־לעת און איז דאָך אין יעדן מעת־לעת ניי און אַנדערש און בראשיתדיק.

עפעס פון יענעם וואונדער פון נאטור־דערשיינונגען, וואס זענען יום־טוב־דיק אין זייער וואכעדיקייט, איבערראשנדיק אין זייער שטענדיקן אומאויפהער־לעכן אומקרייז, איז דא אין י. ראלניקס ליד. די פאריומטובדיקייט פון איין דער וואכן — דאס איז דער איינדרוק פון י. ראלניקס ליד. מיט פשוטע, גאנץ געוויינטלעכע שורות שפינט דער דיכטער אויס א פייערלעכע זעאונג; מיט וואכעדיקע, איינפאך־פאלקסטימלעכע גראמען — א סימבאל! וואו ליגט דא דער סוד?

געוויס איז עס איינע פון י. ראלניקס „פערזענלעכע סודות". ס'וועט אונדז אבער ווייט נישט פארפירן, אויב מיר וועלן זאגן אפן: י. ראלניקס כוח איז — דער אמת פון זיין געפיל, די אומגעהויערע עכטקייט פון זיין אויסדרוק.

י. ראלניק שרייבט נישט קיין לידער. ער „זאגט" זיי, ווי א פארצייטיקער ייד האט געזאגט קינות אין א טיפער, שאטנדיקער חצות־שעה: „יעדע ווילע קאן דער הימל פאלן אויף מיין וועג", אדער: „גאט, מיין שיצונג און מיין וואנט"...

אין י. ראלניקס ליד לעבט יענע עכטקייט פון אויסדרוק, וואס מיר געפי־נען ביים ווינט אין זיין נאכט־געוויין; ביים וואסער אין זיין שטראם־פלוס.

דער צייטיקער, פולבלוטיקער געפיל פאלט רייף אין י. ראלניקס לידער־כוס, ווי דער איבעררייפער פרוכט פון בוים אין דעם טיפן, גרינעם גארטן־גראז.

אמת פון געפיל האט דערבראכט צו ראלניקס וועג — פון פאלקס־טאן צו סימבאל און וויזיע.

אין ליד „דער לייב" געפינען מיר טיפן סימבאל פון מענטשלעכן דראנג, פון מענטשלעכן קאמף — איינגעוויקלט אין גאנץ איינפאכע, קלאר־פשוטע פאלקס־שורות. אין ליד „ווי נאך א חתונה" געפינען מיר דאס וויזיאנעריש־אויפשטראלנדיקע אין דער מענטשלעכער בענקשאפט, דער מענטשלעכער ווילן אויפצולעבן און אויפצולייכטן א שיינענדיקע דערשיינונג פון דער פארגאנגענ־הייט — איש.

* * *

אויף אט דעם וועג גייט אויך י. ראלניק אין זיין ניי בוך אונטערן נאמען „נייע לידער".

אין דעם בוך געפינען מיר י. ראלניקס בענקשאפט נאך זיין אלטער היים, ליריש־מאלערישע פייזאזשן פון „ארום מיל". אויך אין אט די לידער־געמעלן פון י. ראלניקס אלטער היים ציטערן די לירישע ליכט־פלעקן ווי העלע זון־רע־דער אויף א גרוי־זאמדיק פעלד.

נישט אומזיסט עפנט זיך דאָס בוך מיט דער תפילה־ליד, פון דער סעריע „ווי פאַר די אויגן״:

גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן,
דאָס זיפּצן פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן, —
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון.

דאָס גאַנצע בוך איז דיקטירט פון איין־און־דעם־ זעלבן געפיל, „זיך צו דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון״. ס'איז אָבער ווייט נישט קיין איבערהזרונג פון שוין־געזונגענע און איבערגעזונגענע מאָטיוון.

י. ראַלניק האָט דאָ פאַרטיפט זיינע געפיל־אויסדרוקן. דאָס איז צו זען קודם פון דעם טיף־לירישן געמיט־שלייער אין וועלכן י. ראַלניק טראָגט אונדז זיינע „נייע לידער״ אונטער.

י. ראַלניק ווערט מער פ ע ר ז ע נ ל ע ך, ס'הייסט דיכטעריש אייגנאַרטיקער, לירישער אין זיין ליד.

ער האָט אַ קליין ליד פון לידער־סעריע „ווי פאַר די אויגן״, וואָס הייסט „אין אַ בלויער זומער־נאַכט״.

אין אָט דעם ליד האָבן מיר שוין דאָס לעבן פון „אַרום מיל״ אין אַ וויזיאָנערישן, לירישן־ליכטיקן שיין. דאָס רעאַליסטיש־שטייגערישע פון דער היים־סביבה קומט דאָ דערהייבן, וויזיאָנעריש. מיר האָבן דאָ דעם פאַרבן־שפּיל פון געמיט אויפן פאָן פון דער בלוי־ווייסער לבנה־נאַכט. פונקט ווי י. ראַלניק האָט מיט זיין סטיל פאַרפערזענלעכט, אינדיווידואַליזירט דעם אַלטן פאָלקס־טאָן האָט דאָ דער דיכטער פאַראייגנט די אַלטע היים־סביבה, גענומען שילדערונג און עס פאַרביטן מיט זעאונג.

אַ צווייטער שטריך לאָזט זיך מערקן אין י. ראַלניקס נייעם לידער־בוך. דאָס איז דאָס אויסבייטן דעם סאַטירישן טאָן אויף דעם ליכטיק־פאַרגעבנדיקן, דינעם הומאָר. די „בייזקייט״ פון י. ראַלניקס סאַטירישע לידער, וואָס האָט, אַגב, דערשראָקן אַזוי די „קריטיקער־עסטעטן״ קומט דאָ, אין י. ראַלניקס „נייע לידער״ פאַרווייכערט, פאַרלופּטיקט. ס'איז דאָ אַזאַ פאַרגעבנקייט אין אַזעלכע שורות, ווי:

לערן זיך פון דער לבנה:
זיין אין שפּעטער שעה אַליין,
און הינטער יעדן וואָלקן
אויף אַ ווײַלע אונטערגיין.

י. ראָלניקס לעצטע לידער זענען פול מיט יענער טיפער לעבנס־חכמה, וואָס איז די פרוכט פון דערפאַרונג. עס איז די שטילקייט וואָס קומט נאָכן שטורעם, די רו וואָס קומט נאָך וואַנדער.

אָט די לעבנס־חכמה איז באַזונדערס אַרויסצוליייענען פון י. ראָלניקס וואונ־דערלעכן לידער־ציקל „דאָס ווייסע בעט". געזאַנג וועגן טויט איז דאָ וואונ־דערלעך טיף און קלאָר און איבערפולט מיט אויסטערלישער רו.

ווי דער טאָג, וואָס ציט פאַרביי ווי „אויף אָרעמס פון אַ גאָלדענעם טרע־גער געוויגט", אַזוי ציט דער טויט פאַרביי — פאַרביי דעם דיכטערס געמיט. דאָ דערגרייכט י. ראָלניק צו יענער גוואַלדיקער אַדלער־הייך, ווען דאָס זעלישע אויג נעמט זיכער און קלאָר אַרום אַלע דערשיינונגען אין מענטשלעכן לעבנס־טאָל. טויט און ליבע, היים־בענקשאַפט און גרויעווירקלעכקייט, נאַטור און שטאָט — די אַלע מאָטיוון וואָס שפּילן אין דער מענטשלעכער נשמה, ווערן אַרויסגעבישופּט מיט זייער וואָרצל דורך י. ראָלניקס ליד, וואָס איז אין זיין נייעם לידער־בוך רייף און פול ווי אַ קאָרן־זאַנג.

פאַר די לידער־לייענער, לידער־אָפּשאַצער און לידער־שרייבער וואָס זוכן אין ליד די „היינטצייטיקייט" פון אַ לייט־אַהטיקל, פאַר די־אָ וואָס זענען קראַנק אויף „מאָדערניזם" און וואָס זייער ליד איז ווי אַ זעגל אַנטקעגן יעדן ווינט, פון וועלכער זייט ער זאָל נישט בלאָזן; פאַר די אַלע, וועט אפשר י. ראָלניקס ליד קלינגען „צו־אַלט" און „צו־פּערזענלעך". פאַר די אָבער, וועלכע זוכן אין ליד דעם פּענצטער צו דער מיסטעריע: מענטש, פאַר וועמען דער אמתער באַ־דייט און אמתער ווערט פון ליד איז נאָך נישט פאַרטונקלט און פאַרבילקט געוואָרן, פאַר די וועט י. ראָלניקס ליד תמיד זיין ב ב ח י נ ת נ ס. עס איז פאַראַן אַזאַ אַלטקייט וואָס מאַכט דיר יינגער, — זאָגט ה. לייוויק, און עס איז געווים די „אַלטקייט" וואָס לעבט אין יוסף ראָלניקס ליד.

אין דעם סאַמע קורצסטן שטח פון י. ראָלניקס אַ קורץ, שמאָל ליד איז אַריינגעפּרעסט דער גאַנצער וועג פון דער יידישער דיכטונג: שטענדיק טיף מיט די וואָרצלען אין אַלט־יידישן פאָלקס־טאָן, דערגרייכט י. ראָלניק די הימל־הייך פון סימבאָל און וויזיע פון פאַרוואַנדלען פּערזענלעכע אין אוניווערסאַלע דערשיינונגען.

י. ראָלניק האָט ווידער באַרעכטיקט און ווידער באַלעבט דעם יידישן פאָלקס־טאָן. ער האָט אים אָבער דערהייבן און פאַרטיפט, און דערמיט אַ יסוד געגעבן זיין עכט־מאָדערנער גרויסשטאָטישער, אין איר סאַמע תוך, ליריק. דאָס איז די דיכטערישע אייגנשאַפט פון י. ראָלניקס אַלטע און נייע לידער.

ז. ווײַנפּער

יוסף ראָלניק

— א —

אין יענע טעג, ווען די „יונגע" פלעגן אָפּזיצן טעג און נעכט ארום די ווייסע, גלאַנציקע טישלעך אינעם איסט־בראָדוויער רעסטאָראַנדל און פירן היציקע דיסקוסיעס צווישן זיך וועגן קונסט און קינסטלער, איז יוסף ראָלניק געזעסן באַזונדער, אַן אָפּגעשיידטער פון אַלעמען און מיט קיינעם קיין דיסקוסיעס נישט געפירט.

און נישט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, האָט ער אין דיסקוסיעס קיין אָנטייל נישט גענומען, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט שטענדיק געהאַלטן און האַלט נאָך ביז היינט צו טאָג, אַז דאָס בעסטע, וואָס אַ פּאָעט האָט צו זאָגן, זאָגט ער עס אין זיינע לידער, און דאָס איבעריקע איז גלאַט רייד, און רייד צוליב רייד איז קיין מאָל נישט געווען אין יוסף ראָלניקס טבע.

אַ קמצן אויף ווערטער, איז אָבער יעדעס וואָרט זיינס אַ פּולס. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אין יעדן איינעם פון זיי אַלדאָס גוטס אריינגעלייגט און ער זשאַלעוועט דערפאַר זיך מיט זיי צו וואַרפן.

געציילטע ווערטער אין זיינע לידער, און געציילט זענען זיי, ווען ער פירט אַמאָל מיט אייך אַ שמועס. און כאָטש אויבנאויף טראָגן זיי פּראָסטע וואָכעדיקע באַלאַטלעך איבער זיך, האָבן זיי אָבער דעם כוח אין זיך, אריינצוברענגען אייך אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. זיי זענען, ווי רייפלעך ראָזאָווע ברויט, וואָס האָבן אין זיך געזונטע וויטאַמינען.

יאָרנלאַנג איז ער אָפּגעזעסן אינעם רעסטאָראַנדל, וואו עס זענען געזעסן די „יונגע", אָבער זיין טישל איז שטענדיק געווען באַזונדער, אַן אַ זייט, ערגעצוואו אין אַ ווינקל פאַרשטעקט.

— ראַלניקס ווינקל! — האָט מען זיך אַמאָל געוויצלט, אָבער אינעם וויצלען זיך איז שטענדיק געווען אַ מין באַוואונדערונג:

— אַ מענטש האָט בּוח צו זיין אַליין!

און, ווי לויט אַ געהיימען אָפּמאַך, האָט מען דעם טישל וואו ראַלניק איז געזעסן, אויסגעמיטן;

אויסגעמיטן, אָבער קיין מאָל נישט געוואַגט צו איגנאָרירן אין גאַנצן.

יוסף ראַלניקס אָפּגעזונדערטקייט האָט אָפט מאָל פאַראינטריגירט און אַרויסגערופן ביי די קאָלעגן פראַגן און פּירושים:

— וואָס איז דאָס עניוות, די נזירות?

אים אַליין איז מסתמא גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז מיט אַ פּאָר טישלעך ווייטער איז ער די טעמע פון אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך. ווארום בשעת זיי האָבן גערעדט וועגן אים, איז ער זיך געזעסן אַליין אַ פאַרטראַכטער ביי אַ גלעזל טיי אָדער קאַווע, און דאָס בלייכע פּנים זיינס האָט אויסגעקוקט דערביי, ווי דאָס פּנים פון אַן אַסקעט, געמאָלן פון אַ מאָנאַך אין מיטלאַלטער.

עס האָט זיך שטענדיק געפונען אַ ציניקער, וואָס האָט געפּרואווט צו באַווייזן, אַז עניוות נעמט זיך שטענדיק פון גאווה. און וואָס שייך נזירות, האָט דער נזיר שטענדיק געהאַלטן אַן אויג אויף דער גאַלעריע מיט דער האָפענונג, אַז סוף־כל־סוף וועט מען אים אין זיין אָפּגעשיידטקייט דערזען. אָבער צווישן די „יונגע" איז דער דאָזיקער צו יענער צייט בטל־בששים געוואָרן און מען פלעגט ראַלניקן פאַרטיידיקן.

איין מאָל, געדענק איך, האָט ראַלניקס אַ פאַרטיידיקער ציטירט פאָלגנדיקן פערז פון ראַלניקס אַ ליד:

מיין פאַרלאַנג און מיין באַגער
אין לויטער קליינקייטן:
ווען אַ וואָרט און ווען אַ בליק,
אַ שמייכל פון דער ווייטן.

— אָט דאָס איז ראַלניק! — האָט ראובן אייזלאַנד באַמערקט מיט אַ פּיכטן גלאַנץ אין זיינע אויגן, און אַלעמענס פּנימער האָבן זיך שמייכלענדיקע אַ קער געטון צו ראַלניקס טישל.

אָבער אויך דעמאָלט האָט ער זייערע שמייכלען נישט באַמערקט, און נישט געוואוסט וועגן זיי.

אַזאַ ווייטער און אַזאַ אָפּגעשיידטער פון אַליץ און אַלעמען, איז ער געזעסן ביי זיין ווינקלדיק טישל, און זיינע אויגן האָבן פאַרטראַכט געקוקט אויף דער בלויער פאַרע פון דער גלאָז קאַווע אָדער טיי, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען.

— ב —

דער אמת איז, אַז יוסף ראַלניק האָט בלויז אויף אַזוי פיל געהאַט אַ שייכות מיט די „יונגע", אויף וויפל ער האָט צוזאַמען מיט זיי געשריבן פיינע לידער, וועלכע האָבן קיין רעזאָנאַנס נישט געהאַט.

אינעם סאַמע מהות פון זיין שאַפן האָט ער מיט קיינעם פון זיי קיין שייכות נישט געהאַט.

זיי זענען אַלע געגאַנגען מיט די אויגן צו די הימלען, און ער מיט די אויגן צו דער ערד:

עס קלינגען סערפּ און קאָסע,
דאָס איז די צייט פון שניט.
איך הער באַקאַנטע שטימען,
איך הער דעם שניטערס טריט.

איך זע די מיידלעך קומען
מיט בלומען אין די האָר,
זיי גייען און זיי זינגען
צוזאַמען אין אַ כאָר.

עס ברעכן זיך די וועגן
פון שווערע סנאָפּעס לאַסט;
צו זאַט וועט איטער עסן,
ווער ס׳האָט ביז היינט געפאַסט.

איך וועל אין פעלד אַרויסגיין,
זען, וואָס איז מיר באַשערט.
איך האָב דאָך אויך אַ חלק
אויף גאָטס געבענטשטער ערד.

יוסף ראַלניק האָט מיט רעכט געפילט, אַז גאָטס געבענטשטע ערד האָט אים זיין חלק פאַרטיילט, און אַט די עוולה איז געוואָרן ביי אים דער מאָטיוו פון אַ היפּשע צאָל לידער.

לידער פשוטע און רירנדיקע, ווי פשוט און ביז גאָר רירנדיק עס איז געווען דאָס געפיל, וואָס האָט זיי און אים געבוירן.

פאַר די קאָלעגן זיינע זענען אָבער אַט די פשוטע לידער שוין געווען צו־פשוט, און דאָס אויפריכטיקע געפיל אונטער זיי האָט זיי אין זענער צייט נישט גערירט.

— קליינע באַגערן, — האָבן זיי גערעדט צווישן זיך וועגן ראַלניקס לי־

דער, און האָבן נישט פאַרשטאַנען, צו יענער צייט, אז ראַלניקס קליינע באַגערן נעמען זיך נישט דערפון, וואָס ער האָט קליינע השגות, אדרבא! זיינע השגות זענען געווען גרויס, נאָר וואָס דען, ער איז געווען צווישן זיי, דער דערוואַקסע־נער מענטש, דער חכם מיט דער גרויסער דערפאַרונג אין זיך, און ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן די מי צו האַלטן כסדר אויסגעשטרעקט די הענט נאָכן טעלערל פון הימל.

אין דער צייט, ווען די קעניגרייכן פון זיינע חברים זענען געווען נישט פון „דיזער וועלט" און זיי האָבן זיך געלאָזט רייטן אויף אויסגעחלומטע „בלויע פערדלעך" צו די וואָלקנס, אָדער גאָר אַרויסגעגאַנגען מיט בלינדע אויגן און געזוכט די לבנה, האָט ער, דער זעעוודיקער צווישן זיי, זיך געלאָזט איבער די וועגן פון גאָטס באַראָט:

> אויף גאָטס באַראָט, זאָל ער מיך פירן
> וואוהין ער וויל און ווי ער וויל...

און אַז מען גייט שוין אויף גאָטס באַראָט, איז צו וואָס פאַר אַ גוטע יאָר דאַרף מען זיך אויספוצן? אויף בלויע פערדלעך צו די וואָלקנס איז עפּעס אַנדערש! דאָרט דאַרף מען זען, אַז די פערדלעך זאָלן גאָלדענע צוימלעך האָבן, און אַז די רייטער זאָלן זיין אויסגעפוצטע, ווי עס פּאַסט פאַר רייטער איבער בלויע פערדלעך.

האָבן טאַקע אַלע זיינע חברים געלייגט מער דעם טראָפּ אויף דער פאָרעם און ער אויף דעם אינהאַלט.

שפּאַנענדיק איבער די וועגן פון גאָטס באַראָט, האָט יוסף ראַלניק געזונ־גען זיין ליד מיט ווערטער פשוטע, ווי פשוט עס זענען די זאַמדן איבער אַט די וועגן:

> שבת, יום־טוב און ראש־חודש —
> מיינע יום־טובדיקע קליידער
> הענגען נישט גענוצט, געטראָגן
> אויף דער הינטער־וואַנט אין חדר...

אַט אַזוי האָט יוסף ראַלניק דעמאָלט געזונגען. די סאַמע וואָכעדיקסטע ווערטער האָט ער פאַר זיין ליד באַנוצט, אָבער אַ שבת־יום־טובדיקייט איז סיי־ווי אויפגעגאַנגען פון דעם, ווייל אונטער די פּראָסטע ווערטער האָט זיך גע־הערט אַ לויטער געזאַנג.

יוסף ראַלניקס אייגן געזאַנג.

— ג —

— פאַרוואָס אַרבעט איר נישט מיט אין די „שריפטן״? — האָב איך אים איין מאָל געפרעגט, און ראָלניק האָט מיר גוטמוטיק געענטפערט:

— די חברים האַלטן נישט פון מיר.

האָבן טאַקע די „יונגע״ פון אים נישט געהאַלטן?

אויבנאויף האָט עס אַ שטיק צייט טאַקע אַזוי אויסגעזען, ווארום אין דער אָפיציעלער טריבונע פון די „יונגע״ — די „שריפטן״, האָט ער קיין אָנטייל נישט גענומען, אָבער ווער עס איז געשטאַנען נאָענט צו די „יונגע״ ווייסט, אַז זייער באַציאונג צו אים איז געווען, ווי די באַציאונג צו זיין טישל און צו זיין ווינקל אינעם רעסטאָראַנדל.

מען האָט נישט איינגעלאַדן ראָלניקן מיטצואַרבעטן אין די אייגענע אויסגאַבעס, אָבער זיינע לידער האָבן שטענדיק פאַראינטריגירט און מען האָט גערעדט וועגן זיי.

פון צייט צו צייט איז גאָר ראָלניק געוואָרן פאַר זיי דער מאַיאַק פון אַ לאַנד, וואו זיך אויסצורוען.

דאָס איז געווען אין יענע מאָמענטן, ווען די בלויע פערדלעך האָבן זייער פלינקייט פאַרלוירן און די אויסגעחלומטע לענדער זענען צערונען געוואָרן אין דער לופט.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָבן אַלע יוסף ראָלניקן מקנא געווען און מען האָט זיך געצויגן אין זיין לאַנד אריין.

ווינטער 1918, איז ער געווען אויף אַלעמענס ליפּן. דער פאַרלאַג „אינ־דזל״, וואָס איז געווען דער פאַרלאַג פון די „יונגע״, האָט צונויפגענומען אַלע זיינע קליינע לידער און זיי אַרויסגעגעבן אין אַזאַ פּרעכטיקן באַנד, וואָס מען האָט נאָך ביז דעם אויפן יידישן ביכער־מאַרק נישט געזען, און דער זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן״ האָט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן „ראָלניק־נומער״, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען די בעסטע פאָרשטייער פון דער גרופּע.

זייטיקע מענטשן האָבן געקאָנט האָבן אַן איינדרוק, אַז דאָס איז געטון געוואָרן צוליב דעם אויפגעוואַכטן געוויסן אין זייערע הערצער צו אַ פאַרנאַכ־לעסיקטן קאָלעגע, אָבער נאָענטע מענטשן האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז צוליב אַ פיל וויכטיקערע סיבה.

די „יונגע״ האָבן נאָך אַלע זייערע פליענישן איבער די בלויע פערדלעך זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ ליידיקייט. די אַנטוישונג איז געווען אַ שווערע און מען האָט אין דער אייגענער הילפלאָזיקייט גענומען זוכן אַ לאַנד וואו זיך צו ראַ־טעווען און מען האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער רעזיגנאַציע, אָן דער נזירות.

— ראַלניקס לאַנד! — האָט עמיצער אַ זאָג געטון, און אַלעמענס פּנימער האָבן זיך אַ קער געטון צום איינזאַמען דיכטער.

— ד —

מיט אַ שטעקן אין איין האַנט און מיט אַ פּעקל אין דער אַנדערער, איז ער צו אונדז קיין ניו־יאָרק געקומען פון דער אָרעמער ליטע.

מיט דעם שטעקן האָט ער געטאַפּט דעם וועג פאָרויס און אינעם פּעקל האָט ער געהאַלטן די ירושה, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון יענער זייט, פון „אָרום מיל".

ניו־יאָרק האָט אים צעטומלט, הילפלאָז געמאַכט און ער האָט זיך דער־פילט אַ פאַרלוירענער:

בויט מען אַ ריזיקן בנין,
מיר שטעלן די זיילן, די ווענט,
נישט קיין דערפאַרענע — ציטערן
די ציגל אין אונדזערע הענט.

שוואַכע און שרעקיקע מענטשן —
פאַרדרייען זיך אָפּטמאָל די קעפּ,
פאַלן מיר איינס נאָכן צווייטן
פון לייטערס, געהילצן און טרעפּ.

יוסף ראָלניק האָט זיך דערשראָקן פאַר אָט דעם ריזיקן בנין, וואָס הייסט ניו־יאָרק, און ער האָט זיך געראַטעוועט אין אַ ווינקל פון וואַנען ער האָט אונדז גענומען דערציילן פון זיין „אָרום מיל".

ווייס איז די ערד און געפרוירן,
עס ציט זיך דער וועג, ווי אַ שניר.
איינזאַמינציקער פלעק אויף דער ווייטקייט,
פאַר וויערסטן־ווייט פויזעט אַ פור.

אַז מען האָט נישט אַרום זיך קיין קעגנוואָרט, אַנטלויפט מען צו דער פאַרגאַנגענהייט, און אַז מען לעבט בלויז מיטן עבר, פילט מען זיך איינזאַם. האָט טאַקע יוסף ראָלניק אונדז געגעבן די איבערלעבונגען פון אַן איינזאַמען מענטש דורך זיין פּרעכטיקן ציקל לידער „נעכט", און אַז ער האָט זיך יאָ ווען־נישט־ווען געפרוּווט אַרויסרייסן פון זיין איינזאַמקייט, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדער וועג איבער וועלכן זיך צו לאָזן, ווי נאָר איבער דעם וועג פון גאָטס באַראָט, וועלכער האָט אים שפּעטער צוריקגעבראַכט צו זיין איינזאַמקייט.

פון אַלייניקייט צו „אינקאָגניטאָ״ און פון דאָרטן צו נזירות.

אָבער נישט צו אינדישן נזירות, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַלץ און אַלעמען, און אַפילו פון זיך אַליין, וואָס פירט צו נירוואַנאַ, נאָר די נזירות יידישע, וואָס זייענדיק אָפּגעשיידט פון דער וועלט, איז זי דאָך צוגעבונדן צו איר.

זיך אַליין האָט ראָלניק אָוועקגעשטעלט אויף יענער זייט פונעם לעבן, אָבער זיינע בליקן האָט ער פון דעם קיין מאָל נישט אין גאַנצן צוגענומען.

און הינטער פאַרהאַנגען אויף אַ ווייך געלעגער,
פאַרגיסט איר אייער ווייַן, איר מילדע יעגער.

פון דאַנען זיין בייסיקע איראָניע, וועלכע האָט ביי אים געקראָגן איר אויסדרוק דורך אַ ריי כאַראַקטעריסטישע לידער און ספּעציעל דורך זיין וואונדערלעך ליד „וועראָלענס קעניגרייך״.

פון דאַנען יוסף ראָלניקס ווייזהייט, וואָס האָט ביי אים געקראָגן דעם פולסטן אויסדרוק דורך זיינע גלענצנדיקע „האָפּיז־לידער״.

— ה —

פאַר די לעצטע יאָרן זיצט נישט מער יוסף ראָלניק אין דעם רעסטאָראַן־ווינקל, ווי אַמאָל, אָבער אין אונדזער פּאָעזיע איז ער נאָך אַלץ געבליבן דער זייטיקער, דער ווינקלדיקער.

די וועלט פון איינזאַמקייט איז אַזאַ, אַז מען גייט זי פאַרביי און מען האָט מורא אַריינצוגיין אין אירע ד׳ אמות, אָבער פילן, פילט מען זי און מען ווייסט, אַז דאָרטן איז ראָלניקס קעניגרייך.

און כאָטש ער דאַנקט נישט לעצטנס מער גאָט:

וואָס קיינער ווייסט
אַ וואו איך וואוין.

נאָר אַדרבא, גיט יעדן גוטן חבר זיין אַדרעס, איז ער נאָך אַלץ צווישן אונדז דער איינזאַמסטער.

די איינזאַמקייט ליגט אויסגעשפּרייט איבער זיין קיילעכדיק בלאַס פּנים מיט דעם הויכן שטערן, איבער דעם שטעקן, אויף וועלכן ער שפּאַרט־אָן זיין מיטלוואוקסיקע אויסגעבויגענע פינגער און אַפילו אין די געציילטע ווערטער, וועלכע קומען פון צייט צו צייט אַרויס פון זיין מויל.

ווען יוסף ראָלניק פירט מיט אייך אַ געשפּרעך, קומען זיינע ווערטער ארויס אַזעלכע ציטעריקע, אַזעלכע שרעקנדיקע און כאַטש זיי האָבן ביי אים שטענדיק אַ קלאָרע שייכות איינס מיטן אַנדערן, גיבן זיי דאָך דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען גאָר באַזונדערע ווערטער און וואָלטן מורא געהאַט זיך צו חברן איינס מיטן אַנדערן.

שכנא עפשטיין

דער דיכטער פון איינזאַמקייט

יוסף ראַלניק זיצט ערגעץ פאַררוקט אין אַ ווינקל, אָן אַ זייט פונעם ברויזיקן לעבן, און וועבט זיך זיינע שטילע פאַנטאַזיעס. הימל און ערד מעגן זיך איבערקערן, ער פאַרבלייבט מיט זיך. אים אַרט נישט, וואָס מען הערט אים נישט, אַבי ער הערט זיך אַליין. דער געהער איז ביי אים אַזאַ, וואָס כאַפּט בלויז אויף טענער פון אומעט און איינזאַמקייט. אַזוי איז ראַלניק געווען פון אָנהייב־אָן, אַזוי איז ער היינט, אויף אַ האָר נישט געענדערט. דער מאַרשרוט פון „אויפן זאַמדיקן וועג" ביז די איצטיקע „לידער" איז דער זעלבער, בלויז מיט אַ פעסטערן טראָט. קיין טענות קאָן מען דערפאַר צום דיכטער נישט האָבן; זאָל ער זיך וועלן אַרויסרייסן פון זיין וועלטל, וואָלט ער אָנגעוואָרן זיין רייץ, זיין תמימות. וואָס קאָן ער זיך העלפן, אַז:

צווישן דאָרף און שטאָט, אין אַן אַלטער שטיבל,
האָט מיין מאַמע מיך, איר לעצטע קינד, געבאָרן;
אויף די ברייטע וועגן וואָגלען מיינע בליקן,
אויף די ברייטע וועגן האָב איך זיך פאַרלאָרן?

אַזוי איז דער גורל פון אַלע דיכטער, וואָס האָבן זיך פאַרלאָרן „צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן גראָז און אַספאַלט"; ווי דורשטיק די דאָזיקע דיכטער זאָלן נישט זיין נאָך עפּעס פאַרכאַפּנדיקס, וואַנדלען זיי אום אין אַן עולם־התוהו, מיט אַ טיף־טיפן ווייטיק אינעם האַרץ, וואָס קיין זאַך קאָן נישט שטילן. זעלטן ווער פון אַזעלכע דיכטער האָט זיך גובר געווען און אַרויסגעריסן זיך פון פאַרכישופטן קרייז, פון דעם געדיכטן פּלאָנטער.

פאַראַן ביי אונדז אַזוינע, וואָס פאַרלירנדיק זיך צווישן דאָרף און שטאָט, ווילן אַנדערש נישט אָפּגעבן אַ חוב צו דער צייט. ווערן זיי אָבער אָן זייער ביסל איינגעבוירענע אָריגינעלקייט און פאַרוואַנדלען זיך אין פּאַזירער, אין

נאָכמאַכער, אין קרומע שפּיגלען. אָט דעם חסרון פאַרמאָגט נישט יוסף ראָל־ניק. ער איז אין זיין שאַפן גאַנץ, אויסגעהאַלטן, יאָגט זיך קיין מאָל נאָך דער מאָדע. דערמיט דערקלערט זיך דאָס מסתמא, וואָס ער ציט נישט צו זיך אַזוי די אויפמערקזאַמקייט ווי אַנדערע, ווייניקער טאַלאַנטירטע דיכטער פון אים, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פון צוזאַמענברעכער און זענען אומבאַהאָלפן, ווי עופהלעך.

ווייל ראָלניק פּרעטענדירט נישט צו וועלן זיין אַנדערש, ווי דאָס, וואָס ער איז, איז ער סימפּאַטיש אפילו פאַר די, וואָס זענען אַזוי ווייט פון זיינע שטימונגען, פון זיין פּעסימיסטישער לעבנס־עמפּינדונג. ער רופט אַרויס צו זיך מיטגעפיל, מען ווערט דורכגעדרונגען צו אים מיט אַ וואַרעמקייט, ווי עס וואָלט זיך אים וועלן אַרומנעמען און לאַשטשען. ער מיינט דאָס געוויס נישט. ער פילט זיך פיליכט שאָקירט, וואָס מען דענקט אַזוי וועגן אים; אַזאַ איינ־דרוק מאַכט ער אָבער אפילו דעמאָלט, ווען עס רעדט אַרויס פון אים דער קלו־גער „האַפיז", דער פּערסישער קהלת, וואָס האָט נאָך אַלע גענוסן פון לעבן, נאָכן אָנזעטיקן זיך מיט ליבע און שיינקייט, דערקלערט אַלץ פאַר „הבל־הבלים". איינס איז האַפיזן פאַרבליבן — זיין ליד.

וואָס מאַכט עס אויס וואָס איך וועל טרינקען,
צי רויטן וויין, צי אַפּפּאָל שוואַרצן ?
אָ, נישט אין קריגל ליגט די ליד —
זי ליגט אין מיר, זי ליגט אין האַרצן.

ראָלניקן, דעם יידישן האַפיז, וואָס האָט זיך פאַרלאָרן צווישן דאָרף און שטאָט, גלויבט מען, מוז מען גלויבן, ווייל ער באַזיצט אַ זעלטענע אויפריכטי־קייט, אַ באַזונדערע אויסגעלייטערטקייט פון שטימונג. נישט ער וויל קיינעם נאַרן, נישט מען קאָן פון אים גענאַרט ווערן. דעריבער זענען צו אים קיין טענות נישטאָ.

ראָלניק האָט ליב די נאַטור מיט אירע סטיכיעס. די נאַטור לעבט פאַר אים הויפּטזעכלעך אין דער פאַרחושכטער שטעטל: דער שניי, דער גרינער זומער גיט־צו די ענגע קליינשטעטלדיקע געסלעך יום־טובדיקייט; דער גערויש פון מיל דערציילט פון אַ ברייטער, גרויסער וועלט. קומט דער דיכטער אין דער ברייטער, גרויסער וועלט, זעט ער שוין אָבער פאַר זיך בלויז אַספאַלט און אַספאַלט, אָן אַ פּיצל גראָז, און ער בענקט אַזוי שטאַרק נאָך זיין קינדהייט. אין זיין איינזאַמקייט, אָן אַ נאָענט האַרץ, וואָס זאָל קלאַפּן צום טאַקט מיט זיינס, ווייסט ער נישט וואוהין צו ווענדן זיין אויג נאָך גליק. נאָך אַלעמען

די סומע פון ליידן איז גרעסער
איידער די סומע פון גליק, —
אַזוי האָט געזאָגט אַ פילאָסאָף
מיט דורות און דורות צוריק.

די כוואַליעס פון ליידן פאַרשווענקען
דעם קינדערשן אינדזל פון גליק:
פון אייניקל ביז צו דעם זיידן
ציט זיך פון ליידן אַ בריק.

פון ליידן, הייסט עס, קאָן מען זיך נישט אויסדרייען. נאָר ליידן צוליב וואָס און פאַרוואָס — דערויף קאָן דער פאַרלאָרענער „צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן גראָז און אַספאַלט" קיין ענטפער נישט געבן. איז אַ וואונדער, עס זאָל זיין אַזוי אומעטיק? אָט אייגן „איך"־שמערץ, אָט וועלט־שמערץ — אַ צוזאַמענשטוים צווישןביידן:

און לאַנג איז געווען מיין וועג
אין רעגן, אין היץ און אין ווינט.
איך האָב אין די דערפער געזען
אויף סמעטניקעס בילנדיק הינט.

און אָקסן, וואָס ציען דעם יאָך,
און פערד צו אַ קאַרעט געשפּאַנט,
און פאַסטוכער, הונגעריק שאָף,
און גוים, פאַרזייענדיק לאַנד.

ס'האָט יעדער געוואוסט וואָס ער טוט,
די אַרבעט געהאַט האָט אַ זין;
איך איינער האָב מורא געהאַט
זיך פרעגן: צו וואָס און וואוהין?

האָט דער דיכטער געוואַנדערט „איבער כוואַליעס, איבער סטעפּעס", אָנ־געקלאַפּט אין אַ ניי לאַנד, פול מיט רעש און טומל, מיט האַוועניש און שמייע־ניש. עפּעס שאַפט זיך, עפּעס בויט זיך. די רעאַליטעט איז פאַרשוואונדן אויף אייביק. ער וויל זיך באַהעפטן מיטן נייעם, דערפילן, אַז ער איז נישט אַליין, נאָר אַ גליד פון כלל. ווידער ספקות:

ס'קאָן זיין, איך האָב טויזנטער ברידער
אַ הינטער די שטיינערנע ווענט;
אומזיסט דאָך געקלאַפּט אין די טירן,
קיין איינער האָט מיך נישט דערקענט.

עס קען זיין אַז עמיץ דערמאָנט מיך
און זיצט לאַנגע שעהן און וואַרט;
אומזיסט האָט אַ האַרץ זיך פאַרנומען —
וועט ווערן, ווי מיינס, אָפּגענאַרט.

אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, יאָר־איין, יאָר־אויס. נישטאָ קיין אויסגאַנג, און עס וואַקסט דער צווייפל, צי עמיצער דאַרף אַפילו דאָס ציטערדיק ליד. צו וואָס זינגסטו, דיכטער? — ס'זינגט זיך. ס'זינגט זיך פון טרויער, פון יאוש, פון אומבאַהאָלפנקייט. ווער וועט דעם געזאַנג פאַרנעמען? — נאָך אַזעלכע פאַרלאָרענע צווישן דאַרף און שטאָט. די דאָזיקע פאַרלאָרענע פעלן דאָך נישט. ס'שווימלט נאָך מיט זיי אונדזער לעבן. יוסף ראָלניק איז זייער דורכגעדרונגענסטער דיכטער, — קלאָר, מוזיקאַליש, נישט געקינצלט, נישט פאַרשפּיצט, נאָר פאָלקסטימלעך, אַמאָל רייזען'יש אין איינפאַל, אין פאָרעם. הגם דער אויסדרוק פון אונטערגאַנג, פון זעלישער ירידה, אַ טיפּישער פאָרשטייער פון יידישער דעקאַדענץ, וואָס איז ווייט נישט איבערגעזעטיקט מיט קולטור, מיט לעבנס־גענוס, נאָר פּרימיטיוו אין דער באַדנלאָזיקייט, נאַאיוו פאַטאַליסטיש.

עפּעס דאַכט זיך, אַז יוסף ראָלניק איז ביי אונדז דער לעצטער פון די דיכטער פון איינזאַמקייט, דער לעצטער בעסטער, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין נעץ פון לעבן, אויפן שייד־וועג פון איין תקופה צו דער צווייטער. נישט זייענדיק אימשטאַנד איינצואָטעמען אין זיך דאָס גרויסע, וואָס ווערט געשאַפן אַרום, איז ראָלניק געבליבן אומבאַרירט אין זיין אומעט, אַ ליריקער, פול מיט באַזאַכטער טראַגיק, אַ טיף־ליידנדיקע, בלאָנדזשענדיקע נשמה, וואָס מען קאָן איר מיטפילן, באַגרייפן, נאָר נישט באַהעפטן זיך מיט איר, ווי מיט עפּעס אייגנס.

שוין פאַריבער די צייט פאַר דעם. עס פאָדערן זיך אַנדערע געזאַנגען, פול מיט מוט און האָפענונג. די דאָזיקע געזאַנגען לאָזן זיך שוין הערן ביי אונדז, און אויף זייער פאָרעם־אויסדרוק מוז אַזאַ דיכטער, ווי ראָלניק, אַרויפלייגן אַ שטעמפּל מיט זיין שפּראַך־ביינזאַמקייט, מיט זיין עכטקייט און בולטקייט פון געשטאַלט. דערמיט צייכנט זיך ראָלניק באַזונדערס אויס, און פון דער זייט איז ער נאָך ביי אונדז נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. צו־באַשיידן איז ער, אַז ער זאָל אַרויסרופן צו זיך אָנזען. אויך דאָס איז אַ מעלה, וואָס נישט קיין סך דיכטער אונדזערע באַזיצן. געשיכטלעך מוז אָבער ראָלניק זיין פּלאַץ פאַרנעמען.

מלך ראוויטש

יוסף ראָלניק — דער באַשיידנסטער פון די פּאָעטן

אין חלום נאָך האָט עמיץ שטיל
אין אויער מיר געזונגען.
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — ס'האָט אַלץ
אין מיר דאָס ליד געקלונגען.

דער זייגער גייט, דער טאָג פאַרגייט,
נישטאָ קיין צייט צו הערן.
דאָך זינגט זיך נאָכאַנאַנד — איך קאָן
דעם זינגער נישט פאַרווערן.

מאָדנע, מאָדנע, עפּעס אַמאָל דאַכט זיך, אַז ווי לאַנג די יידישע ליטעראַטור איז דאָ, איז עקזיסטירט אין איר מיט דער נאָמען יוסף ראָלניק. ער איז דאָ, אָבער מער נישט. נישט מען זעט אים און קוים, קוים וואָס מען הערט פון אים אַמאָל עפּעס. אַזאַ באַשיידענער און אַזאַ שטילער איז ער. און שרייבט ער אַמאָל אַ בריוו צו אַ פריינט, פאַרזיכערט ער זיך קודם־כל צען מאָל, צי דער, וואָס וועט דעם בריוו באַקומען וועט וויסן פון וועמען ער האָט דעם דאָזיקן בריוו, צי האָט ער אים שוין צופעליק נישט אַמאָל אין גאַנצן פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט אַ מענטש, וואָס מען באַגעגנט אַמאָל אין אַ באַן. און אַזוי איז ער אויך דער דאָזיקער יוסף ראָלניק אין זיינע לידער, און אַזוי איז ער אויך אין זיינע ביכער; אַז ער גיט אַרויס אַ בוך, גיט ער שטענדיק אַריין אין זיינע טאָוולען דאָס פריער אַרויסגעגעבענע בוך אויך, ווייל געוויס האָט מען שוין אין גאַנצן אָן אים פאַרגעסן. עפּעס איז ער אין דעם פּרט ווי אַ פאַראָרעמטער גביר, וואָס טראָגט זיין לעצט ביסל האָב און גוטס אַלע מאָל אין אַן אַנדער באַנק אַריין. און אָט ליגט שוין טאַקע פאַר אונדז יוסף ראָלניקס אַ בוך לידער פון

יאָר 1926, און טאַקע מיט דעם באַשיידענעם נאָמען „לידער" — האָט ער אין דעם בוך טאַקע אַריינגענומען אַלע זיינע פריערדיקע ביכער...

אויב פּאָעטן זענען איינזאַם, איז יוסף ראָלניק דער איינזאַמסטער.

אויב פּאָעטן זענען טרויעריק, איז יוסף ראָלניק, און קיין אַנדערער, דער טרויעריקסטער אין אונדזער טרויערפולער יידישער ליריק.

אויב פּאָעטן זענען סענטימענטאַל, איז יוסף ראָלניק דער סענטימענטאַלס־טער פון אַלע.

ער איז אויף אַ האָר נישט מאָדערן, כאָטש די ברידער, די דיכטער פון ניו־יאָרק, די מאָדערנע, אַכפּערן און שאַצן אים און נעמען אים שטענדיק אַריין אין זייערע דיכטערישע אויסגאַבעס און גיבן אים דאָרט אַוועק אַ בכבודיקן אָרט. וואָס זאָל מען דען מיט אים טון, אַז ער איז פּאָרט אַ דיכטער און אַ גוטער דערצו? נו יאָ, מען פּליט טאַקע היינט שוין איבער אַקעאַנישע עראָפּלאַנען, נאָר די פּשוטע אוראַלטע שאָסיי דאַרף מען נאָך אויך אַמאָל האָבן פון צייט צו צייט. איז דאָס טאַקע ראָלניק אין דער יידישער דיכטונג די אוראַלטע שאָסיי, וואָס ציט זיך נאָך פון דעם פּערסישן האָפיז, דעם דיכטער פון 14־טן יאָרהונ־דערט, גייט גלייך איבער די יאָרהונדערטער, איבער די לענדער, איבער היינריך היינע, ביז זי דערגייט צו אונדז, צו אונדזער אָרעמען יידישן ליריק־גאָרטן און גייט אַריבער איבער דעם האַרץ פון אונדזער יוסף ראָלניקן. איז שוין טאַקע נישט קיין חידוש, וואָס ביים סוף פון די לידער ראָלניקס איז צוגעגעבן אַן אויסקלייב פון האָפיז, פון דעם אור־אור־בילד פון דעם דיכטער און אַז ראָלניק זינגט:

געפאַנגענע זענען מיר אַלע
און זיצן אין איינצלנע צעלן,
מיר קאָנען נישט אונדזערע שכנים,
די אייביקע וועגט זיי פאַרשטעלן.

און יעדערער שלאָגט זיך באַזונדער
דעם קאָפּ אָן דער וואַנט פון זיין תפיסה.
ווען טויזנטער גאָענטע כאָרכלען
אין לעצטע מינוטן פון גסיסה.

גלויבט איר שוין, אַז ער איז דער איינזאַמסטער?
און אַז ראָלניק זינגט:

גאָט דערהער די זיפצן מיינע,
גאָט פאַרנעם מיין היים געבעט,
זע, די טרערן מיינע מאַכן,
נאַס די קישן פון מיין בעט.

דו, דער חבר פון די קינדער,
פאַטער פון דעם אַלטן מאַן,
וואָס דו שיקסט די לעצטע טרייסטונג
וואו עס איז אַ נויט פאַראַן.

דו, דערזע די טרערן מיינע,
גאָט, פאַרנעם מיין שטיל געוויין.
זיי אַ טאַטע און אַ חבר: —
כ'בין אַן אַלטע קינד אַליין.

גלויבט איז שוין, אַז ער איז דער טרויעריקסטער און דער סענטימענטאַל־סטער צוגלייך?

און פאַרוואָס איז ראַלניק אַזוי וויניק פּאָפּולער — דאָס ווייסט איין גאָט. וואָלט ער געווען מער פּאָפּולער, וואָלט ער אפשר פרייליכער געווען, וואָלט ער אפשר אַנדערש געזונגען. ער האָט דאָך אַלע אַטריבוטן פון פּאָפּולער צו ווערן. ער איז אַזוי פאַרשטענדליך, אַזוי ווי „צוויי מאָל צוויי". ממש זעקס־יאָריקע קינדער קאָנען אים פאַרשטיין. און דערצו דער פּאָפּולערער סענטי־מענט פון דעם גאַנגבאַרסטן מין, פון ליבעס־מין... און דאָך קאָן מען אים נישט און מען רעציטירט אים נישט און מען דרוקט אים נישט איבער און מען... זינגט אים נישט. און דאָס לעצטע איז דער סוד פון זיין נישט־פּאָ־פּולערקייט. ווייל ראַלניק, אַט דער דאַזיקער דיכטער, וואָס ווען ער וואָלט אפילו נישט אָנגעשריבן אַ ציקל לידער וועגן ליטע, וואָלט מען באַלד געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ליטוואַק, איז אומגעהויער מעלאָדיש. די שורות בעטן זיך ממש און וואַרפן זיך אין דער טריקעניש פון די באַדרוקטע בלעטלעך, ווי פיש אַן וואַסער: מיר עקן זיך, מיר שטאַרבן, מיר דאַרפן מוזיק, מוזיק, מוזיק. לאָז אונדז אַריין אין דעם אומענדלעכן עלעמענט פון דער מוזיק און דו וועסט זען, אַז מיר וועלן באַקומען גאָר אַנדערע קאָלירן און אַנדערע באַוועגונגען און וועלן אָנהויבן צו לעבן מיט אונדזער אייגנטלעכן לעבן. וואָרום דאָס לעבן און די טרוקענע בלעטער פון בוך ברענגט אונדז אום, מאַכט אונדז טויט.

און ווייטער בעטן זיך די סענטימענטאַלע לידער מיט סענטימענטאַלע שטימען.

און מיר וועלן געזונגען ווערן פון דעם פאָלק, און מיר וועלן געוויינט ווערן פון די שיינע מיידלעך אין די קליינע שטעט, און מיר וועלן פאַרוויגן די קינדער פון די יונגע מאַמעס, וואָס זענען טרויעריק, אַז די מיידל־יאָרן זענען שוין, אַך! אַזוי גיך אַוועק, און מיר וועלן זיין טרייסטונג אין די אָרעמע נידעריקע שטי־בער פון קראַנקע אָרעמע מענטשן, און מיר וועלן זיין דער ווינקל, אין וועלכן מען קומט זיך אויסוויינען, ווען אויפן האַרצן איז שלעכט, און מיר וועלן זיין

דער איינזאמער בוים אין א הארבסטיקן פעלד, וועלכן מען קומט ארומנעמען אין צייט פון דער גרעסטער איינזאמקייט.

אזוי בעטן זיך און אזוי חלומען יוסף ראָלניקס לידער.

גיב אונדז מוזיק, טו אונדז אָן, ווייל מיר זענען נאקעט, ווען מיר גייען ארום אָן א העמדל פון מוזיק, גיב אונדז מוזיק און מיר וועלן מחנותוויז זיך אומקערן צוריק צום פאָלק, פון וועמעס הארצנס טיפעניש מיר זענען מחנותוויז געקומען צום דיכטער.

י. קיסין

אַ נייע לידער־זאַמלונג פון אַ יידישן פּאָעט

יוסף ראָלניק, איינער פון די פיינסטע ליריקער, וואָס די יידישע דיכטונג פאַרמאָגט, איז שטיל, פּערזענלעך, אינטים און לעבט אין זיין אייגענער קליי־נער, אָבער געגוג רייכער וועלט. זעלטן ווען עס טרעפט, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ גאַנץ ליד, וואָס זאָל צו אים נישט האָבן קיין דירעקטע, פּערזענלעכע שייכות, וואָס זאָל נישט זיין ביי אים קיין פּערזענלעכע איבערלעבונג. ווען דאָס געשעט אַמאָל, קומט אַזאַ ליד אַרויס ביי אים בלייך, בלוט־אָרעם. זיין כוח ליגט אין אינטימער ליריק, אין אַנטפּלעקן זיין נשמה, אין איבערגעבן פּערזענלעכע דער־פאַרונגען און אין מאָלן בילדער, לאַנדשאַפטן פון דעם דאָרף און דער מיל פון זיינע קינדער־יאָרן, וואָס לעבן אין אים העל, ווי זיי וואָלטן געווען איצט פאַר זיינע אויגן.

די ערשטע אָפּטיילונג פון ראָלניקס נייער ליריק־זאַמלונג רופט זיך „ווי פאַר די אויגן" און גיט אַ ריי ראָלניקשע דאָרף־בילדער פון אַמאָליקן רוסלאַנד.

אָט איז דאָס ערשטע ליד פון דער סעריע:

גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואַרימען פּליעסק פון וואַסער דעם שטילן;
די טונקעלע שטילקייט פון מיט־זומער שייער
— — — — — — — — — — — — — —

די דאָזיקע בילדער פון דאָרפס־לעבן, ביי דער מיל, זענען דאָס טייערסטע, דאָס באַלעבטסטע און קאָלירפולסטע, וואָס ראָלניק טראָגט אין זכרון פון זיין קינדהייט און יוגנט, און צו זיי קערט ער זיך נאָכאַנאַנד אום אין פאַרלויף פון זיין גאַנצער לאַנגער דיכטערישער קאַריערע. אויב אַ סך פּאָעמעס טראָגן אפשר אין זיך געוויסע פּייזאַזשן, פאַרמאָגט זיי ראָלניק אַ גאַנצע וועלט, און זיי זענען אַ זייער וויכטיקער טייל פון ראָלניקשער דיכטונג.

ראַלניקס ערשטע לידער־זאַמלונג „אויף זאַמדיקע וועגן״, איז ארויס מיט 25 יאָר צוריק. די איצטיקע זאַמלונג איז די פינפטע. אין תוך האָלט זיך ראַלניק ביי די זעלביקע טעמעס, ווי אַמאָל. ער גייט אויף דעם זעלביקן וועג, מער נישט, זיין איצטיקער טראָט איז אַ סך זיכערער, פעסטער און עלעגאַנטער. זיין מייסטערשאַפט איז פאַר דער גאַנצער צייט געוואַקסן, און אין דער איצטיקער זאַמלונג האָבן מיר מוסטערן פון זיין פולער רייפקייט.

ראַלניקס ליד איז אַלע מאָל עכט, אויפריכטיק, לויטער און איינפאַך. ראַלניקס לידער־סעריע איז אַלע מאָל אָנגעלאָדן מיט ערשט־האַנטיקער, אייגענער, טיף־דורכגעלעבטער פּאָעטישער דערפאַרונג. ראַלניקס לידער־שפע איז אויך נישט קליין, און זיינע שייערן זענען שטענדיק פול. און נאָך פולער איז ראַלניקס שורה, — פול, ווי אַן אָנגעגאָסענער זאַנג. זיין וואָרט איז עכט, קנאַפּ, דירעקט, אויסגעקליבן־איינפאַך און פריש, זיין פאָרעם איז מייסטערהאַפט. ער איז אַ מייסטער פון געפאַסטקייט. ער איז אויך אַ מייסטער פון שאַרפן וויציקן שפרוך, פון עפּיגראַם:

די זון איז גוט, דאָס ליד איז בעסער.
פון אַלע אויסגעטראַכטע שלעסער
זאָל נישט צערינען יענער שלאָס,
וואָס איז געבויט אויף פערזן־מאָס.

אַמאָל האָט ראַלניק געשריבן: „גיב יעדן טאָג אַ נייע ליד און יעדע נאַכט אַ נייעם חלום״. מיט דער צייט האָט דאָס ליד אין גאַנצן פאַרנומען דאָס אָרט פון חלום.

אין דער איצטיקער זאַמלונג איז אפשר מער פון אַלץ דערמאָנט דאָס וואָרט „ליד״. אַ גאַנצע אָפּטיילונג, „פיר זוניקע טריט״, איז פאַרנומען מיט פאַרשידענע עמפּינדונגען און געדאַנקען וועגן לידער, און מיטן וואָרט זענען פול אויך די אַנדערע טיילן פון בוך. לידער שטייען ביי ראַלניקן אויף דעם זעלביקן אָרט, אויבנאָן, ווי די ליבע, מיל און דאָרף־פייזאַזשן פון זיין קינדהייט. און אפשר זענען זיי איינס, דאָס הייסט, אפשר זענען יענע פייזאַזשן געווען דער קוואַל פון די לידער.

דאָס ביכל איז אויך פול מיט דער געבעט־פאָרעם, מיט תפילה־ווענדונגען: „גיב, אַז...״, „זאָל זיין״, און מיט דירעקטע דערמאָנונגען און געבעטן צו גאָט.

זאָל דיין ליד זיין דיין ליכט,
און אַנטפלעק זיך פאַר איר
הויך און בלויז, ווי דו טוסט
פאַר דעם שלאָס פון דיין טיר. (זייט 48)

דאָ איז יעדעס וואָרט אַזוי ראָלניקיש־עכט. זעלטן ווען אַ פּאָעט דריקט זיך אויס אַזוי פול אין עטלעכע ווערטער. דער שלאָס פון טיר, די אָפּגעשלאָסנקייט אין זיך, די איינזאַמקייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ראָלניקן, פּונקט ווי די אָפנקייט, די „אַנטפּלעקונג" ביז הוילקייט אין ליד. פון ליד האָט ער נישט קיין סודות און קיין באַהעלטעניש. די פּאָר שורות זענען ראָלניקס פּאָעטישער אני־מאמין:

גאָט, מיין שיצונג און מיין וואַנט,
לייז מיך אויס פון שניטערס האַנט,
לייז מיך אויס מיט לידער. (זייט 46)

דער טאָן פון דער כמעט גאַנצער איצטיקער זאַמלונג איז מינאָר, טרויעריק, פּעסימיסטיש. אַ גאַנצע אָפּטיילונג איז פאַרנומען מיט לידער וועגן אונטערגאַנג:

מיר דאַכט זיך יעדן אין דער פרי —
דער לעצטער טאָג קומט אָן.
וואוהין איך גיי — דער לעצטער גאַנג,
און וואָס איך טו — דאָס לעצטע טון.

זיי זענען אַלע איין געזאַנג.
און טויזנט לידער האָט דער טאָג —
אויף אַלע זייטן פון דעם טאָג
איז זונען־אונטערגאַנג. (זייט 63)

פאַראַן ביי ראָלניקן אָפט מאָל אַזעלכע פיינע אַלט־יידישע, צי אַלט־העברעאישע ביבלישע ווענדונגען און פאַרגלייכונגען. אַמאָל הערן זיך ביי ראָלניקן אויך, —באַזונדערס אין זיינע וויציק־פאַרשפּיצטע, עפּיגראַמאַטישע לידער — אָפּקלאַנגען פון היינריך היינע.

מיט אַלמערס, טישן און קאָמאָדן
געוואָרן איז מיין הויז באַלאָדן:
נאָר איך — מיט יעדן יאָר בין מער
געבליבן אויסגעהוילט און לער. (זייט 64)

אָדער:

און איצטער, צו די שפּעטע יאָרן,
האָב איך צו גאָט נאָר צוויי פאַרלאַנגען:
מיין קאָרן־פעלד זאָל נישט פאַרדאָרן
נישט אויסברענען דער ברונים פון געזאַנגען. (זייט 27)

מען דאַרף נישט מאַכן קיין טעות אין היינע־אָפּקלאַנגען ביי ראָלניקן. די היינישע קלאַנגען דאָ זענען טיפּיש־ראָלניקיש, עכט, אייגענע. פאַראַן אין ראָל־ניקן אויך אַן ענלעכקייט צום אַמעריקאַנער פּאָעט עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן. אָבער ראָלניק פאַרמאָגט נישט די ברייטקייט און פאַרנעם פון יענע צוויי פּאָ־עטן. ראָלניק איז אין גאַנצן איינגעשלאָסן אין זיך, און ראָלניק איז זייער שטיל. דעריבער האָט ער נישט די ווייטע, טיפע איראָניע פון ראָבינסאָנען און די בייסיקע סאַטירע, דעם טויטלעכן סאַרקאַזם און הילכיקן געלעכטער פון היי־נען. ראָלניק קאָן נישט ריידן צו ווייטע דורות, ווי ראָבינסאָן, אָדער צו דער ברייטער וועלט, ווי היינע. ראָלניק קאָן נאָר ריידן צו אינטימע פריינט פון דער אייגענער קליינער וועלט. דערפאַר אָבער האָט ראָלניק אַ היפּש ביסל פאַר־ביטערטקייט, וואָס פאַרסמט זיין פיינעם געמיט און פאַרדאַרבט אָפט מאָל זיינע לידער, אַמאָל נאָך איידער זיי זענען געבאָרן געוואָרן. אָט איז אַ ביישפּיל פון אַ שלעכטן ליד ביי ראָלניקן, אין דער סעריע „פּאָעטן":

די גראָבע מענטשן, וואו זיי זאָלן אויך נישט זיין:
צי צווישן אַרבעטער, צי קרעמער, צי פּאָעטן —
זיי קריכן זייער חבר אין אינגעווייד אַריין
און וועלן נאָר מיט זייער גלייכנס בלויז זיך זעטן. (זייט 73)

ראָלניק איז דאָ אַזוי פאַרכאַפּט פון דעם ביטערן געפיל, אַז ער באַמערקט נישט, ווי ער אַליין נוצט זיין פיין וואָרט אין אַן אַרבעט, וואָס איז דורכויס נישט פּאָעטיש.

דאָס ליד איז שלעכט נישט נאָר ווייל עס איז אַזוי פּראָזאַיש; עס איז נישט גוט, ווייל דאָס געפיל פון דעם פּאָעט איז דאָ נישט גוט. יעדע זאַך קאָן זיין גוטער מאַטעריאַל פאַר פּאָעזיע. אָבער אין דער וועלט פון געפילן, וואָס זענען איינפאַך אומפּאָעטיש, יערנפאַלס ביי אַ פּאָעט ווי ראָלניק, וואָס מאַכט נישט קיין רעוואָלוציע אין פּאָעזיע. עס זענען פאַראַן געפילן, וואָס וועלן יעדן לייענער זיין אומאָנגענעם, און לידער, וואָס אַ פּאָעט ווי ראָלניק וועט בויען אויף אַזעלכע געפילן, וועלן דעריבער מוזן זיין אומפּאָעטיש. דאָס איז די שטראָף. אפילו פאַרן ליד גופא קאָן מען נישט אַלע מאָל זיין „הויל און בלויז". דאָס ליד קלינגט דעריבער נישט ראָלניקיש, עס איז כמעט נישט זיין לשון. אַזוי איז אויך שלעכט און נישט פּאָעטיש דאָס ערשטע ליד פון דער סעריע:

אַ טאָג יאָגט אָן אַ צווייטן טאָג,
אַ יאָר פאַרלויפט אַ יאָר.
איך גיי דעם זעלבן וועג וואָס איך,
נאָר שפּעטער אויף אַ האָר... (זייט 71)

ווען ראָלניק פאַלט אַמאָל אַריין אין אַזאַ פאַרביטערטקייט און הויבט־אָן פירן חשבונות מיט דער וועלט, מוז ער אויפהערן זיין ראָלניק און אַרונטער־פאַלן צו דער אומבאַהאָלפנקייט פון זיינע ערשטע טריט אין פּאָעזיע. אַ ראַ־בינסאָן, אָדער אַן ערגאַר לי מאַסטערס, ווען ער וואָלט געמוזט אויפנעמען אַזאַ מין חשבון מיט דער וועלט, וואָלט דאָס איבערגעגעבן אין אַ געשטאַלט. אָבער עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אויפריכטיקייט, דירעקטקייט און פּשוט־קייט פון דעם לירעקער ראָלניק, וואָס אים פעלט אַזאַ זאַך נישט איין, נאָר ער פאַרטרויט באַלד זיין פאַרביטערונג דעם פּאַפּיר און גיסט־אויס אין פערזן, וואָס ער פילט.

אָבער נעבן די געבראַכטע פערזן, אין דער זעלביקער סעריע, האָבן מיר אַזעלכע פיינע שורות, ווי:

מאָרגן דאַרף איך גיין מיט וועלט זיך איבערבעטן,
מיט נישט־געוועגטע טריט אין ליים פון ווערטער קנעטן. (זייט 72)

אין פיינעם ליד „אַ וואָרט" (ז' 34) דערהויבט ער זיך צו דער העכסטער, לויטערסטער פּאָעזיע אין פאָלקסליד. ווער האָט געזאָגט, אַז ראָלניק קאָן נישט אָנשרייבן אַ סאָציאַל ליד? שאַרף הייניש־סאָציאַל קלינגט דאָס ליד „אונדזער גאָטעלע איז אַ קליינינקער":

און לאָזער אָבסע'ס, דער גביר,
וואָס האָט אָנטקעגן גאָט זיין טיר,
ער לאַכט פון גאָט מיט גדולות־טריט,
און מיט זיין קאָפּ, געטראָגן הויך,
בריקעט ער גאָט אַריין אין בויך — (זייט 78)

אָבער אַזאַ ליד איז אַ זעלטענער אויסנאַם ביי ראָלניקן. ער איז אינטים און שטיל אַפילו אין זיינע פּראָגראַם־לידער, ווען ער וויל געפינען אַ פאָרמול פאַר זיין פּאָעטישן וועג:

וויל איך, נעם איך גאַרטל אויף זשוכאָוויץ־בראָדוועי,
ווי אַפּאָס אַ לעדערנער גאַרטלט רעדער צוויי,... (זייט 14)

לערן זיך פון דער לבנה:
גייען דורך גאַסן שטילערהייד,
זאָל מען דיינע טריט נישט הערן,
נישט פאַרנעמען דיינע רייד... (זייט 39)

די זשוכאָוויצער לבנה אויף בראָדוויי איז אַ באַגלויבטער עדות פון ראָל־ניקס אָפנקייט, אויפריכטיקייט אין זיין שטילן, אינטימען ליד. אַ באַשטעטי־קונג פון זיין פּאָעטישן וועג קאָן ראָלניק אויך געפינען ביי אייניקע פון די פיינסטע יידישע ליריקער.

אָבער ברענגענדיק אויסצוגן און ביישפּילן פון ראָלניקס נייע זאַמלונג, וואָלט איך אַזוי געקאָנט איבערשרייבן דאָס גאַנצע בוך. איך וועל נישט צו־נעמען ביים לייענער דאָס פאַרגעניגן ראָלניקס לידער אַליין צו לייענען.

(„פאָרווערטס“, 1936)

יוסף ראַלניקס וועג אין דער יידישער דיכטונג

(צו זיינע 40 יאָר פּאָעטישע אַרבעט)

עס איז געוואָרן 40 יאָר זינט יוסף ראַלניק האָט פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע לידער, און דרייסיק יאָר זינט ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשטע לי־דער־זאַמלונג „אויפן זאַמדיקן וועג". פון זיינע ערשטע לידער און פון יענעם ערשטן ביכל און ביז דער נאָך־וואָס אַרויסגעגעבענער זאַמלונג, „אַ פענצטער צו דרום", האָט דער דיכטער דורכגעמאַכט אַ גרויסן מהלך.

ראַלניקס וועג אין דער יידישער דיכטונג ליגט פון אויבן־אויף אין זיינע לידער. וואָרום פון די ערשטע לידער אָן האָט זיך ראַלניקס ליריק אויסגע־צייכנט מיט די פונדאַמענטאַלע גרויסע מעלות: אויפריכטיקייט, פשטות און געצאַמטקייט; און די דאָזיקע דריי אייגנשאַפטן האָבן זיך ביי ראַלניקן אַלץ מער פאַרפולקאָמט און פאַרטיפט. פון איין בוך זיינעם ביזן צווייטן קאָנען מיר אָנמערקן נייע געווינסן אויף אָט דעם וועג, וואָס ראַלניק גייט אויף אים די גאַנצע צייט און זאָגט אונדז צו צו גיין אויף אים ווייטער.

צוזאַמען מיט דער גרויסער אויפריכטיקייט, פשטות און געצאַמטקייט, וואָס גיבן־צו ראַלניקס ליריק אַ באַזונדערן ווערט, פאַרמאָגט ער אַ גרויסע עשירות פון אינטימען לעבן אין דער וועלט פון זאַכן און מענטשן, וואָס זייער אַ סך פּאָעטן מעגן אים מקנא זיין; און ער פאַרמאָגט אַן אייגענעם טאָן און באַציאונג צו דער וועלט, מיט וואָס גאָר נישט קיין סך פּאָעטן קאָנען זיך באַ־רימען.

ער האָט אַמאָל געשריבן:

מיינע ימען זענען שטילע,
מיינע שיפן גייען ווייט;
מיינע שיפן וועלן קומען
אין דער רעכטער צייט.

און איצט, אין א פערטל יארהונדערט ארום, אין זיין לעצטן בוך, האבן מיר מעדיטאציע וועגן אייגענעם דיכטערישן גורל, אבער פארטיפטער און מיט א פארפיינערטער מאדערנער טעכניק:

איך בין אנגעקומען אויף אן אמאליקן שטעג,
אן א זייט פון ברייטן וועג;
און כאטש איך גיי אים איינער אליין,
איז מיר נישט אומעטיק צו גיין.

עס גייען מיט מיר אין מיין זכרון
דער געלער ווייץ און ברוינער קארן,
וואויל־שמעקעדיקע קאפעס היי,
און טרוילעך־ווארימער שניי.

מיטן ברייטן וועג גייען מלחמה־לייט,
איך גיי אבער פון דער זייט.
עס בריאזגען אויף זיי פאנצער און שווערד —
ווי שטילער וואסער שווימט מיין ערד.

אנשטאט די אמאליקע א ביסל צעשוואומען־סימבאליסטישע „שיפן", האבן מיר דא די קאנקרעטערע „ערד".

ראליק האט א גאנצע ריי אזעלכע עכאס נישט נאר פון אמאליקע צייטן, נאר אויך פון אמאליקע לידער. אין „א מארק", למשל, אין דער ערשטער גרעסערער לידער־זאמלונג (1915), אין דער סעריע „ארום מיל", האט ער געהאט אזעלכע סטראפעס:

פון דאווענען גייט אן אלטער ייד,
אין האנט א שווערער שטעקן;
פון בוזים סטארטשען אים ארויס
א רויטער טיכלס עקן.

ער טראגט זיין טלית־זאק און טרעט
פאוואליע, מיט בטחון.
א מארק אזא — קיין בייזע אויג! —
שוין נישט געווען זינט יארן.

און חדר־קינדער לויפן דורך,
פארקאמט און איינגעוואשן;
זיי האלטן ברויט און קעז, און אויך
א גרעשל צו פארנאשן.

און לאַנג האָט זיך דער וועגן־שנור
און אָן אַ שיעור געצויגן.
דער הימל הענגט אַזוי ברייט, אַזוי ווייט:
עס בלענדט די זון די אויגן.

אַ גוי'טשיק פירט אַ שוואַרצע רינד
ביים וואָגן אויף אַ שטריקל.
אַ מעקלער קומט און שטעלט אים אָפּ:
וואָס ווילסטו פאַרן „שטיקל"?

ער טאַפּט די ראָזע אויטער אויס,
און פרעגט אים: „וויפל יאָרן?"
„ציילט איבער, — ענטפערט אָפּ דער גוי, —
די קאַרבן אויפן האָרן".

און אין זיין לעצטער לידער־זאַמלונג קערט זיך ראָלניק אום צו דער טעמע „אין אַ יאַריד":

אויגן און פיס ווערן נישט מיד
אין דעם פאַרנאַכט פון ערב יאַריד.
מיר גייען אַרויס אויף די זאַמדיקע וועגן
די הויכע אָגערס און קליאַטשעס אַנטקעגן.
זיי קומען אָן פון אַלע פיר זייטן,
פון נאָענטע דערפער און פון ווייטע —
מיט גריוועס צעבאַרשטן, קעפּ אין דער הויך,
העלדזער פון וואוילטאָג אויסגעבויגן,
מיט דינע פיס און קלוגע אויגן
און פון די נאָזלעכער שלאָגט אַ רויך.

הינטער מיט היי־באַלאָדענע פורן
צוואַלעוועץ פערד פון אַלע קאָלירן:
פעלן — אין גאָלדענע עפּל, אַפּריקאָסן,
פעלן — אין זילבערנע טאָלערס געגאָסן;
פערד שוואַרצע ווי טינט אַ בלווילעכן שיין,
און מערער פון אַלע פערד — רויטער ווייַן.
זיי פלעכטן די פיס און גראַבלען די ערד
מיט שאַרפע נעגל און הויבן אויף
אַ דינעם שטויב צו די בייכער אַרויף.

מיר גייען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרום.
די הייזער שטייען אומעטום
מיט אָפענע טירן, באַלויכטענע ווענט,

ווי גאַסן וואָלטן, מיט אויגן און הענט,
יעדן גוי און ייד, וואָס איז געקומען
צום יאַריקן מאַרק, אויפגענומען.

דער מאָלער לעוויטאַן האָט ליב געהאַט אַנצושרייבן אויף איין טעמע עטלעכע לייוונטן. ער האָט געזוכט אַ פולקאָמערע פאָרעם. ראַלניק שרייבט איבער לייוונטן אין אַ צייט אַרום; אָבער מען מוז צוגעבן, אַז אויב די שפּעטערדיקע סטראָפעס דאָ האָבן אפשר אַ פּאַסיקערע פערז־מאָס, איידער אין דער אָמאָליקער פּאָעמע, האָבן אָבער יענע אַלטע סטראָפעס בשום אופן נישט פאַרלאָרן זייער פרישקייט.

דאָס איז באמת געווען אַ גבורה צו האַלטן זיך פערציק יאָר נאָכאַנאַנד אויף דעם אייגענעם וועג און נישט אָפּצואָווייכן פון אים אונטער די בייטשן פון דער ליטעראַרישער מאָדע. דאָס עכטע, וואָס נייע פּאָעטישע פירונגען און דערפינדונגען האָבן געבראַכט, איז ראַלניקן נישט פאַרבייגעגאַנגען אַ מבאַמערקט. ראַלניק האָט דאָס אָבער קיין מאָל נישט אויפגעכאַפּט איבערפּלעבלעך און באַלד פאַראייגנט אין נאָכמאַכונגען; ער האָט דאָס אויפגענומען פאָרזיכטיק, ווי אַ קלוגער פּאַכמענטש, און אַסימילירט, און איז פון דעם פּראָצעס אַרויסגעקומען — דער זעלביקער ראַלניק, מער נישט אַ ביסל מער פאַרטיפט.

אין איין זאַך גליקט אונדזער ראַלניקן אָפּט מאָל נישט אָפּ: אין שרייבן „הויכע" פּראָגראַם־לידער און „אַלוועלטלעכע" דעקלאַראַציעס. די וועלט פון זיין פּאָעטישן באַנעם איז אַ וועלט פון איינצל־געשטאַלטן און איינצל־זאַכן. שרייבן פּראָגראַמען איז נישט זיין באַרוף, און ער מעג דאָס איבערלאָזן פאַר פּערזן־שרייבער, וואָס פאַרדעקן מיט דעם זייער נישט־זיין. זיינע „דעקלאַראַציעס" און „פּראָגראַמען" קומען אַרויס צו־נאַאיוו פאַר אים. ווען ער דערקלערט אַמאָל אין פיינע קלינגענדיקע שורות, אַז ער איז די שטילקייט אַליין און אַנדערע זענען טומלדיק, דערמאָנט דאָס אָן דעם פּאָלקס־וויץ וועגן דעם פּאָלק סאָלדאַטן, וואָס שרייט „שאַ!" פאַר דעם פּאַלאַץ, וואו דער קייסער שלאָפט. און ווען עס פאַרוועלט זיך אים אַמאָל אויפצוהויבן אַ „קריג קעגן דער וועלט", איז ער פאַר דעם צו־געמיטלעך, און עס מוז זיך באַקומען אַ קליינע אַלטעגלעכע געשיכטע, אַ קריגערייַ מיט מענטשן; וואָרום, ווי אַן עכטער פּאָעט, מאַכט ער יום־טוב פון אַלטאָג, און זיין יום־טוב מוז האָבן די ראַם פון אַלטאָג.

דער וועג פון דעם פּולבלוטיקן רעאַליסט ראַלניק, איז נישט קיין זייטיקער, מעג ער אַליין ליב האָבן וועגן דעם צו ריידן. ווען ער זאָל שרייבן לבנה־לידער,

וועט דאָס פאַר אים נישט זיין כאַראַקטעריסטיש. ראָלניק גייט אויפן ברייטן, גרויסן וועג פון דער דיכטונג ביי אונדז און ביי אַנדערע אומות.

יוסף ראָלניק איז גאָרנישט קיין קרוב לערמאָנטאָווס פּראָוואָקאַטיווער נשמה, וועמען די ערד איז פרעמד. און ראָלניק גאַרט אויך נישט נאָך דער פולער שטילקייט און מיסטישער רו פון רילקען, דעם שטילסטן פון אַלע פּאָעטן. ראָלניק איז נישט קיין מיסטיקער און נישט קיין סימבאָליסט, נאָר אַ פיינער רעאַליסט, און מיט דעם איז ער נאָענט צו אונדזער פּאָעטישער צייט. דורך זיינע לידער גייט ראָלניק, ווי מיר אַלע, פון דער גרויסער אַליינקייט, וואָס רופט זיך קינדהייט, צו דער אַלץ טיפערער און באַזונטערער אַליינקייט אין לעבן פון דערוואַקסענעם מענטש.

ראָלניקס פערזן צייכענען זיך אויס מיט זייער טיפער פּאָעטישער ערלעכ־קייט; און די גרויסע ראַנגלעניש אין אים איז צו אַלץ פולערער אַנטפּלעקונג פון זיך אַליין. ער קאָן נישט אויסקומען אָן דער וועלט פון מענטשן, אַפילו ווען ער מיינט אַמאָל, אַז ער דאַרף זיך קריגן מיט דער וועלט.

פאַראַן פּאָעטן, וואָס זענען צופיל „מיר". פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס האַלטן אין איין דעקלאַרירן זייער „איכיקייט" און די גרויסע ליבע צו זייער אַליינקייט; זיי האַלטן אין איין וואָרענען אייך: דאָ איז „איך", טרעט נישט אַריבער מיין גבול.

ראָלניק, אָבער, ציט זיך צו אַן אַנדער מין פּאָעטן, וועמענס וואָסערן זענען רואיקע און וועלכע נייטיקן זיך נישט אין קיין שום דעקלאַראַציעס. אַריבער זייערע ברעגן הייבן זיך אָן, פון איין זייט, די פוסטע מילן פון „סאָציאַלער" מליצה, און פון דער אַנדערער — די מדבריות פון אויסגעמוטשטע „ליידנשאַפטן" און „שטעלונגען", פון נישט־געזעענעם, נישט־געהערטן, נישט־געפילטן, נישט־געלעבטן און אַפילו נישט־געטראַכטן. ראָלניק ציט זיך צו יענער פּאָעזיע, וואָס האָט ממשותדיקע וואָרצלען.

ביים נאָכמאַכער וועט די קונציקסטע שורה בלייבן אַ פאַלשער דימענט. דער נאָכמאַכער וועט זיך באַהאַלטן פון אייער בליק, אָט הינטער אַ פּאַן, און אָט הינטער אַ בוים, — ווי עס וועט זיך אים לוינען, נאָך זיין נאַרישער אויס־רעכענונג.

ראָלניק האָט געקאָנט ווערן באַאיינפלוסט, אָבער קיין נאָכמאַכער וועט ער קיין מאָל נישט זיין. אויף זיין אָפענער פּאַלירטער שורה וועט זיך אָנזען יעדע קליינע פּגימה. אָבער ווען ראָלניק רעדט וועגן אַ בוים, אַ שטיין (פאַראַן ביי אים אַזאַ פיין ליד), אַ פערד, צי אַ מענטשלעכער געשטאַלט, וועלן די רייד, די ווערטער זיין זיינע, און די געשטאַלטן וועלן זיין ביי אים נישט קיין מליצה. זיין בוים וועט ביי אים זיין אַ לעבעדיקע זאַך, וואָס ער שפּירט און קען אינטים

און ווייס איר ווערט און נוצלעכקייט, ווייל ער לעבט אינטים מיט דער ערד. ראַלניק איז איינער פון די פאַרוואָרצלטסטע יידישע דיכטער.

ער גיט אייך דעם ריכטיקן אמת פון זאַכן און מענטשן. און ווי באַקליידט דער דאָזיקער אמת איז אין זיינע סטראָפן! זיינע שורות האָבן אַ באַזונדערע ראַלניקשע מוזיק און נייטיקן זיך נישט אין קיין שום אויסערלעכער באַפוצונג.

און אין זיין לעצטער עקסקורסיע צום אָרט פון זיין קינדהייט, ווי קיין מאָל פריער, איז ער דערגאַנגען צו טיף־אינטימע זעאונגען, וואָס זענען געוואָרן אַלמענטשלעך און האָבן זיך אַליין באַקומען אַ סימבאָלישן קלאַנג. אַזעלכע זעאונגען זענען זיין פרייד און אונדזערע. זיין לעצט בוך, פול מיט פרעכטיקע פרישע בילדער, איז אַ באַווייז פון דעם לעבעדיקן קוואַל אין אים, וואָס וועט אונדז געבן נאָך אַ סך פרייד און וואונדער פון ליד.

1942

נ. ב. מינקאָוו

יוסף ראָלניק

(צו זיינע 40 יאָר ליטעראַריש שאַפן)

טראַדיציאָנעל רעכנט מען ראָלניקן צו צו דער גרופּע וואָרט־קינסטלער, באַוואוסט אונטערן נאָמען „די יונגע". פאַקטיש איז ער אָבער געווען איינער פון זייערע פאָרגייער. אַ פאָרגייער, וואָס איז שפּעטער מיטגעגאַנגען מיט זיינע יינגערע קאָלעגן דעם זעלבן פּאָעטישן וועג, און געשאַפן מיט זיי צוזאַמען דעם אימפּרעסיאָניזם אין דער יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור. צווישן זיי איז ער דער דיכטער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין ליד פריער פאַר די אַנדערע, און איז דורכגעגאַנגען אַ לענגערן וועג. וואָרום ראָלניק איז נאָך איצט פּאָעטיש אַזוי טעטיק ווי פריער. לעצטנס איז אַרויס זיינס אַ ניי ביכל לידער „אַ פענצטער צו דרום". איז נישט שווער צו זען אין ראָלניקס אַנטוויקלונג די וויכטיקסטע מאָמענטן פונעם היגן אימפּרעסיאָניסטישן ליד. ביי אַנדערע דיכטער פון זיין דור האָבן טאַקע די זעלביקע מאָמענטן געהאַט אַן אַנדער אויסזען, אָבער דער פּסיכאָלאָגישער איינשטעל און דער עסטעטישער אויספיר איז געווען כמעט דער זעלבער. ראָלניקס ליד האָט אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס באַווייזן די דאָזיקע יסודות אויף אַ קלענערן, פּשוטערן און מער איינפאַכן אופן.

ביים ערשטן איינדרוק פון ראָלניקס ליד דערפילט מען, אַז זיין פּאָעזיע איז פול מיט שטילקייט און איינזאַמקייט; און אַז זי איז זעלבסט־צענטריש. דאָס אַליין וואָלט אָבער נישט געווען זיינע אַן אויסשליסלעכע כאַראַקטעריסטיק. אויך אַנדערע פּאָעטן פון זיין צייט באַזיצן די זעלביקע אייגנשאַפטן, אין פאַרשידענע מאָסן. דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר ראָלניקן איז דאָס, וואָס אין זיין ריטעם לעבט שטענדיק אַן א ו י ס ע ר ג ע וו יי נ ל ע כ ע שטילקייט; וואָס אין דער עמאָציאָנעלער באַאַרבעטונג פון זיינע לידער איז ער טיף זעלבסט־צענטריש, און „ענג" אין דער ספער פון זיינע אינטערעסן; און וואָס אין זיין

אין זיך איינגעשלאָסענער איינזאַמקייט פאַרלירן זיך די גרענעצן צווישן ווירקלעכקייט און דוכטעניש. און אָט אַ דער פּאָעטישער גע־מיט איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ פריערדיקער רעאַליסטישער תקופה. איז נישט נאָר קאָן מען זען אין ראָלניקס ליד די אַנטוויקלונג פון אימפּרעסיאָניזם, נאָר אויך דעם בריק, וואָס איז געלעגן צווישן רעאַליזם און אימפּרעסיאָניזם אין דער אַמעריקאַנער־יידישער פּאָעזיע.

צוליב דעם, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט פון אונטן אַרויף, פון די סאַמע גערדיכטע שיכטן פון פאָלק, ווי אויך צוליב דעם, וואָס דער רעאַליסטישער שטראָם אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ מעכטיקער, איז דער אימפּרעסיאָניזם אָנגעקומען ווי אַ המשך פון דער פריערדיקער תקופה, הגם ער האָט אויבנאויפיק אויסגעזען גאָר אַנדערש פון דער פריערדיקער רעאַ־ליסטישער תקופה. באמת אַנדערש איז ער ערשט געוואָרן אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, ווען זיין אויסגאַנגספּונקט האָט זיך פאַרלאָרן אין דיסטאַנץ. אין זיין פּרימיטיווער פאָרעם איז דער אימפּרעסיאָניזם נישט קיין אַנדער זאַך, ווי דער סוביעקטיווער רעאַליזם. ערשט אין זיין ווייטערדיקן גאַנג ווערט ער — אפשר אומבאַמערקט — פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט פון אילוזיעס, דוכטענישן, נישט־דערפילטע טרוימען, נישט־דערגרייכטע פאַרלאַנגען און נישט־דאָאיקע שפּירונגען.

ס׳איז טאַקע אַן אַלטער טרואיזם, אַז מען קאָן קיין מאָל נישט אָנמערקן פּינקטלעך און גענוי די מדרגות אין אַ געוויסער אַנטוויקלונג, באַזונדערס אין גייסטיקע ווערטן. דאָך קאָן אַפילו אַ נישט גענויע און באַדינגלעכע קלאַסיפיקאַ־ציע העלפן אין אַ סך פּרטים צו דערקלערן דעם פּראָצעס פון אַן אַנטוויקלונג. אַ דאַנק אַזעלכע הויפּט־סימנים קאָן מען — ווען אַפילו נישט אין גאַנצן פּינקטלעך — אָנווייזן אויף דריי פלאַכן אין דער אַנטוויקלונג פון ראָלניקס ליד. זייערע גרע־נעצן גייען אָפט אַריבער איינס דעם צווייטן און פאַרווישן זייער אָפט די שייד־ליניעס. דאָך קאָן מען אָנמערקן דריי באַשטימטע פלאַכן, וואָס דורך זיי וויקלט זיך פונאַנדער ראָלניקס ליד, און באַוועגט זיך, צייטנווייז, אין מער ווי איין פלאַך. זיי זענען:

דער סוביעקטיווער רעאַליזם, דער אימפּרעסיאָניזם, און דער פּרימיטיווער סימבאָליזם.

דער סוביעקטיווער רעאַליזם פון ראָלניקס פּאָעזיע שטאַמט פון דעם טראַדי־ציאָנעלן רעאַליזם פון אַ פריערדיקער תקופה. סיי טעמאַטיש, סיי נאָך דער פאָ־רעם נאָך דריקן זיינע ערשטע לידער אויס: ווירקלעכקייט און דירעקטע באַשטימונגען.

אַ דאַנק דעם פאָלקס־טאָן און זיין שטילער אינטימקייט, האָט זיך אין ראָלניקס

ליד געשאפן א דעמערנדיקער רעאַליזם, וואָס האָט באַפּאַרבט זיינע לידער מיט איינפאַכקייט, מיט יענער שטיל־געצייכנטער בילדלעכקייט, וואָס מיט דעם איז באַרימט די אָריענטאַלישע, באַזונדערס די כינעזישע ליריק. די טעמע פון ליד ווערט איבערגעגעבן אין פאַרשטילטע טענער, פון אָנהייב ביזן סוף פון ליד. זי אַנטוויקלט זיך בהדרגהדיק מיט אויגנשיינלעכע אַלעגאָריעס. זי ווערט גע־טייטשט בוכשטעבלעך דורך איבערזעצן ווערטערלעך אידיאָמאַטישע פיגורן, ווי דאָס טוט מאַרק שאַגאַל אין דער מאַלעריי. דער דעמערנדיקער אָפּשיין פון דער טעמע ווערט אינטימער, ווערט מער סוביעקטיוו דורך פּסיכאָלאָגישע אויספירן, ווי, למשל, באַדויער און מיטלייד. זיי ווערן אין גאַנג פון ליד פאַרוואַנדלט אין יענער זעלבסטפאַרשטענדלעכער אויפוויקלונג, וואָס פירט צום סוף צו דער רע־זיגנירטער און איראָנישער לירישקייט, וואָס איז דאָס שענסטע אין דער כינעזי־שער ליריק. די דאָזיקע כמעט פּרימיטיווע מיטלען ווערן אויך פון ראָלניקן דין, שטיל און איינפאַך געצייכנט. אין דעם פילן זיך שוין די אָנזאָגן פון ראָלניקס שפּעטערדיקן אימפּרעסיאָניזם. הגם פון א העכערן טעכנישן באַוואוסטזיין און אויסערגעוויינלעך פאַרבנרייך, איז שאַגאַלס פאַרפיינערטער גראָטעסק אויך א רעזולטאַט פון טייטשן אַבזיכטלעך־פּרימיטיוו און בוכשטעבלעך־אַלעגאָריש אי־דיאָמען פון פאָלקס־אויסדרוק. זיין בילד „וויטעבסק" איז ענלעך צו יענע ראָל־ניקישע לידער, וואו דער אידיאָמאַטישער אויסדרוק (ביי שאַגאַלן „גיין איבער די הייזער") געפינט אויסדרוק פון א לעבן־באַנעם דורך שילדערן א יידן, וואָס נישט ער גייט איבער די הייזער, נאָר ער שוועבט איבער די דעכער פון הייזער. ביי ראָלניקן האָט זיך דער בין־השמשות־רעאַליזם, דער סוביעקטיווער רעאַליזם, שוין אַרויסגעוויזן אין זיינע ערשטע לידער. אין יאָר 1907 האָט ער שוין געשריבן אַזאַ מוסטער:

„מענטשן לאַכן־אויס די אויגן:
אין אַזעלכע קאַלטע צייטן
זאָל א האַרץ נאָך וואָרעם שלאָגן? —
כ'גיי צום טייך מיין האַרץ אָפּקילן.

כ'וועל אין טייך א לאָך אויסהאַקן,
אַזוי גרויס פּונקט ווי דאָס האַרץ מיינס,
און אין יענעם שוואַרצן אָפּגרונט
וועל איך דריי מאָל ס'האַרץ אָפּטובלען:

איין מאָל — ס'זאָל פאַרגעסן ליבע;
איין מאָל — ס'זאָל פאַרגעסן האַסן;
און דעם דריטן מאָל, דעם לעצטן,
וועל איך לאַנג איר דאָרטן האַלטן

אין דעם שוואַרצן, טויטן וואַסער,
ביז אַ נייע, דינע הייטל,
ווי אַ שפּיגל האַרט און גלאַנציק,
וועט די פרישע וואונד פאַרציען;

ביז דאָס האַרץ וועט זיך איינשרומפּן,
ווערן קאַלט און קליין און גליטשיק —
דעמאָלט וועל איך איר באַקומען
פון דעם אָפּגרונט. אויף אַ פאָדעם

וועל איך זי ביים לאַץ אָנבינדן,
און וועל לויפן צו די מענטשן
און וועל חבריש אַ זאָג טון:
„זעט, איך בין שוין ווי איר אַלע!"

אין ראַלניקס עטלעכע ערשטע לידער פילט זיך אַן איינפלוס, וואָס האָט מיט ראַלניקס גאַנצער פּאָעזיע אַ קנאַפּע שייכות. דער דאָזיקער איינפלוס איז געווען אַן אומבאַדייטנדיקער, אַ שנעל־פאַרבייגייענדיקער. דאָך איז עס גאַנץ וויכטיק פאַר אונדז. דאָס איז דער קאַלצאָוו־איינפלוס. אין אים זעען מיר ראַלניקס נטיה צום פאָלקס־טאָן, גאַנצקייט און רעאַליזם דורכגעוועבט מיט אייגענער אינטימער באַפאַרבונג. די אינטימקייט, די אינדיווידועלע באַפאַרבונג איז געווען אַזוי אָרגאַניש פאַר ראַלניקס סובעקטיוון רעאַליזם, אַז ער האָט אויף אַ וויַל אַקצענטירט קאַלצאָוויש עטלעכע פון זיינע לידער.

„זאָג, דו גרויסער גאָט,
דו, גערעכטער גאָט,
זאָג: מיט וואָס האָב איך
דען דערצאָרנט דיך?
אין אַ פינצטער נאַכט, אויף אַ זייטיק וועג,
האָב איך קיינעם נישט
אָפּגעהיט, באַרויבט".
(„אין וואַלד").

כמעט די גאַנצע סעריע „אין וואַלד" איז געשריבן אין דעם קאַלצאָוו־טאָן. דער שוואונגיקער און מונטערער גאַנג פון קאַלצאָווס ריטעם איז לחלוטין נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר ראַלניקן, ווי דאָס באַווייזט דער גרעסטער טייל פון זיין שאַפן. צו קאַלצאָוון האָבן ראַלניקן צוגעצויגן די קורץ־שורהדיקייט, דער דאָר־פישער לעבן־שטייגער, דער פאָלקס־טאָן און די אינערלעכע שטילקייט. פּונקט ווי ניקיטין און סוריקאָוו האָבן פאַרוואַנדלט די מונטערע קאַלצאָוו־טענער אין אויסגאַנגלאָז־טרויעריקע, אַזוי האָט אויך ראַלניקס שטייגער און נאַטור־ליד פון

דער סעריע „אַרום מיל״ פאַרוואַנדלט דאָס דאַרפישע אין אַ קוואַל פון עלנט, פון טרויער און איינזאַמקייט.

אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג איז ראַלניקס רעאַליזם ענג סוביעקטיוו. באַשרייבן די ווירקלעכקייט — דאָס גייט־דורך דורך אַלע זיינע פּריעסטע לידער. דער מעטאָד אויסצודריקן די בילדער און שטימונגען **אויף אַ דירעקטן אופן** מערקט זיך אין יעדן פערז, דאָך פילט זיך אין זיי אַ **פּערזענלעכע** באַפאַרבונג, אַ **פאַרגרעסערטע** שטילקייט, אַן **אונטערגעשטראָכענע** איינזאַמקייט, צייטנווייז, אַפילו אַן אומהיימלעכקייט. אָט אָ די סוביעקטיווקייט פון זיין רעאַליזם פירט צום געדאַנק, אַז זיין אינדיווידואַליזם איז נישט פון אַ געזעלשאַפטלעכן אָדער אוניווערסאַלן באַנעם, נאָר פון אַן עגאָ־צענטריש. פּונקט פאַרקערט ווי דאָס איז ביי רייזענען. ביי רייזענען איז דער אינדיווידואַליזם אַ פאַרגעזעלשאַפטלעכער, יעדער איינצלנער און יעדע פאַראיינצלטע דערשיינונג איז אַ טייל פון אַ קאָלעקטיוו, פון אַ געמיינשאַפט. ביי ראַלניקן איז דער איינצלנער אַן אומאָפּהענגיקע זאַך פאַר זיך. זיין אינדיווידואַליזם איז סוביעקטיוו און איינצל־וועלטיש.

אין זייע לידער, וואָס געהערן צו דער אימפּרעסיאָניסטישער ספער, מערקט זיך דער דאָזיקער אינדיווידואַליזם גאַנץ בולט: הן מיטן טעמאַטישן מאַטעריאַל, הן מיט די עמאָציאָנעלע בילדער, און אויך מיטן איינגעשטילטן ריטעם. זיין אינדיווידואַליזם קאָן מען שוין אָבער אויך מערקן אין יענע לידער, וואָס געהערן צו זיין רעאַליסטישער פלאַך. ווי אַזוי דריקט זיך ביי ראַלניקן אויס זיין אינדיווידואַליזם? וואָס זענען די מיטלען, וואָס ברענגען אַרויס זיין סוביעקטיוויזם? ראַלניק דערגרייכט די פאַרטושירונג פון רעאַליסטישע שאַרפע קאָנטורן און ליניעס מיט באַשטימטע מיטלען:

מיט פאַראייַנפאַכן דעם גראַם, מיט קנאַפּקייט פון ווערטער און דער קורצקייט פון שורה, און מיט אַ נישט־העלער באַפאַרבונג.

מיט דעם פאַראיינפאַכן דעם גראַם דערגרייכט ראַלניק אַזאַ נאַטירלעכקייט אין זיין פּאָעטישן לשון, אַז דער גראַם ווערט אין גאַנצן נישט באַמערקט. פּונקט ווי ער וואָלט ביי אים נישט עקזיסטירט. דער גראַם קאָן שטענדיק דינען ווי אַן אַקצענטירונג, ווי אַן אויפליַיז, ווי אַן אומדערוואַרטקייט, אָדער ווי אַ מוזיקאַלישער סך־הכל. אין אַזעלכע פאַלן מוז מען אים אָבער אומבאַדינגט באַמערקן, אָדער, לכל־הדעות, דערפילן. אין ראַלניקס ליד דינט אָבער זיין שטילער, אומבאַמערקטער גראַם ווי אַ פאַרטושירונג, ווי אַן איינשטילונג, צייטנווייז ווי אַ פאַרשווינדן אין שווייגן.

עס איז גאַנץ מערקווירדיק, וואָס צווישן ראַלניקס אומגעפער 353 לידער

פון זיין בוך „לידער" (יאָר 1926), זענען קרוב צו 300 לידער אין גאַנצן מיט דורכגעלאָזטע גראַמען, למשל:

> מיין שטערן וועט ווערן פאַרלאָשן,
> און איך וועל פון זינגען אַראָפּ
> און וואַנדלען צעמישט אין די גאַסן,
> ווי פייער וועט ברענען מיין קאָפּ.
>
> (פון דער סעריע „גלייך ווי אַ פויגל").

בלויז אַן ערך עטלעכע און פופציק לידער זענען מיט פאַרשידענע אַנדערע גראַמען. און אין די עטלעכע און פופציק לידער זענען פאַראַן אומגעפער אַ 30, וואָס האָבן אומרעגלמעסיקע גראַמען, אָדער אַן איבערחזרנדיקן רעפריין. בלויז אַרום אַ 16 לידער האָבן רעגלמעסיקע פּאָר־גראַמען, ווי למשל:

> דו זיצסט אין ווייז־הויז און דו טרינקסט,
> און העלפסט די זינגער מיט און זינגסט;
> ווער ווייס, ווער ווייס, — אין דער מינוט
> באַפאַלט אַ פלאַם פון גאָט דיין גוט! — („האָפיז").

דערצו זענען אין דעם בוך פאַראַן נאָך אַ 40 לידער, וואָס האָבן — אין באַזונדערע סטראָפעס — דעם זעלביקן גראַם, אָדער וואו עטלעכע פון די זעלביקע גראַמען ווערן איבערגעחזרט.

דאָס וואָס ראַלניק פאַראייבפאַכט, וואָס ער לאָזט דורך גראַמען, אָדער פאַרווישט די אַקצענטן פון גראַם, איז אין זיין פאַל נישט קיין באַווייז פון מעטרישער אומבאַהאָלפנקייט. דאָס נעמט זיך פון קינסטלערישער ערלעכקייט, איינפאַכקייט און אויסגעהאַלטנקייט. ראַלניק וואָלט זייער גרינג געקאָנט געפינען צוגאָב־גראַמען אין די אומגעפער 300 לידער, וואו די גראַמען זענען דורכגעלאָזטע. דעם גראַם איז אַ סך גרינגער צו געפינען איידער אַנדערע נייטיקע עלעמענטן פון סטיל, וואָס זענען באמת דער יסוד פון אַ ליד. ראַלניק אַנטוויקלט זיין איטלעך ליד פּאַטעטיש־לאָגיש, בהדרגהדיק, מיט גענויע פּאַראַלעליזמען, אַנטיטעטישע בילדער און געדאַנקען. ער גרייט־צו דעם גאַנג פון ליד און וויקלט אים פונאַנדער צו אַ פּאַטעטישן ווענד, און זייער אָפט — וואו נייטיק — צו אַן אומדערוואַרטן אויפלייז. די גענויקייט אין די נאָר־וואָס דערמאָנטע סטיל־עלעמענטן, וואָס פאָדערן אַ סך מער באַוואוסטזיניקייט און געדולדיקייט, איז אַ גענוגנדיקער באַווייז, אַז ראַלניקס גראַם־מעטאָד האָט אַ באַשטימטן מיין. עס איז אמת, אַז דער גראַם — אין דער געקלאַמערטער פאָרעם — פאָדערט ביים דיכטער מער וואַכזאַמקייט איידער אַנדערע ריטעם־עלעמענטן. עס איז אויך וואַרשיינלעך, אַז די

מינים און טאַקטן פון פערזן־פיס קומען־אויף אינעם דיכטערס געמיט ווי אַן אומבאַוואוסטזיניקע שווערמונג, וואָס ווערט איבערגעוואַנדלט נאָך פאַרשידענע גילגולים אין אַ מוזיקאַלישן פורעם. אָבער די מינים, די טאַקטן פון פערזן־פיס, דער אָטעם, די מוזיק פון דער שורה, שאַפן אויך די באַגרייפלעכקייט, ווי אַזוי דער דיכטער זאָל געברויכן דעם גראַם. אַן ערלעכער און אויפריכטיקער דיכטער וועט קיין מאָל נישט פאַרגוואַלטיקן מיט געקינצלטקייט, אָדער מיט דרויסנדיקע אומנייטיקע עפעקטן די ווידערקלאַנגען, וואָס ווערן פון פריער אָנגעדייט דורך דעם אָטעם פון דער שורה. פאַרקערט, אַזאַ דיכטער וועט עס אויסנוצן בשלימות. אָט אַ די שלימות פילט זיך אין לעבן פון ראַלניקס ליד.

ווי שטענדיק, האָט אויך אין ראַלניקס פאַל דער רעאַליזם נישט געגעבן דעם דיכטער קיין אַנדערע מעגלעכקייטן ווי צו שילדערן ווירקלעכקייט דורך אַ דירעקטן מעטאָד. סיי דער אינהאַלט און סיי דער מעטאָד זענען אָפּהענגיק איינס פונעם צווייטן. דער מעטאָד קאָן אומבאַמערקט איבעראַנדערשן דאָס אויסזען פון ווירקלעכקייט אין ליד. כדי איבערצוגעבן פּאָעטיש די ווירקלעכקייט אין איינקלאַנג מיטן דיכטערס אינדיווידואַליסטישער נייגונג, האָט שוין פאַר ראַלניקן נישט געקאָנט דינען דער דירעקטער מעטאָד, ווי ער דינט אין ריין־רעאַליסטישע לידער. פּטור צו ווערן אין גאַנצן פון דעם דירעקטן מעטאָד איז אוממעגלעך פאַר אַ מענטש מיט אַ רעאַליסטישן וועלט־באַנעם, אַפילו ווען דער באַנעם איז סוביעקטיוו. פאַר ראַלניקן איז קיין אַנדער מיטל נישט געווען ווי איינצושטילן, פאַרווישן דעם בולטן מוזיקאַלישן און געדאַנקלעכן מיטקלאַנג. אַזוי ווי די טראַדיציע פונעם יידישן ליד איז געווען געבונדן צום גראַם, האָט ראַלניק נישט געקאָנט זיך באַוועגן אין גאַנצן אָן אים. זיין נאַטירלעכקייט, אויפריכטיקייט האָבן אים דיקטירט צו פאַראיינפאַכן, פאַרטושירן דעם גראַם, און וואו נאָר מעגלעך, צו ווייכן פון אים. דערמיט דערקלערט זיך די מעטאָדישע נידערונג פונעם גראַם, ווי אַ בולטער פאַקטאָר אין ראַלניקס ליד. דאָס איז איינע פון די סיבות, וואָס האָט גורם געווען די אומגעהויערע שטילקייט און וואָס האָט זי אויסגעשפרייט אין ראַלניקס יחידיש ליד.

ווי אַ באַשטעטיקונג קאָנען אונדז דינען ראַלניקס רייפסטע און מוסטערהאַפּסטע לידער פון זיין בוך „נייע לידער", 1935. אין די לידער פון דעם דאָזיקן בוך קאָן מען באַמערקן ראַלניקס קינסטלערישע העכערונג כמעט אין אַלע הינזיכטן. נאָר אין איין פרט האָט זיך ראַלניקס הויפּט־שטריך נישט געענדערט: אין זיין נטיה צו אומגעהויערער שטילקייט.

אין דעם דאָזיקן בוך, וואַרפט זיך אין די אויגן די פאַרגרעסערטע צאָל פּאָעטישע באַשטימונגען לגבי די אָפּטע ראַלניקישע פ ש ו ט ע באַשטימונגען. עס באַווייזן זיך אַלע ווייניקער שורות, ווי:

מיין שטעקן איז דעמבן־האָלץ עכטער,
מיין בעטל־זאַק טיף איז און ברייט.

אָדער

עס דרעמלט אין דעם באַקוועמען
און ברייט־געבויטן אָרעם־שטול.

די איבערהאַנט האָט דאָ די פּאָעטישע באַשטימונג, דער עפּיטעט:

דער לבנה־שטראַל איז פייערדיק און דין
דעם נאַכטיקן רוף פון אַ פעלדיקן פייער.

אָדער

און אַלערליי הייסע געשטאַלטן
מיינע שעהן ווערן קירצער, פאַלשער ווערן טעג.
כ'גיי אַרום מיט אויסגעבאָרגטן, נישט־
באַצאָלטן טראָט.

אויך אַ דערנענטערונג צום סימבאָליזם ווייזט זיך אין די לידער פון דעם בוך. בילדער ווערן ביי אים זוייט אָפּגערוקט פון אַלעגאָרישקייט, וואָס האָט באַהערשט זיין פריערדיק ליד. דאָ זענען פאַראַן ווייניקער בוכשטעבלעכע טייטשונגען פונעם אידיאַם.

אין דעם דאָזיקן בוך לידער (1935) האָבן מיר שוין פאַר זיך ראַלניקס פּול־קאָמע טעכניק. אָבער זיין שטים איז דאָ די זעלביקע ווי אין זיין פריערדיק בוך. די טענדענץ איינצושטילן, פאַרטושירן דעם גראַם הערט זיך פונקט אַזוי ווי אין זיינע פריערדיקע לידער. פון די 68 לידער אין דעם דאָזיקן בוך זענען פאַראַן אַן ערך אַ 45 לידער, וואָס האָבן די זעלביקע גראַם־אייגנשאַפטן ווי זיינע פריערדי־קע לידער: דורכגעלאָזטע גראַמען, אומרעגלמעסיקע, איבערגעחזרטע, כמעט קרייץ־גראַמען און לידער אָן גראַמען. אויב עס געפינען זיך אין דעם בוך אַ 20 לידער, מיט פּאָר־גראַמען (צווישן זיי אויך אומרעגלמעסיקע) איז דאָס בלויז דער־פאַר, ווייל פּאָר־גראַמען פאָדערן פויזעס. צווישן יעדע צוויי תיכף־געגראַמטע שורות רופט די הפסקה אַרויס אָפּרו און שטילקייט.

אויך אין זיין לעצט בוך „אַ פענצטער צו דרום", זעט מען די זעלביקע טענ־דענץ. אויך דאָ זענען די מערסטע לידער אין אומרעגלמעסיקע גראַמען, אין געמישטע גראַמען, און צייטנווייז פילט זיך זיין נייגונג אַריבערצוגיין צום פרייען

פערז. מיט איין זאַך אונטערשיידן זיך אָבער די אויטאָביאָגראַפישע און זכרונות־לידער אין דעם בוך פון זיינע פריערדיקע לידער. דאָ איז ביי אים וויכטיק צו רעגיסטרירן געשעעניש, עמאָציאָנעל באַנומען, פון קינדהייט און יוגנט. איז צוליב דעם וואָס די מערסטע לעצטע לידער קומען ווי אַ פּאָעטיש „דערמאָנען זיך" און נישט „ממעמקים", גיט ער זיי איבער אָן יענעם פּאָעטישן אויפרודער, הגם שטילן, וואָס מיט זיי צייכענען זיך אויס אַ סך פון זיינע פריערדיקע לידער. זיי ווערן פאַרצייכנט פּראָסט, איינפאַך, ערלעך. ווערן דאָ פּאָרט גענידערט יענע פּאָעטישע אייגנשאַפטן, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע אימפּרעסיאָניסטישע און סימבאָלישע לידער. דאָ איז ער צוריק אין דער ספער פון ווירקלעכקייט, הגם רעסטאַווירטער. איז נישט געקוקט אויף דער זעלביקער טעכניק ווי פון די פריערדיקע לידער, פּרוּווט ער זיי אויסלייזן פון דעם דערציילערישן טאָן מיט גראַמען, מערסטנס פאַר־גראַמען.

די צווייטע כאַראַקטעריסטיק פון ראָלניקס ליד, וואָס העלפט־צו פאַרטושירן די שאַרפע רעאַליסטישע קאָנטורן און ליניעס, איז די קנאַפּקייט פון ווערטער, די קורצקייט פון שורה. דער גרעסטער טייל פון זיינע לידער באַוועגט זיך אין אַ מוזיקאַלישער פראַזירונג פון נישט מער ווי פיר פערזן־טאַקטן:

וועז איך דערמאָן דיין נאָמען זיך,
ציט דורך אַ זיסער שטראָם מיין האַרץ.
עס האָט נאָך אַזאַ האָניק־טייך
אין פרס נישט פאַרפלייצט אַ האַרץ. (פון „האָפיז")

אָדער

אַ ליידיקער בוך מיט געווירעטע שורות —
אַ פרייד פאַרן אויג אָנצוקוקן.
געראַמיק און אָפן פאַר אַוואַנטורעס —
די האַנט הייבט־אָן בייסן און צוקן. („ליידיקע בלעטער")

לידער, וואָס האָבן שורות פון מער ווי פיר פערזן־טאַקטן, זענען אין אַ סך אַ קלענערער צאָל. אפילו אַזעלכע שורות מאַכן דעם איינדרוק פון קורץ־אָטעמדיקייט דערמיט, וואָס דער מהות פון ראָלניקס פערזן־פיס דריקט זיך צומערסטן אויס אין דעם כאָריי און יאַמב. די דאָזיקע צוויי־טראָפּיקייט צוזאַמען מיט דער קנאַפּקייט פון צאָל טאַקטן אין יעדער שורה שטרייכט נאָך מער אונטער דעם געמיט־צושטאַנד פון דיכטער. דער טאַקט פון שורה באַוועגט זיך אין דעם דיכטער, נאָך איידער עס פאָרמירן זיך אויס אין אים די דייטלעכע בילדער, וואָס אין זיי פאַרקערפּערט ער זיינע פּאָעטישע רעיונות. אפילו אין דעם נאַראַטיוו פון

רעאַליסטישע שילדערונגען, וואו עס פאָדערט זיך, צייטנווייז, מער רחבות, האַלט ער אָן די קורצקייט פון דער שורה. ער באַנוצט זיך דאָן מיט דעם באַקאַנטן מיטל, דעם אַנזשאַבעמאַן, וואָס באַשטייט אין איבערטראָגן דעם המשך אין דער קומענדיקער שורה. דערביי ווערט, פאַרשטייט זיך, אָנגעהאַלטן דער ריטעם פון ליד. דער איינדרוק באַקומט זיך, אַזוי נאָך, אַז אַ פּראָזאַאישע שורה האַלט־אָן דעם ריטעם פון ליד און ווערט דורך דעם געראַטעוועט פון דער פשוט גערעדטער שפּראַך. דערווייל אָבער ווערט די שורה געקירצט:

צו זעקס שניי־ווייסע פערד געשפּאַנט
האָט זיך אַ קאָטש געטראָגן;
אויף הויכע קישנס, גאָלד געוועבט,
געזעסן איז די „רום” אין וואָגן. (פון „איינעמס לידער”).

אָדער

פאַרשאָטענע הייזלעך. עס לעבן
פאַרגעסענע מענטשן אין זיי. („אָרום מיל”).

אָדער

נאָך מיטיק האָט אַ ווינט געבראַכט
דעם ערשטן שניי צוטראָגן. („אָרום מיל”).

דאָס אינטערעסאַנטסטע, אָבער, אין זיין מעטאָד איז דער אופן ווי אַזוי ער דערגרייכט אַ שטילע און מאַטע באַפאַרבונג פון זיינע בילדער. עס דאַכט זיך אָפט מאָל אויס, אַז דער אופן ווי אַזוי ער באַנוצט זיך מיט באַשטימונגען איז כמעט ווי אַ באַוואוסטזיניקער. זיינע פשוטע באַשטימונגען ווערן תיכף דערהויבן דורך אַ שכנישער פּאָעטישער באַשטימונג, און דערמיט ווערט אויך די פּאָעטישע באַשטימונג געגידערט אין איר איינפאַכער און דורכזיכטיקער קלאָרקייט. דער דאָזיקער מעטאָד איז אַ וואויל־באַקאַנטער, אָבער אין ראָלניקס גראַם־קנאַפּקייט און שורה־קורצקייט קריגט דער מעטאָד גאָר אַן אַנדער אויסזען. דער עפּיטעט ווערט געהאַלטן אין דער דעמערנדיקער פאָרעם, וואָס צווישן רעאַלקייט און טרוים, פשוטע רייד און נישט־דאָאיקן אָפּגלאַנץ.

דער הימל בלוי, דער טייך איז וויים,
און די אָנגעהאַקטע שטיקער אייז
אין שפּעטן אָוונט זענען גרין.
דער לבנה־שטראַל איז פייערדיק און דין.

עס איז שטיל פאר מיילן-מיילן רונד.
אויף דעם טייכס שווארצער וואונד
האט זיך אנגעטאן א נייע הויט.
די וואנט פון מיל איז וויים באטויט.

דער ווייסער וועג איז גלאט און פעסט,
ווי מיט א וואלגער צוגעפרעסט.
און צו דער ווייטקייט צוגעמישט
איז א קווינטל בלוי, מערער ניש.

(פון דער סעריע „ווי פאר די אויגן").

אין א סך פאלן איז שווער אנצואווייזן, וועלכע באשטימונגען זענען ביי ראלניקס פאעטישע און וועלכע זענען עס פשוטע. אין דער ערשטער סטראפע פון דעם אונטן־ציטירטן ליד זענען אוים פשוטע באשטימונגען ווי פאעטישע, און אין דעם צווייטן פערז איז עס פונקט פארקערט:

מיינע וועגן ווערן אלץ שמעלער,
מיינע היילן — אלץ טיפער פארוקטער.
איך גיי איבער ליכטיקע גאסן
א פארלוירענער און א געבוקטער.

עס קומען-אן ווערטער צושווימען,
גנאדיקע, ווייכע און פרומע.
איך האב איבערגענומען דעם לשון
פון שעפסן און קעלבעלעך שטומע. (פון „אין פארנאכטן").

מען וואלט געקאנט זאגן, אז ראלניקס ליד, וואס געהערט צו דער רעאלים־טישער פלאך, באוועגט זיך אין א טיפער שטילקייט. ער שאפט די דאזיקע שטילקייט: דורך זיין פאראיינפאכטן גראם, מיט דער לאקאנישער שורה, און מיט דער נעבנ־שטעלונג פון פאעטישע און פשוטע באשטימונגען.

אין זיין אימפרעסיאניסטישן פעריאד האט ראלניק נאך מער פארטיפט זיין סוביעקטיוון באנעם. אין דעם דאזיקן פעריאד באווייזן זיך ראלניקס רייפ־סטע פאעטישע מיטלען. אנטיטעטישע בילדער און געדאנקען באווייזן זיך אפ־טער. ער באנוצט זיך מיטן פאראלעליזם ווי מיט אן עמאציאנעל הילף־מיטל, אין גוסט פון א מוזיקאלישער קאדענץ.

דער אומדערוואַרטעטער אויפליין אדער קלימאקס צום סוף ליד פארבייט די פריערדיקע נישט־פארענדיקטקייט, פאררונדיקט דאס ליד. דער עמאציאנע־לער עפיטעט טרעט אפטער ארויס, אויך איראניע ווי אן עמאציאנעל מיטל.

ווען מען באַטראַכט ראַלניקס אימפּרעסיאָניסטיש ליד ווי אַ ביישפּיל און מוסטער פון אימפּרעסיאָניזם אין דער יידישער ליטעראַטור, געפינט מען אויס, אַז זיין ליד איז דער אויסדרוק פון אַ פּאָסט־רעאַליזם (סוביעקטיוון רעאַליזם און פון אַ פּרימיטיוון סימבאָליזם). ווען ראַלניק הערט־אויף צו דערציילן און באַשרייבן ווירקלעכן לעבנס־שטייגער, ווערט זיין ליד געפורעמט פון אַ מעטאָד, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אימפּרעסיאָניזם, ווי ער האָט זיך באַוויזן צום בולטסטן אין דער מאָלעריי. אין די ערשטע פאַזן פון זיין אויפקום, האָט זיך אויך ראַלניקס ליד אָנגעהויבן צו באַפרייען מער און מער פון מאָלן לעבנס־שטייגער און פון באַנוצן זיך מיט אַ דירעקטן רעאַליסטישן מעטאָד, אַפילו ווען דער מעטאָד האָט זיך אויסגעדריקט ביי אים אין אַ פאַרשאָטנטער פאָרעם. דער סוביעקטיוויזם פון ראַלניקס רעאַליסטישער ספער נעמט זיך שוין דאָס רעכט פון אינדיווידועלער פרייהייט בנוגע דעם אָביעקט און זיין באַהאַנדלונג.

דער אַנטיטעז, דאָס קעגנשטעלן צוויי קעגנזעצלעכע דערשיינונגען, איז איינער פון די דערפאָלגרייכסטע מיטלען, וואָס מיט אים גיט זיך איין אַרויס־צופירן און אונטערשטרייכן די עקזיסטענץ פון אַ בילד אָדער געדאַנק. דורך קאָנטראַסטן ווערןביידע בילדער, ביידע געדאַנקען, דערהייבן. זיי ווערן קלאָרער און באַלעבטער. זיי ווערן אָבער אויך געווענדט פון דעם דיכטער לויט זיין וואונטש. ער באַאַרבעט זיי מיט זיין אינדיווידועלן קאָלאָריט. ער דריקט אויס זיין פּערזענלעכע באַציאונג דורך אָנווענדן די אויפמערקזאַמקייט פונעם געניסער אויף דעם, וואָס ער וויל מען זאָל באַמערקן.

אַזוי האָט ראַלניק זיך באַנוצט מיטן אַנטיטעז־מעטאָד, ווי נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן אין דער ספער פון אימפּרעסיאָניסטישע דערפאַרונגען. און זיינע בילדער און געדאַנקען האָבן אין אַ סך פאַלן זיך באַוועגט פריי אין זייערע קעגנזאַצן:

אויבן לויפט אַ שמאָלע סטעזשקע,
אונטן — אָפּגרונט טיף און ברייט;
אויבן הענגט דער פאַלשער לעבן,
אונטן ליגט דער וואָרער טויט.

(„לידער", ז' 73, 1926).

איך וויל דיך אי האַסן אי שילטן, —
און קיין מאָל נישט אויפהערן ליבן. (ז' 77).

פון דעם ברענענדיקן טאָג
וועט אַ קילער אָוונט ווערן;
און אָנשטאָט דער רויטער זון
וועלן שיינען גרינע שטערן. (ז' 78).

טויזנט מענטשן. קיינער, קיינער
האָט מיר גאָרנישט נישט געגעבן, —
ביז דו איינע ביסט געקומען
און אַ גאַנצע זון געגעבן. (ז' 87).

אַ גרעסערן עמאָציאָנעלן עפעקט דערגרייכט ראָלניק מיט דעם, וואָס ער שאַפט דעם אַנטיטעז פון געמיט־צושטאַנדן. ער שטעלט ווירקלעכקייט און דובטעניש איינס קעגן דעם אַנדערן. כדי די דאָזיקע צושטאַנדן זאָלן קריגן די געהעריקע שטימונג, געמיט־אויפליין און פרעמד־וועלטישקייט, פאַרוויכט ער זיי מיט יענע מיטלען, וואָס זענען אים אַזוי אייגן און וואָס שאַפן ראָלניקס אומ־געהויערע שטילקייט און פאַרטיפטע זעלבסטצענטרישקייט. דורך דעם אַנטיטעז פון געמיט־צושטאַנדן שאַפט ער שטימונג, מיט וואָס די יידיש־אַמעריקאַנישע אימפּרעסיאָניסטן, די „יונגע", האָבן זיך אויסגעצייכנט.

ווי נאָך אַ חתונה. עס קלינגט נאָך אַלץ אין אויער.
מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אין דעם צווייטן חדר
שפּילט פידל און קלאַרנעט, שפּילט פלייט און באַנדורע
און ס'רוישן רחבותדיק די ווייסע זיידענע קליידער.

דאָך דאַרף איך נאָר די טיר אַן עפן טון, פאַרשווינדן
כלי־זמרים, קליידער, געסט, און די פאַרפּוצטע כלה
זיצט ביי אַ ווייסן טיש, שטריקט עפּעס מיט די פינגער, —
אַ וואָכעדיקער טאָג, אַ טאָג אַזאַ ווי אַלע.

ווי נאָך אַ חתונה. אַ טאָג אַזאַ ווי אַלע.
די כלה זיצט און שטריקט אין וואָכעדיקן חדר.
דאָך שליסן ווידער זיך די אויגן: פידלען שפּילן
און ס'רוישן רחבותדיק די ווייסע זיידענע קליידער.
(„ווי נאָך אַ חתונה").

אַ גרעסערע ראָל ווי דער אַנטיטעז שפּילט אין ראָלניקס ליד דער פּאַראַ־לעליזם. און נישט קיין וואונדער. דער פּאַראַלעליזם האָט זייער אַ סך באַריר־פּונקטן מיטן אַנטיטעז. אין דעם אַנטיטעז שפּילט די הויפּטראָל די קעגנשטעל־לונג פון צוויי קעגנזעצלעכע בילדער אָדער געדאַנקען. אין דעם פּאַראַלעליזם שפּילט די הויפּטראָל די נעבנשטעלונג פון צוויי נאָענטע, אויב נישט ענלעכע בילדער. אָבער דער וויכטיקער באַריר־פּונקט מיטן אַנטיטעז איז דאָס, וואָס אויך אין דעם פּאַראַלעליזם העלפט איין בילד צו באַלעבן אַ צווייט בילד, און נישט בלויז אַרויספירן בולטער אַ צווייט בילד איז די הויפּט־פונקציע פונעם פּאַראַלעליזם. אַ סך וויכטיקער איז דאָ די מוזיקאַלישע אייגנשאַפט. צוליב

דעם טאַקע האָט זיך די מאָדערנע דיכטונג אַזוי פיל באַנוצט מיט דעם דאָזיקן סטיל־עלעמענט. די אַנטיקע פּאָעזיע, די ביבלישע אַריינגערעכנט, צייכנט זיך אויס מיט אַ שפע פּאַראַלעליזמען. די פאָלקס־דיכטונג פירט אַרויס איר עמאָציאָנעלן עפעקט אַ דאַנק דעם פּאַראַלעליזם, וואו ער איז, צייטנווייז, וויכטיקער פון דעם ריטעם און דעם גראַם. דער פּאַראַלעליזם איז איינער פון יענע עלעמענטן, וואָס שאַפט די אינטימקייט, דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון פאָלקס־ליד.

די מאָדערנע דיכטער, באַזונדערס די אימפּרעסיאָניסטן, האָבן פּאַרטיפט די פונקציע פון פּאַראַלעליזם מיט דעם, וואָס זיי האָבן צו איר בילדער־באַלעבונג, צו איר אונטערגעשטראָכענעם געדאַנק צוגעגעבן אויך אַזאַ מוזיקאַלישע אייגנשאַפט, וואָס שאַפט שטימונג, געמיט, פּליסטער.

דער פּאַראַלעליזם איז פאַר ראַלניקן געווען מער פון אַלץ אַן עמאָציאָנעל הילפס־מיטל, אַרויסצוברענגען אייגענע שטימונגען און אייגענעם געמיט־צושטאַנד, ד"ה, זיין זעלבסטצענטריש עמאָציאָנעל לעבן. און באמת, יענע לידער ראַלניקס, וואָס געהערן צום אימפּרעסיאָניסטישן וועלט־באַנעם, זענען פול מיט פּאַראַלעליזמען.

דער אַנטיטעז און דער פּאַראַלעליזם האָבן אַריינגעבראַכט דינאַמיק אין זיין ליד פון דער רעאַליסטישער תקופה. דער רואיק־פּליסנדיקער באַשרייבערישער און דערציילערישער עלעמענט איז באַלעבט געוואָרן. עס איז וויכטיק אויך צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע דינאַמישקייט איז אַלץ געווען אונטערן צייכן פון דער כאַראַקטעריסטישער פאַר אים שטילקייט. און ווייל אַזוי, איז זיין דינאַמיזם געווען די סיבה פון אַ פאַרשאַרפטן סוביעקטיוויזם. דאָ האָט זיך זיין ענגאַ־צענטרישקייט געפונען אין אַ באַוועגלעכן און אַנגעגליטן צושטאַנד. און נישט קיין וואונדער. צוזאַמען מיט דער פאַרגרעסערונג פון זיין עמאָציאָנאַליזם, פאַרגרעסערט זיך אויך די צאָל פון עמאָציאָנעלע בילדער. די דאָזיקע עמאָציאָנעלע בילדער ווערן געשאַפן נישט מיט דער הילף פון פּאָעטישע באַשטימונגען. דאָס איז נישט גענוג. זיי ווערן געשאַפן פון אַזעלכע פּאָעטישע באַשטימונגען, וואָס ווייזן אויף דעם פיבער פון דעם דיכטערס אויסטייטשונג, באַפאַרבונג, סוביעקטיווע באַציאונג. אין זיינע לידער, וואָס געהערן צו דער אימפּרעסיאָניסטישער פלאַך, קאָן מען זייער אָפט באַמערקן אַן אינדיווידועל־באַפאַרבטע עפּיטעטיק: „אין קראַנקן אומגעדולד", „מיט שרעקעדיקע טריט", „וועט... די הייסע קנאה בלייבן", „דער בעכער שטייט פאַר מיר אַ שרעקנדער, אַ פולער", „איך האָב מיין שטוב־טיר אויפגעעפנט, אַמאָל אין אַ פאַראומערטער נאַכט", „מיינע בליקן זוכן דורך מידע, זונעדיקע טעג".

צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע געהערן אויך יענע ריין־מאָלערישע און

פּסיכאָלאָגיש־באַפאַרבטע לידער, וואָס ווערן פאַרטיפט דורך אַ באַדייטפולן עמאָציאָנאַליזם. ווי אַ ביישפּיל קאָן מען ברענגען דאָס פּערפעקטע ליד „געליען האָט דער שניי"... די ערשטע זעקס שורות פון דעם ליד זענען ריין־מאָלערישע, די לעצטע פיר זענען פּסיכאָלאָגישע פאַקטן, אָבער די שורות זיבן און אַכט („דורך אַ ווייטער שויב אַ פלעמל האָט געפלאַטערט און אומגעוואָרפן זיך אין גסיסה־פיבער") פירן־אַרויס דאָס ליד פון דער אָביעקטיוו־מאָלערישער וועלט. די צוויי שורות, אַלס אַנטיטעז צו די פריערדיקע, ווי אויך פאַר זיך גופא, שטרייכן אונטער דעם דיכטערס רמז אויף אַן אינערלעכער, עגאָ־צענטרישער איבערלעבונג.

געליען האָט דער שניי ביים הימל בלויען חלום,
און שטילע ווייסקייט האָט די הויך ביים שניי גענומען;
און שטערן האָבן זיך געטוקט אי דאָ, אי דאָרטן —
און ס'איז אַ ווינטער־נאַכט אַרויסגעקומען.

און ביז די קנ' אין שניי, דעם גרויסן ים פון שימער
געשטאַנען זענען צוויי —מיר צוויי בלויז— קעגנאיבער;
און דורך אַ ווייטער שויב אַ פלעמל האָט געפלאַטערט
און אומגעוואָרפן זיך אין גסיסה־פיבער.

געהאַט פיל האָבן מיר זיך איינס דעם צווייטן צו זאָגן,
דאָך איז קיין איינציק וואָרט פון מויל אַרויסגעקומען.
און, ווי דער ווייסער רוים, דער בלויער שניי, מיר האָבן
געחלומט אויך אַ בלויען טרוים, אַ שטומען.

צו די פאַרשידענע מיטלען, וואָס העלפן שאַפן דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון ליד, דאַרף צוגערעכנט ווערן דער קלימאַקס פון ליד. די אָנרעגונג, וואָס דער דיכטער הויבט־אָן צו שאַפן ביים אָנהייב ליד, וואַקסט בהדרגהדיק מיטן גאַנג פון ליד. ביים העכסטן פונקט לייזט זיך אויף די אָנרעגונג. צייטנווייז זעט עס אויס ווי אַן איבערברוך פונעם לירישן געפיל. צייטנווייז ווי אַן אומדערוואַרטער ווענד. פון דער העכסטער אָנגעגליטקייט נידערט צוריק די אָנרעגונג צו אַ צושטאַנד פון אָפּקילונג. די צערודערטקייט, וואָס ווערט אויפגעלייזט אינעם העכסטן פונקט פון ליד, ווערט צוריק דערבראַכט צו אַן איינגעשטילטן צושטאַנד. דער צוועק פון באַרייכערן מיט אַ לירישער דערפאַרונג ווערט דערגרייכט. דער קלימאַקס האָט דאָ געשפּילט די ערשטע ראָל אין אונטערשטרייכן און לאָזן פילן דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון ליד.

דער דאָזיקער קלימאַקס־עלעמענט, איז פאַרשטייט זיך, אויך אַ תנאי אין ראָלניקס לידער. אין זיינע אימפּרעסיאָניסטישע לידער באַנוצט ער גאָר אַנ־

דערש דעם קלימאַקס. אַנשטאָט אין מיטן ליד, געפינט זיך דער איבערברוך, ווענד אָדער סך־הכל ביים סוף ליד.

סוף זומער דאַרן אַלע רויזן אָפּ,
און אַלע עפּל פאַלן צו דער ערד אַראָפּ.
פון בוים די בלעטער רייסט אַוועק דער ווינט.
דאָס שלאַכטהויז איז דער סוף פון שעפּס און רינד
און אַלע לידער, קליין צי גרויס,
זיי לאָזן זיך אויס
מיטן טויט, מיטן הייליקן טויט.
(פון דער סעריע „אונדזער היים ביי גאָט").

אָדער

ווען איך וואָלט די טויען־שטונדן
ווידער אָנכאַפּן געקאָנט,
כ'וואָלט אין זיי מיין פּנים וואַשן —
מאָרגן־טוי געוועזן אַליין.

ווען איך וואָלט די מזרח־זונען
ווידער אָנבליקן געקאָנט,
כ'וואָלט אַנטקעגן זיי געגאַנגען —
מאָרגן־זון געוועזן אַליין.

נאַכט און אונטערגאַנג אַנטקעגן
גיי איך מיט געאײַלטע טריט;
שאָטנס ליגן אויף מיין פּנים —
אונטערגאַנג בין איך אַליין.
(פון דער סעריע „נאָענטער צו דיר").

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אומדערוואַרטקייט אָדער דער סך־הכל ביים סוף ליד גיט נישט קיין שום מעגלעכקייט דעם וואַקסנדיקן לירישן געפיל צו קומען צו אַ פּונקט, פון וועלכן ער קאָן זיך אומקערן צוריק צו זיין נאָרמאַלן, הגם שין באַרייכערטן צושטאַנד. דער אומדערוואַרטעטער אויפלייז טראָגט אין זיך אַ פּלוצימדיקייט, אַ נישט־פאַרענדיקטקייט. די צערודערטקייט ווערט נישט איינגעשטילט, נישט אין דעם ליד און, פאַרשטייט זיך, נישט אין דעם לייענער. אַזוי נאָך איז דער געברויך פון קלימאַקס ביים סוף ליד אַ מיטל צו פאַרגרעסערן דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון ליד. אין ראַלניקס פאַל ווערט די צערודערטקייט ווי פאַרזונקען אינעווייניק. זי ווירקט אין טיף פון געמיט. זי לייזט זיך אויף אין אַ פאַרבאָרגנקייט און יחידישקייט אונטער דער הילע פון

אומגעוויינלעכער שטילקייט, זי איז אַן אויסדרוק פון אינטראָווערטקייט און זעלבסט-צענטרישקייט.

פונקט ווי דער קלימאַקס, אַזוי איז אויך די באַדויער-איראָניע אַ געהילף-מיטל פאַר עמאָציאָנעלער שטייגערונג. זייענדיק שאַרף-יחידיש, אין ספער פון מינאָרע קלאַנגען און פאַרבן, זעט אויס זיין איראָניע ווי אַן אומשולדיקער, ליי-רישער גראָטעסק פון אַ סוביעקטיוו געפיל. קעגן דער געזעצמעסיקייט פון קאָמ-מישן זיין, ווערט דער דיכטער געצוואונגען אָפט צוצוגעבן זיין מינדערווערט-קייט. ער טוט עס דורך שטילער פאַטעטישקייט אָדער דורך צעקרימטער פאַ-טעטישקייט. אין ערשטן פאַל איז עס תפילה; אין צווייטן פאַל איז עס די לירישע, אויפלייזנדיקע איראָניע. דאָס ערשטע ליד איז אַ ביישפּיל פון ראָל-ניקס איראָנישער פאַרלוירנקייט:

עס זענען לידער פילע דאָ
פון דאָרשט און זעט, געיעג און פאַנג.
נאָך אַלע לידער קומט ד אָ ס ליד,
דאָס לעצטע ליד פון אונטערגאַנג.

נאָענטער צו דיר, צו דיר
ציט זיך מיין איינזאַם נאַכט-געזאַנג.
פאַרנעם, מיין גאָט, פון טיפן גרונט
מיין טיפע ליד פון אונטערגאַנג.

עס וועלן אַנדערע מאָרגן פרי
דעם וואַלד פאַרקלינגען מיט געזאַנג.
דאָך איך זינג היינט די לעצטע נאַכט
דאָס ליד פון נאַכט און אונטערגאַנג.

(פון דער סעריע „נאָענטער צו דיר”).

איך בין נישט רייך. איך האָב איין בגד
פאַר הויז און שול און פאַרן וועג.
אין מאַרק-טעג גיי איך אין אים האַנדלען,
און גאָט בעטן אין יום-טוב טעג.

עס פאַלט אויף אים דער שטויב פון זומער,
דער קויט פון אָסיענדיקע טעג,
דעם רינשטאָקס שפּריץ, — און אַלע זייפן
פאַרוואַשן נישט אַן איינציק פלעק...

אויף שמחות און צווישן קלאָגערס
אין זעלבן קלייד. איך בין נישט רייך.
און מיט די אַלע פלעקן קומען
דאַרף איך אין הימלס קעניגרייך...

(פון דער סעריע „אויף גאָטס באַראָט").

אַט די אַלע מיטלען, וואָס מיט זיי באַנוצט זיך ראַלניק, זאָגן עדות וועגן זיין פאַרשאַרפטן סוביעקטיוויזם, וועגן זעלבסט־צענטרישקייט. אין אַ לעבן פון אויסערגעוויינלעכע שטילע ריטמען און פאַרבן, פון פאַרטושטע קאָנטורן און ווייניק ווערטער, ווערט ראַלניקס זעלבסט־צענטרישקייט אַ טיף־פאַרבאָרגענע, אָן אינטענסיווע. געפירט פון אימפּרעסיאָניסטישער יחידישקייט צו אַ טיפער פּערזענלעכער דערפאַרונג, ווערט דער סוביעקטיוויזם זייער אָפט זיין צענטראַל־געפיל, — אַ שטימונג, וואָס איז כולל אין זיך געמיינשאַפטלעכע אָנדייטן פון אַ העכערן זין, פון אַן אוניווערסאַלער עצמדיקייט. אין אַזעלכע פאַלן הייבט־אָן ווייזן דער דאָזיקער סוביעקטיוויזם סימנים פון סימבאָלן, ווי למשל:

צום טיש, צום טיש!
ווער שפּילט מיט מיר?
איך שטעל אין קאָן:
אַ לאַפּקע פון אַ שוואַרצן האָן,
אַ שטיקל פאַרב־פּאַפּיר,
אַ חלום נישט פאַרענדיקט האַלב,
אַ נישט־דערקוילעטע קאַלב,
אַ טיטל וואָס איז האַלב פאַרמעקט,
אַן ערע אָפּגעניצט, פאַרפלעקט,
אַ שערבל פון אַ סדר־כוס,
אַ דאַרע בלאַט, אַ חורבה־גראָז.

ווער גייט צום טיש,
ווער שפּילט מיט מיר?
אַן איינציק קאָרט: אַ מלכה־יונג,
אַן איינציק־שפּיל: אַ זילבער־קלונג.
איר גייט נישט? שאַ... איך — שפּיל מיט מיר
און נעם זיך אַלע מלכות פיר.

(פון דער סעריע „אין קאַפּע").

אָדער, למשל, דאָס ליד:

עס דאַכט זיך מיר: איך טרעט אין די פאַרבלייבטע טריט
פון איינעם, וואָס איך האָב אין לעבן נישט געזען.
אין לופטן קלינגט אַ ליד — האָב ערגעץ וואו געהערט;
און וואָס עס טוט זיך דאָ, איז איין מאָל שוין געשען.

עס דאַכט זיך מיר: איך לעב אַן אַנדערנס לעבן דורך,
וועמענס טאָג עס האָט געשפּאָלטן זיך אין מיטן;
איין העלפט געבליבן זיינס, די צווייטע העלפט פאַר מיר;
און אויף מיין רייט־פערד האָט אַ צווייטער שוין געריטן.

אין פרעמדנס שפּאָרן־שניט געבליבן אין זיין לייב,
אויף אויסגעבעטן זאָטל־דרוק פון פריערדיקן רייטער.
און רייט איך שנעל ווי ווינט, צי צער איך טריט ביי טריט —
אַ צווייטער גייט דורך מיר, אַן אַמאָליקער, אַ ווייטער.

(פון דער סעריע „אַלערליי פרוידן").

און ווען ראָלניק באַרירט די ברעגן פון סימבאָליזם, — שאַפט ער לידער, וואָס זענען ביז היינטיקן טאָג זיינע ווייט־גייענדיקסטע און זיינע שענסטע.

אפרים אויערבאך

העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דאָס דאָרפישע לשון

(וועגן יוסף ראָלניקס נייע און אַלטע לידער)

די שורה איבערן אַרטיקל איז פון ראָלניקס אַ ליד אין זיין פריערדיקן בוך. גענומען האָב איך זי, ווייל פון איר וועט מיר אפשר געלינגען אַרויסצודרינגען אַ שטיקל פירוש אויף ראָלניקס פּאָעזיע. ראָלניק פאַרפירט אייך. פון אָנהייב דאַכט זיך אייך, אַז ער איז גוואַלדיק פשוט, איר דאַרפט אים נאָר אַ נעם־טון און דאָס ליד זיינס איז פאַר אייך אויפגעעפנט און קלאָר. נאָר, אַז איר הויבט אָן אַריינצוקוקן און ווילט זיך דערגרונטעווען צו אים, דערזעט איר, אַז מיט דער פשוטקייט נאַרט אייך דער פּאָעט אַריין אין אַ קאָמפּליצירטער וועלט.

וואָס, דאַכט זיך, קאָן זיין נאָך פשוטער ווי דאָס דאָרפישע לשון? אָבער ביי ראָלניקן דערגייט דאָס דאָרפישע לשון צו אַזאַ פשטות, אַז אַ סך מאָל פילט איר זיך אין איר אָנזיכט, ווי אין אַן אָנזיכט פון מעשה־בראשית. ס'איז אַ פשטות, וואָס איר האָט נישט גענוג אויגן אויפצוכאַפּן איר יעדן פרט און דער אויער אייערער איז נישט אָנגעשטעלט צו קאָנען אויפנעמען די דינע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך פונעם באַשאַף.

ראָלניק האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אָנגעהויבן מיטן דאָרפישן לשון. אין זיין בוך, וואָס איז אַרויס אין 1927 און צונויפגעשטעלט איז עס פון לידער, וואָס ער האָט געשריבן זינט 1908, זענען שוין דאָ לידער פון שניי אין דאָרף, פון דער מיל און פון דעם דאָרפישן מענטש. אָבער איבער דריי צענדליק יאָר האָט ראָלניקן געדויערט ביז ער האָט זיך דערמאָנט דאָס דאָרפישע לשון, וואָס איז אייגנטלעך איבער דאָרף און איבער לשון, נאָר אַ מין שפּירונג, וואָס דאָס וואָרט גיט נאָר אַן אָנדייט אויף דער פּאָעטישער איבערלעבונג.

אין די ערשטע לידער ראָלניקס איז דאָס דאָרף געווען נישט מער ווי אַ דערמאָנונג, דערפאַר זענען זיי געווען געצייכנט מיט געבאָרגטע פאַרבן. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט די אַטמאָספער פון אייגנקייט, זיי האָבן נאָך נישט גע־אָטעמט מיט אייגענע לונגען. ראָלניק האָט געזען דאָס דאָרף, אָבער דאָס לשון האָט ער אויסגעליען, נישט דווקא ביי אַנדערע פּאָעטן, נאָר ביים פּאַרטיקן שפּראַך־אוצר, וואָס יידיש האָט אָנגעזאַמלט אַרום דאָרף. גראָד יענע זענען געווען פּאָעטישער, זינגעוודיקער, האָבן געהאַט אַפילו מער פאָרעם־גראַציע, ווי די לידער פון דריי־צענדליק יאָר שפּעטער. וואָס מער ראָלניק האָט דעם דאָרף אָנגעהויבן צו געבן זיין אייגן לשון, וואָס ווייניקער ער האָט אָנגעהויבן צו נע־מען פונעם גרייטן, אַלץ שווערער איז אים אָנגעקומען זיך צו דערגרונטעווען צום פּשוטן אויסדרוק. אַזוי שפּעט ווי אין אין 1935, — אַ פּאָר צענדליק יאָר נאָך דעם ווי ער האָט געשריבן לידער פונעם דאָרף, — האָט ער זיך דערמאָנט צו בעטן „העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דאָס דאָרפישע לשון". און נישט אומ־זיסט, דער פּאָעט האָט דערשפּירט, אַז אין אים גייען־אויף נייע אָנונגען, אַז דאָס ביז־איצטיקע לשון האָט נישט אויסגעדריקט זיין אייגן דאָרף, נאָר דאָס דאָרף וואָס ליגט ביי יעדן איינעם אויף דער צונג.

ראָלניק, וואָס האָט מער ווי אַנדערע יידישע פּאָעטן געצאָלט צינזן דעם ליד, וואָס האָט אין ליד באַזונגען דאָס ליד, מיינט הפנים, אַז דאָס וואָרט דער־וואַרעמט אים, אַז די איבערלעבונג ווערט ביי אים געבוירן מיטן וואָרט. אַזוי האָט ער אַ ליד אין בוך „נייע לידער", וואו ער דערציילט פונעם חודש מערץ אין דאָרף, ענדיקט ער דאָס ליד:

מיין האַרץ ווערט ווידער ליכטיק און יונג,
ווען כ'שרייב די דאָזיקע שורות.

אָבער דאָס איז אַן איבערבלייב ביי אים פון די „יונגע", וואָס האָבן גלאָ־ריפיצירט דאָס וואָרט. אין דער אמתן אָבער ווערן ביי אים די שורות „ליכטיק און יונג", ווען דאָס האַרץ האָט די פּאָעטישע שפּירונג יונג און ליכטיק צו מאַכן דאָס וואָרט. דער פּראָצעס איז אַ פאַרקערטער, ווי ראָלניק אַליין מאָלט זיך אויס: ס'איז די ווירקונג פון דער איבערלעבונג אויפן וואָרט, נישט פונעם וואָרט אויף דער איבערלעבונג.

ראָלניקס שפּירונג איז געבענטשט מיט טיף־אַריינדרינגערישע אויגן און מיט אויערן, וואָס כאַפּן־אויף דעם דינסטן ניואַנס אין דער נאַטור. איבערצו־געבן דאָס זען זיינס און הערן, האָט ראָלניק געמוזט אָנקומען צום פּשוטן וואָרט, — און דאָ איז די אויבנאויפיקע פּשטות זיינע. אָבער אין דער דאָזיקער פּשטות איז דאָ אַן אונטערטאָן, וואָס איר כאַפּט אים אויף ערשט, ווען דער

פּאָעט האָט אייך אַריינגעפירט וווּיט אינעם ליד. איר קערט זיך דעמאָלט אום צוריק מיט אַ מין פאַרוואונדערונג: זע־נאָר, כ'האָב דאָך געמיינט, אַז מער מיינט נישט דאָס ליד. איר קערט זיך אום און די פריערדיקע שורות באַקומען גאָר אַן אַנדער באַדייט פאַר אייך.

נעמט, למשל, אַזאַ ליד, ווי „ברויט פון קעשענע". ראָלניק דערציילט, אַז קינדער גייען צום טייך, וואו „פישלעך, מיט רוקנס צו דער זון, דרייען זיך אַרום אין קיילעכדיקן תהום", און די קינדער וואַרפן זיי ברויט פון די קעשענעס. ס'איז פשוט און מער ווי די מעשה לייענט איר דערווייל נישט אַרויס פון די שורות. נאָר ראָלניק גיט אומגעריכט אַ פאַרענדיק דאָס ליד אַזוי:

און אַז די ברעקלעך נעמען זיך אויס,
קערן מיר די קעשענעס אויס
צו ווייזן, אַז מער האָבן מיר גאָרנישט פאַרן טייך.

צוליבן דאָזיקן סוף דעקט זיך פאַר אייך אויף אַ ווייטקייט, וואָס פריער האָט איר זי נישט געזען. וואָלט ראָלניק פאַרענדיקט „מער האָבן מיר נישט פאַר די פיש", וואָלט דאָס ליד געבליבן נישט מער ווי אַ בילדל פון קינדער ביים טייך. מיטן איינעם וואָרט „טייך", ווערט דאָס בילד פאַרברייטערט, דער מיין ווערט פאַרטיפט, איר דערשפּירט אין דעם אַ סימבאָל.

אַן אַנדער ליד, „דעם פריצס טעכטער". פיר סטראָפעס דערציילן ווי דעם פריצס פאַרזעסענע צוויי טעכטער רייטן אַרויס אויף אַ שפּאַציר, זייער פשוט, כאָטש די פערזן אַ ביסל אָנגעצויגן און שטייפלעך. נאָר דער לעצטער סטראָף גיט פּלוצלינג אַ הייב־אויף דאָס ליד און איר מוזט זיך אומקערן צוריק צום אָנהייב, אויף צו זוכן אויך אין די פריערדיקע שורות אַ מיין.

די טורעמס פון שלאָס, די רוקנס פון בערג,
הערן זיך צו צום גאַלאָפּ.
דער סאָד איז אַלט, ס'איז חודש אָב,
די בלעטער פאַרן אָפּ.

און וואָס, דערשפּירט איר, איז מיט מענטשן? — אויך זיי פאַלן אָפּ, אויך זיי האָבן זייער אַלטן סאָד און זייער חודש אָב. דאָ האָט אייך דער פּאָעט אַריינגענאַרט: ער האָט אייך געוואָלט דערציילן פון זיינער אַן אייגענער איבערלעבונג און געפירט האָט ער אייך גאָר אויפן דאָרפישן וועג, וואו פאַרזעסענע פריצישע מוידן רייטן אויף פערד. נאָר צום סוף דערשפּירט איר, אַז דער חודש אָב און די בלעטער וואָס פאַלן־אָפּ, זענען גאָר דער ציטער אין אייך אַליין.

ראָלניק איז אַריינגעגאַנגען אין אַ פרעמדן שייער, צוהעלפן דעם שכן אויסגלייכן די וואַנט. ווידער אַ פשוטע געשעעניש. דער פּאָעט דערציילט אייך אַזוי אומשולדיק, אַז ביים שכן איז דער שייער אַנדערש, ווי ביים טאַטן זיינעם, אַז „דער טראָפּ היי — ביי דער וואַנט, וואו ביי אונדז ליגן סנאָפּעס קאָרן". ריכט איר זיך גאָרנישט, אַז צום סוף זאָל ער זאָגן:

אין יענער נאַכט האָב איך איינשלאָפן נישט געקאָנט,
איך האָב אַן אַנדער שייער דערקענט.

דערמאָנט איר זיך: וויפל שאַרפע איבערלעבונגען האָט איר אַליין געהאַט, ווען איר האָט אַן „אַנדער שייער דערקענט", דער פשוטער שייער וואַקסט אויס צום סימבאָל פון דערקענונג אין אונדזער לעבן.

אַזוי ווי די ענטלעך אין זיין ליד מיטן אייגענעם נאָמען, פּרענטלען אויס אויפן טייך אַזאַ בלויען שטאָף, אַזוי וועבט ראָלניק אויס זיין ליד, מיט דינינקע פעדים, וואָס קוים איר זעט זיי, נאָר מיט אַמאָל קוקט איר זיך אַרום, אַז ס'איז אויסגעוואַקסן אַ געוועב פון „אַזאַ בלויען שטאָף". דער חילוק איז נאָר, וואָס דאָס געוועב פון די ענטלעך „האָט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף", און ראָלניקס ליד — דאָס ליד, וואָס אין דעם האָט ער געקאָנט דערפירן זיין שפּירונג צו אַ לעצטן אויספיר, — איז דאָ אַן אומגעריכטער סוף, אַ סוף, וואָס עפנט פאַר אייך דעם אָנהייב.

אַזאַ בלוי געוועב האָט ראָלניק אויסגעוועבט אינעם ליד „העקערס": גויים האַקן היי „און הויכע שטענגלעך פאַלן פון די פּיס, ווי אָנגעשפּילטע קינדער, ווען דער טאָג גייט־אויס", און אַז דאָס גאַנצע געוועב איז שוין פאַרטיק, דערזעט ערשט ראָלניק:

נאָר אונטער ריפּן היי,
און צווישן ריי און ריי,
איז גרין און ניי דער סאָנאָזשענץ,
כאָטש בויג זיך אָן און בענטש.

דער פּאָעט טייטשט אייך נישט אַריין, גיט אייך נישט קיין פירוש, נאָר מיטן דירעקטן בילד דערפילט איר, אַז אונטערן אָפּגעשניטענעם איז שוין דאָ דער נאָכוואוקס; אַז לעבן קומט־אויף באַלד ווי לעבן קומט־אונטער. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע לידער אינעם בוך „אַ פענצטער צו דרום" האָבן די דאָזיקע מעלות. אינעם בוך זענען דאָ לידער, וואו דעם פּאָעט האָט זיך נישט איינגעגעבן צו דערגרונטעווען זיך צום מיין פון דער אייגענער שפּירונג, איז ער אין זיי מקיים נאָר די ערשטע טייל פון דער מצווה: ער פּרענטלט־אויס

דאָס בלויע געוועב. די צווייטע העלפט, וואָס דאַרף דאָס ליד אויסלייזן, באַזי־נען עס, דערזאָגט ער נישט.

אַז איך וויל פאַרשטיין ראָלניקן, — דער עיקר פאַרוואָס ער דערגייט אַמאָל נישט צום סוף, — נעם איך צוויי לידער זיינע, וואו ער גיט זיך אַרויס. אין איין ליד, „איטקעס מויער", דערציילט ראָלניק, ווי פאַרבערס פאַרבן די גרויסע מויער. צוויי מאָמענטן פון שפּאַרן האָט ער אינעם דאָזיקן ליד. איין מאָמענט:

און פּאַמעלעך, שפּאָרעוודיק און קאַרג,
פירן זיי די באַרשט וואַנט־אַראָפּ
און זאַמלען וואו נאָר אַ טראָפּ,
וואָס אין אַ זייט אָפּגעשפּרונגען.

נאָר דעם פאַרבערס האַנט
פירט זיי אַלע צוזאַמען
(וואו נאָר אַ הוילקייט, דעקט זי איין
מיט קאַלדרעס — בלויער שיין).

איןביידע מאָמענטן זעט איר די זאָרג, אַז קיין טראָפּן זאָל נישט פאַרלוירן גיין, אַז פון איין זייט זאָל אַ טראָפּן פאַרב טון דאָס שליחות זיינס אויף דער וועלט, און פון דער צווייטער זייט זאָל די וואַנט נישט בלייבן מיט קיין הויל־קייט.

נאָך שטאַרקער ווערט דער מאָטיוו פון שפּאָרעוודיקייט, אַרויסגעבראַכט אינעם ליד „היי": נאָך דעם ווי דער גוי האָט אַ גאַנצן טאָג געשניטן היי און אָפּגעפירט עס אין שייער, קערט ער זיך אום צוריק —

און מיט פּאַמעלעכע טריט און זוכנדיק אויג
גייט ער איבער, וואו דער וואָגן האָט געטון זיך אַ בויג,
און וואו נאָר אַ הייעלע, שאַרט ער צונויף
און לייגט עס מיט ליבשאַפט אויף דער גראַבליע אַרויף,
ווי דאָס, וואָס ער האָט אין איילעניש פאַרזען,
וואָלט איצטער זיין גרעסטער פאַרמעגן געווען.

אַז גאָט האָט ראָלניקן געהאָלפן צו דערהערן דאָס דאָרפישע לשון, האָט ער, ווי דער פאַרבער די טראָפּנס און דער גוי די הייעלעך, אָנגעהויבן צו זאַמ־לען אַלצדינג, מיט דער מורא, אַז טאָמער וועט ער, חלילה, עפּעס פאַרלירן. אַז איר לייענט איבער דאָס גאַנצע בוך, דערשפּירט איר דעם פּאַעטס ציטער איבערן לעבן: נישטאָ קיין קליין אין לעבן, דאָס מינדסטע איז גרויס, ווייל פון די טויזנטער מינדסטע וועבט זיך אויס דאָס בלויע שטאָף פונעם לעבן.

און, אַז ראָלניק האָט דערהערט דאָס דאָרפּישע לשון, האָט ער אויך דער־הערט אין זיך דעם ציטער איבער לעבן און איבער מענטשן. דער דאָזיקער צי־טער פאַרפירט אים אַמאָל, ער בלייבט נישט מער ווי ביים מינדסטן. אָבער אין די צענדליקער לידער וואו ער דערגייט צום אויספיר, דערוועקט ער אויך אין אונדז דעם ציטער, לעבן מיר מיט אים איבער דאָס פרענטלען פונעם בלויען שטאָף.

(„פּראָלעטאַרישער געדאַנק", דעם 1-טן מאַי, 1942).

דער דיכטער יוסף ראָלניק ווערט אַלט 70 יאָר

(אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם זינגער פון געפיל און שטימונג)

דאָס בוך „אַ פענצטער צו דרום", וואָס איז אַרויס סוף 1941, ענדיקט יוסף ראָלניק מיט אַ ליד, וואָס איז פול מיט זיין אייגנאַרטיקן קלוגן געמיט. די זון, —זאָגט דער פּאָעט,— אַז זי פאַרשפּעטיקט אַ ביסל, וועט זי „נאָך קומען ביז נאַכט און דערפרייען דיין געמיט". אָבער אַז די זון פון „באַלד אין דער פרי צעלייגט אויף די ווענט איר שיין און אויפן דיל איר גלי", וועט זי אָפּשיינען און „עס וועלן קומען און דורכגיין פאַרביי די שעהן צוויי און דריי", און דערנאָך „פאַרנעמען וועט די זון איר קלייד, איר צירונג און איר קרוין, און דיך איבערלאָזן אַליין, אין שאָטן און אין לייד".

אויף דער שוועל פון זיינע זיבעציק יאָר שרייבט דער פּאָעט, אַז זיינע „געדאַנקען גייען אַהיים, ווי סטאַדעס רינדער און שאָף, ווען די זון שטייט ביים זוים און דער טאָג איז ביים סוף, אין וואַכן און אין טרוים גייען זיי אַהיים". אויסגעוואַקסן זענען זיינע געדאַנקען די גאַנצע וועלט, אָבער „זיי האָבן גאָרנישט נישט געבראַכט פון ימים, לענדער, וועלט. זיי קומען אויף דער נאַכט אין צעלעכערטן געצעלט, אין האַרטן בעט פון ליים — צו ליגן אין דער היים".

צווישן די צוויי לידער קניפּט זיך ראָלניקס פּאָעטישער פאָדעם. אין די קרוב פופציק יאָר, וואָס ער שרייבט לידער, איז ער פּאָעטיש אויסגעוואַקסן אַ וועלט. ער איז אַוועק פון דער מיל אין קליינעם ווייסרוסישן דאָרף און געזוכט אַן אָנשפּאַר פאַר זיין שפּערישן געמיט אין דער גרויסשטאָט. אָבער אין אַ גאָר לעצט ליד זיינס זאָגט ער: „איר זענט מיר ליב, מיין דאָרף, מיין מיל, נישט ווייל איר זענט שיין, נאָר ווייל איר זענט קליין און איך קאָן אייך דורכגיין אַפילו מיט מיינע דראָבנע טריט". ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס ס'זענען „דראָבנע טריט" און ברייטע שפּאַנען אין פּאָעזיע. אין ראָלניקס „דראָבנע טריט" איז דאָ נישט נאָר דאָס אויפריכטיקע פּאָעטישע געמיט, נאָר אויך דאָס פשטות, וואָס ווערט אַ סך מאָל דערהויבן צו סימבאָליק.

ס'איז נישט, וואָס ראָלניק וויל נישט אָננעמען די ברייטע וועלט, נאָר מיט די „דראָבנע טריט" דערגייט ער צום אייביק־טראַגישן אמת פון מענטש אויף דער וועלט. די מיל, דער דאָרף און דאָס שטעטל זענען ביי אים נאָר פּאָעטי־שער אויסדרוק, דער פאַרנעם זיינער איז דער מענטש, מיטן טראַגיזם זיינעם, מיטן צוריקקומען אהיים „מיט אַ ליידיקן וואַנדער־זאַק". מיט דער רייפקייט פון יאָרן איז ביי ראָלניקן די דאָזיקע איבערלעבונג רייפער געוואָרן און צו זיי־נע זיבעציק יאָר איז זי פּאָעטיש פּריש.

מיט יאָרן צוריק האָט ראָלניק אָנגעשריבן אַ סעריע האַפיז־לידער. די פי־גור פון דעם אַנטיקן פּערסישן פּאָעט איז ביי אים געווען נאָר די פּאָעטישע קאַנווע פאַר זיינע אייגענע איבערלעבונגען. ער האָט (מסתמא קיין איין ליד האַפיז'ס נישט נאָכגעשריבן, נאָר מיט אייגענע פאַרבן געמאָלן דעם פּאָעט. די לידער זענען אָבער געווען פרעמדלעך. צו ראָלניקס געמיט האָט זיך נישט גע־פּאַסט דער פּערסישער פּאָעט־הוליאַק, וואָס דער עיקרדיקער מאָטיוו זיינער זע־נען פרויען און וויין. אַז איר קוקט זיך אָבער צו צו ראָלניקס ווייטערדיקן גאַנג, זעט איר, אַז האַפיז איז געווען ביי אים אַן אויסרייד אַרויסצוברענגען די איי־גענע שטילע חכמה, צו קאָנען אַ קוק טון אויף דער וועלט מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, אַמאָל אַפילו מיט געצוימטער בייזקייט.

אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג זיינער האָט ראָלניק געפונען דעם אופן אויסצודריקן זיך אַליין, פון דער אייגענער סביבה, פון די „דראָבנע טריט", וואָס ער וואַרעמט־אָן מיט זיין געמיט און וואַרפט אויף זיי אַ באַהאַלטענע שיין פון זיין אייגענעם פּאָעטישן פּראָזשעקטאָר.

אין לידער, וואו ראָלניק מאָלט יידישן לעבנס־שטייגער, איז ער איינער פון אונדזערע גרעסטע מייסטערס. אין אַ ליד, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט ערשט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, דערציילט דער פּאָעט ווי אַזוי ער האָט טועם געווען דעם ערשטן שבתדיקן פּאַפּיראָס. אין די פינף־און־צוואַנציק שורות וואַקסט אויס דאָס בילד פון אַ גאַנצן דור יידישער יוגנט, וואָס האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אַ מצווה צו טון אַן עבירה; אַ דור אַ צעטומלטער, מיט גרויסע בענקשאַפטן און גייסטיקער פאַרלוירנקייט.

דער ערשטער שבתדיקער פּאַפּיראָס אין מויל,
אין אַ פראָסטיקן פריטיק־צו־נאַכט,
האָט מיר נישט געשמעקט אַזוי וואויל,
איך האָב געפּירכעט און געהוסט,
נאָר ציען האָב איך געמוזט, —
איך האָב עס פאַר מיין ערשטער עבירה געמאַכט.

און ווייטער דערציילט ער פון דער יונגער חברה, אז „מיר האבן דעם שלאף פון די פרומע געשטערט... ווייל וועקן צארן האבן מיר געוואלט". מיט א לייכטן שמייכל ענדיקט ער:

און גאט, וואס האט איבער אונדז אלע געוואכט,
אקעגן וועמען מיר האבן מיט העזה גערעדט,
איז געזעסן אין הימל אויף זיין הסבה-בעט
און אין ווייסער באָרד אריינגעלאכט.

אט דער אייגנארטיקער אופן פון איבערגעבן דעם גאנג פון א דור, — מאלעריש, מיט א באהאלטענעם שמייכל און דערוואקסענער פארטראכטקייט, — איז ראלניקס דערגרייכונג. צו זיינע זיבעציק יאר איז זי רייף, פול מיט פארב און פרישקייט. מיר קאנען פון דעם פאעט בן־שבעים נאך דערווארטן א סך אזעלכע שאפונגען.

(„מארגן זשורנאל", דעם 8־טן פעברואר, 1948).

קלמן מרמר

יוסף ראָלניקס 40 יאָר פּאָעזיע

(צום דערשיינען פון זיין בוך „אַ פענצטער צו דרום")

יוסף ראָלניק שרייבט שוין איבער 40 יאָר. ער האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע אין אַמעריקע ביים אָנהייב פונעם הייַנטיקן יאָרהונדערט. אינעם פאַרלויף פון אָט די 40 יאָר האָט ער זיין ליד אַלץ מער און מער פאַרפולקאָמט. ער איז געוואָרן דער מייסטער פונעם ליד, וואָס איז קורץ און שאַרף, פּשוט און טיף.

צום פערציקסטן יאָר פון זיין שאַפן האָט יוסף ראָלניק פאַרעפנטלעכט זיין זעקסטן בוך לידער — „אַ פענצטער צו דרום". אין דעם דאָזיקן בוך, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק סוף יאָר 1941, האָט יוסף ראָלניקס מייסטערשאַפט דערגרייכט נייע הויכן. זיינע בילדער זענען רעאַליסטיש. ער שטייט פעסט אויף דער ערד און ציט פון איר זיין השפּעה. זיין אויג זעט אירע פאַרשידנסטע פאַרבן און זיין אויער הערט אירע דינסטע קלאַנגען. זיין אַטעליע איז אַ „מיל אויפן דריטן גאָרן, וואו די פאַשיקעס זענען פאַר ווייץ און קאָרן" און פון „פענצטער צו דרום זייט" זעט מען „ברייט און ווייט. אַנטקעגן — געראַטענע לאַנקעס מיט היי און פאַשע פאַר שטובּיקע פי אַלערליי". אין געציילטע ווערטער און מיט שפּאָרעוודיקער פאַרב שילדערט יוסף ראָלניק די געשעענישן אין מיל און אַרום מיל, טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער, פרילינג און האַרבסט; פעלד און וואַלד, די שטוב און דעם מאַרק, די קרעניצע און דעם שייער.

„אין וואַסערמיל שטייען די טירן אָפן
און ווער עס גייט מיטן גאַכטיקן וועג,
פאַרקערט אַהין און לייגט זיך שלאָפן
און מאָרגן פרי גייט ער שטיל אַוועק";

„און אַ שמחה איז ביים יינגסטן קינד געווען,
פרעמדע פּנימער ביינאַכט צו זען;
מיט קינדערשע הענט אַ גרויסן קישן טראָגן,
ווי אַ קליינער פערדל פירט היי אַ וואָגן".
(זייטן 91 - 92).

דעם מילנערס יינגסטע קינד ווערט שפּעטער א יידישער דיכטער אין אַמע־ריקע. פון זיינע פריערדיקע פינף ביכער לידער דערוויסן מיר זיך פון דעם ים אומגעהויערע ליידן, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט אַט די איבערפלאַנצונג פון היימישן דאָרף אין דער ווייטער פרעמדער שטאָט. זיינע ברידער, שוועסטער און פריינט „האָבן געווים נישט געטראַכט, אַז וואו אויף אַ זאַמדיקן וועג אַ ברודער שלעפּט זיך אום פאַרשמאַכט" („לידער", 1926, זייט 162). ענלעך ווי עדעלשטאַט און זיין קראַנקייט, און מיט דורות פריער, דאַנטע, אין זיין גלות, אַזוי האָט דער יונגער יידישער עמיגראַנט פון ליטע אויסגעפונען, אַז „פרעמדע קלאַמקעס ברענען, בריען", און „אויפן פרעמדן שוועל בלוטיקן די פיס" —

„ביי דעם פרעמדן טיש
ווערגט דער ביסן ברויט.
איידער מענטשנס גאָב
ליבערשט שוין דער טויט".
(דאָרט, ז' 161).

אין אַזוינע מאָמענטן האָט דער לעבעדיקער מקנא געווען דעם טויטן און אינעם סטיל פון „קהלת" אויסגערופן: „וואויל איז דעם, וואָס נאָכן שטרייט האָט שוין אויסגעגלייכט די גלידער; וואויל איז דעם אויף יענער זייט" (דאָרט, ז' 130). לעבן אָבער ווילט זיך, בפרט, ווען דאָס האַרץ איז פול מיט געזאַנג. זוכט דער ניכטערער דאָרף־מענטש זיך צו ראַטעווען דורך אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט. אַזוי ווי ווערלען חלומט ער זיך אוים אַ אייגן קעניגרייך. אָבער „אַפילו נאָר מוז ליידן דער קעניג הונגער און איינזאַמקייט־פּיין". ס'העלפט אים נישט זיין טענה, אַז „אויסצערן לאָזן דעם קעניג איז דאָך אַ זינד און אַ שאַנד"... (דאָרט, ז' 125). די נויט און די איינזאַמקייט לאָזן זיך אויך לאַנג נישט פאַרגעסן דורך פאַרשטעלעניש. ווערט דאָס האַרץ פאַר־ביטערט און פאַרגאַלט: „אַליין פון זיך וואו אַנטלויפט מען, ווי רייסט מען אוים די אייגענע אויגן; עס זאָל דער צונג דעם ברודנעם נאָפל פון דער אַל־טעגלעכקייט נישט זויגן? שלעכט איז דער טאָג און נאָך ערגער די נאַכט, מיט וועלכער די „הייסע קנאה" בלייבט, און דער „טויזנט־שפּיזנדיקער האַס", וואָס „פון בעט דער שלאָף" פאַרטרייבט (דאָרט, ז' 169—170). ווינטשט ער זיך אַ ניי האַרץ, וואָס זאָל זיין „קאַלט און קליין און גליטשיק", ס'זאָל נישט

ליבן און נישט האַסן (דאַרט, ז׳ 173). ער ווערט גלייכגילטיק צום אַרומיקן לעבן. ער מיידט אויס „דעם שליאַך, דעם טומלער״. ער זוכט צו גיין מיט אַן „אָפּגעלייגטן וועג״, אַ „שטומען״, און ער איז זיכער, אַז ער וועט „אַלץ איינס קומען״...

* * *

ווען יוסף ראָלניק קומט צום ערשטן מאָל קיין אַמעריקע, געפינט זיך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַ צושטאַנד פון ירידה. מאָריס ווינטשעווסקי האָט דעמאָלט, אינעם אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, געשילדערט אירע מי־טינגען, ווי פאַרזאַמלונגען פון מתים און אויסגערופן מיט צאָרן: מתים, גייט צוריק אין אייער רו אַריין! אַ טייל געוועזענע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן זיך „אַרויפגעאַרבעט״ און נישט געהאַט מער קיין נוצן פון די קאַמפס־לידער און פּראָזע פון די 80־קער און 90־קער יאָרן. די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן זענען נאָך אָבער געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר די שאַפונגען פון ווינ־טשעווסקי, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט, באָווש־אָווער און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און אונטערדריקונג. אַלע יידישע דיכטער אין אַמעריקע, אַפילו יהואש, וואָס האָט אין אייראָפּע געזונגען פון מלאָכים און כרובים, האָט אין אַמעריקע זיך אָפּגעגעבן אויף געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען. און וואָלט יוסף ראָלניק דעמאָלט פאַרבליבן אין אַמעריקע, אַזוי וואָלט ער וואַרשיינלעך פון צייט צו צייט אויך געשריבן אַ סאָציאַל ליד. בפרט, אַז דער בעסערער לייענער פון יענער צייט האָט געזוכט אין ליד און פּראָזע צוערשט און צולעצט דעם סאָציאַלן מאָטיוו.

יוסף ראָלניק איז אָבער דעמאָלט לאַנג נישט פאַרבליבן אין אַמעריקע (אין 1904 איז געווען פאַרעפנטלעכט פון אים פּאָעזיע און פּראָזע אינעם „לאָנדאָנער איד״). ווען ער קומט צוריק קיין אַמעריקע, געפינט ער שוין צענדליקער יונגע דיכטער, וואָס זוכן, אַזוי ווי ער, נייע וועגן. זיי ווילן נישט זיין קיין עפּיגאָנען און נאָכזינגען די פּיאָנערישע אַרבעטער־דיכטער. זיי געפינען נאָך אויך נישט קיין נייע אויסדרוקן פאַרן ווייטאָג און שאַנד פון די צאַרישע פּאָגראָמען, נאָך ביאַליקס „שחיטה־שטאָט״, פרוגס „האָט רחמנות״, ראָזענפעלדס און יהואש׳עס „טויטע קללות״. זייער אידעאַל איז דעמאָלט דאָס ליד, וואָס שליסט־אויס יעדע געזעלשאַפטלעכע טעמאַטיק. יוסף ראָלניקס יחידישע ליריק איז דאַן פאַר זיי דער מוסטער פון דער עכטער דיכטונג־קונסט. ער ווערט פאַר זיי אַ פאָן אין זייער קאַמף פאַר זינגען לידער „לשמם״, קונסט צוליב קונסט.

לאַנג אָבער פאָלגן זיי אים נישט נאָך. ביסלעכווייז הייבן זיי אויך אָן שרייבן סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע לידער.. זיי רעאַגירן אויף אַלערליי צייט־

פראגן און שרעקן זיך איצט נישט אפ צו באנוצן זייערע עלעגאנטע ראפינירטע פערזן אפילו פאר פאמפלעטן קעגן פאליטישע קעגנער. יוסף ראלניק, דער ע ר ש ט ע ר פון די „יונגע" אין אמעריקע, איז אויך געבליבן דער לעצטער פון זיי. ער גייט נאך אלץ אן א זייט פון געזעלשאפטלעכן לעבן.

אין זיין טאג־טעגלעכן לעבן איז יוסף ראלניק כלל נישט גלייכגילטיק צו די געשעענישן ארום אים. ער איז א פראגרעסיווער יידישער מענטש, וואס איז שטארק פאראינטערעסירט אין דעם קאמף פאר א בעסערן, שענערן און גע־רעכטערן מענטשלעכן צוזאמענלעבן. ער ווערט אויך שטארק אויפגערעגטביים אנבליק פון אן אומרעכט, סיי צום יחיד און סיי צום כלל. ווען מיר האבן געוואוינט אין שכנות, פלעגט ער אפט, אין אן אויפגערעגטן טאן, מיר אויפ־פאדערן ארויסצוטרעטן קעגן דעם אדער יענעם געזעלשאפטלעכן אומרעכט. ס'פאלט אים אבער קיין מאל נישט איין, ער זאל עס טון דורך זיין ליד. ער וואלט עס באטראכט פאר א שווידערלעכן „חילול־השם", פאר א פארשוועכונג פון דעם „קדשי־הקדשים" פון דער געטין פאעזיע... ער האלט הפנים, אז אין איר טעמפל מעג מען ריידן פון ווייט און ליידנשאפט, קראנקייט און טויט, נאר נישט פון די ליידן און פריידן פונעם כלל: נישט שיקן קיין קללה קעגן די רוצחים פון ייד און מענטש — ווי דאס פלעגן טון די נביאים און תהילים־דיכ־טער, — נישט רופן צום קאמף קעגן אומרעכט, און נישט פרייען זיך מיט דעם זיג פון אמת און יושר.

יוסף ראלניקס מייסטערהאפט ליד איז (אויסער זיין קינדהייט אין דארף, ארום מיל) נישט באווירקט פון צייט און ארט. נישטא דארט קיין אפקלאנג פון די ליידן און פריידן פון זיין פאלק און לאנד. דער דיכטער געדענקט גוט דעם „שיוון הונט", וואס האט אים, אין זיין יוגנט, א ביס געטון. ער דערמאנט אבער נישט מיט קיין ווארט די רציחות, וואס „עמלק" באגייט טאג־טעגלעך קעגן זיינע (דעם דיכטערס) שוועסטער און ברידער, און זוכט אויך צו פארשטו־מען דאס יידישע ליד... אין זיינע פריערדיקע לידער זענען אפילו פאראן קללות פאר מיידלעך, וואס זענען אומטריי זייערע בחורים. נאר אין אלע זיינע זעקס ביכער איז נישטא קיין בייז ווארט פאר די, וואס האבן געמאכט דעם בלוט־בילבול אויף מענדל ביילים און זיין פאלק, פארטיליקט גאנצע יידישע געמיינדעס, געלינטשט נעגערס און פארברענט סאקא און וואנזעטי. אין זיין ליד איז נישט אריינגעדרונגען דער גסיסה־געשריי פון די יונגע אומשולדיקע ארבעטער־מיידלעך, וואס זענען פארברענט געווארן אינעם „טרייענגל־פייער". זיין ליד איז אויך געבליבן נייטראל צו וועלט־מלחמה און רעוואלוציע. ס'האט נישט אויסגעדריקט זיין טיפן צער אויף דעם טויט און דער פארקריפלונג פון

מיליאָנען יונגע מענטשן, און אויך נישט זיין שטאַרקע פרייד מיט דער איינפּי־רונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און ראַסן־גלייכהייט אויף אַ זעקסטל ערד.

מ׳האָט עס יוסף ראָלניקן געקאָנט אנטשולדיקן, כל־זמן ער האָט געלעבט אין אַ וועלט פון חלומות און געזונגען, ווי ווערלען און האַפיז. נישט אָבער איצט, ווען ער זעט דאָס ווירקלעכע לעבן דורכן „פענצטער צו דרום", פון זיין יוגנט־מויל. איצט, ווען זיין ליד איז קלאָר און פשוט, ווי דאָס לעבן זעלבסט, קאָן מען שוין צו אים האָבן ענלעכע טענות, ווי געטעס פראָמעטעאוס האָט גע־האָט צו די געטער פון אָלימפּ: פאַרוואָס ער נעמט זיך נישט אָן די קריוודע פון די פאַרפאָלגטע און אונטערדריקטע? פאַרוואָס ער דערמוטיקט נישט דעם קאַמף פאַר אמת און רעכט?

* * *

אין יוסף ראָלניקס ליד האָבן זיך תמיד געראַנגלט צוויי כוחות: דאָרף און שטאָט, פשטות און פילאָזאָפירונג, רעאַליזם און סימבאָליזם. די דאָרפישע נאַטירלעכקייט האָט אים באַוועגט צו שרייבן לידער פון „אָרום מיל"; שטאָ־טישע קינסטלערישקייט — וועגן חלום־וויין, חלום־ווייב און „הכל־הבל"־געזאַנג.

די יידישע אַרבעטער־דיכטער אין ענגלאַנד און אַמעריקע פון די 80־קער און 90־קער יאָרן האָבן אויסגעמיטן צו שרייבן נאַטור־און ליבע־לידער. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיי אָוועקפירן „אָן אַ זייט פון ברייטן וועג". זייער העכסטער אידעאַל איז געווען, צו פירן אָדער באַגלייטן דעם אַרבעטנדיקן ייד און מענטש אינעם קאַמף קעגן אומרעכט און פאַלשקייט. זיי האָבן זיך גע־שראָקן פאַר דער מעגלעכקייט, אַז נאַטור און ליבע זאָלן זיי נישט אָוועקנעמען פון „ברייטן וועג", וואו ס׳ווערט געפירט די מלחמה פון אונטערדריקטע פעל־קער און מאַסן.

ס׳זעט אויס, אַז יוסף ראָלניק האָט פונקט אַזוי ווי די פּיאָנערישע אַרבע־טער־דיכטער מורא געהאַט פאַר דער קאָליזיע צווישן נאַטור און קאַמף. נאָר בעת זייער פחד איז געווען, אַז די שיינקייט פון דער נאַטור און דער צויבער פון ליבע וועט זיי אָוועקפירן פון „סאָציאַלן שלאַכט־פעלד" אויף זייטיקע וועגן, האָט יוסף ראָלניק מורא געהאַט צו דערמאָנען אַ געזעלשאַפטלעכן ענין, דאָס זאָל אים, חלילה, נישט אַרויספירן אויפן „ברייטן וועג" פון קאַמף, וואו באַ־פרייער, מלחמה־לייט גייען אין גערעכטן שטרייט. ביי אַ געלעגנהייט האָט ער זיך באַקלאָגט:

„מיין אַרבעטס-טאָג דויערט צוועלף שטונדן,
פאַר מיטאָג פונקט דרייסיק מינוט;
און ווידער דעם רוקן געבויגן,
געיאָגט ווי פון אונטער דעם קנוט". (דאָרט, ז׳ 189).

ער האָט אָבער נישט פּראָטעסטירט קעגן דעם סיסטעם, וואָס דולדעט עס. ער האָט געטראָגן געדולדיק זיין „זיבן־טאָגיקן יאָך"; מקבל־באהבה געווען זיין גורל: „פאַר אייך די גערוימיקע חדרים, מיט לען־שטולן און טישן גרייט, פאַר מיר — אַ לעבן, לייטס געלעכטער, פאַר מיר — אונטער־פאַרקן־טויט" (דאָרט, ז' 179). ער האָט נאָך צוגעגעבן: „פאַר מיר — ווער ווייס... די אייביקייט", און זיך דערמוטיקט: אַלץ קאָן ווערן פאַרגעסן, נאָר „נישט־פאַרקלונגען — האַפּיז־ליד". דערביי האָט ער כלל נישט באַמערקט, אַז דאָס קאַמפּס־ליד פון פּאַרצייטיקן יידישן פּאַסטוך עמוס איז נאָך אַלץ אַן אַ שיער לעבעדיקער און ווירקזאַמער...

אין זיינע „נייע לידער" (ניו־יאָרק, 1935, ז' 52), האָט יוסף ראָלניק דערקלערט:

„עס ווילט זיך מיר שרייבן ליכטיקע לידער,
ווי ליכטיקע טויען באַגינען אין פעלד,
ווי ווייסע און ליכטיקע הייליקע ברידער,
וואָס גייען דערלייזן די פינצטערע וועלט".

איצט, נאָך דעם ווי יוסף ראָלניק איז אין זיין זעקסטן לידער־בוך אָנגעקומען אויף זיין „אַמאָליקן שטעג" און געבראַכט צו פאַרפולקאָמונג זיינע דאָרף־לידער, דאַרף ער שוין נישט מער גיין „פון דער זייט"; איצט קאָן ער שוין גיין מיטן „ברייטן וועג", וואו עס גייען אונדזערע „מלחמה־לייט"... ס'ווילט זיך האָפן, אַז זיין וואונטש צו שרייבן „ליכטיקע לידער" וועט דערפילט ווערן; און זיין זיבעטער לידער־בוך וועט זיין געהייליקט דעם קאַמף פון אונדזערע „ווייסע און ליכטיקע" העלדן, וואָס גיבן איצט אָפּ זייער לעבן צו „דערלייזן די פינצטערע וועלט".

(„מאָרגן־פרייהייט", דעם 12־טן יולי, 1942).

שלום שטערן

פון אַ שטילער פֿאַרטרוימטער וועלט

יוסף ראַלניק, איינער פון די שטילסטע און תפילהדיקסטע פּאָעטן צווישן די „יונגע", איז אַלט געוואָרן 70 יאָר. צו זיין יובילײ איז דערשינען אין „אײ־קוף"־פאַרלאַג זיין בוך „געקליבענע לידער". עס איז, הייסט עס, אַן אָפּקלייב פון לידער, וואָס דער דאָזיקער לויטערער פּאָעט האָט געמאַכט אַליין, און עס דאַרף זיין אַ מין מער־וויניקער אָפּגעקליבענע אַנטאָלאָגיע פון אייגענעם דיכטערישן פאַרמעגן. און אויב איר האָט ליב אַ פּאָעט, וועט איר אויך מיט טיפן ערנסט זיך באַציען צו זיין אָפּקלייב. מחמת שוין אין דעם אויסוואַל ליגט דער פּאָליטישער גאַנג פון דעם דיכטער. דאָס נעמט דעם פּאָעט אַריין אין זיין פּאָעטישן שיער, און א נ ד ע ר ס איז ער דן־לגניזה. ער וועט בלייבן פאַר אַנדערע צונויפצוזאַמלען. ער אַליין האַלט נישט, אַז דורך די נישט־אַריינגענומענע לידער איז ער געקומען צום אויסדרוק. האָבן מיר אַזוי אַרום פאַר זיך דעם אָפּגעקליבענעם יוסף ראַלניק, דעם יוסף ראַלניק וועלכן דער פּאָעט וויל ער זאָל זיך פאַרגעדענקען און איינצייכענען זיך אין אייער געמיט. און איך בין זיך מודה, אַז מען דאַרף ליב האָבן אַ פּאָעט, ווי ראַלניק, צו קאָנען דערפילן דעם ציטער פון זיין ליד, די זוניקע לידער־לויטערקייט פון זיין פאַרטרויערט, פאַרטרוימט געמיט. יאָ, מען דאַרף אים, ווי אַ פּאָעט, זייער ליב האָבן, כאָטש די טענות צו אים זענען ערלעכע און גערעכטע. דאָס מאָנען ביי אים טאָר נישט אויפהערן, אָבער מיט דעם אַליין טאָר נישט פאַרשטעלט ווערן זיין פשוט, האַרציק וואָרט, וואָס שמעקט מיט היימישקייט, מיט דאָרפישער ליכטיקייט, מיט דער בענקשאַפט נאָך אַן אָפּגעלאָפּענער סביבה און חרוב־געוואָרענער יידישער, אַפילו היימיש־דאָרפישער וועלט, וואָס ווערט פאַרייִדישט דורכן צויבער פון יוסף ראַלניקס עכט, בענקענדיק ליד.

וואָס איז אייגנטלעך יוסף ראַלניקס ליד? די וועלט פון זיין ווייטער קינדהייט, וואָס איז טיילווייז אויך געווען אַ שטיק יידישע שטייגערישקייט.

אַט די וועלט האָט ער מיטגענומען מיט זיך און דאָס בילד פון יענער אַפּגעלאָ־פּענער וועלט צייכנט ער אין זיינע פּערזן, מאָלט ער אַזוי פּשוט, פאַרבענקט און באַהאַרצט אין פיל שטילע, פּאַרטרויטמטע, קלאָרע און געצווימטע לידער. דאָס געזאַנג פון זיין געמיט איז די מיל, דאָס לשון פון דאָרף, ממילא פון זאַנג, בלאָט, בוים און וואַלד; פון וואָרעמען זומער־רעגן, פון קילע, זילבערנע טויען, פון זאַווערוכעס און שנייען. אָבער בעת י. ראָלניק דאָרף שילדערן אַט יענע סביבה, איז כאָטש ער איז דורכוים „איכיש״־ליריש, געפינט ער אויף אַ וואונ־דערלעכן, פּאָעטישן אופן דאָס פּראָסטע, בילדלעכע וואָרט, וואָס איז אויך עפּיש־שילדערנדיק. אָבער במה דברים אמורים, ווען ער דאַרף אַרויסזינגען פון דער שטילקייט, אַרויספינקלען דעם שטערן־גלי. ווייל ער אָבער טאַקע געבן די זאַ־ווערוכע גופא, אַט דעם שניי־געוויטער, האָט ער נישט מער, ווי דערציילערישע ווערטער. געוויס, גאַנץ אַפּט געטאַקטע, אָבער נישט אַזעלכע, זיי זאָלן אונדז דעם ברויז און אויפברויז איבערגעבן. ווייסן מיר, אַז נישט נאָר איז יוסף ראָל־ניק נישט קיין דיכטער פון רויש און שטורעם (אפילו אין נאַטור־שילדערונגען), נאָר אויך זיין לעבנס־שטורעם (אַזאַ האָט ער דאָך געהאַט) איז ער מיט שטאַרקן, מעטאַלענעם וואָרט נישט בכוח אויפצושלאָגן, בלויז שטיל און ווייך קאָן ער אַרומנעמען, היימיש וואָרעם זיך צוטוליען. היינט, אַז עס קומט צו זיינע אי־נעווייניקסטע, שטורמישע איבערלעבענישן, טוט ער עס נישט, האָט ער נישט קיין אויסדרוק פאַר זיי, אַ פּשיטא שוין פאַר דעם וועלט־שטורעם, פאַרן חורבן־וויכער אין אונדזער לעבן. איר לייענט זיינע לידער און איר שטוינט ממש: צוויי וועלט־מלחמות, פּאָגראָמען, רעוואָלוציעס. אַזאַ אומבאַשרייבלעכע יידישע טראַגעדיע פון זעקס מיליאָן פאַרשניטענע יידן, און אין דער טיף־פּיינלדיקער און דין־געשליפענער דיכטונג פון יוסף ראָלניק קלאָגט עס נישט אַרויס, יאָגט נישט דער טרערן־קוואַל. וואו איז דאָס וואָגנדיקע, מונטערנדיקע וואָרט פון אַזאַ ציי־טיקן (אין זין פון פּאָעטישער רייפקייט) פּאָעט פון און צו דער צייט, אין וועל־כער מיר שטראָמען ממש אין אונדזער בלוט, אין דער עפּאָכע פון טיפן, אי־בערברעכנדיקן געראַנגל. קיין שפּור פון יענעם גראָבנדיקן טרויער, אפילו קיין טרער פייכט נישט אויף אין אויג. קאָן עמיצער, חלילה זאָגן, אַז ראָלניק איז נישט אויפגעשווידערט געוואָרן פון דעם אַלעם. אוודאי, נאָר ווי אַ פּאָעט, מיט דער שיטה פון גיין באַזונדער, אין דער וועלט פון זיך, האָט ער יענע אַלע וועלטן אויסגעשלאָסן פון זיין פּאָעטישן געמיט. ווען מען אַמאָל אַ פרעג טון אין וועלכער צייט האָט יוסף ראָלניק געלעבט און געשאַפן, וועט מען ענטפערן: אַלע זיינע איבערלעבענישן זענען פון זיין קינדהייט, פון דער פרישער יוגנט־לעכקייט. בעת זיין רייפן עלטער האָט ער די שטאָט, די גרוילן און דעם קאַמף פון דער וועלט און דער יידישער וועלט נישט אַריינגעפּלאָנטט אין זיך. קאָנט

איך נישט וויסן, צי האָט נישט יוסף ראָלניק קיין פּאָעטישע ווערטער פֿאַר דעם ראַנגלענדיקן דרויסן, ווייל דעם נאַקעטן אין בלוט־צעשווימטן דרויסן נעמט ער אין זיין געמיט נישט אריין, צי ער נעמט נישט אריין אין זיין געמיט די צייטיקע טריט פֿון חורבן און פֿון שטורעם־צייט; ווייל ער, דער שטילער, תּפֿילה־דיקער פּאָעט, האָט טאַקע קיין פּאָעטישע ווערטער נישט פֿאַר דעם אַלעם. מיר דאַכט, איינס איז די סיבה פֿון צווייטן. וואָרום, אַז אַ פּאָעט שרייבט־אָן אַזאַ שטיל־פּאָעטיש ליד, ווי זיין אורח־חיים, זיין צימצומדיק לעבנס־וועגל, זוכט ער שוין נישט קיין ברייטע האָריזאָנטן, ווייל ער גישט זיין אין שטורעם און צוימען דעם שטורעם... ער גייט באַזונדער אויף זיין דאָרפֿישער סטעזשקע:

„איך דאַרף נישט קיין מיזיקע וויטן.
פֿאַר מיר איז גענוג
אַן ערך הונדערט טריט אויסצוריטן, —
פֿאַר מיר און מיין פּלוג.

איך דאַרף נישט קיין שטראָמיקע וואַסערן.
פֿאַר מיר איז גענוג
אַ טייכל דעם זאָמד צו באַוואַסערן, —
פֿאַר מיר און מיין קרוג.

פֿיר זוניקע טריט
איך דאַרף נישט קיין גרויסע פּאַלאַצן.
אויפֿן ראַג פֿון צוויי רוישיקע גאַסן, —
פֿאַר מיר און מיין ליד“.

נו, אַז פּאָעטן דאַרפֿן נישט קיין פּאַלאַצן, וויסן מיר. די גאַנצע וועלט איז דעם פּאָעטס היכל, אויב ער האָט די חושים צו פֿאַרשטיין און דערפֿילן די ריידנדיקע און לעבעדיקע נאַטור, אַפֿילו די דוממים. די, וואָס האָבן געוואָלט פּאַלאַצן, אַפֿילו בלויז אַ באַקוועמערן לעבן, וויסן מיר, וואו זיי שפּאַרן־אָן פּאָעטיש און אויך געזעלשאַפֿטלעך. מען וויל דאָס פּנים פֿאַר חרפּה פֿאַרדעקן. אָבער יוסף ראָלניק ווייסט, אַז כּדי צו האָבן פֿיר זוניקע טריט אויפֿן ראָג פֿון צוויי רוישיקע גאַסן, דאַרף מען עפּעס טון דערפֿאַר. איך מיין נישט, אַז ראָלניק זאָל ווערן אַ מיטקעמפֿער, (ער וואָלט פֿיל פֿון דעם געוואונען) אָבער, ווי אַ פּאָעט האָט ער געדאַרפֿט פֿירן מיטן ליד זיין קאַמף פֿאַר אָט די וואונדערלעכע, רואיקע „פֿיר זוניקע טריט“. סיידן, אַז מען פֿועלט טאַקע ביי זיך, אַז:

„מיטן ברייטן וועג גייען מלחמה־לייט,
איך גיי אָבער פֿון דער זייט.
עס בריאַזגען אויף זיי פּאַנצער און שווערד —
ווי שטילער וואַסער שווימט מיין ערד“.

נו, איך בין זיך מודה ומתוודה, איך האָב ליב דעם פּאָעט יוסף ראָלניק, שטאַרק ליב פאַר זיינע פיל גוטע, געשניצטע, וואַרעם־לירישע, טיף־דורכגעצי־טערטע פערזן און לידער. אָבער עס טוט מיר אָפּט וויי, וואָס איינער פון מיי־נע ליטערסטע און נאָענטסטע פּאָעטן, ווי יוסף ראָלניק, זאָל די אַלע שווערע, פינצטערע גראַנגל־יאָרן גאָר אַרומגיין און פילן: „ווי שטילער וואַסער שווימט מיין ערד״. וואו־זשע ליגט טאַקע די פּאָעטישע ליבטיקייט פון יוסף ראָלניק, וועלכן איך וויל און וועל נאָך זיין פּאָעטיש ליד נאָכגיין, ווי דער פויער נאָכן אַקער אין פלעמלדיקן מאָרגנרויט? אין זיין טיפער, פרומער פשטות, אין דעם בלענד פון זיין וואָרט, ווען ער איז אין דער מיל, אויפן פעלד:

„גיב מיר ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן:

די טונקעלע קילקייט פון מיט־זומער שויער,
דעם נאַכטיקן רוף פון אַ פעלדישן פייער.

זאָל איך דערשפּירן, און זאָל זיך מיר דאַכטן
דער צופּיקער טעם פון האַלב־צייטיקע פרוכטן.

דערמאָנען זיך העלף מיר דעם קלונג פון דער קאָסע,
די מונטערע נאַסקייט פון נאַכטיקער ראָסע.

ברענג מיר אויף פליגלען פון ווינטן צוטראָגן
דעם וויאָרסטן־ווייטן, טרוקענעם סקריפּ פון אַ וואָגן;

דאָס זיפּצען פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן,
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון״.

אָט דאָס וואונדערלעכע תפילה־ליד האָט געקאָנט אויסגיסן נאָר יוסף ראָל־ניק אין זיין דיכטערישער תמימות, דער וואָס איז גאַנץ מיט דער וועלט פון זיין לויטערנדיקער קינדהייט, טאַקע נאָר דער אין שטילער פשטות זינגענדיקער יוסף ראָלניק, וואָס האָט קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס „פויערישע לשון״ און תמיד זילבערט פאַר זיינע אויגן דער קילער, נאָבלדיקער פרימאָרגן־טוי. דאָס געזאַנג, וואָס שלום אַש האָט מיט אַזאַ תמימות געזונגען צום שטעטל, דאָס זעלביקע געזאַנג אין דער לויטערער דערמאָנונג, זינגט יוסף ראָלניק. שלום אַש האָט נישט געזען, אָדער זיך נישט געמאַכט זען, דעם אינערלעכן געראַנגל פון שטעטל, וויסנבערג האָט עס געזען און געשילדערט; אַזוי זעט נישט אָדער האָט נישט געוואָלט זען יוסף ראָלניק, וואָס טוט זיך אַרום דער מיל, איך

מיין, ווי לעבן און ליידן די מענטשן וואָס ברענגען דאָס פּורל קאָרן אָפּצומאָלן, אָדער דאָס זעקל ווייץ אויף די פּלייצעס. אין זיין בענקשאַפֿט איז ער אריינגע־רעמט אין אַן אידיליע, און אידיליש ווערט דאָס אַלץ אַרום. מחמת בלויז מיט פעלד און וואַלד ארומגערינגלט. אין פיל פון זיינע מיל־ און דאָרפס־לידער גיין־אויף די עפּישקייט פון חומש, ריכטיקער אפשר, פון טייטש־חומש און נחלת־צבי מיטן ניגון פון שבת־בייטאָג אויף די שוועלן ביי די דרימלענדיקע שטיבלעך, באַגאָסענע מיט זון. ליד נאָך ליד ווערט איר נישט מיד צו לייענען און איבערלייענען. יעדעס וואָרט געטעסעט, מיט פּשוטע, וואַרעמע הענט אריינגעשטעלט אין בנין־ליד. ער וויל אייך נישט איבעראַשן מיט אויסטערלי־שער בילדערישקייט. קיין אויסערגעוויינלעכעס געשעעט נישט. אין דער שלווה שווימט די וועלט, די וועלט פון ארום דער מיל, און פונדעסטוועגן קאָנט איר זיך נישט אָפּרייסן פון דער שיינקייט, העלקייט און טיפער לירישקייט פון אזעלכע לידער, ווי „מואָבס טעכטער", „וואוהין און פונוואַנען", „העקערס", „גאָט פון אברהם", „אַ פרעמדער שייער", „מעשה בראשית" און אַ פּאָר צענד־ליק אַנדערע לידער פון דעם זשאַנער. איר פילט ממש דעם ריח־השדה. פון די ווערטער גרינען די גראָזן, און דאָס וואַסער לויפט אויפן זאַמד־גאָלד — זיינע פּאָעטישע, ווי באַגרינטע בייטן, שורות.

אזוי לייענענדיק, פּרוווּ איך אים פאַרגלייכן מיט נאָך אַ פּאָעט אין זיינע יאָרן, ביידן אויף צו לאַנגע יאָרן, ח. רויזענבלאַט. אין רויזענבלאַטס רייפע לידער לייענט איר אַלע בעסערע און לויטערסטע לידער פון דער יידישער דיכ־טונג. מיר האָבן דאָרטן די קינסטלערישע ארבעט און די דערגרייכונגען פון די מייסטער פון די יידישע פּאָעטן, אָבער טיילמאָל לאָזט ער איבער דעם איינדרוק, אַז ער שעפּט מער, ווי ער שאַפֿט אייגנס. דאָס מיינט נישט, אַז ה. רויזענבלאַט איז נישט איינער פון אונדזערע באַדייטנדיקע און רייפסטע דיכטער. אָבער ביי יוסף ראַלניק איז מען אין זיין וועלט, אַ וועלט פון אייגענע, דיכטעריש אייגן און געלייטערט. אָט די פּאָעטישע אייגנאַרטיקייט פון יוסף ראַלניקס וועלט צוויבערט צו אונדז אַזוי רעגנבויגנדיק, און ווער עס וויל אריינטרעטן אין דער דאָזיקער וועלט פון שטילער פּאַרטרוימטקייט, גייט אַרויס פון איר מיט אַזאַ ליכטיקער שלווה, אַזש ער אַליין טראָגט די העלדישע רו אויף זיינע הענט, און דאָס פּויערישע לשון אין זיין געמיט. בעת איר לייענט און לעבט־איבער די פּאָעטישע, וואונדערלעכע לידער פון יוסף ראַלניק, פאַרגעסט מען אין גאַנצן, אַז יוסף ראַלניק מיט זיין תמימותדיקן טרעטן אויף זיין סטעזשקע שאַפֿט אַ געוויסע גרויקייט אין אַ היפּשער צאָל לידער, וועלכע גייען שוין נישט אריין אין גדר פון מיל־ און דאָרפס־מאָטיוון. אַ גרויקייט און אַ מין מוסר־השכלדי־קייט הערן מיר אַרויס פון זיין ליד וואָרום יוסף ראַלניק איז קערנדיק, און

ער דערגייט צו פּאָעטישער גרויסקייט ווען ער זינגט און באַזינגט, און נישט ווען ער ווערט פּאַרטייטשנדיק און דערקלערערישער. פון דעם קום איך צו מיין אויספיר, אַז אַ גאַנץ נישקשהדיקע צאָל לידער, דערהויפּט אין די ערשטע לי־דער־סעריעס, וואָלטן נישט געדאַרפט אַריין די געקליבענע לידער, וועלכע איך באַטראַכט, ווי אַ מין יוסף ראָלניק־אַנטאָלאָגיע. סיי־ווי, דאָס איז נישט דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר ראָלניקס לידער; דאָס זענען שטרויכלונגען, און דער צווייטער גאָלד־שטויב, וואָס ווערט נישט געשמידט אין באַגאָלדעטע שורות, נאָר דאָס אָפּשניצערייַ אונטער די הענט פון דעם מייסטער.

יוסף ראָלניקן האָבן מיר ליב. מיר פאַרנעמען זיין וואָרט, ווי אַן אייגנס, ווי אַ תפילה־ממעמקים, ווען ער פלאַמט־אויף אין זיין ליד — אַ תפילה לעני כי יעטוף. דאָס שטראָמט אַרויס ביי אים פון דערפילן די וועלט אין זיך. דער־מאָלט איז זיין ווייטיק אַ שאַרף־אָנגעגליטער. עס דאַכט זיך אייך, אַז אָן וואָר־טער ווערט דאָס געבעט אַרויסגעשעפּטשעט, נאָר ווי קוואַלן טרערן, וועלכע גיסן זיך נישט אַרויס, נאָר די וואַרעמע שטראָמען לויפן אין האַרצן:

> אַלע טראָגן אויף די פּלייצעס אָנגעפּילטע זעק,
> ווער מיט גאָלד און ווער מיט טראַנטעס, ווער מיט האַרטן שראָט.
> אַלע פּלייצעס ברענען וואונדיק אויף דעם גאַנצן וועג,
> ביז מיר קומען אויפדערנאַכט אַהיים צו גאָט.

פאַר אַזעלכע און אַנדערע דיכטעריש־לויטערע לידער האָבן מיר ליב און בענטשן דעם קערנדיקן, שטילן און לירישן פּאָעט יוסף ראָלניק. אוודאי ווילן מיר, און ווען נישט אויפהערן מאָנען פון אים דאָס ליד פון אונדזער צייט, דאָס ליד פון אונדזער גוראַנגל־צייט. הלוואי זאָל זיך די צייט מיט די צייניקע שאַרפן אַריינבייסן אין זיין ליד, און פון זיין שטילן ליד זאָל דורך דער שטי־לעניש אַרויסשרייען אונדזער צער און צאָרן, גלייכצייטיק אויך אונדזער גלויבן, מונטערנדיק ליד. יוסף ראָלניק וועט דערפון געווינען, די יידישע דיכטונג וועט געווינען. און מיר ווינטשן יוסף ראָלניקן לאַנגע, נאָך פיל לאַנגע יאָרן פון שאַפן, ער זאָל זוכה זיין אַריינצוברענגען אין שייער פון יידישער דיכטונג נאָך אַ סך לויטערע, רייפע לידער, און פאַר דער ביז־איצטיקער פּאָעטישער צוגאָב — אַלע ברכות, אמתע ליבשאַפט. אויפן סאַמע אויבנאָן אין דער יידישער דיכטונג שטייט איינער אַליין יוסף ראָלניק און זינגט פּאַרטרוימט, און איז מתפלל אין טיפער בענקשאַפט. אַט די בענקשאַפט איז אויך אַ טייל פון אונד־זער דורותדיקן לעבן. אין לויטערע, פאַרבענקטע פרימאָרגנס, און שטילע, רויט־שאָטנדיקע פאַרנאַכטן צווישן פעלד און וואַלד זענען מיר מיט אייך מתפלל אויפן היימיש־האַרציקן, דאָרפישן לשון.

מרדכי יאָפּע

יוסף ראָלניק

(לכבוד זיין 60־יאָריקן יובילײ און זיין נײ בוך „אַ פענצטער צו דרום")

אין איינעם פון זיינע שפּעטערדיקע לידער גיט אונדז ראָלניק אָנצוהערן אויף דעם דואַליזם פון זיין דיכטונג, ווען ער זאָגט:

„ווילט זיך מיר צונויפגאַרטלען זשוכאָוויץ־בראָדווײ,
ווי אַ פּאַס אַ לעדערנער גאַרטלט רעדער צווײ".

„צונויפגאַרטלען" די אַלטע מיט דער נייער היים איז שווער געווען אַפילו בײ אַזוינע יידישע פּאָעטן, וואָס זענען נישט אַזוי פאַרוואָרצלט אין דעם באָדן פון דער אַלטער היים; וואָס זענען פעאיק צו פאַרדייען ס'נייע און דאָס אַלטע נישט פאַרגעסן. אויך בײ זײ האָט איין ראָד מער געאַרבעט ווי דאָס צווייטע... בײ ראָלניקן האָט זיך דאָס אָבער קיין מאָל נישט „געגאַרטלט": *ז ש ו כ אָ ־ ו ו י ץ ה אָ ט ד אָ מ י נ י ר ט*. לאָמיר זיך באַנוצן מיטן משל פון אַ וואָג־שאָל: אויף איין זייט — ראָלניקס „בראָדווײ"־לידער: קלוגע אַפּאָריזמען; מאָטיוון פון אומצופרידנקייט, אַנטוישונג, רעזיגנאַציע; דער אייגענער טרערן־בעכער, דאָס ביסל אַש פון דער פאַרצערטער ליבע, דער שאָטן פון דעם אייגן־ווינקלדיקן טרויער, און די מאַסקע פון איראָניע. און פון דער צווייטער זייט — די זשוכאָוויץ־לידער: דאָס ליד וואָס האָט געגעבן קינסטלערישן תיקון די אַל־טע היים; די גרויסע איינפאַכקייט פון דער אידיליע וואָס רופט זיך „אַרום מיל"; די שיינקייט וואָס עס ליכטיקט זיך אַרויס פון אָרעם לעבן, אומעטיקער לאַנדשאַפט, געוויינלעכער טאָג־טעגלעכקייט און מענטש וואָס לעבט אָן חכמות; די גאַנצקייט פון די קליינע מעשים, דער מענטשלעכער בשותפות, דאָס רירנדי־

קע „צוזאַמענלעבן" פון נאַטור און מענטש און הויז־חיה און אַפילו „דומם",— און ווען מען גיט נאָך צו די דיכטערישע אייגנטימלעכקייט וואָס שטאַמט געווים פון זשוכאָוויץ: אי פּשטות און אי תמימות; אי קינדערשע נאַאיוויטעט אי יידישלעכע צניעות; מאַמעס פרומקייט, טאַטנס בטחון; יענע שטילע חכמה, יענע איינפאַכקייט אין לשון און אין גאַנג, — וועט זשוכאָוויץ געווים מכריע זיין בראַוואָ.

ס'איז נישט געגוג דעריבער דאָס, וואָס „ס'ווילט זיך" אַ פּאָעט. דער עיקר איז די אונטערשטע שורה, וואָס באַווייזט אַליין שוין וואָס ס'געלינגט אים... דער ערשטער תנאי וואָס שטייט פאַר אים איז: ווי אַזוי ער פּאַסט־אויף די וועלט און וואָס ער איז מיט זיין דיכטונג מחייב. אויף אים איז חל די מימרא פון גמרא: „במדה שאדם מודד בה מודדין לו"; איבערפראַזירט הייסט עס: „מיט דער זעלבער מאָס וואָס אַ פּאָעט מעסט — מעסט מען אים".

אין די פריערדיקע לידער האָט ראַלניק אויך געמאָסטן דעם מענטשן, דאָס לעבן, די וועלט מיט זיין אייגן מאָס. אָבער עס איז געווען אַן אַנדער מאָס, ווי אַנדערש ס'איז געווען אויך דעם פּאָעטס באַציאונג צו די זאַכן, וואָס ער האָט געמאָסטן, איידער ער איז נאָך געקומען צו דערקענטעניש, צו זיין פולערן סך־הכל. ביי אים איז פונקט געווען פאַרקערט. דער שטייגער איז „כשאדם נער אומר דברי זמר", ווען דער מענטש איז יונג, זינגט ער. ראַלניק אָבער איז געווען קהלת'דיק און משלי'דיק דווקא אין דער יוגנט פון זיין שאַפן; און אין דער שפּעטערדיקער תקופה האָט ער גראָד גענומען זינגען. ס'איז נישט די פאָרעם פון זיין ליד; אין דעם פרט איז זיין ליד געווען פריער טאַקע מוזיקאַ־לישער, זינגעוודיקער. אָבער אינעם סאַמע תוך, אין „תכלית" פונעם וואָרט, איז זיין פריערדיקע ליד געווען אַן אויסדרוק פון „הבל־הבלים", פון פאַרנייגונג, פון אַ ווידער־ווילן און אַ פיינטשאַפט צו דעם מענטש און לעבן. עס איז נאָך נישט געווען אין דעם קיין שפור פון שפּעטערדיקן גלויבן, בענקשאַפט, ליבטיקע דערמאָנונג וואָס עס האָט אַרויסגעזונגען דווקא פון די „אַלטע" זכרונות. אַנ־שטאָט די איינפאַכקייט פון חכמה, וואָס עס ליגט אין זיין שפּעטערדיקן שיל־דערן־דערציילן — ביטערע תרעומות, איבישע קינות, שטעכיקע אַנצוהערעניש, זיס און זויערע סענטימענטן. אַנשטאָט דעם גוטמוטיקן, פאַרגעבנדיקן שמייכל — סאַרקאַזם און איראָניע.

דער ערשטער תנאי פון שאַפן — ליבשאַפט צו דער וועלט, — האָט אין דעם געפעלט. ווי אַזוי האָט ראַלניק זיך באַצויגן דעמאָלט צו דער פּעולה פון זיין ליד? ער האָט דעמאָלט אויך עפּעס־וואָס געוואָלט. אָבער...

„איך וויל אַז פאַלן זאָל מיין ליד
ווי אַ האָגל אויף די פעלדער;
זיך אויסגיסן אויף אַלט און יונג,
און נישט אויף פּוסטע וועלדער".

נישט מער און נישט ווייניקער... און ווי האָט ער זיך באַצויגן צו זיך אַליין?

„איך וואָלט געוואָלט, אַז ווי אַ שטערן,
וואָס פאַלט אין טיפן ים אַריין,
זאָל איך אַ בליץ טון און נישט ווערן,
צוזאַמען מיט מיין קורצן שיין".

צום גליק, האָט אָבער אַנדערש אים דעטערמינירט זיין דיכטערישער גורל: וואָס ווייטער ראָלניק איז אַוועק פון אייגן־דיכטערישער „תּפיסה", האָט ער באַקומען מער אַ ליכטיקערע תּפיסה. ער האָט שוין נישט געוואָלט מער, אַז זיין ליד זאָל פאַלן ווי אַ האָגל אויף אַלט און יונג, ווייל ער האָט געגומען שוין דערפילן, אַז „עס קומען אָן ווערטער צו שווימען, גנאָדיקע, ווייכע און פרומע". אַנשטאָט אַ שמייסנדיקער האָגל, איז זיין ליד געוואָרן אַ מזל־ברכהדיקער רעגן וואָס דערפרישט, מאַכט שפּראָצן, בליען, וואַקסן די פעלדער וואָס זענען אַלעמענס — און זיינע... און נישט קיין שטערן איז זיין ליד, וואָס פאַלט אַריין אין ים און ווערט נישט — נאָר אַ שטערן וואָס איז נישט פאַרגענגלעך אויף דעם הימל פון דער יידישער פּאָעזיע.

ס'וואָלט אָבער נישט געווען קיין יושר אויך צו זאָגן, אַז אַלע ראָלניקס פריערדיקע לידער, וואָס גרייכן אין די הונדערטער, זענען געווען פון איין־און־זעלבן גייסט און גוסט. דאָס דורכשניט־ליד, דאָס ליד וואָס איז סקאַרבאָוו, האָט דאָמינירט אין ס'רוב פון זיינע ענג־פּערזענלעכע מאָטיוון. פּערזענלעך זענען זיי געווען מיט דעם שוין וואָס אין זיי האָט זעלטן זיך געפילט דער סינטעז פון „איך" און וועלט — דערצו נאָך אָן קיין סימן פון באַיאָאונג. וואָרום וואָס קאָן פּאָרט מחייב זיין אַ ליד פון אייגענע, פּערזענלעכע קינות און תּרעומות, וואָס ברומען אין דעם אייגן ווינקל און האָבן מורא פאַר דער שיין פון וועלט? — אין זיי האָט זיך געפילט ס'אייגן ביסל ביטערניש, אָבער נישט דער אומרו, נישט דער צער און צווייפל, שוין נישט זאָגנדיק — דער וואונדער און די פרייד פון וועלט. אָבער אויך אין יענער צייט האָבן זיך ביי אים באַוויזן אַנדערע מאָטיוון, וועלכע האָבן שוין געגעבן אָנצוהערן, אַז עס קומט אַ נייער דיכטער, אַ פּערזענלעכקייט אין דער יידישער פּאָעזיע. פּאַראַלעל צו יענע לידער האָבן זיך באַוויזן; ראָלניקס האַרציק־רירנדיקע תּפילה; דער

היים־מאָטיוו — דאָס פיינע מיניאַטורן־בילד פון דעם ליטווישן פּייזאַזש און לעבנס־שטייגער; דאָס קלוגע האַפּיז־ליד; און דאָס כאַראַקטעריסטישע אינ־קאַנניטאָ־ליד וואָס וואַריאירט זיך ביי אים אין פאַרשידענע מאָמענטן איז, אגב, ראָלניקס איינציקער פּאָעטישער רעקוויזיט, — די מאַסקע וואָס דער דיכטער טוט זיך אָן אויף זיין געוויינלעך אָפן פּנים...

אייגנטלעך האָט אויך פריער זיך שוין אויסגעפורעמט ראָלניקס ליד: יחידישער מאָטיוו — אָן שום אַקטועלע און ספּעציפיש־יידישע מאָמענטן; דער מינאָרער טאָן, דאָס פּשוט לשון, דער קורצער פערז און קנאַפּע סטראָפע. די פאָרעם, דער מעטער, ריטעם, גראַם — געוויינלעך, אָן חידושים. דאָס ליד בכלל האָט אָבער פאַרמאָגט אַ צימצום, אַ דירעקטקייט, אַ פּסוקדיקע קורצגע־זאָגטקייט. אָבער שפּעטער־צו איז דאָס ליד געוואָרן שוין נישט קיין דורכשניט, נאָר אַנדערש און באַזונדער; נישט ווינקלדיק־באַזונדער, נאָר אין דעם כלל זיך היפּש אַרויסגעקענטיקט. דערצו האָט עס זיך מערער אויסגעברייטערט און פאַרטיפט — די ליריש־סוביעקטיווע עלעמענטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די עפּיש־אָביעקטיווע כוחות און עס האָט זיך געשאַפן די קינסטלערישע גאַנצקייט. ועל־כולם האָט אויך געשפּילט זיך שוין, אַ חוץ אומיטלבאַרע עמאָציע — בילד און אידייע, וואָס מערקט זיך אַזוי שטאַרק אין ראָלניקס לעצטן בוך „אַ פענצ־טער צו דרום".

אין 1935 איז דערשינען ראָלניקס אַ קליין ביכעלע: „נייע לידער". דאָס איז געוואָרן אין אַלע פּרטים אין דער יידישער פּאָעזיע אַ דערשיינונג, און פאַר אים אַליין — אַ ווייטערדיקע, העכערע דערגרייכונג. דאָס דאָזיקע ביכל לידער איז אַ „מועט המחזיק את המרובה", אין ווייניק ווערטער — פיל געזאָגט. און אַגב ווייזן זיך אין דעם אַרויס אַלע ראָלניקישע עלעמענטן און מאָמענטן. עס ליכטיקן זיך ווידער אַרויס זכרונות־בילדער פון דער אַלטער היים, — אָבער ס'אַ פרישקייט און געלייטערטקייט עס טראָגט כמעט איעדע שורה! ס'אַ חן ס'איז אויסגעגאָסן אויף די שילדערונגען־געזאַנגען! און איצט איז אַנדערש שוין ביי אים דאָס בילד — דער גוף איז שוין באַלויכטן מיט נשמה. ס'איז איצט שוין נישט ביי אים „ליטע, מיין שטויביקע וויגל; ליטע, מיין אָרעמע לאַנד", אויף וועלכער דער דיכטער נעמט־אָן אַ פאַרדראָס —ער קאָן זי נישט שילטן — „ווי טאָר מען אַ מאַמען?" ער קאָן זי נישט בענטשן — „נישטאָ דיך פאַרוואָס"... איצט איז שוין דאָס לאַנד פאַר אים בלויז ברכה, בלויז היילי־קע דערמאָנונג. ווי פאַר די אויגן זעט ער זי, די היים און איז מתפּלל:

„גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן.

די טונקעלע קילקייט פון מיט-זומער שויער,
דעם נאַכטיקן רוף פון אַ פעלדיקן פייער.

זאָל זיך דערשפירן, און זאָל זיך מיר דוכטן
דער צופּיקער טעם פון האַלב-צייטיקע פרוכטן.

דערמאָנען זיך העלף מיר דעם קלונג פון דער קאַסע,
די מונטערע נאַסקייט פון נאַכטיקער ראַסע.

ברענג מיר אויף פליגלען פון ווינטן צו טראָגן
דעם וויאָרסט-ווייטן, טרוקענעם סקריפּ פון אַ וואָגן;

דאָס זיפצען פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן, —
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון".

דעם דיכטערס האַרץ ווערט ווידער ליכטיק און יונג (ווי ער זאָגט אַליין) ווען ער באַשרייבט דעם „חודש מערץ", וואָס קומט־אָן אין דאָרף „מיט טאָגי־קער זון און נאַכטיקן רעגן". די ווייסע ווינטער־נאַכט און די בלויע זומער־נאַכט וואָס פירן זייער שטילן לעבן „אַרום מיל". ווען ער דערמאָנט זיך אָן „גאָר אַ קליינינקער שטעטעלע", וואו די הייזלעך זענען אַזוי קליין און היימיש. ווען ער זעט פאַר זיך די וואונדערלעכע סצענע, די „עבודה" פון „פאַליעס שלאָגן" אויף דעם ווייס־פּאַראייזטן טייך. „אַלע האַרטע קינדער־יאָרן זענען איצטער מילד געוואָרן", ווען אין האַרץ און אין זכרון האָבן אויפגעטויכט זכרו־נות און געשטאַלטן: אָט לייענט ער אַן אַלטן ראָמאַן. אָט איז דעם טאַטנס הויז אין מיל; דער טאַטע אין די ווייסע, מעליקע קליידער גייט אַרום, טראָגט מעסטלעך ווייץ צו הויכן קאָס; און ער אַליין — אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען — ביים טיר פון מיל, אוועקגעשטעלט, אַז ער זאָל היטן דעם ווייץ, וואָס איז אין זונען־שיין אויסגעשפּרייט אויף ברעזענטן. דאָס ייִנגל טוט זיין אַרבעט „פראָסט און גוט", נאָר מיט דער רוט אין האַנט שרייבט ער דאָרט אַריין זיין נאָמען... (אַזוי איז אים באַשערט אויף ווייטער: פראָסט און גוט אין ווייץ און זון־שיין אריינשרייבן זיין נאָמען...). צוויי שטריכן פון „מיין טאַטע", ווען ער שטאַרבט, וואָס „אַזאַ טויט אויף מיר געזאָגט געוואָרן". די הייליקע דערמאָ־נונג פון „מיין מאַמע" — דאָס רירנדיקע ליד, וואָס מאַכט אייך וויינען מיט איר גרויסער פּשטות: „מיין מאַמע איז געווען אַ ייִדענע אַ קליינע, נישט יונג אין יאָרן שוין און נישט קיין שיינע". אָבער ס'אַזאַ שיינקייט שטראַלט אַרויס פון אירע קליינע מעשים! ווי די קליינע ייִדענע דערהויבט זיך דורך איר גע־ווייִנלעכקייט! — אין קאַרגע שטריכן ווערט דערציילט וועגן דער האָרעפּאַש־נער פרומער מאַמע, וואָס איז געווען „די לעצטע — שלאָפן גיין, די ערשטע —

אויפגעשטאַנען; אויף קראַנקע פיס דאָס לאַנגע האַוונען אויסגעשטאַנען מיטן סידור אויף די הענט; קיין תענית נישט פאַרפעלט; פון הונגער וועלט געקאַרגט, געשפּאָרט פאַר יענער וועלט". נאָר נישט בלויז יענע וועלט — "זעלטן איז זי לײַדיק געזעסן: זי האָט געדאַרפט פאַרגרייטן עסן פאַר הויזגעזינט, פאַר פּועלים און פאַר פרעמדע לייט; און אָפט האָט זי פון בעט זיך אויפגעהויבן אין מיטן נאַכט און פאַר די געסט דעם אָפּגעקילטן אויוון היים געמאַכט"... דערנאָך די שטומע הויז-באַשעפענישן: די "בהמות"; דער דינער קלוגער פערד "דער רויטער", פון וועמען מ'האָט "ביי אונדז אין שטוב כמעט ווי פון אַ מענטש גערעדט"...

ווי ווייסע פּערל אויף אַ שוואַרצן סאַמעט, ליכטיקן זיך אויך די ווייטערדיקע לידער: די קלוגע און די פרומע רייד וועגן אונדזער לעבן, וועגן גורל פון דעם מענטשן; די דינע, איידעלע און טרעפלעכע זעלבסט-כאַראַקטעריזאַציעס; די תפילה-בלחש אין דער שעה פון איבערבעטונג, טרייסט און גנאָד; די זיסע זעט פון דיכטער, וואָס איז זיך מסתפק מיטן "מועט" פון זיין ליד, מיט די פיר זוניקע טריט פאַר זיך און זיין ליד; די שירה וואָס עס ציטערט מיט אַזאַ מין פרומקייט, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט צו איעדן טראָפּן טוי און זונשיין וואָס עס טריפט, און מיניעט פונעם ליד; די דורכגעלייטערט-צאַרטע טיף-געמיטלעכע, סטאָאיש-לירישע מעדיטאַציעס וועגן טויט, — און אַפילו אויך דער טראָפּן שיכרות פון דערמאָנונג, וואָס עס זיסט נאָך האַרץ און זינען מיט דער פרייד פון אַן אַמאָליקער ליבע, אַז עס זאָגט זיך אַלץ נאָך: "עס איז מיר איצטער גוט!"

אין יענער צייט פון איבערבעטונג, טרייסט און גנאָד, איז שוין זיין ליד נישט נאָגנדיק-אומעטיק ווי פריער. דער דיכטער פאַרגינט זיך שוין צו זאָגן: "עס ווילט זיך מיר שרייבן ליכטיקע לידער". דאָס "ווילט זיך" איז דאָ אַן איבערצייגנדיק מיט דעם, וואָס דער באַגער ווערט פאַרווירקלעכט. וואָס ווייטער גייט אַוועק דער דיכטער פון זיין איינזאַם-אומעטיקן ווינקל און ס'ווערט זיין ליד אַלץ ליכטיקער, גנאָדיקער און ווייכער. דער איבערגאַנג איז פול מיט מזל-ברכה. זיין לעצט בוך "אַ פענצטער צו דרום" (1941), באַווייזט אונדז שוין דעם דיכטער כמעט אין גאָר אַ נייער שיין. ראשית, האָט דער היים-מאָטיוו, וואָס איז ביי אים אַפריער דורכגעגאַנגען עפּיזאָדיש, פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אומפאַסנדיקן, דווערהאַפּטיקן, באַפרוכפּערדיקן צענטער. ער האָט באַקומען — ווי עס זאָל נישט מאָדנע קלינגען בנוגע ראַלניקס דיכטונג — אַ פאַרבינדנדיקע אידייע און אַ קינסטלערישן "תכלית". דער רעזולטאַט — אַ "שיר-השירים" פון דער אַלטער היים; פון דעם ווייטן, דאַכט זיך, אָבער זייער נאָענטן עבר. און מער ווי דאָס: ס'איז נישט קיין "שיר-השירים" פון געזאַנג בלויז, —

ס'איז בילד און סצענע, געשטאַלט און האַנדלונג, סיטואַציע און פּאַסירונג, זאַך און ענין. דאָס זענען נישט קיין איינצל־לידער — עס איז די עפּישע פּאָעמע פון שילדערן־דערציילן, וואָס לאָזט אונדז הערן, זען און פילן די לופט און ליכט, די ערד און הימל, מענטש און חיה־חיה, די לאַנדשאַפט און דעם לעבנס־שטייגער, די ליבע באַלעבאַטישקייט פון דאָרף און שטעטל, דעם גוף און נשמה פון דער היים. „אַ פענצטער צו דרום" — איז נישט ביי ראַלניקן קיין סימבאָל, נאָר אַווירקלעכקייט. זיין פענצטער פון דער דיכטונג איז שוין איצט צו דרום — צו דער זון וואָס רופט זיך אָן: די היים. געווענדט צו זון — האָט דער דיכטער איצט דערגרייכט שוין די מדרגה פון קלאַסישער השלמה: די קלאָרע עפּישקייט, וואָס איז דין באַהויכט מיט לירישן געמיט.

פאַראַן ביי ראַלניקן אַן אויפריכטיקייט, אַ פשטות, וואָס איז זעלטן. ער היט זיך פאַר אָרנאַמענט, פאַר באַפּוצונג. די גילדענע פליטערלעך לאָזט ער איבער פאַר די פּאָעטן, וואָס קאָנען זיך און ווילן זיך שפּילן מיטן וואָרט. ער האָט נישט ליב קיין תכשיטי־ווערטער און פּראַנטישע טעמעס. אים איז ליב צו באַשרייבן די סאַמע געוויינלעכסטע ענינים, זאַכן און פּאַסירונגען; צו געבן קליינע פרטים. לכתחילה דאַכט זיך, אַז ער האָט גאָרנישט מחדש געווען — אָבער די פיינקייט פון זיין ליד ליגט דווקא אין דעם, וואָס עס איז נ י ש ט קיין חידוש. אַ פולער זאַנג, אַ נעסט פון פייגעלעך איז נישט קיין חידוש, אָבער אין דער קליינקייט, אין דער קנאַפּקייט ליגט דאָס לעבן גופא אין זיין גרויסער פשוטקייט.

ראַלניקס אַנטוראַזש, דער קאָלעקטיוו פון מענטש און זאַך, וואָס שפּילט אַ ראָל, איז נישט קיין אויסטערלישער, נישטאָ אין אים קיין אויסנאַמען און קיין יחידי־סגולה, — נאָר דווקא ווייל ער איז אַזוי געוויינלעך און נאַטירלעך ווירקט ער, ווי עס ווירקט אַ טרער, אַ קינדערשער געלעכטער, אַ גלעט פון זון אויף הוילן לייב... ס'איז אַ געוויינלעכקייט אַזאַ וואָס איבעראַשט נישט — נאָר ס'לאָזט זיך־צו צו דיר און נעמט דיך איין... ס'איז זומער. אַלצדינג אַרום איז צייטיק: דער הימל, ווי דער עפּל אויפן בוים. אפילו אויך די שקיעה פון דער זון איז צייטיק. דו זיצסט אַ מידער אויף אַ פול־געפּאַקטן וואָגן היי; ביסט הויך אַזוי, דערהויבן, אַז דו גרייכסט אַזש מיטן האַנט דעם הימל און וויגסט זיך אין דער הויכקייט מיט דער וועלט איינאיינעם... נאָר שמעקן, שמעקט עס פאַרט דיר מיטן ריח, מיט דער צייטיקייט פון ערד...

צי איז שייך דערביי טעכניק פון ליד, געשליפנקייט פון וואָרט און פאָרעם? — נעם, שלייף אַרום אַ קוועלבל, ווען עס לויפט אַ טראָפּן טוי, אַ זיפּ פון אָסיענדיקן בלאָט וואָס פאַלט?... נעם, שלייף אַרום דערמאָנונגען פון האַרץ און פון זכרון, — אַז זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן קיין שום צוגעפּוצטקייט

און געמאַכטקייט; אַז זיי זענען נישט קיין צוגעטראַכטע, נישט קיין אויסגע־דאַכטע, ווי דער מענטש און סביבה, ווי דאָס לעבן, ערד און שטייגער, ווי די לאַנדשאַפט און די פרייד־ און לייד־פאַרוואַנדשאַפט, פון וואָס זיי דערציילן.

און פאָרט איז דאָ אַזאַ געוואויגנקייט, אַזאַ געמאָסטנקייט פון וואָרט און אויסדרוק; אַ שפּאָרעוודיקייט אין שילדערן־דערציילן; אַזאַ מין קאָנסטרוק־ציע וואָס האַלט דאָס וואָרט אין צוים און לאָזט עס נישט אַריבערגיין די גרע־נעץ, וואו עס קאָן זיך לייכט פאַרלירן. די שטריכן פון די בילדער — נישט קיין שאַרפע, נישט קיין הייסע, אָבער אייגענע, מיט ליבשאַפט און מיט ערלעכ־קייט געפּירטע, — ווי ס׳פּירט אַ פּאַסטוך זיינע שאָף צו פּאַשע...

מ. באַסין

זעלטענע לידער פון דער יידישער פּאָעזיע

(עסיי)

(געבראַכט, טיילווייז, פון אַ גרעסערער אַרבעט מיטן נאָמען „גרויסע לידער אין דער יידישער פּאָעזיע", דערשינען אין „אידישער קעמפּער" דעם 6־טן אויגוסט, 1948).

פאַראַן אַן אויסגעטיילטע שעפערישע שעה, וואָס נאָר דער פּאָעט פון יחידי־סגולה איז צו איר מסוגל: דאָס איז די געבענטשטע שעה, ווען די שערי־תפילה עפענען זיך פאַר אים און סטיכישע רעגונג פון יצירה — שטימט־אָן, פאַראייגנט און פאַראייניקט אין אים אַלע אינטואיטיווע אויפנעם־אינסטרו־מענטן אין איין אָרקעסטרירטער, וויברירנדיקער האַרמאָניע: יענע דערהויבע־נע מאָמענטן, ווען טעמע און אויפגעשטראַלטע וויזיע; אויסערלעכער פונעם און אינערלעכער געזאַנג; קאַלטע מייסטערשאַפט און הייסער נשמה־ציטער— וואַרפן זיך קנעכטיש־אונטער זיין ווילן: לאָזן זיך קנעטן און מאָדעלירן, פי־בערן און פורעמען אין זיין גרויסער שליחות צו קינסטלערישער שלימות.

דאָס זענען די מינוטן, ווען דער פּאָעט מיט אַ נשמה־יתירה ווערט זוכה צו דערפילן אין זיך דעם „בצלמו": אַז ערגעץ דערנענטערט ער זיך צום שורש פון ז יי ן און ז י ן; אַז ער איז גאָר אַ נאָענטער מחותן, נישט אַליין מיטן שטויב און דעם ווינט און דעם פלאַנץ פון דער ערד, נאָר אויך מיטן גאַנצן אויסגעשפּרייטן שטערן־נעץ, אין חלל פון דער קוים־באַגריפענער אומענדלעכ־קייט פון גאָטס וועלט.

*   *   *

כאָטש אונדזער היגע, נאָך גאַנץ יונגע, דיכטונג איז געבענטשט מיט גאָר אַ רייכער צאָל אמת גוטע פּאָעטן, וואָס וואָלטן געווען אַ כבוד פאַר יעדער גרוי־

סער בליענדיקער ליטעראַטור; און, כמעט, יעדער פול־בלוטיקער פאָעט פאַרמאָגט זיין אויסדערוויילט — מ׳קאָן אפילו זאָגן — זיין באַריממט ליד, מיט וועלכן ער יאָגט־נאָך די שטאָלצע, פאַרויס־שפאַנענדיקע דאַמע — די אייביקייט: זענען עס אָבער נאָר יענע געציילטע פון צווישן זיי, וואָס זענען זוכה צו באַגלייטן זי אַמאָל געאַרעמט... אַלע אַנדערע — און אָפט מאָל גאָר גרויסע צווישן זיי — קאָנען זי אַ לעבן־לאַנג נישט אָניאָגן, אַפילו נאָר צו באַרירן דעם זוים פון איר גאָלדענעם פאַווע־שלעפּ... פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? — דאָס איז אַ טעמע, וואָס פאַרדינט גאָר אַ סך אויפמערקזאַמקייט, אָבער אַליין פאַר זיך.

פון אָט דער גרופּע פאָעטן — זאָל מיר דערלויבט זיין אין מיין איצטיקער טיילווייזער שטודיע פון דער יידישער דיכטונג — צו באַנוצן זיך מיט איינציקע לידער נאָר פון דריי פון זיי: ה. לייוויק, י. ראָלניק און מ. ל. האַלפּערן, אין וועלכע איך האָב געפונען קערנדיקע סימנים פון דאָס דערמאָנטע, וואָס מיר אַלע זוכן, ווען מיר לאָזן זיך אַוועק מיט די פאַרוואַקסענע שטעגן, דורכן פלאָנטער פון זעלטענע פלאַנצן, אין גאָרטן פון אונדזער דיכטונג.

* * *

פאַר דעם פאַרליבטן שטודירנדיקן פאָרשער פון דעם בעסערן, פיינערן, קריסטאַליזירטן ליד אין אונדזער היגער פּאָעזיע, איז דער איבערגאַנג פון איין פּאָעט פון גרויסן פאָרנעם — צום צווייטן, ווייט נישט קיין גרינגער.

נישט אַליין די טיפערע כאַראַקטער־אונטערשיידן, וואָס ליגן אָפט אינעם בלוט, נאָר אויך דער מינדסטער אַנדערער אופן פון אָבסערווירן און אויפנעמען טאָג־טעגלעכע געשעענישן, טיילן זיי אָפּ איינס פון צווייטן.

י. ראָלניקס פאָלגנדיק ליד, — איינער פון די וואונדערלעכסטע ראָמאַנסן אין דער יידישער פּאָעזיע, וואָס ער האָט אויסגעזונגען מיטן גאַנצן לעבן־לאַנג אָנגעזאַמלטן פייער אין זיך, אַזוי צימצומדיק־איינגעהאַלטן, ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין שאַפן, וואָלט פאַרבליבן נישט מער ווי אַ פיינער ראָמאַנס אין אונדזער דיכטונג, ווען נישט דער נס פון אויסערגעוויינלעכער קרעאַטיווער דורכגעלויכטנקייט אין אים:

דעם פריצס טעכטער

דעם פריצס טעכטער רייטן אַרויס
אויף ברוינע, דינע פערד.
פאַרנאַכטיקער הימל שווימט איבער זיי,
אונטער זיי שווימט די ערד.

זיי זיצן אין זאַטל ווי אויף אַ באַנק,
די שלייפעס הענגען אַראָפּ.
די פּנימער קוקן צום זוים פון וועג
ווען עס טראָגן די פערד אין גאַלאָפּ.

זיי טראָגן קליידער שוואַרצע ווי נאַכט
און וואָלן איבערן געזיכט.
דער סאַן בערנאַרד מיטן לאַנגן צונג
שלינגט וויאָרסטן אונטער זיך.

זיי זענען פאַרלאָזענע פרויען צוויי,
דאָס וויים די גאַנצע שטאָט.
די כלה־מיידלעך קוקן זיי נאָך
מיט לייד און אַ ביסל מיט שפּאָט.

די טורעמס פון שלאָס, די רוקנס פון בערג,
הערן זיך צו צום גאַלאָפּ.
דער סוד איז אַלט, ס'איז חודש אָב,
די בלעטער פאַלן אַראָפּ.

אָט די דיכטערישע גרוים־מאַלעריי, אין ליכט פון אַ גליענדיקן שפּעט־זומער פאַרנאַכט, ברענגט צום אויסדרוק די גאַנצע פּלאַסטישע שיינקייט פון אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקן פרעסקאָ־בילד, אויפן גרויסן לייוונט צווישן ערד און הימל.

יעדער אמת גרויס ליד פאַרמאָגט זיין פאַרבאָרגן ליכט. דאָס איז דער בישוף פון די ליבע, נשמהדיקע רייד, די שטילע שפּינענדיקע ניגונים פון צווישן די שורות, וואָס מען געפינט ווי אַ זעלטענע מתנה אין יעדן בעסערן ליד.

ערשט נאָך דעם ווי מיר האָבן עס שוין אין זיך אריינגענומען, עפנט זיך דאָס ליד אויף פאַר אונדז (מיטן גאַנצן פאַרשווענדערישן פאַרבן־שפּיל פון אַ פייערדיקן בין־השמשות; כאָטש דער רעזערווירטער ראָלניק פּטרט עס אָפּ מיט אַ „פאַרנאַכטיקער הימל שווימט איבער זיי").

מיר זעען דעם פריצם פאַראיידלטע, שטאָלצע טעכטער; זייערע שלאַנקע פאַרצערטלטע גלידער, כאָטש דער איינגעהאַלטענער ראָלניק פון האַלב־טענער און שטילע, אָפּט אַפילו צו־וואַכעדיקע פאַרבן, פאַרהילט זיי אין לאַנגע „שלעפּע"־קליידער, „שוואַרצע" ווי „נאַכט"; רייצט זיך מיט אונדז, אַז זיי זענען שוין היפּשלעך פאַרעלטערט און פאַרשלייערט זיי פאַר אונדז נאָך טיפער.

אַפילו דאָס שאַרפע רויט פון דעם וויאָרסט־שלינגנדיקן „סאַן בערנאַרדס לאַנגן צונג" זעען מיר. נישט נאָר פאַרנעמט עס אונדזער אויג, נאָר מיר הערן

ממש, ווי עס הילכט אנטקעגן דעם שטיל־געוואָרענעם שפּעט־פּאַרנאַכטיקן בלוי. כאָטש דער קאַליר־קמצן ראַלניק וויל עס פון אונדז באַהאַלטן: אפשר כדי נישט צו שטערן די טיפע רו פון מילדע דרעמלענדיקע פאַרבן, נישט צוריק צו רופן דעם וואַקסנדיקן שווייגן פון אַ פאַרגייענדיקער פאַטריאַרכאַלער וועלט, וואָס ער, דער גרויסער בענקער, האָט, אין זיין אָפּגעגנעצטער וואַכעדיקייט, פון ד ע ר „זייט־מויער”, זיך אין איר אַריינגעחלומט מיט גאָר זיין יוגנט־לעכן גאַרן צו דעם פּריצס שיינע טעכטער. וואָס ער וויל אונדז איינריידן, אַז זיי זענען שוין מער נישט יונג, און גאַלאָפּירן אויף די „ברוינע, דינע פערד” אַלץ טיפער אין שטאָט אַריין? — אפשר, כדי צו פאַרמינערן די סאָציאַלע „עבירה” פון אידעאַליזירן אַן אָפּשטאַרבנדיקע פעאָדאַלע וועלט, און גלוסטן, אפילו נאָר אין דעם גרויסן ראָמאַנס־ליד זיינעם, צו אירע אויסגעאיידלטע, ליב־טיקע טעכטער...

שלמה ביקל

אינזיך און ארומזיך

דער דיכטער יוסף ראָלניק — צו זיינע 70 יאָר

פרעגט און ענטפערט דער אינדישער חכם:
— וואָס איז דעם מענטשנס ליכט אויף זיין וועג?
— די זון.
— און אז די זון איז אונטערגעגאַנגען?
— די לבנה.
— און אז די לבנה האָט זיך באַהאַלטן?
— דאָס פייער.
— און אז דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן?
— דעם חברס שטים.
— און אז די שטים איז אַנטשוויגן געוואָרן?
— ער אַליין.

אין יוסף ראָלניקס לידער האָט עס פּאַסירט. עס איז גלייך אַלע ליכטער פונעם ארום זאָלן האָבן אונטערגעגאַנגען, גלייך ווי אַלע קלאַנגען פונעם ארום זאָלן האָבן אַנטשוויגן געוואָרן, און פאַרבליבן איז ווי דאָס איינציקע ליכט און ווי די איינציקע שטים פון ראָלניקס ליד — ער אַליין.

און כדי דאָס פּאָעטישע ליכט פון „אים אַליין" זאָל ארויסקומען וואָס אייגענער און וואָס קאָנצענטרירטער און עס זאָל נישט געשטערט ווערן פון די זעענישן אין דעם ארום פון שטח און פון צייט —

האָב איך זיך אין הארצן פאַרקליבן,
אין טיף פון געמיט.
האָב אויפגעשפּאַרט אַלץ וואָס געבליבן
פון אַ פריערדיקן ליד.

דער „אַלץ וואָס געבליבן פון אַ פריערדיק ליד" — די דערמאָנונג פון די יוגנט־יאָרן אַרום דער וואַסער־מיל אין דעם ווייסרוסישן היים־דאָרף זשוכאָוויץ, — איז געוואָרן די זעאונג פון ראַלניקס פּאָעטישן ווערק. עס איז געוואָרן דער משל, וואָס ביי זיין שיין האָט ראַלניק דיכטעריש דורכגעשפּאַנט דעם נמשל פון לעבן; דעם נמשל, וואָס אויף דער שפּראַך פון ראַלניקס ליד הייסט ער — „פון אַ חלום אַרויס, אין אַ חלום אַריין".

ראַלניקס ליד פון דערמאָנונג איז נישט דער רעזולטאַט פון נאָסטאַלגיע, פון סענטימענטאַלער בענקשאַפט צום אַמאָל. ראַלניקס געזאַנג פון דערינערונג מיט דער וואונדערלעכער בעלי־בתישקייט פון פּרטים (וואָס קאָן זיין אויסטער־לישער ווי די פּאָעטישע גאָב צו געדענקען, אַז צו דער ווייסקייט פונעם זשוכאָ־וויצער וועג געווען „איז צוגעמישט אַ קווינטל בלוי. מערער נישט"?) איז פאַר־קערט, אַ קינסטלעריש־ניכטערער פּרואוו צו אָרגאַניזירן פאַר זיך אַ וועלט־זע־אונג וואָס זאָל דיכטעריש און פילאָזאָפיש העלפן באַצווינגען די עלעגישע אומ־צופרידנקייטן און ווייכע סענטימענטאַליזמען פון אייגענעם לעבן.

ראַלניקס ליד איז נישט קיין אַנטלויף־פּאָעזיע, נאָר גיכער אַ דיכטערישער כלי־זין אויף צו באַגעגענען ס'לעבן אָן צופיל דערוואַרטונגען און אָן איבעריקע געפיל־סורפּריזן. מיטן פאַנאַנדערגעוועבטן חלום פון די זשוכאָוויצער יאָרן פּרואווט זיך ראַלניק פאַרפּאַנצערן קעגן דער וואָר פון די יאָרן אין ניו־יאָרק און זיך אַליין באַווייזן, אַז ער איז „פון חלום אַרויס", און „אין חלום אַריין":

גרינג און לופטיק איז דאָס לעבן
און דער טויט — אָן איבערשוועבן
פון אַ צווייג, וואָס האָט פאַרדאַרט,
צו אַ נייעם בוים וואָס וואַרט.

די שייכות צו מענטש און לעבן, וואָס דער דיכטער האָט פאַר זיך באַשאַפן דורך אָט דעם רעטראָספּעקטיוו אויפן חלום פון וועלכן ער איז אַרויס, צוימט אים עמאָציאָנעל און פאַרהאַרטעוועט אים קעגן די בייזקייטן פון דער טרוים־צייט אין וועלכער ער געפינט זיך.

די זשוכאָוויצער טרוים־וועלט, וואָס ראַלניק ברענגט אַרויס אין זיין ליד, איז נישט בלויז דער „ער אַליין", כ'מיין דאָס לעבעדיקע ליכט וואָס באַוואָפנט דעם דיכטערס אויג מיט קלוגער און תמימותדיקער איראָניע צו דער וואָר פון די אַרומיקע געשעענישן, נאָר זי איז אויך אַ מין הרעבליע (איך נוץ אַ בילד פון דער זשוכאָוויצער וואַסער־מיל־סביבה) קעגן די געפיל־אימפּעטן פון דעם דיכ־טערס אייגענעם האַרץ.

ווען מען האָט אים, —דערציילט ראַלניקס אַ ליד אין דער זאַמלונג „אַ

פענצטער צו דרום"— אין איינעם אַ טאָג פון זיין ניו־יאָרקער וואָר „דערלאַנגט אַ בריוו — גלייך פון שיף" מיט דער טרויער־בשורה וועגן פאָטערס טויט, — זענען —

„מיינע אויגן זענען נישט געווען נאָס
און אין מיר האָט דאָס האַרץ נישט געוויינט,
נאָר אויפגעגאַנגען זענען דאָרטן
מיין טאַטנס פּנים און רייד".

דער דיכטער חידושט זיך אפילו פאַרדראָסיק, לםאַי אָנשטאָט געוויין אויף בערן טאַטנס טויט, זענען אין אים אויפגעגאַנגען דעם „טאַטנס פנים און רייד" —

„און איך האָב זיך געשעמט
וואָס מען האָט נישט געזען
אויף מיין פּנים די טרערן לויפן,
כאָטש דעם גאַנצן טאָג האָבן מיך באַגלייט
מיין טאַטנס פּנים און רייד".

איז דעם פּאָעטס „בושה" אפשר טאַקע באַרעכטיקט פונעם שטאַנד־פונקט פון דער אַרומיקער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, צו וועלכער יעדער מענטש איז אונטערגעוואָרפן ביודעים און בלא־יודעים. אָבער וואָס שייך ראָל־ניקס דיכטערישער לעבנס־זעאונג — פּאַסט זיך, ווי מיר דאַכט, בעסער אין איר אַריין דעם טאַטנס אויפגעגאַנגען פּנים, ווי אַן אויפגעשטראָמטע טרער איבערן טאַטנס טויט.

וואָרום נישט בלויז פאַרן אָביעקט פון זיין זעאונג האָט ראָלניק אויסגע־קליבן די וועלט פון זיינע זשוכאָוויצער טעג, נאָר ער האָט זיין דיכטערישע לעבנס־וויזיע בכיוון (און אפשר מיט היפּשער זעלישער אָנשטרענגונג) אריינגע־זעצט אויך סוביעקטיוו אין די ראַמען פון די זשוכאָוויצער יאָרן.

איך וויל דערמיט זאָגן, אַז ראָלניקס דיכטערישער בליק אויף לעבן און וועלט איז אין תוך די זעאונג פון יענע זשוכאָוויצער פויערים, וואָס זענען גע־קומען אַפּמאַלן אַ זעקל מעל ביי זיין טאַטן אין מיל. ס'איז די לעבנס־זעאונג פונעם נאַטור־מענטש.

ס'איז פאַראַן אַ וויזיע, וואָס דערהויבט זיך צו פשטות און נאַטירלעכקייט, דאַדורך וואָס זי איז יסורימדיק גובר דעם אינטעלעקט און זיינע חקירות, דער־קלעטערט צו געלייטערטער חושימדיקייט און — זי שמייכלט דערנאָך אַ באַ־רואיקטע איבער דער אינעווייניקסטער פּאַנאָראַמע פון זאַכן און געשעענישן, וואָס האָט זיך פאַר איר אַנטפּלעקט.

און פאַראַן אַ זעאונג, וואָס דערגייט צו רו און צו באַגיטיקטן שמייכל אָן דער ריזיקע פון דראַמאַטישער באַרג־קלעטערניש. פאַר איר איז גענוג דער דרויסנדיקער גלגל־החוזר פון זאַכן, גענוג דער שטענדיקער פענאָמען פון „ויהי ערב, ויהי בוקר״. זי באַנעמט די מאַכט פון דעם אייביקן שפּיל און די אָנמעכ־טיקייט פון אייגענעם ווילן און פאַרשטאַנד, און זי גיט זיך אונטער מיט שטיל־קייט פון הכנעה און מיט אַ שמייכל פון אין־ברירהדיקייט.

די דאָזיקע צווייטע נאַטורהאַפטיקע לעבנס־זעאונג, וואָס ווערט דערגרייכט אָן נסיונות פון געמיט און אָן אומוועגן פון געדאַנק, אָט די טאַל־וויזיע, ווי איך וואָלט זי אָנגערופן, איז דאָס פעלד פון שטימונג און פון געפיל, פון וועלכן עס וואַקסט אַרויס יוסף ראָלניקס געזאַנג. איבער דער גאַנצער לענג פון זיינע לידער־ביכער, אָנהייבנדיק פון די לידער מיט קנאַפּע פערציק יאָר צוריק אי־בער די נייע לידער (1935) און ביז צו „אַ פענצטער צו דרום״ (1941), טראָגט זיך אָט דער געזאַנג.

עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער „טאַל־זעאונג״ זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן, ווייל זיי באַצייכענען, ווי מיר דאַכט, די בולטסטע געמיט־מאָמענטן פון ראָלניקס פּאָעטישן ווערק.

צום אונטערשייד פון דער „זעאונג פונעם באַרג״, וואָס איר בליק איז טיף און איר פּאַטאָס איז: ערנסט און פאַרכטיקייט, שיינט דאָס אויג פון דער „טאַל־וויזיע״, מיט קלוגשאַפט און איר אינעווייניקסטער ניגון איז פרומקייט און איראָניע.

יענע „פונעם באַרג״ איז פיינפול־שטעכיק און ראַנגלט זיך מיט אויפגע־טרייסלטקייט און מיט געוויין; די „פונעם טאָל״ איז באַהעמיש־גוטמוטיק און מילד, און — פאַרפאַנצערט קעגן סענטימענטאַלער ווייכקייט.

דער געזאַנג „פון באַרג״ איז גרויס, ווען עס דערהערט זיך אין אים דער מיסטישער „ויקרא״, דער העכערער רוף צום דיכטערס נאָמען; דאָס ליד „פון טאָל״ איז וויכטיק ווען עס הויבט פון אים אַרויס דאָס שליחות אַריינצושרייבן זיין נאָמען אין גאַנג פון די זאַכן אין רוים און פון די געשעענישן אין צייט — אין גאַנג פונעם דיכטערישן וואָרט וועגן זיי.

דאָס דאָזיקע שליחות האָט צום בעסטן און מיט אַ זעלטענער פּאָעטישער בילדערישקייט פאָרמולירט טאַקע ראָלניק אַליין אין זיין ליד „אַ דערינערונג״, וואו ער דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אים, דעם צען־יאָריקן יינגל, געשטעלט היטן דעם געלן ווייץ ביי דער טיר פון דער זשוכאָוויצער וואַסער־מיל:

איך טו מיין אַרבעט פּראָסט און גוט
איך פאָר מיט אַ לאַנגער, דינער רוט,
איך היט די באַגאָלדיקטע זאָמען;

און זעץ זיך דערנאָך ביים לײלעכס ראַנד
און פיר מיט דער רוט ווי אין געלן זאַמד —
איך שרייב דאָרט אַריין מיין נאָמען.

* * *

דאָס שליחות פון „אַריינשרייבן זיין נאָמען", האָט ראָלניקס ליד, מעג מען זאָגן אָן דער מינדסטער מורא פאַר גוזמא, דורכגעפירט בשלימות.
דעם דיכטערס תפילה ביים אַריינגאַנג צו זיינע „נייע לידער":

גיב ווידער דעם ריח פון דער ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן;
— — — — — — — — — — — — —
דאָס זיפּצען פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן —
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון.

איז פול און גאַנץ דערהערט געוואָרן.

ראָלניק האָט פאַרמאָגט דעם קינסטלערישן כוח איינצושטעלן אַ פולע האַרמאָניע צווישן דער נאַטורהאַפטיקייט פון זיין לעבנס-וויזיע און די פּאָעטישע אויסדרוק-מיטלען, מיט וועלכע ער האָט זיין זעאונג אַרויסגעבראַכט. די ווערטער, די אימאַזשן און דער ריטעם פון ראָלניקס רייפע לידער זענען קיין מאָל נישט אָפּגעשטאַנען פונעם פּאָעטישן מאָטיוו אין פּרט פון נאַטורהאַפטיקייט, פון פשטות און פון אייגנקייט.

דער גרעסטער אויפטו פון ראָלניקס פּאָעטישער שורה, איז, דאַכט מיר, דאָס וואָס עס איז איר געלונגען אויפצונעמען אין זיך און אויפצוהיטן דעם נאַטור-קלאַנג — „דאָס זיפּצן פון זאַנגען".

די ווערטער, די זאַצן און גראַמען ביי ראָלניקן זענען דאַכט זיך איינפאַכע, פּראָסטע, עפּעס ווי נישט-זאָרגעוודיק פאַרשפּילעוועטע און פאַרפוצטע און אָן קינסטלערישע עפעקטן, אָבער זיי אָטעמען אַלע מאָל מיטן ריח פון וואַקסן. עס פּאַסירט מיטן לייענער פון ראָלניקס ליד, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיטן דיכטער גופא ביי די זשוכאָוויצער תבואה-לאַנעס, וואָס ווערן באַזונגען אין זיינע לידער.

ווי דער דיכטער, וואָס האָט אויפן זשוכאָוויצער זאַנגען-פעלד נישט „געהאַט קיין צייט" צו טראַכטן וועגן ווער און ווי אַזוי מען האָט פאַרזייט די קערנער, וואָרום זיין געמיט איז געווען פאַרנומען מיטן חושימדיקן איינהערן זיך אין געררויש פון דער תבואה און מיט איינקוקן זיך אין דעם פאַרבן-שפּיל צווישן הימל און זאַנגען, — אַזוי האָט אויך דער לייענער פון ראָלניקס ליד נישט „די צייט" זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער קונסט פון די צונויפגעשטעלטע ווערטער

און אויסגעמאָלענע בילדער. דעם לייענערס אויער הערט און זיין אויג זעט. דאָס ליד — זיינע פאַרבן און זיינע קלאַנגען — צווינגען אים צו קאָנצענטרירטקייט פון די חושים.

אָט איז אַזאַ פּרעכטיק ליד, ווי „אַ בורע״:

— לויפט אַ קאַטש, ברייט און הויך,
שוואַרץ ווי רויך,
קערט די ערד
מיט סווישטש און חוק,
גייט אויף דער מיל
און אויף די בריקן,
וועט דערשטיקן
בהמות, פערד.

עס איז נישט בלויז דאָס בילד פון דער שטורעם־קאַטש, וואָס לאָזט נישט אָפּוועגדן פון זיך אַן אויג, נאָר דער געקלאַנג און דער געפּילדער און דער פּחד פון דער בורע, וואָס באַפאַלט דעם לייענער. ער איז אין מיטן דער בורע. קאָן ער עפּעס אַנדערש אין זינען האָבן, ווי איינהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינהערן און איינקוקן אין דעם נאַטור־ספּעקטאַקל?

און געמאַכט איז דאָס סטראַשנע ליד וועגן דער בורע מיט פּראָסטע ווערטער, וואָס זענען גאָרנישט אַזוי סטראַשנע. האָבן טאַקע נישט די ווערטער באַשאַפן דאָס ליד; באַשאַפן דאָס ליד האָבן די נאַטור־פאַרבן, וואָס שטראָמט פון זיי אַרויס און די סימפאָניע פון די נאַטור־קלאַנגען, וואָס די ווערטער שפּילן פאַר אונדז אויס.

און ראַלניקס אַ ליד קאָן אויך אַרויסבאַקומען עפּעס אַן אינעווייניקסטע מוזיק פון פּייזאַזש־פאַקטן און פון ווערטער, וואָס זענען בטבע נישט קיין איבעריקע מאַדימס אויף מוזיקאַלישקייט. אַזאַ וואונדערלעכע פאַקטן־מוזיק האָט ראַלניק, למשל, אַרויסגעבראַכט מיט נישט קיין איבעריקס מוזיקאַלישע ווערטער אינעם ליד, אין וועלכן ער דערציילט, אַז ער איז אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס „אַרויס זען וואָס טוט די נאַכט״, און —

אַ שפּעטע שעה,
דער שניי איז שטויב,
דער הימל — בלוי,
די לבנה — רייף.

וויפל פאַרב איז דאָ אין די פיר שורות! אָבער אויך וויפל שטילע אינטענסיווע מוזיק.

* * *

בדרך־כּלל באַוועגן זיך נישט ראָלניקס געפילן אויף די העכערע שטאַפּלען פון דער סקאַלאַ. רעזיגנאַציע און איראָנישע קלוגשאַפט לאָזן נישט־צו קיין שטורעמדיקייט, נישט אין ראָלניקס טרויער און נישט אין זיין פרייד.

אָבער אויב עס איז יאָ פאַראַן אין ראָלניקס לידער עפּעס, וואָס קאָן כאַפּן דעם אָנבליק פון שטורמישקייט, איז עס די פרייד פון ליד גופא, וואָס צומאָל מורמלט זי אַ פאַרשעמטע הינטער די שורות און מייסטנס „שרייט" זי אפילו אַרויס מיט אָפענע ווערטער פון שורות, פון סטראָפעס און פון גאַנצע לידער.

פון דעמאָלט־אָן, ווען דער דיכטער איז נאָך געווען אַ יינגל פון זעכצן יאָר און מען האָט אים געפירט אויסהיילן זיך פון לידער צו „וואו אין שטאָט אַן אינטעליגענט", אַז:

זיי האָבן מיר אַלע היילן געוואָלט
אַפילו אָן אַ גראָשן געצאָלט.
דאָס ליד אָבער איז נישט אַוועק פון מיר.

און איבער דעם גאַנצן האַלבן־יאָרהונדערט זינט דעמאָלט, האָט ראָלניק נישט אויפגעהערט צו טוליען זיך צו זיין ליד, זיך צו באַגנוגענען מיט אים, זיך צו פרייען, וואָס ס'איז נישט אַוועק פון אים און תפילה צו טון, אַז

— צו די שפּעטע יאָרן,
האָב איך צו גאָט נאָר צוויי פאַרלאַנגען:
מיין קאָרן־פעלד זאָל נישט פאַרדאָרן,
נישט אויסברענען דער ברונים פון געזאַנגען.

וואָס־זשע פאַרא גרעסערן יישר־כּוח קאָנען מיר צוטראָגן דעם דיכטער צו זיינע זיבעציק יאָר, ווי אונדזער פרייד מיט אים צוזאַמען, וואָס זיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן און עס איז נישט אויסגעברענט געוואָרן דער ברונים פון זיינע געזאַנגען ?!

י. י. סיגאַל

יוסף ראָלניק

(צו זיין 70־יאָריקן יובל)

דער ערשטער „יונגער", י. ראָלניק, איז דאָס יאָר געוואָרן אַ בן־שבעים, און די יידישע דיכטונג פּראַוועט, זייער שטיל (אפשר אַ ביסעלע צו־שטיל שוין) דעם דאָזיקן יום־טוב — אַ יום־טוב פון אַ גאָר וויכטיקן פּאָעט, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן שטילן און איינשטילערן דעם סטיל פון אונדזער אמתדיק קינסטלעריש ליד. ביז אים, ביז דער גאַנצער גרופּע „יונגע", האָט דאָס יידישע דיכטערישע ליד זיך נישט אַזוי געהיט מיט קיין וואָרט און האָט זיך, אין ווערטערדיקן זין, נישט אַזוי אָפּגעוויטערט פון דער פּראָזע. דער איינציק־געוויסנהאַפטיקער שומר אויף דער וואַך צווישן דער גרענעץ פון פּראָזע און פּאָעזיע, איז געווען דער גראַם. ער, דער גראַם, האָט געהאַלטן אַן אויער אויפן ליד און נישט דערלאָזט עס זאָל צו־וויט אַריבערטרעטן די גרענעץ צום פּראָזע־לאַנד. ווייטער אָבער האָט זיך אין דער דיכטונג היפּש געפּראַזעוועט און אַ פּובליציסטיש אַרטיקל האָט זיך אָפּט מאָל דערלויבט דאָרטן צו צעשפּרייטן זיך, ווי ביים טאָטן אין ווייַנגאָרטן און ריידן אויף אַ לשון, וואָס מען האָט געהערט אויף אַלע ראָגן און אין אַלע טויערן פון שטאָט.

ווען די „יונגע" זענען געקומען, האָבן זיי ראשית־כל געזוכט „אויסצו־שמאָטן" דאָס יידישע ליד אויף אַ מער געשמאַקפולן אופן. זיי האָבן זיך גע־נומען צו די נישט־כשרע ווערטער־בירגער און זיי אָנגעהויבן ווייזן דעם דרך; זיי האָבן זיך ווינציק־וואָס געשראָקן עס זאָל זיי בלייבן ווייניק לשון, כאָטש זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז עס איז היפּשלעך אָרעמלעך אין „אוצר" און מען וועט זיך דאַרפן בייסן די פינגער פאַר אַ פּאַסיק וואָרט, און מען וועט ציטערן פאַרן קאַרגן האָב־און־גוטס וואָס וועט איבערבלייבן. זיי זענען אָבער גרייט

געווען אויף קרבנות, זיי האָבן דורכגעפירט די גרויסע רעוויזיע און עס האָט געגומען ציכטיקן און ליכטיקן פאַר די אויגן אין דער פּאָעטישער ווירטשאַפט. די „אָרעמקייט" איז געוואָרן פריציש פאַראיידלט און פאַרפיינערט; די שטיל־קייט האָט ממש געהיילט און געלייטערט אויג און אויער און אַלע אַנדערע חושים. דאָס יידישע וואָרט האָט אָנגעהויבן ווערן אַן אמת־קינסטלערישער אינ־סטרומענט, אויף וועלכן מען האָט געקאָנט שפּילן און אויסשפּילן אַ טיפערע איבערלעבונג, אַ רייכערע, אַ קאָמפּליצירטערע דערפאַרונג און — די יידישע פּאָעזיע האָט אויף אַן אמת אָנגעהויבן וואַקסן. איר פּובליציסטיש געשווילעכץ האָט געגומען איינפאַלן, דאָס ליד האָט באַקומען געשטאַלט, קלוגן חן, און דאָס ליר־רישע געמיט האָט אַ שמייכל געטון מיט פיינערן און ראַפינירטערן הומאָר.

יוסף ראָלניק איז נאָך נישט געווען פון די, וואָס האָבן זיך אַזוי טיכטיק אַ נעם־געטון צום איבערשמעלצן דעם אַלטן פּאָעטישן סטיל, כאָטש ער האָט געקראָגן אַ וואונק פון אַן אינטואיטיוון מלאך, ער זאָל זיך היטן מיטן וואָרט און נישט גלויבן יעדן וואָרט אויפן וואָרט, ווי נאָר עס וועט מאַכן אַ „פּאָעטיש" הנדל. ראָלניקן האָט תמיד געצויגן צו אַ מאָגער שטיקל פּראָזע, דאָס איז פּאַקטיש געווען ביי אים אַ גאַנץ שאַרפער הונגער פון תמיד־אָן. אין דעם איז געלעגן אַ טייל פון דער באַוואוסטזיניקער גרויקייט פון זיין ליד. ער האָט אַזוי ליב געהאַט דעם טעם פון דעם וואָכעדיקן מאָנאָטאָנעם ניגון, די „מוזיק" פון דעם ריידנדיקן לשון פון אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק, אַז ער האָט אונדז אַלעמען דערמיט אָנגעשטעקט. פאַראַן אַ וואונדערלעכע גרויע מתיקות אין אַ סקאָרבאָוון וואָכעדיקן מנחה־דאַווגען, וואָס „אַנדערע" וואָלטן פאַר דעם נישט אַוועקגעגעבן דעם פאַרביקסטן רעטשיטאַטיוו פון אַ יום־כיפּורדיק רייך שטיקל פיוט. צו דערהערן וואָס דאָס „מאָנאָטאָנע" ערלעכע געמיט האָט אונדז אַלע־מען צו זאָגן און צו זינגען, דאַרף מען אפשר זיין אַ געבוירענער עושר מיט אַן אוצר יום־טובדיקייט אין זיך. מיר דאַכט זיך, אַז איינציקע לידער פון יוסף ראָלניקס דיכטונג דערציילן אונדז פון אַזאַ בענקשאַפט, אַזאַ יום־טובדיקע, פייערלעכע גאַרונג נאָך דעם וואונדערלעכן סטיל, נאָך דעם געלאַשענעם, באַ־הערשטן גרוי פון אַ טיף־דערוואָרבענער און דערגרייכטער רו און שלווה אין זיך. די הויכע, שטאַלצע בערג זעצן זיך אַרונטער, ווי די מידע לייבן, אויף זייערע קנעבלדיקע פיס און די שפּיציקע אומרו גייט אַוועק פון אונדזער בליק און עס נעמט הויערן גרויסע רו איבער דער וועלט. אַזוי סימבאָליזירט זיך מיר אויס ראָלניקס דיכטערישע טיפערע דערגייכונג.

די בכיוונדיקע פּשטות, דאָס היטן זיך פאַר איבעריקן וואָרט־וואוילקלאַנג, דאָס אָפּהיטן די צוגעציילטע צאָל ווערטער, מיט וועלכע זיין ליד איז שוין איינ־געהיימישט, איינגעיישובט און איינגעשטובט זינט לאַנגע יאָרן, — איז שוין

געוואָרן אַן אייגן־געהייליקטע טראַדיציע פאַר אים און ער היט זיך ממש פון דיכטערישן „אַרויפאַרבעטן” זיך אויף נאָך אַ פּאָר צענדליק ווערטער, אָדער פּסוקים. אייגנטלעך איז שוין זיין מיל־מיליע נישט די אייגענע וואָס אַמאָל, אין די סאַמע ערשטע לידער; זי האָט שוין אָנגעוואוירן דאָס האַרט־ביי־דער־ערד ספּעציפישע פון דער ליטווישער לאַנדשאַפט און די פיינערע, נאָך מער פאַראיידלטע פּשטות האָט איר געגעבן רחבותדיקע קינסטלערישע דיסטאַנץ און פּערספּעקטיוו, און שטייט שוין אין דער ספער פון כינעזישן אַקוואַרעל. ראַלניקס ווייסער פערז האָט זיך אָפּט אויף אַן אומבאַמערקטן, נאַטירלעכן אופן אויסגעשפּאַנט פון די גראַמען, אַפילו דאָרט וואו די גראַמען זענען פאַראַן, זענען זיי אונדז זייטיק־מורמלענדיקע, אַז מען הערט זיי ממש נישט, זיי קלינגען אייך פאַרביי און דאָס בילד וואָס ער צייכנט אַזוי רעליעף, פאַרנעמט אַזוי שאַרף אייער אויג, אַז איר פאַרגעסט דעם קלאַנג פון די ווערטער. אַפילו די גראַמווערטער הויבן־אָן אויסזען, אָדער קלינגען דורכוים צופעליק, ווי נישט זיי האָט מען געמיינט.

די קלוגשאַפט, די חכמה פון זיינע „אַלטע” לידער איז אין זיינע איצטיקע אויך אַ סך מער קינסטלעריש פאַרדייעט געוואָרן. דער חריפותדיק־איראָנישער זאָג, דאָ און דאָרט, אויפן חשבון פון זיך, אָדער יענעם, אָדער דער וועלט, — די דאָזיקע אַלץ־פאַרשטייענדיקייט ווינקט שוין נישט מיט אַ באַהאַלטענעם סקעפּטישן וואונק, ווי אַמאָל. אין עצם־תוך פון זיין ליד ליגט אַ סך און אוניווערסאַלערער זין. דער אַלטער תנא איז גייסטיק געוואָרן סאָלידער, איז גאַנצער מיט וועלט און מיט גאָט. נאָך זיין „אַמאָליקן” „אויף גאָטס באַראָט”, האָט נאָכגעקלונגען אַ צו־ביטערלעכע עלעגישקייט. היינט איז זיין עפּיקורעאיש געמיט אויף אַן אמת פריי און קוקט מיט אַן אָפן פּנים דעם אומפאַרמיידלעכן אין די אויגן. גראָד מיט זיינע קיל־לירישע, האַלב־דערציילערישע לידער, איז ער דער אמתער, אין זיך אָביעקטיווירטער פילאָזאָף; לערנט נישט מער מיט דער וועלט קיין מוסר־השכל און אין זיין וואָרט פילט זיך די סאָלידע וואָג פון זייער אַ סך דערלערנטס ביי די טישן פון די גאָר גרויסע מייסטערס, נישט נאָר פון לידער, נאָר די מייסטערס וואָס „פאַרשפּרייטן” זייער „תורה” איבער דער וועלט, און דער וואָס ווערט שוין מיד אַמאָל פון דער חכמה־שבכתב, דערהערט דאָס סאַמע געזוכטסטע און באַגערטסטע הייליקע וואָרט בעל־פּה פון אַ „צור־פעליקן” מענטש — איינעם פון די למד־וואָוו־חכמים (אויך אַזעלכע מוזן זיין, פונקט ווי צדיקים).

ווען־נישט־ווען כאַפּט זיך ביי אים אויף אַן איבעריקער, פון פריער געבליבענער סענטימענטאַליזם. אויב אָט דער צו־פאָלקסטימלעכער גאַסט האָט זיך נאָך געפילט היימלעך און נאַטירלעך אין זיינע ערשטע און נאָך־ערשטע לידער,

ווערט ער איצט רעדוצירט צו לייכטער ווערטערדיקייט, און עס איז אַ חידוש וואָס דער דיכטעריש־קלוגער ראָלניק איז דאָ מוותר.

איך קלאַמער זיך אָן דיר
מיט מיינע הענט,
מיט אַלע מיינע פינגער
און מיט מיין האַרץ —
פאַרטרייב מיך נישט.

די שורה „און מיט מיין האַרץ" האָב איך אונטערגעשטראָכן, ווייל מיר דאַכט זיך, אַז סיי אין די „הענט", סיי אין די „פינגער" איז שוין דאָ גענוג קינסטלעריש אַרויסגעהאַרצט געמיט — אין טאָן פון דער פשטותדיקער מוזיק פון די ווערטער איז שוין דאָ די גאַנצע תפילת־הלב, אַז עס איז שוין נישט נויטיק געווען מיט דער „האַרץ"־שורה צו פאַרטייטשן די דינע, פיינע אָנונגען און אָנצוהערענישן פון נישט־דערזאָגטע זאָגונגען. די „האַרץ"־שורה וואָלט זיכער געקאָנט פאַרביטן ווערן מיט אַן אָפּגעקליבענעם ראָלניקישן פסוק, וואָס זאָל האָבן אין זיך טיפן, פאַרטראַכטן דיכטערישן לעבן און אמת.

איך האַלט נישט, חלילה, אַז מען דאַרף זיך צו־שטאַרק שרעקן פאַרן צופיל אָפּגעדיגטן „האַרץ" אין לידער. מען מעג עס נוצן, אָבער מיט אַזוי פיל באַוואוסטזיין־טאַקט, אַז עס זאָל צוריק אָנגעלאָדן ווערן מיט פרישן קינסטלערישן ווערט און יש. מען דאַרף פאַר קיין אַלטע, אָדער מיד־געוואָרענע, אָדער בלייך־געוואָרענע ווערטער נישט קיין מורא האָבן. מען דאַרף זיי קינסטלעריש, אָבער ניי באַלעבן, אָדער זיי משנה־מקום זיין; זיי געבן אַזאַ אָרט, זיי אַריינשטעלן אין אַזאַ „סביבה" פון ווערטער, אַז אַן אַנדער ליכט זאָל זיי געבן אַ פרישע באַלייכטונג.

די נייקייט און יונגקייט פון ראָלניקס דיכטונג באַשטייט אין דער פרי־קוהלת־דיקער אַלטקייט וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. דאָס אָראָפּבייגן דאָס וואָרט אין הכנעה, דאָס לאָזן אונדז דערזען דעם אָפּשיין פון גאָלדענעם שווייגן וואָס ליגט באַהאַלטן ווי אַן אוצר־סוד אין זיין ליד — אין דעם ליגט זיין אייגנאַרטיקער צוגאָב צו אונדזער נייער, ניי־קלאַסישער מאָדערנער דיכטונג. דער יום־טוב פון זיין 70־יאָריקן יובל האָט גראָד היינט געדאַרפט געפּראַוועט ווערן מיט מער אָנזען ווי אפשר אַן אַנדערש מאָל. גראָד היינט וואָלט אַזאַ שטילער דיכטער געדאַרפט אַרויסגעהויבן ווערן איבערן רעש פון אונדזער צייט. אויב דאָס פאָלק האָט נאָך נישט דערפילט עד־היום די אינטימע נאָענטקייט וואָס ראָלניקס ליד האָט מיט זיין אייגענעם פאָלקס־קינסטלעריש ליד, וועט מען מוזן וואַרטן ווייטער. ראָלניקס יובילייז האָט געדאַרפט געפייערט ווערן פון דער דיכטונג, פון די דיכטער אַליין,

און וויפל פאָלק עס וועט קומען מיטיומטובן, וועט זיין מה־טוב. זיבעציק יאָר לעבן פון אַזאַ באַדייטנדיקן פּאָעט ווי יוסף ראָלניק, איז זייער אַ בולטע דאַטע אין אונדזער ליטעראַטור, און ווי עס זאָל זיך נישט רודערן פּאָליטיש און קולטורעל אין אונדזער גאַס, וואָלט דער שטילער קלאַנג פון אַזאַ יובל זיך געמעגט אַרויסהערן אויף אַ קורצער שעה.

איך זאָג נישט קיינעם קיין מוסר, איך מיין נאָר, אַז מען דאַרף זיך גופא דערמאָנען, אַז מיר פירן אויך אַ שטיקל גייסטיק־אינערלעכע ווירטשאַפט און דאָס ליטעראַרישע שאַפן פון אַזאַ אָנגעזעענעם פּאָעט ווי ראָלניק, איז נישט קיין אָרנאַמענט אין קאַמער פון אונדזער ליטעראַטור, נישט קיין דעקאָראַציע, נאָר אַ שעפעריש־באַווירקנדיקע אַרבעט וואָס האָט צוגעטראָגן זיין גרויסן טייל, שענער צו מאַכן און דערהייבן אונדזער לעבן דאָ. גוטע, עכטע ליטעראַטור האָט אַ געוואַלטיקע ווירקונג אויפן אַרום, נישט נאָר אין דער סביבה פון דער ליטעראַטור. די יידישע דיכטונג ווירקט פון אינעווייניק, דורך יחודים, און פון יחודים ווערט זי אַריבערגעפירט אין דעם דרויסן פון דער היגער גאַס, און קלענערע שיכטן, אַליין נישט־פילנדיקע אפשר, כאַפּן אַ וואָרט, אַ טאָן, פּונקט ווי מען אָטעמט לופט און לעבן און מען גיט זיך קיין חשבון נישט אָפּ, ווען און ווי אַזוי. אויף אַזאַ אופן וואַקסט־אָן אַ מינדלעך־לעבעדיקע קולטור אין פאָלק. מיין אויסטייטש איז נישט אויפצומאָנען פון וועמען עס איז אַ חוב פאַר דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב זיך עס אָבער נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אַרויסזאָגן ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט, ווי גוט איך זאָל נישט וויסן ראָלניקס „נישט טענות האָבן” צו קיינעם, באָטש עס פאַרדריסט מיר אַמאָל אָט די פּאַסיוויטעט, דערהויפּט אין די לעצטע יאָרן פון זיין שאַפן. ווען מען הערט זיך גוט־גוט איין אין דער ריינער אָפּגעזונדערטקייט פון זיין ליד, דערהערט מען אַ כוונה — זיך אָפּטרייסלען פון מינדסטן שטויבל וואָס די צייט, דער גרויסער שטורעם פון דער צייט קאָן נאָך אַרויפלאָזן אויף אים; ער ווישט אַראָפּ פון אַרבל אפילו אַ שאָטן פון אַזאַ השפּעה.

ראָלניק האָט אין די ערשטע און אַ ביסל שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין שאַפן, זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון געדאַנק, געדאַנקלעכקייט און פון דורכטראַכטן און איבערטראַכטן זיינע איבערלעבונגען אין די לידער. דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ געוויסע מענטשלעכע קרעפטיקייט. קיין טיף־אינטעלעקטועלער שוואונג איז אין דעם נישט געווען. איצט טוט ער זיך אין גאַנצן אויס דערפון. איך האָב נישט קיין טענה צו אים פאַר זיין יחידותדיקייט, אדרבה, זי געפעלט מיר. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז די אינדיווידואַליטעט פון אונדזער היינטיקער צייט (און יעדע צייט, אפילו אונדזער היינטיקע תקופה, האָט איר באַזונדער געמיט און געשטאַלט) האָט יאָ, זאָל זיין אפילו דורך אַ שמאָלער שפּאַרונע אין זיין אָפּגעזונדערטקייט, געדאַרפט אים עפּעס זאָגן און זיך צונויפריידן מיט אים, און ער, ראָלניק, האָט זיך

אינטעלעקטועל געדאַרפט אָנשטרענגען צו דערהערן אירע שטילערע און באַהאַלטע־נערע און טיפערע שטימען. האָט ער דאָס נישט געטון, און איך האָב תמיד געמיינט, אַז אויך אַזאַ פּאָעט ווי ראָלניק, דאַרף זיך דערזען און דערקענען דיכטעריש אין די שאָטנס און אין זיגזאַג־צעבראָכענעם ליכט פון אונדזערע היינטיקע טעג.

די דיכטערישע רואיקייט און ריינקייט פון זיין ליד, ווירקט אָבער פּאָרט אויף אונדז מיט דער קראַפט פון קינסטלעריש־געלייטערטער, געקלאָרטער רואיק־זיידע־שער פּאַרקלערטקייט. דער מלאך פון שלום איז אויך אין דער צייט פון שווערער וועלט־ און פעלקער־צערודערונג געבליבן שטיין אויף דער וואַך ביי זיין דיכטערישער טיר — אַ שטיל אברהם אָבינו־געצעלט אין אַ זייט פון די ברייטע זיך־ צעלויפנדיקע וועלט־וועגן. אויך אַ געיאָגטער, אַ פאַרוואָגלטער און פאַרוואונדעטער „פליט" פון די חורבנות, וועט אַהין „פאַרבלאָנדזשען" און בענטשן די שוועל און דעם באַלקן, וואָס האָבן אים אַנטקעגנגעטראָגן זייער שוץ, באַרואיקונג און רו.

יעקב גלאַטשטיין

יוסף ראָלניק — 70 יאָר אַלט

ווען ראָלניק איז שוין געווען אַ רייפער פּאָעט, האָט ער נאָך אַלץ מער געטרויט זיינע דערמאָנונגען ווי מענטשן. זיין קינדהייט אין דער ליטע איז זיכער נישט געווען קיין מילך און האָניק, אָבער ער האָט צו איר אַרויסגעוויזן אַ סך צוגעבונדנקייט און ער האָט אפילו אַנטוויקלט אַ מאָראַל פון נייטראַליטעט.

ליטע, מיין שטויביקע וויגל
ס'נעמט מיך אויף דיר אַ פאַרדראָס:
שילטן, — ווי טאָר מען, אַ מאַמען?
בענטשן — נישטאָ דיך פאַרוואָס...

אָט דאָס צווייאיקע געפיל, אַז ס'איז נישטאָ פאַרוואָס צו בענטשן, אָבער מ'טאָר די מאַמע־ליטע פון זיינע דערמאָנונגען נישט שילטן, האָט יוסף ראָלניק פרי קולטיווירט און ער האָט איינגערואיקט זיינע געדענקטע לאַנדשאַפטן אין זכרון. ווען נישט אָט די לאַנדשאַפטן, וואָלט ראָלניק זיכער אונטערגעגאַנגען. אמת, ער האָט זיך באַקלאָגט אין אַ צוויט ליד וועגן זיין ליטע:

פלאַכע פעלדער, צו־פרי האָט איר
זיך געלאָזט צו מיר דערקאָנען;
ווערט מיר פוסט אין האַרצן — האָב איך
גאָרנישט וואָס זיך צו דערמאָנען.

אָבער אַרום דעם גאָרנישט האָט ראָלניק אויסגעשפונען אַ לאַנגווייל, וואָס אין איר האָט זיך אים געלעבט אַ באַשיצט לעבן. ער האָט געליטן דערפון, וואָס ער האָט גאָרנישט וואָס זיך צו דערמאָנען, אָדער גיכער דערפאַר, וואָס זיינע דערמאָנונגען זענען נישט אויסגעלייזט געוואָרן, וואָס זיי זענען אים אַליין ליב נישט גע־

וואָרן און ער האָט זיי אונדז ליב נישט געמאַכט. זיינע דערמאָנונגען זענען נישט געווען קיין בענקשאַפטן, נאָר גלאַט אַזוי — שטיקער טריבע, אומגעבענטשטע, אָבער אויך אומגעשאָלטענע פּייזאַזשן. זיי זענען געווען אָן מענטשן, זיינע אויפגעטויכטע זכרונות —

פעלד און הימל, און קיין איינציק(ן)
איינציק(ן) מענטש צו זען.
וואָס (ווער ?) וועט נאָכן טאָג דערמאָנען :
ס'איז אַ טאָג געווען ?

דאָס איז אָבער געווען אַ רעטאָרישע פראַגע. אים האָט זיך נישט געבענקט נאָך קיין מענטשן, נאָר זיינע מענטשנלאָזע פּייזאַזשן האָבן אין אים נישט אויפגעשלאָגן קיין לעבעדיקע קוואַלן און זיי האָבן נישט צוגעבונדן דאָס שיפל פון זיינע זכרונות צו אַ לעבעדיק אינדזעלע.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט זיינע דערמאָנונגען און זיך געוואָרעמט אין זייער קאַלט פייער. אים איז געווען בעסער אין זיין איינזאַמקייט, ווי מיט מענטשן. פאַר מענטשן האָט ער געציטערט און אפילו אָפּגעשפּעט פון זייער גוטסקייט :

גוטע פריינט דאָ און דאָרט
גוטע פריינט אומעטום.
אָ, פאַרטיליק זיי, גאָט,
דאָ און דאָרט, אומעטום.

פאַרוואָס האָט ראָלניק אַזוי מורא געהאַט פאַר מענטשן ? פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי געשראָקן, ווען זיי האָבן געוואָלט באַלעבן זיין לאַנדשאַפט פון דער קעגנוואַרט ? ראָלניק האָט מורא געהאַט פאַרן „געפעכט" פון לעבן.

איך האָב זיך פעכטן נישט געלערנט,
איך וויל נאָר דורכגיין אומגעשטערט
דעם וועג, וואָס איז מיר אָנגעוויזן.

ער האָט געוואָלט דעם געפעכט אַרומגיין, פאַרבייגיין און אים אויסמיידן. ער האָט אין קאַמף פאַרן לעבן געזען טויזנטער שרעק־אויגן און ער האָט זיך נישט געקאָנט פון זיי אויסבאַהאַלטן.

די לאַנגע גאַס האָט טויזנט טירן,
עס שרייט אויף מיר אַ יעדער טיר,
און צען מאָל מער די גאַס האָט פענצטער
און יעדער פענצטער שפּאָט פון מיר.

איך ווייס נישט פיל און ווער זיי זענען,
וואָס שטעקן הינטער וואַנט און טיר ?
אָ, בלינדע, אומגערעכטע שונאים,
וואָס שיקט איר קריגס־שליחים מיר ?

די וועלט, מענטשן, הייזער און פענצטער האָבן אים דערקלערט קריג און ער האָט זיך געראַטעוועט אין די פאַרגליווערטע, בענקשאַפטלאָזע דערמאָנונגען, פון זיין פאַרפאַלגונג־איינריידעניש.

יוסף ראָלניקס דריט בוך לידער „צום שטערן נויד", איז זייער גוט אויפגענו־מען געוואָרן. דאָס בוך איז דערשינען מי ט 2 יאָר צוריק. אין 1923 זענען דער־שינען ראָלניקס געזאַמלטע לידער, אונטער דעם באַשיידענעם נאָמען „לידער", און אין דעם בוך האָט ראָלניק געמאַכט אַ סך־הכל פון זיין דיכטערישער אַרבעט. אין דעם בוך זענען אַריין די לידער פון „צום שטערן נויד", פון זיינע צוויי לידער־בי־כער, וואָס זענען דערשינען אין 1910 און אין 1915 און אויך אַ צאָל נייע לידער. ראָלניק איז דעמאָלט געווען נאָענט צו פופציק, און פון זיינע געזאַמלטע לידער האָט עס אויסגעזען, אַז זיין דיכטערישע קאַריערע איז פאַרענדיקט.

אין דער זאַמלונג „לידער", וואָס האָט געהאַלטן קנאַפּע 250 זייטן, איז פאַר אונדז דערשינען אַ גאַנצער ראָלניק, ווייל דאָס בוך „לידער" האָט געגעבן דעם איינדרוק פון פאַרגאַנצקייט. דער ראָלניק פון 1910, אָדער אַפילו פון 1908 האָט זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין די לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין די צוואַנצי־קער יאָרן. דער קנאַפּ־וואָרטיקער פּאָעט האָט אונדז נאָך אַלץ דערציילט פון זיין אומעט, פון זיין עלנט, פון זיינע אויסגעמאָגערטע לאַנדשאַפטן, פון זיין ביטערן אומצוטרוי צו מענטשן און אַפילו צו גאַסן, פון זיין אַנאַזייטיק גיין ביי די ראַנדן פון לעבן. ער האָט אונדז געגעבן זיינע קורצע און טערפּקע פּסוקים פון זיין פּער־סיש־קוהלתדיקער ווייזהייט.

אין די לידער איז אפשר צוגעקומען איין טרייסט־מאָטיוו פון דעם שווייגנדיקן דיכטער אין קאַפּע, וואו ס'איז אים געווען גוט צו זיצן, נישט מיט מענטשן, נאָר מיט אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע דיכטער, וואָס האָבן גערעדט וועגן ליד — און ראָל־ניק האָט מסוכן ליב געהאַט לידער. קיינער האָט אַזוי פיל לידער נישט געשריבן וועגן לידער ווי ער. לידער זענען ביי אים געווען די איינציקע טרייסט־טראָפּנס וואָס ער האָט איינגענומען. ער האָט זיך קנאַפּ געזאָרגט, וואָס די טרייסט־טראָפּנס וואָס ער נעמט־איין, דאַרף ער אונדז אויך איינגעבן. ער האָט מיט אַ כיטרע שמיי־בעלע אונדז איינגעגעבן זיינע ביטער־טראָפּנס און הנאה געהאַט וואָס מיר האָבן זיך פאַרקרימט איינגעמענדיק די לייכטע פערזן וואָס ער האָט אויך אַ געשיקטן אויפן דורכגעביטערט.

פאַרוואָס און פאַר וועמען האָט ראָלניק זיך געשראָקן ? האָט ער געליטן מער

ווי יעדער יידישער אימיגראַנט פון יענע צייטן ? ראָלניק איז צוויי מאָל געקומען קיין אַמעריקע. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1899, געפאָרן קיין ענגלאַנד, צוריק אהיים און שפּעטער, אין 1908, איז ער ווידער געקומען קיין אַמעריקע. דע־מאָלט, טאַקע אין 1908, האָט ער געשריבן אַזאַ ליד :

ניט דערפאַר קאָן איך ניט שלאָפן
וואָס צו־גידעריק איז צוקאָפּן,
וואָס די קאָלדרע איז צעריסן,
און וואָס דורך די שויבן־שפּאַלטן
קומען ווינטן פריי און אָפן.

ניט דערפאַר, וואָס איך בין הונגעריק —
אַלטע, צוגעוואוינטע זאַכן ;
נאָר דערפאַר וואָס טיף אין האַרצן
האָט שטיל אויפגעפלאַמט אַ ליכטל
און דאָס האַרץ וויל איצטער וואַכן.

ראָלניק האָט ניט געמאַכט קיין גרויסן ווען פון זיין הונגער, פון זיין אָרעם בעט. ס'האָט זיך אים ניט געשלאָפן, ווייל ס'האָט אין אים אויפגעוואַכט אַ ליכטל און דאָס ליכטל האָט געהאַלטן וואַך דאָס האַרץ. פון ליד איז ניט קלאָר, צי ראָלניק האָט הנאה געהאַט פון דעם וואַכן ליכטל, אָדער דאָס ליכטל האָט אין אים אַרויסגערופן די זעלביקע נייטראַליטעט פון ניט קאָנען שילטן און ניט קאָ־נען בענטשן, וואָס די פּייזאַזשן פון זיינע זכרונות האָבן אין אים אַרויסגערופן. ראָלניק באַמיט זיך אין זיינע ערשטע לידער אונדז צו געבן ביאָגראַפישן מאַטע־ריאַל, כדי צו דערציילן, וואָס אַזוינס האָט אים באַליידיקט אין זיין קינדהייט, אַז ער האָט אונדז ניט געטרויט און אַפילו ניט פאַרגונען זיינע ווערטער. ער האָט ניט נאָר זיך געטרייסט מיט זיינע קאַרגע, אויסגעמאָגערטע ליטווישע דערמאָנונ־גען, נאָר ער האָט אונדז אַפילו אויך געקאַרגט זיין וואָרט.

וואָס עס זאָגט אַרויס דאָס מויל
פאַלט אין גאַס אויף שטיינער,
מישט זיך אויס מיט שיך און קויט,
טרעט עס יעדער איינער.

דאָס וואָס ס'בלייבט אין האַרצן — רוט
הינטער שלאָס און ריגל,
ווי אַ קעניגס טעכטערל
אין אַ גאָלדן וויגל.

ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס נישט־אַרויסגעזאָגטע, דאָס נישט־אַרויסגע־רעדטע, איז בילכער ווי דאָס אַרויסגעזאָגטע.

ראָלניק איז געווען אַן אומהיילבאַרער ליריקער און ער האָט אויך געזוכט אַ לירישן צוהערער, אַן איינציקן, וואָס זאָל נישט מאַכן קיין טומל און נישט צוזאַ־מענברענגען קיין המון, וואָס ער, צוזאַמען מיט דעם פּאָעט, זאָלן נאָך אַלץ זיין שטילע צוויי.

אין גאָר דער וועלט
נאָר צוויי זענען פאַראַנען:
איך — דער וואָס זאָגט,
און דער — וואָס האָט פאַרשטאַנען.

און גאָר די וועלט,
זי מעג זיך איבערקערן,
נאָר פון די צוויי
זאָל נישט געמינערט ווערן.

די בענקשאַפט נאָך אַ צווייטן איז שוין געווען אַ שטיקל אויפגעפלאַמט ליבטל אין יוסף ראָלניקס איינזאַמקייט. ער היט זיינע ווערטער פאַר אַ צווייטן (צי צוויי־טער?) לירישן צוהערער און — די גאַנצע וועלט מעג זיך איבערקערן.

דאָס איז אַ שאַרפער, שוין צו־לירישער אויסדרוק, און ראָלניק האָט פון אַזאַ טרייסט אַליין קיין גרויסע הנאה נישט געקאָנט האָבן. נישט אַלע לייענער זענען אַזעלכע שטילע, לירישע צוהערער. אַ סך לייענער לויפן פאַרביי אין אימפּעט און ס'איז זיי גענוג, אַז זיי כאַפּן אַ שורה, אַ וואָרט. פאַר אָט די לעבעדיקע און „פּעכטנדיקע" פאַרבייליופער האָט ראָלניק גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט נאָך אַלץ צו זיי קיין גרויסן צוטרוי נישט געהאַט און ער האָט מורא געהאַט פאַר זייער לעבעדיקן טומל. ער האָט זיי נישט דערזען אין זייער לייד און פרייד. ער האָט זיך און זיי געקאַרגט אַ וואָרט, נישט דערפאַר וואָס דאָס נישט־אויסגע־דריקטע וואָרט איז געוואָרן טיפער, נאָר ווייל דאָס נישט־אויסגעדריקטע וואָרט איז פאַרשראָקן געוואָרן אין מיטן וועג.

דער פּאָעט ראָלניק האָט עס געוואוסט בעסער פון זיינע בעסטע קריטיקער. ער האָט געוואוסט, אַז בעת ער קאַרגט אַנדערע זיין וואָרט, קאַרגט ער עס זיך אַליין, אַז ער אַליין גייט אַרום אַן אויסגעהונגערטער פון זיין מאָגערער סעודה.

ס'געשעט זעלטן, אָבער עס געשעט. עפּעס איז פאָרגעקומען אין יוסף ראָל־ניקס לעבן, וואָס האָט אים נאָך פופציק פאַרט אויסגעהיילט פון זיין דערשראָקע־נער איינזאַמקייט און פון זיין אומצוטרוי צו מענטשן. ער האָט זיך אויפגעהערט שרעקן פאַר די מויערן, טויערן און טירן און זיין וואָרט איז געוואָרן ווייכער און

ליבלעכער. זיינע „נייע לידער״, וואָס דער פּאָעט האָט אַרויסגעגעבן אין 1935, זענען באמת געווען נייע לידער. ער איז שוין געווען ווייטער אַוועקגעלעבט פון זיינע אַמאָליקע דערמאָנונגען און ער האָט שוין דערפאַר גענומען בענקען נאָך זיי. אפשר דערפאַר ווייל ער האָט זיי שוין גענומען פאַרגעסן, האָט ער זיי אָנגעהויבן דערמאָנען מיט מער ליבשאַפט, און דאָס אייז פון זיין נישט־שילטן־נישט־בענטשן נייטראַליטעט איז געבראָכן געוואָרן. שוין דאָס ערשטע ליד זינגט־אויף מיט אַן אויסגעצייטיקטער בענקשאַפט:

גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פּליעסק פון וואַסער דעם שטילן.

אין דעם ליד וואַרפט זיך דורך אַזאַ נייער אַדיעקטיוו, ווי —

זאָל איך דערשפּירן, און זאָל זיך מיר דאַכטן
דער צופּיקער טעם פון האַלב־צייטיקע פרוכט.

און דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט אַן אמת לײַדנשאַפטלעכן אויסרוף:

דאָס זיפּצען פון זאַנגען, וואָס ווערן געדראָשן,
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דעם דאָרפישן לשון.

אַפילו דער פאַרגעסענער און אויפדערמאָנטער פּייזאַזש איז שוין מער נישט אַזוי קאַלט און נישט־לעבעדיק. די ערד האָט אַ ריח, דער טעם איז „צופּיק״, דער פּליעש איז וואַרעם, די זאַנגען זיפּצן און ס'בענקט זיך נאָך דאָרפיש לשון.

אָט דער ווייכער טאָן אין ראָלניקס נייע לידער, האָט נישט נאָר אויפגעלעבט, נאָר טאַקע באַלעבט זיינע פּייזאַזשן, האָט באַזיגט זיין קאַלטקייט און אין אים אַרויסגערופן אַ צוטרוי צו מענטשן. קיין איין מאָל איז דער דיכטער מער נישט צוריקגעקומען צו זיינע האַס־און־פלוך לידער, צו זיינע איר־און־איך לידער (איר, — דער המון, איך — דער פּאָעט), צו דער מורא פאַר מענטשן. ער האָט זיך אונטער־געגעבן דער גרויסשטאָט און די בענקשאַפט נאָך דאָרפיש לשון איז געוואָרן פול מיט גרויסשטאָטישע באַטראַכטונגען און נאָכטראַכטונגען.

ווילט זיך מיר צונויפגאַרטלען זשוכאָוויץ־בראָדוויי,
ווי אַ פּאַס אַ לעדערנער גאַרטלט רעדער צוויי.

ער מאַכט שוין שלום צווישן זשוכאָוויץ און בראָדוויי און ער מאַכט אַפילו שלום צווישן לעבן און טויט.

גרינג און לופטיק איז דאָס לעבן
און דער טויט — אַן איבערשוועבן
פון אַ צווייג, וואָס האָט פאַרדאַרט,
צו אַ נייעם בוים, וואָס וואַרט.

דאָס איז נישט נאָר אַן אָנקוועלן פון לעבן, נאָר אויך כמעט אַ גלויבן אין תחית־המתים. וואָס איז דאָ געשען מיט ראַלניקס אַנגעפּעלצטער שנאה צו מענטשן? ער האָט מיט אַמאָל דאָס פּעלצל אַראָפּגעוואָרפן. ער זינגט שוין פון זיין טאַטן, וואָס איז געשטאָרבן צו ניין־און־זעכציק. און כאָטש ער רופט־אויס: „אויף מיר אַ טויט אַזאַ געזאָגט געוואָרן״ — האָט ער שוין נישט אַזוי מורא פאַר דעם טויט, ווייל ער האָט שוין נישט אַזוי שטאַרק מורא פאַר דעם מרחק צו יענע ווייטע יאָרן. ער האָט זיי שוין באַלד אָנגעיאָגט און האָט גענומען פון זיך אַרויס־קריגן די וואָרעמסטע ווערטער, וואָס ער האָט אַמאָל געמיינט, אַז זיי זענען בעסער, ווען זיי זענען אויף דער לונג און נישט אויף דער צונג.

מיר ווערן געוואויר וועגן זיין מאַמען, וואָס האָט זיך פון בעט אויפגעהויבן אין מיטן דער נאַכט און היים געמאַכט דעם אָפּגעקילטן אויוון. ראַלניק דער־ציילט אונדז וועגן זיין הכנסת־אורחימדיק הויז, וואו בעטלערס פלעגן קומען נישט בעטלען, נאָר מאָנען עסן, און וואו זיי האָבן געקראָגן אַלץ צוגעטיילט מיט גוטסקייט.

די ליטווישע לאַנדשאַפטן ראַלניקס זענען געלעגן קאַלט און צעקריגט מיט זיינע וואַרעמע און אינטימע דערמאָנונגען און פּלוצים האָט אין ראַלניקן אויפ־געוואַכט דער כוח זיי איבערצובעטן און זיי צו פאַרמענטשלעכן. נישט נאָר שילט ער זיי נישט, נאָר ער געפינט שוין אויך עפּעס פאַר וואָס זיי צו בענטשן.

פאַראַן אין זיין בוך „נייע לידער״ אַ ליד — „אַ דערינערונג״. ער זיצט ביים פענצטער און ער זעט ווי צוויי מענטשן מיט באַרשטן אין די הענט גייען פאַרבן. דאָס דערמאָנט אים אין זיין טאַטנס הויז, זיין טאַטנס מיל, און —

אַ מענטש גייט אַלץ אַרויף, אַראָפּ;
ער האַלט אַ מעסטל אויף זיין קאָפּ,
טראָגט ווייסע מעליקע קליידער.
ער גייט און גייט, גאָר אָן אַ מאָס,
טראָגט מעסטלעך ווייץ צום הויכן קאָס —
די שטיינער רודערן כסדר.

אַ מענטש גייט און שטיינער נעמען רודערן. ראַלניק זעט מענטשן און דערמאָנט זיך אין מענטשן און שטיינער נעמען רודערן. זיין גאַנצער סטאַטי־שער אוצר פון דערמאָנונגען הויבט־אָן צו רודערן און ווערט פאַרמענטש, און

אַלץ ווייל אין ראָלניקן האָט זיך עפּעס איבערגעבראָכן און ער איז פּטור געוואָרן פון זיין פאַרפאַלגונג־מעלאַנכאָליע פון זיינע ערשטע לידער, פון זייער טערפּקער און בייסיקער חכמה. אַלץ דערפאַר, ווייל זיין איינציקער אַבסטראַקטער הערער, נאָך וועמען ער האָט געבענקט, איז קאָנקרעטיזירט געוואָרן, איז געקומען צו אים אין הויז, אויפגענומען זיין אָרט מיט ליבשאַפט, און פאַרצווייאיקט זיין לעבן.

און דווקא דערפאַר וועט ראָלניק שוין מער נישט קאָנען זאָגן — „מעג די וועלט זיך איבערקערן". דאָס לעבן זיינס האָט אים אויסגעלערנט אַרומצורינגלען די וועלט־איבערקערעניש מיט אַ זאָרגעוודיקייט, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן. און אויב ער האָט נאָך ביז איצט אונדז גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם לעבן, וואָס האַלט זיך אין איין איבערקערן, האָט ער אָבער אין זיינע נייע לידער, אין זיין בוך — „אַ פּענצטער צו דרום" (דערשינען אין 1941) און אין זיינע לעצטע, נאָך נישט געזאַמלטע לידער אונדז געגעבן דעם צוטרוי זיינעם צום מענטש; און די וואַרעמע, אָנגעוואָרעמטע און פאַרמענטשלעכטע דערמאָנונגען האָבן אים צוריקגעבראַכט צו זיין אָנהייב, דורך אַן אַנדער וועג — נישט דורך אומעט און פאַרצווייפל, נאָר דורך דעם וועג פון לעבן.

איך בין אָנגעקומען אויף אַן אַמאָליקן שטעג
אַן אַ זייט פון ברייטן וועג;
און כאָטש איך גיי אום איינער אַליין —
איז מיר נישט אומעטיק צו גיין.

ווייל אין תוך גייט ער נישט איינער אַליין. ער גייט צוזאַמען מיט מענטשן און מיט לאַנדשאַפטן וואָס לעבן.

עס גייען מיט מיר אין מיין זכרון
דער געלער ווייץ און ברוינער קאָרן,
וואויל־שמעקעוודיקע קאָפּעס היי,
און טרוילעד־וואַרעמער שניי.

אפילו דעם שניי פון זיין יוגנט האָט ער אָנגעוואָרעמט און אים געגעבן אַזאַ אַדיעקטיוו ווי ט ר ו י ל ע ד, ווייל ער האָט גענומען געטרויען דעם לעבן, ער האָט גענומען געפינען ווערטער פאַר דער ג ע ט ר י י ש אַ פ ט.

פאַראַן אַ ליד ביי ראָלניקן, וואָס הייסט „אין אַ שבת פאַרטאָג". אין אַ הייסן שבת בייטאָג, ווען אַלץ רוט, טראָגט זיך מיט אַמאָל פאַרביי אַ רייטער מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט געבערנט די ערד. וואָס איז דאָ געשען?

וואָס לויפט ער? ניט אַנדערש, —זאָגט דער פּאָעט,— דעם רייטער איז איינגעפאַלן —

צו פאַרקריצן אין מיין זכרון
זיין געשטאַלט אויף אַלע יאָרן.

דאָס, האָט ראָלניק אַלע מאָל פאַרשטאַנען, איז זיין דיכטערישער גאַנג — פאַרקריצן אין זכרון. ס'איז די מיסטיק פון לעבן, דאָס אומפאַרשטענדלעכע. ס'ברענט נישט און אַ רייטער יאָגט זיך מיט אימפּעט און אַלץ דערפאַר, כדי ער, דער פּאָעט, זאָל דאָס געדענקען.

אין זיינע ערשטע לידער האָט אונדז ראָלניק בשום אופן נישט געקאָנט געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער פאַרצייכנט און געדענקט. ער איז דערפאַר געווען אין כעס אויף זיך און אויף מענטשן. מיט זיינע לעצטע לידער איז אים געלונגען אויך אונדז מסביר צו זיין, אַז אין דעם אימפּעטדיקן, אומפאַרשטענדלעכן גאַלאָפּ פון מענטשן מוז שטעקן אַ גרויסער סוד. מיר האָבן אין זיינע לעצטע מענטשלעכע לידער און פאַרמענטשלעכטע פּייזאַזשן דערפילט, אַז אַזוי האָט באַדאַרפט זיין. יענער רייטער האָט געמוזט אַזוי גאַלאָפּירן, ווייל ער האָט געוואָלט לעבן. קיין אַנדער אויסוועג האָט ער נישט געהאַט, ווי צו פאַרקריצן אין ראָלניקס זכרון —

זיין געשטאַלט אויף אַלע יאָרן.

(„אידישער קעמפער", דעם 2-טן אַפּריל, 1948).

א. טאבאטשניק

יוסף ראָלניק

איך האָב מיין שטוב-טיר אויפגעעפנט,
אַמאָל אין אַ פאַראומערטע נאַכט,
און האָב צום שוועל צונויפגעטראָגן
אַלץ, וואָס האָט זיך מיר געמאַכט:

אַ שטיינדל וואָס אַ קליינער יונגל
געוואָרפן האָט אין טיר אַריין;
אַ זעמדל וואָס דער ווינט געבראַכט האָט;
אַ וויטן שטערנס קאַרגן שיין;

פון פוילן דאַך אַ רעגן־טראָפּן;
אַ רוישן פון אַ פרעמד יאַריד...
איך האָב דאָס אַלץ צונויפגעקנאָטן
און פון דערפון געמאַכט מיין ליד.

אַן שטיינדל, אַ זעמדל, אַ קאַרגער שיין

דאָס קאָנען אויספורעמען אַן אומגעוויינטלעך ליד פון די סאַמע געוויינטלעכסטע און פּשוטסטע זאַכן, איז שוין קאָנטיק אין י. ראָלניקס סאַמע ערשטע לידער. מען קאָן זאָגן, אַז ראָלניקן האָט אין דער ערשטער ריי געהאָלפן ווערן אַ פּאָעט די געוויינלעכע דערשיינונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן. ער האָט קיין מאָל נישט געפעלשט די פאַקטן און אומשטענדן פון זיין לעבן, האָבן זיי געמעגט זיין ווי גרוי, אָדער אַפילו טריוויאַל. די „קליינקייטן", די באַשערטקייטן, וואָס באַשטימען דעם גאַנג פון מענטשנס לעבן, זענען נישט נאָר דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, נאָר אויך דאָס פונדאַמענטאַלע אין ראָלניקס דיכטונג.

פאַראַן אין ראָלניקן אַן אויסערגעוויינטלעכע אויפגעוועקטקייט פאַר דער וועלט אין אירע פּשוטסטע און געוויינטלעכסטע דערשיינונגען. ער פאַרמאָגט

די געבענטשטע פעאיקייט צו דערשפירן דאָס דראַמאַטישע און פּאָעטישע אין טאָג־טעגלעכע געשעענישן. ער קאָן אינספּירירט ווערן פון זאַכן, וואָס אַנדערע דיכטער וואָלטן זיי אפילו נישט באַמערקט. ער קאָן דערפילן אין לעבן פון „פאַרגעסענע מענטשן" אין דעם „פאַרוואָרפנסטן דערפל" דאָס אוניווערסאַלע און קאָן דערזען דאָס משעה־בראשיתדיקע אין דעם ווי „צוויי קליינע קינדער" — שוועסטער און ברודער" לייגן פאַנאַנדער „אַ קליינעם פייער די בולבעס אָפּ־צובראָטן" (זע „מעשה בראשית", ז' 182, „געקליבענע לידער"). זיין סענסי־טיווקייט, זיין פרום געמיט, זיין מאַלערישע צניעות, זיין קאָנען דערגרייכן אומ־פאַרגעסלעכע קינסטלערישע עפעקטן מיט אַ „קווינטל בלוי און מערער נישט", זיין נעמען זיך צום הארצן פון „קליינינקייטן" — שטעלן אים אַוועק אין גאָר אַן אַנדער קאַטעגאָריע אין פּרט פון טעמאַטישן מאַטעריאַל. ביי ראָלניקן איז אויך גוט זיך אָנצובייגן נאָך אַ טעמע, וואָרום אין זיין וועלט האָבן זאַכן גאָר אַנדערע מאָסן.

שוין אין דעם ערשטן ליד פון דעם בוך „געקליבענע לידער" — אין דעם ליד „דער טייך שטעלט זיך", האָט מען פאַר זיך אַ ביישפּיל פון ראָלניקס קאָנען אינספּירירט ווערן פון נאָענטע און פאַמיליאַרע זאַכן. דאָס שטעלן זיך פון אַ טייך אין ווינטער איז נאָך אַלעמען אַ גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג. ביי ראָלניקן קומט דאָס אָבער אַרויס ווי דאָס וואָלט געשען צום ערשטן מאָל. פאַראַן אין דעם ליד אַ פייערלעכער „ויהי־טאָן", אַ הייטערדיקייט און אַ דראַ־מאַטיזם אין די בילדלעכע איינצלהייטן, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאָרשפּיל צו אַ הרת־עולמדיקער געשעעניש:

אין יענעם טאָג איז אין דער פרי
די זון נישט אויפגעגאַנגען.
דער הימל, ווי אַ ברודנער טייך,
איז ביי דער ערד געהאַנגען.

נאָך מיטאָג האָט אַ ווינט געבראַכט
דעם ערשטן שניי צוטראָגן.
אַ דאַך פון מיל האָט זיך ביז צום טויט
אַ פייגעלע צעשלאָגן.

און שוואַרץ איז מיט אַמאָל דער טייך
און שוימענדיק געוואָרן.
געפאַלן זענען שנייעלעך
און זיך אין טייך פאַרלאָרן.

ביינאַכט געגאַנגען איז „סאַראָזש",
צעשטעלט אין מיל די רעדער,
ווי הײשעריק דיק זיך אָנגעזעצט
אויף יעדן שטאַנג און „פעדער".

אויף מאָרגן האָט אַ דעק פון אייז
דעם מוטנעם טייך באַצויגן,
געווען איז יעדעס האַרץ פאַרקלעמט
און יעדער קאָפּ געבויגן.

אָדער אַזאַ איינפאַכער עפּיזאָד, ווי דאָס דורכרייטן פון דעם פּריצס טעכ־טער דורכן שטעטל אין אַ פאַרנאַכט. ביי ראָלניקן איז דערפון אַרויסגעקומען אַן ערשטקלאַסיק קינסטלעריש ליד, ריכטיקער אַ באַלאַדע, פול מיט באַוועגונג און בילדלעכקייט, מיט דראַמאַטישער סוגעסטיווקייט און פּאָעטישער שטימונג:

דעם פּריצס טעכטער רייטן אַרויס
אויף ברוינע, דינע פערד.
פאַרנאַכטיקער הימל שווימט איבער זיי,
אונטער זיי שווימט די ערד.

זיי טראָגן קליידער שוואַרצע ווי נאַכט
און וואַלן איבערן געזיכט;
דער יעגער־הונט מיטן לאַנגן צונג
שלינגט וויאָרסטן הינטער זיך.

זיי זיצן אין זאָטל ווי אויף אַ באַנק,
די שלעפּעס הענגען אַראָפּ.
די פּנימער קוקן צום זוים פון וועג,
ווען עס טראָגן די פערד אין גאַלאָפּ.

זיי זענען פאַרלאָזענע פרויען צוויי,
דאָס ווייס די גאַנצע שטאָט.
די כלה־מיידלעך קוקן זיי נאָך
מיט לייד און אַ ביסל שפּאָט.

די טורעמס פון שלאָס, די רוקנס פון בערג,
הערן זיך צו צום גאַלאָפּ.
דער סאָד איז אַלט, ס'איז חודש אָב.
די בלעטער פאַלן אָפּ.

אוודאי האָט מען דאָ צו פאַרדאַנקען ראַלניקס לירישן געמיט, אָבער נישט ווייניקער אויך זיין אָביעקטיוון קינסטלערישן געפיל — זיין טאַלאַנט צו פאַר־געדענקען, מאָלן און פאַרשטעלן זאַכן. אַ דאַנק דעם דאַזיקן געפיל — איך וואָלט עס גערופן דאָס עפּישע געפיל פון דעם לירישער ראַלניק — טרעפט מען אַפילו אין זיינע לירישסטע און סוביעקטיווסטע לידער בילדער און אימאַזשן וואָס זענען געשטאַלטיקט ממש מיט אַ מאָנומענטאַלן און עפּישן פאַרנעם.

און זעלטן אַהין ברענגט אַן אורח
פאַרלוירענע בשורות פון שטאָט,
עס בייטן זיך שנייען אויף שנייען,
בלויז וועלדער און הימלען און גאָט.

(„אַ ווייט דערפל", ז. 10, ג. ל.).

דאָס קאָנען געבן אָביעקטיווע זאַכלעכע פאַרקערפּערונג צו זיינע סוביעק־טיוו־לירישע איבערלעבונגען, איינראַמען זיי אין פאַרגלייכן און „מעטאַפאָרן פון דער מיליע אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, איז איינע פון ראַלניקס קאַר־דינאַלע מעלות. דאָס שטאַמט ביי אים אין דער ערשטער ריי פון דעם, וואָס אין תוך איז ער אַ דיכטער, וואָס אים האָט נאָך אין דער יוגנט געצויגן צו מאָלן און שילדערן זאַכן פון דער נאַטור וואָר. אמת, ער האָט זייער פרי פאַרלאָזט די היים און די זאַכן וואָס ער האָט געשילדערט זענען אַזוי אַרום דער־ווייטערט געוואָרן פון אים. די באַציאונג צו זיי איז אָבער נישט געוואָרן קיין ראָמאַנטישע. דער מאָלערישער מעטאָד האָט אָפּט געקאָנט זיין אַן אימפּרעסיאָ־ניסטישער, אָבער די באַציאונג צו דעם אָביעקט איז געווען אַ רעאַליסטיש־ניכ־טערע. ער האָט קיין מאָל נישט געזוכט צו אידעאַליזירן די היים. אויב עס איז דאָך אַרויסגעקומען אַ פּאָעטיש בילד און נישט סתם קיין פאַרצייכענונג, קיין קאָפּירונג, אָדער פאַרפאָטאָקאָלירונג, איז דאָס אַ דאַנק ראַלניקס געמיט און זיין טאַלאַנט צו זען סודותדיקייט און וואונדער אין געוויינלעכע זאַכן. צו־זאַמען מיט זיין אינטערעס זיך צוצוקוקן צו זאַכן פון דער נאַטור וואָר, האָט ער אויך געהאַט די אינטואיציע צו דערפילן זייער פּאָעטישע עסענץ, וו דאָס קומט באַזונדערס שטאַרק צום אויסדרוק אין דעם בוך „אַ פענצטער צו דרום". ראַלניק אָבער איז נאָך לאַנג פאַר זיין „פענצטער צו דרום" געווען דער דיכטער פון דעם וואָס „פאַרקריצט זיך אין זכרון" מיט דער גאַנצער מעטאַפיזיק און מיסטיק און קינסטלערישע מעלות וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן.

און אַלע דריבנע שטיבלעך
פון שול־הויף און פון מאַרק —
אין גרויסן זאַק פון גערשטן
פאַרוואָרפן אויפן קאַרק.

(„גאָר אַ קליינינקע שטעטעלע", ז' 109, ג. ל.).

אין גרויסן זאַק פון געדשטן

אין אַ לענגערן ליד מיטן נאָמען: „אַ זומער־נאַכט", וואָס איז וואַרשיינ־לעך נאָך אָנגעשריבן געוואָרן אין 1910, איז שוין פאַראַן אַ סך פון ראָלניקן דעם דיכטער פון די לידער „אַ פענצטער צו דרום". אין דעם דאָזיקן ליד שיל־דערט ראָלניק ווי ער ליגט אין אַ זומער־נאַכט אין בעט, מיט אַ בוך אין האַנט. אַלע ווײַלע רײַסט ער זיך אָפּ פון בוך, כדי זיך אײַנצוהערן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט און זיך אײַנצוקוקן אין דער לאַנדשאַפט דורכן פענצטער. צו־ביסלעך, מיטן אָנקום פון באַגינען, נעמט זיך דאָס הויז אויפוועקן. און דער דיכטער נעמט פאַרצײַכענען יעדן שאָרך, יעדן טראָט, יעדע באַוועגונג.

אין דעם ליד טרעפט מען שוין כמעט ראָלניקס גאַנצן דיכטערישן רעקוויזיט: זאַכן פון דער שטוב, פון דער מיל, פון דער אַרומיקער לאַנדשאַפט. פאַראַן דאָרט אַזוינע עכט־ראָלניקישע בילדער און אימאַזשן, ווי דאָס „אויפשטיין פון טאָג, וואָס האָט געלייגט זײַן קלאָרע האַנט אויפן שוואַרצן גלאָז און ווײַס געוואָרן איז די שויב"; „דאָס טונקל־גרינע גראָז און זאַמד", וואָס זעט זיך דורכן פענצטער „ווי נאָך אַ רעגן ברוין און שווער". דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט אַ וואונדערלעך־דעטאַליזירטער לאַנדשאַפט־מאָלעריי:

אין פלאַכע ברעגן ליגט דער טײַך,\
ווי זילבער, הײס-צעלאָזענער.\
אַ פּעט, אַ גלאַט, אַן ענטל־פּאָר\
שווימט, שטיל אויף אָנבײסן אַהיים,\
און ס'רויטלען אין דעם וואַסער זיך\
די לאַפּקעס דינע שווים־הײַטלעך;\
און ס'שפּיגלט זיך אין וואַסער אָפּ\
אַ צווייטע פּאָר, און ס'דאַכט זיך אויס:\
אַן ענטל אויף אַן ענטל זיצט,\
אַ בויך זיך טוליעט צו אַ בויך,\
אַ שנאָבל אין אַ שנאָבל פּיקט.

און שפּיצן־לאַנגע פּאַכערס צווײ\
זיך ציען נאָך דעם צווילינג־פּאָר.

און ליכטיק איז דער טײַך און טיף,\
ווי הימל טיף, ווי הימל בלוי.\
און אויפן סאַמע גרונט פון טײַך,\
אַ פוכיק־ווײַסער וואָלקן ליגט\
און הין און הער זיך וויגט און וויגט.

(„לידער", 1926, ז' 39).

אין א צווייטן ליד פון יענער צייט, וואס הייבט זיך אן מיט דער שורה: „לאנג איז דער ווינטער אין שטעטל געשטאנען", איז די טעמע דאס „טריט־לשון" אין א ווינטערדיקן פרימארגן. עס ווערט איבערגעגעבן וואס עס דער־ציילן סקריפענדיק:

פויערשע שטיוול און מיידלשע שיכלעך,
סוחרישע וואליקעס ווייסע און ברוינע,
האריקע, נאקעטע, אדער באדעקטע
מיט א פעט־קלעפיקן יוכט און מיט זוילן,
און האלב־נגידישע ריגער־קאלאשן —
— — — — — — — —
אנהייבן פלעגט זיך געוויינלעך פרימארגנס.
הימלען גלוט־רויטע, ווי ריזיקע וועלדער
וואלט דער פארטאג צוליב קעלט אנגעצונדן,
פלעגן א ליכטיקן ראזיקן אפגלאנץ
ווארפן אויף שנייאיקע דעכער, צארט שמויסענע
היטלען, אויף איינציקע נאקעטע ביימלעך,
וואס אויף א גויאישער געסל זוא פרירן;
דעמאלט צוערשט פלעגט א קרעכץ זיך דערהערן
פון א צעטראטענער ווייבער פאדעשווע
איילן צום טישל אין מארק פלעגט אן אלטע
זויערקע אין דעם מאנס יוכטענע שטיוול
און דער אייניקער קרעכץ פלעגט באדייטן:
„אויף עלטערע יארן די קינדער צעפארן
אין ווייטע מקומות, אליין איר געלאזן
מיט דעם געשוואלענעם טאטן וואס לייגט זיך,
ווי נאר דער ווינטער קומט אן, אין בעטל.
איינע זי דארף אים באזארגן און צוזען,
מאכן דעם אויוון און אנגרייטן עסן;
קינדערלעך מיינע, אויף וועמען געלאזט
האט איר אונדז אלטע?"

ווייטער אין ליד ווערט אויסגעטייטשט דאס „טריט־לשון" פון אנדערע שיך און שטיוול. עס איז א גוט רעאליסטיש ליד, נישט געקוקט אויף דעם, וואס ערטערווייז איז עס א ביסל צו מאנאטאן.

די דאזיקע צוויי לידער, וואס ראלניק האט אגב נישט אריינגענומען אין זיינע „געקליבענע לידער", האב איך ציטירט נישט כדי צו ווייזן ווי גוט, אדער ווי שלעכט זיי זענען, נאר כדי צו ווייזן, אז ראלניקן האט שטענדיק געצויגן צו שילדערן זאכן רעאליסטיש־קאנקרעט. דער אינטערעס צו דער וועלט ארום אים איז ביי אים געקומען נאך אפשר פאר דעם אינטערעס צו זיינע אינעווייניקסטע

איבערלעבונגען. פון די ערשטע לידער, וואָס ראָלניק האָט אַריינגענומען אין זיינע זאַמלונגען, קאָן מען זען, אַז דאָס דעסקריפּטיווע, דאָס שטייגעריש רעאַלע האָט ביי אים איבערגעוואויגן דאָס סוביעקטיוו־לירישע.

די „זכרונות", וואָס ראָלניק האָט אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אין דער „צוקונפט" אין 1949, זאָגן עדות אויף דעם אינטערעס זיינעם צו דער דרויסנ־דיקער וועלט. אַלץ האָט אים אינטערעסירט און אַלץ האָט ער פאַרנאָטירט. ער האָט זיך ווי אינסטינקטיוו געהאַלטן אין פאַרגרייטן מיט מאַטעריאַל אויף שפּע־טער. ווי אַ גוטער ווירט האָט ער יעדער „זעמדל", יעדער „שטיינדל", יעדן „טראָפּן פון פוילן דאַך" פאַרבאַהאַלטן אין זכרון פאַר זיין שפּעטערדיקער פּאָע־טישער ווירטשאַפט. און ווען ער איז אַוועק אין דער פרעמד, האָט ער מיט זיך „מיטגענומען" אַ רייכן היימישן בילדער־מאַטעריאַל.

ווען מען זאָל עטוואָס פּאַראַפראַזירן די ציטירטע סטראָפע פון ליד „גאָר אַ קליינינקע שטעטעלע", וואָלט מען מיט ראָלניקס אייגענע ווערטער געקאָנט זאָגן, אַז ביים פאַרלאָזן די היים האָט ער אין דעם „גרויסן זאַק פון גערשטן, פאַרוואָרפן אויפן קאַרק", מיטגענומען אַלע זאַכן, „די דריבנע ווי די גרעסערע פון שטוב, פון מיל, פון שול און מאַרק". און נישט נאָר דעם מאַטעריעלן „בילדער־סקאַרב" האָט ראָלניק מיט זיך מיטגענומען, נאָר אויך די היימישע טראַדיציאָנעלע מאָראַל און עטיק. אויך אין עטישן זינען שטעקט ראָלניק, אַזוי צו זאָגן, מיט אַלע זיינע גלידער און לידער אין דעם דורות־איינגעשטעלטן ממש פּאַטריאַרכאַלישן לעבן־סדר פון זיין יידיש דאָרפישער היים. פאַראַן אין זיינע לידער נישט נאָר חומש־אילוזיעס לרוב, נאָר עס שוועבט אויך איבער זיי אַ ביבליש־פּאַטריאַרכאַלישער גייסט.

דעם דאָזיקן היימישן „סקאַרב" האָט ראָלניק שפּעטער אויסגענוצט נישט נאָר ווי טעמאַטישן מאַטעריאַל פאַר זיינע דערמאָנונג־לידער, נאָר אויך פאַר מעטאַפאָרן און פאַרגלייכן אויסצודריקן זיינע סוביעקטיווע לירישע שטימונגען. און עס זענען אָט די פאַרגלייכן און מעטאַפאָרן וואָס האָבן ראָלניקס ליריק גע־געבן אַזוי צו זאָגן, אַ באָדן אונטער די פיס.

נישט נאָר זיינע דאָרף־מאָטיוון, נאָר אויך זיינע שטאָט־מאָטיוון, די מאָ־טיוון פון עלנט און פּיין האָט ער אויסגעדריקט אין בילדער געשעפּט פון היי־מישן לעבנס־שטייגער. דער קינסטלער, דער שילדערער, דער נאַטור און שטיי־גער־מאָלער פלעגט שטענדיק קומען צו הילף דעם ליריקער, און אים העלפן גע־פינען אַן אָביעקטיוון אויסדרוק פאַר דעם לירישן אימפּולס:

מיין שטעקן האָב איך אויסגעהאַקט שוין,
מיין טאָרבע איז אויך צוגעגרייט;
איך לאָז זיך אויף גאַסן און וועגן —
אויף גאַסן ווי נעצן פאַרשפּרייט.

מיין לייב וועלן דערנער צעשטעכן,
און שפּיציקע שטיינער מיין טראָט,
און אומפאַלן וועל איך נישט איין מאָל
צוליימיש געלעכטער און שפּאָט.

שענקט, מענטשן, זילזולים-נדבות,
שענקט געטער, מיר צער און לייד;
מיין שטעקן איז דעמבן־האָלץ עכטער,
מיין בעטל-זאַק טיף און ברייט.

וואו האָט ראָלניק גענומען די מעטאַפאָרע, די אָביעקטיווע ראָם אין וועל־כער עס איז ווי איינגעפּאַסט דער טראַגישער אויסגעשריי, אויב נישט אין דעם „גרויסן זאַק פון גערשטן”, וואו ער האָט איינגעפּאַקט דעם גאַנצן היימישן סקאַרב, איידער ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט. דאָס גאַנצע ליד איז אַ געוועב פון אימאַזשן און אידיאָמען, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף היי־מיטן באָדן. דאָ איז נישטאָ קיין איין געפליגלטער, קיין איין אָנגעפּאַרבטער אימאַזש און מיטן אויסנאַם פון „שענקט געטער” קיין איין סקאַרבאָווער ליטע־ראַרישער אויסדרוק. אַלץ איז פּשוט, עכט און שטאַרק, ווי היימישע לייוונט. עס איז דאָ אַבסאָלוט אוממעגלעך אויסצושיילן דעם לירישן מאָטיוו, דעם טראַ־גישן אויסגעשריי, אַזוי אָרגאַניש זענען זיי צוזאַמענגעוואַקסן מיט די דעטאַלן, וואָס שטעלן צונויף דאָס ליד.

„שטעקן”, „טאָרבע”, „שפּיציקע שטיינער”, „לייטישער געלעכטער”, „זיל־זולים”, „נדבות”, „בעטל-זאַק” — וויפל זאַכן עס שטעלט ראָלניקן צו זיין זכרון, וואָס איז מילגרוים-פול מיט היים-לאַר. אַ דאַנק די זאַכן שטייט דאָס ליד פעסט, איז קינסטלעריש אָביעקטיוו און ממשותדיק. עס האָט אַ יידישן באָדן אונטער די פיס. די בילדלעכקייט איז אַן אָרגאַנישע, אַ היימישע.

אַזוי אויך אין דעם ליד:

איך בין נישט רייך. איך האָב איין בגד
פאַר הויז און שול און פאַרן וועג.
אין מאַרק־טעג גיי איך אין אים האַנדלען,
און גאָט בעטן אין יום-טוב־טעג.

עס פאַלט אויף אים דער שטויב פון זומער,
דער קויט פון אָסיענדיקע טעג,
דעם רינשטאָקס שמוץ — און אַלע זייפן
פאַרוואַשן נישט קיין איינציק פלעק...

אויף שמחות און צווישן קלאָגערס
אין זעלבן קלייד. איך בין נישט רייך.
און מיט אַלע פּלעקן קומען
דאַרף איך אין הימלס קעניגרייך.

בלויז „הימלס קעניגרייך" קלינגט דאָ פרעמדלעך און איז שיעור נישט קיין דיסאָנאַנס.

מיט קאָנקרעטקייט און שטייגערישער בילדלעכקייט צייכענען זיך אויך אוים אַ היפּשע צאָל פון ראַלניקס ליבע־לידער. ווען ער זינגט למשל, וועגן דעם אַז זיין געליבטע איז אַוועקגעפאָרן און האָט „מיטגענומען זיין האַרץ", שטעלט ער זיך נישט צופרידן בלויז מיט באַהויפּטונגען אָדער מיט הוילער זינגעוודי־קייט, וואָס זאָל אויסניגונען זיין בענקשאַפט און ליבע־וויי. ער מאָלט־אויס אַ בילד, וועבט־איין דעם מאָטיוו אין אַ דערציילערישן געוועב. מען ווערט גע־וואָר, אַז די געליבטע האָט „מיטגענומען דאָס האַרץ", נישט סתם ערגעץ־וואו, נאָר:

אין אַ שטילן דאָרף, אין אַ קליינעם הויז,
וואו געלער זאַמד באַדעקט דעם דיל...

די האָזיקע שורות זענען ציטירט פון אַ ליד, וואָס ראַלניק האָט נאָך אָנ־געשריבן אין 1909. עס איז נישט פון די בעסטע לידער, עס איז נאָך צופיל אין גייסט פון פּרימיטיוון פאָלקס־ליד. אָבער אַפילו אין דעם ליד זעט מען די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון ראַלניקס סטיל און מעטאָד.

אין אַן אַנדער ליבע־ליד, „מיין גאַנצע שטוב איז פאַר דיר אָפן", זענען די לירישע רעגונגען פולשטענדיק פאַרגעשטאַלטיקט. אַלץ אין דעם ליד איז בילד־לעך, סצעניש און די שלום־פּערזן אַפילו דראַמאַטיש:

מיין גאַנצע שטוב איז פאַר דיר אָפן.
קאָנסט קומען עסן, טרינקען, שלאָפן;
קאָנסט קומען ווען דו ווילסט אַליין
דו דאַרפסט ביי קיינעם נישט פרעגן,

מיין וואונטש וועט לויפן דיר אַנטקעגן
און וויזן ווי אַריינצוגיין.
קיין הונט ליגט נישט ביי מיינע טירן,
קיין פרעמדער אויג וועט נישט נאָכשפּירן

נאָך דיינע נאָכטלעך־שפּעטע טריט.
ווי דו האָסט נאָר דיין הויז פאַרלאָזן,
דעם שלאָס פון טיר אַראָפּגעלאָזן, —
מיין האַרץ גייט אומעטום דיר מיט.

אָ, קום צוגיין אין נאַכט און רעגן
און פון די אָנגעוויקטע וועגן
ברענג שוואַרצע, פייכטע ערד מיט זיך.
ווען דו וועסט מאָרגן פרי זיך קלייבן

צוריק אַהיים — זאָל דאָ כאָטש בלייבן
אַ שוואַרצער פלעק פון דיינע שיך.
נאָר אויב דו קאָנסט מיר גאָרנישט ברענגען,
טאָ זע, — די שפּילצייג; עס הענגען

פּאָרטרעטן, בילדער אויף די ווענט, —
צעריים אַ בילד, צעברעך דעם שפּיגל,
ביים גאָלדענעם האָן רייס אָפּ אַ פליגל, —
אַ צייכן לאָז פון דיינע הענט.

דאָס דאָזיקע ליד פאַרמאָגט אין זיך פיל פּאַטאָס און דראַמאַטישקייט. דאַראָן אין אים אַ געפיל־שטראָם, וואָס אָט, אָט רייסט ער זיך אַרויס פון די ברעגן און פאַרפלייצט דאָס ליד מיט אַן אויסגוס פון סענטימענטאַלקייט און זעלבסט־רחמנות. און וועט קאַליע מאַכן די מענלעכע געצאַמטקייט פון די רייד. די בילדלעכקייט, די מעטאַפאָרישע אַקציע, די קאָנקרעטע דעטאַלן צוגלייך מיט דעם וואָס זיי טרייבן, האַמעווען זיי אָבער אויך דעם געפיל־שטראָם, האַלטן אים אין די ראַמען פון די קאָנקרעטע קונסט־פּאַחמען וואָס דאָס ליד האָט אָנגענומען. דאָס ליד רעדט די שפּראַך פון זאַכן און אַקציע — אַ שפּראַך, וואָס ווערט אַזוי גיך נישט פאַרעלטערט...

עס איז דעריבער אַ זעלבסט־אונטערשעצונג ווען ראָלניק פרעגט אין אַ ליד „פון וואַנען קומען זיינע לידער ווי נ ע נ ד י ק אַזוי?" וואָרום אַפילו די סאַמע „וויינענדיקסטע" פון זיינע לידער זענען נישט גלאַט נאַקעטער געוויין. געוויין אַליין וועקט בלויז רחמנות. ראָלניקס לידער האַלטן געשפּאַנט און רופן אַרויס עסטעטישע געפילן נישט מיט זייער „וויינענדיקייט", נאָר מיט זייער פּאָעטישער און קינסטלערישער אויספורעמונג.

נישט מער, דאָס איז נישט קיין דרויסנדיקע, קיין ריין ווערבאַלע, אָדער ריין פאָרמאַליסטישע אויספורעמונג. דער ווערט און באַדייטונג פון דער אויספורעמונג ליגט נישט אין דער שפּראַך אָדער אין דעם קונציקן און קאָמפּליצירטן געבוי און געדריי פון דער סטראָפע, נאָר אין דעם אייגנאַרטיקן געוועב פון מעטאַפאָרישן אויסדרוק, אין דעם קאָנען נעמען אַ צאָל פּשוטע זאַכן, ממש סימבאָלישע אין זייער פּשוטקייט און פון זיי אויספורעמען דאָס „פּראָסטע געשיר", ווי ראָלניק דריקט זיך אויס, צו „סערווירן דאָס וואַרעמע בלוט" פון זיינע לידער.

פון דער צווייטער זייט וואָלט אויך געווען נישט ריכטיק צו אונטערשאַצן די אינעווייניקסטע זייט פון ראָלניקס לידער — די באַדייטונג פון די מאָטיוון און פון דעם גאַנצן עטישן וועלט־באַנעם. וואָס קומט אין זיי צום אויסדרוק. אויסער דעם ווערט וואָס יעדער ליד האָט פאַר זיך, האָבן נאָך ראָלניקס לידער אַ באַזונדערן ווערט ווען מען נעמט זיי צוזאַמען. פאַראַן אין זיי אַן אינעווייניקסטע געבונדנקייט, אַ מין סיפור־המעשה. די לידער קייטלען זיך, זעצן־פאָר איינס דאָס אַנדערע און שאַפן צוזאַמען אַ גאַנצע זאַך, וואָס דורך איר גייט דורך דאָס לעבן פון אַ מענטשן — און נישט נאָר אין דעם געוויינטלעכן אויטאָביאָגראַפישן זינען פון דעם באַגריף.

ראָלניקס שאַפן איז טאַקע אין אַ היפּשער מאָס אויטאָביאָגראַפיש. זיינע ליידן, זיינע איבערלעבונגען, זיינע פאַרלאַנגען און געבעטן זענען אָבער אָפט מאָל אַזוי אויסגעדריקט, אַז זיי האָבן אַן אַלמענטשלעכן באַטייט, נעמט־אָן אַן אוניווערסאַל־טראַגישן אַספּעקט. הינטער ראָלניקס אויטאָביאָגראַפיע שטייט אַ קינסטלערישע פּערזענלעכקייט מיט אַן איינהייטלעכן לעבנס־געפיל, מיט אַ גאַנצקייט אין באַנעם און קוק אויף דער וועלט.

פאַר גאָט, — זאָגט ראָלניק אין דעם צווייטן ליד פון דער סעריע „נאָך דאַנקען גאָט" — איז „קיין תפילה (נישט) צו קליינלעך". פאַר דעם „האַר פון אַלע אוצרות", וואָס „בליי און גאָלד" האָבן פאַר אים „דעם זעלבן קלונג", קאָן מען אויך קומען מיט אַזאַ „אָרעם געבעט", ווי:

> באַשער מיין טאָג מיט ברויט און פּוטער
> מיין נאַכט מיט אַ געטרייער בעט.

(ז' 57, ג. ל.).

אַרויסגעריסן פון דעם קאָנטעקסט קאָן דאָס קלינגען נישט מער ווי די רייד פון אַ באַנטשע שוויינ. הינטער דעם דאָזיקן „אָרעמען געבעט" שטייט אָבער מער ווי אַ „בולקע מיט פּוטער". עס שטייט הינטער דעם די איבערצייגונג, אַז די ליידן פון דעם סאַמע שפּלסטן צווישן מענטשן וועגן גאַנץ שווער אויף דער אייביקער וואָג פון רחמים און גערעכטיקייט. מעג אַ „פאַרלאַנג פעלן פליגל־שוואונג", אויב עס קאָן דערהייבן ווערן צו אַן עכט און לויטער געבעט, איז ער ווערט אַז מען זאָל אים דערהערן „צווישן דעם כאָר פון שרייענדיקע מאָנער". (זע ז' 57, ג. ל.).

פונקט ווי דער דיכטער, מיט עכטער פּיעטעט פאַר זאַכן פון דער דרויסנדיקער וועלט, מיט אַן אויג פאַר זייער אינדיווידואַליטעט, קאָן אַפילו די מינדסטע צווישן זיי דערהייבן צו אַ קינסטלערישן בילד, אָדער צו אַ סימבאָל פון אַ העכערערווירקלעכקייט, אַזוי קאָן ער אויך דעם מינדסטן פון זיינע פאַרלאַנגען

דערהייבן צו אן אוניווערסאלער הייך. ער דארף בלויז קאנען פילן און קאנען אויסדריקן די שייכות צווישן פערזענלעכן און אלגעמיינעם, צווישן דעם אוים־נאם און דעם כלל.

אוודאי גייען נישט אלע ראלניקס לידער אריין אין דער קאטעגאריע. עס רעדט זיך אבער וועגן די וויכטיקערע און טיפערע פון זיינע מן־המצר לידער. אין זיי איז ראלניקס יחידישקייט גאר נישט אזא ווינקלדיקע און באגרענעצטע, ווי מען איז געניוגט צו מיינען.

אין תוך איז ראלניקס יחידישקייט א פאראדאקסאלע. עס איז א יחידיש־קייט בעל־כרחו. עס איז א יחידישקייט פון איינעם וואס איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זיין ערד, ארויסגעריסן געוואָרן פון כלל צו וועלכן ער געהערט, און נאָך וועלכן ער בענקט און מיט וועלכן ער שטרעבט זיך צוריק צו באהעפטן. פאר ראלניקן איז זיין עלײנקייט א טראגישע לאסט, א קוואל פון ליידן:

נישט קיין טאטע, נישט קיין מאמע,
אויף דער גאנצער וועלט נישט קיינער;
גליטש איך זיך צום טיפן אפגרונט,
שפילנדיק זיך איינער, איינער...

קיינער זעט נישט, קיינער שטערט נישט,
גיי איך בארוועס אום אויף שטיינער,
מיינע פיס פארבינדט נישט קיינער —
איינער בין איך, איינער, איינער.

כ׳פליק די דינע לעבנס־פעדים
מיט צעקרימטע שפיזלעך־ציינער;
אן א פריינט און אן א גואל —
איינער בין איך, איינער, איינער.

ער הערט נישט אויף צו טרויערן און קלאגן אויף די „איינצלנע צעלן״:

געפאנגען זענען מיר אלע
און זיצן אין איינצלנע צעלן;
מיר קענען נישט אונדזערע שכנים —
די אייביקע ווענט זיי פארשטעלן.

און יעדערער שלאגט זיך באזונדער
דעם קאפ אן דער וואנט פון זיין תפיסה,
ווען טויזנטער נאענטע כארכלען
אין לעצטע מינוטן פון גסיסה.

חוץ דעם האָט ראָלניק לידער, וואו ער רעדט לכתחילה וועגן גורל פון מענטשן בכלל און טוט דאָס בלשון „מיר" און נישט „איך":

בויט זיך אַ ריזיקער בנין ;
מיר שטעלן די זיילן, די ווענט.
נישט קיין דערפאַרענע — ציטערן
די ציגל אין אונדזערע הענט.

שוואַכע און שרעקיגע מענטשן —
פאַרדרייען זיך אָפּטמאָל די קעפּ.
פאַלן מיר איינס נאָכן צווייטן
פון לייטערס, געהילצן און טרעפּ.

פאַלן ווי וועמען באַשערט איז —
אויף שטיינער, אויף פּאַליעס, אין קויט.
ווער עס פאַרזינקט אין דער בלאָטע
און ווער בלויז צעשלאָגט זיך אויף טויט.

(זע אויך דאָס ליד „אונדזער לעבן איז אַ שמאָלער קרישלדיקער וועג", ז' 115, ג. ל., 1948) און פיל אַנדערע לידער אין דעם גייסט.

צו ווייזן ווי עס איז באַשערט דעם מענטשן צו פאַלן, אָדער זיך אויפהייבן איז נישט נויטיק, אַז דער דיכטער זאָל זיך דווקא פאַרנעמען מיט סאָציאַלע טעמעס. עס איז גאָר קיין פראַגע נישט, אַז אין די טעג, ווען ראָלניק האָט, למשל, געשריבן זיינע „איינעמס לידער", אָדער די לידער „ווערלענס קעניג־רייך", דער „מענטש דער שטיין", זענען אויף דער וועלט פאָרגעקומען וויכטיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן. פון די דערמאָנטע לידער קאָן מען וועגן דעם נישט וויסן. עס רעדט זיך אין זיי וועגן קיין אַנדער זאַך נישט ווי וועגן די ליידן און דעם „עלנט פון „איינעם" אַ מענטשן. כאָטש אַזוי זענען זיי אָבער, ווי יעדע עכטע פּאָעזיע, נישט אויסגעוואַקסן אין אַ וואַקום און האָבן אין זיך די באַשטימטקייט פון צייט און אָרט.

פאַראַן אין די לידער אַ סך וואָס האָט צו טון מיט דער ספּעציפישער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, באַזונדערס מיט דעם פּאַראַדאָקסאַל, שפל־דערהויבענעם מצב פון יידישע דיכטער אין אַמעריקע. פאַראַן אין די לידער דער טראַגיזם און די ביטערע איראָניע, דער גראָטעסקער מאַסקאַראַד פון די דיכטער און קינסטלער, וואָס פון איין זייט האָבן זיי געפילט די וויכטיקייט פון זייער מיסיע אַלס באַנייער פון יידישן וואָרט, געפילט אין זיך די גרויסע כוחות, וואָס רייסן זיך צום אויסדרוק, און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי אין דעם אַמעריקאַנער לעבן פאַרנומען אַזאַ שפלע פּאָזיציע, זענען געווען אַרומגערינגלט פון אַ

סביבה, וואָס האָט פאַר זיי געהאַט בלויז בייזן שפּאָט (זע די סעריע לידער „אינקאָגניטאָ").

דאָס שליסט נאַטירלעך נישט אויס דעם פאַקט, אַז ראָלניקס זעלבסט-באַוואוסטזיין נעמט אָפט אָן אַן עקסטרעם-איכישן כאַראַקטער:

דער הימל הענגט אויף מיינע ברעמען,
אויף מיינע אַקסלען רוט די וועלט;
און איך אַליין נאָר אויף אַ ווײַלע
האָב זיך דאָ אָפּרוען געשטעלט.

און ווען מיין אויג זאָל זיך פאַרשליסן
ווערט זון, לבנה אָפּגעשטעלט;
און ווען מיין פוס וועט זיך אַ גליטש-טאָן
וועט אומפאַלן די גאַנצע וועלט... (ז. 154, לידער, 1926)

וואָס פאַר אַ פּאַטאָס און אינעווייניקסטע זיכערקייט עס זענען אָבער פאַראַן אין די ווערטער! בכלל איז צו שטוינען מיט וויפל פּאַטאָס עס צייכענען זיך אויס אפילו ראָלניקס שטילסטע לידער.

פאַראַן אין זיי אַן אינעווייניקסטע זיכערקייט, אַ „פעלזן-פעסטקייט", וואָס גיט אָפט צו זיינעם אַ פערז אַזאַ קאַטעגאָרישן, אַזאַ עקזאַלטירטן, אַזאַ שיעור נישט כה-אמר טאָן. דאָס קומט ביי אים, גלויב איך, פון דעם געפיל, אַז אין דעם פאַרלוירענעם קאַמף מיט דער וועלט, וואָס האַלט אין איין שיקן „קריגס-שילו-חים" קעגן אים, איז דער מאָראַלישער נצחון אויף זיין זייט. זיין פּאַטאָס איז דער פּאַטאָס פון גערעכטן, פון דעם איש-תמים אין אַ וועלט פון רשעים.

דאָס געפיל, אַז ער איז אַ מאַרטירער, אַן אומשולדיקער קרבן, אַז ער ליידט פון אַ וועלט, וואָס ער האָט „נישט געמאַכט", דריקט זיך אויס ביי ראָלניקן אויף אַ צווייאַיקן אופן. פון איין זייט איז ביי אים פאַראַן דאָס דירעקטע קלאָגן זיך פאַר גאָט אויף די שטראָפן וואָס האַלטן אין איין האָגלען אויף זיין קאָפּ, און פון דער צווייטער זייט, דער פּראָטעסט, פאַרוואָס דער אויבערשטער לאָזט אים ליידן אומזיסט.

דער פּראָטעסט נעמט-אָן פאַרשידענע פאָרמען. אַמאָל די פאָרעם פון איראָניע, אַמאָל פון אָפענעם אויסטענהן זיך מיט גאָט און אַמאָל פון להכעיסדיקן איינשניידן נאָך טיפער די וואונד, נאָך נידעריקער אַנבויגן דעם קאָפּ אונטער דעם האָגל פון שטראָף:

נידעריק, נידעריק בויג איך מיין קאָפּ,
ביז צו דעם שטויב פון דער ערד.
זאָל ער ווי שטראָמען אַריבער מיין קאָפּ
דער זודיקער שטויב פון דער ערד.

זאָל ער ווי שטראָמען אַריבער מיין קאָפּ,
ווי גליאיקער זודיקער ווייַן.
טיפער פון שטויב נאָך בויג איך מיין קאָפּ,
אויב עס קאָן טיפער נאָך זיין.

אין דעם דאָזיקן ליד, וואָס איז אגב איינס פון ראָלניקס שפּעטערע לידער, און וואו די דיקציע און מוזיקאַלישקייט איז פון אַ העכערער קוואַליטעט, ווי אין די פריערדיקע לידער אויף דעם זעלבן מאָטיוו, איז פאַראַן נישט נאָר הכנעה, נאָר אויך פּאַרטאַיעטער פּראָטעסט. אַ צו־להכעיסדיקע רעזיגנאַציע. עס איז נישט אַזוי אַן אָננעמען פאַר ליב ווי אַ באַוּן־ברירההדיקע אונטערוואַרפן זיך דעם גזר־דין.

דאָס דינגען זיך און אויסטענהן זיך און אפילו די אָפענע אָדער באַהאַל־טענע פאַרביטערטקייט קעגן דעם שופט און זיין משפט מינערט נישט דעם רע־ליגיעזן כאַראַקטער פון ראָלניקס ליד. גלויביקייט קאָן זיך פונקט אַזוי אויס־דריקן אין טענות צום אייבערשטן. עס איז בכלל נישט וויכטיק, צי ראָלניק איז רעליגיעז אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט. עס איז געניג וואָס גאָט איז פאַר אים נישט קיין פילאָזאָפישע אַבסטראַקציע, נאָר אַ פאָטער אין הימל, צו וועמען מען קאָן זך ווענדן מיט געבעט און אויך מיט טענות.

אַמאָל איז דער גאָט, צו וועמען ראָלניק רופט, דער גאָט פון דערבאַרעמ־קייט, און אַמאָל דער גאָט פון צאָרן. ווען ראָלניק דערפילט אין זיך דעם איי־פער פון גאָט, וואָס „אל קנא שמו", ווערט זיין ליד דורכגענומען מיט אַ באַ־זונדער שטאַרקן פּאַטאָס. דער ביטערער וויכוח וואָס ער פירט מיט די שלעכטס־טוער, מיט די שונאים, צעפלאַמט זיך אין אַ גרויסן צאָרן. דאָס ליד ווערט אומדערבאַרעמדיק, נקמה־דורשטיק, שטראָפיק. עס האָט אין זיך עפּעס פון דער תוכחה:

ווי לעצטע פרעסט אויף פריען ווייץ,
ווי אָסיען־נעץ אויף בלומען,
ווי רעגן אויף געשניטן היי
מיין ליד אויף זיי זאָל קומען. (ז. 182, לידער, 1926)

אין דעם שטאַרקן שטראָמיקן גאַנג, אין דער שאַרפער אַקצענטירונג, אין דער איינאָטעמדיקייט פון די לידער פון דעם מין, קומט צום אויסדרוק די ביי־טערקייט פון דעם באַוואולהטן און פאַרשעמטן און די פולע איבערצייגטקייט אַז עס וועט קומען דער טאָג פון רעכענשאַפט, דער טאָג פון גאָטס משפט, ווען עס וועלן זיך אויסגלייכן „דער שררה און דער קנעכט".

אין שייכות מיט דעם איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין דער קריטיק האָט

מען וועגן ראַלניקן אַפּט גערעדט ווי וועגן אַ תהילים־דיכטער. דאָס איז אמת דער עיקרשט אין דעם זין, וואָס ראַלניק קומט אָפּט נישט נאָר אויסצוגיסן זיין זעל פאַר גאָט, נאָר אויך בעטן און מאָנען, אַז גאָט זאָל זיך אָננעמען זיין קריוור־דע און פאַרטיליקן די שונאים זיינע — די רשעים, וואָס לויערן, לאָקערן און שפּרייטן נעצן פאַר זיינע פיס.

ער איז ווי דער משורר אין תהילים, דער חסיד און דער צדיק. ער רעדט וועגן זיך ווי וועגן דעם עניו, דעם מסתפק־במועט, דעם מענטשן פון גוטן ווילן. ער „וויל נישט קיין קריג", זיין „ערד שווימט שטיל", ער „גייט צו פוס, ווען אַנדערע רייטן אויף הויכע פערד", זיין „באַגער איז לויטער קליינינקייטן". די ראַזיקע זיכערקייט, אַז ער איז דער באַוווּלהטער, אַז דער אמת און די גערעכ־טיקייט זענען אויף זיין זייט, אַז מען „קוקט" אויף אים „פאַראַכטלעך מיט פרעכע בליקן און קרומען שמייכל", ווען ער „שלעפּט זיך אַרום אין שטויב", פירט אָפּט דערצו, אַז ער זאָל אין זיין פאַרביטערונג אַריבערכאַפּן די מאָס און זיך צומאָל אפילו פרייען מיט אַ שאָדן־פרייד פון דעם וואָס:

ווען ס'קרייזט דער קאָרשון איבער מיר
און אונטער מיר די ערד —
דאָן זע איך ווי עס גנבעט זיך
צו אייער האַלדז די שווערד.

ווען איין יאָר יאָגט אַ צווייטן אָן,
אָט דעמאָלט לאַכט זיך מיר:
מיט שנעלע טריט צום סאַמע ראַנד —
הייגט איך און מאָרגן — איר.

דאָס איז אָבער ווייט פון סאַטאַניזם און ראַלניק איז ווייט פון צו זיין אַ בוקס־ונוטר און אַ מיזאַנטראָפּ, ווי איין קריטיקער האָט אַמאָל געוואָלט האָבן. אין פיל פון ראַלניקס פריערדיקע לידער און כמעט אין אַלע לידער אין „אַ פענצ־טער צו דרום" איז פאַראַן אַ סך ליבשאַפט צו מענטשן:

אַז מיין חבר קלאַפּט אָן אין מיין הויז,
גיי איך אים אַנטקעגן אַרויס.
איך עפן פאַנאַנדער ברייט די טיר
און זאָג: ביסט אַ גרויסער גאַסט ביי מיר. (ז. 150, ג. ל.)

אויב ער געדענקט די עוולות, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אים, געדענקט ער אויך די עוולות וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אַנדערע:

איך געדענק וואָס מען האָט געטאָן צו מיר
און וואָס איך האָב געטאָן צו יענעם,
מיט אַזאַ משא איז שווער צו גיין
און שווער אין קבר נעמען.

און האָב איך יענעם ווי געטאָן —
דער צייכן איז אין מיר געבליבן. (משא ז. 210. ג. ל.)

ער האָט ווי בלויז געוואָרט, אַז עמיצער זאָל אָנקלאַפּן אין זיין טיר, אַז ער זאָל אים אַרויסגיין און אים אַריינבעטן צו זיך מיט גרויס ליבשאַפט. דער גאַנצער צאָרן, ווייטאָג און ביטערער פּאַרדרוס קעגן מענטשן, וואָס מען געפינט ביי ראָלניקן אין די ערשטע לידער, נעמט זיך אין אַ היפּשער מאָס דערפון, וואָס קיינער איז נישט געקומען אָנקלאַפּן אין זיין טיר און קיינער האָט אים נישט געפרעגט, איז פריד צו דיר?

דער מאָטיוו פון פּערזענלעכן פּאַרדרוס האָט זיך אָבער אין ראָלניקס ליד אָביעקטיוויזירט אין אַ העכערן, אוניווערסאַלן מאָטיוו, אין דעם אַלט-אַלטן מאָטיוו פון צדיק ורע לו. דירעקט און אומדירעקט הערט ער נישט אויף צו פרעגן די אַלטע און אייביק נייע פראַגע: פאַרוואָס און פאַרוואָס — פאַלן דווקא אַלע שטיינער אויף דעם קאָפּ פון דעם וואָס גייט שטיל פאַר זיין גאָט.

צו געפינען אַ פאַרענטפערונג און אַ באַרעכטיקונג פאַר אומזיסטע ליידן קען בלויז דער דיכטער, וואָס איז רעליגיעז אין קאָנווענציאָנעלן און טראַדיציאָנעלן זין פון דעם באַגריף. און אַמאָל אַפילו ער אויך נישט. ראָלניק רעדט צו גאָט, טענהט זיך אויס מיט גאָט, מאָנט יושר ביי גאָט:

מיין גאָט, מיין גאָט, דו ענטפערסט נישט,
דו וואוינסט דאָך אַזוי ווייט,
און ביז מיין רוף דערגייט צו דיר
פאַרגייט אַ לאַנגע צייט.

און ביז היינט האָט מיך נישט דערגרייכט
קיין חסד-שטראַל פון דיר;
פאַרוואָס זשע האָגלט אַזוי אָפט
דיין שטראָף, אָ גאָט, אויף מיר?

נישט געקוקט אויף דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון דעם ליד, איז עס נישט פריי פון ספיקות. דער דיכטער איז ווייט נישט זיכער, אַז דער „חסד-שטראַל" וועט אים דערגרייכן אין צייט. און דאָס דאָזיקע געפיל פון ספיקות איז וואָס ווייטער שטאַרקער געוואָרן. ער האָט מיט דער צייט גענומען אַלץ אָפטער און

אָפּטער זיך ווענדן צו אַן אַנדער גאָט, צו דעם גאָט, וואָס „וואוינט נישט אַזוי ווייט", צו דעם „גאָט פון לידער", ווי ער רופט אים, וואָס ער האָט „ווי אַ יתום פון גאַס אין הויז אַריינגענומען" — (זע ג. ל., ז' 130). נישט אומזיסט האָט ראָלניק געהערט צו אַ דור דיכטער, וואָס האָבן דאָס ליד געשטעלט איבער אַלץ, וואָס האָבן דאָס ליד באַטראַכט ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַלע פאַרלוסטן און ליידן.

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס ראָלניק האָט אַזוי פיל לידער צום ליד און וועגן ליד. ער האָט דאָס ליד און דעם דיכטער גענומען שטעלן ברומו־של־עולם. און נישט צוליב ריין עסטעטישע טעמים. פון זיין וויטאַקדיקער דערפאַרונג האָט ער איינגעזען, אַז קיין זאַך ברענגט אים נישט אַזוי פיל טרייסט ווי דאָס ליד. ווי אויף אַ לעצטער קאָרט האָט ער אַלץ איינגעשטעלט אויפן ליד. עס איז געווען דאָס ליד וואָס מיט אים האָט ער אין די „לאַנגע נעכט" געטיילט זיין עלנט. עס איז געווען דאָס ליד, וואָס האָט אים פאַרגיטיקט פאַר דאָס בייז וואָס מענטשן האָבן אים געטון. און עס איז געווען דאָס ליד, וואָס האָט אים צוריקגעקערט די מענטשלעכע חשיבות און אים געראַטעוועט פון תהום פון פאַרצווייפלונג, פון דעם געפיל, אַז ער איז איבעריק אויף דער וועלט. עס איז אויך געווען דאָס ליד דורך וועלכן ער האָט זיך געקאָנט ווענדן צו גאָט און אים בעטן, אַז ער זאָל אים אויסלייזן, נישט נאָר פון טויט, נאָר אויך פון לעבן:

לייז מיך אויס פון שניטערס האַנט,
לייז מיך אויס מיט לידער.

ליד איז אַזוי אַרום ביי ראָלניקן געוואָרן אַנשויאונג, אמונה, זיין אָנהאַלט אין לעבן, זיין טייערסטער חפץ און זיין שטאַרקסטע געווער. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט וואָס ראָלניק האָט אָפט אַזוי אויסגעדריקט די מורא, אַז ער זאָל נישט אָנווערן דעם כוח צו זינגען. דאָס שרייבן לידער איז ביי אים געוואָרן אידענטיש מיט לעבן. ער האָט אָבער פונקט אַזוי מורא געהאַט און זיך געהיט מיט וואָס עס איז, נישט צו פעלשן אין זיין „גאָט פון לידער". נישט נאָר צוליב עסטעטישע, נאָר אויך צוליב מאָראַלישע טעמים איז ראָלניק אַזוי געטריי געבליבן דעם ליד. מיטן ליד האָט ער געקאָנט טריאומפירן, נישט נאָר איבער דעם לאַנגווייל און גרויקייט פון לעבן, נאָר אויך איבער דעם גורל, איבער דער רשעות און אַפילו איבער דעם רשע אַליין.

און עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס ערשטע בוך ראָלניקס פאַרענדיקט זיך מיט דער סעריע „האַפּיז". די דאָזיקע סעריע לידער איז נישט נאָר דער אַפּאָגיי פון ראָלניקס שאַפן ביז דאַן, נאָר אויך אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן, וואָס ער האָט געשטעלט אין די פריערדיקע סעריעס אין דעם בוך, ווי „אויף

גאָטס באַראָט", פון „איינעמס לידער", „אומשולדיקע לידער" און אַנדערע סע־ריעס און סוב־סעריעס פון דעם ערשטן בוך.

מעג וואָס טרעפן מיט האַפּיזן, אָבער כל־זמן ער האָט זיין ליד, איז ער נישט פאַרלוירן. נאָך מער, די ליידן אַליין קאָנען ווערן אָנשטאָט אַ שטראָף אַ חסד, ווען מען שאַפט פון זיי לידער:

האַפּיז האָט נישט צו באַצאָלן
פאַר אַ קריגל פראָסטן וויין.
האַפּיז זאָל דערפאַר נישט זינגען?
וועט זיין ליד נישט האָניק זיין?

האַפּיז מעג אויך הייוועז טרינקען, —
האַפּיז מאַכט פון הייוועז וויין;
האַפּיז מעג אויך גאָרנישט טרינקען —
וועט זיין ליד נאָך זיסער זיין.

נישט פאַרגינערס! האַפּיז'ס שונאים!
שפּאָרט נישט האַפּיזן קיין וויין!
אונטער אַ פאַרשלאָס'נעם הימל
וועט זיין ליד נאָך זיסער זיין.

אַלע מאַטעריעלע גיטער האָט סאַקי, אַלע כיבודים ביים לעבן — סאַהיד, אָבער:

וואו איז סאַקי הינגעקומען,
דער גאָטס־פאַרכטיקער סאַהיד,
נישט פאַרגעסן נאָר איז האַפּיז,
נישט פאַרקלונגען — האַפּיז'ס ליד.
— — — — — — — — — — — —

קלוג געלעבט און קלוג געפירט זיך
האָבן סאַקי און סאַהיד —
נאָכאַנאַנד געגרייזט האָט האַפּיז
און געשטרויכלט טריט אויף טריט.

און געעלטערט זיך אין פרידן
האָבן סאַקי און סאַהיד —
אומגעוואָגלט, אומגעוואַלגערט
האָט זיך האַפּיז מיט זיין ליד.

גאָלדענע רענדלעך און מוליאַרעס
האָבן אוהלס אויפגעשטעלט
אויף סאַהיד'ס און סאַקי'ס קברים. —
האַפּיז שלאָפט אין מיטן פעלד.

אָבער דערפאַר:

האַפּיז'ס ליד אויף יעדנס ליפּן,
האַפּיז'ס בוך אין יעדן שראַנק;
האַפּיז'ס לידער ברענגען היילונג
דעם, וואָס איז פון ליבע קראַנק.

מען קאָן צוגעבן, אַז זיי ברענגען אויך היילונג דעם וואָס איז פון לעבן קראַנק. און אַ ראיה איז ראַלניקס ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

די סעריע האַפּיז־לידער איז געווען דער אָפּשלוס פון דער ערשטער העלפט פון ראַלניקס שאַפן. מיטן בוך „נייע לידער", וואָס איז דערשינען אין 1935, הייבט זיך אָן די צווייטע העלפט פון ראַלניקס שאַפן.

* * *

נייע לידער

עס ווילט זיך מיר שרייבן ליכטיקע לידער,
ווי ליכטיקע, ווייסע חיגלען שניי,
ווען איך וועל אין לאַנד פון די אבות אַריבער
זאָל מיר אויך דאָרטן זיין ליכטיק פון זיי...

דער גלויבן, אַז דאָס ליד און נאָר דאָס ליד וועט אים אויסלייזן פון „שני־טערם האַנט", פון דעם גלות פון די גרויסע שטעט און וועט אים צוריקברענגען צו דער פאַרלוירענער היים, וועט אים געבן אינעווייניקסטע רו און געלייטערט־קייט, הייבט אָן באַרעכטיקט צו ווערן אין ראַלניקס „נייע לידער".

זיינע „אַלטע" לידער זענען דאָס רוב געווען אַ דירעקטער אויסדרוק פון זיינע שווערע איבערלעבונגען, אַ דירעקטע אָפּשפּיגלונג פון „איינעמס" פּיינ־לעכע נעכט און פאַרשעמטע טעג. אין די מערסטע פון זיי האָט ער דערציילט וועגן זאַכן, וואָס זענען מיט אים אָקאָרשט פאַרלאָפן. די לידער האָבן דערי־בער אין אַ געוויסער מאָס געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ טאָג־בוך.

די „נייע לידער" האָבן אין זיך מער פּערספּעקטיוו און זענען מער עלעגיש. אין משך פון דער צייט האָט זיך ראַלניקס לעבן מער איינגעשטעלט. ער האָט זיך ביז אַ גראַד באַפרייט פון דער דריקנדיקער נויט. ער האָט זיך שוין נישט

געפילט אַזוי איינזאַם און עלנט. ער האָט שוין געהאַט ווינציקער באַרעכטיקונג פאַר זיין קריג מיט דער וועלט און פאַר זיינע תפילות — לעני כי יעטוף. ער האָט אַזוי אַרום געקאַנט מיט אַ מער רואיקן און געלייטערטן געמיט באַטראַכטן זיין ביז איצט אָפּגעגאַנגענעם לעבנס־וועג.

עס זענען אויך קינסטלעריש און סטיליסטיש אין אים פאָרגעקומען ענדע־רונגען. ער איז געוואָרן רייפער. זיין טעכניק און דיקציע זענען געוואָרן בע־סער. זיין פערז איז געוואָרן מעלאָדישער.

ערגעץ האָט ער זיך אויך געמוזט פאַרטראַכטן וועגן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון זיין שאַפן. כאָטש נישט קיין דיכטער, וואָס באַשטימט פאַר זיך די טעמעס, האָט אָבער ראָלניק געמוזט באַוואוסטזיניק, אָדער נישט, איינזען, אַז ער וואָלט שוין ערגעץ געדאַרפט בייטן זיינע טעמעס און מאָטיוון. ער איז אויך אין יענער צייט געווען אין דעם עלטער, ווען ווי פון זיך אַליין שווימען אויף ביי אַ דיכטער מאָטיוון, וואָס האָבן צו טון מיט זיין גאָר פריעסטער יוגנט, ווען די בענקשאַפט צו דער ערד, וואו עס איז געשטאַנען איינעמס וויג, ווערט שעפערישער אין דעם זין, וואָס די בענקשאַפט הייבט־אָן אויפגיין אין בילדער, אַנשטאָט אין אַן אומבאַשטימטן נאָגנדיקן געפיל:

דער הימל בלוי, דער טייך איז ווייס,
און די אָנגעהאַקטע שטיקער אייז
אין שפּעטן אָוונט זענען גרין.
דער לבנה־שטראַל איז פייערדיק און דין.

עס איז שטיל פאַר מיילן־מיילן רונד.
אויף דעם טייכס שוואַרצער וואונד
האָט זיך אָנגעטאָן אַ נייע הויט.
די וואַנט פון מיל איז ווייס באַטויט.

דער ווייסער וועג איז גלאַט און פעסט,
ווי מיט אַ וואָלגער צוגעפרעסט.
און צו דער ווייסקייט צוגעמישט
איז אַ קווינטל בלוי, מערער נישט.

און נאָך מער ווי דער סטיל, האָט זיך געביטן די אַטמאָספער פון ראָלניקס ליד. ער און דער „לוח פון דער וואַנט" האָבן אָנגעהויבן „גיין ביידע האַנט אין האַנט, ביידע רופן פרילינג". (זע „כ'ווייס נישט", ז' 111, ג. 5.).

מען פילט אין טאָן פון די לידער, ווי ערגעץ האָט ענדלעך אויפגעבליצט דער „חסד־שטראַל", אַז ענדלעך האָבן זיינע „שיפן" פון וועלכע ער האָט אין

די פריערדיקע לידער געערדט מיט אזוי פיל איראָניע, באמת זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צום „געווינטשטן לאַנד". (זע „מיינע ימים זענען שטילע", ז' 48).

נישט נאָר אָבער דער צוגאַנג צום לעבן איז געוואָרן אין די „נייע לידער" אַן אַנדערער, נאָר אויך דער צוגאַנג צום טויט איז געוואָרן אַ מער רואיקער, אַ ביבלישער. עס איז איצט מער אַ געפיל פון איינגעזאַמלט ווערן צו די עלטערן, ווי שרעק פאַר נישט ווערן. עס איז אויך אַ סובלימירטע בענקשאַפט נאָך מנוחה:

מיינע וועגן ווערן אַלץ שמעלער,
מיינע היילן — אַלץ טיפער, פאַררוקטער.
איך גיי איבער ליכטיקע גאַסן
אַ פאַרלוירענער און אַ געבוקטער.

עס קומען אָן ווערטער צו שווימען,
גנאָדיקע, ווייכע און פרומע.
איך האָב איבערגענומען דאָס לשון
פון שעפסן און קעלבעלעך שטומע.

ווי זיי, איבערוועלטיקט מיט מילדקייט,
מיין שפּראַך איז אויך מרוקען און בלעקען,
ווי זייערס, מיין האַלדז איז פאַרנאַכטן
צום חלף אַליין טוט זיך שטרעקן.

אוודאי איז דאָ ראָלניק געבליבן דער זעלבער ליריקער וואָס פריער. די ליריק גופא איז אָבער אַן אַנדערע. פאַראַן אין איר מער ישוב־הדעת און חכמה. די רעזיגנאַציע איז שוין נישט קיין אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג, פון צו־להכ־עיסדיקן נאָך מער אָנבויגן דעם קאָפּ, נאָך אומבאַשיצטער זיך שטעלן קעגן דעם האָגל פון קלעפּ. עס איז שוין אַ רעזיגנאַציע פון טיפערער און לויטערער פאַר־שטענדעניש און דערקענטעניש. דאָס קאָן מען זען נישט פון איין ליד ראָל־ניקס אין די „נייע לידער", אָבער באַזונדערס קלאָר און טיף און ממש ביבליש קומט עס צום אויסדרוק אין אַזוינע לידער „ווי גוט עס איז צו שטיין אין וואַלד און זיין אַ בוים צווישןביימער" (ז' 118, ג. ל.), אין דעם וואונדערלעכן פאַראַ־באָלישן ליד (אויף דעם זעלבן זייטל) „דער מענטש איז צו אַ יונגן מלך גלייך", וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַזאַ פיינעם לירישן פסוק: „אַז וואויל איז דעם מלך, וועמעס בערגל ערד וואַרט אויף אים אין מיטאָג־שעה", אין הייסער זון" און אין דעם צאַרטן „פוכיק־גרינגן" ליד „לערן זיך ביי דער לבנה", וואָס גע־הערט צו יענעם מין לידער, וואָס ראָלניק זאָגט וועגן זיי, אַז זיי „צערטלען זיך אין דיר; און ווילסט זיי נישט פאַרניכטן פאַרוויען דער פּען און דעם פּאַפּיר":

לערן זיך פון דער לבנה:
גיין דורך גאַסן שטילערהייט,
זאָל מען דיינע טריט נישט הערן,
נישט פאַרנעמען דיינע רייד.

לערן זיך פון דער לבנה:
זיין אין שפּעטער שעה אַליין,
און אַהינטער יעדן וואָלקן
אויף אַ ווײַלע אונטערגיין.

לערן זיך פון דער לבנה:
אין דעם חודש'ס הויכע נעכט —
מיטן הימל זיך צו שיידן
זאָל ביי דיר זיין רעכט.

דער, ווען ראָלניק און זיין ליד זענען שטענדיק געווען נאָענט, האָט אַ באַזונדער געפיל פון גענוס און פרייד, ווען ער קומט צו די „נייע לידער". מיט וואָס פאַר אַ פריש, יוגנטלעך געפיל ראָלניק הייבט־אָן זינגען זיין באַנייט ליד, נאָך דעם ווי „גאָט האָט פאַרנומען זיין געבעט" און „אים געהאָלפן זיך דערמאָנען דאָס דאָרפישע לשון" און זיין „האַרץ ווערט ווידער ליכטיק און יונג".

אין דעם ליד „דער חודש מע־יץ", וואָס מיט אים עפנט זיך פאַקטיש די סעריע „ווי פאַר די אויגן", פילט מען ממש בחוש די ליכטיקייט, וואָס איז אויפגעגאַנגען פאַר דעם דיכטער. פאַראַן אין דעם ריטם פון ליד אַזוי פיל פריידיקע באַוועגלעכקייט. דאָס אײַנגעלויכטע אויג שפּרינגט פון בילד צו בילד. באמת, אַ מענטש האָט זיך נאָך לאַנגע יאָרן אומגעקערט אַהיים און קאָן זיך גאָרנישט אָנזעטיקן און אָנפרייען מיט די היימישע זאַכן וואָס גריסן זיין צוריקקער.

אין דעם ליד „דער חודש מערץ", וואָס פאַרענדיקט זיך מיט די דאָזיקע פיר שורות:

דער חודש מערץ קומט אָן אין דאָרף
מיט ברייטע און הילכיקע בשורות.
מיין האַרץ ווערט ווידער ליכטיק און יונג,
ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות.

איז ראָלניק נאָך אָבער אַלץ אין ניו־יאָרק, אַפילו אין געדאַנק. ער ווייסט, אַז ער שרייבט אין דער פרעמד אַ ליד וועגן דער היים. צווישן די „נייע לידער" זענען אויך נאָך פאַראַן אַ צאָל אַזוינע לידער, וואָס האָבן צו טון מיט ראָלניקס פריערדיקע טראַגישע איבערלעבונגען, מיט זיין געפיל, אַז ער איז אַ נישט־גע־

בעטענער גאסט אויף א פרעמדער שמחה. ער איז נאך דא און דארט ממשיך זיין וויכוח מיט דער וועלט. ער האלט נאך אלץ אין ציען גרענעצן צווישן זיך און אנדערע. ווי אין די לידער „אויף גאטס באראט", „אינקאגניטא", האלט ער זיך נאך אין איין אפצוימען אין זיינע דלת־אמות און ווי אין איין פארבאַריקאדירן זיך אין זיין איינזאמקייט און אפגעזונדערטקייט. ווי אמאל, האלט ער זיך נאך אין טרייסטן דערמיט, וואס ער דארף נישט קיין סך. „פיר זוניקע טריט", זאגט ער, איז גענוג „פאר אים און זיין ליד". (זע: „איך דארף נישט קיין מייליקע ווייטן", ז' 121, ג. ל.).

דער דאזיקער געמיט פון נייעם און אלטן איז גורם, אז דאס בוך „נייע לידער" זאל אין דער אמתן מיט זיך פארשטעלן אן איבערגאנג־עטאפ אין ראלניקס שאפן.

ווי מען קאן זען פון א צאל לידער, האט ראלניק אין דער צייט, וואס ער האט געשריבן דאס בוך, זיך נאך נישט געריכט אויף די צענדליקער אין צענדליקער נייע און וואונדערלעכע לידער, וואס ער האט מיט עטלעכע יאר שפעטער פארעפנטלעכט אין זיין בוך „א פענצטער צו דרום". עס האט זיך אים אלץ געדאכט, אז דאס איז שוין דער סוף. דאס געפיל, אז דאס זענען זיינע לעצטע טעג, האט אים שטארק איבערגעוועלטיקט. עס האט אים אויסגעוויזן אז:

. . . יעדן אינדערפרי
דער לעצטער טאג קומט אן . . .

און אז

אויף אלע זייטן פון דעם טאג
איז זונענאונטערגאנג . . .

נישט געקוקט אבער אויף דעם געפיל, אז דער לעצטער טאג קומט־אן און אויף דעם וואס, ווי ראלניק זאגט אין אן אנדער ליד, ער האט

. . . . . דעם טויט
אזוי ליוביק אנגעטאפט.
ער זיצט אין מיינע אינגעווייד
און דורך מיין דופק קלאפט (ז. 140, ג. ל.)

הערט מען אין דעם דופק פון די מערסטע פון די „נייע לידער" פיל שטארקער דאס קלאפן פון לעבן, ווי פון טויט. ראלניק האט דווקא דאן, ווען ער איז פיזיש געווען שטארק קראנק, זיך שעפעריש צעבליט. נישט אומזיסט פארענדיקט ער א ליד געווידמעט מאני לייבן מיט די דאזיקע הייטערדיקע און אנזאגערישע שורות:

אין מדבר־טעג, אין זומער־שפּעטן
האָט זיך אַ לידער־בוים צעבליט...

איצט ווייסן מיר, אַז דאָס בוך „נייע לידער" איז געווען אַן אָנזאָג אויף דעם „צעבליטן לידער־בוים" אין דעם בוך „אַ פענצטער צו דרום", וואו ראָלניק איז כמעט אין גאַנצן פריי געוואָרן פון די דריקנדיקע שטימונגען, פריי געוואָרן פון דעם שיפלות־געפיל און דעם געפיל פון איבעריקייט און אָפּגעפרעמדקייט. זיין איינגעבוירן קינסטלעריש געפיל, זיין איינגעוואָרצלטע נייגונג צו מאָלן אין שילדערן, האָט באַקומען די אויבערהאַנט. ער האָט מער נישט געברויכט זיין קונסט אַלס מיטל אויסצודריקן זיינע ליידן, זיך אויסצוטענהן מיט דער וועלט, צו דערמאָנענען וועגן זיך און צו בעטן רחמים ביי גאָט און ביי מענטשן. ער האָט זיין קונסט אָנגעהויבן צו געברויכן פאַר איר אייגנטלעכן און אָריגינעלן ציל: צו מאָלן די נאַטור, די היימישע לאַנדשאַפט, דעם היימישן לעבנס־שטייגער, פון וועלכע זיין ליד איז אַרויסגעוואַקסן און פון וועלכע עס איז שטענדיק געגנערט געוואָרן. אין דעם „פענצטער צו דרום" האָט ראָלניק צוריק פאַרקניפּט דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון זיין עפּיש־לירישן ליד, צוריק גענומען מאָלן בילדער פון היימישן לעבן, און טון דאָס מיט טיפער אינעווייניקסטער פרייד און באַפרידיקונג. צום ערשטן מאָל פילט מען ביי ראָלניקן, ווי ער איז גרייט מיט אַ פולן מויל צו זאָגן כי טוב.

מיינע געדאַנקען גייען אַהיים,
ווי סטאַדעס רינדער און שאָף,
ווען די זון שטייט ביים זוים
און דער טאָג איז ביים סוף.
אין וואָכן און אין טרוים
גייען זיי אַהיים...

אַ פענצטער צו דרום

די באַפרידיקונג און פרייד וואָס ראָלניק האָט געפילט ביים שרייבן די לידער אין „אַ פענצטער צו דרום", נעמען זיך אין דער ערשטער ריי דערפון, וואָס ער איז צוריק אין דער היים, וואו ער קאָן זיין געפיל מאָלן און שילדערן דעם פרייסטן אויסדרוק. די בילדער זענען אַזוינע פולע און אויספירלעכע, גלייך ווי דאָס וואָס ווערט אין זיי געמאָלן און געשילדערט וואָלט געשטאַנען נישט „ווי פאַר די אויגן", נאָר טאַקע בפועל־ממש פאַר די אויגן.

אין דער אמתן אָבער, זענען די זאַכן נאַטירלעך פאַר די אויגן נישט גע־שטאַנען. אַלץ איז געשעפּט פון זכרון. וואָס ער זעט, זעט ער מיטן אינעווייניקסטן אויג. פון אַ ריין פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט וואָלט געווען אינטערע־

סאַנט צו וויסן, ווי אַזוי און אונטער וועלכע סטימולן די בילדער האָבן אויפגעטויכט אין דיכטערס זכרון. טייל פון די לידער זעט מען, זענען אויפגעקומען על־פּי אַסאָציאַציעס:

איך זיץ ביים פענצטער וואָס צום הויף
און זע: עס גייען מיט די טרעפּ אַרויף
צוויי מענטשן אין ווייסן אָנגעטאָנען.
זיי האַלטן באַרשטן אין די הענט —
דאָס זענען פאַרבער וואָס ווייסן די ווענט;
עס הייבט זיך מיר אָן צו דערמאָנען:
אַן אַנדער ערד, אַ גרינער גראָז,
אַ וואַסער ברייט און גלאַט ווי גלאָז —
געקומען דער זומער צו פאָרן.
מיין טאַטנס הויז, מיין טאַטנס מיל,
צוויי שטיינער רודערן פויל און שטיל —
אַ מענטש גייט אַלץ אַרויף, אַראָפּ;
ער האַלט אַ מעסטל אויפן קאָפּ,
טראָגט ווייסע מעליקע קליידער. (דעראינערונג, ז. 111)

עס איז קלאָר ווי אַזוי די דעראינערונג אין דעם ליד איז אויפגעקומען. די פאַרבער אין די ווייסע קליידער האָבן אַרויסגערופן אין זכרון דאָס געשטאַלט פון דעם מענטשן, וואָס גייט אַרויף און אַראָפּ אין ווייסע מעליקע קליידער. באַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט פון ראַלניקס קונסט איז, וואָס די דערמאָנונג ווערט אַרויסגערופן דירך זינלעכע, אַנשוילעכע אָנרעגונגען. די ווייסקייט פון די פאַרבער רופט אַרויס אין זכרון די ווייסקייט פון די מילנער.

פאַראַן אָבער אויך אין „אַ פענצטער צו דרום", לידער וועגן דערמאָנונגען, וואָס זיי טויכן אויף, ווי אומגעריכט, אָן שום קאָנטיקן סטימול, ווי, למשל, אין דעם ליד „רו", וואָס מען קאָן צוליב דער קורצקייט ציטירן אין גאַנצן:

דער הייסער טאָג האָט זיך אויף אַ ווײַלע צוגעלייגט
און אָפּגערוט האָט זיך די גאַנצע וועלט.
די רעדער פון הימל, ווי די רעדער-גאַנג
פון מעל האָבן זיך אָפּגעשטעלט.
(די מילנער קלייבן זיך די שטיינער שמידן)
דער וועג איז ווייס און לער.
מען זעט נישט קיין פור אויף וואָרסטן-לאַנג
אַפילו נישט קיין דורכגייענדיקן גוי אָדער יידן.
עס איז דריי בייטאָג. דעם טאָגס ברעמען זענען שווער.

קאָן מען אַזאַ ליד אָנרופן אַ דערמאָנונג, עפּעס אַזוינס וואָס מעמוארן־שרייבער פאַרצייכענען? עס איז קיין ספק נישט אַז דאָס איז עפּעס וואָס דער דיכטער האָט געזען און איבערגעלעבט גאָר אַמאָל, אפשר אין זיין פריסטער קינדהייט. אָבער עס איז נישט קיין דעראינערונג, נאָר אַ ליד, אַ פּאָעטיש בילד. עס איז גיכער עפּעס וואָס דער דיכטער האָט אין זיך יאָרן־לאַנג ארומגעטראָגן ווי אַן אָנרעגונג צו אַ ליריש ליד און וואָס איז אין אַ שיינעם טאָג רייף געוואָרן און געקראָגן אַ קינסטלערישן און פּאָעטישן תיקון. פאַראַן אַ סך אַזוינע לידער אין דעם „אַ פענצטער צום דרום", וואָס ווייזן אַז ראָלניק איז נישט אַזוי אויסן געווען זיך צו טיילן מיט דער וועלט מיט זיינע זכרונות פון דער אַלטער היים, ווי זיך דיכטעריש אַליין אַהין אריבערטראָגן און פאַרווירקלעכן זיין לאַנגאָניקן קינסטלערישן חלום, דערפילן זיין קינסטלערישן חוב צו דער ערד, וואָס ווי ער זאָגט:

...איך האָב פון... מיין טאַטן געאַרבט
און מיט מיינע בעסטע פאַרבן געפאַרבט... (זע ערד, ז. 208, ג. ל.)

אָבער אפילו נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון „דערמאָנונג" זענען די לידער וויכטיק נישט נאָר מיט דעם, וואָס אין זיי ווערט געשילדערט אַ געוויסער פאַקט, אָדער עפּיזאָד פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך מיט דעם וואָס עס ווערן אין זיי אויף אַ טיף־לירישן אופן אויסגעדריקט די געפילן און שטימונגען וואָס האָבן דעם דיכטער באַהערשט אין יענער צייט.

אין דעם ליד „די שריפה", איינס פון די סאַמע בעסטע מוסטערן פון ראָלניקס דערמאָנונג־קונסט, קומט באַזונדער קלאָר צום אויסדרוק ראָלניקס קאָנען זיך דערמאָנען נישט נאָר אין דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען, נאָר אויך אין דעם וואָס ער האָט געפילט און איבערגעלעבט:

נישט דעם הויכן קלויסטער־גלאָק, וואָס רופט געפאַר...
און נישט דעם אויסגעצויגענעם געשריי: פּאַזשאַר!...
פון גאַס האָב איך דערהערט אין יענעם טרוקענעם בייטאָג;
נאָר די פּלוצימדיקע שטילקייט אין די הונדערטער הענט,
וואָס האָבן די גמרות צוגעמאַכט און דעם פלאַטער
פון בלעטער
און דעם יאָג
פאַרביי מיר
צו דער אויסגעפּראַלטער טיר
האָבן מיט שטומקייט געשריען: עס ברענט!
און מיך פון מיין פאַרטראַגנקייט אָפּגעווענדט.

אויסער די וואונדערלעכע דעטאַלן, וואָס לעבן אַזוי קינסטלעריש אויף דאָס בילד, איז שוין אין די ערשטע שורות געגעבן די עמאָציאָנעלע רעאַקציע פון דיכטער. די דאָזיקע רעאַקציע פילט מען אין גאַנצן ליד. באַלד נאָך דעם ווי ראָלניק גיט איבער מיט אַ סך רעאַליסטישע דעטאַלן די געשעעניש גופא, גייט ער איבער צו דעם עיקר, צו דעם וואָס מאַכט פון דער דערמאָנונג אַן עכט לירישן ליד:

אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט
האָב איך דערזען, ווי אויף דער וואָר,
אויף דער צווייטער זייט פון שטאָט אַ געזינד זאַלבעאַכט,
צווישן זיי אַ מיידל מיט טיף־רויטע האָר.

ווי איך וואָלט געווען דער דאָזאָר פון שטאָט,
וואָס אַלעמענס זאָרג טוט ער טראָגן,
האָב איך זיך געלאָזט מיט געוואַגטן טראָט
איבער דער לאַנגער גאַס יאָגן.

און רייצנדיק זיך מיט פיין און געפאַר
בין איך געלאָפן איבערן הייסן זשאַר,
דעם ראַק איבער די אויגן אַריבערגעצויגן,
מיט שפּעלטלעך צווישן די אויגן.

עס האָבן זיך געררויכערט דאָ און דאָרטן
אַ ברוש פון אַ שטוב, אַ זשערד פון אַ גאָרטן.
די לופט איז געהאַנגען הייס און רויט,
ווי נאָך אַ שלאַכט דאָס פעלד פון טויט.

איך האָב זיי געפונען איידער וועלט האָט געטאָגט —
דאָס האָרץ די פיס האָט אונטערגעיאָגט.
און ווייל איך האָב מיין לעבן געשטעלט אין קאָן,
האָב איך זיך צו איר פון דעמאָלט אָן

פאַרבונדן אויף יאָרן נאָכאַנאַנד,
ווי צו אַ בוים געפלאַנצט מיט דער אייגענער האַנט.

דער גאַנצער עפּיזאָד איז דאָ געגעבן מיט דער פרישקייט פון אַן אָקאָרש־טיקער איבערלעבונג. באַזונדערס אינטערעסאַנט און פּסיכאָלאָגיש אויסגע־האַלטן, און אפילו מיט אַ געוויסן שטילן הומאָר, איז געשילדערט דער פאַר־לאַנג פון דעם יונגן אינגל אויסצונעמען מיט זיין העלדישקייט ביי דעם מיידל מיט „טיף־רויטע האָר". ליריש און ראָמאַנטיש ווי די שילדערונג זאָל נישט זיין איז זי דורכאויס רעאַליסטיש. די איינצלהייטן וואָס שטעלן צונויף דאָס

בילד זענען די סאַמע געוויינלעכסטע. אַזוי אויך דאָס לשון, אַלץ צוזאַמען איז אָבער ריטמיש אויפגעזאַמלט און פאַרגאַנצט, דורכגעדרונגען מיט אַ פייער־לעכער מוזיקאַלישקייט און דורכגענומען מיט אַן אומרואיק און אינטענסיוו ליריש געפיל.

כמעט אַלע לידער אין „אַ פענצטער צו דרום" זענען צוזאַמענגעשטעלט פון פּראָזאַאישע טאָג־טעגלעכע געשעענישן. די שטייגער־דעטאַלן פאַרנעמען אין די לידער אַזאַ גרויסן פּלאַץ און זענען געגעבן מיט אַזוי ווייניק זינגעוו־דיקייט און פּאָעטישער אַקצענטירונג, אַז אין אָנהייב ווען ראָלניק האָט גענומען פאַרעפנטלעכן די לידער האָט מען געמיינט אַז מען האָט דאָ צו טון מיט פּראָזע. ראָלניק האָט זיך נישט געשראָקן אָנצוהייבן אַ ליד אַזוי נישט „פּאָעטיש" ווי:

שבת נאָך וואַרמעס, אַז מען גייט אַרויס
איז דער וועג ווי אַ מדבר זאַמדיק און הייס.
אָבער דאָס ערשטע בריקל איז באַלד דערביי.
(„ברויט פון קעשענע", ז. 157).

ער האָט אויך געקאָנט זיך פאַרגינען, אַזוי פּראָזאַאיש־אויספירלעך, אָן אַ טראָפּ ניגון, אָן עמאָציאָנעלער אַקצענטירונג, נאָר בלויז מיט גוטער באַאָבאַכ־טונג־קראַפט און שטייגער־הומאָר, דערציילן אין אַ ליד וועגן אַ „בהמישן גע־זינד" וואָס זיין משפחה האָט געהאָדעוועט אַרום דער מיל:

מיין ברודערס רויטע קו מיטן ווייסן דיאַדעם
אויפן קליינעם קאָפּ און געטאָקטע הערנער צוויי.
אַ גרויסהאַלטערקע געווען,
אַזוי ווי די שוועגערין מיינע און אויך ווי זי
אַ שלעכטע: אַוואו געגאַנגען אַ שטויס, אַ וואָרף
(מען האָט זי געבראַכט פון אַן אַנדער דאָרף).

אין פאַרגלייך מיט זינגעוודיקע, עמאָציאָנעל־אָנגעזעטיקטע לידער פון די „יונגע", אין פאַרגלייך אפילו מיט ראָלניקס אייגענע מן־המצר לידער פון די פריערדיקע יאָרן, האָבן די נייע לידער באמת שיעור נישט געקלונגען ווי פּראָזע.

די פּראָזאַאישקייט איז אָבער געווען בלויז אַ דרויסנדיקע. זי איז דער־עיקרשט באַשטאַנען אין אַ געוויסער פרייקייט פון ריטם, אין דער גראַמער, אויב נישט לויזער קאָנסטרוקציע פון דער סטראָפע, וואָס האָט מעגלעך גע־מאַכט דאָס קאָנען אַרייננעמען וואָס מער רעאַליסטישע דעטאַלן. אין תוך אָבער, זענען די לידער געווען נישט נאָר וויכטיק מיט זייערע אויספירלעכע תמימות־דיקע שילדערונגען, נאָר אויך וויכטיק מיט זייער פּאָעטישקייט, מיט דער ליריי־

שער עמאָציע, מיטן דערהייבן דעם געשילדערטן עפּיזאָד צו אַ העכערן אָפּט אפילו סימבאָלישן און אוניווערסאַלן באַטייט.

עס איז כּמעט נישט פאַראַן קיין איין ליד אין „אַ פענצטער צו דרום" ווי פּראָזאַאיש עס זאָל זיך נישט אָנהייבן, ווי מעמואַריסטיש עס זאָל נישט אויסזען אין די ערשטע סטראָפן, אַז עס זאָל זיך נישט פאַרענדיקן מיט אַ שלום־סטראָפע פון טיפער פּאָעטישער אינטענסיווקייט, פול מיט געפיל און שטימונג.

אַמאָל פאַרענדיקט זיך די דערמאָנונג מיט אַ לירישן קאָמענטאַר, ווי דאָס טיף־עטישע און טיף־יידישע ליד „אַ פלעק", וואו עס ווערט דערציילט ווי אַזוי דער דיכטער האָט זיך נישט געוואָלט לאָזן דערקענען צו איינעם פון זיינע פעטערס, וואָס האָט געהאַט דעם אומגליק צו ווערן אַ הייזער־גייער:

שוין אַ בחור׳ל מיט אַ באַוואָנצלטער ליפּ,
אין אַ מילדער, פאַרנאַכטיקער שעה,
האָב איך, קומענדיק אין אַ שכנישן הויז,
אין אַ דאָרף צוויי צענדליק ווי אַרסט ווייט,
דערזען מיין דערוויטערטן פעטער
זיצן מיט דער טאָרבע ביים זייט
און דעם שטעקן ביי דער רעכטער האַנט
ווי עס זיצן געווייגלעך אָרימעלייט.
איך האָב מיין פעטער באַלד דערקענט
אָבער מיין פּנים צו אים נישט געווענדט.
איך האָב מיט ווייטיק ביי זיך געטראַכט:
די וועלט איז דאָך אַזוי גרויס און ברייט,
פאַרוואָס גראָד היינט און פונקט אָט דאָ,
צווישן די דאָזיקע פרייכטלעכע ווענט,
האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך זיין מיאוסן ברויט?
ערגעץ הינטער אַ לאַץ ליגט ער פאַרדעקט,
אָבער ער איז נישט פאַרגאַנגען, דער פלעק,
וואָס איך האָב אים מיין האַנט נישט אויסגעשטרעקט.

אָפּט האָט מען ביים לייענען די לידער, דעם איינדרוק, אַז די לירישע שטימונג איז ערשט אויפגעקומען ביי ראָלניקן בעתן שרייבן דאָס ליד; אַז לכתחילה האָט ער געוואָלט בלויז אויפשרייבן אַ דעראינערונג, אָבער בעת דעם שרייבן האָט די דערמאָנונג אויפגעוועקט דעם פּאָעט אין אים, אַרויסגערופן אַ שטראָם פון געפילן און שטימונגען, וואָס פאַרווייכן, באַלויכטן און זאַפּן אָן מיט רייפער ליריק דאָס געשילדערטע.

דאָס ליד „אַ יאַריד", וואו אַלץ איז ממש מיט אַ פּראָזאַאישער אויספירלעכקייט געשילדערט, ענדיקט זיך מיט אַ סטראָפע, וואָס האָט אין זיך אַזוי פיל

פּאָעטישע פאָרשטעלונג־קראַפט און איז אַזוי בילדלעך־קאָנצענטרירט און שטי־מונגפול, אַז עס גיט אַ ווייע פון די שורות מיט עפּעס וואָס איז מיסטיש און סימבאָליש:

און ווייטער, ווייטער מיטן גראָזיקן ברעג,
איז שטילער פאַרנאַכט. עס פּאַשען זיך שאָף
און ביימער וואַשן די פינגער־שפּיצן
אין פּליטקען טייך, און פישלעך בליצן
מיט זילבער־לייבער. דאָ איז דער סוף
פון שטאָט, פון וועלט. אַ פעלדישער וועג
פירט אין אומבאַקאַנטער ווייטקייט אַוועק.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אַזוינע דערהויבענע עכט־פּאָעטישע מאָ־מענטן, וואָלטן נישט געקאָנט געמאָלט זיין אין לידער, וואָס זענען לכתחילה אפשר פאַרטראַכט געוואָרן ווי איינפאַכע זכרונות, ווען הינטער זיי שטייט נישט קיין דיכטער מיט אַ באַשטימט און איינהייטלעכן קינסטלעריש־רייפן באַנעם פון לעבן.

ראָלניק גופא שרייבט צו שיעור נישט קיין מיסטישע באַדייטונג דעם אופן ווי זאַכן קריצן זיך איין אין זכרון און גייען מיט יאָרן שפּעטער אויף פאַר דעם אינעווייניקסטן אויג פון דיכטער ווי אַ נייע און העכערע רעאַליטעט.

אָפט דוכט זיך אים אפילו, אַז אַלץ וואָס געשעט אין לעבן האָט נישט קיין אַנדער תכלית, ווי בלויז צו פאַרקריצן זיך אין זכרון פון דיכטער און פאַראייביקט צו ווערן אין וואָרט־בילדער. אין איינעם פון ראָלניקס שענסטע און טיפסטע לידער, אין דעם ליד „אַ שבת בייטאָג", קומט דאָס באַזונדערס קלאָר צום אויסדרוק:

אַ הייסער שבת בייטאָג.
די ראָד־מיל דרייט זיך פויל —
דאָס וואַסער אין טייך איז קאַרג —
די מילנער רוען זיך אָפּ.
עס שלאָפט דאָס גאַנצע הויז.
איך איינער בין וואַך און שטיי
ביים וועג וואָס פירט צום באַרג.
עס קייקלט זיך שטויב אַ קנויל
און פון קנויל שיילט זיך אויס
ווי אַ הינדלס נאַסער קאָפּ
פון דעם אויפגעבראָכענעם איי
אַ רייטער אויף אַ פערד,
אַ רייטער פון „הויף".

ער האַמערט די ערד.
דעם רייטערס האָר טראָגט דער ווינט.
דעם רייטערס שפּאָרן און פערדס בויך;
ווייסער שוים ווי יויך,
פון פערדס מויל רינט.
וואָס איז דער געלויף?
און וואָס איז דער געיאָג?
דער פּאַלאַץ האָט נישט געברענט,
פעסט שטייען דעם שוייערס ווענט,
און גאַנץ — די קי אין די שטאַלן.
נישט אַנדערש — אים איז איינגעפאַלן
צו פאַרקריצן אין מיין זכרון
זיין געשטאַלט אויף אַלע יאָר.

דאָ איז פאַראַן, ווי יעקב גלאַטשטיין האָט זיך אויסגעדריקט, רעדנדיק וועגן דעם ליד, „די מיסטיק פון לעבן, דאָס אומפאַרשטענדלעכע".

און נישט נאָר אין דעם ליד, נאָר אויך אין פיל אַנדערע לידער איז ראַלניק דערגאַנגען צו דעם מיסטישן און אומפאַרשטענדלעכן, וואָס שטייט הינטער יעדן לעבנס־פאַקט, און הינטער יעדער נאַטור־דערשיינונג.

*
**

איך פאַרשפּאַר צו זאָגן, אַז מיטן אָפּשטעלן זיך אויף אַ קליינער צאָל לידער פון „אַ פענצטער צו דרום", האָב איך נישט אויסגעשעפּט דאָס בוך. עס זענען נאָך פאַראַן גענוג לידער אין דעם בוך, וואָס פאַרדינען, אַז מען זאָל זיך אויף זיי אָפּשטעלן. אין יעדן פון די לידער איז פאַראַן עפּעס, וואָס פאַרחידושט און באַגייסטערט. די קינסטלערישקייט פון דער גרעסטער צאָל לידער איז אומעטום אַ רייפע. די שילדערונגען זענען דורכגענומען מיט אַזאַ דערהויבענעם געמיט, אַז מען האָט צומאָל מער ווי בלויז אַ זינלעכן, עסטעטישן גענוס. עפּעס האָט מען דאָס געפיל, אַז מען האָט דאָ צו טון נישט מיט די לידער, נאָר מיט מעשים טובים, ווי דער „גאָט פון לידער", וואָלט באמת פאַרנומען ראַלניקס געבעט און אים באַוויליגט צו שרייבן:

..... ליכטיקע לידער
ווי ליכטיקער טוי באַגינען אין פעלד,
ווי ווייסע און ליכטיקע הייליקע ברידער
וואָס גייען דערלייזן די פינצטערע וועלט.

און נישט נאָר אין די דעסקריפּטיווע דערמאָנונג־לידער אין דעם בוך „אַ פענצ־טער צו דרום", האָט ראַלניק דערגרייכט נייע הייכן, נאָר אויך אין די מער

קאָנווענציאָנעלע און טראַדיציאָנעלע ריטמען, פערזן־מאָסן און זשאַנערן. דאָס ליריש־ספּאָנטאַנע ליד, דאָס ליד וואָס קומט פאַרן דיכטער אַליין אומגעריכט און וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע פאַזן פון ראָלניקס שאַפן, איז אויך פאַראַן אין דעם בוך. אויב אָבער די פריערדיקע לידער פון דעם מין זענען זיי גיכער געווען ווי אַ פּלוצימדיקער אויסגעשריי אין דער מיט פון אַ טיפן פיינפולן נאַכטיקן שווייגן, איז אין די אינספּירירטע ספּאָנטאַנע לידער פון אַ „פענצטער צו דרום״ פאַראַן די פרייד פון דערפילן ווי עפּעס וואָס איז לאַנג געלעגן אין די טיפענישן פון זכרון גיט מיטאַמאָל אַ בליץ אויף און ווערטער קומען אָן „גנאַדיקע און פרומע״ און דריקן אויס דאָס סאַמע עיקרדיקע, דאָס פּאָעטיש־שטימונגפולע, וואָס איז פאַראַן אין זאַכן און דערשיינונגען:

דער זייגער איז צען,
עס איז פרייטיק צו־נאַכט.
איך גיי אַרויס זען
וואָס טוט די נאַכט.

אַ שפּעטע שעה,
דער שניי איז שטייף,
דער הימל — בלאָ,
די לבנה — רייף.

ווי אַ ווירע גלייך
— איז ווייסער טראַקט
דער אייז אויפן טייך
פּאַלט איין און קנאַקט.

צוויי גרינע שטערן
אויפן ווייטן שניי,
מען קאָן אַזש הערן
וועלפיש געשריי.

פון נאַקעטע שפּאַלן,
פון וואַלד געבראַכט,
שלאָגן אָפּ שטראַלן
אין דער נאַכט.

אָבער נישט אַזוי אין דער צאָל באַזונדערע קינסטלערישע לידער ליגט די באַדייטונג פון דעם בוך „אַ פענצטער צו דרום״, ווי אין דעם וואָס אַלס גאַנצע איז דאָס בוך אַ מין פינאַל, אַ מין פינפטער אַקט צו ראָלניקס לעבנס־דראַמע.

ראַלניקס שאַפן, וואָס דער רויער מאַטעריאַל פון דעם איז שטענדיק געווען די ווירקלעכקייט, זיינע טאָג־טעגלעכע איבערלעבונגען. ווען מען נעמט דאָס אַלס גאַנצע, שטעלט עס מיט זיך פאָר ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, נישט נאָר אַזוי פיל און אַזוי פיל בעסערע און ערגערע לידער. עס האָט אַן איינהייטלעכן כאַראַקטער. עס איז אַ גאַנץ ווערק, אַ מין לירישע עפּאָפּייע, מיט אַ רייע דראַמאַטישע און טראַגישע מאָמענטן. אמת, די „פּאַבולע" פאַר דעם ווערק האָט נישט דער אויטאָר אַליין פאַרפאַסט, אָדער צוגעטראַכט. אַ העכערע קראַפט האָט פאַר אים פאַרפאַסט די „פּאַבולע". עס איז אָבער געווען דאָס אייגענע זוכן אַ לייזונג און אַן אויסוועג, — עס איז געווען דאָס פאַרלאָזן זיך אויפן לידס באַראָט, דער גלויבן אין דער דערלייזערישער קראַפט פון דיכטונג, וואָס האָט ראַלניקן געבראַכט צו דעם עפּילאָג פון זיין לעבנס־דראַמע, צו זיין דיכטערישן צוריקקער אַהיים.

זעלטן ווען עס געלינגט אַ לירישן דיכטער אַזוי אויסצורונדיקן זיין לעבנס־ווערק. ראַלניקס לידער האָבן אין זיך די געשלאָסנקייט פון אַ קרייז: אָנגעהויבן פון דער היים און צוריקגעקומען צו דער היים. דער דיכטער וואָס אין גרונט פון זיינע לידן ליגט דער פאַקט, וואָס ער איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זיין היים, קערט זיך סוף כל סוף צוריק אַהיים.

און אַזוי שנעל ווי עס האָבן אָנגעהויבן מיט אים מיטצוגיין ווי „אויף דער וואָר דער געלער ווייץ און ברוינער קאָרן", איז אים מער נישט געווען „אומעטיק צו גיין", אפילו ווען ער האָט ווייטער געדאַרפט גיין אַליין. די פאַנטאַזיע האָט אויפגעבויט אַ העכערע ווירקלעכקייט, וואָס איר ממשותדיקייט איז נישט געמינערט פון דעם, וואָס זי איז בלויז אַ זאַך פון דמיון:

איך דאַרף קיין רשות פון קיינעמס הענט
נישט נעמען און קיינער קאָן זאָגן: „באַצאָל
מיר אָפּטרעט־געלט". דאָך, פענצטער און ווענט —
אַלץ מיינע און מיינער דער שליסל.

איך דאַרף נאָר וועלן אַביסל
און אָפן פאַר מיר איז די שטוב ווי אַמאָל.
דער שלאָג פון די טריט,
ווי אויף האַרטן גראַניט,

איז הילכיק און קיל.
פון אייגענעם ליים
געטאָקט איז דער דיל.
איך בין אין דער היים.

איך וועל דאָ איבערשטיין אַ טאָג
און איבערציילן וואָס איך פאַרמאָג.

און אויפֿן שטח פֿון גאַנצן בוך ציילט און דערציילט ראָלניק וואָס ער פֿאַרמאָגט, כאָטש דאָס איבערשטיין אין דער היים האָט זיך פֿאַרצויגן מער ווי אויף איין טאָג.

און ציילענדיק און דערציילענדיק האָט ראָלניק מיטן כוח פֿון זיין וואָרט, זיין גאַנצע אַמאָליקע וועלט ווידער באַשאַפֿן. און ווייל ער איז איר באַשעפֿער, איז ער דער גאַנצער מושל. אָבער נישט שוין מער אין דעם זינען ווי דאָס איז דער קעניג פֿערדינאַנד אין דעם ליד מיט דעם נאָמען, אָדער ווי עס איז דער דיכטער אין „ווערלענס קעניגרייך”, וואו דאָס געוועלטיקן איבער לענדער און וועלטן איז בלויז איראָנישער, אָדער וואַנזיניקער אָנשטעל. דאָ איז די ממשלה אַ ווירקלעכע. עס איז די ווירקלעכקייט אַליין, אָבער אַן אויפֿגעגאַנגענע אין דער פֿאַנטאַזיע, אַ געלייטערטע, אַ געמאָלענע אין אירע „אַלע קאָלירן” און דערפֿאַר פֿול מיט קינסטלערישן זין און פֿרייד.

עס איז אין אַט דעם זין, וואָס ראָלניק האָט אפֿשר זוכה געווען צו דער־גרייכן מער ווי וואָסער עס איז אַנדער דיכטער אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז ,זוכה געווען צו זען ווי זיינע טרוימען זענען פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, זיינע וואונטשן זענען דערפֿילט געוואָרן. ער האָט אַלץ געשטעלט אויפֿן ליד און האָט געוואונען. דאָס ליד האָט אים צוריקגעבראַכט אויף די וועגן פֿון זיין לאַנד, אויף די „וועגן פֿון לבנה־נעכט”, אויף די „וועגן פֿון דוכטעניש”, אויף די וועגן וואו עס איז „גוט צו גיין און גיין” און דערגיין צו קינסטלערישער געלייטערטקייט און גאַנצקייט.

ל. שאַפּירא

עס קלאַפּט נאָך אַן אָדער

אין סאַמע מיטן פון דער צעבושעוועטער פּראָנצוויזישער רעוואָלוציע האָט די ראָמאַנטישע שריפטשטעלערין זשאָרזש זאַנד אָנגעשריבן אַ דאָרפישן, אידיליש ראָמאַן.

— עס מאַכט נישט אויס, — דערקלערט זי אין דעם פאָרוואָרט. — דווקא איצט ווילט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּווענדן דעם בליק פון דעם בלוטיקן נעפּל.

דאָס איז מיר געקומען אויפן זכרון צוליב יוסף ראָלניקס בוך „אַ פענצטער צו דרום".

שוין דער טיטל פון בוך שלאָגט אָן דעם טאָן, און איינס פון די לידער הייבט זיך אָן מיט די שורות:

די אַלטע הויז אין זשוכאָוויץ
איז לאַנג שוין חרוב און פּאַרוויסט
— — — — — — — — — — — —
די אַלטע זענען אַוועק מיט די יאָרן,
און די יונגע זענען זיך צעפאָרן.
איך האָב דעם ישוב גוט געקענט
און וויל אויפשטעלן צוריק זײַנע ווענט.

דאָס איז, הייסט עס, נישט קיין אויסגעטרוימטע אידיליע, דאָס זענען „אויסגעשטעלטע ווענט", דאָס לעבן ממש, וואָכעדיק־יום־טובדיק. און עס האָט אַ טעם, דעם טעם פון לעבן. די מענטשן וואָס האָבן געלעבט צווישן די ווענט האָבן מסתמא נישט געפילט אידיליש. אָבער ביי ראָלניקן קומט עס פּאָרט אַרויס אַ פונקט ווי עס האָט פּאַסירט, אַ עס הייבט אַ איבער דעם אַ דינער ראָזיק, בלווילעכער נעפּל פון אידיליע. מענטשן, הויז־חיות, לאַנדשאַפט און גע־

מיט, דער אמאַליקער שטייגער לעבן אין זיין גאַנצער פּראַסטקייט און טיפקייט. ווי אַזוי דערגרייכט ער דאָס? ס'איז אַ כישוף, רחמנא ליצלן!

ראָלניק—שאַפן (הערט ווי איך בין שטיל). דאָס איז אַביסל פּריקרע, אָבער אַפּאַרט פון דעם — עכטע פּאָעזיע. דאָס טאָג־טעגלעכע באַקומט אַן אַראָמאַט, אַ טעם און עפּעס אַ פאַרהוילענעם זינען. (עס פאַרדריסט מיך וואָס איך מוז זיך באַנוצן מיטן פיל געפּרואווטן „עפּעס"). ער באַשרייבט אַ לעבן וואָס איז אַוועק און וועט זיך קיין מאָל נישט אומקערן, נאָר אַזוי כאַפּן דעם אָטעם פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט האָב איך נאָך ביי קיינעם נישט געזען. ער באַשרייבט דאָרט זאַכן וואָס זענען אונדז אַלעמען באַקאַנט, כמעט פאָטאָגראַפיש, וואָס מיר אַלע האָבן אויף זיי געגאַפט, נאָר — זיי נישט געזען!

דאָס וואָרט „פאָטאָגראַפיש" פירט מיך אַוועק אויף אַן עקסקורסיע אָן אַ זייט, וואָס איך האַלט זי פאַר וויכטיק. —

מ'האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע, נישט נאָר ביי אונדז, צו געברויכן די באַצייכענונג „פאָטאָגראַפיע" ווי אַ מין מעכאַניק, ווי אַ קעגנזאַץ צו קונסט. דאָס איז אַ גראָבע מיספאַרשטייעניש. פאָטאָגראַפיע מיינט „ליכט־שרייבונג". דאָס איז מיט קיין זאַך נישט אַנדערש ווי אַ צוזאַמענמישונג פון ערדן, ווי פאַרב. (?) קורץ, דאָס איז אַ מעדיום, דורכן וועלכן מענטשן קאָנען עפּעס אַרויסברענגען, אויב זיי האָבן וואָס אַרויסצוברענגען. זיי קאָנען שטעלן זייער אָביעקט אונטער באַלייכטונג פון פאַרשידענע ווינקלען, זיי קאָנען זיי נאָכדעם „אַנטוויקלען" אין פאַרשידענע טיפקייטן פון טאָן, לויט די באַדערפענישן.

עס דערמאָנט זיך א. שטיגליץ פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט זיך אויסגעריסן די קישקעס איינטענהנדיק מיט מענטשן וועגן פאָטאָגראַפיע אַלס מעדיום פאַר קונסט. עס איז געקומען דערצו אַז די ביטולדיקע באַצייכענונג „פאָטאָגראַפיע" האָט אָנגעהויבן פאַרלעצן מיינע געפילן ווי די ווערטער „זשיד" אָדער „גוי".

ראָלניקס פּראַסטקייט, ווי זיין שטילקייט, איז אַ בכיוונדיקע און צייטנווייז עפּעס אַזוי ווי אונדז אַלעמען אויף צו להכעיס — הערט ווי איך שווייג. איז, אויב איר קאָנט פאַרשליסן אייער ראַדיאָ פאַר אַ געוויסער צייט, טוט עס — און הערט אויס ראָלניקן.

ראָלניק — געשמאַק און זעטיק ווי קאָרן־ברויט. גלאַטשטיין, זעט איר, — דאָס איז שוין קאַוויאַר מיט ציבעלעס, באַטעמט און פּיקאַנט, אַ נאַשעריי איז עס, נאָר לעבן אויף דעם איז שווערלעך.

ע. פערשלייסער

יוסף ראָלניקס דיכטערישער וועג

ראָלניקס בעסטע לידער לייענען זיך אַפּט ווי לידער פון אַלטע צייטן. דאָס תפלהדיק אָנגעהויבטע יחידישע ליד, דאָס תהלימדיקע ליד פון השתפכות הנפש און לויב־געזאַנג צו גאָט, דאָס נאָסטאַלגישע ליד פון בענקשאַפט צו דער אידי־לישער פשטות פון אַלטן היימישן לעבנס־שטייגער — דאָס אַלץ איז פאַר אונדז היינט אַביסל פרעמדלעך. אַ גרויסער טייל פון דער היים־בענקשאַפט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן אימיגראַנט, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער פרעמדער אַמעריקע און לעבט כסדר מיט דער וויזיע פון דער היים, איז שוין היינט אַ זאַך פון אַמאָל. דער היינטיקער אימיגראַנט וואָס האָט זיך דערשלאָגן אַהער איז אַן אַנדערער. ער האָט זיך דערשלאָגן צו די אַמעריקאַנער ברעגעס נאָך יאָרן פון וואַנדער. ער האָט איבערגעלעבט היטלעריזם, מלחמות און רע־וואָלוציעס. ער האָט נישט איבערגעלאָזט הינטער זיך קיין אידילישע היים. זיינע טאַטע־מאַמע, זיינע נאָענטסטע זענען אַוועק אין די גאַז־קאַמערן און קרע־מאַטאָריעס. זיין אמונה, זיין גאַנצע יידישע וועלט, איז אַוועק מיט די רויכן פון די מאַידאַנעקס און טרעבלינקעס. ער מוז זיך שווער ראַנגלען צו דערזען עפּעס אַ ליכט וואָס זאָל באַשיינען דעם פינצטערן תהום פון יאוש און זינלאָזיקייט.

דאָס יחידישע ליד, דאָס ליד פון אינדיווידועלן מענטשלעכן גורל, האָט נאָך פריער באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ. די „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור" האָט גערופן דעם אין די שטילקייטן פון זיין נשמה־איבערלעבונגען אַריינגעטאָנענעם דיכטער צו ווערן דער אַפּאָסטאָל און טראָמפּייט־בלאָזער פאַר דער נייער וועלט, און נישט גריבלען זיך אין בורזשואַזער, פון דער רעאַלער וועלט אָפּגעריסענער מיסטישער שפּינוועבעריי. און נישט נאָר דער שאַלנדיקער רוף פון דער גרויסער וועלט־איבערקערעניש האָט אַריינגעדרונגען אינעם דיכטערס איינזאַם שטיבל און אים געוועקט פון זיין טראַדיציאָנעלער פאַרחלומטקייט. רעוואָלוציע,

מלחמות און די גרויס־שטאָטישע מאָדערנע ציוויליזאַציע, וואָס האָט איבערגע־אַנדערשט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן. האָבן פון דיכטער געפאָדערט אַ ניי וואָרט.

און ראָלניק?

ראָלניק האָט זיך אָפּגעקערט פון דער וועלט. פון דעם ברייטן „שליאַך דעם טומלער״, און אַוועק מיט אַ זייטיק וועגל און זיך דאָרט אויפגעשטעלט זיין ביידל. ער, דער קלוגער ליטווישער ייד, האָט באַשלאָסן צו לעבן זיך אין זיין ביידל ווי זיינע טאַטעס און זיידעס האָבן געלעבט. ס׳איז נישטאָ פון וואָס נתפּעל צו ווערן, האָט ער מן הסתם ביי זיך געטראַכט. דער רבונו של עולם איז אומעטום, און אים איז דער אמת׳ אַלץ אַנדערע איז טפל. מיט פרושדיקער עקשנות האָט ער זיך זיין גאַנץ לעבן געזונגען זיין שטיל יחידיש ליד.

דער סימבאָל פון זיין וועלט איז געוואָרן זיין מיל. ער באַזינגט זי מיט לעבנס־לאַנגער געטרייער ליבע, ממש ווי דער ריטער פון מאַנטשאַ זיין דולצי־נעאַ. ווען ס׳איז אים שלעכט, געפינט ער אין דער מיל זיינער טרייסט. אויף דער מיל, וואָלט מען געקאָנט זאָגן אין פּרווידיאַנישן לשון, האָט ראָלניק טראַנס־פערירט זיין בענקשאַפט און טרויער, זיין אידענטיפיצירן זיך מיטן אַמאָל. די מיל באַטייט: די היים, די גאַנצקייט און שלימות פון דער פּרימיטיווער פּראָס־טער וועלט פון דאָרף, דעם שטילן דורותדיקן איינגעוואָרצלטן שטייגער לעבן פון דער אַלטער היים...

קיין נייער אויפטו איז דאָס נישט.

אונדזערע אויסגעוואָרצלטע יידישע שרייבער דאָ האָבן זיך תמיד געפילט ווי פאַרבענקטע קינדער, ווייט פון דער היים... אָבער ראָלניקס אויפטו איז די עקשנות און אויסגעהאַלטנקייט מיט וועלכע ער איז געגאַנגען זיין וועג. טאַלאַנט, פּערזענלעכקייט איז קאָנטיק אין אַ גרויסער מאָס אין עקשנות און גראַדליניקייט. וואָס ראָלניק האָט געמינערט פון זיין פּאָעטישער פּאָטענץ דורך פאַרשמעלערן זיין וועג, האָט ער געוואונען דורך פאַרטיפונג און לייטערונג. ראָלניק האָט גע־אַרבעט אויף זיין קליין „איך״־ליד, ביז ער האָט פון זיין פּערזענלעכער איבער־לעבונג־ליד געמאַכט אַן אוניווערסאַל מענטשלעך גורל־ליד; אַ ליד וואָס איז אַ קינסטלערישער אני־מאמין, אַ וועלט־אַנשויאונג, ווי די דייטשן רופן עס, אַ לעבנס־וועג פון אַ אמונה, וואָס איז היינט כמעט נישט בנמצא, אָדער איז עס רעליגיאָזיטעט, דער סובסטיטוט פון אמתער אמונה, אַלץ וואָס אַ נישט־גלויביקער היינטיקער מענטש קאָן דערגרייכן?

(דאָס איז נישט פּוסטע גריבלעריי. דאָס איז די טיפסטע דילעמע פון היינ־טיקן קינסטלער, וואָס ראַנגלט זיך צווישן גלויבן און נישט־גלויבן).

ראָלניק פאַרטראָגט נישט מ׳זאָל אים פרעגן. ער האָט דאָ נישט לאַנג צוריק,

אין דער „פר. ארב. שט.״ געענטפערט קריטיקער וואָס האָבן אפּנים מעין געוועזן צו צווייפלען אין זיין אמתער אמונה. — „פון וואַנען ווייסן זיי?״ האָט ער בייז געפרעגט. זיי ווייסן פון קינסטלער.

ווי איך האָב באַלד אין אָנהייב געזאָגט, זענען ראַלניקס בעסטע לידער זיינע „פרומע לידער״, ווי קריטיקער רופן זיי, זיינע רעליגיעז אָנגעהויכטע מענטש־גורל לידער. אין זיי פאַרמאָגט ראַלניקס קליין־ליד גרויס־פּאַטעטישן אמת, וואָס איז נישטאָ אין זיין מיל (היים) לידער, מיט וויפיל עכטקייט און ערלעך תמימותדיקער פשטות זיי זאָלן נישט געשריבן זיין. אין זיינע „פרומע״ לידער איז דאָ די אַלטע, אַלטע חכמה פון רעליגיעזן מענטשן, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן גאָטס רצון, אַ רעזיגנירטער.

נידעריק, נידעריק בויג איך מיין קאָפּ
ביז צו דעם שטויב פון דער ערד,
זאָל ער, ווי שטראָמען, אַריבער מיין קאָפּ
דער זודיקער שטויב פון דער ערד.

זאָל ער, ווי שטראָמען, אַריבער מיין קאָפּ
ווי גליאיקער זודיקער ווייַן.
טיפער פון שטויב נאָך בויג איך מיין קאָפּ,
אויב עס קאָן טיפער נאָך זיין.

ראַלניקס רייפע חכמה איז שטיל רעזיגנירט אַנצונעמען דעם גורל מיט אַלע מכות און פּורעניות... שטיל — שווייגנדיק, „ווי אַ בוים אין וואַלד״... ס'איז גאָר נישטאָ ביי ראַלניקן פון חסידישן דינען גאָט באהבה, פון פריידיקער, טאַנצנדיקער לעבנס־באַיאָאונג. זיין גאָט איז דער וויַיטער, שטרענגער גאָט, דער גאָט פון תפלה־מורמלענדיקן אַנקאַרעט און נזיר, דער גאָט וואָס מען דינט אים מיט הכנעה און רעזיגנאַציע, מיט יסורים און ליידן און „געבויגענעם קאָפּ״ און פון וועמעס שטראָפנדיקער האַנט און צאָרן און טויט, וואָס ער שיקט, מען ראַטעוועט זיך מיט „קליינע לידער״...

אַ „כמו רעליגיע״, ווי ב. ריווקין האָט אונדזער גאַנצע ליטעראַטור געריפן, אָדער אַ רעליגיע?

גלויבט ראַלניק אין זיין גאָט, אָדער עס איז ביי אים, ווי ביי אַ סך אונדזערע דיכטער, מליצה, נוסח אָדער אַ נאָמען פאַר אַ סך אַנדערע זאַכן? האָט ראַלניק אמתע די לידער וואָס ער האָט געשריבן. ער האָט זיך אַליין נישט איין מאָל מן הסתם געשטעלט די פראַגע: ווער איז זיין גאָט?

אַט איז איינער פון זיינע ענטפערס, דער אויפריכטיקסטער און קלאָרסטער:

איך האָב מיין גאָט, אַ יתום פון גאַס,
אין הויז צו זיך אַריינגענומען,
איך האָב אים געהאָדעוועט אויף מיין צער,
און ווי אַ קלייד אים געגעבן מיין נאָמען.

פון אַלע קינדער אין מיין שטוב
איז ער מיר טייערער געוואָרן.
נאָר ווי אַ געהלומטער גאָלדענער רינג,
ווערט ער אָפט פון מיר פאַרלאָרן.

און וואָכן און חדשים לאַנג —
איך קאָן אים נישט געפינען.
איך וואָלט אים גערופן פון עק וועלט,
גייט זיין נאָמען אַרויס פון זינען.

אין יענע טעג איז לעבן נישט ליב,
הימל נישט הויך, זון נישט טייער,
אין שטוב איז טיש און בעט נישט זיס
און אויסגעברענט אויפן טאָק דער פייער.

אַ קלאָרער ענטפער.

ראָלניק האָט אַ סך דערגרייכט אויפן זייטיקן וועג, וואָס ער איז זיין גאַנץ לעבן געגאַנגען. אָבער ער האָט באַצאָלט דעם פּרייז פאַר זיין „עסקעיפּיזם”: זיין ליד מיט זיין גאַנצער שלימות און עכטקייט איז נישט ווי פון אַ דיכטער, וואָס איז געגאַנגען מיט אונדז, געלעבט מיט אונדז, נאָר ווי פון אַ זייטיקן, אין צייט און געמיט אָפּגעווייטערטן פון אונדז...

זיין „אַפילו” פאַרן היינט־צייטיקן לייענער — האָב איך מורא — איז אַ באַגרענעצטער. אָבער דער גוטער לייענער זיינער, „זיין לייענער”, וועט דעם דיכטער — אפשר מער ווי אַן אַנדערן, אַ ברוויזנדיקערן, פאַרביקערן, מאָדערנערן דיכטער — אונטערטראָגן ליבשאַפט און יראת־הכבוד פאַר דער מאָראַלישער שטאַרקונג, וואָס ער וועט פון אים קריגן.

(פ. אַ. ש. יוני 9, 1950)

איציק מאנגער

דער ליטוואַק אין דער לאַנדשאַפט

(צו יוסף ראָלניקס 75טן געבוירנטאָג)

דער זיידע ר׳ מענדעלע איז ווי באַוואוסט געווען אַ האַרבער ליטוואַק. אויף אַ סך זאַכן אין יידישן לעבן האָט ער געקרימט מיט דער נאָז, איבער אַ סך יידישע פּירעכצן האָט ער ביטער געשמייכלט. קוקנדיק אויפן גאַנצן יידישן הולך האָבן זיך זיינע אויגן פאַרוואָלקנט:

— נאָט אייך אַ קאַבצאַנסק און אַ טוניעיאַדעווקע און האָטס הנאה.

אָבער ווי נאָר די בויד האָט זיך אַרויסגעקאַטשעט פון די ענגע פאַרקוי־טיקטע געסלעך און ר׳ מענדעלע האָט דערזען פעלד און וואַלד, גראָז און בוים, פלאַטערל און פויגל, האָבן זיך ביי אים די קנייטשן פונעם שטערן אויסגע־גלייכט, זענען ביי אים די אויגן געוואָרן קלאָרער, און דער ביטול־שמייכל איז פאַרשוואונדן פון זיינע ליפּן.

אין אָנזיכט פון דער לאַנדשאַפט איז דער קאַריקאַטוריסט געוואָרן אַ מאָלער, דער סאַטיריקער אַ ליריקער.

אין קאָנטעקסט פון מענדעלעס ווערק איז די לאַנדשאַפט אַ מין קעגנשפּיל צום יידישן לעבן, אַ מין פאַראַבל פאַר עפּעס וואָס איז האַרמאָניש און גאַנץ אַנטקעגן דעם וואָס איז צעשויבערט, פאַרקרימט און משונהדיק.

ביים „אוקראַאינישן" שלום־עליכם שפּילט שוין נישט די לאַנדשאַפט די זעל־ביקע ראָל. ער זעט זי נישט כמעט. טוביה דער דאָרפס־ייד איז ווינציקער מחותן מיט דער לאַנדשאַפט ווי דער שטעטלדיקער ר׳ מענדעלע. זיינע יאַזדעס קיין בויבעריק און צוריק זענען אויסגעפילט מיט מאָנאָלאָגן וועגן דעם מזל פון זיינע טעכטער. וועגן זיינע צרות מיט הראַמאָדע און דעם בטחון אין דעם וואָס לעבט אייביק.

טאָמער דערזעט ער אַמאָל אַ בוים אויפן וועג, איז דאָס נאָר דערפאַר ווייל

ער דאַרף מאַכן אַן הפסקה. זיך דערמאָנט, אַז אַ ייד דאַרף דאַווענען מנחה. אַפּ־געדאַוונט, פאַרשווינדט דער בוים, גלייך קיין מאָל נישט געווען, און ווייטער ציט זיך דער מאָנאָלאָג וועגן זיין טאַכטער האָדל, זיין טאַכטער צייטל און זיין טאַכ־טער ביילע.

גאַר־גאַר ווינציק, כמעט גאָרנישט, פילט זיך די לאַנדשאַפט ביים „פוילישן" י. ל. פּרץ. די „צוויי בערג" זענען נישט קיין בערג, נאָר יידן. דער בריסקער רב און דער ביאַלער רבי. דער עקסטאַטיקער פּרץ גייט אַרום ווי די העלדינס פון זיין פאָלקסטימלעכער געשיכטע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן זעט ער קלאָרער די יידישע זעלישע לאַנדשאַפט, וואָס איז פאַר אים וויכ־טיקער ווי די שיינקייט פון דער אַרומיקער נאַטור.

צווישן אונדזערע קלאַסיקער איז ר' מענדעלע דער איינציקער. דווקא ער, דער ליטוואַק, האָט געעפנט דאָס יידישע אויג פאַר גאָטס וועלטל אַרום, און אַן עקזאַלטירטער געמורמלט: „אַי, ווי שיין!"

פון זינט מענדעלע האָבן די ליטוואַקעס כמעט ווי אַ חזקה אין אונדזער שיינער ליטעראַטור אויף צו מאָלן די נאַטור. זיי געהערן צו אונדזערע שענסטע נאַטור־פּאָעטן:

פון דוד איינהאָרנס ציטערדיקער בעריאָזקעלע ביז לייוויקס פּרעכטיקע שניי־לאַנדשאַפטן, משה קולבאַקס וואַסער־ און וואַלד־געמעלן, גראַדעס אויסגעצייכנטע בערג־הימנעס און יוסף ראַלניקס סובטעלער נאַטור־סימבאָליק.

אַזאַ היימישקייט און אינטימקייט מיט דער מזרח־אייראָפּעאישער לאַנד־שאַפט איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל פלוצים, אומגעריכט. דורות איינגע־זעסנקייט האָבן זי געבוירן, גענערט, געצערטלט ביז זי איז רייף געוואָרן.

ראָבערט פראָסט, אפשר דער גרעסטער היינטצייטיקער מאָדערנער אַמערי־קאַנישער פּאָעט (אגב, אַ פּאָעטישער קרוב מיט יוסף ראַלניקן), דערציילט ווי שווער ס'איז אָנגעקומען דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער אַמעריקאַנישער לאַנדשאַפט.

The Land was ours before we were the Land's
She was our Land more than a hundred years
Before we were her people.

אַן אַקט פון דעראָבערן איז נאָך ווייט נישט אַן אַקט פון אידענטיפיקאַציע. ס'האָט גענומען דורות ביז די דעראָבערטע לאַנדשאַפט איז געוואָרן אייגן, היי־מיש און זינגעוודיק.

פּונקט אַזוי האָט אויך גענומען הונדערטער און הונדערטער יאָרן ביז די מזרח־אייראָפּעאישע לאַנדשאַפט איז געוואָרן יידיש־היימיש און אייגן אויף אַזוי

וויט, אז מענדעלעס וואָראָבייטשיק טראָגט אַ טלית־קטן. איינהאַרנס בעריאָזקע דאַוונט אָן אַ שיעור, און ביי קולבאַקן און ראַלניקן ווערט די פרעמדע אייגן־גע־וואָרענע לאַנדשאַפט איינס מיט ביבלישע אַקצענטן און בילדער.

די אַרטשע מיין בכור, ביסט דער יסוד פון משפחת!
דער ערשטער אין פעלד און דער לעצטער געזעצט זיך צום טיש...
די ערד האָט זיך וואָרעם צעעפנט פון אונטער דיין סאָכע
אַזוי ווי די ערד זאָל דיין זאָמען זיין פרוכטבאַר און פריש...

רחמיאל, ווער קאָן זיך מיט דיר אויף דער לאָנקע פאַרמעסטן!
געווען איז דיין קאָסע אין גראָז, ווי אַ פלייצל פון פייער,
דיך קאָנען די שלענג אין די זומפן, די פייגלען אין זייערע נעסטן
די ברכה זאָל רוען ביי דיר אינעם שטאָל און אין שייער!

דו, שמוליע, דער טייכמענטש, נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ גלייכן!
באַשטענדיק דעם בוטש אויף די פלייצעס באַשטענדיק אַ נאַסער,
געשמעקט האָט מיט שופן פון דיר, מיט דעם ריח פון שלײם אין די טייכן
געבענטשט זאָלסטו זיין אויפן לאַנד, און געבענטשט אויפן וואַסער!...

אַזוי געזעגנט זיך קולבאַקס רייסישער זיידע מיט זיינע זין פאַרן טויט. דאָס איז די ברכה, וואָס ער גיט זיי. עפּעס ציטערט אויף אין זכרון. באַקאַנטע טע־נער, וואו האָבן מיר זיי געהערט פריער? עפּעס איז פאַראַן אין די רייד פון דעם רייסישן טייך־ייד וואָס שמעקט... מיט חומש.

פאַר אונדזערע אויגן טויכט־אויף מיט אַמאָל אַן אַנדער ייד פונעם ווייטן אַמאָל. ער ליגט אויפן גסיסה־בעט. אַרום בעט שטייען זיינע זין. ער רופט זיי אָן איינס נאָך איינס ביים נאָמען, בענטשט זיי מיט די אייגענע אַקצענטן, וואָס דער זיידעשי פון רייסן.

דער ווייטער ייד פון אַמאָל איז... נו, איר ווייסט שוין ווער — יעקב אָבינו. און די זין — דאָס זענען די שבטים. די רייד פונעם רייסישן זיידעשי האָבן צונויפגעפירט דעם ווייטן אַמאָל מיטן איצט. דאָס רייסישע לאַנד איז גע־וואָרן ביבליש־לאַנד, הייליק־לאַנד.

איך האָב דערמאָנט יוסף ראַלניקס נאַטור־סימבאָליק, זיין קרובהשאַפט מיט ראָבערט פראָסטן (אַ פּאָעטישע, פאַרשטייט זיך), וועגן דער אייגנאַרטיקייט פון ראַלניקס ליד, דעם בכבודיקן אָרט וואָס ראַלניק פאַרנעמט אין אונדזער ליטעראַ־טור, — וועגן דעם אַלעמען צו שרייבן און דאָס אַנאַליזירן דאַרף מען מער פּלאַץ.

טאָ לאָמיר זיך האַלטן ביי די ביבלישע אַקצענטן, וואָס די יידישע פּאָעזיע האָט אַריינגעטראָגן אין דער פרעמדער אייגן־געוואָרענער מזרח־אייראָפּעאישער

לאַנדשאַפט, אָן אַכט צו וואָס קיינער פון די פּאָעטן ביי די איינגעזעסענע פעל־קער איז נישט געווען מסוגל.

לייענען מיר ראָלניקס ליד „גאָט פון אברהם״:

ווי גאָט האָט אברהמען געוויזן דאָס לאַנד,
אַזוי האָט מיך דער טאַטע געפירט ביי דער האַנט —
נישט מיט אַ צוזאָג פאַר שפּעטערע יאָרן
נאָר דאָס צו דערמאָנען וואָס איז פאַרפרעמדט געוואָרן,
מיין האַנט איז אין זיינער געלעגן וואַרעם און ווייך,
זיין פּנים איז געווען פאַרצערט און בלייך:
— „אָט דאָס איז דעם הינקעדיקן אַניקינס קאָרן
און דאָס — טאַרגאָנסקיס ווייץ, און יענער זאַהאָן
איז אונדזערס געווען נאָך פאַראַיאָרן,
היינט בליט דאָרט דעם גלחס מאָן״.
מיר זענען געגאַנגען מיט פעלדישן שטעג
די זון איז געשטאַנען כמעט ביי דער ערד
און דער זומערדיקער שבת איז שוין באַלד אַוועק.
פון קלויסטער־טורעמל האָט זיך געהערט
גלעקער קלינגען קינדיש־דין.
(דער גרויסער גלאָק וואוינט אין שטאָט
און אין די דערפער די קליינע זין
און אַז שבת פאַרנאַכט קומט אָן
צעקלינגען זיי זיך אַלע צו זייער גאָט).
דער טרויער איז נאָכגעגאַנגען טראָט ביי טראָט,
און אַז מיר זענען אָנגעקומען צו דער אַלטער מיל,
האָט די מאַמע ווי פון אַ סידור געלייענט שטיל:
„גאָט פון אברהם...״

דער גאָט פון אברהם איז דאָ נישט דער גאָט פון צוגעזאָגטן לאַנד, נאָר פון אוועקנעמען פאַר פרעמדט־געוואָרן האָב און גוטס. דערפאַר איז ער אַן עלעגי־שער גאָט, אָבער נאָך אַלץ שטאַרקער און ממשותדיקער פונעם גרויסן גלאָק אין שטאָט און די קליינע זין אין די דערפער, וואָס קלינגען האָפערדיק צו „זייער גאָט״.

דער עלעגישער גאָט פון אברהם האָט געציטערט יאָרהונדערטער־לאַנג אי־בער דעם פרעמד־אייגענעם פּייזאַזש, ביבליש געוואַרעמט די צפונדיקע קאַלט־

לעבע לאַנדשאַפט. און ווען זי, די לאַנדשאַפט, איז אין אונדזערע צייטן משוגע געוואָרן און אָנגעהויבן שפּייען מיט גאַזן און העק, האָט זיך די שכינה פון איר אָפּגעטון. זי איז ווידער געוואָרן דאָס וואָס זי איז אַמאָל געווען — גויאיש און טריפה.

פאַראַן סוף-זומערדיקע נעכט. אין זיי
איז גוט צו זיצן אין פולן וואָגן היי,
און אַלט פערדל לויפט מיט קליינע טריט,
די לבנה אין דער הויך לויפט מיט

דער וועג האָט אויסגעשטרעקט זיך מיילן ווייט,
קיין דאָרף, קיין וועלדל ביי דער זייט,
קיין הויכער באַרג, קיין טיפער טאָל —
דו ביסט געפאָרן דאָ אַ טויזנט מאָל

דאָס פערד ווייסט בעסער נאָך דעם וועג ווי דו.
אַ גרויסע שטילקייט, אַ גרויסע רו.
דו דרימלסט איין און לאָזט אַרויס
פון האַנט די לייצע. זי פאַלט אין שויס.

לבנה פון וואָלקנס — אַרויס, אַריין
אַט בלייבע ליכט, אַט בלויער שיין.
אויך דו — אַט וואַך, אַט שלאָפסטו איין
פון אַ חלום אַרויס אין אַ חלום אַריין.

„דו ביסט געפאָרן דאָ אַ טויזנט מייל", זאָגט יוסף ראָלניק אין דעם שיינעם ליד, וואָס גיט איבער דעם דרימל־צושטאַנד אין אַ זומערדיקער לבנה־נאַכט איבער די ליטווישע וועגן אויף אַ וואָגן היי. געפאָרן און גיגאַנטן געבויט און געררוט. פרילינג און זומער — טייערע מחותנים, האַרבסט און ווינטער — אָנגעלייגטע געסט. מחותנים פרייען זיך אָפּ און געזעגענען זיך, אָנגעלייגטע געסט צעפאָרן זיך, מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע. פּערמאַנענט איז נאָר דער ייד, און די לאַנדשאַפט ווערט אייגן.

אַ מענטש זעצט אַריין אַ נאַקעט ריטל אין דער ערד
און זאָגט: ס'איז מיינס, און ער ווערט
צוגעבונדן אויף זיין גאַנצן לעבן.

די נאָמאַדן זענען גאָר זיי. שניט־צייט וואַנדערן פּויערים איבער מיט האַק און פּאַק, מיט וואָגן און פערד. פאַרן יידישן פּאָעט ווערט עס אַ ביבלישע וויזיע.

די לאַנגע קייט מיט וועגענער. די פויערטעס מיט די קינדער אויף די וועגענער. שטוב־זאכן, האַק און פאַק, רידלען און העק, די פויערים גייען צופוס. ווער איז אַט די מיגרירנדיקע מחנה? נישט קיין ציגיינער, נישט קיין יידן וואָס אַנט־לויפן פון ערגעץ, ווי דער שטייגער.

כאָר ווען זיי זענען געווען אַ וויאָרסט און צוויי
פון אונדז האָט זיך מיר ווי אַ ביינאַכטיקער חלום דערמאָנט:
אַט די דורכגייער — איך האָב דאָך זיי געקאָנט
פון תומש. דאָס זענען מואב'ס טעכטער און זין
וואָס גייען אין געפאַנגענשאַפט.

אַט אזוי האָט נאָך אַ ליטוואַק, אַ גרויסער יידישער פּאָעט פאַרביבלישט אַ לאַנדשאַפט וואָס איז פסול געוואָרן אין דער ווירקלעכקייט און געבליבן היי־ליק אין דער יידשער פּאָעזיע.

דער נאָמען פונעם פּאָעט איז יוסף ראָלניק.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

יוסף ראָלניק

(1955—1879)

— 1 —

יוסף ראָלניק דערשיינט פאַר אונדז ווי אַ גאַנצע און אייגנאַרטיקע גע־שטאַלט אין דער יידישער ליריק.

אַ ליריקער, פּאָעט פון דער שטילער, ניגונדיקער שורה, השתפכות־הנפש, דיכטער פון יחידישן טאָן — אַזאַ דיכטער איז אַנדערש פון דעם מער רווישיקן נאַציאָנאַלן, צי סאָציאַלן דיכטער, וועלכע ווערן געטראָגן נישט אויף דעם זילבער־פלום פון ריטעם, נאָר ווערן געטראָגן אויף די פליגלען פון פּאַטאָס. אָבער אויך צווישן ליריקער איז יוסף ראָלניק נישט גלייך געווען צו אַנדערע. ער איז גע־גאַנגען אַליין; ער האָט תמיד געהיט זיין „פּאָעטישע סטעזשקע", און אויב עמיצער האָט קיין מאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט אין „פרעמדע גערטנער", איז עס געווען ראָלניק. ער האָט גלייך ביים אָנהייב אַזוי ווי כורת־ברית געווען: ער זאָל היטן דאָס ליד און זיין ליד זאָל אים היטן. אָט דערפאַר האָב איך פריער אים באַצייכנט מיט דעם אויסדרוק: ג א נ צ ע ג ע ש ט א ל ט.

און נישט איין מאָל — אין רויש פון צייטן, אין ראַנגלענישן פון פּאָעטישע ריכטונגען, נייקייטן — האָט יוסף ראָלניק זיך געבעטן ביי זיך אַליין און ביי זיין ליד — צו בלייבן געטריי איינער דעם צווייטן און קיין מאָל, קיין מאָל זאָלן ביידע זיך נישט אַראָפּשלאָגן פון דעם אָנגעצייכנטן וועג.

און עס זענען ביי אים געווען מינוטן פון עניוות, ווען ער האָט איין מאָל און מער מאָל איבערגעחזרט, אַז ער ווייס גאַנץ גוט אַז עס זענען דאָ רייכערע

לידער, פּאַרנעמיקע, דראַמאַטישע. אָבער ער, ראָלניק, ווײַל בעסער טראָגן זײַן אייגן ליד, זײַן שטילע לאַם. אין אײנעם אַזאַ ליד האָט ער געזאָגט:

— אויף שמחות און צווישן קלאָגערס
אין זעלבן קלייד, איך בין נישט רײַך.
און מיט די אַלע פּלעקן קומען
דאַרף איך אין הימלס קעניגרײַך. (געקליבענע לידער, 49)

זײַן בגד, זײַן קלייד — דאָס איז געווען בײַ אים זײַן ליד.

אָבער בײַ זײַן גאַנצער אײַנגעשטילטער ענוות, איז ער גאַרנישט געווען אַזוי ענייוודיק. גײענדיק, ווי ער האָט ערגעץ זיך אויסגעדריקט, „אַ געבוקטער", האָט ער געפילט אין זיך, אין זײַן שטיל און אײַנגעהיט ליד — אַ מין קעניג־לעכקייט, אַן אויסדערוויילטקייט און אויך אַ געוויסע פּאָעטישע גאווה. ראָל־ניק האָט טיף געגלויבט אין זײַן ליד. ער האָט אין תוך קרומלעך געקוקט אויף אַנדערע מער קאָכיקע אויסדרוקן פון אַ ליד. און אַט דעריבער האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דעם מאָטיוו, אַז מיט אַלע זײַנע שטילקייטן איז ער גאָר אַ קעניג, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַזאַ שטילן...

— כ׳בין אַ קעניג, מײַנע לענדער,
ציען זיך אויף טויזנט מײַלן.

אָדער:

— יעדן טאָג אַ שעה פאַראַנען:
טו איך אויס די קעניג־קליידער,
נעם אין האַנט דעם וואַנדער־שטעקן
און פאַרלאָז מײַן אייגן חדר. (דאָרט, זײַט 61)

און אַז ער איז אַרויס פון דעם קעניג־בילד, האָט ער, רײדנדיק אין אַ ליד צו זײַן צײַט־חבר, דעם ליריקער מאַני לייב, געזאָגט, שוין נישט קיין „געבוק־טער", נאָר מיט אַ שטאָלצן אויפגעהויבענעם קאָפּ:

— באַדויערט נישט דעם גורל פון פּאָעטן,
דער שענסטער — אויסגעפאַלן זיי;
אַרום זיי גרילציקע דעקרעטן,
און זיי — דער זינגענדיקער ווײ.

באַדויערט נישט דעם גורל פון פּאָעטן,
ווײַל זיי אַליין באַדויערן נישט.
אין מדבר־טעג אין זומער שפּעטן
האָט זיך אַ לידער־בוים צעבליט. (דאָרט, ז. 170)

— 2 —

יוסף ראָלניק —מיט זיין שטיל און קיל ליד— איז דער דיכטער נישט נאָר פון דער געצווימטער שורה. אזוינע זענען פאַראַן אויך אַנדערע. נאָר ער איז דער דיכטער פון דער געצווימטער עמאָציע. דאָס עמאָציאָנעלע און אַ פּשיטא שוין דאָס סענסועלע, גיסט זיך נישט אַריבער איבער דעם ראַנד פון זיין ליד, ווי ווײַן־שוים איבער אַ כוס. זיין פרייד איז אַ געצווימטע, פּונקט ווי זיין טרויער. ער פאַרגייט זיך קיין מאָל נישט אין קיין שלוכצען, ער ציילט נישט זיינע טרערן. אויך זיין ראָמאַנטיק, אין די לידער זיינע פון „אַרום מיל״, איז נישט קיין פאַרביק־צעצונדענע, פּונקט ווי זיין איראָניע איבער די „קלוגע לייט״ איז אַן איינגעהאַלטענע. און מהאי טעמא איז ראָלניקס ליבע־ליד נישט אַריינגעפאַלן אין דעם גליאיקן עראָטיזם פון זיינע צייט־קאָלעגן אין דער מאָדערנער יידישער ליריק. יוסף ראָלניק צווינגט זיך נישט אַרויף אויפן לייענער — נישט מיט קיין מאַנערן, נישט מיט קיין איינפאַלן, און נישט מיט קיין רויש. ער וועבט נישט אויס קיין פאַנטאַסטישע נעצן עמיצן צו פאַנגען. נאָר די שורות זיינע ציען זיך גלייך און גרין, אזוי ווי די שורות אין פעלד.

יוסף ראָלניק, וואָס מאַכט דאָ און דאָרט אַ מינע, אַז ער ווייס, נעבעך, נישט פון וואָס צו זאָגן, איז גאָר אין תוך דער היטער פון דער קלוגער שורה. ער היט זיך פון סענטימענטאַליטעט, ער וואַרפט אפילו אָפּ היים־וויי, סענטימענטאַלע בענקשאַפטן. אויך די „מיל״ איז ביי אים נישט סתם: אַ בענקשאַפט. די שורה זיינע איז דורכזיכטיק, אזוי ווי די שויב פון זיין לידער־סעריע „אַ פענצטער צו דרום״, דורך וועלכער ער האָט געזען אַלערליי מענטשן, אַלערליי טרעפענישן און אַלערליי דערשיינונגען. אַמאָל דערגייט זיין שורה צו צוזאַמענגעפּרעסטע סענטענצן, צו אַ מין פּסוקימדיקייט. אין אומעטיקע מינוטן הויבט פון זיי אָן אָטעם פון קהלת, אָבער מער נאָך אַ מין שטילער לעבנס־גאַנג פון משלי. אַ לייכטער מוסר, פילאָזאָפירנדיקע מעדיטאַציע. דאָ און דאָרט כאַפּן זיך אַרויס וואונדערלעכע שורות. אַ זאָג — אַ בילד, אַ בילד — אַ מענטש.

און אָט אזוי, מיט געצווימטער עמאָציע, גייט ראָלניק אויך צו צום ווינקל וואָס ער רופט „די מיל״. ס'איז נישט נאָר מיל, ס'איז פעלד און טייך; ס'איז וואַלד און וועג; ס'איז מענטש און אקראַיין; ס'איז ערד און פערד; ס'איז רינד און קינד. (אָבער נישט חיה. דאָס וואָלט פאַר ראָלניקן שוין געווען צו־דראַמאַטיש . . .).

ראָלניק אידעאַליזירט נישט די מענטשן אַרום מיל. ער אידעאַליזירט אויך נישט זיין טאַטע־מאַמע. די מענטשן ווערן געזען אין זייער פּשוטקייט; די

מענטשן ווערן געזען אויף דער ערד אויף וועלכער זיי טרעטן, מיטן הימל וואָס גלייך איבער זיי. אָבער נישט מיט קיין הימלען פון האָריזאָנטאַלער ווייטקייט.

ראָלניק היט זיך — נישט צו פאַרגיין ווייט. ער היט תמיד זיין וועג. אין אַ שיין ליד מיט דעם נאָמען „וועגן", זאָגט ער:

— וועג אין טיפעניש פון וואַלד,
וועג פון אימה און פון גוואַלד,
וועג געקניפּטער ווי אַ שטריק,
וועג וואָס ווייס נישט וועג צוריק.

וועגן אין לבנת־נעכט,
וועגן דוכטעניש — נישט עכט...
מיט אַ וועג אַזאַ צו גיין,
גיין און גיין, און נישט דערגיין.

פאַר אַזוינע פאַטישע וועגן, סיי אויף דער ערד און סיי אין הימל, האָט יוסף ראָלניק מורא געהאַט.

יוסף ראָלניקס ליד איז דאָס ליד פון שטילקייט און רו. ס'איז נישט קיין געזאַנג איבער דער רו פון טויט און אויך נישט פון שלאָף. ס'איז נישט קיין רו פון איינגעפּראַרנקייט און אויך נישט קיין רו פון פאַרגעסן. פאַרקערט, ס'איז רו פון געדענקען; ס'איז אויך רו פון ליד און פון בטחון אין ליד; ס'איז רו פון אינעווייניקסטן געדאַנק און פון אינעווייניקסטע איינגעזאַמלטע פאַטישע זכרונות. ראָלניק האָט, הפנים אַלע מאָל, אָפּצוהיטן זיך פון אַ בייז אויג, אַרומגערינגלט זיך מיט שטילע זכרונות פון אַמאָל. און אַז ראָלניק האָט אין דער טיף פון די זכרונות אַריינגעוואָרפן אַ ליד, זענען פאַר אונדזערע אויגן צעגאַנגען קרייזן, רעדער, אַלץ ברייטער און ברייטער, אַזוי ווי דאָס געשעט אויף אַ סאַזשעלקע ווען מען וואַרפט אַהין אַריין אַ שטיין. די רעדער ברייטערן זיך אַלץ מער, און זיי גייען אַליין נאָענטער צום ברעג און צום מענטש אויפן ברעג...

ראָלניקס שטילקייט, ראָלניקס שטילע פאַטישע טריט — דאָס איז דאָס לשון וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון אַרום מיל, פון דער דאָרטיקער איינזאַמקייט, פון דעם דאָרטיקן אַליין. געמורמל פון די צוויי „נייע מילשטיינער" און ווידער שטיל; געשריי פון אַ ווייב אין פעלד — און ווידער שטיל. און אַט אַזוי האָט ראָלניק זיך כסדר געבעטן:

— גיב ווידער דעם ריח פון ערד צו דערפילן,
דעם וואַרעמען פליעסק פון וואַסער דעם שטילן;

די טונקעלע קילקייט פון מיט־זומער שייער,
דעם נאַכטיקן רוף פון אַ פעלדישן פייער.

זאָל איך דערשפּירן, און זאָל זיך מיר דוכטן,
דער צופּיקער טעם פון האַלב-צייטיקע פרוכטן.

דערמאָנען זיך, העלף מיר, דעם קלונג פון דער קאַסע,
די מונטערע נאַסקייט פון נאַכטיקער ראַסע.

ברענג מיר אויף פליגלען פון ווינטן צוטראָגן
דעם וויאָרסט-ווייטן טרוקענעם סקריפּ פון אַ וואָגן.

דאָס זיפצן פון זאַנגען וואָס ווערן געדראָשן —
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דאָס דאָרפישע לשון. (דאָרט, ז. 107)

אָט מיט דעם דאָזיקן „דאָרפישן לשון" האָט ער מיטגעבראַכט זיין שטילע און קילע שורה. די מאָנונגען פון די סימבאָליסטן-אימפּרעסיאָניסטן, אַז ליד זאָל זיין „קיל פייער" האָבן אויף אים, אין זיין רייפקייט, מסתמא אויך געהאַט אַן השפעה, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט טייל פון דער גרופּע דיכטער די „יונגע". אָבער ראָלניק האָט נישט געלעבט אויף טעאָריעס. מער פון אַלץ איז עס אין אים געווען די תפילה פון: — „העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דאָס דאָרפישע לשון". אין דעם דאָרפישן לשון, אין דער אַליינקייט פון דער מיל, האָט ער געזען עפּעס סימבאָלישעס, שיער נישט אַ לערנונג פאַרן מענטשן...

און נאָך עפּעס צו דער כאַראַקטעריסטיק פון יוסף ראָלניק. ער גייט צו צום פּראָבלעם מענטש — אַן פּראָבלעם, אָן מיסטיק, אָן איבערטראַכטונג, נאָר מיט גרויסער פּשטות. און איבער אַלץ: מיט ליבשאַפט. פאַראַן אין זיינע לידער, טראָץ זיין איראָניע, אַ מערקווירדיקע ליבשאַפט צו מענטש און צו ערד, אַ טרייע ליבשאַפט צום אָרט, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, אַ ליבשאַפט, אָן טענות, אָן ראַנגלעניש.

לייענען מיר זיינע פערזן:

— אַ ווייטער, פאַרוואָרפענער דערפל
בלויז הימלען, און וועלדער און שניי;
פאַרשאָטענע הייזלעך — עס לעבן
פאַרגעסענע מענטשן אין זיי. (דאָרט, זייט 10)

אָדער גאָר אַ לייכט-ליכטיק ליד וועגן גויים וואָס פירן האָלץ אין שטעטל אין אַ ווינטערדיקן קאַלטן טאָג:

— און עס גליטשן זיך די שליטנס,
אויף דעם גלאַטן וועג, ווי גלאָז;
און די גויים דאַנקען הילכיק:
— סלאַוואַ, באָגו, עד, מאַראָז!

די און אַנדערע פערזן ווייזן ראַלניקס גוואַלדיקע צוגעבונדנקייט צו דעם פּאַס ערד, אויף וועלכן ער איז געטראָטן, און צו דעם „צעפּאַכערטן שטעג" אויפן טייך, מיט וועלכן עס שווימען די ענטלעך (דאָרט, זייט 174). די דאָזיקע שפּירונג פון ליבשאַפט אין ראַלניקס לידער, די שפּירונג פון האַרציקער צוגעבונדנקייט — דאָס איז זיין העלסטע פּאָעטישע ליכט!

און אָט די דאָזיקע ליבשאַפט איז ביי אים מיט דעם גאַנג פון די יאָרן געוואָרן אַלץ גרעסער, און אויך טיפער־פאַרטיפטער. די דאָזיקע ליבשאַפט איז דורך יאָרן, ווי אַ שטילער פלוס געפלאָסן דורך זיינע לידער־וועגן: דער אַליינקייט פון מענטש, און ער האָט זיך געמיט די אַליינקייט בייצוקומען; דורך זיינע לידער וועגן טויט, וואו ער האָט אויך דעם טויט גופא גובר געווען... דורך זיינע פּרעכטיקע האַפּיז־לידער, וואָס האָבן געבראַכט אין זיינע לידער אַ נייעם אָטעם פון וועלטלעכקייט, אפילו אייראָפּעאישקייט; דורך זיינע לידער וועגן דעם גורל פון פּאָעטן; דורך זיינע שטילע ראָמאַנסן; דורך זיין געזאַנגיקער לידער־סעריע „אויף גאָטס באַראָט"; דורך זיינע אומעטיקע לידער „צום שטערן נויד", און איבערהויפּט דורך זיינע לעצטע לידער „אַ פּענצטער צו דרום", וואָס טייל פון זיי דערהויבן זיך באמת צו אַ הויכער הויך.

ראַלניק זינגט איין מאָל און אַ צווייט מאָל, און נאָך אַמאָל:

— איך נעם אַרום מיט מיינע הענט
די מיל, די שטוב מיט אַלע ווענט.

אָדער

— איר זייט מיר ליב, מיין דאָרף און מיין מיל,
נישט ווייל איר זייט שיין,
נאָר ווייל איר זייט קליין,
און איך קאָן אייך דורכגיין
אפילו מיט דראָבנע טריט.

נישט איך וואָרף זיך מיט אייך,
נישט איר שעמט זיך מיט מיר,
איך שטיי צו צו אייך,
ווי אַ שלאָס צו אַ טיר.

„ווי א שלאָס צו א טיר!״ ווי פּרעכטיק ער איז דער דאָ,יקער זאָג!

אין אַזוינע לידער שפּירן מיר, אַ חוץ אַלעמען, אַ שיינע פֿאָלקישקייט, אַן אָפּקלאַנג פון פאָלקס־טאָן: „אָרעם איז נישט גוט, לאָמיר זיך נישט שעמען; מיט אייגענעם בלוט״.

דורך אַזוינע לידער פון מענטש־ליבשאַפט זעען מיר אויך אַז ראָלניק, דער איביקער דיכטער, איז אָבער נישט אריינגעפאַלן אין שאַרפן עגאָצענטריזם, ווי עס האָט געטראָפן מיט אַנדערע מאָדערנע פּאָעטן. עס איז ביי אים אויך נישט צו זען קיין פאַרשלאָסענער אינדיווידואַליזם, ווי עס קאָן זיך אַמאָל דוכטן על פּי טעות. אים גייט אָן דער אָרום, אים גייט אָן דער מענטש. ראָלניק ווייס, אַז „מיטן ברייטן וועג גייען פאַנצער און שווערד״; ראָלניק ווייסט אויך, אַז אין זיין טאַטנס מיל איז נישט אַלעמאָל געווען אַזוי שטיל, און אַז אויך דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַ קריג: — איין שטיין האָט געביסן אין צווייטן שטיין, און מענטשן האָבן זיך געריסן ווי חיות מיט ציין (זייט 188).

אָבער ראָלניק האָט זיך, און זיין ליד, געוואָלט אויסהיטן, אָדער ראַטעווען, פון דעם. אין אַזוי מינוטן כאַפּט ראָלניק אריין אַ לערנונג פאַרן מענטשן, כאָטש ראָלניק קומט געוויינלעך נישט מיט קיין מוסר און נישט מיט קיין שליחות, און דאָך זאָגט ער:

— לערן זיך ביי דער לבנה
גיין דורך גאַסן שטילערהייט,
זאָל מען דיינע טריט נישט הערן,
נישט פאַרנעמען דיינע רייד.

לערן זיך פון דער לבנה
זיין אין שפּעטער שעה אַליין;
און אַ הינטער יעדן וואָלקן
אויף אַ ווייַלע אונטערגיין.

לייטערונג פון יחיד. די וואונדערלעכע שורות: „לערנען זיך אַ הינטער יעדן וואָלקן אויף אַ וויילע אונטערגיין״ — וואו האָט עס ראָלניק גענומען? און איך מיין: אַזוי ווי ער האָט די שטילקייט גענומען פון אייגענעם קוואַל, אַזוי האָט ער אויך אָט די לערנונג נישט גענומען ביי פרעמדע, ביי די פּאָעטן פון ווערלענס חדר, נאָר ער האָט ער גענומען פון אייגענעם מקור: ער יעבור זעם; גענומען עס פון די מוסר־לערנונגען אין דער ישיבה פון דער שטאָט מיר, וואו יוסף ראָלניק האָט, שוין נאָכן דאַרף, זיך אָנגענומען מיט אַ סך יידישקייט, יידישער מאָראַל און מיט יידישער מחשבה.

— 3 —

און אַט אַזוי איז געגאַנגען יוסף ראָלניק מיט זיין שטילן, אָבער דורכ־דרינגענדיקן בליק, מיט זיין „שטעקן פון דעמבן־האָלץ עכטער" און מיט זיין עכט ליד איבער דעם „פּאָעטישן קעניגרייך" פון איסט־בראָדוויי — געגאַנגען אַזוי קרוב צו פופציק יאָר.

אָנגעהויבן צו שרייבן, אָדער צו דרוקן לידער, האָט ער אין יאָר 1901. זיינע ערשטע לידער (געדרוקט אין „פּאָרווערטס") זענען געווען אין טאָן פון דער דעמאָלטיקער סאָציאַלער דיכטונג. אויך ראָלניק פון זשוכאָוויץ האָט דע־מאָלט געזונגען וועגן טיראַנען און וועגן טראַנען וואָס מען דאַרף זיי שטירצן... אָבער ער האָט באַלד דערפילט אַז דאָס איז אַ פרעמד קול. ער איז אויף עטלעכע יאָר אַנטשוויגן געוואָרן. ביז ער האָט צוריק זיך באַוויזן ווי אַ פּאָעט אין יאָר 1908. דעמאָלט איז אויפגעגאַנגען דאָס נייע ליד אין יידיש — סיי אין ווילנע־וואַרשע און סיי אין ניו־יאָרק. דאָס איז דאָך געווען דער רע־נעסאַנס פון אונדזער מאָדערנער פּאָעטיק. און יוסף ראָלניק, כאָטש נישט אריינ־פּאַסנדיק זיך אין קיין פּאָעטישער פּראָגראַם, אין קיין פּאָעטישער „שולע", איז אויך געוואָרן באַלד איינער פון די אָנגעזעענסטע דיכטער צווישן די מאָדערניסטן.

יוסף ראָלניק האָט אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן אויך געהאַט געוויסע באַשטימטע באַזונדערע גאַנגען אין זיין שאַפונג, כאָטש איך גלויב נישט אַז מען קאָן אַ פּאָעט געגוי פּאַנאַנדערשניידן אויף פּעריאָדעס און אויף באַזונדערע דרכים. שיר אחד בלב — האָט אַמאָל געזאָגט ח. נ. ביאַליק. און דאָס איז אמת. אַ פּאָעט קומט גלייך אין אָנהויב מיט זיין ירושה, מיט זיין זכות און רכוש, מיט זיין מקור און מיט זיין ליכט. אָבער עס קאָנען אין משך פון יאָרן זיין פאַרשידענע ניואַנסן אין זיין אויסדרוק, אין זיין שאַפן.

געווען ביי ראָלניקן טעג וואו דער הויפּט־מאָטיוו איז געווען — **אַרום דער מיל**. (לאַנדשאַפט, פּייזאַזש; ריח פון דער ערד, דאָרפיש לשון) און געווען ביי אים אַ לענגערע צייט דער מאָטיוו פון „איך". (דאָס ליידן פון דעם יחיד אין דער רוישיקער וועלט; זיין הכנעה צוזאַמען מיט זיין שטאָלץ — **בשבילי נברא העולם**)!

און אין שייכות מיט דעם מאָטיוו פון איך — דער ביי־מאָטיוו פון „איך און איר". (איר גייט מיטן ברייטן וועג — איך מיט דעם שמאָלן וועג. דאָ האָט זיך אויך צעשפּילט דעם פּאָעטס איראָניע).

נאָענט צו דעם — דער מאָטיוו פון רעזיגנאַציע (גייט אייך געזונטער־הייט; „ווי שטיל וואַסער שווימט מיין ערד").

און צו דעם אלעמען — זיין ליבשאפט צו ליד און ליבשאפט צו מענטש. און צום ארט פון זיין געבוירן.

מיטן גאנג פון די יארן האבן זיך דאך געוויסע טענער געענדערט ביי ראלניקן כאטש ער איז געבליבן אייגן און גאנץ ביזן סוף. דער עיקר האט זיך עס געזען אין זיין גרעסערער לידער־סעריע **א פענצטער צו דרום.** די אמאליקע ראלניקשע איראניע איז פארוואנדלט געווארן אין גוטמוטיקן הומאר; דאס פריערדיקע אומעטיקע באקלאגן זיך איז אריבער צו טראגיק. די טראגיק לייכט זיך, אדער שאטנט זיך, א הינטער דעם הומאר פון אזוינע לידער ווי **א בייז פאר מילשטיינער; מיזאבס טעכטער; וועגן קריג; העקערס; די שריפה; שרעק.**

און איבער דער שטילער טראגיק א הויך פון סימבאליזם — דער אפשיין פון טראגיזם. טראגיזם און סימבאליזם לייכטן אפט צוזאמען. דאס איז שוין גאר געווען א נייעס ביים דורכזיכטיקן יוסף ראלניק.

געווען אמאל ביי אים לידער, וואס האבן געגעבן בילדער פון אמאל, פון לעבן אין דארף. אבער מיט דעם גאנג פון די טעג האבן זיך די געשילדערטע בילדער פארוואנדלט אין א פאעטישער בילדלעכקייט.

געווען ווידער ביי אים לידער אין אמאליקע לידער־זאמלונגען, וואס זענען געווען — זכרונות.

אבער מיט דער צייט, און דער עיקר אין בוך **א פענצטער צו דרום** זענען די זכרונות געווארן לידער. מאכט נישט אויס וואס טייל פון לידער־זכרונות זענען נישט אזוי קאנדענסירט ווי פריער. אבער אלץ איז עס ראלניקס ליד. זיין שטח, זיין סביבה.

לייען איך נאך אמאל ראלניקס לידער, אין טאג פון זיין אוועקגיין פון דער דאאיקער שטילקייט צו יענוועלטיקער שטילקייט. און איך זע: יוסף ראלניק איז געבליבן ביי אונדז דער מייסטער פון **דעם קליינעם ליד.** און דאס איז שוין גאר נישט קיין קליינע מדרגה. ער האט געוויזן ווי מען קאן אין א קליין ליד פון דריי־פיר פערזן איינוועבן, איינפרעסן פאעטישע שטימונג, בענקשאפטן — אן פאעטישע כשוף־שפרוכן, אן פארבן־שפיל, און אפילו אן ווארט־שפיל, נאר איינפאך און פשוט. אויך אנדערע האבן געשריבן קליינע לידער, אבער ראלניק גיט אונדז מוסטער, ביישפיל פון קליינעם, עכטן און רייפן ליד. אלע פון דער דיכטער־גרופע „יונגע" האבן נאכגעזאגט די רייד פון עדגאר עלען פאו, אז בלויז דאס קליינע ליד איז: פאעזיע. אלע האבן זיך ארומגעטראגן מיט ווערלענס קליינעם ליד. אבער קיינער האט דאס קליינע ליד ביי אונדז אזוי נישט אפגעהיט ווי יוסף ראלניק. עס האט זיך פאר דעם געפאדערט כוח און פאעטישער גלויבן.

יוסף ראַלניק איז קרוב צו פופציק יאָר אַרומגעגאַנגען איבער זיין גע־צוימטן פּאַטישן שטח, אַזוי ווי אַ מענטש אין פעלד גייט אַרום הין און צוריק איבער אַ צעאַקערטער, אָנגעשאָטענער און פּאַרזייטער בייט אויסצורייסן ווילד גראָז. אויך ראַלניק האָט זיין בייט כּסדר געריייניקט, אויסגעשטייניקט און יעדן זעמדעלע אַדורכגעזיפּט, אַז דאָס פּאַרזייטע זאָל אויפגיין ריין און שיין!

און ראַלניקס בייט איז אויפגעגאַנגען, ראַלניקס בייט האָט זיך צעבליט!

מאיר שטיקער

אויפן טויט פון יוסף ראָלניק

א.

מיט אזא שטיל-הכנעהדיקן טראָט
איז קיינער נישט געגאַנגען נאָך צו גאָט.
פון טאַטנס מיל, פון פריש-געקאָסעט היי
ביז צו דעם איסט-בראָדוויייִשן געשריי:

דאָס פּראָסטע וואָרט, דער שטילער גאַנג
אויף תמימותדיקע סטעזשקעס פון געזאַנג,
האָט אָפּגעווישט דאָס ווילדגראָז פון דער לאָן,
גענערט פון טרובע, פויק און באַראַבאַן.

ב.

דער בוים פאַרדאַרט
אין האַרבסטיקן שאָך-מאַט.
דער ווינט פאַרשאַרט
בלאַט נאָך בלאַט.

די קרוין זינקט מיד
פון אָפּגעשטראַלטן רוים,
און ציט אַראָפּ דאָס ליד
צום זומפיק-גרינעם שוים.

דאָס שטילע וואָרט רינט אויס,
אין שאָטן פון דער רוט.
איצט וואָיעט בלויז אין הויז
דאָס קול פון ליליפוט.

ד.

נישט שיכור ווי אַ מענטש וואָס האָט
שוין גאָרנישט אָנצואוווערן,
וואָס וואַלגערט זיך אין קויט פון שפּאָט
אין געלן ליכט פון גאַס־לאַמטערן

און שליידערט שטראָף־ווערטער צו גאָט,
וואָס קאָנען נישט מקוים ווערן —
נאָר ניכטער ווי דער דימענט־דלאָט
וואָס האַקט אַ טראַקט אויס צו די שטערן.

ג.

וואָס ווילסטו, טויט? וואָס ווילסטו, שלאָף?
אין אַכצנטן טאָג פון חודש אָב,
זענט איר געקומען — שיין און ריין —
און אויסגעלאָשן זיין געביין.

די אויגן האָבן קלוג געלאַכט,
דערנאָך אַליין זיך צוגעמאַכט.
נאָר זיינע ליפּן, דין און בלאָ,
שעפּטשען אַלץ: איך בין נאָך דאָ.

(„טאָג“, 28סטער אויגוסט 1955)

יעפים ישורין

ביבליאָגראַפיע

יוסף ראָלניקס ווערק

1. אויפן זאמדיקן וועג.
פאַרלאַג גרייזעל און קאָמפּאַני. (1913 ?).

2. לידער.
פאַרלאַג אינזעל, ניו-יראָק, 1915, 300 + 4 זייטן.

3. צום שטערן נויד.
פאַרלאַג „אידיש“, ניו-יאָרק, 1922, 30 זייטן.

4. לידער.
ניו-יאָרק, 1926, 242 זייטן.

5. נייע לידער.
פאַרלאַג פון מחבר. ניו-יאָרק, 1935.

6. א פענצטער צום דרום.
ניו-יאָרק, 1941, 112 זייטן.

7. געקליבענע לידער.
איקוף-פאַרלאַג, 1948, 260 זייטן.

8. זכרונות.
אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור - פאָנד, ניו-יאָרק, 1954, 220 זייטן.

לידער וועגן יוסף ראָלניק

9. גאָטליב, נ. י.:
אויפן טויט פון יוסף ראָלניק. — צוקונפט, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 1955, ז' 358.

10. הייזלער, קלמן:
איכה ישבה „עוועניע“. — מיינע קומאַרנער געבעך... ניו-יאָרק, 1953, זייט 71.

11. וויינפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — דער אויפקום, ניו-יאָרק, יוני-יולי 1931, ז' 20.

11-ב. טאַבאַטשניק, א.:
צו יוסף ראָלניקן. — דיכטער און דיכטונג. נ. י. 1949, ז' 20.

12. סענטער, ב.:
ראָלניק. — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, יולי 13, 1928, ז' 3.

13. פיינבערג, ל.:
איסט-בראָדוויי. — יידיש. פּאָעמע, פאַרלאַג שאָולזאָן, ניו-יאָרק, 1950, זייט 23.

13-ב. קריזאָווסקי, א.:
י. ראָלניק. — געמעלד דאָס טעגלעכע ברויט, נ. י. 1946, ז' 147.

14. שטיקער, מאיר:
אויפן טויט פון יוסף ראָלניק. — טאָג-מאָרגן זשורנאַל, ניו-יאָרק, אויגוסט 28, 1955.

אַרטיקלען וועגן יוסף ראָלניק אין יידישע ביכער

15. איגנאַטאָוו, דוד:
אַ קאַפּיטל „יונגע". — אַפּגעריסענע בלעטער, בוענאָס-איירעס, 1957, זייטן 68, 75, 78, 86.

16. אייזלאַנד, ראובן:
אַ היים פאַר אידישע שרייבער. — פון אונזער פרילינג, ניו-יאָרק, 1954, זייט 184.

17. אייזלאַנד, ראובן:
גודמאַן און לעווינס רעסטאָראַן. — פון אונזער פרילינג, ניו-יאָרק, 1954, זייט 192.

18. אַלגין, מ.:
אידישע ליריקער—י. ראָלניק. — אין דער וועלט פון געזאַנגען. ניו-יאָרק, 1919, זז' 258—266.

19. אַפּאַלאָוו, דוד:
יוסף ראָלניקס בוך: אַ פענצטער צו דרום. — 1941. (וואו און גענוי ווען געדרוקט אומבאַקאַנט).

20. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
אַ קליין ביסעלע ביאָגראַפיע. — מ. ל. האַלפּערן, ב.-איירעס, 1932, ז' 10.

21. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
יידישע ליטעראַטן און זייערע גרופּי־רונגען אין ניו-יאָרק. — פּאָרטרעטן פון אידישע שרייבער, וואַרשע, 1933, זייט 151.

22. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
דוד איגנאַטאָוו. — פּאָרטרעטן פון אידישע שרייבער, וואַרשע, 1933, ז' 213.

23. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
מ. באָרײשאָ. — פּאָרטרעטן פון אידישע שרייבער, וואַרשע, 1933, ז' 238.

24. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
משה לייב האַלפּערן. — פּשט, בוענאָס-איירעס, 1952, ז' 98.

25. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
מנחם באָרײשאָ. — פּשט, בוענאָס-איירעס, 1952, ז' 171.

26. באַראָן, א. ל.:
די אידישע בראָדוויי און אַנדערע לידער. — ניו-יאָרק, 1949, ז' 22.

27. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
דער אינהאַלט פון גראַם. — עסייען, באַנד 2, פאַרלאַג „צווייגן", ניו-יאָרק, 1932, ז' 87.

28. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דער אַנטוויקלונג פון אידישן גראַם אין אַלגעמיין. — עסייען, באַנד 2, ניו-יאָרק, 1932, ז' 126.

29. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
אונזער ליד אין אַמעריקע. — עסייען, באַנד 2, נ.-יאָרק, 1932, זז' 157, 158.

30. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
טרוויער. — עסייען, באַנד 2, ניו-יאָרק, 1952, ז' 167.

31. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
אונדזער ליד אין אַמעריקע. — שלמה ביקל. די יידישע עסיי. ניו-יאָרק, 1946, זז' 120, 121.

32. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
פיר זיינען זיי געווען. סוף וואָרט. — דוד עדעלשטאַט געדענק־בוך, נ.-יאָרק, 1953, ז' 519.

33. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
דער פאַרשטעלטער און דער גאַסן־פּויקער. — חלום אין וואָר, עסייען, ניו-יאָרק, 1956, זז' 99, 102.

34. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
יוסף ראָלניק. — חלום אין וואָר, עסייען, נ.-יאָרק, 1956, זז' 321-329.

35. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
פון גורל צו גלויבן. (ב. לאַפּין). — חלום אין וואָר, עסייען, ניו-יאָרק, 1956, ז' 343.

36. ביק, אברהם:
דער קולט פון אינדיווידועלער דיכטונג. — וואָרט און צייט. בוענאָס־איירעס, 1951, ז' 53.

37. ביקל, שלמה:
יוסף ראָלניק. — שרייבער פון מיין דור. ניו־יאָרק, 1958, זז" 35-29.

38. ביקל, שלמה:
יעקב גלאַטשטיין. — שרייבער פון מיין דור. נ"י, 1958, זז" 116, 117.

39. ביקל, שלמה:
נ. ב. מינקאָוו. — שרייבער פון מיין דור. נ"י, 1958, זז" 227, 228, 229.

40. בראַנשטיין, יחזקאל:
יוסף ראָלניק—נייע לידער. — אימפּרעסיעס פון א לייענער. שיקאַגאָ, 1941, זז" 72-78.

41. גאָלד, ה.:
זיין אידיש ניט אַאיקייט קומט צו דער דאַאיקייט און נעמט פאַרבן אַ טאָן... — זישאָ לאַנדוי. ניו-יאָרק, (יאָר ניט אָנגעגעבן) ז' 57.

42. גאָלד, ה.:
פאַרבן ווייזן פּנים... — זישאָ לאַנדוי, ניו-יאָרק (יאָר ניט אָנגעגעבן) ז' 66.

43. גאָלדקאָרן, י.:
ה. לייוויק. — ליטעראַרישע סילועטן. מינכען, 1949, זז" 44, 45.

44. גאָלדשמידט, א. י.:
אייזיק-מאיר דיקעניסקי (א. וווי-טער). — א. וויטער־כתבים, ווילנע, 1923, ז' 85.

45. גוטמאַן, חיים:
זישאָ לאַנדוי. — זישאָ לאַנדוי-זאַמל-בוך, ניו-יאָרק, 1938, ז' 69.

46. גלאַטשטיין, יעקב:
ה. רויזענבלאַט—פון 1900 ביז 1946. — אין תוך גענומען. ניו-יאָרק, 1947, ז' 111.

47. גלאַטשטיין, יעקב:
יוסף ראָלניק. — אין תוך גענומען. ניו־יאָרק, 1956, זז" 136-144.

48. גלאַטשטיין, יעקב:
יוסף ראָלניקס „זכרונות". — אין תוך גענומען, עסייען. 49-1959, בוך צוויי, פאַרלאַג „קיום". בועגאָס-איי-רעס, 1960, זז" 215-220.

49. גלאַנץ־לעיעלעס, א.:
יוסף אָפּאַטאָשו. — וועלט און וואָרט, ניו-יאָרק, 1958, ז' 49.

50. גלאַנץ־לעיעלעס, א.:
נ. ב. מינקאָוו. — וועלט און וואָרט, ניו-יאָרק, 1958, ז' 114.

51. גראָבאַרד, ב.:
אַ פערטל-יאָרהונדערט. — ניו־יאָרק, 1935, זז" 16, 20, 26, 200, 202.

52. גרינבערג, אליעזר:
די „יונגע" און זייערע קרעדאָס. — משה לייב האַלפּערן, אין ראַם פון זיין דור. ניו־יאָרק, 1942, זז" 19, 22, 23.

53. גרינבערג, אליעזר:
וואָרצלען, ענלעכקייטן, און די עוואָלוציע פון אַ צענטראַלע אידייע. — משה לייב האַלפּערן. אין ראַם פון זיין דור. ניו־יאָרק, 1942, ז' 74.

54. גרינבערג אליעזר:
דער אויסגאַנג פון אַ צענטראַלע אידייע. — משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור. ניו־יאָרק, 1942, ז' 94.

55. גרינבערג, אליעזר:
משה לייב האַלפּערן אין ראַם פון זיין דור. — ניו־יאָרק, 1942, ז' 128.

56. דונעץ, ב.:
די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור דאַרף זיין באָלשעוויסטיש-פּאַרטייאיש. — פאַר מאַגניטבויען פון דער ליטעראַטור. מינסק, 1932, זז" 14, 15.

57. ווייכערט, מיכאל:
דאָס מלחמה-לעבן אין בערלין. — זכרונות. אַרויסגעגעבן דורכן בוך־קאָמיטעט. תל־אביב, 1960, ז' 287.

58. וויינפּער, ז.:
יוסף אָפּאַטאָשו. — אידישע שריפט-שטעלער, באַנד 2, ניו-יאָרק, 1936, זייט 15.

59. וויינפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — אידישע שריפטשטע־לער, באַנד 2, נ"י, 1936, זז" 23-33.

60. וויינפּער, ז.:
ראובן אייזלאַנד. — אידישע שריפט־שטעלער, באַנד 2, נ"י, 1936, ז' 93.

61. ווײַנפּער, ז.:
דער לעבעדיקער. — דער לעבעדיקער. ניו־יאָרק, 1938, ז׳ 113.

62. ווײַנפּער, ז.:
משה לייב האַלפּערן. — ניו־יאָרק, 1940, זז״ 74, 76.

63. ווײַנפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — שרײַבער און קינסטלער. נ״י, 1958, זז״ 115-123.

64. ווײַנפּער, ז.:
נפתלי גראָס. — שרײַבער און קינסטלער. ניו־יאָרק, 1958, ז׳ 195.

65. ווײַנפּער, ז.:
צום יום־טוב פון דער אַנטאָלאָגיע. „אַמעריקע אין יידישן וואָרט״. — שרײַבער און קינסטלער, ניו־יאָרק, 1958, ז׳ 352.

66. זשיטניצקי דר. ל.:
מחשבות צום אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אַ האַלבער יאָרהונדערט אידישע ליטעראַטור. ב.־איירעס, 1952, ז׳ 44.

67. טאַבאַטשניק, א.:
דער גורל פון פּאָעטן. — דער מאַן פון ליד. ניו־יאָרק, 1941, ז׳ 10.

68. טאַבאַטשניק, א.:
לאַנדוים פּריסטע לידער: שרעק, פּײַן און דערגער. — דער מאַן פון ליד. ניו־יאָרק, 1941, ז׳ 11.

69. טענענבוים, ש.:
משה יונה האַימאָוויטש. — שניט פון מיין פעלד. ניו־יאָרק, 1949, ז׳ 68.

70. יאָפע, מרדכי:
דער אידיש־נאַציאָנאַלער מאָטיוו אין לייוויקס שאַפן. — רינגען אין דער קייט. ניו־יאָרק, 1939, ז׳ 152.

71. ישורין, יעפים:
מאַני לייב ביבליאָגראַפיע. — יאָר־בוך. יידישער ביכער־ראַט פון אַמעריקע. ניו־יאָרק, 1943-1944, ז׳ 34.

72. ישורין, יעפים:
ב. ריווקין ביבליאָגראַפיע. — ב. ריווקין—לעבן און שאַפן בוך. שי־קאַגאָ, 1953. סעפּאַראַטער אָפּדרוק, שיקאַגאָ, ז׳ 23.

73. ישורין, יעפים:
משה לייב האַלפּערן ביבליאָגראַפיע.— משה לייב האַלפּערן. „אין ניו־יאָרק״, ניו־יאָרק, 1954, ז׳ 244. סעפּאַראַטער אָפּדרוק, ניו־יאָרק, 1954, ז׳ 244.

74. ישורין, יעפים:
מאַני לייב ביבליאָגראַפיע. — מאַני לייב. לידער און באַלאַדן. צווייטער באַנד, אַלוועלטלעכער יידישער קול־טור־קאָנגרעס און ציקאָ ביכער פאַר־לאַג. ניו־יאָרק, ז׳ 15.

75. ליבערמאַן, חיים:
יוסף ראָלניק. — ביכער און שרײַ־בער. ניו־יאָרק, 1933, זז״ 46-68.

76. ליבערמאַן, חיים:
די נשמה פון דער אידישער ליטעראַ־טור. — ביכער און שרײַבער, ניו־יאָרק, 1933, ז׳ 246.

77. ליכט, מיכל:
לידער פון יוסף ראָלניק. — אויף די ראַנדן. ב.־איירעס, 1956, זז״ 45-48.

78. לעשצינסקי, ש.:
ב. ריווקין: דער ליטעראַטור־קינסט־לערישער קריטיקער. — ליטעראַרישע עסייען. באַנד צוויי, ניו־יאָרק, 1955, זייטן 234, 236, 237.

79. מאַרק, יודל:
איבערבליק איבער דער יידישער לי־טעראַטור אין אַמעריקע. — די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק, 1943, ז׳ 51.

80. מינקאָוו, נ. ב.:
זעקס יידישע קריטיקער. — בוענאָס־איירעס, 1954, ז׳ 195.

81. מינקאָוו, נ. ב.:
יוסף ראָלניק. — ליטעראַרישע וועגן, מעקסיקע, 1955, זז״ 119-144.

82. מינקאָוו, נ. ב.:
י. ראָלניק, אײדער ער איז געוואָרן ראָלניק. — ליטעראַרישע וועגן, מעק־סיקע, 1955, זז״ 145-177.

83. מינקאָוו, נ. ב.:
רויזענבלאַטס פּאָעטישע נסיעה.— ליטעראַרישע וועגן, מעקסיקע, 1955, זייט 208.

84. מייזיל, נחמן:
דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור.— נ.־יאָרק, 1942, ז' 17.

85. מייזיל, נחמן:
ציפערן און פאַקטן. — דאָס יידישע שאַפן און דער יידישער שרייבער אין סאָוועטן - פאַרבאַנד. איקוף - פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1959, ז' 168.

86. נאַדיר, משה:
יוסף ראָלניק. לידער. — מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט, ניו־יאָרק, 1919, זז" 60-55.

87. ניגער, ש.:
די יונגע יידישע ליריק און אמעריקע. — ווייטער־בוך, ווילנע, 1920, זז" 93, 95.

88. ניגער, ש.:
יוסף ראָלניק. — ווייטער־בוך, ווילנע, 1920, זז" 110-95.

89. ניגער, ש.:
ה. רויזענבלאַט. — ווייטער־בוך, ווילנע, 1920, זז" 110, 111, 112, 113.

90. ניגער, ש.:
דער וועג פון פרט און דער וועג פון כלל. — לעזער, דיכטער, קריטיקער. ערשטער באַנד, נ.־יאָרק, 1928, ז' 188.

91. ניגער, ש.:
אידישע ליטעראַטור, אַלמעכטיג לעבן. — לידער, דיכטער, קריטיקער, ערשטער באַנד, ניו־יאָרק, 1928, ז' 282.

92. ניגער, ש.:
וועגן דער אַלטער און דער נייער יידישער ליטעראַטור. — בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור. אַרויסג. פון ש. ניגער בוך־קאָמיטעט ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1959, ז' 373.

93. ניסענזאָן, א.:
דער כח פון קינסטלערישן וואָרט. — דער לעבעדיקער, נ"י, 1938, ז' 86.

94. פערשלייסער, ע.:
יוסף ראָלניק, אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט.—אויף שרייבערישע שליאַכן. פאַרלאַג הסופר. ניו־יאָרק, 1958, זז" 37-31.

95. פערשלייסער, ע.:
אַ. טאַבאַטשניק. — אויף שרייבערישע שליאַכן. פאַרלאַג הסופר. ניו־יאָרק, 1958, ז' 169.

96. קעניג, לעאָ:
פון פּראָזע צו דיכטונג. — פאָלק און ליטעראַטור. פינף לעקציעס. אַרויסג. פונעם בילדונגס־קאָמיטעט ביים אַרבעטער רינג. לאָנדאָן, 1947, ז' 58.

97. קעניג, לעאָ:
פון רעאַליזם צו ראָמאַנטיק. — פאָלק און ליטעראַטור. פינף לעקציעס. אַרויסג. פונעם בילדונגס־קאָמיטעט ביים אַרבעטער רינג, לאָנדאָן, 1947, זייט 70.

98. קרול, חיים:
יוסף ראָלניק. — אַרום זיך. ווילנער פאַרלאג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1930, זז" 10-9.

99. ראַדאָק, יעקב:
יוסף ראָלניק. — קונסט און קינסטלער, ניו־יאָרק, 1955, זז" 151-149.

100. ראַוויטש, מלך:
יוסף ראָלניק ז"ל. — ביבליאָטעק־בוך 1914-1957. יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל, זז" 104-103.

101. ראָנטש, יצחק אלחנן:
אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור.—נ.־יאָרק, 1945, זז" 127, 133.

102. ריוואָקין, ב.:
יוסף ראָלניק. לידער מיקראָסקאָפּן.— יידישע דיכטונג אין אַמעריקע. באַנד 1, ציקאָ ביכער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1947, זז" 155-137.

103. ריוואָקין, ב.:
דרייסיק יאָר יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. — גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. ניו־יאָרק, 1948, ז' 289.

104. רייזען, אברהם:
דער הויפטמאַן פון די „יונגע" אין אַמעריקע. — דוד איגנאַטאָוו. פינף־און־צוואַנציק יאָר ליטעראַרישער שאַפן. שיקאַגאָ, 1935, ז' 160.

105. רייזען, אברהם:
...יוסף ראָלניק אין מינסק. — עפּי־זאָדן פון מיין לעבן. דריטער טייל. ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1935, זז" 176, 198, 199.

106. שאַפּירא, לאַמעד:
יוסף ראָלניק. עס קלאַפּט נאָך אַן אַדער. — כתבים. ל. שאַפּירא. בוך־קאָמיטעט. לאָס אַנגעלעס, 1949, זז" 349-351.

107. שטיינבערג, נח:
נאַדיר וועגן אונזערע שרייבער— ראָלניק. — אַ בוך משה נאַדיר. פאַר־לאַג לעבן, ניו־יאָרק, 1926, ז' 149.

אַרטיקלען וועגן יוסף ראָלניק אין צייטונגען און זשורנאַלן

108. אַ רעפּאָרטער:
הונדערטער מענטשן קומען צו דער לויה פון באַרימטן דיכטער יוסף ראָלניק. — מאָרגן־פרייהייט, ניו־יאָרק, אויגוסט 22, 1955.

109. אויערבאַך, אפרים:
העלף, גאָט, זיך דערמאָנען דאָס דאָר־פישע לשון. — (וועגן יוסף ראָלניקס נייע און אַלטע לידער). פּראָלעטאַרי־שער געדאַנק, ניו־יאָרק, מאַי 1, 1942, ז' 5.

110. אויערבאַך, אפרים:
דער דיכטער יוסף ראָלניק ווערט אַלט זיבעציק יאָר. — מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, פעברואַר 8, 1948.

111. אויערבאַך, אפרים:
דוד איגנאַטאָווס בייטראָג צו אידי־שער ליטעראַטור. — טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, מערץ 2, 1954.

112. אויערבאַך, אפרים:
ברעקלעך פון אַ פּאָעטס רייכן טיש.— טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, סעפּ־טעמבער 7, 1955.

113. אויערבאַך, אפרים:
אַ בליק אויף צוריק. — אידישער קעמפּער, ניו־יאָרק, יאַנואַר 31, 1958, זייט 6.

114. איגנאַטאָוו, דוד:
אַ קאַפּיטל „יונגע". — צוקונפט, ניו־יאָרק, דעצ. 1944, זז" 752, 754.

115. אייזלאַנד, ראובן:
מיין יוסף ראָלניק. — ליטעראַטור און לעבן, נ.־יאָרק, 1916, זז" 21-24.

116. אַלגין:
ראָלניקס לידער. — פאַרלאַג „אינ־זעל", ניו־יאָרק. צוקונפט, ניו־יאָרק, יולי 1916, זז" 611-614.

117. אַלגין, מ.:
מאַני לייב. — עפּאָכע, נומ. 13-15, ניו־יאָרק, מערץ־מאַי 1944, ז' 287.

118. אַלמי, א.:
ראָלניקס שטערן. — פרייע ארבעטער שטימע, ניו־יאָרק, פעברואַר 16, 1922, ז' 5.

119. אַפּאַטאָשו, י.:
50 יאָר יידישע ליטעראַטור און די פּאַראייניקטע שטאַטן. ייוואָ־בלעטער, באַנד 38, נ.־יאָרק, 1954, זז" 47, 48.

120. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
די דיסקוסיע וועגן פּאָעטישן לשון. די פּרעסע, ב. איירעס, יוני 8, 1951.

121. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
„יונגע". — די פּרעסע, בוענאָס איי־רעס, אָקטאָבער 15, 1953.

122. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
דוויד איגנאַטאָוו. — די פּרעסע, בוע־נאָס־איירעס, מערץ 9, 1954.

123. באַטאַשאַנסקי, יעקב:
דוויד איגנאַטאָוו. — די פּרעסע, בוע־נאָס־איירעס, מערץ 12, 1954.

124. באָטאָשאַנסקי, יעקב:
יוסף ראָלניק — אַן עכטער דיכטער פון אַ קליינער וועלט. — די פרעסע, בוענאָס--איירעס, אויגוסט 20, 1955.

125. באָטאָשאַנסקי, יעקב:
די טרייסט פאַר דעם פאַרגיין. (וועגן יוסף ראָלניק). — די פרעסע, בוענאָס-איירעס, אויגוסט 25, 1955.

126. באָטאָשאַנסקי, יעקב:
מען האָט געגלויבט אַז מיט מעשות קען מען אויסלייזן די וועלט. — די פרעסע, ב"א, סעפטעמבער 13, 1957.

127. באָטאָשאַנסקי, יעקב:
די יידישע ליטעראַטור אין משך פון די לעצטע 40 יאָר. — די פרעסע, בוענאָס־איירעס, דעצעמבער 31, 1957.

128. באָטאָשאַנסקי, יעקב:
„אויף שרייבערישע שליאַכן". פון ע. פערשלייסער. — די פרעסע, בוענאָס-איירעס, פעברואַר 14, 1959.

129. באַיאָן, ל.:
די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. — פאָרויס, מעקסיקע, אָקט. 1957, ז' 6.

130. באַיאָן, ל.:
די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. — פאָרויס, מעקסיקע, סעפטעמבער 1957, זייט 10.

131. באַסין, מ.:
„די אידישע פאָעזיע אין אַמעריקע". דער אויפקום, ניו-יאָרק, אפריל 1930, זייט 13.

132. באַסין, מ.:
גרויסע לידער אין דער אידישער פאָעזיע. — אידישער קעמפער, ניו-יאָרק, אויגוסט 6, 1948, זז" 12-10.

133. באָרדאָ־ריווקין, מינאַ:
דאָס מאָלעריש וואָרט. ליטעראַרישע העפטן, טוהונגא, סעפט.-דעצ. 1949, זייט 35.

134. באָריישאָ, מנחם:
דאָס אויסגעלייזטע ליד. (י. ראָלניק). ליטעראַטור און לעבן, ניו-יאָרק, 1917 אָדער 1918.

135. [באַשעווים], יצחק וואַרשאַווסקי:
יוסף ראָלניקס זכרונות. פאָרווערטס, ניו־יאָרק, יוני 27, 1954.

136. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
ראָלניק אויף קאַנאַל סטריט. — דער אויפקום, ניו-יאָרק, אויגוסט 1926, זייט 19.

137. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
מליצה. — דער אויפקום, ניו־יאָרק, אויגוסט 1926, ז' 20.

138. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
דריי דורות. — דער אויפקום, ניו-יאָרק, מאי 1928, זז" 26, 27.

139. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
אין די עוועניוס פון גרויסשטאָט. — דער אויפקום, ניו-יאָרק, דעצעמבער 1928, ז' 16.

140. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
טרויער. — דער אויפקום, ניו-יאָרק, אפריל 1929, ז' 37.

141. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
דער „בונד" און די יידישע ליטעראַטור. — אונזער צייט, ניו־יאָרק, נאָוו.-דעצ. 1947, ז' 52.

142. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
יוסף ראָלניק. — צוקונפט, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1955, זז" 356-353.

143. בילעצקי, י.:
קאַפּיטלען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור. — יידישע צייטונג, תל-אביב, מערץ 16, 1956.

144. ביק, אברהם:
די אַמעריקאַנער געשיכטע אין דער היגער יידישער ליטעראַטור. — יידישע קולטור, ניו־יאָרק, פעב. 1955, זייט 25.

145. ביקל, שלמה:
דער דיכטער יוסף ראָלניק (צו זיינע זיבעציק יאָר). — אונדזער וועג, ניו-יאָרק, מאַי 1, 1948, זז" 20-19.

146. ביקל, שלמה:
דער דיכטער יוסף ראָלניק. — דער האָלץ אינדוסטריאל יאָר-בוך, 1954. בוענאָס-איירעס, זז" 214-211.

147. ביקל, דר. שלמה:
יעקב גלאַטשטיינס פּראָזע. — טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, פעברואַר 10, 1957.

148. ביקל, דר. שלמה:
וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור־קריטיק. טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, פעברואַר 25, 1957.

149. ביקל, דר. שלמה:
יעקב גלאַטשטיינס פּראָזע. — אידישע צייטונג, בוענאָס־איירעס, מערץ 21, 1957.

150. בייזער, א.:
יוסף ראָלניק. — אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, פעב. 22, 1952, זז״ 11-13.

151. בראָנשטיין, יחזקאל א. מ.:
יוסף ראָלניק—„נייע לידער". — צוקונפט, ניו־יאָרק, אַפּריל 1936, זז״ 322-324.

152. ברינמאַן, י. ר.:
יוסף ראָלניק. — דער אויפקום, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1927, זז״ 31-35.

153. ברינמאַן, י. ר.—ראַטשקי:
דער פּאָעט פון א שטומער שטילקייט. — דער אינזל, ניו־יאָרק, 1935.

154. גאָטליב, יעקב:
פון פאָלקס־טאָן צו סימבאָל און וויזיע. (יוסף ראָלניק און זיין בוך „נייע לידער"). — דאָס וואָרט, נומער 152 (265).

155. גאָטליב, נ. י.:
יוסף ראָלניק. — קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יאַנואַר 6, 1942.

156. גאָטליב, נ. י.:
זוניגע זכרונות. וועגן יוסף ראָלניקס נייע לידער־בוך (אַ פּענסטער צו דרום, נ. י. 1941). קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יולי 24, 1942.

157. גאָטליב, נ. י.:
יוסף ראָלניק. — קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יוני 14, 1954.

158. גאָלדבערג, א.:
„אַמעריקע אין יידישן וואָרט". — זאַמלונגען, נומ. 8, ניו־יאָרק, ווינטער 1956, ז׳ 59.

159. גאָלדבערג, ב. צ.:
ראובן אייזלאַנד און די „יונגע". — טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, יוני 6, 1954.

160. גאָלדבערג, ב. צ.
ראָלניק און ליטוויש. — טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, יוני 20, 1954.

161. גאָלדבערג, ב. צ.:
אַנטאָלאָגיעס אַמעריקע. — טאָג־מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק, יוני 4, 1955.

162. גאָלדבערג, ב. צ.:
וועגן ליטעראַרישע ענינים. — טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, נ"י, מאַי 20, 1956.

163. גורני, הלל:
יוסף ראָלניקס נייע לידער. — ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, מערץ 29, 1935, זייט 14.

164. גלאַטשטיין, יעקב
לעיעלעס, א.

מינקאָוו, נ.
אינטראָספּעקטיוויזם. — אינזיך, ניו־יאָרק, 1920, זז״ 23, 24.

165. גלאַטשטיין, יעקב:
יוסף ראָלניק—זיבעציק יאָר אַלט. — אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, אַפּריל 2, 1948, זז״ 9-10.

166. גלאַטשטיין, יעקב:
מאָרים ראָזענפעלד. — אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, אויגוסט 14, 1953, זז״ 11-12.

167. גלאַטשטיין, יעקב:
יוסף ראָלניקס „זכרונות". — אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, יאַנואַר 14, 1955, זז״ 15-16.

168. גלאַטשטיין, יעקב:
יוסף ראָלניק. — אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, סעפּט. 9, 1955, זז״ 10-12.

169. גלאַטשטיין, יעקב:
ערשטע שריט — מיט פופציק יאָר צוריק. — אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, מערץ 23, 1956, ז׳ 7.

170. גלאַטשטיין, יעקב:
דער טאָג פון ליד. — טאָג־מאָרגן־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקט. 17, 1958.

171. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
יוסף ראָלניקס לידער. — אונזער וואָרט, שיקאַגאָ, מערץ 1916, זז" 14-15.

172. גלאַנץ, א.:
יוסף ראָלניק. — פֿרייע אַרבעטער שטימע, נ"י, מערץ 12, 1921, ז' 5.

173. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
די נייע יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע — ליטעראַרישע בלעטער, נום. 14, וואַרשע, אויגוסט 8, 1924, ז' 1.

174. גלאַנץ-לעיעלעס, א.:
25 יאָר אידישע פּאָעזיע. — דער טאָג, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 26, 1939.

175. גלאַנץ, א.:
ציַיטן און שרייבער. — דער טאָג, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 26, 1940.

176. גלאַנץ-לעיעלעס, א.:
נ. ב. מינקאָוו — פּאָעט און קריטיקער. — צוקונפֿט, ניו-יאָרק, אַפּריל 1944, ז' 227.

177. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
וועלט און וואָרט. — דער טאָג, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 11, 1948.

178. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
וועלט און וואָרט. — דער טאָג, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 18, 1948.

179. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
יוסף ראָלניק צו 75 יאָר. — טאָג-מאָרגן-זשורנאַל, ניו-יאָרק, פֿעברואַר 20, 1954.

180. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
יוסף אָפּאַטאָשו. — טאָג-מאָרגן-זשורנאַל, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 16, 1954.

181. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
עפּעס וועגן לאַזאַר וויינערן. — טאָג-מאָרגן-זשורנאַל, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 6, 1954.

182. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
הײנע און די אידישע פּאָעזיע. — טאָג-מאָרגן-זשורנאַל, ניו-יאָרק, פֿעברואַר 21, 1956.

183. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
שמואל פּאַקס ע"ה. — טאָג-מאָרגן-זשורנאַל, ניו-יאָרק, מאַי 26, 1956.

184. גלאַנץ—לעיעלעס, א.:
ליטעראַרישע מעמואַרן. די גאָלדענע קייט, 31, תל-אביב, 1958, ז' 130.

185. [גלאַנץ, א.] לעיעלעס:
„אָפּקלײַב" נומער פֿיר.— טאָג-מאָרגן זשורנאַל, ניו-יאָרק, מערץ 1, 1958.

186. גלאַנץ, יעקב:
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי אין ליכט פֿון זײַנע „לידער און עסייען".— בריקן, שיקאַגאָ, סעפּטעמבער 1934, ז' 351.

187. גרין, בער:
יוסף ראָלניקס דיכטערישער וועג. — מאָרגן-פֿרייהייט, ניו-יאָרק, פֿעברואַר 29, 1948.

188. גרין, בער:
יוסף ראָלניק. — יידישע קולטור, ניו-יאָרק, אָקט. 1955, זז" 26-28.

189. גרין, בער:
די אַמאָליגע „יונגע". — מאָרגן-פֿרייהייט, ניו-יאָרק, אַפּריל 14, 1957.

190. גרינבערג, אליעזר:
חיים ליבערמאַן. — דער אויפֿקום, ניו-יאָרק, מערץ-אַפּריל 1933, ז' 13.

191. גרינבערג, אליעזר:
אין מזל לייִדישער ליטעראַטור. — צוקונפֿט, ניו-יאָרק, דעצעמבער 1958, זייט 501.

192. גרינשפּאַן, שלמה:
זישאָ לאַנדוי, — אויפֿסניי, נום. 22, ניו-יאָרק, ווינטער, 1958, ז' 20.

193. [דיימאַנדשטיין, ב.]:
מײַן באַזוך ביים דיכטער ראָלניק. — ליטעראַרישע העפֿטן, טוהונגאַ, מאַי-דעצ. 1950, ז' 131.

194. ד[יימאַנדשטיין], ב.:
יוסף ראָלניק—געקליבענע לידער. — ליטעראַרישע העפֿטן, טוהונגאַ, יאַנ.-יוני 1952, זז" 13-16.

195. דיימאַנדשטיין, ב.:
יוסף ראָלניק—געקליבענע ווערק. — ליטעראַרישע העפֿטן, טוהונגאַ, יאַנ.-יוני 1954, זז" 25-27.

196. האַרן, י.:
חשיבות פון אַרבעט. — אידישע צײַ־
טונג, ב. איירעס, יאַנואַר 16, 1955.

197. האַרן, י.:
מאַרק שווײַדס נײַ בוך „דאָס לעבן
פון י. ל. פרץ". — אידישע צײַטונג,
בוענאָס-איירעס, יוני 13, 1955.

198. האַרן, י.:
זשוכאָוויץ און בראָדווײ. (צום טויט
פון דיכטער יוסף ראָלניק). — אי-
דישע צײַטונג, בוענאָס-איירעס, אוי-
גוסט 22, 1955.

199. הירשביין, פּרץ:
די „יונגע" און ניט-אנערקענטע. —
דער טאָג, ניו-יאָרק, פעב. 15, 1942.

200. ווערניק, פּ.:
יוסף ראָלניק—לידער. — מאָרגען־
זשורנאַל, ניו-יאָרק, אַפּריל 4, 1926.

201. ווײַנפּער, ז.:
יוסף ראָלניק—לידער. — די פעדער,
ניו-יאָרק, 1926.

202. ווײַנפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — דער אויפקום, ניו-
יאָרק, נאָוועמבער 1927.

203. ווײַנפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — דער אויפקום, ניו-
יאָרק, אויג.-סעפּט. 1928, זז" 22-26.

204. ווײַנפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — פרייע אַרבעטער
שטימע, ניו-יאָרק, מאַי 30, 1930,
זז" 3 און 5.

205. ווײַנפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — ליטעראַרישע בלע-
טער, נומ. 409, וואַרשע, מערץ 4,
1932, זז" 155-153.

206. ווײַנפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — דער אויפקום, ניו-
יאָרק, מערץ-אַפּריל 1935, זז" 22-14.

207. ווײַנפּער, ז.:
יוסף ראָלניק. — יידישע קולטור,
ניו-יאָרק, אויגוסט 1948, זז" 40-37.

208. ווײַנפּער, ז.:
צו דעם יום-טוב פון דער אנטאָלאָגיע.
— יידישע קולטור, ניו-יאָרק, דע-
צעמבער 1955, ז' 27.

209. ווײַנפּער, ז.:
נפתלי גראָס. — יידישע קולטור, ניו-
יאָרק, מאַי 1956, ז' 46.

210. וואָלדעק, ב.:
„שריפטן" פאַרלאַג „אַמעריקע". —
צוקונפט, נ.-יאָרק, דעצ. 1912, ז' 846.

211. וואָלדעק, ב.:
יהואש'ס נײַע ביכער. — צוקונפט,
ניו-יאָרק, דעצעמבער 1913, ז' 1211.

212. וו[אָלדע]ק, ב.:
וועגן אידישע דיכטער. — פרייע אַר-
בעטער שטימע, ניו-יאָרק, אַפּריל 19,
1913, ז' 5.

213. וואָלדעק, ב.:
„אין דער וועלט פון געזאַנגען". —
צוקונפט, נ.-יאָרק, יוני 1918, ז' 399.

214. חאַימאָוויטש, מ. י.:
יוסף ראָלניק. — ליטעראַטור און
לעבן, ניו-יאָרק, 1916, זז" 7-6.

215. ח[אַימאָוויטש], מ. י.:
פּאָעטן. — ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט,
נאָוועמבער 22, 1940, ז' 1.

216. טאַבאַטשניק, א.:
לו' גאָלדבערג „נאָענטע"—לידער. —
צוקונפט, נ"י, נאָוו. 1932, ז' 685.

217. טאַבאַטשניק, א.:
יוסף ראָלניק. — סיגנאַל, ניו-יאָרק,
אַפּריל 1936, זז" 24-22.

218. טאַבאַטשניק, א.:
יוסף ראָלניק. — אידישער קעמפער,
נ"י, פּסח, תש"י, 1950, זז" 61-52.

219. טאַבאַטשניק, א.:
טראַדיציע און רעוואָלט אין דער
יידישער פּאָעזיע. — דוקא, בוענאָס־
איירעס, יולי-אויג. 1951, ז' 417.

220. טאַבאַטשניק, א.:
א. טאַבאַטשניק וועגן אַמעריקאַנער
יידישע שרײַבער. — לעבנס-פראַגן,
תל-אביב, 1952, זז" 13-12.

221. טאַבאַטשניק, א.:
די שטים פון אידישען פּאָעט. — טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, יאַנואַר 19, 1955.

222. טאַבאַטשניק, א.:
מאַני לייב דער קלאַסיקער. — וואָג-שאָל, נ"י, יאַנואַר-מערץ 1959, ז' 7.

223. טיקטינער, מ.:
יוסף ראָלניקס „נייע לידער". — דער מאָמענט, וואַרשע, אָקט. 18, 1935.

224. טענענבוים, ש.:
יוסף ראָלניק—לידער... — אידישער קוריער, שיקאַגאָ, דעצ. 22, 1940.

225. טענענבוים, ש.:
א באַזוך ביים פּאָעט יוסף ראָלניק. — אידישער קוריער, שיקאַגאָ, אַפּריל 6, 1941.

226. טענענבוים, ש.:
איטסט בראַדוויי. — דער שפּיגל, בוע-נאָס-איירעס, יאַנואַר 20, 1942.

227. טענענבוים, ש.:
די דיכטונג פון דעריבערונגען—יוסף ראָלניק. (צו זיין 70-יאָריקן יום-טוב און צו דער געלעגנהייט פון זיין קריגן די לואים לאַמעד פּרע-מיע). — אידישער זשורנאַל, טאָ-ראָנטאָ, נאָוועמבער 1, 1949.

228. טענענבוים, ש.:
פּאָרטרעט פון יוסף ראָלניק. — די שטימע, מעקסיקע, דעצ. 31, 1949. יאַנואַר 7 און 14, 1950.

229. טענענבוים, ש.:
משה יונה חאַימאָוויטש. — די שטי-מע, מעקסיקע, מערץ 28, 1953.

230. טענענבוים, ש.:
יוליאַן טובים. — די שטימע, מעק-סיקע, מערץ 6, 1954.

231. טענענבוים, ש.:
יוליאַן טובים. — אַרבעטער-וואָרט, פּאַריז, יאַנואַר 25, 1957.

232. טענענבוים, ש.:
דער קלוגער פּאָעט און זיין פּאַרגיין. — די שטימע, מעקסיקע, סעפּטעמ-בער 18, 1957.

233. טענענבוים, ש.:
דער קלוגער פּאָעט און זיין פּאַרגיין. — די שטימע, מעקסיקע, סעפּטעמ-בער 25, 1957.

234. טענענבוים, ש.:
אַן אָוונט אין לעבן פון יוסף ראָלניק. — אונזער שטימע, פּאַריז, יאַנואַר 9-10, 1960.

235. טענענבוים, ש.:
אַן אָוונט אין לעבן פון יוסף ראָלניק. — אונזער שטימע, פּאַריז, יאַנואַר 11, 1960.

236. [יאַנאָווסקי, ש.] ד. ב.:
לידער פון י. ראָלניק. פאַרלאַג „אינ-זעל". — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 9, 1916, ז' 2. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 16, 1916, ז' 5.

237. יאָפע, מרדכי:
יוסף ראָלניק. — פרייע אַרבעטער שטימע, נ.-יאָרק, מאַי 2, 1941, ז' 5.

238. יאָפע, מרדכי:
יוסף ראָלניק. — אידישער קעמפער, ניו-יאָרק, פעב. 6, 1942, זז" 11-12.

239. יאָפע, מרדכי:
יוסף ראָלניק. — אידישער קעמפער, ניו-יאָרק, אַפּריל 2, 1948.

240. יאָפע, מרדכי:
פּופּציק יאָר אידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע. — מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, יאַנואַר 7, 1951.

241. יפה, מרדכי:
יוסף ראָלניק. — לעצטע נייעס, תל-אביב, פעברואַר 12, 1954.

242. יפה, מרדכי:
יוסף ראָלניק. — לעבנס-פראַגן, תל-אביב, אָקטאָבער 1955, זז" 13-14.

243. ישורין, יעפים:
פּופּציק יאָר „צוקונפט" (1942-1892) (ביבליאָגראַפישע סטאַטיסטיק). — צוקונפט, ניו-יאָרק, מאַי-יוני 1942, זייט 351.

244. ישורין, יעפים:
צו דער י. ל. פּרץ ביבליאָגראַפיע. —

צוקונפט, ניו-יאָרק, אַפּריל 1945, זייט 280.

245. ישורין, יעפים:
רודאָלף ראָקער ביבליאָגראַפיע. — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 23, 1955. ז' 8.

246. כּאַנוקאָוו, ל.:
יוסף ראָלניק—דער דיכטער. אַ פּענצי-טער צו דרום, ניו-יאָרק, 1941. — ניילעבן, נ"י, מאַי 1943, זז" 10-9.

247. כּאַנוקאָוו, ל.:
יוסף ראָלניק—דער דיכטער. — לי-טעראַרישע עסייען, איקוף פאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1960, זז" 45-43.

248. כּץ, מ.:
דער פּאָעט פון דער „שעהנער אונבאַ-קאַנטער". (וועגן יוסף ראָלניקס לי-דער). — דער טאָג, ניו-יאָרק, פעב-רואַר 20, 1916.

249. כּץ, משה:
יוסף ראָלניקס בוך „זכרונות". — מאָרגן-פרייהייט, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 31, 1954.

250. כּץ, משה:
איז אַ דיכטער מחויב אָפּצורופן זיך אויף זיין צייט? (וועגן יוסף ראָל-ניקס אַ טענה צו אַ קריטיק). — מאָרגן-פרייהייט, ניו-יאָרק, יאַנואַר 16, 1955.

251. לאַנדוי, זישאַ:
פּערזענליכעס. — ליטעראַטור און לעבן. ניו-יאָרק, 1916.

252. לונער, מ. ח.:
„דאָס נייע לעבן" פון פעב. 1912. — דאָס נייע לאַנד, ניו-יאָרק, מערץ 1, 1912, ז' 27.

253. ליבמאַן, יצחק:
הערמאַן גאָלד. — ניו-יאָרקער וואָכנ-בלאַט, ניו-יאָרק, אויגוסט 28, 1953, זייט 15.

254. ליבערמאַן, חיים:
די מאָדערנע ליטעראַטור. — דער אויפקום, ניו-יאָרק, מאַי 1928, ז' 12.

255. ליכט, מיכל:
לידער פון יוסף ראָלניק, צווייטע אויפלאַגע, נ. י. 1926. — אונדזער בוך, נומ. 2, ניו-יאָרק, מערץ-אַפּריל 1926, זז" 131-130.

256. ליסקי, א.:
יוסף ראָלניק. — אונזער שטימע, פּאַ-ריז, יאַנואַר 31 - פעב. 1, 1959.

257. ליסקי, א.:
דער אָריגינעלער דיכטער יוסף ראָל-ניק. — אידישע שטימע, לאָנדאָן, פעברואַר 6, 1959.

258. ליסקי, א.:
יוסף ראָלניק. (צו זיין 4טן יאָר-צייט). — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, אויגוסט 15, 1959.

259. לייוויק, ה.:
דאָס ליד פון דאָס לעבן. — דער טאָג, ניו-יאָרק, מאַי 30, 1948.

260. לייוויק, ה.:
אַ יאָר אַז מנחם איז אַוועק. — דער טאָג, ניו-יאָרק, פעברואַר 5, 1950.

261. ל[ייוויק], ה.:
ראובן אייזלאַנד, ע"ה. — צוקונפט, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 1955, ז' 294.

262. [לעבעדיקער], ח. גוטמאַן:
ענטפער בעל מחשבותן. — פרייע אַר-בעטער שטימע, ניו-יאָרק, 1915 אָדער 1916.

263. [לעבעדיקער], ח. גוטמאַן:
אָרום מיהל. — ליטעראַטור און לעבן, ניו-יאָרק, 1916, זז" 16-13.

264. [לעבעדיקער], גוטמאַן:
„צום שטערן גויד"—לידער פון יוסף ראָלניק. — ניו-אידיש, ניו-יאָרק, יולי 1922, זז" 44-43.

265. לעבעדיקער—ח. גוטמאַן:
יוסף ראָלניק. — פרייע אַרבעטער שטימע, נ.-יאָרק, מערץ 1, 1946, ז' 5.

266. לעבעדיקער:
אויפן ליטעראַרישן יאַריד. — מאָר-גען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 21, 1951. טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, יוני 6, 1954. טאָג-מאָרגען-

זשורנאַל, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 28, 1954. טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, יאַנואַר 16, 1955. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, אַפּריל 3, 1955. טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, יוני 5, 1955. טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 2, 1955. טאָג־מאָרגען זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 23, 1955. טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, יולי 29, 1956.

267. לעבעדיקער:
אויטאָביאָגראַפישע ביכער פון פינף יידישע שרייבער. — אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס־איירעס, יולי־אויג. 1955, זז״ 16, 22.

268. לעבעדיקער:
אין משפחה ליגט די מזל־ברכה. „פירות אויף מיין בוים״—לידער פון לוי גאָלדבערג. — טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, סעפּט. 20. 1959.

269. לעווין, יעקב:
דער וואונדער פון דער יידישער ליטעראַטור. — אויפן וועג—בולעטין, ניו־יאָרק, מאַי 30, 1957, ז׳ 3.

270. א. מ.:
יוסף ראָלניק הזכרה אָוונט ביים אידישן שרייבער פאַראיין. — קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, אָקט. 3, 1955.

271. מאַלאַמוט, יוד לאַמעד:
אידישע פאָלקסלידער. — קאַליפאָרניער יום־טוב בלעטער, לאָס אַנדזשעלעס, מערץ 1956, ז׳ 12.

272. מאַנגער, איציק:
דער ליטוואַק און די לאַנדשאַפט. (צו יוסף ראָלניקס 75טן געבוירנטאָג). — צוקונפט, ניו־יאָרק, מערץ 1954, זז״ 116-117.

273. מאַנגער, איציק:
משה לייב דער פּאָעט. — דער וועקער, ניו־יאָרק, יולי 1, 1955, ז׳ 12.

274. מאַנגער, איציק:
יוסף ראָלניק. צו די שלושים. — דער וועקער, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1, 1955, זז״ 10-13.

275. מאַני, לייב:
דוד איגנאַטאָוו שרייבט געשיכטע. — עפּאָכע, ניו־יאָרק, אַפּריל 1945, ז׳ 6.

276. מוקדוני, דר. א.:
מיט זיך אַליין. לידער, יוסף ראָלניק. — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מערץ 26, 1926.

277. מוקדוני, דר. א.:
נייע לידער פון יוסף ראָלניק. — מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אַפּריל 26, 1935.

278. מוקדוני, דר. א.:
צווייטער באַנד „זאַמלביכער״. — צוקונפט, ניו־יאָרק, אויג. 1937, ז׳ 494.

279. מוקדוני, דר. א.:
80 אידישע דיכטער צווישן צוויי טאָוולען. — מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 30, 1940.

280. מוקדוני, דר. א.:
דער דיכטער מיטן אייביגען אַרעס. אַ פענצטער צו דרום, פון יוסף ראָלניק. — מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, פעברואַר 25, 1942.

281. מוקדוני, דר. א.:
דריי שטילע יובילייען. יוסף ראָלניק. — מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אַפּריל 14, 1946.

282. מוקדוני, דר. א.:
י. ראָלניק—דער זיבעציקער. „געקליבענע״ לידער פון יוסף ראָלניק, אייקוף פאַרלאַג, 1948. — מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק) אויגוסט 8, 1948.

283. מוקדוני, דר. א.:
יידישע קולטור אין אַמעריקע. — די גאָלדענע קייט, 20, תל־אביב, 1954, זייט 247.

284. מוקדוני, דר. א.:
שוטער ווערן אונדזערע שרייבערישע רייען. — די גאָלדענע קייט, 26, תל־אביב, 1956, ז׳ 157.

285. מוקדוני, דר. א.:
יעקב גלאַטשטיינס בוך עסייען. — טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 7, 1965.

286. מילער, ל.:
יוסף ראָלניק—דער עלטסטער און דער לעצטער פון די „יונגע". — מאָרגן-פרייהייט, ניו-יאָרק, סעפטעמבער 4, 1955.

287. מינקאָוו, נ. ב.:
יוסף ראָלניק. — צוקונפט, ניו-יאָרק, מערץ 1942, זז" 178-184.

288. מינקאָוו, נ. ב.:
ראָלניק, אוידער ער איז געוואָרן ראָלניק. — צוקונפט, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 1948, זז" 697-704.

289. מינקאָוו, נ. ב.:
טענדענצן און שטרעמונגען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.— צוקונפט, ניו-יאָרק, דעצעמבער 1954, זז" 516, 517.

290. מייזיל, נחמן:
וועגן די אַמעריקאַנער-יידישע „יונגע". — יידישע קולטור, ניו-יאָרק, יוני 1954, זז" 9, 11, 12, 14, 15, 16.

291. מייזיל, נחמן:
וועגן די אַמעריקאַנער-יידישע „יונגע". — ניילעבן, תל-אביב, יולי 9, 1954.

292. מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע.— יידישע קולטור, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 1954, זז" 31, 35.

293. מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע.— יידישע קולטור, ניו-יאָרק, דעצעמבער 1954, זז" 19, 20.

294. מייזיל, נחמן:
די לעצטע פון די „יונגע". — פּאַריזער צייטשריפט, נומ. 10, 1955, זז" 106-111.

295. מלמד, דר. ש.
נייע אידישע פּאָעזיע. — די וואָרהייט, ניו-יאָרק, יאַנואַר 1916.

296. מעסטעל, יעקב:
ז. וויינפּערס „שרייבער און קינסטלער". — יידישע קולטור, ניו-יאָרק, מאַי 1958, ז' 34.

297. מרמר, קלמן:
יוסף ראָלניקס פּערציג יאָר פּאָעזיע. צום דערשיינען פון זיין בוך „אַ פענצטער צו דרום". — מאָרגן-פרייהייט, ניו-יאָרק, יולי 12, 1942.

298. מרמר, קלמן:
ערשטע 50 יאָר אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. — מאָרגן-פרייהייט, ניו-יאָרק, מאַי 25, 1947.

299. נאַדיר, משה:
אונטערן מעסער. לידער פון י. ראָלניק אין אַ גרויסן בוך „אָהן" לעבנסבילדער און „אָהנע" קעפּלעך — וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? — קונדס, ניו-יאָרק, 1916.

300. נאַדיר, משה:
ראָלניק - אימפּרעסיאָנען. — ליטעראַטור און לעבן, ניו-יאָרק, יאַנואַר 1916, זז" 30-34.

301. נאַקס, עזריאל:
דאָס גייסטיקע פּנים פון דער יידישער דיכטונג. — צוקונפט, ניו-יאָרק, מערץ 1975, ז' 139.

302. ניגער, ש.:
לידער פון די יונגע. — דער טאָג, ניו-יאָרק, פעברואַר 8, 1920.

303. ניגער, ש.:
אין דער ברייט. — דער טאָג, ניו-יאָרק, אויגוסט 15, 1920.

304. ניגער, ש.:
י. ראָלניק. — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, יוני 17 און 24, 1921.

305. ניגער, ש.:
געדאַנקען פון אַ לעזער. — דער טאָג, ניו-יאָרק, יולי 2, 1922.

306. ניגער, ש.:
צען יאָר אין דער אידישער ליטעראַטור. — דער טאָג, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 23, 1924.

307. ניגער, ש.:
לייענענדיג די לידער פון יוסף ראָלניק. — דער טאָג, ניו-יאָרק, אַפּריל 18, 1926.

308. ניגער, ש.:
י. ראַלניקס נייע לידער. — דער טאָג, ניו-יאָרק, אַפּריל 28, 1935.

309. ניגער, ש.:
געלייענט און געשריבן. — דער טאָג, ניו-יאָרק, מאַי 5, 1935. דער טאָג, ניו-יאָרק, יוני 6, 1937.

310. ניגער, ש.:
„בריוו וועגן דער אַלטער און דער נייער אידישער ליטעראַטור". — צוקונפט, ניו-יאָרק, מאַי 1938, זז" 312-305. צוקונפט, ניו-יאָרק, אויגוסט 1938, ז' 482.

311. ניגער, ש.:
געלייענט און געשריבן. — דער טאָג, ניו-יאָרק, יאַנואַר 29, 1939.

312. ניגער, ש.:
לאַנדסמאַנשאַפט - פּאָעזיע. — דער טאָג, ניו-יאָרק, מערץ 26, 1939.

313. ניגער, ש.:
בריוו וועגן שרייבער און שרייבער. יוסף ראָלניק. — דער טאָג, ניו-יאָרק, יאַנואַר 14, 1940.

314. ניגער, ש.:
יוסף ראָלניק. — דער טאָג, ניו-יאָרק, דעצעמבער 27, 1941.

315. ניגער, ש.:
יוסף ראָלניקס נייע לידער. — דער טאָג, ניו-יאָרק, פּעברואַר 7, 1942.

316. ניגער, ש.:
געלייענט און געשריבן. — דער טאָג, ניו-יאָרק, מאַי 9, 1942.

317. ניגער, ש.:
לייענענדיק י. ראָלניקס נייע לידער. — אילוסטרירטע יום-טוב בלעטער, ניו-יאָרק, האַרבסט 1948, זז" 22-26.

318. ניגער, ש.:
יוסף ראָלניק וועגן זיך אַליין. וועגן זיין 70טן געבוירנטאָג. — דער טאָג, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 7, 1948.

319. ניגער, ש.:
היי-יאָריגע געווינערס פון די לואיס לאַמעד פּרעמיעס. — דער טאָג, ניו-יאָרק, דעצעמבער 11, 1949.

320. ניגער, ש.:
געלייענט און געשריבן. — דער טאָג, ניו-יאָרק, פּעברואַר 25, 1951. דער טאָג, ניו-יאָרק, אויגוסט 3, 1952.

321. ניגער, ש.:
מאָטיוון און טענדענצן פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור. — צוקונפט, ניו-יאָרק, פּעברואַר-מערץ 1953, ז' 100.

322. ניגער, ש.:
הספּדים, הספּדים... — טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, מערץ 21, 1954.

323. ניגער, ש.:
דער ליטוואַק און די לאַנדשאַפט. יוסף ראָלניק. — טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, אַפּריל 18, 1954.

324. ניגער, ש.:
יוסף ראָלניקס זכרונות. — טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, נ"י, יוני 13, 1954.

325. ניגער, ש.:
אונזער דריי שפּראַכיג יאָרבוך. — טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, נאָוועמבער 28, 1954.

326. ניגער, ש.:
געלייענט און געשריבן. — טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, דעצעמבער 26, 1954.

327. ניגער, ש.:
יוסף ראָלניק (1955-1878). — טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 25, 1955.

328. ניגער, ש.:
פון אַלטען רעאַליזם צו דער נייער ראָמאַנטיק. — טאָג-מאָרגען-זשורנאַל, ניו-יאָרק, מאַי 13, 1956.

329. סטאָדאָלסקי, יעקב:
ליטעראַטור און קונסט-דערקענטעניש. (וועגן יוסף ראָלניק). — ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט, יאַנואַר 26, 1940, ז' 6.

330. סיגאַל, י. י.:
יוסף ראָלניק. נייע לידער, נ. י. 1935. — קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, מאַי 26, 1935.

331. ס[יגאַל], י. י.:
יוסף ראָלניק. — קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, אַפּריל 10, 1947.

332. סיגאַל, י. י.:
יוסף ראָלניק. (צו זיין 70-יאָריקן יובל). — קענעדער אָדלער, מאָנ־טרעאָל, אַפּריל 26, 1948.

333. סיגאַל, י. י.:
יוסף ראָלניקס געקליבענע לידער. — קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, אָקטאָ־בער 11, 1948.

334. סיגאַל, י. י.:
משה לייב האַלפּערן. — צוקונפט, ניו־יאָר, אָקטאָבער 1952, ז' 377.

335. סיגאַל, י. י.:
יוסף ראָלניק אַ פינף און זיבעצי־גער. — קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, דעצעמבער 21, 1953.

336. סלאָנים, יואל:
וועגן מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע. — יידישע קולטור, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1941, ז' 47.

337. ענטין, יואל:
יוסף ראָלניק. — אידישער קעמפער, ניו־יאָרק, אַפּריל 3, 1959, זז" 10-12.

338. עסעלין, אַלטער:
נישט מיר האָבן פאַרראַטן. — דער שפיגל, ב. איירעס, מערץ 1955, ז' 12.

339. ע[פשטיין], ש[כנה]:
י. ראָלניק — „אויפן זאַמדיגען וועג". — צוקונפט, ניו־יאָרק, יוני 1911, זז" 354-356.

340. עפשטיין, שכנא:
דער דיכטער פון איינזאַמקייט. (לי־דער פון יוסף ראָלניק, צווייטע פאַר־גרעסערטע אויפלאַגע, נ. י. 1926). — די פרייהייט, נ. יאָרק, מערץ 14, 1926

341. פאַט, יעקב:
אַ שמועס מיט ה. לייוויק. — די גאָל־דענע קייט, 19, תל־אביב, 1954, זייט 147.

342. פּאָמעראַנץ, גרשון:
יוסף ראָלניקס „נייע לידער". — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 14, 1935.

343. פּאָמעראַנץ, גרשון:
יוסף ראָלניקס נייע לידער. — ליטע־ראַרישע בלעטער, נומ. 660, וואַרשע, יאַנואַר 1, 1937, ז' 3.

344. פערלמוטער, מ.:
ראָלניקס לעצטע באַהעלטעניש. — באָדן, באַנד 2, נומ. 4, ניו־יאָרק, ווינטער 1936, זז" 57, 60.

345. פוקס, א. מ.:
א. טאַבאַטשניק וועגן אַמעריקאַנער יידישע שרייבער. — לעבנס־פראַגן, תל־אביב, דעצ. 1952, זז" 12, 31.

346. פוקס, א.:
דער טרוימער פון אַדור. — לעבנס־פראַגן, תל־אביב, נאָוו. 1953, ז' 12.

347. פוקס, א. מ.:
דער ראָמאַנטיקער (דוד איגנאַטאָוו). — אויסטראַלישע יידישע נייעס, מעלבורן, יוני 4, 1954.

348. פערשלייסער, ע.:
יוסף ראָלניק — אַ דיכטערישע פּער־זענלעכקייט. — פרייע אַרבעטער שטימע, נ. יאָרק, מערץ 1, 1946, ז' 6.

349. פערשלייסער, ע.:
יוסף ראָלניקס דיכטערישער וועג. — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יוני 9, 1950, ז' 5.

350. פערשלייסער, ע.:
ריווקין דער „משיחיסטישער" קרי־טיקער. — „זיין", ניו־יאָרק, יוני 1958, ז' 9.

351. פרייליך, י.:
זכרונות פון יוסף ראָלניק. — אונ־זער וועג, ניו־יאָרק, אויגוסט 1954, זז" 11-12.

352. פרייליך, י.:
א. מ. ווייסענבערג, אברהם ליעסין. — אונדזער וועג, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1954, זז" 18, 19.

353. קאַץ, מעינקע:
יוסף ראָלניקס געקליבענע לידער. — יידיש אַמעריקע, נאָוועמבער־דעצעמ־בער 1949, זז" 30-32.

354. קיסין, י.:
אַ נייע לידער-זאַמלונג פון אַן אידישן פּאָעט. יוסף ראָלניק „נייע לידער" נ. י. 1935. — פאָרווערטס, ניו-יאָרק, יוני 7, 1936.

355. קיסין, י.
אַ נייע זאַמלונג לידער פון אַן אידישן פּאָעט. יוסף ראָלניק „אַ פענצטער צו דרום". — פאָרווערטס, ניו-יאָרק, פעברואַר 8, 1942.

356. קיסין, י.:
יוסף ראָלניקס וועג אין דער יידישער דיכטונג. — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, פעברואַר 27, 1942, זייט 5.

357. קעניג, ל.:
די יידישע ליטעראַטור צווישן ביידע וועלט-מלחמות. — צוקונפט, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 1959, ז' 404.

358. קראַנט, מרים:
די שטילקייט אין יוסף ראָלניקס לידער. — קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל, אָקטאָבער 29, 1956.

359. קרול, חיים:
פון אַ דיכטער צו אַ דיכטער. בריוו צו יוסף ראָלניק וועגן זיין בוך לידער.—די פעדער, נ"י, נומ. 4, 1926.

360. ד. ר.:
יוסף ראָלניק ע"ה. — לשון און לעבן, לאָנדאָן, סעפּט. 1955, ז' 42.

361. ראַבאַק, א. א.:
ווי קליין איז די אידישע ליטעראַטור? — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, דעצעמבער 3, 1937.

362. ר[אַבינאָוויטש], י.:
יוסף ראָלניק ע"ה. — קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל, אויגוסט 21, 1955.

363. ראַבינאָוויטש, י.:
יוסף ראָלניק ע"ה. — ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט, סעפּט. 30, 1955, ז' 15.

364. ראַוויטש, מלך:
פון מיינע באַגעגענישן. יוסף ראָלניק. — די פּרעסע, בוענאָס-איירעס, מערץ 12, 1946.

365. ראַוויטש, מלך:
דער באַשיידענער נאָמען — צום זיבעציקסטן געבורטסטאָג. — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 10, 1948, ז' 3.

366. ראַוויטש, מלך:
יוסף ראָלניק ז"ל. — לעצטע נייעס, תל-אביב, אויגוסט 26, 1955.

367. ראַוויטש, מלך:
אברהם טאַבאַטשניק. — קענעדער אַדלער, מאָנטרעאָל, יולי 1, 1957.

368. ראַוויטש, מלך:
אַ סענסאַציאָנעלער ליטעראַריש בוך. —דער וועג, מעקסיקע, פעב. 8, 1958.

369. ראַזשאַנסקי, שמואל:
יוסף ראָלניק — דער איינזאַמער ליריקער. — אידישע ציַיטונג, בוענאָס-איירעס, מאַי 6, 1942.

370. ראַזשאַנסקי, שמואל:
יוסף ראָלניק דער גרויסער פּאָעט, וואָס איז בלויז פּאָעט. — אידישע ציַיטונג, בוענאָס-איירעס, אויגוסט 21, 1955.

371. ראַזשאַנסקי, שמואל:
נ. ב. מינקאָוו — „ליטעראַרישע וועגן". — אידישע ציַיטונג, בוענאָס-איירעס, יוני 3, 1956.

372. רויזענבלאַט, ה.:
אַלטע און נייע לאַמפּן. — די גאָלדענע קייט, 11, תל-אביב, 1952, ז' 57.

373. רויזענבלאַט, ה.:
50 יאָר אידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע. — אידישער קעמפער, ניו-יאָרק, מערץ 23, 1956, ז' 114.

374. ריבאַלאָוו, מנחם:
יוסף ראָלניק. — צוקונפט, ניו-יאָרק, יאַנואַר 1950, זז" 36-37.

375. ריווקין, ב.:
די נייע היים, ערשטעס זאַמלבוך. — צוקונפט, נ.-יאָרק, סעפּטעמבער 1914, זייט 978.

376. ריווקין, ב.:
פינף דורות אידישע פּאָעטן אין איין קאָפּע. — די פעדער, ניו-יאָרק, יאַנואַר-פעברואַר 1917, זז" 3-7.

377. ריווקין, ב.:
פינף דורות אידישע פּאָעטן אין איין קאַפּע. — די פעדער, 10-11, ניו־יאָרק, 1926, זז״ 18-23.

378. ריווקין, ב.:
פינף דורות אידישע פּאָעטן. — אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, סעפּטעמבער 19, 1926.

379. ריווקין, ב.:
פינף דורות אידישע פּאָעטן אין איין קאַפּע. — די פעדער, ניו־יאָרק, יאַנואַר־פעברואַר 1927, זז״ 3-7.

380. ריווקין, ב.:
יוסף ראָלניק—אַ פּאָעט און זעלבסט־היילער. — דער טאָג, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 13, 1941.

381. ריווקין, ב.:
לידער־מיקראָסקאָפּן. — פּראָלעטאַרישער געדאַנק, נ.־יאָרק, מאַי 1, 1942, זייט 6.

382. ריווקין, ב.:
דרייסיג יאָר אידישע ליטעראַטור. — דער טאָג, ניו־יאָרק, נאָוו. 12, 1944.

383. ריווקין, ב.:
י. ראָלניקס אָרט אין דער קייט פון מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.— פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, מערץ 1, 1946, זז״ 6-7.

384. רייזען, א.:
לידער פון י. ראָלניק. — פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יאַנואַר 29, 1916, ז׳ 5.

385. רייזען, אברהם:
ליטעראַרישע רעוויו. יוסף ראָלניק—נייע לידער—1935. — די פעדער, ניו־יאָרק, ווינטער 1936, זז״ 57-58.

386. רייזען, אברהם:
ליטעראַרישע רעוויו. — די פעדער, ניו־יאָרק, 1942, זז״ 94, 95, 96.

387. רייזען, אברהם:
יוסף ראָלניק. — די פעדער. ניו־יאָרק, 1949, ז׳ 238.

388. שולמאַן, אליהו:
פון נאָענטן עבר. יוסף ראָלניק — זכרונות. — לעבנס־פראַגן, תל־אביב, נאָוועמבער 1954, זז״ 14-15.

389. שווייד, מאַרק:
יוסף ראָלניק. דער באַריםטער דיכטער וואָס איז איצט געשטאָרבען.—אַן אָפּשאַצונג פון זיין טאַלאַנט. — זיין פערזענליכקייט. — פאָרווערטס, ניו־יאָרק, אויגוסט 25, 1955.

390. שווייד, מאַרק:
די „יונגע" און די „אַלטע" אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור.— פאָרווערטס, ניו־יאָרק, מאַי 19, 1957.

391. שטאַרקמאַן, משה:
פיר שרייבערס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די „פרייע ארבעטער שטימע". — פרייע ארבעטער שטימע, ניו־יאָרק, יאַנואַר 13, 1956, ז׳ 28.

392. שטיקער, מ.:
י. ראָלניקס וועלט־חכמה. — טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, אַפּריל 9, 1954.

393. שטיקער, מאיר:
אַ בריוו פון י. ראָלניק. — טאָג־מאָרגען־זשורנאַל, ניו־יאָרק, דעצעמבער 8, 1954.

394. שטיינבערג, נח:
יוסף ראָלניק. צו די געלערענטע קריטיקער, וואָס האָבן ראָלניקן ניט פאַרשטאַנען. — די פעדער, ניו־יאָרק, אויגוסט 1920, זז״ 34-53.

395. שטיינבערג, נח:
לידער פון אונטערגאַנג. — די פרייהייט, ניו־יאָרק, דעצ. 30, 1922.

396. שטיינבערג, נח:
פאַרלאַנגט קריטיקער וואָס לייענען.— אידיש־אַמעריקע ז״ב, נ.־יאָרק 1929. זייט 302.

397. שטיינבערג, נח:
דער קריטיקער ש. ניגער. — אונזער וועג, שיקאַגאָ, מערץ 1956, ז׳ 6׳

398. שטיינבערג, נח:
שמועסן מיט יידישע שרייבער. — אונזער וועג, שיקאַגאָ, מאַי 1956, זייט 1.

399. שטערן, שלום:
פון אַ שטילער פּאָרטרעטמערטער וועלט. — מאָרגן-פרייהייט, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 10, 1948.

400. שטערן, שלום:
רירנדיקע לידער. יוסף ראָלניק. — וואָכנבלאַט, טאָראָנטאָ, יוני 28, 1951.

401. שטערן, שלום:
יוסף ראָלניק. — וואָכנבלאַט, טאָראָנ-טאָ, סעפּטעמבער 8, 1955, ז׳ 4.

402. שטערן, שלום:
ראובן אייזלאַנדס זכרונות.— מאָרגן-פרייהייט, נ.-יאָרק, סעפּט. 11, 1955.

403. שטערן, שלום:
וואָס מאַטערט אייניגער אידישע פּאָע-טן? — מאָרגן-פרייהייט, ניו-יאָרק, יוני 21, 1959.

404. שטריגלער, מרדכי:
אַ הספד נאָך מיין אַדרעסן-ביכל. — די גאָלדענע קייט, 25, תל-אביב, 1956, ז׳ 110.

405. שילדקרעט, ליבע:
זאַמלביכער, באַנד 2, ניו-יאָרק, 1937, לידער-אַפּטיילונג. — שריפט, נומער 5-6, ניו-יאָרק, מערץ-אַפּריל 1937, זז״ 17-18.

נאָטיצן אין זשורנאַלן און צייטונגען וועגן יוסף ראָלניק

406. אויפקום (דער). ניו-יאָרק:
מערץ 1927, ז׳ 48. — ראָלניקס בוך לידער.

407. אויפקום (דער). ניו-יאָרק:
פעברואַר 1935, ז׳ 31. — יוסף ראָלניק.

408. אונזער וואָרט. פּאַריז:
אויגוסט 27, 1955. — פּאָעט יוסף ראָלניק געשטאָרבן.

409. אונזער צייט. ניו-יאָרק:
סעפּטעמבער 1955, ז׳ 36. — יוסף ראָלניק.

410. אונזער שטימע. פּאַריז:
נאָוועמבער 30-31, 1957. — יוסף ראָלניק. צו זיין יאָרצייט. (אָפּגע-דרוקט אַ ליד).

411. אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלע-טער. בוענאָס-איירעס:
יאַנ.-פעב. 1954, ז׳ 21. — ליטעראַ-רישע נייעס פון אויסלאַנד.

412. אַנהויב (דער). ניו-יאָרק:
1918, ז׳ 114. — פון מאַנאַט צו מאַנאַט.

413. וועקער (דער). ניו-יאָרק:
סעפּטעמבער 1, 1955, ז׳ 3. — יוסף ראָלניק.

414. זאַמלונגען. ניו-יאָרק:
נומ. 1, האַרבסט 1955, ז׳ 124. — יוסף ראָלניק און ראובן אייזלאַנד.

415. טאָג (דער). ניו-יאָרק:
סעפּטעמבער 13, 1941. — 40 יאָר דיכטערישע טעטיגקייט פון יוסף ראָלניק.

416. טאָג—מאָרגן זשורנאַל. ניו-יאָרק:
אויגוסט 19, 1955. — יוסף ראָלניק, באַוואוסטער פּאָעט געשטאָרבן אין עלטער פון 77 יאָר.

417. טאָג—מאָרגן זשורנאַל. ניו-יאָרק:
אויגוסט 20, 1955. — מאָרגען די לויה פון י. ראָלניק.

418. טאָג—מאָרגן זשורנאַל. ניו-יאָרק:
אויגוסט 21, 1955. — היינט די לויה פון י. ראָלניק.

419. טאָג—מאָרגן זשורנאַל. ניו-יאָרק:
אויגוסט 22, 1955. — ראָלניקס ראָלע אין אידישען ליד — באַטאָנט אין הספּדים אויף דער לויה.

420. יידישע שריפטן. וואַרשע:
נומ. 11 (103), נאָוועמבער 1955, ז׳ 8. — פון אויסלאַנד. (וועגן י. ראָלניקס טויט).

421. מאָרגן-פרייהייט. ניו-יאָרק:
אויגוסט 19, 1955. — אידישער

דיכטער יוסף ראָלניק געשטאָרבן; לויה זונטאָג, 12 בייטאָג.

422. מאָרגן־פרייהייט. ניו־יאָרק:
אויגוסט 21, 1955. — לויה פון דיכטער יוסף ראָלניק היינט, 12 בייטאָג.

423. מאָרגן־פרייהייט. ניו־יאָרק:
אָקטאָבער 6, 1956. — מצבה־אויפדע־קונג אויפן קבר פון יוסף ראָלניק, מאָרגן פרי.

424. מאָרגן־פרייהייט. ניו־יאָרק:
אָקטאָבער 7, 1956. — מצבה־אויפדע־קונג אויפן קבר פון יוסף ראָלניק, היינט פרי.

425. נייוועלט. תל־אביב:
יוני 6, 1954. — „זכרונות". אַ נײַ בוך אין פּראָזע פון דעם דיכטער יוסף ראָלניק.

426. פרעסע (די). בוענאָס־איירעס:
אָקטאָבער 15, 1941. — 40 יאָר דיכ־טערישע טעטיקייט פון יוסף ראָלניק.

427. פרעסע (די). בוענאָס־איירעס:
אויגוסט 19, 1955. — געשטאָרבן דער דיכטער יוסף ראָלניק.

428. פאָרווערטס. ניו־יאָרק:
אויגוסט 19, 1955. — אידישער דיכטער יוסף ראָלניק געשטאָרבן; זונטאָג די לוויה.

429. פאָרווערטס. ניו־יאָרק:
אויגוסט 20, 1955. — פען־קלוב אין טרויער נאָך יוסף ראָלניק ע"ה.

430. פאָרווערטס. ניו־יאָרק:
אויגוסט 20, 1955. — די לוויה פון יוסף ראָלניק קומט פאָר מאָרגען, 12 אזייגער בייטאָג.

431. פאָרווערטס. ניו־יאָרק:
אויגוסט 20, 1955. — י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין טרויערט אויף דעם טויט פון יוסף ראָלניק.

432. פאָרווערטס. ניו־יאָרק:
אויגוסט 21, 1955. — לויה פון יוסף ראָלניק היינט, 12 בייטאָג.

433. פרייע אַרבעטער שטימע. ניו־יאָרק:
סעפּטעמבער 5, 1941. — יוסף ראָל־ניק 40 יאָר דיכטערישע שאַפונג.

434. פרייע אַרבעטער שטימע. ניו־יאָרק:
אויגוסט 26, 1955. — יוסף ראָלניק.

435. פרייע אַרבעטער שטימע. ניו־יאָרק:
אויגוסט 10, 1956, ז' 3. — יוסף ראָלניק ע"ה. (צו זיין ערשטן יאָר־צייט).

436. קענעדער אָדלער. מאָנטרעאָל:
אויגוסט 19, 1955. — יוסף ראָלניק, באַקאַנטער אידישער דיכטער, גע־שטאָרבן נעכטן אין עלטער פון 76 יאָר.

437. קענעדער אָדלער. מאָנטרעאָל:
אויגוסט 20, 1956. — יוסף ראָלניק. (צום ערשטן יאָרצייט).

יוסף ראָלניקס לידער אין געזאַנג־ביכער

438. געלבאַרט, מיכל:
געזאַנג־בוך, פאַרלאַג אַרבעטער רינג, ניו־יאָרק, נומער 32.

439. געלבאַרט, מיכל:
זינגט מיט מיר. ניו־יאָרק, 1945, זז' 90-91.

440. Sapiro, David:
Solomon Golub. — The Poet, Composer and Lieder Singer. Lieder by Solomon Golub. Published by Universal Concert Exchange. New York, 1932. P. 7.

אַרטיקלען וועגן יוסף ראָלניק אין אַנטאָלאָגיעס, אַלמאַנאַכן, כרעסטאָמאַטיעס און זאַמלביכער

441. אייזלאַנד, ר.:
מיט זישאָ לאַנדוי. — זישאָ לאַנדוי זאַמלבוך. ניו-יאָרק, 1938, ז' 25.

442. באָסטאָמסקי, ש. און חיימסאָן, מ.:
לעבעדיקע קלאַנגען. — כרעסטאָמאַטיע פאַרן דריט לערניאָר, ווילנע, 1922, ז' 54.

443. באַסין, מ.:
י. ראָלניק. — אַנטאָלאָגיע 500 יאָר אידישע פּאָעזיע. באַנד 2, ניו-יאָרק, 1917, זז" 152-145.

444. באַסין, מ.:
י. ראָלניק. — אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע אַנטאָלאָגיע. ניו-יאָרק, 1940, זז" 134-111.

445. באַסין, מ.:
יידישע פּאָעזיע אויף אַמעריקאַנער מאָטיוון. — ניו-יאָרק (1955).

446. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
דער פּאָעט — י. ראָלניק. — 49 יאָר סעמעטערי דעפּאַרטמענט אַרבעטער רינג. ניו-יאָרק, 1956, זז" 35-34.

447. גלאַנץ-לעיעלעס, א.:
די יידישע ליטעראַטור און די יידישע פּרעסע. — 75 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע. נ.-יאָרק, 1945, ז' 89.

448. וויינפּער, ז.:
וועגן די יידישע שרייבער אין אַמעריקע. רעדע געהאַלטן אויפן קולטור-קאָנגרעס אין פּאַריז. — איקוף-אַלמאַנאַך, איקוף פּאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1961, ז' 549.

449. וויינשטיין, בעריש:
אָפּקלייב. יערלעכע אַנטאָלאָגיע פון לידער אין פּאַרשיידענע צייטשריפטן במשך דעם פאַרגאַנגענעם יאָר 1958, העפט פינף, ניו-יאָרק, יאַנואַר 1959, זז" 241-240.

450. טשאַרני, דניאל:
רעליגיעזע מאָטיוון אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג. — פּאַריז, אַפּריל 1939, ז' 183.

451. לאַנדוי, זישאָ:
יוסף ראָלניק. — אַנטאָלאָגיע, ניו-יאָרק, 1919, זז" 164-150.

452. לעווין, יעקב:
דאָס נייע בוך. כרעסטאָמאַטיע. — פאַרלאַג „אידישע שול", ניו-יאָרק, 1929, זז" 294-195.

453. מייזיל, נחמן:
די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר. אין דינסט פון פאָלק — אַלמאַנאַך פון יידישן פאָלקס-אָרדן, ניו-יאָרק, 1947, זייט 302.

454. מייזיל, נחמן:
יוסף ראָלניק. — אַמעריקע אין אידישן וואָרט. איקוף פאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1955, זז" 252-248.

455. מייזיל, נחמן:
יידישע שרייבער אין אַמעריקע. — איקוף-אַלמאַנאַך, איקוף פאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1961, ז' 561.

456. פּאָמעראַנץ, א.:
אידישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. „פּראָלעטפּען". — אַלמאַנאַך. 10 יאָריקער יובליי פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. ניו-יאָרק, 1940, זייט 393.

457. פאַנער, י. און פרענקעל, א.:
יוסף ראָלניק. — נייע יידישע דיכטונג. יידישער קולטור-קרייז פון רומעניע. י. ל. פּרץ. — יאַס, 1947, זז" 259-256.

458. קיסין, י.:
וועגן זישאָ לאַנדוי. — זישאָ לאַנדוי זאַמלבוך. ניו-יאָרק, 1938, ז' 94.

459. שוואַרץ, י. י.:
דער ליכטיקער. — זישאָ לאַנדוי זאַמלבוך. ניו-יאָרק, 1938, ז' 128.

460. שטאַרקמאַן, משה:
עפּענונג. — המשך אַנטאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער-יידישער דיכטונג -1918

1943, פאַרלאַג המשך, נ.-יאָרק, 1945, זייט יד.

461. שטיינבערג, נח:
יוסף ראָלניק. — יונג אַמעריקע. פאַרלאַג לעבען, ניו-יאָרק, 1917. זז" 105-127, 256.

462. שטיינבערג, נח:
יוסף ראָלניק. — יונג אַמעריקע. צווייטע אויפלאַגע, פאַרלאַג לעבן, ניו-יאָרק, 1930, זז" 105-126.

463. Leftwich, Joseph:
Forword. — Anthology of Yiddish Poetry. Cambridge, Mass. 1939. P. 36.

464. Leftwich, Joseph:
Joseph Rolnick. — Anthology of Yiddish Poetry, Cambridge, Mass. 1939, Pp. 293-300.

465. Raskin, Philip M.:
Poems translated from the Hebrew, Yiddish, and other Languages Anthology of Modern Jewish Poetry. Behrman's Jewish Bookshop. New York, 1922, pp. 132 - 133.

וועגן יוסף ראָלניק אין לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס

466. ניגער, ש.:
יידישע ליטעראַטור פון 1900 ביז 1942. — אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן—ל. דובנאָוו-פאָנד און ציקאָ. ניו-יאָרק, 1942, שפּאַלטן 142, 148, 169.

467. ניגער, ש.:
ליטעראַטור און טעאַטער נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. — אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן—ה. דובנאָוו פאָנד און ענציקלאָפּעדיע קאָמיטעט, ניו-יאָרק, 1957, זז" 118, 119.

468. רייזען, זלמן:
יוסף ראָלניק. — לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, וואַרשע, 1914, שפּאַלט 588.

469. רייזען, זלמן:
יוסף ראָלניק. — לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע. פערטער באַנד, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1929, שפּאַלטן 203-206.

470. שטאַרקמאַן, משה:
יידישע ליטעראַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן (1942-1955). — אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן—ה. דובנאָוו-פאָנד און ענציקלאָפּעדיע קאָמיטעט, ניו-יאָרק, 1957, ז' 132.

אין פרעמד-שפּראַכיקע ענציקלאָפּעדיעס

471. Minkoff, N. B.:
The Twentieth Century Impressionism. — The Universal Jewish Encyclopedia, Vol. 7. New York, 1942, P. 130.

472. Niger, Samuel:
Yiddish Literature in the Past Two Hundred Years. — The Jewish People. Past and Present. Vol. 3 Jewish Encyclopedic Handbooks. Central Yiddish Culture Organization (CYCO). New York, 1952. Pp. 200, 203, 215 - 216.

473. The Universal Jewish Encyclopedia:
Vol. 9, New York, 1943, P. 185.

װעגן יוסף ראָלניק אין אומבאַשטימטע פּובליקאַציעס, אָדער אָן באַשטימטע דאַטעס — װען געדרוקט

474. אויערבאַך, אפרים:
אויף דער װאָגשאָל. (פּערציק יאָר שרײַבן פון י. ראָלניק). — מאָרגען-זשורנאַל. ניו-יאָרק.

475. איינהאָרן, דוד:
די יונגע יידישע פּאָעזיע אין אַמע-ריקע. (2 אַרטיקלען).

476. אָלגין, מ.:
ראָלניקס לידער. (קריטישער איבער-בליק. פאַרלאַג „אינזל", ניו-יאָרק).

477. ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.:
ראָלניקס לידער. פעברואַר 1942.

478. ביק, אברהם:
יוסף ראָלניקס „נײַע לידער". 1935 ?

479. ביק, אברהם:
תהילים'דיק ליד און ליריק. (װעגן יוסף ראָלניק און יוסף לעװי). — אידישע װעלט, 1939 אָדער 1940.

480. בעל מחשבות:
ליטעראַרישע שמועסן. — פאָלקס-בלאַט, קאָװנע, 1916 אָדער 1917.

481. ג[אָלדבערג], א.:
די נײַע היים. ערשטעס זאַמלבוך, לי-טעראַרישער פאַרלאַג. ניו-יאָרק.

482. ליליען, אבא:
(לויט זלמן רייזענס לעקסיקאָן).

483. [לעבעדיקער], ה. גוטמאַן:
(לויט זלמן רייזענס לעקסיקאָן).

484. עסעלין, אַרטור:
מײַן דיכטער. (י. ראָלניק). — פרײַע אַרבעטער שטימע, ניו-יאָרק, 1933 ?

485. פּאָמעראַנץ, אַלעקסאַנדער ?
סאָקאָלאָװער ?
יוסף ראָלניקס „אַרום מיל". זאַמל-ביכער.

486. ראַװיטש, מלך:
יוסף ראָלניק דער באַשיידענסטער פון די פּאָעטן.

487. ראַסקין, סאָול:
יוסף ראָלניק. (קריטישע שטודיען). די װאָך, ניו-יאָרק, 1916 אָדער 1917.

488. ריװקין, ב.:
„די נײַע היים".

489. ריװקין, ב.:
יוסף ראָלניק: אַ פּאָעט און זעלבסט-הײלער. — דער טאָג, ניו-יאָרק.

490. שטיינבערג, נח:
דער אויפקום, ניו-יאָר.

491. שטיינבערג, נח:
קונסט-פרײַנד, 1916. (לויט זלמן רייזענס לעקסיקאָן).

492. שטיינבערג, נח:
די לידער פון יוסף ראָלניק. — דער אידישער קונסט-פרײַנד.

493. תשר'ק:
טינט און פעדער. ליטעראַרישע נאָ-טיצן.

494. אונזער לעבן:
פון נאָמיץ ביכעל. (לידער פון י. ראָלניק).

וועגן יוסף ראָלניק אין העברעאיש

495. א — ר.:
דוד איגנאַטאָוו ע"ה. — הדואר, ניו-יאָרק, מערץ 5, 1954, ז' 332.

496. אברהם צבי הלוי:
יוסף רולניק. — גליונות, תל-אביב, אב-אלול, תש"ד, 1954, זז" 155-156.

497. יפה, מרדכי:
השירה האידית באמריקה. — הדואר, ניו-יאָרק, מאי 23, 1947, ז' 841.

498. לשצינסקי, שמואל:
פרקים בספרות — וידיש באמריקה. — מצודה, ספר שביעי, וולתאם, מאס. 1954, ז' 534.

499. מלצר, שמשון:
יוסף רולניק. — על נהרות, ירושלים, 1956, זז" 58-62, 137, 138, 249.

500. ניגר, שמואל:
הקורא הפרוליטארי והספרות. — הביקורת ובעיותיה. מוסד ביאליק. ירושלים, 1957, ז' 54.

501. שטארקמן, משה:
יוסף רולניק.—רשימות ביוגראפיות. על נהרות, ירושלים, 1956, ז' 439.

502. אחיספר, ניו־יאָרק:
1943, ז' 404. יוסף רולניק.

וועגן יוסף ראָלניק אין פרעמד־שפּראַכן

503. Ausubel, Nathan:
Leivick. — Freiheit, New York, November 17, 1947.. .

504. Ausubel, Nathan and Maryann:
Joseph Rolnik. — A Treasury of Jewish Poetry. Crown Publishers, Inc. New York, 1957. Pp. 195,, 453.

505. Bayon, Leib:
La Literatura Idish. — Tesoros del Judaismo Literatura Idish. Editorial Enciclopedica Judaica Castellana. Mexico, D. F. 1957, pp. 13, 14, 19.

506. Bayon, Leib:
La Literatura Idish. — Vida de Mexico. Oct. 25, 1958.

507. Bayon, L.:
La Literatura Idish. — Vida de Mexico, Dec. 5, 1958.

508. Boraisha, Menachem:
The Story of Yiddish. — Jewish Affairs, New York, Vol. 1, No. 4. March 15, 1946, Pp. 18.

509. Boraisha Menachem:
The Story of Yiddish. — Miami Beach Omnibus.. 1957. P. 76.

510. Goldberg, Isaac:
Great Yiddish Poetry. — Heideman — Julius Company, Girard— Kansas, 1923, pp. 8, 46.

511. Horn, Jose:
Informacion Cultural Judia. — Davar, Buenos Aires, Nov. Dic. 1956, P. 115.

512. Knox, Israel:
Essays on Yiddish Writers by a Distinguished Poet. — Jacob Glatstein. In Jewish Bookland, New York, February 1957, P. 1.

513. Kreiter, Samuel:
Reflections on Yiddish Letters.

— The Jewish Argus. Middletown, Conn. August. 31, 1956. P. 22.

514. Leftwich, Joseph:
Encyclopedic View of The World Literature. — The Jewish Quarterly, London, Winter, 1954, P. 40.

515. Levinger, Rabbi Lee J.:
A History of The Jews in The United States. — Cincinnati, 1935, P. 501.

516. Liptzin, Sol:
Enduring Yiddish Literature. — Congress Bi-weekly, New York, October 19, L (%, P. 15).

517. Mark, Yudel:
Yiddish Literature. — The Jews, Their History, Culture, and Religion. Vol. 2. Edited by Louis Finkelstein. Harper Brothers Publishers, New York, 1949, P. 887.

518. Opatoshu, Joseph:
Fifty Years of Yiddish Literature in the United States. — Yivo Annual of Jewish Social Science. Vol. 9, New York, 1954, pp. 80, 81.

519. Rabinovitch, Israel:
From Folk Song to Art Song of Jewish Music, The Book Centre. Montreal, 1952, P. 252.

520. Resnick, Salomon:
La Poesia. — La Literatura Judia de la Post-guerra. Buenos Aires, 1931. pp. 37, 39.

521. Resnick Salomon:
La Poesía. — Esquema de la Literatura Judía. Buenos Aires, 1933, p. 138.

522. Roback A. A.:
Syllabus of Yiddish Literature. Yiddish Poetry. Curiosities of Yiddish Literature, SCI - Art - Publishers. Cambridge, Mass. 1933. P. 201.

523. Roback A. A.:
La Poesia. — Judaica, Buenos Aires, Enero 1934. P. 6.

524. Roback. A. A.:
"Di Yunge". — The Story of Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute. New York, 1940. P. 268.

525. Roback. A. A.:
Retrospect. The Older and the Contemporary Period Compared The Story of Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute, New York, 1940, P. 395.

526. Roback. A. A.:
J. Rolnick (1878 - 1955). — Contemporary Yiddish Literature. World Jewish Congress. British Section. London, 1957, p. 99.

527. Schappers, Morris U.:
U. S. Jewish Cultural Life. 1900 - 1915. — Jewish Life, New York, October 1957, P. 37.

528. Waxman, Meyer:
Yiddish Poetry of the Second Period. — A History of Jewish Literature. Vol. 4, New York, 1947. P. 1039.

529. The Daily Hebrew Journal, Toronto:
August 23, 1955. — Joseph Rolnick dies at 76. Noted Yiddish Author, Poet.

530. New York Times:
August 20, 1955. — Joseph Rolnick, 76, Yiddish Poet, Dies.

JOSEPH ROLNICK

THE POET AND HIS SONG

(DER DICHTER UN ZEIN LID)

•

Editorial "IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1961